סאָוועטיש

10

1966

היימלאנד

וועגן אינהאלט פון עלפטן נומער „סאָוועטיש היימלאנד”

אין מעשעך פון דעם יאָר צווישן 49־טן און 50־טן יובילײ פון דער גרויסער סאָציִאַליסטישער אָקטיאבער־רעוואָליוציע וועט אין „סאָוועטיש היימלאנד” געדרוקט ווערן א ריי ווערק פון די אָנהייבער פון דער סאָוועטישער יִידישער ליטעראטור. דער לייענער וועט באקומען די מעגלעכקײַט אופצושטעלן אין זײַ־קאָרן ווערק, וועלכע גייען ארײַן אין גאָלדענעם פאָנד פון דער יִידישער ליטעראטור.

די ערשטע דערציילונג פון אָט דער סעריע — **דאָוויד בערגעלסאָנס** „איינעמס א וועג” — וועט פארעפנט־לעכט ווערן אין עלפטן נומער פון אונדזער זשורנאל, וועלכער דערשײַנט צום 49־טן יאָרטאָג פון דער סאָ־וועטנמאכט.

לייענט אויך אין דעם דאָזיקן נומער:

א באריכט וועגן דער באגעגעניש מיט אלטע באָלשעוויקעס, וואָס איז פאָרגעקומען אין רעדאקציע „סאָוועטיש היימ־לאנד”.

הערש רעמעניקס ארטיקל „צו דער פראגע וועגן די אָנהייבן פון אונדזער ליטעראטור”.

כראָניק פון דער יִידישער סאָוועטישער ליטעראטור (1917—1919), צונויפגעשטעלט — **יִסראָעל סערעבריאני**.

אינעם נומער וועלן אויך געדרוקט ווערן:

די פאָרזעצונג פון **יעכִיעל פאליקמאנס** ראָמאן „דער שווארצער ווינט”.

דערציילונגען פון **שמועל גאָרדאָן, ריווקע רובין, בוזי מילער**.

לידער פון **הירש אָשעראָוויטש, שיפרע כאָלאָדענקאָ, כאִים מאלטינסקי**.

■

סאָוועטיש היימלאַנד

ליטעראַריש-קינסטלערישער
כוידעש-זשורנאַל

אָרגאַן פון שרײַבער־פאַרבאַנד פון פססר

זעקסטער יאָרגאַנג

פאַרלאַג „סאָוועטסקי פּיסאַטעל“

מאָסקווע

10

אָקטיאַבער

1966

אינהאלט

זײַט

יעכיעל פאליקמאן. דער שווארצער ווינט (ראָמאן). צייכענונ־
גען פון ג. פאַנדאפולאָ 3

ריווע באליאסנע. איסאק לעוויטאן (פון א פאָעמע) . . . 53

אירמע דרוקער. שאָלעם־אליײכעם אין אָדעס. — א פרימאָרגן
ניט ווי אלע פרימאָרגנס (דערציילונגען) 56

מענדל ליפשיץ. אף דער ווארעמער ערד (לידער) 67

שלוימע טשערניאווסקי. צו דער פעדער. — אין ווינטער־
דיקן סאָד (לידער) 69

מאָזי קאָבריאנסקי. א פארדאָרבענער קערן (דערציילונג).
צייכענונגען פון וו. ראזניק 70

מאָטל שטורמאן. לענין. — „אין צימער זיצן דאָ מיט דיר...“
(לידער) 125

איוואן כאָמענקאָ. די ייִדישקע (ליד) 126

ליטעראטור און קונסט

ארן ראסקין. איזי כאריק 127

50־טער יאָרצײַט פון שאָלעם־אליײכעמען. ייִסראָעל סערעב־
ריאני. וועגן שאָלעם־אליײכעמס בריוו צו י. פינוסן
(פובליקאציע) 136

אונדזערע איבערזיכטן. י. ווײַנבערג. שעפערישע שטרײַטן,
ליטעראַרישע דעבאטן און דיסקוסיעס 144

מאָטל גרוביאן. לידער פון פרײַנט (קורצע רעצענזיעס) . . 148

פארשיידנס 152

בלעטערנדיק זשורנאלן און צײַטונגען 154

„טעוויע דער מילכיקער“ אפן קינאָ־עקראן 155

כראָניק 55, 135, 156

נאָטיצן אפן קאלענדאר. 159

הויפט־רעדאקטאָר

א. ווערגעליס.

רעדקאָלעגיע:

ה. אַשעראַוויטש, אי. באַרו־
כאַוויטש, א. גאַנטאר, מ. טייף,
נאַטע לוריע, מ. לעוו
(פאראנטוואָרטלעכער סעקרעטאר),
ב. מילער, י. פאליקמאן,
ס. פרײַ, י. ראבין, ר. רובין.

יעכיעל פאליקמאן

דער שוואַרצער ווינט

(ראָמאַן)

I. קעגן שטראָם. די באַגעגעניש מיט דער ערשטער ליבע

1 היכע זונרויזן האָבן זיך געוויגט אין געדיכטן איבערגעצייַטיקטן ווייץ. גלייַך פון איינגעפּאָרענעם סטעפּישן וועג האָבן זיי זיך אוועקגעצויגן אין פעלד און געטיילט עס אַזוי ווי אַפּצווייען. אַ פאַנצערמאַשין, אַן אַרומגעשטעקטע מיט אַקאַציע־צווייַגן ביזן אַפּענעם אייבערשטן טורעם, פון וועלכן ס'האָט אַרויסגעקוקט אַן אָפיצער, האָט ראַשיק זיך אַרויסגעריסן פון ניט קיין טיפן טאָל און, לאָזנדיק אַפן וועג אַ וואָלקן שטויב, אין פולן לויף דאָ, בא די זונרויזן, פאַרקערעוועט אין דער טוווּע.

דער אָפיצער — צוויי רויטע עמאַלירטע שפּאַלעס אַף די גרינע פראָנט־פּעטליצעס — איז האַסטיק אַרופגעשפּרונגען אַפן פאַנצער. ניט אויסגלייַכנדיק זיך, מיט אַ זייַט, האָט ער זיך אַראָפּגעגליטשט אַף דער ערד און געלאָזט זיך לויפן פאַר דער מאַשין, שווער פאַנאַנדערשאַרנדיק מיט די הענט די שטעכיקע זאַנגען. די מאַשין איז נאָכגעפאָרן דעם מאַיאָר און, הוידענדיק זיך אַף די הרודעס, פאַרלוירן אַ צווייַגל נאָך אַ צווייַגל.

דאָ און דאָרט זייַנען אין פעלד אופגעקומען רויכן, שוואַרצע רויכן, וואָס טוען ווי אַ שפּריץ פון דער ערד מיט פייַער און נעמען באַלד פאַמעלעכן צעגיין. סאַכאַקל אַ דרייַ הונדערט מעטער פון וועג איז אָפּגעטראָטן די פעכאָטע, אַראָפּגעלאָזט זיך פון איין פלאַכן באַלקע־שיפּוּי און געהויבן זיך אַפן צווייטן. מע האָט גוט געזען, ווי די סאַמע פאָדערשטע, פאַרמאַטערט פון לויפן, האָבן שווער געפּאָכעט מיט די הענט, די גימנאַסטיאָרקעס זייַנען בא זיי געווען צעכראַסטעט; ווער עס האָט געהאַלטן דאָס געווער הויך איבערן קאָפּ, פונקט ווי מע גייט אין אַ וואַסער, ווער עס האָט אוועקגעלייגט די ביקס אַפן אַקסל. איינצלנע האָבן זיך אויסגעקערעוועט און געשאָסן אַף צוריק.

אַפן ווייַטן ראַנד פון דער באַלקע האָבן זיך באַוויזן די דייַטשן. זיי האָבן געשפּאַנט אינעם גאַנצן וווּקס.

א רויטאַרמייער מיט אַ ביקס אין האַנט איז אַ מידער געלאָפן אין ווייץ.

— וווּהין?! — האָט דער מאַיאָר אים פאַרשטעלט דעם וועג.

דער סאָלדאַט איז געבליבן שטיין, ווי אַן אײַנגעגראָבענער. מיט ברייט צעעפֿנטע פּײַנפֿולע אויגן, — בלויז זיי אַליין האָבן זיך אָנגעזען אַפן פאַרשוויצטן פּאָנעם, — האָט ער אַ קוק געטאָן אַפן מאַיאָר, אַף דער פּאַנצערמאַשין.

— לייג זיך!

דער סאָלדאַט האָט געפאָלגט.

נאָך איין רויטאַרמייער איז אָנגעלאָפן. אויך צו אים האָט דער מאַיאָר אַ געשריי געטאָן:

— לייג זיך!

דער רויטאַרמייער האָט דעם קאָפּ ניט אופגעהויבן. אין איין פאַרנעפּלטער שטרעבונג — דערלויפן צום וועג — האָט ער מאַשינעל זיך געוואָלט אָפּדרייען אין אַ זײַט פון דער פּלוצעם אויסגעוואַקסענער שטערונג, נאָר דער מאַיאָר, אַ קרעפּטיקער און אַ גאַנץ הויכער, האָט אים אָנגעכאַפּט פאַרן אַקסל, אויסגעקערעוועט און אַ בייג געטאָן צו דער ערד אַזוי, אַז יענער איז געפאַלן אַף איין קני.

— שיס!

אין דער ווײַלע האָט די פּאַנצערמאַשין, וואָס איז אָפּגעפאָרן אַ ביסעלע אין אַ זײַט, גענומען שיסן קורץ, שפּאָרזאַם.

נאָך דרײַען זײַנען מיט שווערע טריט שוין ניט געלאָפן, נאָר געגאַנגען גלײַך אַהער. זיי האָבן געזען, אַז מע פאַרהאַלט, נאָר זיך דערנענטערט מיט בייזער אַנטשלאָסנקייט. באַזונדערס קאַעסדיק האָט אויסגעזען איינער — אַן עלטערער סערזשאַנט, אַ נידעריקער, אַ גזעצטער, מיט אַ שוואַרץ פאַרוואַקסן פּאָנעם. האַלטנדיק דעם אַווטאָמאַט איןביידע הענט, האָט ער אַף אַ שפּאַן אַרויסגערוקט זיך פאָרויס און פון אונטער דער קאַסקע ווי אַ צוגעשמידעטער געקוקט אַפן מאַיאָר. אין ווינקל פון זײַן מויל, וואָס האָט זיך געהאַלטן אין איין צוקן, איז באַם עלטערן סערזשאַנט פאַרביסן געווען אַ שטרויעלע — אַזוינס רעדט אויך וועגן טיפער אופרעגונג, וועגן דעם, אַז דער מענטש איז אינערלעך אָנגעגליט.

אין איין אויגנבליק אָפּגעשאַצט דאָס אַלץ, האָט דער מאַיאָר אויסגעשריִען:

— עלטערער סערזשאַנט, צוריק!

אַ פאַרסאָפּעטער, אין אַ צעכראַסטעטער גימנאַסטיאָרקע, וואָס איז צעריסן געווען ביזן פּאַס, מיט סימאָנים פון ערד און בלוט אַף די שמאָלע גאַליפע, האָט דער עלטערער סערזשאַנט געמאַכט נאָך איין שפּאַן און פון קאָפּ ביז די פיס אָפּגעמאָסטן דעם קאָמאַנדיר: יענעמס אוניפאָרם איז גע-ווען נײַ, עס האָבן געגלאַנצט די מעשענע שפּראַנצקע פונעם רימען, די פּאַרטופּייעס, דער דאַשעק.

— צורי-יק? — האָט דער עלטערער סערזשאַנט פאַרביטערט-שטיל איבערגעפרעגט, — און איר זײַט שוין דאָרט געווען?!

דער מאַיאָר האָט אַ בליק געטאָן אַף יענעמס שווער אָטעמענדיקער האַריקער ברוסט, אָנגע-שטרענגט און עטוואָס אַ הייב געטאָן די האַנט, וואָס האָט געהאַלטן דעם פּיסטאָלעט, נאָר איינ-צײַטיק איז אָט די שווער אָטעמענדיקע ברוסט, אַף וועלכער עס האָבן געגלאַנצט ריטשקעלעך שווייס, אים אויסגעקומען, ווי זײַן אייגענע. ער האָט נאָך אַ מינדסטע ווײַלע געוואַקלט זיך, כאָטש באַלד האָט די ווײַלע זיך געמוזט ענדיקן. אינעם זעלבן אויגנבליק האָט ער באַוויזן אופ-כאַפּן: אַ סאָלדאַט מיט אַ האַנטקוילנוואַרפער איז אַ דרײַסיק שפּאַן פאָרויס געבליבן שטיין אין זײַן גאַנצער הייך און שיסט פון דעם כאַווערס אַקסל אין די דײַטשן; יענער, פון וועמעס אַקסל מע שיסט, פאַרשטעלט זיך מיט ביידע הענט די אויערן. נידעריקער, באַם סאַמע דעק פון דער באַלקע, שטעלן עטלעכע סאָלדאַטן אײַן ראַטע-מינענוואַרפערס, און אַ קאָמאַנדיר, אַ דאַרינקער, זעט אויס נאָך גאָר אַ ייִנגל, שמײַעט אַרום זיי. נאָך עטוואָס ווײַטער האָבן אַרטילעריסטן אונטערגעשפּאַרט דעם לאַפעט, די רעדער פון אַ האַרמאַט און קערעווען אים אויס קעגן דעם סוינע. נאָר דאָ, פון ביידע זײַטן, אין ווייץ, לויפן שלאַכטלײַט און באַלד וועלן זיי שוין דערלויפן צום וועג.

צוויי שאָסן האָבן אָפּגעהילכט אַזוי נאָענט, אַז עס האָט געקלונגען, ווי דער טראַסק פון אַ בײַטש, ווען בלויז פון דער צעשניטענער לופט טוט אזש אַ ברי דאָס לײַב. אַ זונרויז איז זיך צעפּלויגן אַף שטיקער לעבן דעם מאַיאָרס קאָפּ. דורך די שוואַרצע און אָראַנזשעווע קרײַזן, וואָס האָבן זיך אַ דריי געטאָן פאַר זײַנע אויגן, — די זונרויז איז פאַרשוווּנדן און געלאָזט בלויז אָט די קרײַזן און אַ הויל, גרין שטענגל מיט אַ ווײַסן שפּאַלט אין דער מיט, — דורך אָט דער זוונג האָט דער מאַיאָר באַמערקט אַ שפּאַן צוואַנציק פאַר זיך אַן אויסגעשטרעקטע האַנט מיט אַ פּיסטאָלעט, געצילט אין אים. דער מענטש אָבער, וועלכער האָט ביסן שיסן אויסגעבויגן דעם קערפּער פאָרויס, האָט אויסגעזען ווי אַ גרינער שאָטן, מער ניט. אַ פּײַנפֿולער געדאַנק האָט אַ שניט געטאָן דעם מויעך: „ווער איז עס, פאַרוואָס שיסט ער אין מיר?‟ דאָס באַוווּסטזײַן האָט נאָך קיין ענטפער ניט געפונען אַף אָט דער פראַגע, ווי דער עלטערער סערזשאַנט, וועלכער איז אַ בייז-אָנגע-שטרענגטער געשטאַנען אַנטקעגן דעם מאַיאָר, האָט בליצשנעל זיך געגעבן אַ קערעווע אויס, אַ

הייב געטאָן דעם אווטאָמאט, און מיט די ווערטער: „אך, דו שלאנג, אין אונדזערע שיסטו גאָר!“ ארויסגעלאָזט א קוילן־ריי. יענער, מיטן אָנגעצילטן פּיסטאָלעט, — איצט איז שוין צו זען געווען: ער איז אין אָן אָפיצערישער גימנאסטיאָרקע אָן א רימען, א דארלעכער, א טונקעלער, מיט א קורצער האָרבאטער נאָז, אן ארויסשפּארנדיקער אונטערשטער קין און שיטערע האָר, שווייסיק־צוגעקלעפּטע צום שארבן (עפּעס גאָר א קענטלעכער, נאָר דער צעפלאמטער מויעך קאָן בעשום־אויפן ניט אונטערזאָגן, ווער דאָס איז), — האָט א מאך געטאָן מיט די הענט און איז אף א זײַט געפאלן אין ווייץ.

דער עלטערער סערזשאנט, וועלכער האָט בייסן שיסן געמאכט א שפּאָן פאָרויס, האָט שוין זיך ניט אָפּגעשטעלט. ער איז מיט א זידלערײַ אוועקגעלאָפן ווײַטער, אראָפּ דעם באלקע־שיפּוי, אנטקעגן די דײַטשן. נאָכן עלטערן סערזשאנט האָבן זיך א לאָז געטאָן די צוויי סאָלדאטן, וועלכע זײַנען געווען מיט אים. עס האָבן גלײַך פארקערעוועט אף צוריק נאָך עטלעכע שלאכטלײַט, עס האָבן זיך א ריס געטאָן פון די ערטער די צוויי, וועלכע דער מאיאָר האָט פארהאלטן די ערשטע. דער מאיאָר איז געלאָפן באנאנד מיט זיי.

נאָך און נאָך רויטארמייער האָבן זיך אָפּגעשטעלט און טייקעף מיט אן אָנוואקסנדיקן גרוי־זאמען „הורא“ געוואָרפן זיך אף צוריק. די פאנצערמאשין איז דערטרונקען געוואָרן אין א רויך־פאַנטאַן — א סנאריאד האָט זיך צעריסן פאר איר, צי הינטער איר, נאָר זי איז באלד ארויסגע־שווומען פונעם רויך און, אריבעריאָגנדיק די סאָלדאטן, וואָס זײַנען געלאָפן אנטקעגן דעם סוינע, געגומען זיך אופהייבן אפן קעגניבערדיקן שיפּוי. ס'האָבן געבלאנקט באגנעטן אף דער באטאָ־גיקער זון, ס'האָבן געקליאמצעט ביקסן־שלעסער און טרוקן אָפּגעהילכט שאָסן, עס זײַנען גע־פלויגן גראנאטעס אינדערלופטן. נאָך איין ווײַלע — און מע איז מיטן סוינע זיך צונויפגעקומען אין א האנט־געפעכט...

געווען איז עס סאָף יול טויזנט נײַן הונדערט איין און פערציק. פארשײַטע סטעפּ־ווינטן האָבן געטראָגן מיט זיך דאָס קוים מערקבארע שיקערלעך־געזאלצענע גערוך פון יאם, ווי אויך שטראָ־מען דופּטיקע, זיסלעכע רייכעס פון רײַף ווערנדיקע באשטאנען און ווײַנגערטנער. אין שטילע מינוטן האָט זיך געהערט דאָס פליסטערן פון שווערע, שטעכיקע זאנגען ווייץ, וואָס שיטן אויס זייערע קערנער אף דער צעטראסקעטער ערד.

דאָרעם. ניט ווײַט פון אָדעס און גאָר נאָענט צום דניעסטער, וואָס זײַנע ברעגעס האָבן די דיוויזיעס ערשט פארלאָזט.

2

אף דער שטויביק־ברוינער אויבערפלאך פונעם ניט האסטיקן סטעפּישן טײַכל האָט זיך א וואָרף געטאָן א פישל, א בלישטשע געגעבן קעגן דער זון מיט זילבערדיקער ליסקע. דער מאיאָר דאניִעל קרעמעז האָט זיך אָנגעשפּארט מיט אן עלנבויגן אין דער הילצערנער פאָרענטשע פון בריק און עטוואָס אָנגעכמורעט די געבראָכענע ברעמען: אויך דאָרט, אין דער טונקעלער טיף, גייט א קאמף, נאָר דער רויבער איז, דוכט זיך, געבליבן בא גאָרנישט... ציטער־דיקע רייפן זײַנען זיך צעגאנגען איבערן וואסער, פארהאקנדיק זיך אין דעם גרינעם טשערעט באם פארבלאָטיקטן מיזרעכדיקן ברעג.

א גאָרבוליע איז אָנגעשווומען, נאָך איר האָבן זיך נאָכגעשלעפּט עטלעכע שטרויעלעך, אָנגעטשעפּעטע אין דער קאָרע, — מיסטאמע פון א וואָגן, וואָס האָט געמיטן דעם טײַך ערגעץ בא א בראָד. אין די אויערן האָבן לעבעדיק א קלונג געטאָן דער מאמעס ווערטער: „דאָס לעבן טוט אמאָל אזוי א דריי מיט דעם מענטשן, אז ער איז ווי א שפּענדל, וואָס א וואסער כאפּט עס אונ־טער“. מילדקײַט האָט א לײַכט געטאָן אין דעם מאיאָרס העל־קארע, צוגעזשמורעטע אויגן, נאָר זײַן פּאָנעם, א לענגלעכס און א פארברוינטס, מיט א ווײַסן שראם אף דער קין, איז געבליבן פארשטארט, כמורנע. די מאמע... זי איז עפּשער אף איר אויפן גערעכט געווען, נאָר א שפּענדל איז פּאָרט א שפּענדל, און א מענטש שטעלט זיך קעגן דעם שטראָם.

שווערע ניסיוינעס האָט געהאט אויסצושטיין דאניִעל קרעמעז אין מעשעך פון אָט די פינף מילכאָמע־וואָכן. אין מארט האָט מען אים ארויסגערופן קיין קיִעוו אף קורסן. און אינעם בײַגרע־נעץ־שטעטל, ניט ווײַט פון וועלכן ער האָט אין א פארפעסטיקטן ראיאָן אָנגעפירט מיט א באטא־ליאָן, זײַנען פארבליבן אָלגע, זײַן ווײַב, און די דרײַצניאָריקע טאָכטער נאטאשע. ווו איז זײַן בכאָר ליאָניע, קעגן וועלכן ער פילט זיך שטענדיק א ביסעלע שולדיק, כאָטש ביידע, אי דער טאטע, אי דער זון, האָבן זיך ליב מיט ניט קיין ארויסגעבראכטער מענעריש־הארבער ליבע, — ווו ס'איז ליאָניע, ווייסט ער אויך ניט. בלויז איינס האָט אופגעקלערט די ענטפער־טעלעגראמע, וועלכע ער האָט באקומען פון ווײַטן מיזרעך: ליאָניע האָט איבערגעריסן די פּראקטיק אין דער

געאָלאָגישער עקספּעדיציע און איז אוועקגעפֿאָרן קיין קיִעוו. נאָר אין קיִעוו האָבן זיי זיך ניט באַגעגנט, כאָטש דאַניִעל האָט זיך דאָרט געפֿונען נאָך ביז מיט צוויי וואָכן צוריק.

פֿון אָנהייב איז נאָך געווען איין אינדזעלע אינעם צעבושעוועטן מילכאָמע־אָקעאַן, וווּהין עס האָבן זיך געקאָנט דערקלײַבן אי אָלגע מיט נאַטאַשען, אי ליאָניע, אָדער וווּהין זיי האָבן געקאָנט צו וויסן געבן וועגן זיך: דאָס היימשטעטל זײַנס, ליובאַטש, הונדערט קילאָמעטער מײַרעוו־צו פֿון קיִעוו. דאָרט איז די מאַמע, דער פֿעטער מיכל מיט זײַן ווײַב — דער געליימטער מומע סטערע, דער מאַמעס שוועסטער, וועלכע ליגט שוין פֿיל יאָרן צו בעט. מע האַלט זיך שטענדיק צוזאַמען, מע וווינט אונטער איין דאַך. דאַניִעל איז דאַפֿקע געהאַט פֿאַרפֿאָרן קיין ליובאַטש און געוואָלט זיי אַלעמען פֿאַרנעמען אַף אַ מאַשין, קעדיי פֿון קיִעוו זיי אַפּשיקן מיטן צוג ווײַטער, האָבן די מאַמע און דער פֿעטער געענטפֿערט, אַז סטערע איז ניט דער פּאַסאַזשיר, מיט וועלכן מע קאָן זיך לאָזן אין דער וועלט אַרײַן.

יאָ, די געליימטע מומע האָט זיי אַלעמען געבונדן. און נאָך אַ זאַך האָט אָפּגעהאַלטן די מאַמע — עפּשער וועט עמעצער פֿון די זײַניקע זיך אָפּרופֿן. פּונדעסטוועגן האָט דאַניִעל געוואָלט נאָך איין מאָל פּרוּוון אַרויספֿירן די דרײַ אַלטע לײַט. ס'האָט אָבער מער זיך ניט געמאַכט קיין געלעגנהייט, און דערנאָך איז ער אַוועקגעשיקט געוואָרן אַהער, אַף דאָרעם.

אַף העלפֿן אָלגען און נאַטאַשען האָט ער גאָרנישט ניט געקאָנט טאָן. גלײַך ווי די מילכאָמע האָט זיך אָנגעהויבן, האָט דאַניִעל, ווי אַלע צוהערער פֿון די קורסן, אָנגעגעבן אַ ראַפּאָרט, מע זאָל אים שיקן אַפֿן פֿראָנט, געבעטן זיך אין זײַן טייל, וועלכער איז שוין דעמלט געווען אין שלאַכט. די לימודים אַף די קורסן זײַנען אָבער ניט אָפּגעשטעלט געוואָרן, מע האָט בלויז פֿאַר־קירצט דעם לערן־טערמין.

דאַניִעל איז זיכער געווען, אַז די קאָמאַנדשאַפֿט פֿון דעם פּאַרפֿעסטיקטן ראַיאָן וועט זאָרגן וועגן זײַן מישפּאָכע. ס'האָט זיך אָבער צוגעמישט אַן אַנדער זאַך: נאַטאַשע איז קראַנק געוואָרן. דערפֿאַר אַוודע האָט ער די לעצטע וואָך פֿאַרן אָנהייב פֿון דער מילכאָמע ניט באַקומען קיין בריוו פֿון אָלגען, וועלכע האָט געוויינלעך אים געשריבן אַ טאָג איבער אַ טאָג.

וועגן דעם, וואָס עס איז געשען אין דער היים, האָט דאַניִעלן דערציילט דאָס יינגל, וועמעס מאַמע איז געווען אַ מאַשיניסטקע אין שטאַב פֿון פּאַרפֿעסטיקטן ראַיאָן און וועמען דאַניִעל האָט באַגעגנט אין קיִעוו. דאָס יינגל האָט זיך געלערנט מיט נאַטאַשען אין איין שול און געוווּסט, אַז זי איז בייס די עקזאַמענעס קראַנק געוואָרן, דוכט זיך, אַף סקאַרלאַטין. צי נאַטאַשע מיט אָלגען האָבן זיך עוואַקויִרט אַף די אויטאָמאַשינעס, וועלכע דער שטאַב האָט אויסגעטיילט, האָט דאָס יינגל ניט געקאָנט זאָגן, — אַלץ איז געטאָן געוואָרן אין אײַלעניש: די שלאַכט האָט געפּלאַקערט, דעם סוינעס טאַנקען זײַנען שוין געווען סאַמע לעבן שטעטל. אין וועג זײַנען די דײַטשישע פּאַראַ־שוטיסטן באַפֿאַלן די מאַשינעס און ווייניק ווער עס האָט זיך געראַטעוועט. וואָס זשע איז שוין בעסער — אָלגע זאָל נאַטאַשען, אַ קראַנקע, געווען פֿאַרנעמען אַף אַ מאַשין, צי זיך ניט רירן פֿון אָרט? אָט באַ דער דאָזיקער פֿראַגע שטעלט ער זיך אַלעמאָל אָפּ, דאַניִעל, ער זעט אין דעם עפּעס אַ האָפֿענונג, נאָר ווי שוואַך און נעבעכדיק זי איז...

איצט גייען שלאַכטן הינטער קיִעוו, אַרום גאָלאָסיִעוווער וואַלד. זײַנען שוין, הייסט עס, די מאַמע, דער פֿעטער און די קראַנקע מומע אויך באַ די דײַטשן.

צוויי פֿאַרשטויבטע סאָלדאַטן, וועלכע דאַניִעל קרעמעז האָט שוין עטלעכע מינוט געזען גיין איבערן סטעפּ, זײַנען פֿון דער הרעבליע אַרויף אַף דער בריק. דער יעפֿרייטאָר סערגיי איוואָל־גין, וועלכער געפֿינט זיך דאָ מיט אים צוזאַמען פֿון סאַמע אינדערפֿרי, האָט זיי פֿאַרצוימט דעם וועג.

— וווּהין, זעמליאַקעס? — האָט ער פֿאַרגעבן זײַן געוויינלעכע פֿראַגע, וואָס פֿאַרבאָרגט אין זיך אי שפּאָט, אי געצווימטע (צי עפּשער געמאַכטע) אופֿגעבראַכטקײַט, און איבער דעם אַלעמען — שפּרודלדיקע פֿריילעכקײַט. — ווײַט קלײַבט איר זיך, אַדלערלעך?

באַקומען דעם ענטפֿער, אַז זיי זײַנען געווען לײַכט קאָנטוזיעט און אַז געשיקט האָט מען זיי אַהער פֿון מעדסאַנבאַט, האָט שוין איוואָלגין געשטעלט זײַן צווייטע פֿראַגע:

— און די רויטאַרמייִישע ביכעלעך האָט איר?

געוויינלעך ספּראַוועט זיך איוואָלגין אַליין גאַנץ לײַכט מיט די, וואָס ווערן דאָ פֿאַרהאַלטן. אויב ס'איז נייטיק, טוט ער זיך בלויז אַ קוק איבער מיטן מאַיאָר, פֿרעגנדיק אַזוי (מיט אַלץ נאָך ניט אויסגעלאָשענער פֿריילעכקײַט), צי וועט אים ניט דערלויבט ווערן אָנווענדן שטרענגערע מיטלען. אַלס קלאָל אָבער גייט מען אָן איבעריקע רייד אַהין, ווו עס ווערט באַפֿוילן, — הינטער דער הרעבליע.

דאָס מאָל האָט איינער פון די נײַ אָנגעקומענע, — א דארלעכער, מיט שיטערע שטופּלען, אין וועלכע עס האָט זיך אָנגעשלאָגן שטויב, מיט רוסיאַווע האָר, צעשויבערטע פון ווינט, — פאר דעם, ווי אראָפּגיין פון בריק, אָפּגעשטעלט זיך לעבן קרעמעזן.

— כאָווער מאַיאָר, דערלויבט זיך וועגדן. איר ווייסט ניט, וואָס פאר א סוואָדקע ס'איז הײַנט? — דער סאָלדאט האָט אָנגעשטרענגט און א ביסל פארלוירן א שמייכל געטאָן. אף זײַן אויסגעצערטן פּאָנעם, א גוטן, א פארשטאנדיקן, איז געווען אן אויסדרוק פון פארהאמעוועטער לייד.

דאניִעל האָט אָנגערופן עטלעכע שטעט פון די, וואָס זײַנען פארלאָזט געוואָרן. טרויעריק א מאך געטאָן מיט דער האנט, איז דער סאָלדאט אוועק צום שטעגעלע, וואָס האָט זיך געשלענגלט איבערן שיפּוי פון דער הרעבליע.

— און פונוואנען זײַט איר? — האָט דאניִעל אים געפרעגט, שוין וועגנדיק זיך צו דער פּלייצע. פארלאנגזאמט די טריט און בלויז אף האלב אויסגעקערעוועט זיך, האָט דער סאָלדאט געענטפערט:

— אלײן זײַנען מיר גראָד פון ווײַט. פון דער וואָלגע. נאָר וואָס קומט ארויס דערפון?..

איוואָלגין האָט ווידער גענומען אומגיין איבער דער בריק. ער האָט זיך נאָך ניט גאָר צוגעווינט צום מאַיאָר און ניט געוואגט, אויב ס'איז נאָר ניט שטארק נייטיק געווען, פארפירן מיט אים א געשפּרעך. געווען איז דאָס א יונג בעטעווע א פריילעכער. דאָס איז צו זען געווען אין אלץ — אין דעם ריטמישן צופּאטשן מיט בײדע הענט איבערן אווטאָמאט, וועלכער איז געהאנגען אף זײַן ברוסט, אין דער טשעטשאָטקע, וואָס ער האָט שטיל, מיטן נאָסעק פון שטיוול, אויסגעקלאַפּט אף די ברעטער פון בריק, אפילע אין דעם גענעצן, וואָס דאָס האָט געדארפט באווײַזן, אז ס'איז אים לאנגווײַליק, — איצט, אין רעכטן מיטן טאָג, קומען ווייניק מענטשן פון סטעפּ.

באַם האָריזאָנט האָט הילכיק געקנאַלט ארטילעריע, און דאניִעל האָט געטראכט, אז — יאָ רעכטער מיטן טאָג, ניט רעכטער מיטן טאָג — די שלאַכטן ווערן דאָרט ניט שטילער. און נאָך האָט ער געטראכט: אנערעך אזא־אָ הרעבליע מיט א הילצערנער בריק איז דאָ אין ליובאטש. זאָל זײַן, אז די בריק האָט אָפּגעברענט, ווי אמאָל, מיט העכער צוואנציק יאָר צוריק, ווען די דײַטשן האָבן אָנגעגריפן? ער, דאניִעל, האָט דעמלט באוויזן די רויטארמייער, באַ וועלכן קלייטניק ס'איז דאָ קעראָסין, געהאָלפן צוקײַקלען א פאס און באגיסן די בריק. דערנאָך איז ער שוין מיט יענעם רויטארמײיִשן טייל אוועק פון דער היים. און עפשער איז די בריק איצטיקס מאָל געבליבן גאנץ און עס שפּאנט איבער איר, ווי איוואָלגין דאָ, א דײַטשישער סאָלדאט?

דאניִעל באַדויערט צומאָל, וואָס ער האלט מילכאָמע ניט אין די אייגענע מעקוימעס. גאָר אהער, אין סטעפּ, האָט עס אים פארוואָרפן. עמעס, ווען ער האָט אין אָפּיצערן־רעזערוו פון דאָרעם־מײַרעוודיקן פראָנט, וועלכער האָט זיך שוין אריבערגעצויגן פון קיִעוו אין א וואלד אפן לינקן ברעג פון דניעפּער, באקומען א פאראָרדענונג, ער זאָל אין באשטאנד פון א היפּשער גרופּע קאָמאנדירן און פּאָליטטוער פארן אפן דאָרעמדיקן פראָנט, האָט ער זיך דערפרייט, און ניט נאָר מאכמעס דעם, וואָס ענדלעך וועט ער אופהערן אויספילן צופעליקע פארגעבונגען (נאָכן פארענדיקן די קורסן האָט ער א וואָך געפונען זיך אין רעזערוו און ס'איז אים היפּש דערעסן). געווען איז אויך אן אנדער סיבע, וואָס האָט דערפרייט, ריכטיקער, דערמונטערט אי אים, אי אלע, וועלכע זײַנען אָפּגעפאָרן אף דאָרעם: עס האָט זיך געוואָלט גלייבן, אז דאָרטן זײַנען מיר שטארקער, אז עפשער וועט גאָר פון דאָרעם דערלאנגט ווערן דער ענטפער־קלאַפּ דעם סוינע. סאָפּקאָלסאָף האָט געקאָנט גענומען ווערן אין באטראכט אויך אזוינס: די מערהײַט קאָמאנדירטע האָבן צוזאמען מיט דאניִעלן זיך געלערנט אף קורסן פון גרענעץ־שוץ, איז עפשער שיקט מען זיי דערפאר צום פרוט, ווײַל ארום די פארפעסטיקונגען, וואָס זײַנען דאָרט דאָ, ווי אויך אף דער אלטער מעלוכע־גרענעץ, אפן דניעסטער, קלײַבט מען זיך אויסמאטערן דעם סוינע, — טאָן, אייגנטלעך, דאָס, וואָס עס איז ווײַט ניט אין דער נייטיקער מאָס געטאָן געוואָרן אפן ניעמאַן, אפן סאַן, אפן מײַרעוודיקן בוג?

די, וואָס זײַנען געפאָרן צוזאמען מיט דאניִעלן, זײַנען צומיינסטנס געווען דערפארענע מיליטער־לײַט און האָבן גוט פארשטאנען, אז דער סוינע, וועלכער צילט אף מאָסקווע און קיִעוו, באַטראכט דעם דאָרעם־פראָנט אלס א באהילפיקן. עס איז אויך קלאָר געווען, אז אונדזער קאָמאנדשאפט קאָן אין די שווערע באדינגונגען פון צוריקמארש ניט שאפן עקסטרע קיין קויכעס־איבערוואָג אף דאָרעם, קעדיי א ריס טאָן זיך אף די באלקאנען, און אז, פארקערט, איבער בעסאראביע און דאָרעם־אוקראַיִנע הענגט, ווי א הליבע איבער אן אָפּריס, דעם דײַטשס צאָפן־מיזרעכדיקער פּאָרויס־ארויסגערוקטער פראָנט, וואָס דאָס אליין מאכט שוין אין א גרויסער מאָס צונישט די שוץ־ליניע און די באזונדערע פארפעסטיקטע ראַיאָנען. ניט געקוקט אף דעם אלעמען, האָט פּאָרט געטרייסט דער געדאנק, אז אונדזער כאַיל איז, ווי ס'איז מיטגעטיילט געוואָרן אין די סוואָדקעס,

נאָך געשטאַנען באַם פּרוט און אַז עטלעכע אויסשפּיר־אָטריאַדן (ס'איז געווען אויך אַזאַ מיטיילונג) האָבן אַפילע זיך אַריבערגעקליבן אַפן מיַירעוודיקן ברעג. דאָס איז געווען דאָס איינציקע שטיקל פיַינטלעכע טעריטאָריע, וואָס עס האָבן דערוויַיל באַטראָטן אונדזערע שלאַכטליַיט.

אין שטאַב פון דאָרעם־פראָנט האָט אָבער דאַניִעלן געטראָפן אַ יעדיִע, אַז מע איז אָפּגעטראָטן פונעם פּרוט צום דניעסטער; אין שטאַב פון דער סאַמע דאָרעמדיקער אַרמיי, וואָס צו איר אָפּעראַטיוון אָפּטייל איז ער צוגעקאָמאַנדירט געוואָרן, האָט ער זיך דערוווּסט, אַז דעם סויִנעס טיילן האָבן שוין ערטערוויַיז פאָרסירט אויך דעם דניעסטער. און גאָר דערשיטערנדיק איז געווען דאָס בילד, וואָס ער האָט דערזען נעכטן, קומענדיק אַפן פראָנט גופע...

אין אַ קריטישן מאָמענט איז דאַניִעל קרעמעז געשיקט געוואָרן אַף דער פאָדערשטער ליניע: ער האָט גערדאַרפט איַינשטעלן אַ פאַרבינדונג מיטן גענעראַל־מאַיאָר יאַסענעווס שיסער־דיוויזיע, אַף וועלכער דער סויִנע האָט באַם דניעסטער זיך אָנגעוואַלגערט מיט די הויפּט־קרעפטן. שוין צוויי שאָ, אַז די קאָמאַנדשאַפט פון דער אַרמיי האָט פאַרלוירן יעטווידע פאַרבינדונג מיט דער דאָזיקער דיוויזיע. די שכיינים פון רעכטס און פון לינקס האָבן אויך ניט געוווּסט, ווו יאַסענעווס שטאַב געפינט זיך.

די אָפּטרעטנדיקע פּעכאָטע האָט דער מאַיאָר קרעמעז באַמערקט פון זיַין פאַנצערמאַשין דאָרט, ווו ער האָט עס אַפילע באַ דער דאָזיקער שווערער לאַגע ניט דערוואַרט, — ס'האָט געהאַלטן באַ איבערגעשניטן ווערן אַ וויכטיקע מאַגיסטראַל, צוואַנציק קילאָמעטער מיזרעך־צו פון דער פראָנט־ליניע, וואָס איז אים אָנגעוויזן געוואָרן אין שטאַב פון דער אַרמיי.

אין גאַנג פון דער קאָנטראַטאַקע איז דאַניִעלן געלונגען אופזאַמלען אַרום זיך עטלעכע טעלעפאָניסטן און שאַפן אַ באַוועגלעכן קאָמאַנדע־פּונקט. אין גרונט האָבן זיך אַרום אים געזאַמלט די באַטאַליאָנען פון יאַסענעווס איינעם אַ פּאָלק. דער קאָמאַנדיר פון דעם דאָזיקן פּאָלק און דער קאָמיסאַר זיַינען אומגעקומען אין דער ערשטער שאָ פון שלאַכט, קאַיאָר, ווען דער סויִנע האָט נאָך אַ שטאַרקן פיַיער אָנגעהויבן דעם אָנגריף פונעם פלאַצדאַרם, וועלכן ער האָט שוין פון נעכטן אָן פאַרנומען אַפן מיזרעכדיקן ברעג. ערגעץ איז אַהינגעקומען דער שטאַב פונעם פּאָלק. מע האָט בלויז אין אַ באַלקע, וואָס די דיַיטשן זיַינען דורכגעגאַנגען און ווידער פאַרלאָזט, געפונען איינס פון די שטאַב־פורלעך מיט דער פאָן פון פּאָלק. דער פאָנענטרעגער און דער אָנטריַיבער זיַינען געווען טויט.

דער פּאָלק, וואָס דאַניִעל האָט אים גענומען אין די הענט, האָט אָפּגעוואָרפן דעם סויִנע פיר קילאָמעטער אַף מיַירעוו פונעם ראָקאַדע־וועג[1], איבער וועלכן ס'האָבן פון צאָפן זיך גענומען ציִען די אָפּטרעטנדיקע טיילן. אויך די שכיינעסדיקע צוויי פּאָלקן האָבן זיך געבראַכט אין אָרדענונג. אינגיכן האָט וועגן זיך געגעבן צו וויסן דער שטאַב פון דער דיוויזיע. אַף דאַניִעלס קאָמאַנדע־פּונקט איז געקומען דער שעף פונעם אויסשפּיר־אָפּטייל און האָט דערציילט, אַז אין סאַמע ברען פון שלאַכט איז שטאַרק באָמבירט געוואָרן דאָס דאָרף, ווו ס'האָט זיך אָפּגעשטעלט דער ערשטער עשעלאָן. אַ שווערע באָמבע האָט געטראָפן אינעם מויערל פון דער וועטערינאַר־סטאַנציע, עק דאָרף, ווו ס'האָט אין קעלער זיך געפונען דעם קאָמדיווס קאָמאַנדע־פּונקט. דעם גענעראַל האָט מען קוים אַ לעבעדיקן אָפּגעגראָבן פון אונטערן שטיינער־געוואַלגער — ער איז פאַרוווּנדעט אין אַ זיַיט. דעם קאָמיסאַר זאַגאָרויִקאָ האָט קאָנטוזיעט. די אומפאָרזיכטיקיַיט באַם אויסקליַיבן דאָס אָרט פאַרן קאָמאַנדע־פּונקט האָט געקאָסט טיַיער.

וועגן דעם אַלעם האָט דאַניִעל געשיקט מיט דער פאַנצערמאַשין אַ מיטיילונג דער קאָמאַנדשאַפט פון דער אַרמיי, און אַליין איז ער געבליבן וואַרטן אַף וויַיטערדיקע אָנוויַיזונגען. צו האַלבנאַכט איז געקומען אַ באַפעל: דער מאַיאָר קרעמעז איז באַשטימט אַלס קאָמאַנדיר פון פּאָלק, וועלכן ער האָט געפירט אין אַטאַקע. עס ווערט אים פאָראָרדנט: ביז די צוויי פּאָלקן פון דער דיוויזיע, וועלכע האָבן וויַיניקער געליטן, וועלן זיך געפינען אין שוץ, אָפּפירן זיַין פּאָלק דריַיסיק קילאָמעטער פון דער פאָדערשטער ליניע, צום טיַיכל און צו די בערגלעך באַם דאָרף טשערעפּקאָווע, און זען, אַז ער זאָל אַמשנעלסטן באַקומען דאָס אויסזען פון אַ פולווערטיקן שלאַכט־איינס.

אָט צוליב וואָס דאַניִעל איז איצט געשטאַנען אַף דער בריק און איוואָלגין האָט פאַרהאַלטן יעדערן, ווער ס'איז אַהער געקומען.

3 די בריק האָט פאַריניקט צוויי לאַנגע, האַלבקיַילעכדיקע הרעבליעס, וואָס האָבן זיך געצויגן איבער די פלאַכע ברעגן פונעם טיַיכל. הינטער איינער פון די הרעבליעס, אַפן מיזרעכדיקן ברעג, צווישן אַלטע ווערבעס און אַקאַציעס, איז געשטאַנען אַ וואַסערמיל. דאָרט, אין איר שאָטן, זיַינען געזעסן און געלעגן סאָלדאַטן. ווער ס'האָט געטריקנט אַפן גראָז

[1] אַ וועג, וואָס איז פּאַראַלעל דער פראָנט־ליניע.

אָן אויסגעוואַשן העמד, ווער ס'האָט זיך אײַנגעמאָסטעט באַ אַ מילשטיין, אָן ערײַנגעוואַקסענעם אין דער ערד, און געשריבן אַ בריוו. אַנדערע זײַנען געזעסן אָנגעשפּאַרט אין די ביקסן, וועלכע מע האָט אוועקגעשטעלט אַף די פּריקלאַדן אָדער אוועקגעלייגט אַף די קני. און כאָטש דאַניעל האָט פון בריק ניט געקאָנט זען דעם אויסדרוק פון די פּענעמער, האָט ער אין די פאַרגליווערטע פּאָזעס פון די מענטשן דערפילט די אָנשטרענגונג, די בענקעניש, וואָס האָט זיי באַהערשט.

דאָ, באַ דער בריק, זאַמלט דאַניעל ניט נאָר די סאָלדאַטן פון זײַן צעשפּליטערטן פּאָלק, וואָס קומען אָן קליינינקע גרופּעסווײַז, לויט דער אָרדענונג, ווי זיי ווערן אָפּגעצויגן פונעם שלאַכט־פעלד, — דאָ פאַרהאַלט ער אויך יענע, וואָס האָבן זיך אָפּגעשלאָגן פון אַנדערע טיילן, ווי אויך ציווילע, וואָס טויגן פאַר מיליטער־דינסט.

נאָרוואָס איז איבער דער בריק דורכגעפאָרן אַ קאָלאָנע טראַקטאָרס, און איוואָלגין האָט פון די צוגעטשעפּעטע בײַדלעך ארויסגעשלעפּט צוויי דעזערטירן. באַ אַ טראַנספּאָרט פאַרווונדעטע אַף וועגענער זײַנען דרײַ געזונטע אָנטרײַבערס פאַרביטן געוואָרן מיט לײַכט פאַרווונדעטע. די אָנטרײַבער זײַנען אָן אַ באַזונדערן כיישעק אוועק צו דער מיל. און אָט קומט אָן פון סטעפּ אַ נײַע גרופּע סאָלדאַטן, אַ מאַן פופצן. דאַניעל זעט, אַז מע האָט זיך פאַרהאַלטן באַם אָנהייב פון דער הרעבליע, מע שטעלט זיך אויס צו צוויי אין אַ ריי. מע גייט, אופהייבנדיק אַ שטויב, — אוואָדע דער רעשט פון עפּעס אַ ווזוואָד צי אַ ראָטע.

שטייענדיק לעבן דער פּאָרענטשע, האָט דאַניעל זיך געגעבן אַ גלײַך־אויס. די גרופּע האָט געפירט יענער קרעפּטיקער, געזעצטער עלטערער סערזשאַנט, מיט וועלכן ער האָט זיך געהאַט צונויפגעשטויסן באַ דער באַלקע, נאָר וועלכער האָט אין פלוג אויך געגעבן דעם שטויס, וואָס האָט מעגלעך געמאַכט די קאָנטראַטאַקע, און יעדנפאַלס געראַטעוועט אים פון אַ פאַרעטערישער קויל.

— שטיי! — האָט שטיל באַפוילן דער עלטערער סערזשאַנט די פאַרשוויצטע, פאַרשטויבטע סאָלדאַטן. אַליין האָט ער פון אונטער דער קאַסקע אַ שאַרפן קוק געטאָן אויפן מאַיאָר. איין ווײַלע האָט אין זײַנע גרינע, ברייט צעשטעלטע אויגן אַ ציטער געטאָן אַ פלעמעלע — ער האָט דערקענט דאַניִעלן. נאָר דאָס פּנים מיט דער קורצער פלאַטשיקער נאָז, אַ פאַרוואַקסנס מיט שוואַרצע שטעכיקע האָר, איז געבליבן זאַכלעך־שטרענג. צוגעלייגט די האַנט צו דער קאַסקע, האָט ער מיט אַ גראָבלעכער שטים רויִק ראַפּאָרטירט:

— כּאָווער מאַיאָר, דערלויבט מיטיילן. די נײַנטע ראָטע איז געקומען אין אײַער רעשוס. עלטערער סערזשאַנט זעמליאַניצין!

— גוט, — האָט געזאָגט דאַניִעל; עטלעכע רגעס האָט ער געקוקט אויף זעמליאַניצינען, אויף די מענטשן, וועלכע יענער האָט געבראַכט, אויף איוואָלגינען, וואָס האָט מיט אַ גלײַכגילטיקן אויסדרוק אויפן פּנים — דאָ האָט ער, הייסט עס, ניט וואָס צו טאָן — געהאַלטן זיך מיט אַ האַנט פאַר דער פאָרענטשע, און ס׳האָט אים אַרומגעכאַפּט אַ געפיל פון טיפער זיכערקייט: מיט אַזעלכע איז גאָר ניט שלעכט אָנהייבן דעם שווערן וועג, וואָס שטייט פאָר. — גוט, — האָט ער איבערגעכאַזערט (דערבײַ האָט זײַן שאָקל מיטן קאָפּ פאַר אַלע געקומענע באַטײַט אַ צוריקגעהאַלטענע באַגריסונג), — גייט דערווײַל אַראָפּ אַהין... — און ווי ער וואָלט געהאַט נאָך עפּעס צו זאָגן, נאָר באַקלערט עס ערשט, האָט ער אָפּגעשטעלט דעם בליק אויפן עלטערן סערזשאַנטס שמאָלע גאַליפע, אויף וועלכע ס׳האָבן פון אונטערן שטויב אַרויסגעקוקט טונקעלע פלעקן, די זעלבע בלוט־פלעקן, וועלכע ער האָט געזען נעכטן. זעמליאַניצין האָט פאַרשטאַנען דעם דאָזיקן בליק און אַ ציטער געטאָן. אַ גרויסע פליג, וואָס האָט זיך געזעצט אויף איינעם פון די פלעקן, איז מיט אַ זשום אַוועקגעפלויגן.

— איר זײַט פאַרוואונדעט? — האָט דאַניִעל געפרעגט.

— דאָס איז ניט מײַן בלוט.

עטוואָס אײַנגעהאָרבעט זיך, האָט זעמליאַניצין אַרײַנגערוקט די האַנט אין דער הויזן־קעשענע, אַרויסגענומען פון דאָרט עפּעס אַ פּעקעלע, אַ פאַרוויקלטס אין אַ צײַטונג, און שווײַגנדיק דערלאַנגט עס דעם מאַיאָר. דאַניִעל האָט פאַנאַנדערגעוויקלט דאָס פּעקעלע, דערזען פּאַפּירן, צעריסענע בײַ די ראַנדן, אַ טאָוועלע פון אַ פאַרטיי־בילעט.

אָפּגעווענדט די גרינע באַטריבטע אויגן אין אַ זײַט, האָט זעמליאַניצין געזאָגט:

— דאָס האָב איך גענומען בײַם קאָמאַנדיר פון אונדזער פּאָלק, בײַם מאַיאָר גאָרסקי. ער איז נעכטן אויף מײַנע הענט אויסגעגאַנגען.

4

אַ טייל פון די לעבן געבליבענע אָפיצערן פון פּאָלק האָט דאַניִעל נאָך אינדערפרי אַוועקגעשיקט גרייטן מיט דער הילף פון די היגע אײַנוווינער שוצגראָבנס פאַר דער פעכאָטע לענגאויס דעם טײַך און פּאָזיציעס פאַר דער אַרטילעריע, וואָס האָט געדאַרפט אונטערקומען.

ווען עס האָבן אַרום דער הרעבליע זיך אָנגעזאַמלט אַ צוויי הונדערט סאָלדאַטן, האָט דאַניִעל געלאָזט אָנשטאָט זיך אויף דער בריק דעם לייטענאַנט איגאָר ראַזטשעפּקין, וועלכער איז נאָרוואָס געקומען פון דער פאָדערשטער ליניע מיט צוויי סערזשאַנטן אין מאַסקיר־כאַלאַטן און פאָרגעשטעלט זיך אַלס קאָמאַנדיר פון אויסשפּיר־ווזוואָד. אַליין איז דאַניִעל אַוועק צו דער מיל און גענומען אָפּשיקן אין פעלד אַרײַן גרופּקעס שלאַכטלײַט אונטער דער קאָמאַנדע פון אָפיצערן אָדער סערזשאַנטן. יעדע גרופּקע האָט זיך שוין גערעכנט אַלס אַ ראָטע פון איינעם פון די דרײַ באַטאַליאָנען, וועלכע דאַניִעל האָט פאָרמירט. אַ סטאַרשינאַ האָט רעגיסטרירט אַלעמען, און אַ רויטאַרמייער פון דעם ווירטשאַפט־ווזוואָד האָט די, וואָס זײַנען אַרײַנגעשריבן געוואָרן אין צעטל, געטיילט סוכאַרעס און קאָנסערוון. ווער עס האָט ניט געהאַט קיין געווער, האָט בײַ אַ צווייטן רויטאַרמייער באַקומען אַ ביקס, קוילן, איינע־צוויי גראַנאַטעס. די ציווילע האָבן אין מיל זיך איבערגעטאָן אין אוניפאָרמעס, וואָס זײַנען, עמעס, צעלעכערט געווען פון שפּליטערס. די אוניפאָרמעס האָט צוגעשיקט דאַניִעלס ווירטשאַפט־געהילף, דער קאַפּיטאַן בוזולוק, און געווען איז עס אַ טייל פונעם פּאָלק־פאַרמעגן, וואָס יענער האָט באַוויזן ראַטעווען בײַס דעם האַסטיקן צוריקמאַרש פונעם דניעסטער. בוזולוק איז געבליבן אויף דער פאָדערשטער ליניע, ער האָט געדאַרפט זען, מע זאָל באַצײַטנס אָפּשיקן אַהער די האַרמאַטן און קוילנוואַרפערס, וואָס האָבן געהערט דעם פּאָלק, נאָר ביז אַ באַשטימטער שאָ זיך נאָך באַטייליקט אין דער שלאַכט.

בוזולוק איז דערווײַל געווען איינער פון די אומיטלבאַרע געהילפן דאַניִעלס, אויף וועלכע ער האָט זיך געקאָנט אָנשפּאַרן. קיין קאָמיסאַר האָט מען אים נאָך ניט צוגעשיקט. דער שעף פון שטאַב, כאָטש קיינער האָט אים קיין טויטן ניט געזען, האָט נאָך דער נעכטיקער שלאַכט זיך אַליין

ניט אָפגעזוכט. באם סעקרעטאר פון פארטיי־ביוראָ, דעם פאָליטרוק סאָקאָליעץ, איז דורכגעשאָסן געווען דער האלדז. דער פאָליטרוק האָט זיך פארשטעגדיקט אף שטומלאָשן, מיט דער הילף פון צעטעלעך, און יעדע עטלעכע מינוט אויסגעשפיגן א טראָפן בלוט. און דאָך האָט דאנִיעל געמוזט אים געבן א באטאליאָן.

דאנִיעל האָט פארשטאנען, אז ווען עס וועלן צוקומען די אָפטרעטנדיקע טיילן, וועט דער באַצירק, וועלכן זײַן פאָלק דארף פארטיידיקן, ווערן שמעלער. מיסטאמע וועט אויסקומען פאר־טיידיקן די בריק און די נאָענטסטע פעלדער. דערווײַל אָבער האָט מען געמוזט כאָטש ווי־ניט־איז באוואָרענען די שוץ פון די ראכוועסן אף ביידע זײַטן הרעבליע.

פארנאכט־צו האָט זיך באדײַטנדיק פארגרעסערט דער שטראָם פליטים בא דער בריק. געווען איז דאָס געוויס דער רעזולטאט פון א נײַעם ניט געלונגענעם שלאכט־טאָג.

דאָס פײַער פון דער מילכאָמע האָט שוין געפלאקערט דאָ, איבער די פרידלעכע שטילע טווע־פעלדער. ניט נאָר דאָס אומרוִיקע און פאראקשנטע דונערן פון דער ארטילעריע איז גע־וואָרן אלץ נעענטער; אינעם שקיִע־אָראנזש האָבן זיך געגומען מערקן מעכטיקע אופלויכטן — עס האָבן געשאָסן שווערע הארמאטן.

א שטויב איז די גאנצע צײַט געהאנגען איבער דער הרעבליע. מע האָט געטריבן אף מיזרעך סטאדעס פי, כאזײרים, טאבונעס פערד; גענדז האָבן אויסגעבויגן די העלדזער אף די וועגענער און געשריִען; הינט, צוגעבונדענע צו די דראבינעס אָדער אָפגעבונדענע, זײַנען געלאָפן לעבן די רעדער. דער וועג האָט געפירט פון בעסאראביע קיין טיף אוקראִינע. עס האָבן זיך געהערט פארשיידענע שפראכן — אוקראִיניש, יִדיש, מאָלדאוויש. אין שטויב האָבן זיך געשלעפט מאַ־זשארעס, אלטמאָדישע פורגאָנען, פורלעך, איבערגעדעקטע מיט בוידן, ווי בא ציגײַנער, און טאקע עפעס א טאבאָר אף רעדער אויך, האנט־וועגעלעך, וועלאָסיפעדן און, פארקוועטשט אין דער סאמע געדיכטעניש, — אווטאָמאשינעס, וואָס רוקן זיך קוים, און מענטשן, וואָס גייען צופוס, פארשמאכטע, פארביטערטע...

דאנִיעל האָט אף א מאָטאָציקל זיך אומגעקערט פון פעלד, ווו ער האָט באקוקט, וויִאזוי עס גייען די פאָרטיפיקאציע־ארבעטן, צו דער מיל, — געדארפט דאָ האָבן א באראטונג מיט די קאָמ־באטן. פון ארמייִשן קאָמאנדע־פונקט, וועלכער איז אריבערגעפאָרן אין א נאָענטן כוטאָר, האָט מען אים מיטגעטיילט, אז באנאכט וועלן צום טײַכל נעמען צוקומען די אָפטרעטנדיקע טיילן.

ביז די ארויסגערופענע קאָמאנדירן וועלן קומען, האָט דאנִיעל ווידער זיך אוועקגעלאָזט צו דער בריק — דערוויסן זיך, צי האָט ראזטשעפקין אָנגעקליבן דאָרט א סאך גראָב־אײַזנס, אין וועלכע דער פאָלק האָט זיך שטארק געניײטיקט, — זעלטן־ווער פון די שלאכטלײַט האָט פארהיט זײַן סאָלדאטיש לאָפעטקעלע.

פיל דײַגעס האָט דאנִיעל געהאט אין מעשעך פון דעם דאָזיקן טאָג. ס׳האָבן געפעלט סנאַ־ריאדן און מינעס. אין צוויי פון די דרײַ הארמאטן, וואָס זײַנען אָנגעקומען פון פראָנט, זײַנען קאליע געווען די שלעסער און ס׳האָט זיך דערווײַל ניט אײַנגעגעבן זיי צו פאריכטן. בוזולוק איז פארוווּנדעט געוואָרן. עמעס, ער האָט אים געשריבן, דער פאָמפאָכאָז, אז די ווונד איז ניט קיין געפערלעכע — אין האנט. און קעדיי אָפצורוען פון די דאָזיקע זאָרגן אָדער, פארקערט, פאָלגנדיק דעם אומרוִיקן געפיל, וואָס האָט די גאנצע צײַט געלעבט אין אים, האָט דאנִיעל זיך אוועקגעלאָזט צו דער בריק.

הייבנדיק זיך איבערן שיפוּי פון דער הרעבליע, האָט ער דערזען, אז צווישן דעם ווילדגראָז און די בודזיקעס שלאָפט, אוועקגעלייגט דעם קאָפ אין דער קאסקע אף א פלאטשיקן שטיין, איינער פון ראזטשעפקינס אויסשפירער. די וואָלקנס שטויב, וואָס האָבן זיך געטראָגן פון דער הרעבליע, האָבן דעם יונג ניט געשטערט. דאנִיעל איז אים מאמעש מעקאנע געווען — ער אליין איז שוין ניט געשלאָפן דעם צווייטן מעסלעס, אונטער די וויִעס איז בא אים ווי צעמאָלט גלאָז געווען אָנגעשאָטן. נאָר גראָד דאָס, וואָס ער האָט דערזען דעם שלאָפנדיקן, האָט אים געצווּנגען אָנשטרענגען די מוסקולן פון דעם אָפגעשוואכטן גוף. וועגן דעם לייטענאנט ראזטשעפקין האָט ער א טראכט געטאָן: „צוויי סערזשאנטן זײַנען בא אים געבליבן, און דאָך זאָרגט ער, אז האלב פון דעם שלאכט־באשטאנד זאָל אָפרוען. מע וועט אים דארפן געבן איוואָלגינען — א כוואט א יונג, ווי אָנגעמאָסטן פאר אן אויסשפירער“.

דאָס ווארעמע געפיל, וואָס האָט בא דאנִיעלן זיך דערוועקט צו ראזטשעפקינען, האָט נאָך מער זיך געשטארקט, ווען ער האָט דערזען דעם לייטענאנט, א דארלעכן, א פארקרעמפעוועטן אין רימענס. אף דער אָפגעריבענער גימנאסטיאָרקע זײַנען דורכן שטויב ארויסגעטראָטן טרר־קענע זאלץ־פלעקן. ראזטשעפקינס ציגײַנעריש טונקל פאָנעם איז געווען מאמעש גרין פון מיד־

קייט, די שווארצע אויגן האָבן פיבערדיק געברענט, נאָר דעם קאָמאַנדיר האָט ער באַגעגנט אָן אונטערגעצויגענער.

דאַניעל האָט באַשטימט דעם קאָנטראָל פון בריק און איבערלאָזן דאָ בלויז איוואַלגינען, וועלכער האָט געזאָלט נאָכשפּירן נאָך דער אָרדענונג. בייס ער האָט דאָס געזאָגט דעם לייטענאַנט, האָט זיין אופמערקזאַמקייט צוגעצויגן אַ קליינינקער אינצידענט אַף דער הרעבליע: צווי פורן האָבן זיך צונויפגעטשעפּעט מיט די אַקסן: איינע — אַ פויערישע מאַזשאַרע, געלאָדן מיט זעקלעך טווע, די צווייטע — אַ מיליטערישער וואָגן, ווו ס'איז אַף די קאָלעס געזעסן אַ באַיאָרטער סאָלדאַט אין אַ צוגעפלעטשטער פּילאָטקע. דער סאָלדאַט האָט האַסטיק זיך אופגעשטעלט, עטוואָס אויסגעבויגן זיך, אָנגעצויגן די לייצעס און מיט דער בייטש עטלעכע מאָל אַ שמייס געטאָן די נידעריקע פויערשע פערדלעך, וואָס זיינען געווען איינגעשפּאַנט אין דער מאַזשאַרע. דער פויער האָט באַוויזן אַראָפּשפּרינגען אַף דער ערד און פאַרהאַלטן זיינע פערד באַם ראַנד פון דער הרעבליע. זיגעריש זיך אַרויסגעריסן פאָרויס, איז דער סאָלדאַט אַרופגעפאָרן אַף דער בריק.

דאַניעלן האָט אַ ברי געטאָן די דאָזיקע כוצפּע.

— וואָס איז דאָס פאַר אַ מין?! — האָט ער אויסגעשריִען.

דער סאָלדאַט, ווי ער איז געשטאַנען אפן וואָגן, האָט אַ כאַפּ געטאָן די בייטש אין דער לינקער האַנט, וואָס האָט געהאַלטן די לייצעס, און די רעכטע צוגעטראָגן צום ראַנד פון דער פּילאָטקע. געווען איז עס אַ מענטש פון אַ יאָר פינף און פערציק, אין אַ פאַרשטויבטער פלאַשטש-פּאַלאַטקע, וואָס איז, אַ צונויפגענומענע אין אַ סאַך פאַלדן, געווען פאַרבונדן באַ זיין דינעם האַלדז. פון דער הייך, אַף וועלכער דער סאָלדאַט דער אָנטרייבער איז ניט זיכער געשטאַנען, האָט ער אויסגעזען אי נעבעכדיק, אי קאָמיש.

— קריכט אַראָפּ! — האָט דאַניעל, צוימענדיק דעם קאַס, באַפוילן.

די מאַזשאַרע איז דורכגעפאָרן באַ דער זייט פון בריק. פירנדיק די צעפּאָלאַכעטע פערד פאַר דער צוים, האָט דער פויער ביטער און מיט פאָרוואורף זיך פאַרקלאָגט:

— איי, איי, מע מעג דען אַזוי?..

ווען די מאַזשאַרע איז אָפּגעפאָרן עטוואָס ווייטער, האָט דאַניעל, אַלץ נאָך בייז, געפרעגט דעם סאָלדאַט:

— וווהין איילט איר זיך אַזוי?

דער אָנטרייבער האָט געפינטלט מיט די אויגן, פאַרשטויבטע אין די ווינקלען.

— צו אייך, כאַווער מאַיאָר!

— צו מיר?

— צו אייך... בין איך, דוכט זיך, שוין געקומען?.. ס'איז דעם מאַיאָר גאָרסקיס געוועזענער פּאָלק? מיך האָט בוזולוק געשיקט, דער פּאָמפּאָכאָז.

— יאָ־יאָ... — האָט דאַניעל אויסגעצויגן שוין בלויז מיט אומבאַשטימטן פאָרוואורף. — דער פּאָמפּאָכאָז, זאָגט איר? און וואָס איז באַ אייך אפן פור?

אפן פור האָט עפּעס געסטאַרטשעט, איבערגעדעקט מיט אַ פאַרשטויבטן ברעזענט. דעם סאָלדאַטס פּאָנעם האָט בייס דער דאָזיקער פראַגע אויסגעדריקט הילפלאָזע פאַרלוירנקייט.

— דאָרט איז... — האָט ער געשטאַמלט, קאָסיענדיק די אויגן אפן פור, — פאַרשטענדלעך וואָס... איך בין דאָך דער ראָטנער אָנטרייבער... פון דער נייַנטער ראָטע... אַ פּאָר קעסלען... דער באָרשטש איז שוין לאַנג זויער געוואָרן, איך האָב אים אויסגעגאָסן, נאָר קאַשע האָב איך נאָך.

דער סאָלדאַט האָט מיטן שפּיץ צונג אויסגעגלייכט די הערעלעך פון די שיטערע, מיט שטויב פאַרפּאָראָשעטע וואָנצעס און שוין גאָר אומרויִק געוואָרפן אַ בליק צום פור, ניט וואַגנ־דיק אָפּווענדן די אויגן פונעם מאַיאָר.

— קאַשע? — האָט דאַניעל איבערגעפרעגט. — זי קער שוין אויך ניט טויגן?

— אָט דאָס מיין איך דאָך! — האָט דער אָנטרייבער גערן איינגעשטימט. — נאָר אַרויס־וואַרפן האָב איך זי ניט געוואָלט, עפשער באַגעגן איך פאָרט מיינע מענטשן און זיי זיינען הונ־געריק? און נאָך איז דאָרט באַ מיר, אפן פור, כאַווער מאַיאָר, אַ פרוי... זי גייט שוין וויפל טעג צופוס, צוגעקילט זיך, האָב איך זי אַרופגענומען צופירן אַ ביסל מיטן פּעקל. זי שלאָפט דעם גאַנצן וועג.

— אַ פרוי? — באַטאָג, ווען דאַניעל איז געשטאַנען באַ דער בריק, האָט ער עטלעכע מאָל באַפוילן איוואַלגינען אַרופזעצן אַף פורן, אַף אויטאָמאַשינעס, ווו ס'איז נאָר געווען אַ שטיקל אָרט, פליִטים, וועלכע זיינען געגאַנגען צופוס. אַזוי האָט מען באַזעצט אַן אַלטן קינסטלער, וועמעס איינציק פאַרמעגן ס'איז געווען אַן עטיודניק, אַ בלינדע אַלטיטשקע, וועלכע אַ מיידעלע האָט געפירט פאַר אַ האַנט; אַ מוטער מיט דריי קליינע קינדער. דער אָנטרייבער האָט קיין פאָר־

װוּרף ניט פֿאַרדינט. דאָך האָט איװאַלגין מאָמזעריש זיך געגעבן אַ װוּנק איבער מיט ראַזטשעפּקינס סערזשאַנט, און ראַזטשעפּקין אַלײן האָט זיך אָנגעכמורעט.

דאַניִעל איז צוגעגאַנגען צום װאָגן און אױפֿגעהױבן דעם ראַנד פֿונעם ברעזענט. זײַן האַנט האָט אַ ציטער געטאָן. אױף אַ ביסל שטרױ, צונױפֿגעקאָרטשעט צװישן בײדע קעסלען, איז געשלאָפֿן טשאַרנע, אײַנגעװיקלט דעם קאָפּ אין אַ קלומעקל, צוגעדעקט דעם שטערן מיט אַ דינער האַנט, די פֿינגער אײַנגעגראָבן אין די געדיכטע טונקעלע האָר... ס'האָט קײן סאָפּעק ניט געקאָנט זײַן — טשאַרנע סעגאַל! איר מױל איז געװען עטװאָס אָפֿן פֿון פֿאַרשמאַכטקײַט און געשמאַקן שלאָף. אױף דער נאָז, װוּ װײַסלעכע קנײטשעלעך האָבן זיך אױסגעלײגט, איז געבליבן אַ סימען פֿון אַ טרער, װאָס איז אַראָפּגערונען איבער דער פֿאַרשטױבטער הױט. זי איז געװאָרן פֿיל עלטער, און דאָך פֿאַרבליבן אַזאַ, װי ער האָט זי געדענקט, — דאָס איז געװען זײַן קינדהײַט־פֿרײַנט, זײַן ערשטע ליבע.

ער האָט אָפּגעלאָזט דעם ברעזענט אין שרעק, טאָמער װעט טשאַרנע זיך אױפֿכאַפּן. ניט געװוּסט, װאָס באַפֿױלן דעם אָנטרײַבער. דערזען יענעמס שולדיק פּנים מיט די קלײנע, גרױע אױגן, אָפּגעשאַצט איװאַלגינס און דעם אױסשפּירערס שפּאָטיש־װאַרטנדיקע בליקן, ראַזטשעפּקינס כמורנעקײַט, האָט ער שױן געװאָלט הײסן אָפּפֿירן טשאַרנען קײן טשערעפּקאָװאָ און אײַנאָרדענען זי דאָרט אױף אַן אַנדער פֿור. נאָר אין דער זעלבער רגע האָט ער זיך אונטערגעגעבן אַ צװײטן פֿאַרבאָרגענעם פֿאַרלאַנג, אין װעלכן ער האָט זיך נאָך געדאַרפֿט פֿאַנאַנדערקלײַבן.

— זי איז ניט געזונט? — האָט ער זיך געװענדט צום אָנטרײַבער. — פֿירט זי אָפּ אָט צו יענע דרײַ טאָפּאָלעס אין עק פֿון דער הרעבליע. דאָרט איז דער סאַנפּונקט פֿון צװײטן באַטאַליאָן — אַ בײַדל אין לאָזניאַק. זאָל די פֿעלדשערן אַ קוק טאָן, װאָס איז מיט איר.

5

אױפֿן סטעפּ האָט אַראָפּגענידערט אַ בלױלעכע טונקלקײַט.

נאָך דער באַראַטונג מיט די קאָמבאַטן האָט דאַניִעל זיך אװעקגעלאָזט צופֿוס צו די פּאָזיציעס פֿון צװײטן באַטאַליאָן, װאָס האָבן זיך אָנגעהױבן באַם עק פֿון דער הרעבליע און זיך געצױגן איבערן מײַרעװודיקן שיפּוי פֿון צװײ צונױפֿגערוקטע בערגלעך, װאָס פֿאַרשטעלן דאָס דאָרף טשערעפּקאָװאָ. דעם דאָזיקן באַטאַליאָן האָט ער בעקיװון אַװעקגעשטעלט אױף די בערגלעך, װאָס הערשן איבער דער געגנט, װײַטער אַ ביסל פֿון דער קינפּטיקער פֿראָנט־ליניע — דעם טײַך, עס זאָל אױסקומען אי װי זײַנער אַ צװײטער עשעלאָן, אי װי אַ רעזערװ.

דאַניִעל איז געגאַנגען לענגאױס דער הרעבליע, שטיל געטראָטן איבערן װײכן גראָזיקן באָדן, װאָס פֿרילינג־צײַט מוז ער געװיס זײַן פֿאַרזומפּיקט, און מיט אַלע כושים אײַנגעזאַפּט אין זיך אי די אָנגעשטרענגטע שטילקײַט, װאָס האָט אין דער טונקלעניש זיך אױסגעשפּרײט אױף מיזרעך, אי דאָס דומפּע דונערן אױף מײַרעװ, װוּ האַרמאַט־בליצן האָבן אין דער ניט זיכערער שײַן װי געװױגט דעם האָריזאָנט. ערגעץ אין אַ זײַט, אױף אַ היפּשן מעהאַלעך פֿונדאַנען, האָבן געהודעט עראָפּלאַנען, ניט צו װיסן — אונדזערע צי דעם סױנעס, מע פֿליט אױף מיזרעך צי אױף מײַרעװ. נאָר דערמאָנט האָט דאָס הודען דאָס אין שליאַכן און ייִשוּװים, פֿאַרלױרענע אין סטעפּ, װוּ מענטשן ציטערן עפּשער איצט פֿון שרעק, לײגן זיך אױף דער ערד. דאָ, אױף דער הרעבליע, האָבן פֿורלעך אַלץ זיך געצױגן מיט אַ סקריפּ, פֿערד האָבן געטופּעט, עס האָבן זיך געהערט ניט קײן קלאָרע שטימען, און פֿון דעם אַלעמען האָט זיך באַ דאַניִעלן אױפֿן האַרצן אָנגעהױפּט אַ שװערער טרױער. אָבער טראָץ זײַן שטימונג און טראָץ זײַן לאַגע, איז ער געגאַנגען צום עק פֿון דער הרעבליע מיט אַן אומרויִק פֿאָרגעפֿיל פֿון פֿרײד. רעגנדיקער נײַגער האָט אים געפֿירט אַהין, כאָטש ער האָט זיך נאָך אַלץ געשלאָגן מיט דער דײע: זען זיך מיט טשאַרנען, װײַזן זיך פֿאַר איר, צי אָפּשיקן זי בעסער אין דאָרף אַרײַן אױפֿן סאָלדאַטס פֿורל און זאָל זי אַפֿילע ניט װיסן װעגן זײַער באַגעגעניש? זיצנדיק אױף דער באַראַטונג, װען ס'זײַנען פֿאַר אים אױפֿגעקומען אַזױפֿיל ניט געלײזטע פֿראַגן, האָט ער געהאַט באַשלאָסן אָפּשיקן זי. נאָר איצט האָט עס אים אױסגעזען אַכזאָריעסדיק — װי זאָל ער זי ניט פֿרעגן, צי נײטיקט זי זיך אין עפּעס, װוּ איז איר מאַן, דאָס קינד, דוכט זיך, אַ ייִנגל?.. נײן, טאַקע ניט מער, װי דאָס דאָזיקע אומיטלבאַרע געפֿיל פֿון כאַװערישן מיטלײַד האָט אים איצט באַהערשט, און ער האָט באַשטימט זיך זען מיט טשאַרנען.

גײענדיק אַזױ, האָט ער געטראַכט: „װיפֿל מענטשלעכע גורלס װערן צעבראָכן און איבערגעמישט בײַס דער מילכאָמע“, — און אינזינען האָט ער דאָ געהאַט ניט בלױז זיך און טשאַרנען, נאָר אױך די סאָלדאַטן און אָפֿיצערן, מיט װעלכע ער דאַרף גײן אין שלאַכט. און גראָד פֿון די דאָזיקע געדאַנקען האָט דאָס געפֿיל פֿון אײנזאַמקײַט, פֿון טרױער גענומען פֿאַרשװינדן.

אינעם נעפּל, װאָס האָט זיך געצױגן פֿון טײַך, האָט דאַניִעל געהערט שטילע שטימען פֿון סאָלדאַטן. דאָ זײַנען די שוצגראָבנס געװען נאָענט צו דער הרעבליע. פֿיגורן, זיצנדיקע און

שטייענדיקע, האָבן שוואַך זיך געצייכנט אין דער נאַכט. עס האָבן אופגעלויכטן פײַער־פינטעלעך — דאָס האָט מען פאַרזיכטיק געררייכערט אין די אַרבל.

אין איין אָרט, אַרום עטלעכע בערוועגעס, וואָס דאַניעל האָט זיי נאָך באַטאָג געהאַט באַ־מערקט, האָט זיך פאַרזאַמלט אַ גרופּע סאָלדאַטן, מיסטאָמע די קוילנוואַרפלער, — אויבן, אויף דער הרעבליע, זײַנען אויסגעשטאַט געווען די קוילנוואַרפער־נעסטן. עמעצער האָט מעיושעוודיק גערעדט מיט אַ געדיכטן באַס:

— נו, גוט, וויאַזוי זשע האָט זיך דאָס, זאָג מיר נאָר, ליבער כאַווער, באַקומען, וואָס מיר האָלטן מילכאָמע ניט אויף יענעמס טעריטאָריע, נאָר אויף אונדזערער?

— וויאַזוי? — האָט אַ צווייטער מיט אַן אָנגענעמער שטים איבערגעפרעגט, — דו פאַר־שטייסט עס דען אַליין ניט? קיין מילכאָמע האָבן מיר ניט געוואָלט? ניט געוואָלט. וויאַזוי זשע האָבן מיר מיטאַמאָל געקאָנט קומען אויף יענעמס טעריטאָריע? מירן זײַן אויף יענעמס טעריטאָריע, אומבאַדינגט, נאָך אַ מין זײַן! מירן איינמאָל פאַר אַלעמאָל אָנלערנען דעם פאַשיסט, אָבער לאָמיר נאָר קומען צו־זיך...

דאַניעלן איז קענטלעך געווען די דאָזיקע שטים. ער האָט אָנגעשטרענגט דעם זיקאָרן — ווער קאָן דאָס זײַן?

ווידער האָט דער מיטן באַס מיט אַזאַ טעמפּלעכער אַקשאָנעס געפרעגט:

— אָבער זאָג מיר נאָר, אויב אַזוי, ליבער כאַווער, פאַרוואָס זשע טרעטן מיר אָפּ? ערשט נעכטן האָבן מיר אַזאַ העפּקע געטאָן אויף צוריק... דער וועג צום פאַשיסט ליגט, דוכט זיך, גאָר אין אַן אַנדער ריכטונג...

דאַניעל האָט זיך אָפּגעשטעלט. ער האָט אין דער טונקל געזען די סאָלדאַטן, וואָס זײַנען געזעסן און געשטאַנען אַרום די צוויי שמועסנדיקע, און געשלאָגן זיך מיט דער דייע: צוגיין און אַרויסהעלפן יענעם מיט דער קענטלעכער שטים צי ניין? מיטאַמאָל האָט זיך דערטראָגן אַ פאַר־לוירענער אויסגעשריי: „וואָס טוסטו?“ — עמעצער איז אַראָפּגעפאַלן פון דער בערוועגע. „ביסט דול, צי וואָס!?“ — האָט זיך אויסגעזידלט דער באַס און גענומען אופשטיין פון דער ערד.

— שאַ, שאַ, טשופּיטשאָוו! — יענער, וואָס מיט דער קענטלעכער שטים, האָט זיך באַשיצט מיט ביידע הענט, — דאָס האָב איך דאָך דיר פראָסט באַוויזן, וואָס עס הייסט אַ פּלוצעמדיקער קלאַפּ. דו זיצסט זיך אַזוי מיט מיר גאַנץ פרידלעך און שמועסט, און איך נעם און טו דיך אַ שטופּ — פאַלסטו. אָבער, אַז דו שטייסט אויף אויף די פיס, און געזונט ביסטו, ווי אַן אָקס, קאָנסטו מיך אומברענגען... שאַ, אַן עק... נו?

די קוילנוואַרפלער האָבן זיך צעלאַכט, נאָר באַלד אופגעהערט, ווי ס׳וואָלט צו זיי צוגעגאַנ־גען עמעצער, אָדער עמעצער וואָלט געזאָגט עפּעס אַזוינס, וואָס איז ווערט, מע זאָל עס אויס־הערן; דאָס געלעכטער, וואָס איז נאָך דעם ווידער אויסגעבראָכן, איז שוין געווען אַ מער צוריק־געהאַלטנס. מע האָט גענומען ריידן אַלע מיטאַמאָל.

דאַניעל האָט זיך דערמאָנט: יענער מיט דער קענטלעכער שטים איז דער עטוואָס גע־שטופּלטער סאָלדאַט, פון דער וואָלגע, וועלכער האָט געפרעגט, וואָס פאַר אַ סוואָדקע ס׳איז הײַנט. ער האָט אויך אַ צווייט מאָל געזען באַטאָג דעם דאָזיקן סאָלדאַט — אָנגעוויזן אים, וווּ בעסער אײַנשטעלן אַ קוילנוואַרפער טאַקע דאָ, באַם ראַנד פון דער הרעבליע. דאַניעלן איז געפעלן, וויאַזוי דער קוילנוואַרפלער האָט אָנשוילעך באַוויזן, פאַרוואָס מע טרעט אָפּ. ער האָט אַ שמייכל געטאָן, אָבער — מיט ביטערקייט: סיבעס פון דעם צוריקמאַרש זײַנען געווען אויך אַנדערע.

ער האָט שוין געוואָלט אוועקגיין ווײַטער, נאָר פּלוצעם, דורכן לײַכטן נעפּל, באַמערקט, אַז עמעצער האָט זיך אָפּגעטיילט פון דער גרופּע קוילנוואַרפלער און דערנעענטערט זיך צו אים — ניט קיין הויכער, אַ פּולבלעכער, אין אַן אָפּיצעריש היטל.

„שטשוסעוו“, — האָט דאַניעל זיך געכאַפּט.

— אַ, מאַיאָר! — שטשוסעוו האָט זיך דערפרייט, פּונקט מע זאָל זיך נאַרוואָס ניט האָבן געזען אויף דער באַראַטונג. אויך אַ מאַיאָר, דער קאָמאַנדיר פון אַן אַרטילעריע־פּאָלק, איז שטשו־סעוו ניט לאַנג צוריק געקומען פון דער פאָדערשטער ליניע, קעדיי באַשטימען, ווו פאַנאַנדער־שטעלן זײַנע דיוויזיאָנען, וואָס האָבן זיך שוין געצויגן אַהער. וועגן דעם טאַקע האָט ער זיך דערעדט מיט דאַניעלן און איז שוין געבליבן אויף דער קאָמאַנדירן־באַראַטונג. עמעס, ער האָט זיך ניט געמישט, שווײַגנדיק געסמאָקעט זײַן שווארץ ביינערן מונדשטוקל, אין וועלכן עס האָט גע־שטעקט ניט קיין אָנגעצונדענער ציגאַר, און דאַניעל האָט אָפּגעמערקט סײַ אָט די דעליקאַטקײַט זײַנע — ער וואָלט דעם גאַסט ניט פאַרוועט רייכערן, כאָטש אין בלינדאַזש איז געווען ענג, סײַ דאָס שווײַגן זײַנס, וואָס איז אויך געקומען פון טאַקטישקײַט. בלויז אַ פּאָר מאָל, ווען ס׳איז דערמאָנט געוואָרן, אַז די אַרטילעריע וועט שטיצן דעם פּאָלק, האָט שטשוסעוו צוגעשאָקלט מיטן

קאַפּ: „גוט, גוט“, און אפן קינ‏לעכדיקן פּאַנעם מיט די שמאָלבלעכע, עטוואָס צוגעשוואָלענע אויגן איז דערביי געווען אַן אויסדרוק: „אז מע דאַרף, דאַרף מען“...

דער דאַזיקער שטשוסעוו האָט אַף דאַניעלן שוין געמאַכט אַן איינדרוק אין אַזאַ אָנגעצ־טרענגטן מאָמענט, ווען עס בלייבט אָדער קיין שום איינדרוק ניט אָדער ער ווערט פאַרקריצט אַף שטענדיק. דאָס איז געווען האַרט פאַר דעם, ווי ער, דאַניעל, האָט פאַרקערעוועט די אָפּ־טרעטנדיקע פּעכאָטע. אין טאָל, בא דער זייט פון דעם ברייטן, איינגעפּאַרענעם שטויביקן וועג, איבער וועלכן ער האָט זיך געטראָגן אַף דער פאַנצערמאַשין (דער טאָל האָט ווייטער, אין פעלד, זיך פאַרוואַנדלט אין אַ באַלקע, וואָס איבער איר שיפּוע איז אָפּגעטראָטן די פּעכאָטע), אונטער שיטערע אַקאַציע־קוסטעס האָבן אַרטילעריסטן איינגעשטעלט עטלעכע לייכטע האַוביצעס. פון אַ וואָגן, וואָס איז מיט צעבראָכענע האַלאַבליעס געשטאַנען אינמיטן וועג, — די געהאַרגעטע פערד האָבן דאָ טאַקע זיך געוואַלגערט אין שטויב, — האָבן סאָלדאַטן, לויפנדיק, אָנגעבויגע־נערהייט געטראָגן צו די האַרמאַטן קעסטלעך מיט סנאַריאַדן. אויסקלאַפּנדיק מיט דער רעכטער דלאָניע דעם מונדשטוק, וואָס איז פאַרפרעסט געווען אין דער לינקער האַנט, איז לעבן וואָגן געשטאַנען שטשוסעוו, און די רויִקייט זיינע האָט אַזוי ווי געהאַמעוועט די בעהאָלע, די פאַר־לוירנקייט, וואָס איז אומפאַרמיידלעך אין אַזאַ לאַגע; די אַרטילעריסטן האָבן געטאָן זייער זאַך איילִיק, נאָר מיט אינערלעכער באַהערשטקייט.

באַפוילן דעם שאָפער אָפּשטעלן די פאַנצערמאַשין לעבן וואָגן, האָט דאַניעל געפרעגט בא דעם מאַיאָר, צי איז עס ניט יאַסענעווס דיוויזיע.

— יאַסענעווס... אָן־אַ צעגייט זי, ווי שניי... — דעם אַרטילעריסטס רונד געזיכט האָט אַ צוק געטאָן, די שמאָלבלעכע אויגן האָבן צאָרנדיק זיך צעגלאַנצט, נאָר מיט דער זעלבער האַנט, מיט וועלכער ער האָט נאַרוואָס אָנגעוויזן אין פעלד, האָט ער גענומען אַריינשטעלן דעם קורצן ציגאַר אין מונדשטוקל און געטאָן דאָס קימאַט רויִק.

— מע דאַרף זיי אָפּשטעלן!

דער אַרטילעריסט האָט בלויז אַ קנייטש געטאָן מיט די אַקסל, און דאָס האָט באַטייט: „איך קלייב זיך ניט לויפן פונדאַנען, נאָר מער קאָן איך גאָרנישט ניט טאָן“.

— מע מוז פאַרקערעווען יענע־אָ האַרמאַטן! — דאַניעל האָט באַוויזן אַף אַ ווייטן פעלד־וועג, איבער וועלכן עס האָבן זיך געטראָגן עטלעכע אַרטילעריִשע פערד־געשפּאַנען.

ניט פאַנאַנדערנעמענדיק די ציין, צווישן וועלכע ס'איז שוין פאַרפרעסט געווען דאָס מונד־שטוקל, האָט שטשוסעוו געענטפערט:

— אַהין איז אַוועקגעריטן מיין קאָמיסאַר. ער וועט פאַרקערעווען...

מער האָט מען גאָרנישט ניט גערעדט, נאָר אויב דאַניעל האָט אַ מינוט פאַר דעם נאָך קלאָר ניט פאַרגעשטעלט זיך, וואָס נעמט מען טאָן, איז ער, פאַרלאָזנדיק שטשוסעוון, שוין געווען פול מיט אַנטשלאָסנקייט צו טאָן דאָס, וואָס ער האָט אין עטלעכע מינוט אַרום געטאָן.

איצט האָט דער קאָמאַנדיר פון אַרטילעריע־פּאָלק ווידער געזאָגט, קוים עפענענדיק דאָס מויל, — דאָס מונדשטוקל מיטן אַלץ נאָך ניט אָנגעצונדענעם ציגאַר האָט, ווי געוויינלעך, גע־שטעקט צווישן די ציין:

— קומט, מירן גיין צוזאַמען, קרעמעז. די סאַפּיאָרן בויען פאַר מיר דאָ ניט ווייט אַ באַ־אָבאַכטונג־פונקט. איך וויל אַ קוק טאָן, ווי די אַרבעט גייט.

— איך וועל אייך באַגלייטן ניט ווייט. — דאַניעל האָט קוים פאַרבאָרגן דעם פאַרדראָס, ווייל ער האָט איצט אין קיין באַגלייטערס זיך ניט געניטיקט; פון דער צווייטער זייט, איז אים אַ שאָד געווען — גראָד מיט שטשוסעוון וואָלט זיך וועלן דורכשמועסן.

שטשוסעוו האָט קיין אַכט ניט געלייגט אַף דעם, וואָס דאַניעל איילט זיך ערגעץ. גענומען אים אונטער דער האַנט, אַרויסגעכאַפּט דאָס מונדשטוקל פון מויל און צוזאַמען מיטן ציגאַר אַראָפּגעלאָזט עס אין קעשענע פון גימנאַסטיאָרקע, האָט ער געזאָגט מיט אַ שטיל, ביטערלעך־אופגערעגט געלעכטער:

— אייערער אַ קוילנוואַרפער, קרעמעז, האָט דאָ נאַרוואָס גוט באַוויזן, פאַרוואָס מע טרעט אָפּ...

— איך האָב געזען.

— כאַ! אַן אומדערוואַרטער קלאַפּ! — שטשוסעוו איז שטיין געבליבן, ער האָט אָפּגעלאָזט דאַניעלס האַנט, נאָר אָפּגעזוכט אין דער פינצטער זיין פּאַרטופּייע און אים אויך געצוווּנגען שטיין. — פאַרוואָס האָט צו דער אומדערוואַרטקייט געקאָנט קומען, אָט וואָס מע דאַרף וויסן... איך האָב היינט אַף איינער אַ באַטאַריי אַ פּילאָט געזען אַ פּילאָט פון אַן אַראָפּגעקלאַפּטן פאַרניכטער „אי־זעכצן“. מאַמעש בא אונדז פאַר די אויגן האָט אַ „מעסערשמידט“ זיך ספּראַוועט מיט צוויי אַזעלכע מאַשינעס. דער פּילאָט איז געווען פאַרוווּנדעט אין ביידע פיס. אַ גוואַר, אַן עמעסער

אָדלער. אוך, ווי ער האָט זיך עס געזידלט מיט טרערן אין די אויגן: „אַף טרונעס פֿליִען מיר“... מע קאָן מיינען, אַז די קאָנסטרוקטאָרן אונדזערע האָבן גאָרנישט ניט צוגעטראַכט. ערשט מיר האָבן נײַע פֿאַרניכטער און באָמבאַרדירער, וואָס זײַנען בעסער פֿון די דײַטשישע, נאָר מע האָט זיך ניט געײַלט ארויסלאָזן זיי... דער פּילאָט ווייסט זיך זײַנס, און איך ווייס מײַנס: אויסגעצייכנטע האַרמאַטן האָבן מיר, אונדזערע זעקס-און-זיבעציקטלעך, אונדזערע האַוביצעס, די לײַכטע און די שווערע, אַלע זײַנען בעסער פֿון דעם דײַטשס, נאָר איין קלײניקײַט — בא אונדז גייען צו־מיינסטנס פֿערד אינעם געשפּאַן, און בא זיי — טראַקטאָרס, מאַשינעס. דער פּילאָט האָט, אגעוו, אויך וועגן די אַעראָדראָמען דערציילט: פּונקט פֿאַר דער מילכאָמע האָט מען זיי גענומען רע־קאָנסטרויִרן. דער פֿאַשיסט איז אָנגעפֿאַלן — און די אַעראָדראָמען טויגן ניט, און אַף די, וואָס טויגן, איז א געדראַנג פֿון אַעראָפּלאַנען, — האָט ער זיי, ווי ניס, צעקנאַקט אַף דער ערד...

דאַניִעל האָט געשוויגן. קימאַט דאָס זעלבע האָט ער שוין ניט איין מאָל געטראַכט, פּרווו־דיק פֿאַרשטיין די סיבעס, פֿאַרוואָס די מילכאָמע גייט אַזוי, ווי זי גייט. אָבער אונטערהאַלטן דעם דאָזיקן געשפּרעך האָט זיך ניט געוואָלט, און ניט נאָר ווײַל ס'איז עפּשער קליגער געווען אָפּ־שווײַגן, כאָטש שטשוסעוו איז אים געווען צום האַרצן, — ס'איז שווער און ווייטעקדיק געווען צו ריידן וועגן דעם אַלעם, טראַכטן בא זיך איז אײנס, און ריידן — א צווייטס...

באַפֿרײַט די פּאַרטופּייע פֿונעם אַרטילעריסטס פֿינגער, אומבאַשטימט געזאָגט: „נו, יאָ, אוואדע“, איז דאַניִעל אוועק ווײַטער. שטשוסעוו איז געגאַנגען באַנאַנד און בלויז פֿון מאָל צו מאָל אויסגעקערעוועט צו אים דעם קאָפּ; אין אָט דער באַוועגונג האָט זיך געפֿילט, ווי שטאַרק ער איז צערודערט. מיטאַמאָל האָט ער געפֿרעגט:

— איר האָט, קרעמעז, דוכט זיך, געדינט אַף דער גרענעץ?

— יאָ, אין א פּאַרפֿעסטיקטן ראַיאָן באַם סאַן. נאָר ווען די מילכאָמע האָט זיך אָנגעהויבן, בין איך געווען ווײַט — אַף קורסן.

— ניט וויכטיק. אָבער אַז די דײַטשן האָבן פֿון אָנהייב יאָר געהאַלטן אין איין אַריבער־וואַרפֿן איבער אונדזער גרענעץ זייערע אַגענטן, און וואָס ווײַטער, אַלץ מער, צען, פּופֿצן, דרײַ־סיק מאָל מער, ווי פֿריער מיט א יאָר, — דאָס האָט איר מיסטאָמע געוווּסט? איך בין אויך גע־שטאַנען בא דער גרענעץ, בא איזמאַיִל, און האָב דאָס געוווּסט. און עס איז ניט שווער געווען צו פֿאַרשטיין, פֿאַרוואָס היטלער איז אַזוי אויסבערענגעריש, פֿאַרוואָס ער וואַרפֿט זיך אַזוי מיט זײַנע אַגענטן, — ער גרייט א מילכאָמע. הײַנט די אַעראָפּלאַנען זײַנע, וואָס האָבן געהאַלטן אין איין פֿאַרבלאָנדזשען צו אונדז יעדן טאָג. די גרענעצלער און מיר, די אַרטילעריסטן, האָבן באַ־קומען א שטרענגן באַפֿעל — ניט שיסן, ניט אַראָפּקלאַפּן, עס זאָל, כאָלילע, ניט דערגיין צו א קאָנפֿליקט... האַ? און איצט זאָגט מען מיר: אַן אומדערוואַרטער אָנפֿאַל...

— איר ווייסט, מאַיאָר, ווי איינער מײַנער א באַקאַנטער פֿלעגט זאָגן? — אין דאַניִעלס קאָל האָט זיך דערהערט א שמייכל, נאָר געקאָסט האָט עס אים געזונט, — ווען איך זאָל זײַן אַזוי קלוג פֿריִער, ווי מײַן ווײַב שפּעטער...

— זעט איר! — שטשוסעוו האָט אופגעכאַפּט דעם שמייכל און פֿאַרשטאַנען אים אַף זײַן אויפֿן. — זעט איר, אָבער אַזעלכע זאַכן... — ער איז אַנשוויגן געוואָרן. מע האָט זיך גענומען אופהייבן אַף א בערגל, א באַוואַקסענעם מיט ווילדגראָז. — פֿו, בודזיקעס! — דער אַרטילעריסט האָט זיך אויסגעזידלט, און דאָס האָט באַוויזן, אַז ער איז צעקאָכט און א ביסעלע באַליידיקט. א שטיקל וועג איז ער געגאַנגען פֿאַרויס פֿון דאַניִעלן, צובייגנדיק מיט די שטיוול דאָס ווילדגראָז, נאָר ווען מע האָט געמיטן די געדיכטעניש, האָט ער ווידער זיך אָנגערופֿן מיט א טאָן, ווי ער וואָלט פֿאַרשטיין דאַניִעלס רעפּליק, אים מויכל געווען, נאָר פֿאַרט ניט געקאָנט ניט אַרויס־זאָגן דעם אומבאַשטרײַטבאַרן עמעס:

— דאָס, קרעמעז, קערט איר שוין אַקוראַט וויסן בעסער פֿון מיר. מע האָט אַף דער נײַער גרענעץ נאָך ווײַט ניט געהאַט פֿאַרענדיקט בויען די פֿאַרפֿעסטיקונגען, און די אַלטע שוץ־ראַיאָנען שוין דערווײַל אַנטוואָפֿנט, אַרויסגעפֿירט די גאַרניזאָנען פֿון זיי. בא אײַך האָט מיסטאָמע אויך געפֿעלט צום קאָמפּלעקט אי מענטשן, אי געווער?

— ווען איך בין אַוועקגעפֿאָרן אַף די קורסן, האָט געפֿעלט, פֿאַרשטייט זיך.

— און שפּעטער? מע האָט אײַך דען ניט געשריבן?

— עס האָט אויך שפּעטער געפֿעלט, נאָר ווייניקער...

— אָט! און דאָס מיליטער, וואָס האָט געדאַרפֿט פֿאַרטיידיקן די גרענעץ, איז געשטאַנען א זעכציק-זיבעציק קילאָמעטער פֿון די פֿאָדערשטע פּאָזיציעס. יעדע דיוויזיע האָט געהאַט פֿאַנאַנדערגעוויקלט בלויז איין באַטאַליאָן, א ראָטע. אַן אַרטילערישער פּאָלק האָט פֿאַנאַנדער־געוויקלט א באַטאַרי, מאַקסימום א דיוויזיאָן. דערבײַ האָט, אַשטייגער, אונדזער דיוויזיע גע־

שיצט א באצירק פון הונדערט קילאָמעטער אַנשטאָט צען—צוועלף... מע האָט פראָסט ניט דערשאצט דעם סוינע, ניט געגלייבט, אז ער וועט וואגן אָנפאלן.

— ווען עס ברענט די שטוב, שטשוסעוו, איז שוין עפשער ניט אזוי וויכטיק, פארוואָס זי ברענט, דאָס וויכטיקסטע איז לעשן.

— כאָ! מיר לעשן, מיט בלוט לעשן מיר! א יאם בלוט... דאָס זײַט איר, פארשטייט זיך, גערעכט: מע וועט זיך אמאָל פאנאנדערקלײַבן אין אלץ, אופקלערן די סיבעס די קינדער, די אייניקלעך, צי עפשער אפילע אונדז אויך, אויב מיר וועלן האָבן דאָס גליק עלטער צו ווערן. נאָר דאָס איז א קנאפע טרייסט.

— א טרייסט א קנאפע, אָבער א וואָרענונג א גוטע... — דאניעל האָט אויסגעשטרעקט שטשוסעוון די האנט. — אָט דאָ פארקערעווע איך. אגעוו, איז אין דער וועגדונג פון דריטן יול שוין געזאָגט געוואָרן דאָס וויכטיקסטע: אז די געפאר פארן לאנד איז א מוירעדיקע, און וואָס מע דארף טאָן, איז דאָרט אויך קלאָר געזאָגט געוואָרן. און דאָס פאָלק איז בא אונדז אזא, אז ווען עס ווייסט וועגן דער געפאר און מע ווײַזט דעם א ריכטיקן וועג, ווערט עס צען מאָל, הונ־דערט מאָל שטארקער.

שטשוסעוו האָט ארויסגענומען דאָס מונדשטוקל פון קעשענע, צוגעטראָגן עס צום מויל, נאָר ניט פארפרעסט צווישן די ציין. ער האָט געפרעגט:

— איר זײַט א פארטייער, קרעמעז?

— יאָ.

— איך — ניט, ריכטיקער — נאָך ניט... נו, אין איין שלאכט האָבן מיר זיך שוין מיט אײַך געטראָפן, מיר וועלן זיך נאָך טרעפן ווידער... און וועגן פאָלק זײַט איר, פארשטייט זיך, גע־רעכט. יענער־אָ קוילנוואָרפלער ווייסט טאקע וויניקער פון מיר, נאָר דאָס איקערדיקע פאר־שטייט ער.

דאניעל איז אוועקגעגאנגען פון שטשוסעוון מיט א גוט געפיל, כאָטש אויך א טיף צערודער־טער. ער האָט געטראכט, שפאנענדיק דורך דער סטאַרניע: „פּאָשעטע, ערלעכע מענטשן — אָט ווער ס'איז דאָ אין טאָך אף דער פּאָדערליניע. יעדערער האָט זיך אָפּגעזעגנט מיט אלץ, וואָס איז אים טײַער אין לעבן, מיטן גוטן און מיט דעם, וואָס האָט אים ניט שטענדיק געפרייט, יעדערער האָט זיך דאָ זײַנע זאָרגן, זײַנע פארדראָסן און זײַנע האָפענונגען, און טאקע פון דעם אוודע קומט אוף די האָפענונג פון דעם גאנצן לאנד, טאקע פון דעם..."

בא די דרײַ טאָפּאָלן אין עק הרעבליע, ווו עס געפינט זיך דאָס בײַדל פון דעם באטאליאָנעם סאנפונקט, האָט דאניעל דערזען צווי פערד, וואָס האָבן זיך געפּאשעט, אונטערשפּרינגענדיק אף די פאָדערשטע געפּענטעטע פיס. ער האָט געמאכט נאָך עטלעכע שפאן מיטן מיין צו געפינען עמעצן אף שיקן אים ארויסרופן די פעלדשערקע, קעדיי דערוויסן זיך, ווי איז טשארנעס גע־זונט, און מיטאמאָל דערהערט אן אָפּשפּעטנדיקע צוגעשטיקטע שטים פון אונטער א וואָגן, וואָס האָט געטונקלט אין דער נאכט.

— הא, קאראטײַ, וועסט טאקע קיין האנאָע ניט האָבן פון דײַן פּאסאזשירקע?..

— א ניכפּע אף דיר! — האָט מיט פארדראָס געענטפערט א צווייטע שטים. דאניעל האָט פארשטאנען, אז ס'איז דער באַאָרטער סאָלדאט, אף וועמעס וואָגן טשארנע איז געפאָרן.

— ניין, זאָג טאקע...

— אך! — קאראטײַ האָט שווער א זיפץ געטאָן. — דוכט זיך, ארום איז אזויפיל אומגליק, און דיר קריכן נארישקײַטן אין קאָפּ ארײַן. איך זאָג דאָך דיר, א ניכפּע אף דיר, פאר ראכמאָנעס האָב איך זי ארופגענומען!

„אזויפיל אומגליק"... — און ווידער האָט זיך דאניעל דערמאָנט אין דעם גאנצן שמועס מיט שטשוסעוון, אין יענעמס צערודערט געזיכט. ער איז צוגעגאנגען צום וואָגן, אָנגעבויגן זיך און דערזען, אז צו קאראטײַען שטייט צו איינער פון ראָטשעפּקינס אויסשפּירער. דערקענט דעם קאָמאנדיר פון פּאָלק, זײַנען אי דער אָנטרײַבער, אי דער סערזשאנט ארויסגעקראָכן פון צווישן די רעדער און שטיין געבליבן אויסגעצויגן.

— גייט צו דער בריק, פארבײַט דעם יעפרייטאָר איוואָלגין! — האָט דאניעל אומצופרידן באפוילן דעם אויסשפּירער.

ווען יענער איז אוועק, האָט דאניעל געפרעגט קאראטײַען:

— וואָס מאכט די קראנקע?

— נישקאָשע, — האָט קאראטײַ פארלוירן געזאָגט, — מע האָט איר עפּעס אײַנגעגעבן א פּראָשעק... איך מיין, זי פילט זיך שוין בעסער. דאָס מיידל, די פעלדשעריצע, טרינקט דאָרט מיט איר טיי, אין בײַדל.

— אזוי גאָר? — דאַניִעל האָט געקלערט א ווײַלע. — איך דערלויב אײַך אָפּפירן זי אין טשערעפּקאָוואָ. טאָקע איצט. דאָרט איז דאָ א סאַנבאַט, וועט איר בעטן אין מײַן נאָמען, מע זאָל זי אָפּשיקן מיט די פאַרוווּנדעטע אין הינטערלאַנד. די צײַט איז אזא! — האָט ער צוגעגעבן, ניט צו פאַרשטיין, צי ער פאַרענטפערט זיך פאַר זײַן הארבקײַט, צי, פאַרקערט, פאַר דער באַזונדערער זאָרג וועגן דער דאָזיקער ציווילער פרוי.

דער, וועלכער האָט נעכטן צוויי מאָל אויסגעשאָסן אין דאַניִעלן און אין וועלכן זעמליאַניצין האָט אַרויסגעלאָזט עטלעכע קוילן פון אווטאָמאַט, איז געבליבן לעבן. א פאַרוווּנדעטער אין קאָפּ און אין אַקסל, איז ער אײַנגיכן געקומען צו־זיך, אָוועקגעפּויזעט אהין, וווּ די טווּע איז ניט אויסגעטאָפּטשעט געווען, און אָנגעשטערענגט זיך אײַנגעהערט יעדעס מאָל, ווען עמעצער איז נאָענט דורכגעגאַנגען אָדער דורכגעפאָרן. ער האָט קיינעם ניט גערופן. דאָס בלוט אף די וווּנדן איז צוגעטריקנט געוואָרן, ווי־ניט־איז האָט ער זיי צוגעדעקט מיט מאַרליע, און זײַן אייניציקע זאָרג איז געווען — אָפּטרײַבן פון זיך די ראָבן און די בײַסיקע פליגן — די פּאָוטן.

פאַרנאַכט האָט ער אָנגענומען א באַשלוס, וואָס צו אים איז ער שוין, אייגנטלעך, געווען גרייט, ווען ער האָט געצילט אין דאַניִעלן, — א מענטשן, וועלכן ער האָט גוט געקענט און אויס פּאַכדאַנעס געוואָלט אָפּראַמען פון וועג, ער זאָל אים ניט צווינגען גיין צוריק אין פײַער אַרײַן.

אפן ראַנד פון יענער באַלקע, פון וועלכער מע האָט בייס דער קאָנטראַטאַקע געהאַט אָפּגעוואָרפן די דײַטשן, נאָר ביין־האַשמאַשעס ווידער פאַרלאָזט זי און אָפּגעטראָטן אף דאָרעם, האָט דער סוינע אווועקגעשטעלט עטלעכע זעניט־האַרמאַטן. יעדע מינוט האָט דאָרט אופגעלויכטן א פּראָזשעקטאָר, ווי א מוירעדיק גרויסע לעוואָנע, און טייקעף געגומען צאַנקען, ביז בלויז א ווײַסלעך רויכל האָט געשלענגלט זיך אונטערן קײַלעכדיקן גלאָז. זיצנדיק אינעם ווייץ, האָט דער פאַרוווּנדעטער לאַנג זיך אײַנגעהערט אין די פרעמדע שטימען, דערנאָך געגומען פּויזען אהין, וווּ עס האָט זיך געצונדן דער פּראָזשעקטאָר. ווען אין דער פינצטערניש האָט ווידער א זעץ געטאָן א בלויער זײַל בלענדנדיקע שײַן, באַגאָסן ווי מיט קוועקזילבער די צעוויגטע זאַנגען, האָט דער פאַרוווּנדעטער זיך אויסגעגלײַכט אין גאַנצן וווּקס און מיט אופגעהויבענע הענט אַרײַן אינעם ציטערדיקן העלן פּאַס.

II. וואָס קומט פאַר הינטער די בערגלעך? די לעצטע פּאַטשט. דער באַכער מיט דער קעפקע אונטערן אָרעם

1 נאָך האַלבער נאַכט איז איבער דער בריק לעבן טשערעפּקאָוואָ אריבערגעפירט געוואָרן א דיוויזיאָן שווערע אַרטילעריע. די האַרמאַטן זײַנען אײַנגיכן אײַנגעשטעלט געוואָרן הינטער די בערגלעך מיזרעך־צו פונעם דאָרף און זיי האָבן געעפנט א רעגולערן פײַער. סנאַריאַדן האָבן מיט אַן אויסגעצויגענעם שטאָלענעם פײַף זיך געטראָגן איבער די קעפּ פון די שלאַכטלײַט, וואָס האָבן פאַרנומען פּאָזיציעס באַם טײַך.

דאַניִעל האָט זײַן קאָמאַנדע־פּונקט אײַנגעאָרדנט אף איינעם פון די בערגלעך, וואָס האָט געהערשט איבער דער הרעבליע. דאָס איז געווען א פעסטער בלינדאַזש, איבערגעדעקט מיט בערוונעס, פאַרשאָטן מיט ערד און פאַרמאַסקירט. אויסגעשטאַט האָבן אים סאָלדאַטן פון דער סאַפּיאָרן־ראָטע, וועלכע איז געקומען פון דער פאָדערשטער ליניע.

דאָ, אין קאָמאַנדע־פּונקט, אונטער די הילכיקע אויסרופן פון דעם טעלעפאָניסט, איז דאַניִעל אײַנגעשלאָפן מיט אַן אומרויִקן שלאָף, בייס וועלכן עס האָט אים ניט אָפּגעלאָזט די זאָרג וועגן די באַטאַליאָנען, וועגן די אַרטילערישע באַטארייעס, וועגן זײַנע פאַרבינדלער, וועלכע קלײַבן זיך דורך דורך סטעפּישע שטעגן אין די פּאָלקן פון די שכײנישע דיוויזיעס, וואָס האָבן טכילעס נאַכט זיך געגומען באַוויַזן לענגאויס דעם ברעג. אין מידן מויעך, וואָס איז ווי פול געווען מיט בליצן, האָט אַלע מאָל אופגעלויכטן עפּעס אַן אנדער בילד, וואָס ער האָט געזען פאַרן טאָג, עס זײַנען אופגעקומען גדאַנקען, און דער שלאָף האָט זיי באַלד פאַרטונקלט, נאָר ניט אויסגעלאָשן, אָפּגערוקט זיי אין א זײַט, — זאָלן זיי צוּוואַרטן, ביז דאַניִעל שלאָפט, זיצנדיק אף אַן אָפּגעזעגטן קלעצל, צוגעשפּאַרט מיט אַן אַקסל צום ערדענעם ווענטל פון בלינדאַזש. עטלעכע מאָל האָט פאַר אים דורכגעשוועבט טשאַרנעס פּאָנעם, כאָטש ער האָט ניט געקאָנט פאַרשטיין, ווי קומט זי אהער, און צופרידן איז ער געווען ניט אזוי פון דעם, וואָס ער זעט זי, ווי פון דעם, וואָס ער האָט עפּעס גוטס געטאָן פאַר איר. וואָס געטאָן — האָט ער זיך ערשט געדאַרפט דערמאָנען, אָבער ניט געוואָלט זיך אָנשטרענגען — אבי גוטס...

— כּאָווער מאַיאָר, כּאָווער מאַיאָר! — האָט עמעצער אים אַ רוף געטאָן. דאַניִעל האָט געעפֿנט די אויגן און באַ דער שײַן פֿונעם קאַנעצל דערזען פֿאַר זיך דעם אָנטרײַבער קאַראַטײַען אין אַ פּלאַשטש־פּאַלאַטקע, מיט אַ בײַטש אין האַנט.

אופּגעוועקט דעם קאָמאַנדיר, האָט קאַראַטײַ פֿאַרלוירן אַ הוסט געטאָן אין דער דלאָניע, אָפּגעטראָטן איין שפּאַן פֿון אים און געזאָגט:

— אײַער באַפֿעל איז אויסגעפֿילט, כּאָווער מאַיאָר!

„באַפֿעל!" — דאַניִעל האָט זיך אַ קנייטש געטאָן (מיט באַדויערונג און אַפֿילע מיט אופּגע־רעגטקייט האָט ער געפֿילט, ווי דער שלאָף טוט זיך אָפּ פֿון אים און אַלע נאָגנדיקע גלידער וואַכן אויף), — „באַפֿעל... איך האָב באַפֿוילן, און דו האָסט זיך דערפֿרייט!" — האָט ער קימאַט מיט קאַס געטראַכט, נאָר באַלד — נאָכגיביק: „נו, יאָ, מײַן באַפֿעל..." אײַנגאַנצן אַ וואַכער, האָט ער זיך שוין אָנגעשטרענגט צו הערן, וויאַזוי קאַראַטײַ האָט אײַנגעאָרדנט טשאַרנעץ, נאָר יענער האָט ווידער צוגעטראָגן די דלאָניע צום מויל און אַ הוסט געטאָן:

— דער גענעראַל וויל אײַך זען, כּאָווער מאַיאָר... אונדזער גענעראַל יאַסענעוו, פּאַוועל אַלעקסייעוויטש, לעבט! — ער האָט די דאַזיקע ווערטער אַרויסגערעדט מיט פֿײַערלעכקײַט אין שטים.

דאַניִעל איז האַסטיק אופּגעשטאַנען:

— ווו איז דער גענעראַל?

— דאָרטן, אין דאָרף... איך ברענג צו פֿירן די בירגערן צו דער שול, ווו דער סאַנבאַט האָט זיך געפֿונען, ערשט — ער איז שוין ניטאָ, אַוועקגעפֿאָרן. אַ פֿעלדשער פֿונעם אַרטילעריע־דיוויזיאָן קלײַבט זיך אַהער אַרײַן מיט זײַן האָב־און־גוטס. איך רייד מיט אים אָפּן גאַנעקל, עפּשער וואָלט ער געהאָלפֿן דער בירגערן פֿאָרן ווײַטער, און דאָ שטעלט זיך אָפּ אַ מאַשין באַם פּלויט, און צוויי זעלנער לאָזן זיך גיין אין הויף אַרײַן — איינער פֿירט אונטער דער האַנט דעם צווייטן. איך האָב אַזש אַ ציטער געטאָן: אונדזער גענעראַל פֿירט מען! איין מאָל האָב איך אים דען געזען גיין צו די אָקאָפּעס, ווען מיר זײַנען געשטאַנען אָפּן פּרוט?.. ער דאַרף אַ דאָקטער, עפּעס איז באַ אים ניט אין אָרדענונג מיט דער וווּנד אין זײַט. פֿונעם טרייסלען אוואַדע. דער גענעראַל האָט געפֿרעגט באַם פֿעלדשער, צי איז ער ניט פֿון אונדזער דיוויזיע, האָב איך זיך אָנגערופֿן: „איך, כּאָווער גענעראַל־מאַיאָר, בין פֿון אײַערער!" „אַזוי? — זאָגט ער, — פֿון וועלכן פּאָלק?" — און איז נאָך עפּשער פֿינף מינוט מיט מיר געשטאַנען, פֿאַנאַנדערגעפֿרעגט מיך אַלץ, וואָס הערט זיך דאָ באַ אונדז. יענער, וואָס האַלט אים אונטער די הענט, טײַנעט: „כּאָווער גענעראַל, די וווּנד". און ער פֿרעגט מיך אַלץ אויס... נאָך אײַך, כּאָווער מאַיאָר, האָט ער געוואָלט שיקן די מאַשין, נאָר זי איז קאַליע געוואָרן, האָב איך שוין אַוועקגעשמיסן אָף מײַנע פֿערדלעך. אויב איר קאָנט, האָט ער איבערגעגעבן, זאָלט איר טייקעף קומען צו אים.

— אין שול? — האָט דאַניִעל איבערגעפֿרעגט.

— אין שול. און דאָרטן איז אויך יענע בירגערן. איך האָב זי געלאָזט נעכטיקן באַ דער וועכטערן. פֿאָרט אַזאַ אָרט: באַם סאַמע קרייצוועג. עפּשער וועט זיך איר אײַנגעבן אַוועקפֿאָרן.

2

דאַניִעל איז אַרויסגעגאַנגען אָף דער פֿרישער לופֿט צוואָרטן, ביז עס וועט קומען דער פֿאַליטרוק סאָקאָליעץ, וועלכן ער האָט זיך געקליבן לאָזן אָנשטאָט זיך אָפּן קאָמאַנדע־פּונקט. און דאָ האָט ער באַם עק פֿון דער זיגזאַגאַרטיקער טראַנשיי, וואָס ציט זיך אוועק איבערן שיפּוי פֿונעם בערגל, דערזען בוזולוקן: יענעמס שלאַנקער, טונקעלער סילועט האָט זיך אויסגעטײלט אָפּן פֿאָן פֿונעם פּאַרטאָגיק־גרויען הימל. דעם שינעל האָט בוזולוק געהאַלטן אונטער דער פּאַכווע, די לינקע האַנט איז אָן אונטערגעבונדענע געהאַנגען אָף דער ברוסט.

— ע־הע, קאַפּיטאַן, וואָס איז באַ אײַך מיט דער האַנט? ערנסט? — האָט דאַניִעל געפֿרעגט.

— ניט שרעקלעך, קאַשע קאָן איך נאָך עסן! — האָט בוזולוק כמורנע געענטפֿערט. דעם שינעל האָט ער גלײַך אַראָפּגעלאָזט אָף דער ערד, קעדיי באַפֿרײַען די רעכטע האַנט צום באַ־גריסן זיך.

דאַניִעל האָט באַמערקט, אַז די פֿײַער־אויפֿבליצן אָף מײַרעוו זײַנען געוואָרן נעענטער, אָנשוילעכער. בוזולוק האָט אָבער געקוקט אָף דאָרעם: אָפּן גרוילעך־טונקעלן הימל־ראַנד זײַנען ווי שטערנדלעך אומגעשפּרונגען.

— אָדעס שלאָגט אָפּ אָן אָנפֿאַל, — האָט בוזולוק שטיל געזאָגט, — שוין לאַנג. איך בין אַ מינוט דרײַסיק געפֿאָרן אַהער, און די זעניטקעס האָבן אַלץ געאַרבעט...

„דרײַסיק מינוט, — האָט דאַניִעל אַ טראַכט געטאָן, — פֿונוואַנען זשע איז ער דען געפֿאָרן, וואָס ער איז אַזוי שנעל געקומען?" ער האָט געפֿרעגט:

— אף וואָס זײַט איר געקומען צו פֿאָרן?

— רײַטנדיק.

— רײַטנדיק? — „א קילאָמעטער צען“, האָט דאַניעל אָפּגעמערקט בא זיך. — פֿונוואַנען קומט איר איצט?

— פֿון ערשטן עשעלאָן. אייגנטלעך, פֿון קאָמאַנדע־פּונקט. מע האָט זיך אָפּגעשטעלט אין שילקי, ביז די פּאָלקן וועלן זיך אונטערציִען. מע לאָזט בלויז קלײנע אריערגאַרדן. א טייל פֿון ערשטן עשעלאָן איז שוין אין גלינאַיע צוזאַמען מיטן צווייטן, און עס קאָן זיך אויך מאַכן, זיי זאָלן אין א שאָ ארום דורכגיין דאָ... ער שפּאַרט זייער, און ניט אזוי אף אונדז, ווי אף די שכיינים פֿון צאָפֿן. ריכטיקער, אף אונדז אינגאַנצן ניט, ער האָט אפֿילע נעכטן קאַיאָר געגומען אָפּטרעטן, און לעמעכאָוו האָט זיך געהאַט א לאָז געטאָן נאָך אים, דערפֿאַר האָט מען זיך פֿאַרהאַלטן קימאַט אף א האַלבן טאָג. א סוואָרע אָבער, אז אף צאָפֿן האָט ער טאַנקען, א באַטאַליאָן מאָטאָציקליסטן און איז שוין דאָרט ארויס צום טײַך... יאָ, דער גענעראַל יאַסענעוו קערט זיך אום!

— איך ווייס, דאָס קלײַב איך זיך צו אים קיין טשערעפּקאָווא. איר קאָנט מיר מיטיילן די לאַגע אף דער פֿאָדערשטער ליניע?

ווען מע איז ארײַן אין בלינדאַזש, האָט דער טעלעפֿאָניסט געזאָגט:

— פֿון סאַריאַנס באַטאַליאָן גיט מען איבער, אז צום נײַעם שאָכן זייערן פֿון דאָרעם דער־גרייכן שוין דעם סוינעס סנאַריאַדן.

דאַניעל האָט דאָס אויסגעהערט מיט פֿעסט צונויפֿגעדריקטע ליפּן, בוזולוק — מיט א ניט געענדערטן, רויקן אויסדרוק אפֿן געזיכט, וואָס האָט געוויזן, אז דאָס איז אים באַוווּסט.

געגומען דאָס קאָנעצל אין האַנט, האָט דאַניעל זיך צוגעזעצט אפֿן קלעצל אין ווינקל, וווּ ער האָט פֿריִער געדרעמלט.

— באַווײַזט אף דער מאַפּע, וואָס איז דאָרטן בא אײַך...

בוזולוק האָט זיך אראָפּגעלאָזט אף איין קני און אף דער צווייטער, דער איינגעבויגענער, אוועקגעלייגט דעם צעעפֿנטן פּלאַנשעט; א פּאָר מינוט, ביז דער קאָמאַנדיר פֿון פּאָלק האָט זיך אײַנגעקוקט אין דער מאַפּע, האָט ער מיט דער געזונטער האַנט געדרייט א שפּיץ וואָנציע, דער־נאָך געכאַפּט זיך און איבערגענומען בא קרעמעזון דעם קאָנעץ.

— בא וועמען האָט איר באַקומען די ידיעס? — דאַניעל האָט אופֿגעהויבן די אויגן, וואָס האָבן בא דער שײַן פֿונעם טשאַדענדיקן קאָנעצל אויסגעזען שוואַרץ; ער האָט פֿאַרקלערט, מיט פֿאַרטײַעטער זאָרג, זיך אײַנגעקוקט אין בוזולוקס פֿאַרברוינט געזיכט. יענער האָט געענטפֿערט: „באַם אָפּעראַטיוויסט“ — און דאַניעל האָט אַלץ געקוקט אף אים.

— איר זײַט לאַנג אין דער ארמיי, קאַפּיטאַן?

— א יאָר צוועלף.

— און אַלץ אף ווירטשאַפֿטלעכער ארבעט?

— פֿאַרוואָס? געענדיקט א פֿעכטאָט־שול, א פּאָר יאָר זיך געבאָברעט מיט א ראָטע, געוועזן אַן עלטערער אדיוטאַנט אין א באַטאַליאָן...

— אָט! דאָס זעט מען גלײַך... הערט אויס, קאַפּיטאַן, איך דאַרף זייער א פּאָמפּאָכאָז, נאָר איך מוז אײַך זאָגן, אז א נאַטשסטאַב[1] דאַרף איך נאָך מער. וועט אײַך אויסקומען אָנטרײַבן מיט צוויי פֿערדלעך, ביז...

בוזולוק האָט א שמייכל געטאָן.

— וואָס איז? — האָט דאַניעל געפֿרעגט.

— דער „עז־שאַ“[1] פֿון אונדזער פּאָלק, טאַזולין, האָט זיך דאָך געפֿונען.

— ווו זשע איז ער?

— דער קאָמיסאַר זאַגאָרויקאָ האָט אים געהייסן געבן א ביקס אין האַנט און — שאַגאָם מאַרש אין ראָטע! ער האָט זיך אויסגעבאַהאַלטן אף א כוטאָר, געקלערט, אז מיר זײַנען שוין אף דער וועלט ניטאָ.

— טאַזולין?

דאַניעל האָט עטלעכע רגעס אָנגעשטרענגט געקוקט אף בוזולוקן, אזוי אז יענער האָט פֿאַרכידעשט א פֿינטל געטאָן מיט די אויגן און געפֿרעגט:

— וואָסי, כאָוער מאַיאָר, איר קענט אים?

— ניין, קיינמאָל ניט געזען, — דאַניעל האָט מיט דער דלאָניע צוגעדעקט די אויגן, א רײַב געטאָן זיי, ווי מע טוט, בייס מע וויל דורכטרײַבן שלעפֿעריקײַט צי א פֿײַנלעכן געדאַנק, — ניין, ניין, — האָט ער שטילער געזאָגט, נאָר דאָס מאָל שוין ניט צו בוזולוקן, צו זיך אַליין. אָבער אין

---

[1] שעף פֿון שטאַב.

מויעד האָט פאַראקשנט געפיקט: „פּאַרוואָס — ניין? גראָד יאָ, גראָד יאָ...‟ און שוין לאַכלוטן קלאָר: „טאַנאַגאָז! דאָס איז געווען יורי טאַנאַגאָז!‟ ניט וועגן דעם שלימאַזלדיקן נאַטששטאַב האָט ער איצט געטראַכט. דעם נאַטששטאַבס פאַמיליע האָט אים לויט אַן אַסאָציִאַציע דערמאָנט אין א צוויטן מענטשן, יענעם, אין דער פאַנאַנדערגעשפּיליעטער גימנאַסטיאָרקע, מיטן פּיסטאָלעט אין האַנט, דעם, וועלכער איז, ווי א גרינער שאָטן, אויסגעוואַקסן אינעם צעטאָפּטשעטן ווייץ, בייס דער פּאָלק איז אָפּגעטראָטן. ס'איז ווידער ארויסגעשווומען פאַר זייַן בליק דאָס דאַרע געזיכט מיט דער קורצער, האָרבאַטער נאָז, מיט דער ארויסטאַרטשענדיקער אונטערשטער קין און מיט די שיטערע האָר, שווייסיק־צוגעקלעפּטע צום שאַרבן.

„יאָ, טאַנאַגאָז...‟ — און אין איין אויגנבליק האָט דער זיקאָרן אויפגעמישט דאָס, וואָס איז דאָרטן, אין פעלד, אין דער מינוט פון גרעסטער אָנשטרענגונג, געבליבן פאַרנעפּלט.

מע האָט אָנגעקלאַפּט אין פענצטער. דרייַען. דרייַ שאָטנס אין דער רעגנדיקער נאַכט. צו דער שויב האָט זיך צוגעבויגן טאַנאַגאָז. ער, דאַניִעל, האָט זיך דעמלט געפילט ניט מיט אַלעמען, געקומען שפּעט אין אָוונט פון זייַן טייל א דורכגענעצטער — ס'האָט אים געפיבערט און ער איז קוים אנשלאָפן געוואָרן. די טיר האָט געעפנט אָלגע — אינעם כאַלאַט, וואָס זי האָט שנעל ארופגעוואָרפן אַף זיך. נאַטאַשע האָט זיך אויך אויפגעכאַפּט. וויפל איז זי דעמלט אַלט געווען? נייַן, דאָס צענטע... עס זייַנען אַרייַנגעקומען די דרייַ — צוויי אומבאַקאַנטע, און ער, טאַנאַגאָז, שוין א צופיל באַקאַנטער. טאַנאַגאָז האָט געזאָגט:

— טוט זיך אָן, קרעמעז. מיר דאַרפן בא אייַך מאַכן אַן אונטערזוכונג.

ליאָניע איז אַרייַנגעקומען פון זייַן צימער אינגאַנצן אָן אָנגעטאָנענער, בלויז די קנעפּלעך פונעם העמדל ניט ריכטיק פאַרשפּיליעט. ער איז שטיין געבליבן א בלאַסער בא דער טיר, און פּלוצעם א שפּאַן געטאָן צו טאַנאַגאָזן, גלייַך אין פּאָנעם אים געוואָרפן: „אויסוואָרף!‟ ליאָניע האָט דער איינציקער געזאָגט דאָס, וואָס מע האָט געדאַרפט זאָגן. אין דער דאָזיקער רעגע האָט ער, דאַניִעל, דערפילט, ווי טיף דאָס יינגל האָט אים ליב און אַז דאָס איז טאַקע זייַן זון, זייַנער מיט יעדן טראָפּן בלוט. עס האָט פאַרדראָסן, וואָס מע איז יאָרן געווען צעשיידט, וואָס ער האָט ניט נאָר ווייניק געקענט ליאָנען, — ווייניק דערנעענטערט אים צו זיך. אָט דאָס אַרט ביז הייַנט.

די אונטערזוכונג האָט לאַנג ניט געדויערט. וואָס איז געווען צו זוכן לאַנג אין דער קימאַט ליידיקער דירע פון א וואַנדערנדיקער אָפיצערישער מישפּאָכע? ווען מע האָט געהאַלטן בא אוועקגיין, שוין אינפּירען, האָט אָלגע זיך געכאַפּט:

— טרינק עפּשער אויס א גלאָז טיי, דאַניע.

זי האָט גענומען דעם טערמאָס פון טיש און די גלאָז, ווו ס'איז נאָך פון אַפּדערנאַכט געבליבן א לימענע־ריפּטל.

טאַנאַגאָז האָט מיט באַדויערונג (אָט דעם אָנשטעל פון שאַקירטקייַט און באַדויערונג האָט ער אויסגעהאַלטן די גאַנצע צייַט) געזאָגט:

— מע טאָר ניט, אָלגאַ סעמיאָנאָוונאַ, ער איז שוין איזאָלירט... איר וועט אינדערפרי אים ברענגען א פּעקל אין דעזשורקע.

די ערשטע פאַרהערן האָט אויך דורכגעפירט טאַנאַגאָז, די ערשטע און אַוודע די וויכטיקסטע. קיין כאַבאַראָווסק האָט מען דאַניִעלן אָפּגעשיקט שוין מיט א היפּשער פּאַפּקע, א „דיעלע‟...[1] בייס די פאַרהערן פלעגט טאַנאַגאָז זיך דערלויבן אַזוינס, וואָס האָט געדאַרפט אונטערשטרייַכן קלוימערשט זייַן גוטע, יעדנפאַלס, אינדיפערענטע באַציִונג צו אים, נאָר אין טאָך איז עס געווען א מיטל צו דערצאָרענען, באַליידיקן, ארויסרופן פאַרצווייפלונג: „איך האָב נאָרוואָס געזען, קרעמעז, אייַער טאָכטערקע גיין אין שול‟. אָדער: „אָלגאַ סעמיאָנאָוונאַ איז געקומען צום קאַסיר נאָך אייַער געהאַלט פון — ביזן... ביזן... ער האָט מיר אָנגעקלונגען, האָב איך געהייסן אויסצאָלן...‟ און אויך אַזוינס: „עפּשער ווילט איר, איך זאָל אייַך צונויפירן מיט אייַער זון? ער וועט נישט קאָנען ניט באַשטעטיקן‟... יאָ, ליאָניע... אָט פון דעם איז געקומען זייַן ביטערער: „אויסוואָרף!‟ טאַנאַגאָז האָט ווירקלעך אויסגעכיטרעוועט באַם יינגל אייניקע פּראָטים וועגן דאַניִעלס ביִאָגראַפיע, אַן און פאַר זיך גאַנץ אומשולדיקע, נאָר א דריי טאָן האָט מען זיי געקאָנט, ווי מע וויל. דערנאָך, ווען ער האָט זיך שוין אומגעקערט, דאַניִעל, האָט ליאָניע, פילנדיק עפּעס, דערציילט, וואָס בא אים איז געווען מיט טאַנאַגאָזן. „מיילע, עס האָט מיר ניט געשאַדט‟, — האָט ער דעם יינגל גרינגער געמאַכט דאָס האַרץ. „ליאָניע, ווו איז ער איצט?‟ — און אָט די זאָרג וועגן ליאָניען, און באַלד אויך וועגן נאַטאַשען און אָלגען, אַלע זאָרגן, וואָס זייַנען געלעגן אַף זייַן קאָפּ, דער ארויסרוף צום גענעראַל, — דאָס אַלץ האָט באַלד פאַרמעקט טאַנאַגאָזס געזיכט,

[1] א דאָסיע.

זײַן אויסגעצויגענע האַנט מיטן פּיסטאָלעט, און דאניעל האָט שוין ווידער גענומען צווייפלען, צי האָט דאָס טאַקע טאַנאַגאַז אין אים געשאָסן. „געדאַרפט כאָטשבי א קוק טאָן אף דעם, ווען זעמליאַניצין האָט אָוועקגעלייגט. בייס כ׳בין פאַרבײַגעלאָפן, האָב איך געקאָנט א קוק טאָן“.

צוגענומען די האַנט פון די אויגן, האָט ער געפרעגט:

— זאָגט, בוזולוק, און פון אַזאַ איינעם האָט איר ניט געהערט: יורי טאַנאַגאַז? ניט געווען בא אײַך אַזאַ אין דער דיוויזיע?

— טאַנאַגאַז? געווען, און עפּשער איז ער איצט אויך דאָ — אונדזער אָסאָביסט, דער פאַרטרעטער פון שעף.

— אָך, אַזוי? — דאניעל האָט צונויפגעלייגט די מאַפּע. — איך וועל זי מיטנעמען. פאָר איך, הייסט עס. איר בלײַבט דאָ אָנשטאָט מיר. דעם לייטענאַנט ראַזשעפּקין האָב איך געשיקט אין רײַטער־אויסשפּיר אף צאָפן, לענגאויס דעם ברעג. די סאַפּיאָרן האָבן מינירט די בריק, איצט פאָרען זיי זיך אף יענער זײַט טײַך. נו, וואָס נאָך? דאָס איבעריקע וועט איר דאָ אַליין זען — איר זײַט דאָך שוין נאַטששטאַב...

3 זומער אין סטעפּ טאָגט זייער גיך. ווען דאניעל איז ארויס פון בלינדאַזש, איז אין דער לופט געהאַנגען אַן אומקלאָרע גרויקײַט, נאָר ווען ער איז אפן מאָטאָציקל אריבערגעפאָרן דאָס לעצטע לענגלעכע בערגל, וואָס האָט פאַרשטעלט טשערעפּקאָווע, האָט אף מיזרעך זיך שוין דורכגעשלאָגן א העל שפּעלטיקל. אין דאָרף האָבן געקרייעט הענער. עפּעס האָט אים א ריר געטאָן אָט די מינוט, ווען די וועלט דערוואַכט, און ער האָט פאַרהאַלטן דעם מאָטאָציקל, אראָפּגענומען דעם פוס פון פּעדאַל. קוים צו באַמערקן האָט געפלאַטערט א ווינטל, א טוי איז געפאַלן אף דער ערד. אף מײַרעוו האָט געדונערט, רויטלעכע בליצן האָבן געהאַלטן אין איין אופלויכטן באַם האָריזאָנט. און אָט דאָס ציטעריקע פּאַסיקל אף מיזרעך, וואָס ווערט ברייטער מיט יעדער רעגע, דער באַגינען פון א טאָג, וואָס ווערט געבוירן פאַר א שלאַכט, האָט דאניעלן צוגעגעבן קויעך און מוט. ער האָט זיך אָנגעבויגן, אײַנגענעצט די דלאָניע אינעם טויִקן גראָז און אָפּגעווישט מיט איר דעם הייסן שטערן.

דאָס דאָרף איז געלעגן א שטילס, א ברייט צעוואָרפנס, ווי געוויינלעך אין סטעפּ.

אין הויף פון דער שול האָט דאניעלן באַגעגנט דעם גענעראַלס אַדיוטאַנט. יאַסענעוו איז אפן אָפּעראַציע־טיש, ס׳איז ערשט געקומען א כירורג, עס וועט אויסקומען צוּוואַרטן.

דאניעל האָט באַשלאָסן, אַז איידער וואַרטן, וועט ער בעסער באַקוקן דאָס דאָרף, וואָס איז זײַן נאָענט הינטערלאַנד. ער האָט זיך געלאָזט צו דער פּאָרטקע, ווו דער מאָטאָציקל איז געשטאַנען, און דערפילט, אַז דאָס האַרץ קלאַפּט בא אים שטאַרקער, ווי געוויינלעך. פאָרנדיק אַהער, האָט ער טיף אין זיך פאַרבאָרגן די האָפענונג, אַז עס וועט אים עפּשער געלינגען צו טרעפן טשאַרנען באַם קרייצוועג. נאָר זי איז דאָרט ניט געווען. אין הויף פון דער שול האָט ער מיט די אויגן אָפּגעזוכט א זײַטיק שטיבל, נעענטער צום סאָד — דאָרט האָט, ווײַזט אויס, געוווינט די וועכטערן, בא וועלכער קאַראַטײַ האָט אײַנגעאָרדנט טשאַרנען. אין שטיבל איז געווען פינצטער. זאָל זײַן, אַז טשאַרנע שלאָפט, און עפּשער איז איר שוין געלונגען אָוועקפאָרן? ער איז אַפילע זיכער געווען, אַז זי שלאָפט, נאָר דער סייכל האָט אונטערגעזאָגט, אַז בעסער וואָלט געווען, ווען זי זאָל שוין האָבן אָוועקגעפאָרן, צי אַפילע צופוס אָוועקגעגאַנגען ווײַטער.

און דאָך האָט דערוואַכט אין אים עפּעס א צאַרטס, א גוטס אַזוינס אין דער מינוט, ווען ער איז געבליבן אַליין בא דער פּאָרטקע פון שולהויף. קימאַט אַזאַ פּאָרטקע איז געווען אויך אין פּאַרקן פון זייער שטעטלדיקער שול, פון דער גימנאַזיע, וועלכע ער האָט סאַכאַקל קנאַפּע צוויי לערניאָרן באַוויזן צו באַזוכן, — מיט טשאַרנען אין איין קלאַס. ס׳איז געווען גאָר לאַנג, אין א צײַט, וועלכע האָט אף שטענדיק געלאָזט בא אים דעם אײַנדרוק פון זון־אופגאַנג... ער, א שלאָסערס א זון, האָט געוואַגט אריבערטרעטן די שוועל פון דער גימנאַזיע, ווו ס׳האָבן ביז דעמלט זיך געלערנט נאָר די פּאַגאָרזשעלסקיס, די מאַרגוליסעס, דעם שטעטלדיקן גראַפס פּאַן גלייעוויצס ווישקראָבעק — הענריך. יאָ, ווײַטע צײַטן... און זי, טשאַרנע, מיט די צוויי שוואַרצע, דינע צעפּלעך, איבערגעבונדענע מיט א רויט סטענגעלע אפן נאַקן, מיט די לאַנגע וויִעס, וואָס וואַרפן א שאָטן אף די גרויסע, שוואַרצע, גליִענדיקע אויגן... איר שמייכל — אַן אָפּשפּעטנדיקער און ארויסרופערישער: „אַזאַ ביסטו גאָר?“ און איינצײַטיק אויך — א טמימעסדיקער, ס׳איז אַפילע קיין שמייכל ניט — עטוואָס אָפּענע, פּוכקע ליפּן און גלאַנציקע, פּײַכטלעכע ציין, און דער קוק אַזאַ מילדער... אָט דאָס געדענקט ער. נאָר פאַרוואָס האָט ער עס געהאַט אַזאַ פאַרגעניגן, ווען ער פלעגט צוזאַמען מיט נאָך יונגען פון דער שטעטלדיקער דרוזשינע, נאָכן אומגיין א גאַנצע נאַכט אף דער וואַך, קאַיאָר זיך אָפּשטעלן לעבן טשאַרנעס שטוב (זי האָט געוווינט אפן צווייטן שטאָק

פון א מויערל לעבן זײַן הויז) און מיטן שטעקן לאַנג קלאַפּן אין די הילצערנע טרעפּ, וואָס פירן אף איר וועראַנדע, — אזוי האָבן די פּאָסטנס פון פאַרשיידענע גאַסן זיך איבערגערופן. וואָס איז דאָ דער פאַרגעניגן געווען — זי זאָל זיך אופכאַפּן, טשאַרנע, און הערן דאָס דאָזיקע קלאַפּן און אפילע ניט וויסן, אז דאָס שרײַט אזוי ארויס זײַן אַנציקונג, זײַן פאַרליבט האַרץ?.. און אָט איצט, אָט דאָ, בא דער פאָרטקע... מיט וואָס קאָן ער איר געבן צו וויסן וועגן זיך?

ער האָט איין מאָל און א צווייט מאָל אָנגעדריקט אף דער פּעדאַל, דער מאָטאָציקל האָט א זשומע געטאָן. עפשער וועט טשאַרנע דערהערן דעם רויש? נאָר ער האָט צוגעביסן א ליפּ, אליין אף זיך אָן אופגעבראַכטער: נאָך וואָס זײַנען די דאָזיקע געדאַנקען, אז ער האָט ניט קיין צײַט און ניט קיין רעכט אף זיי?..

דער מאָטאָציקל האָט אים האַסטיק אוועקגעטראָגן דורכן שטילן דאָרף צו די מיזרעכדיקע פּלאַטשיקע בערגלעך, הינטער וועלכע ס׳איז געשטאַנען די ווײַטשיסנדיקע אַרטילעריע. נאָר דעם קאָמאַנדיר, מיט וועלכן ער האָט געוואָלט א שמועס טאָן, האָט ער דאָרט ניט געטראָפן.

דאָס פאָרן הין און צוריק האָט פאַרנומען בא דאַניִעלן קוים פופצן מינוט. אין דאָרף איז שוין אָבער געוואָרן בלוילעך־ליכטיק. בא אייניקע הײַזער אין די הויפן האָט מען געלאָדן פורלעך מיט פּעק און באַלעבאַטישקײַט, מאַנצבלען האָבן דאָס אַלץ אײַנגעבונדן מיט שטריק — מע האָט זיך געגרייט אין וועג. בא א ברונעם אין א זײַטיק געסל האָבן עטלעכע פורלעך מיט פּליטים זיך אָפּגעשטעלט אָנפּויען די פערד. דאָרט האָט זיך געהערט א זידלערײַ, א קלאַפּן פון עמער. איבער דער גאַס, אינמיטן פּלאַץ, האָבן זיך געשלעפּט עטלעכע זעניט־האַרמאַטן אין פערד געשפּאַנט. די זעניטלער זײַנען נאָכגעגאַנגען מידע און פאַרשטויבטע, אייניקע האָבן געדרעמלט אף די וועגענער, געלאָדענע מיט סנאַריאַדן.

דאַניִעל האָט אָפּגעשטעלט דעם מאָטאָציקל. ער האָט דערזען א פּאָסטשטעקסטל, וואָס איז געווען צוגעקלאַפּט צום סלופּ פון א הילצערנעם גאַנעקל. דאָס מוז זײַן די דאָרפישע פּאָטשט, האָט ער זיך אָנגעשטויסן. א באַיאָרטע נאַכלעסיק פאַרקעמטע פרוי אין א ברייטן שטוביקן קלייד האָט ארויסגעטראָגן עטלעכע ניט קיין פולע זעקלעך, אף וועלכע עס האָבן זיך געזען בירקעס מיט טריוואַקס־שטעמפּלען, און אײַנגעמאָסטעט זיי אין שטרוי אף א בעדאַרקע. אָן איינהאַנטיקער פויער האָט געשפּאַנט אין דער בעדאַרקע א פערד. „מע קלײַבט זיך אָפּשיקן די פּאָטשט!“ — האָט דאַניִעל א טראַכט געטאָן, און באַלד — מיט ביטערקײַט: „עפשער די לעצטע צי די פאָר־לעצטע פּאָטשט“.

ס׳איז אים אײַנגעפאַלן אָנשרײַבן כאָטשבי א קאַרטל קיין קיִעוו „צום אופּאָדערן“ אין יענער פּאָטשט, ווו ער פלעגט באַקומען בריוו, זײַענדיק אף די קורסן. אויב אָלגע צי ליאָניע וועלן זיך דערקלײַבן קיין קיִעוו, קאָן זיי קומען דער געדאַנק פרעגן אין דער דאָזיקער פּאָטשט־אָפּטיילונג, צי עס זײַנען דאָ בריוו אף זײַן נאָמען אָדער עפשער האָט ער דאָרט געלאָזט עפּעס א יעדיִע וועגן זיך. און ער האָט דאָך טאַקע געלאָזט דאָרט אי געלט פאַר זייביידן, אי א יעדיִע, אז ער ווערט געשיקט אפן דאָרעם־פראָנט. איצט וועט ער מיטיילן זיי זײַן נײַעם אַדרעס, ווײַל ווער ווייסט, ווען ער וועט געפינען צײַט צו אָנשרײַבן און אָפּשיקן א בריוו דורך דער פעלד־פּאָטשט. און טאַקע נאָך א זאַך: אפן קאַרטל וועט זײַן א שטעמפּל, ווו עס וועט אָנגעוויזן ווערן ניט קיין נומער, נאָר טשערעפּקאָווע — כאָטש אוועלכער־ניט־איז שפּור פון זײַן מילכאָמע־וועג, א פּונקט אף דער מאַפּע...

ער איז צוגעגאַנגען צו דער פרוי און געפרעגט, צי וועט ער ניט באַווײַזן אָנשרײַבן א קאַרטל און צי וועט זי אים טאַקע ניט פאַרקויפן אָט דאָס קאַרטל.

— אָך, — האָט די פרוי מיט באַדויערונג געזאָגט (בא איר איז געווען א גוט, ברייט פאַר־ברוינט געזיכט, ווי געוויינלעך בא סטעפּ־אײַנוווינער), — אָנשרײַבן וועט איר באַווײַזן, נאָר איך האָב שוין אַלץ אײַנגעפּאַקט און אָפּגעשטעמפּלט... די קאַרטלען אויך... מיילע, קומט!

זיי האָבן זיך אופגעהויבן אף די טרעפּלעך, ארײַן אין א צימער, וואָס איז צעטיילט געווען מיט א הילצערנעם באַריער. ס׳איז צו זען געווען: די פּאָטשט פאָרט ארויס... די טישן — הויל, די פּאָליצקעס מיט באַזונדערע קעסטעלעך פאַר די אַדרעסאַטן — ליידיק, די קאַסע — צעפּראַלט, אין הרובע מיטן צעעפנטן טירל דערטליִען פּאַפּירן, און דער צוגווינט צעטראָגט דאָס אַש איבערן דיל.

— יאָ, — האָט די פרוי ניט הויך ארויסגערעדט און אָנגעשטעלט אף דאַניִעלן אירע שוואַרצע טריבע אויגן. זי האָט מער גאָרנישט ניט צוגעגעבן, בלויז א שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ, אופגעשניטן מיט א שערל א פאַרנייטן זאַק, דערלאַנגט פון דאָרט א קאַרטל און מיט א פולער ציטערנדיקער האַנט אויסגעשטרעקט עס דאַניִעלן:

— שרײַבט, כאַווער מאַיאָר, איר זײַט דער לעצטער, ווער עס שרײַבט פונדאַנען...

4

דעם זעלבן אינדערפֿרי, נאָך א ביסעלע פֿריִער, האָט אף א גרינער און שטילער קיִעווער גאס, וואָס די טראָטוארן אירע זײַנען, פונקט ווי אף אנדערע גאסן, געווען פֿארשאָטן מיט אש פֿון פֿארברענטע פאפירן און מיט שפליטערס פֿון אויסגעזעצטע שויבן, זיך באוויזן א באָכער פֿון א יאָר צוואנציק, א דארער, א שלאנקער, מיט א קאָפ שיינע גאָלדיק־רויטלעכע האָר, עמעס, לאנג ניט קיין געשוירענע און צונויפגעקלעפטע פֿון שווייס, אין שטארק אָפגעטראָגענע קליידער. מיט מידע, פאמעלעכע טריט פֿון איינעם, וועלכער האָט ניט וווהין זיך צו אײַלן, די הענט אין די קעשענעס און די קעפקע פֿארקוועטשט אונטערן אָרעם, איז ער קימאט פֿון אויבן ביז אראָפ דורכגעגאנגען אָט די בערגלדיקע גאס, א זײַטיקע, נאָר ניט גאָר קיין דערווײַטערטע פֿון צענטער, און אראָפגעלאָזט זיך אפֿן טרעפל באם ארײַנגאנג אין א פאָטשט־אָפטיילונג. ער האָט בײַדע עלנבויגנס אוועקגעשטעלט אף די קני, אונטערגעשפארט מיט די הענט דעם קאָפ, פֿארשטעלט מיט די דלאָניעס דאָס פאָנעם — אזוי איז באקוועמער געווען אײַנדרעמלען, צי עפשער פשוט טראכטן. יעדנפֿאלס האָט זיך דער באָכער קאָנטיק דאָ געקליבן זיצן לאנג, ביז מע וועט עפֿענען.

אן אלטיטשקער וועכטער פֿון א דערבײַיִקער קליידער־אטעליע, וועלכער איז געזעסן אף א קעסטל בא דער פֿארגלאָזטער טיר און האָט גוט באטראכט דעם באָכער, בייס יענער איז נאָך געגאנגען אהער, האָט צי פֿון לאנגווײַל נאָך א נאכט אוף זײַן, צי פֿון נײַגער, צי טאקע א קאפעלע אויס פראָפֿעסיאָנעלער געוווינשאפט באשלאָסן א טאפ טאָן, וואָס דער צופעליקער שאָכן זײַנער שטעלט מיט זיך פֿאָר. אָנגעטאָן אין א ווארעמען גרויען פאלטאָ, וואָס מע האָט אים שוין, אייגנטלעך, געמעגט אויסטאָן, ווײַל די זון איז אופגעגאנגען און פֿון איבער די דעכער און ביימער־קרוינען געוואָרפֿן אלץ ברייטערע פאסן רויטע שײַן אף די ווענט, אף די טונקעלע טאפליעס, באקלעפטע מיט פאפירענע סטענגעס, אף די באלקאָנען, פֿארוואקסענע מיט ווילדע ווײַנטרויבן, אף די אָפגעקילטע שטיינער פֿון ברוק, איז דער וועכטער, א פליכעוואטער מענטש מיט א געגאָלט פאָנעם — ער איז ענלעך געווען אף אן אלטן רוימישן פֿילאָסאָף אָדער א דיכטער, ווי מע מאָלט זיי אין די לערנביכער פֿון געשיכטע, דאָס איינציקע, וואָס האָט צוגעגעבן היינטצײַטיקײַט זײַן אויסזען, איז געווען די אויסגעלאָשענע ליולקע אין ווינקל פֿון מויל, — צוגעגאנגען צום באָכער און איז שטיין געבליבן אנטקעגן אים. כאָטש דער באָכער האָט ניט צוגענומען די הענט פֿון פאָנעם און געקוקט אפֿן אלטיטשקן בלויז דורך די עטוואָס פֿאנאנדערגעשפרייטע פֿינגער, האָט יענער פֿונדעסטוועגן געפֿרעגט:

— קלײַבסט זיך עפשער געבן א טעלעגראמע, הא? מע קאָן אָט דאָ, דורכן אײַנפֿאָר, ארײַנגיין צו די טעלעגראפֿיסטן — איך וועל דיר ווײַזן, ווי...

— ניין, מע דארף ניט.

— איז ווארטסטו, הייסט עס, אף א בריוו?

דער באָכער האָט אָפגעטוליעט די דלאָניעס פֿון פאָנעם:

— יאָ, איך ווארט...

— קומסט פֿון ערגעץ? עפשער פֿון דאָרט, ווו מע גראָבט די אָקאָפעס?

דער באָכער האָט אומגעדולדיק א קנייטש געטאָן מיט די אקסל. אף זײַן בלאסן, א ביסעלע קלײַענדיקן פאָנעם האָט מען געקאָנט איבערלייענען: „נו, וואָס גיי איך דיר אָן, פעטערל? לאָז מיך צורו מיט מײַנע דײַגעס און מיט מײַנע מאכשאָוועס...“ נאָר גלײַך האָט ער א טראכט געטאָן, דער באָכער: „און וואָס איז די אוולע, אז א מענטש פֿרעגט? אָט וואָלט ער דאָך מיר טאקע געגעבן אן אייצע, ווען איך קלײַב זיך שיקן א טעלעגראמע“. און ביטער: „עך, ווען איך האָב, וווהין צו שיקן א טעלעגראמע!“

— ניין, ניט פֿון די אָקאָפעס, פֿון ווײַטן מיזרעך.

— אָר־ווא, אזש פֿון ווײַטן מיזרעך!

„כעוורע האָט דאָרט שוין לאנג אָפגעטרונקען טיי מיט קעטא, — האָט דער באָכער געטראכט און פֿארגעשטעלט זיך א קליין בארג־טײַכל, א פֿארוואָרפֿנס מיט ברוכשטיינער, מיט שטאמען און צווײַגן, דאָס וואסער לויפֿט ארום זיי מיט ווײַסע און גרינע שטרעמעלעך אָדער קײַקלט זיך איבער זיי מיט א שטיל פליסטערן, ער האָט דערזען, ווי אף דער וואָר, דעם רעשט פֿונעם שײַטער, וואָס האָט דאָרטן, אפֿן ברעג, א גאנצע נאכט געפֿלאקערט, די בײַדלעך אונטער די אלטע פיכטעס, צופֿוסנס פֿון דער סאָפקע, א באדעקטער מיט טײַגע. — יאָ, מע האָט שוין אופגעגעסן די עטלעכע לעפֿל פֿלייש־קאָנסערוון מיט פֿאסאָליעס, אָפגעטרונקען טיי און מע גייט נאָך נעסטאָר מאקסימאָוויטשן, דעם אָנפֿירער פֿון דער פראקטיק, דעם עכט־שטאָטישן מענטשן, מיט פענסנע אף דער נאָז, און דאָך דעם עמעסן טײַגע־מענטש, וועלכער פֿילט זיך אין די געדיכטענישן פֿון קליין־כינגאן פונקט אזוי זיכער, ווי דער דערפֿארנסטער יעגער... כעוורע טראָגט אף די קעפ ווײַסע פאטשיילעס, וואָס פֿאלן אראָפ פֿון אונטערן היטל אפֿן נאקן און אפֿן שטערן — אזוי שיצט מען זיך

פון די קאַמאַרעס, פון דעם גנוס. וווהין גייט מען היינט, אַשטייגער? מיסטאָמע אַלץ צו יענע שורפן, וואָס מע גראָבט לעבן דער לאַנדיש־סאַפּקע, — דאָרט מוז פאַרט זיין אַ סאַך בלייַ...״

— אזש פון ווייַטן מיזרעך, — האָט איבערגעכאַזערט דער וועכטער און אַ טשמאָקע געטאָן מיט די ליפּן, פּרווונדיק, צי די ליולקע איז טאַקע ענדגילטיק פאַרלאָשן געוואָרן, און גענומען זוכן שוועבעלעך. קוקנדיק אויף דעם אַלטנס פינגער, צעקרימטע פון פּאָדאַגרע, ווי זיי באַטאַפּן אייליק די קעשענעס פון פּאַלטאָ און פון די הויזן, האָט דער באָכער דערוויייל געטראַכט ווייַטער מיט אַ קאָפּעלע בענקעניש און באַדויערונג: „עפּשער איז נעסטאָר מאַקסימאָוויטש טאַקע געווען געטרעכטס, ווען ער האָט מיך אָפּגערעדט (ניין, געשטערט האָט ער ניט, בלויז ניט געייצעט) איבער־רייסן די פּראַקטיק און אומקערן זיך קיין קיִעוו? „בייס אַ מילכאָמע, — האָט ער געזאָגט, — דאַרף מען זיין נאָך מער דיסציפּלינירט און אויסגעהאַלטן, און טאָן דאַרף יעדערער דאָס, וואָס איז אים אָנגעטרויט...״

— יאָ, — האָט דער באָכער געזאָגט, און דער־אָ „יאָ״ האָט קיין שייכעס ניט געהאַט ניט צו דעם וועכטערס פּראַגע, און אויך ניט צו נעסטאָר מאַקסימאָוויטשעס עפּשער ביז גאָר ריכטי־קער אייצע, — דעם „יאָ״ האָט דער באָכער געזאָגט צו זיך אַליין: „יאָ, אַנדערש האָב איך ניט געקאָנט טאָן״...

דער וועכטער האָט אָפּגעזוכט די שוועבעלעך, פאַרייכערט און ווידער געפרעגט:

— ביסט מיסטאָמע געפאָרן לאַנג, זיך אָנגעמוטשעט. אַהאָ, איך שטעל זיך פאָר, וואָס עס טוט זיך איצט אויף די וועגן!

— געפאָרן בין איך לאַנג, — האָט דער באָכער געענטפערט שוין אַ ביסעלע ניט צופרידן פון דעם, וואָס דער אַלטער פרעגט אים אויס; טאַקע אַ צוגעלאָזטער אַלטיטשקער, נאָר ער פרעגט דאָך וועגן דעם אַלעמען פון הוילן נייַגער און פון ניט האָבן וווהין די צייַט אַהינטאָן, — פיר וואָכן בין איך געפאָרן...

באַ זיך אין הארצן האָט דער באָכער געוווסט, פאַרוואָס אים איז ניט אָנגענעם געווען צו ריידן וועגן דעם, וויאַזוי ער האָט זיך אַהער דערקליבן. אויף דער סטאַנציע אָמסק איז ער אָפּגעשטאַנען פונעם צוג, גוט זיך אָנגעפלאָגט, ביז ער האָט באַקומען צוריק זייַן ביסל זאַכן, וואָס מע האָט אים איבערגעלאָזט אזש אין קאַזאַן; די צוויי כעוורע, מיט וועלכע ער האָט זיך באַקאַנט אין וועג, האָבן אין כאַרקאָוו (ער האָט געמוזט פאַרקערעווען אויף כאַרקאָוו, ווייַל דורך מאָסקווע איז אומעגלעך געווען צו פאָרן) אים באַגאַנוועט, — צוגענומען דאָס טשעמאָדאַנדל, אויסגערייניקט די קעשענעס. אַ גליק נאָך, וואָס ער האָט דעם קאָמיוגישן בילעט פאַרנייט אינעם אונטערשטן העמדל, אויף דער ברוסט. נאָר עפּעס איז אויף זייַן וועג אַהער, קיין קיִעוו, געווען אויך אַזוינס, וואָס האָט אים גע־שטאַרקט: ער האָט ניט שלעכט אַריבערגעטראָגן די באָמבאַרדירונגען, וואָס זייַנען פאָרגעקומען באַזונדערס אָפט נאָך כאַרקאָוו. בייס איינער אַזאַ באָמבאַרדירונג, אין קאָנאָטאָפּ, האָט ער זיך באַקענט מיטן מאַשיניסט טימאַשטשוק — געהאָלפן אים אָפּקיילען די וואַגאָנעס, געלאָדענע מיט סנאַריאַדן, פונעם צוג, וואָס יענער האָט געפירט, ווייַל איין וואַגאָן האָט זיך אָנגעכאַפּט, דער געהילף מיטן קעסלהייצער זייַנען געווען פאַרוווּנדעט און האָבן אים ניט געקאָנט העלפן. טימאָ־שטשוק האָט אים דערנאָך אַרופגענומען אויפן לאָקאָמאָטיוו און דערפירט אזש ביז באָבראָוויצע, וועלכע זעכציק קילאָמעטער פון קיִעוו. ס'איז נאָר אַ שאָד, וואָס בייסן צעשיידן זיך מיט טימאָ־שטשוקן, — ווייַטער פאָרן מיט אים האָט ער ניט געקאָנט, באָמבע־שפּליטערס האָבן דורכגעלע־כערט דעם קעסל פון לאָקאָמאָטיוו, — האָט ער ניט געוואָגט (אַלץ די ייִנגלשע שעמעוודיקייַט) דערוויסן זיך זייַן אַדרעס. עס וואָלט אוואַדע געהאַט אַ באַדייַטונג, ווען ער קאָן זיך פאַרופן אויפן מאַשיניסט, אַז יענער קען אים ווי ניט קיין שרעקעוודיקן...

— קעע, — דער אַלטער וועכטער האָט אַרויסגענומען די ליולקע פון מויל און אַ קראַץ געטאָן מיטן פּייַכטן עק פון מונדשטוק די בראָדעווקע אויף דער באַק, — עס טוט זיך אויף די וועגן, און עס טוט זיך דאָ, אין שטאָט... אָט היט איך נאַכט נאָך נאַכט די דאַזיקע אַטעליע, און מע קאָן מיינען, אַז כאָטש עמעצער גייט זיך דאָ עפּעס. נעכטיקע טעג! וועמען ליגט עס איצט אין קאָפּ? די שנייַדער זייַנען אַלע אויפן פראָנט, די שנייַדערקעס גראַבן אָקאָפּעס ערגעץ באַ אירפּען, דער פאַר־וואַלטער איז אין אָפּאָלטשעניע, אין גאָלאָסייעווער וואַלד. ער כאַפּט זיך נאָך, עמעס, אַראָפּ אַהער פון מאָל צו מאָל מיטן טראַמווייַ — ער פירט סנאַריאַדן און קוילן פאַר די אָפּאָלטשענצעס, איז ער אָפּטלעך אין שטאָט, — און דאָ זיצט בלויז באַטאָג די קאַסירשע און קערט אום די באַשטעלער די אופגענייטע און האַלב אופגענייטע קליידער, אַפילע מיט די פאַרסטריגעס, צי גאָר די צוגע־שניטענע סכוירע... פאַר אַ גאַנצן טאָג קומען עפּשער איינער—צוויי מענטשן אָפּנעמען די באַ־שטעלונגען, און עס טרעפט אויך, אַז קיינער קומט ניט... און די קאַסירשע וויל אוועקפאָרן אויף מיזרעך, ווער ווייסט, צי זי וועט שוין באַווייַזן?..

— און איר? — האָט דער באָכער געפרעגט; אים איז לײַכטער געוואָרן, ווען דער אַלטער האָט אים אופגעהערט אויספרעגן.

— צי איך קלײַב זיך אוועקפאָרן? ווהין? ווער דארף מיך דאָרט, אזא שקראַב? ווייסט דאָך, ווי עס געשעט מיט א שקראב: אין שטוב איז עס א שקראב, וואָס קומט אמאָל צוניץ, א שטעקשוך, און שטעל אים ארויס אף יענער זײַט שוועל, איז ער שוין קיין שמעק טאבעק ניט ווערט...

„אויך ריכטיק, — האָט דער באָכער א טראכט געטאָן. — ווהין זאָלן זיך טאקע געווען לאָזן די באָבע, דער פעטער מיכל, די מומע סטערע, וועלכע ליגט שוין אזויפיל יאָר צו בעט? אוואדע זײַנען זיי געבליבן אין ליובאטש, אויב דער טאטע האָט זיי ניט ארויסגעפירט“.

דער באָכער האָט זיך א רוק געטאָן אפן טרעפל, פאָרגעלייגט דעם אלטן:

— עפשער וועט איר זיך צוזעצן?

— איך בין פאר דער נאכט געגנוג זיך אָנגעזעסן, א דאנק... אָנגעטראכט זיך געגנוג, אָנגעקוקט זיך אף די שטערן... עך, ווען מע קאָן זיך ארופכאפן אף איינעם פון זיי — דאָ איז גאָר ניט גוט, אף דער ערד, גאָר ניט היימלעך!

דער באָכער האָט געטראכט:

„ניט היימלעך... און די בעסטע היים איז טאקע נאָר דאָ, און די בעסטע וועלט איז טאקע נאָר די דאָזיקע. נאָר וויפל בייז עס איז דאָ אף איר און וויפל אומגליקן! און דאָס ערגסטע בייז זײַנען די פאשיסטן. וויפל מע האָט דערציילט וועגן זיי אין שול, דערנאָך אין טעכניקום, וויפל מע האָט זיי באוויזן אין קינאָ, באשריבן אין ביכער, און פונדעסטוועגן האָט זיך יעדערער געטראכט: דאָס אלץ איז ערגעץ־ווו... און אפילע נאָך א זאך: ניט וואָס עס האָט זיך ניט געגלייבט, אז עס איז אזוי, ווי מע באשרײַבט, מע דערציילט, עס איז שווער געווען זיך פאָרשטעלן, ווי דאָס זעט אויס אין דער ווירקלעכקײַט, ווײַל וויפל מע זאָל דיר ניט דערציילן וועגן א ווייטעק, איז עס פאָרט ניט אזוי, ווי ווען דו לײַדסט דעם ווייטעק אליין... און אָט זײַנען זיי דאָ, די פאשיסטן, די היישעריקן... נעכטן, אין פאסטאָוו, יענע אײַנגעבויגענע פיגורלעך, אין קאסקעס, אין דער אוניפאָרם, וואָס האָט דעם קאָליר פון בלײַ, יענע פיגורלעך, וואָס זײַנען איבערגעלאָפן אין עק פון דער סטאנציע, ווו די וועגן צעצווײַגן זיך, זײַנען אָבער געווען ניט קיין בלײַענע סאָלדאטלעך, נאָר עמעסע דײַטשישע סאָלדאטן. זיי האָבן אָפגעשניטן אויך דעם וועג אף ליובאטש, נאָר ווער האָט שוין געקאָנט טראכטן פון פאָרן אהין, ווער האָט שוין ביכלאַל געקאָנט גלייבן אין די קלאנגען, אז מע האָט די פאשיסטן אָפגעוואָרפן ביז זשיטאָמיר און דער וועג אף ליובאטש איז פרײַ? נאָך גוט, וואָס ביז די ראָטע פון קיִעווער פארניכטונג־אָטריאד, וואָס איז מיטן זעלבן בײַשטאָטישן צוג געקומען קיין פאסטאָוו, קעדיי פאָרן ערגעץ ווײַטער, האָט געפירט א שלאכט מיט די דײַטשן, האָט מען דעם לאָקאָמאָטיוו באוויזן אריבערשטעלן אין עק פון צוג און מיטן טענדער פאָרויס אוועקפאָרן צוריק קיין קיִעוו“...

עפּעס האָט דער אלטער געפרעגט צי געזאָגט, נאָר דער באָכער האָט זיך ניט אײַנגעהערט, ער האָט געטראכט:

„יאָ, איצט ווייס איך, ווו די דײַטשן זײַנען, — זעכציק קילאָמעטער פון קיִעוו. נאָר זיי זײַנען דאָך אויך פון יענער זײַט גאָלאָסייעווער וואלד, און דאָס איז שוין פאָשעט הינטער דער שטאָט — אָבער דאָס שטעל איך זיך ניט פאָר, ווײַל דאָרט בין איך ניט געווען... אזוי איז עס — ווי די דײַטשן האָבן געוואָלט פארכאפן דעם צוג, ווי מע האָט אין זיי געשאָסן פון די וואגאָן־פענצטער און ווי צוויי פונעם פארניכטונג־אָטריאד זײַנען געפאלן טויטע אפן דיל, דאָס זע איך מיט אלע איינצלהײַטן און וועל עס געדענקען שטענדיק, און ווי די פאשיסטן האָבן זיך א וואָרף געטאָן איבער דער גרענעץ, פארניכטעט גאנצע דיוויזיעס, פארנומען אזויפיל שטעט און ווילדע־ווען דאָרט איצט, איז מיר שווער זיך פאָרשטעלן... און ווידער איז עפשער דאָס, וואָס איך האָב אופגעהויבן די ביקס, וואָס איז ארויסגעפאלן בא א דערהארגעטן פון די הענט, געשטעלט זיך אָנשטאָט אים צום פענצטער און עטלעכע מאָל אויסגעשאָסן, עפשער האָט דאָס הונדערט מאָל — פארוואָס הונדערט? אָן א שיר מאָל מער די ווערט, איידער אלע מײַנע געדאנקען וועגן דער מילכאָמע?.. און דאָס, וואָס דער קאָמאנדיר פון יענער ראָטע, גאָלאָוואניאָוו, האָט דערנאָך, בייס מע איז שוין אָפגעפאָרן ווײַט פון פאסטאָוו, געפרעגט מיך, ווער איך בין און ווי איך קום אין צוג, און א לויב געטאָן מיך פאר אלעמען אין די אויגן, ווײַל איך האָב זיך ניט דערשראָקן, — דאָס איז ניט נאָר א לוין פארן גאנצן כוידעש וואָגלעניש און פײַן, דאָס איז עפשער גאָר די ערשטע טיר, וואָס מע האָט פאר מיר געעפנט, און איך האָב עס טאקע פארדינט... יאָ, נאָר דער אלטער פרעגט עפּעס...“

— האָסט דאָ ערגעץ ווו צו זײַן? ביסט פארפאָרן צו עמעצן?

— אין צוזאמענוווינונג... איך לערן זיך דאָ, איך האָב זיך דאָ געלערנט.

— אהא...

„ער זאָגט „אהא", פונקט ער זאָל פון זײַן ענטפער עפּעס פאַרשטיין, אָבער דאָס, אַז דער טעכניקום האָט זיך עוואַקוירט, אַז די טירן פון דער צוזאַמענווינונג זײַנען פאַרהאַקט און אַז איך נעכטיק אין באָטאַנישן גאָרטן, דאָרט, ווו טויזנטער מענטשן, קיִעווער און אָנגעפאָרענע, וואַרטן מיט פּעק און זעק אַף זייער ריי גיין צום וואָקזאַל און זיך עוואַקוירן, דאָס איז שוין לאַכלוטן ניט קעדײַ צו דערציילן. ער, ליאָניע, וואַרט אַף עפּעס אַנדערס. יעדעס מאָל וואַרט ער בלויז אַפּן אײַנ־דערפרי, מע זאָל שוין מעגן אַרויס אין גאַס. דעמלט האָט ער זיך זײַנע איניאַנים. געווען אַן איניען — זוכן דורכן שטאַטישן קאָמענדאַנט כאָטש אַ שפּור פון דעם טאַטן, פון זײַנע קורסן, דערנאָך — אַ פּרוּוו דערוויסן זיך, טאָקע מיט דער הילף פונעם קאָמענדאַנט, וווּהין מע האָט דעם טאַטן קאָמאַנדירט. געווען אַ טרוים דערקלײַבן זיך צום טאַטן אין טייל און דינען צוזאַמען מיט אים; געווען אַ טרוים דערקלײַבן זיך קיין ליובאַטש. נאָר אָט זײַנען אַלע פּעדעם אָפּגעשניטן, איצט איז שוין דאָ אַן אַנדער טרוים — פּרוּוון אײַנבעטן זיך בא גאַלאָוואַניאָוון, ער זאָל אים נעמען אין זײַן ראָטע אַלס פּריוויליקן, און אַ פונק האָפענונג, וואָס האָט אופגעבליצט הײַנט באַנאַכט, — עפּשער האָט דער טאַטע געלאָזט עפּעס אַ ידיִע וועגן זיך דאָרט, ווו ער פלעגט באַקומען בריוו, צי עפּשער האָבן די אייגענע עפּעס מיטגעטיילט אַהער דעם טאַטן וועגן זיך? כאָטש, עס קאָן זיך זייער שיין מאַכן, אַז דאָ, אין פּאָטשט, וואַרטן בלויז זײַנע טעלעגראַמעס פון וועג..."

דער וועכטער איז אַוועק צו זײַן אַטעליע און קערט זיך ניט געײַלט אום צוריק, פּיפּקענדיק די ליולקע, וואָס רייכערט זיך שוין בא אים אַף אַן עמעס. ערשט ער האָט געבראַכט אין אַ צײַ־טונג צוויי שטיקלעך ברויט מיט פּוטער און אַן עפּל — דער באָכער זאָל עסן.

— די אַלטיטשקע מײַנע גיט מיר מיט אַזויפיל כאַרטש אַף דער נאַכט, אַז איך ברענג שטענדיק אויסגאַב, און זי איז ניט צופרידן. בײַס איבער, ביז מע וועט עפענען די בופעטן צי די קראָמען, קאָן נאָך דיר גוט איבערקלעמען דאָס האַרץ...

און נאָך האָט דער אַלטער געהאַט גאָר אַ קלוגן פאָרשלאָג:

— ביז דו בײַסט איבער, וועל איך דערווײַל אַ רעד טאָן מיט די טעלעגראַפיסטקעס — פאָרט אַלטע באַקאַנטע, אַזויפיל יאָרן, אַז מע אַרבעט דאָ בישכיינעס, — עפּשער וועלן זיי אַ קוק טאָן, נאָך איידער מע וועט עפענען די פּאָטשט, צי עס איז פאַראַן פאַר דיר אַ בריוו? עס וועט זײַן אַ ביסל ניט לויטן געזעץ נאָך, איך מיין אָבער, אַז איצט מעג מען אַף דעם פאַרבייגן... ווי איז דײַן פאַמיליע?

דער באָכער איז האַסטיק אופגעשטאַנען, אַפּגיך דערשלונגען דאָס, וואָס ער האָט געקײַט, דעם רעשט ברויט פאַרוויקלט אין דער צײַטונג:

— די פאַמיליע מײַנע איז קרעמעז, ליאָניע, לעוו קרעמעז, און אויב עס איז עפּעס אַדרע־סירט ניט מיר, נאָר מײַן טאַטן, דאַניִעל קרעמעזן, אָדער דער מומען, אַלגע קרעמעז — מוז איך עס אויך איבערלייענען, איר פאַרשטייט — איך מוז...

— איך פאַרשטיי, ווי דען... די צײַט איז אַזאַ, אַז מע פאַרשטייט דאָס, וואָס מע וואָלט עפּשער פריִער ניט פאַרשטאַנען, און מע פאַרשטייט ניט דאָס, וואָס מע האָט פריִער אַזוי ווי גוט פאַרשטאַ־נען... קום, באָכער, מירן פּרוּוון!

5

דאַניִעל האָט אָנגעשריבן דאָס קאַרטל, קורץ געענטפערט דער פרוי פון דער פּאָטשט אַף איר פראַגע, ווי עס האַלט דאָ, און אַוועקגעײַלט אַפּן מאָטאָציקל צו דער שול. דאָ האָט ער דערזען: פון אַ זײַטיקער גאַס ציט זיך אַרויס אַפּן פּלאַץ, וואָס פאַר דער שול, אַ קאָלאָנע ציוויל געקליידעטע מאַנצבילן, באַוואָפנטע מיט ביקסן, אייניקע — מיט האַנט־קוילנ־וואַרפערס. די קאָלאָנע האָט געפירט אַ דראַטיק־אונטערגעצויגענער יונגערמאַן, אַ בלאָנדער, מיט אַ צעוויכערטן טשוב. אָנגעטאָן איז ער געווען אין אַן אָסאָוויִאַכים־קאָסטיום. אַרום דאָרפ־סאָוועט, וואָס האָט מיט די פענצטער געקוקט צום פּלאַץ און איז געשטאַנען אין דער טיף פון אַ פאַרשטויבטן סעדל, האָט דער קאָמאַנדיר פון אָטריאַד לײַכט זיך געגעבן אַ דריי־אויס מיטן פּנים צו דער קאָלאָנע, געמאַכט נאָך עטלעכע אָנגעשטרענגטע שפּאַן שוין מיט דער פּלייצע פאָרויס און באַפוילן:

— שטיי!

ער איז דורכגעגאַנגען לענגאויס די רייען, אַ שטרענגער, אַן ערנסטער. דאַניִעלן האָט גערירט די דאָזיקע נאַיִווע ערנסטקייט זײַנע.

צוגעקײַקלט דעם מאָטאָציקל נעענטער צו דער קאָלאָנע און אויסגעשלאָסן דעם מאָטאָר, האָט דאַניִעל זיך געווענדט צום קאָמאַנדיר:

— היגע?

— היגע. אײניקע — פֿון ראַיצענטער, אַהין טרעט שױן אַרײַן דער דײַטש.

— און װאָס קלערט איר טאָן?

— װאָס מע װעט באַפֿױלן.

— װער?

— נאַטשאַלסטװע.

— מיליטערישע, צי אײַערע, די ציװילע?

— זאָל זײַן מיליטערישע.

די מענטשן פֿון אַטריאַד האָבן אָנגעשטרענגט זיך צוגעהערט צו דעם דאָזיקן שמועס. דאַניעלן איז אײַנגעפֿאַלן, אַז ער װאָלט געקאָנט אַרײַנעמען דעם אַטריאַד צו זיך אין פּאָלק, װי ער האָט עס נעכטן געטאָן מיט אַ צװײטן אַטריאַד פֿון אַ מאַן דרײַסיק. ער האָט געזאָגט:

— אױב אַזױ, בין איך אײנער פֿון די נאַטשאַלניקעס.

דער קאָמאַנדיר פֿון אַטריאַד האָט אָפּגעמאָסטן דאַניעלן מיט אַ קאַלטן בליק און צוריק־געהאַלטן געענטפֿערט:

— מעגלעך.

ער האָט אַף האַלב אױסגעקערעװעט זיך צו דער קאָלאָנע און אױסגערופֿן:

— פֿאַנאַנדערגײן זיך! קײנער זאָל ניט סטאַרטשען אַפֿן פּלאַץ! צו די פּאַרקנס! אין די קוסטעס!

אַן עלטערער פּױער מיט אַן אַרומגעשױרן קאַשטאַן־בערדל, אין אַ געװענטענעם פּידזשאַק און הױזן, אַרײַנגעלאָזטע אין די שטיװל, איז געשטאַנען באַ אַ זײַט.

— קומט, טימאָפֿײ מיכײַלאָװיטש, — האָט דער בלאָנדער אים אַ רוף געטאָן, װען די קאָ־לאָנע האָט זיך צעשאָטן. בײדע האָבן זיך געלאָזט גײן איבער דעם גראָזיקן פּלאַץ.

אין אַ הױז אונטער אַ בלעכענעם דאַך האָט זיך געעפֿנט אַ פֿענצטער, און אַ יונגע פֿרױ מיט צעלאָזטע העלע צעפּ האָט פֿון איבערן בלױען פֿלױטל און פֿון איבער די צעבליטע מאַלװעס אַ רוף געטאָן:

— איליאַ! אילױשאַ!

דער קאָמאַנדיר פֿון אַטריאַד האָט זיך אָפּגעשטעלט.

— װעסט גיך קומען?

— גיך.

— שוריק האָט זיך אױפֿגעכאַפּט, די טעמפּעראַטור איז אַ נאָרמאַלע...

— זײער גוט! — דער אײנעם אָסאָ־קאָסטיום האָט זיך געלאָזט גײן װײַטער מיטן פּױער. דאַניעלן האָט אַ ביסל פֿאַרדראָסן דאָס, װאָס דער בלאָנדער האָט קײן אכט ניט געלײגט אַף זײַנע װערטער, ער האָט אָבער פֿאַרשטאַנען יענעמס צושטאַנד, באַזונדערס נאָך דעם, װאָס די פֿרױ האָט אָנגעזאָגט. ער האָט שױן געװאָלט דעריאָגן אַפֿן מאַטאָציקל דעם קאָמאַנדיר פֿון אַטריאַד און דעם פּױער, קעדײ דערײדן זיך, נאָר מיטאמאָל פֿאַרשטאַנען, אַז דאָס גײען זײ צו דער שול. „צום גענעראַל?“ — האָט ער אַ קלער געטאָן. — „מע װעט זײ אױפֿנעמען?“ עס זײַנען דורך עטלעכע מינוט, און זײ זײַנען ניט אַרױס צוריק פֿון שול. אױפֿגענומען.

דאַניעל האָט שױן אױך געװאָלט לאָזן זיך צו דער שול, נאָר פּלוצעם באַמערקט, אַז אַ ייִנגל מיט אַ קאַראַבין אַפֿן אַקסל, אין אַ גרױען העמדל און אין הױזן פֿונעם זעלבן שטאָף, װי מע טראָגט געװײנלעך אין דאָרף, איז געבליבן שטײן אַפֿן פּלאַץ, װוּ די קאָלאָנע איז אָקאָרשט געשטאַנען, און נעמט פֿון אים די אױגן ניט אַראָפּ. מיסטאַמע איז דאָס ייִנגל אַלט געװען אַ יאָר זיבעצן־אַכצן, זײַן קערפּער האָט ניט באַװיזן פֿראַפּאָרציאָנעל אַנטװיקלען זיך — אַ װאַקס געטאָן אין דער הײך, נאָר די פּלײצעס זײַנען אַלץ נאָך געװען שמאָל, דער האַלדז — דין; אַן ערשטער אױסשיט האָט באַצױמט די באַקן און די אײבערשטע ליפּ. אַ ייִדיש ייִנגל. באַ דאַניעלן איז דורכגעלאָפֿן אַ געדאַנק, אַז מיט צװײ־דרײַ און צװאַנציק יאָר צוריק, װען ער האָט זיך פֿאַרשריבן אין דרוזשינע, האָט ער אױך געמוזט זײַן אַזאַ.

דאָס ייִנגל האָט ניט זיכער זיך דערנענטערט צו אים.

— דערלױבט אײַך עפּעס פֿרעגן, כאַװער מאַיאָר, — האָט ער געזאָגט מיט אַ זיך ברעכנדי־קער שטים; זײַן פּנים האָט אױסגעדריקט טיפֿע זאָרג, — װי מײנט איר, מײַן מאַמע דאָרף אױעקפֿאָרן פֿונדאַנען? איך האָב אַ מאַמע, אַ באָבע און צװײ קלײנע שװעסטערלעך, נאָר זײ פֿאָרן ניט, װײַל די מאַמע באַשטײט, אַז איך זאָל אױך מיטפֿאָרן... — אַרײַנקוקנדיק מיט פֿאַרצװײפֿלונג און געבעט אין דאַניעלס אױגן, האָט דאָס ייִנגל אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט, װאָס דאָס האָט געזאָלט באַטײַטן, אַז ער האָט נאָך עפּעס צו זאָגן: — אַ ברודער מײַנער האָט געדינט אַף דער גרענעץ, לעבן יאַס, האָבן מיר באַקומען אַ ידיעה, אַז ער איז שױן ניטאָ. דער טאַטע איז אַװעק

אין דער ארמיי, ער איז אין דער יאם־פּעכאַטע, און מע הערט וועגן אים גאָרנישט ניט. ווײַל די מאַמע אָן מיר ניט אוועקפאָרן, כאָטש ווער מעשוגע.

— און א סאך האָבן זיך שוין עוואקויִרט פון אײַער דאָרף?

— דאָס איז דאָך עס! — פארצווייפלטע נאָטקעס האָבן בוילעטער זיך געלאָזט הערן אינעם ייִנגלס שטים. — א צוואנציק מישפּאָכעס זײַנען אוועקגעפאָרן אף וועגענער, אפילע צוויי דײַ־טשישע מישפאָכעס — בא אונדז זײַנען דורכויס קאָלאָניסטן. און די מאַמע — איינמאָל ניין, און פארטיק. איך זאָל נאָר מיטפאָרן! אָבער איך בין דאָך א קאָמיוגיסט.

— ווינסט ווײַט פונדאנען? — האָט דאניִעל געפרעגט. דאָס האָט זיך בא אים ארויסגעריסן נאָך אָן א באשטימטן באשלוס. ער האָט לאכלוטן קיין צײַט ניט געהאַט, ס׳האָט אים בלויז גערירט דער ווײ, וואָס האָט זיך אָפּגעשפּיגלט אינעם ייִנגלס גרויע אויגן.

— אָט דאָ ווײַנען מיר, כאָוועך מאַיאַר, צוויי שפּאָן! — דאָס ייִנגל האָט אין פריידיקער איבערראשונג אזש אָנגעהויבן צאפּלען. — איר קאָנט דאָ לאָזן שטיין דעם מאָטאציקל... — ארײַ־בערגעוואָרפן דעם קאראבין אפן לינקן אקסל, האָט ער געמאכט א באוועגונג, קעדיי העלפן אָפּ־קײַקלען די מאשין פון וועג, און דערמיט שוין אלץ אליין געלייזט.

אין הויף, וווהין דאָס ייִנגל האָט ארײַנגעפירט דאניִעלן, א ראכוועסדיקן, פּונקט ווי אלע הויפן דאָ אין דאָרף, מיט א שטאל, א קעלער־בערגל און א ברונעם, איז אין א שיטערן סעדל געשטאנען א שטוב מיט א טשערעפּענעם אָפּדאך, אן אָנגעשפּאַרטן אף רויט־געפארבטע סלופּעס, א מין טעראסע. א פרוי, אן אויסגעצערטע, א פארקוילט־שווארצע, ווי געוויינלעך זומער אין סטעפּ, מיט א קינדערשן קאָפּטל אפן בויך אָנשטאָט א פארטעך, האָט אף די דרענגלעך פּונעם פּלויטל, וואָס האָט אָפּגעצוימט דעם גאָרטן פון הויף, געהאנגען לאדישעס צום טריקענען. דאניִעלן און דאָס ייִנגל האָט זי באגעגנט מיט א בייזן פלאַם אין די אויגן.

— א מיילי־ק־יוישער האָסטו מיר געבראכט, הא? — האָט זי זיך ארופגעוואָרפן אפן ייִנגל. — איך האָב דיך מיט מײַן מילך געהאָדעוועט און עמעצער וועט זיך פאר דיר אײַנשטעלן! מע האָט דיך טאקע מער ליב, ווי איך!..

דאניִעל האָט געשוויגן א ווײַלע, געלאָזט די פרוי אויסברענגען איר פארביטערטקײַט, און געבעטן א טרונק וואסער.

— קומט אין שטוב, — האָט זי געזאָגט, שוין עטוואָס אן אָפּגעקילטע, — איר ווילט דאָך מיך אײַנריידן, איך פארשטיי...

אין שטוב, ווו ס׳האָט געשמעקט מיט ברינדזע, מיט קראָפּ און געזײַערטע אוגערקעס, איז געוועזן האַלב־טונקל, — די פענצטער האָבן פארדעקט רעדנעס, בלויז איינע איז געוועזן עטוואָס אָפּגעטוליעט. אן אײַנגעהויקערטע אלטיטשקע איז געזעסן אף א קאנאפּקע בא דער טיר. אין א ברייט בעט זײַנען געלעגן צוויי מיידעלעך מיט שווארצע צעפּאטלטע קעפּלעך — מע איז ניט געשלאָפן.

— איך אײַל זיך, — האָט דאניִעל געזאָגט, אוועקשטעלנדיק אפן טיש די גלאָז נאָך דעם, ווי ער האָט זיך אָנגעטרונקען, — איך קאָן מיט אײַך לאנג ניט ריידן, און אפילע אויסהערן אײַך האָב איך אויך קיין צײַט ניט. מײַן אייצע איז — פאָרט אוועק פונדאנען הײַנט, ווײַל מאָרגן קאָן זײַן שפּעט. איר האָט קיין רעכט ניט צו שפּילן זיך מיטן גוירל פון אָט די פּיצלעך, — ער האָט באוויזן אפן בעט, — איר האָט קיין רעכט ניט, כאָטש איר זײַט זייער מאַמע.

— און עמעצער האָט רעכט צו שפּילן זיך מיטן גוירל פון אזא־אָ ייִנגל? — האָט די פרוי פארביטערט אויסגעשריִען.

— מאַ־אמע, לאָמיר אוועקפאָרן! — האָט מיטאמאָל זיך צעכליפּעט דאָס קלענערע מיידעלע און געגומען פּאטשן מיט די הענטלעך איבער דער קאָלדרע. — מאַ־אַ־מע, לאָמיר אוועקפאָרן!

— שווײַג! — די פרוי האָט זיך אָפּגעקערט צו דער טיר און גענומען ברעכן די הענט. צום ייִנגל האָט זי געזאָגט דראָענדיק־שטיל: — גיי טראָג אָפּ די ביקס!

— ניין!

— הייסט אים אָפּגעבן די ביקס, ער איז נאָך קיין אכצן יאָר ניט אלט! — האָט די פרוי זיך אויסגעקערעוועט צו דאניִעלן.

— איך האָב איבער אים ניט צו שאפן, — האָט דאניִעל געענטפערט, — נאָר איך קאָן אײַך זאָגן איינס: ווען מײַן זון וויל גיין פאר א פרײַוויליקן, וואָלט איך אים אָפּגעלאָזט...

פאר אים האָט א שוועב געטאָן דער גאָלדיק־ליכטיקער קאָפּ ליאָניעס, עס האָבן א בלישטשע געגעבן זײַנע ברענענדיקע טונקל־קאַרע אויגן: „ווער ווייסט, עפשער איז ליאָניע שוין אין א דעסאנט־טייל, ער האָט אמאָל וועגן דעם געטרוימט“.

— מאַ־אַ־מע, לאָמיר אוועקפאָרן, איך וויל ניט באהאלטן זיך אין קעלער! — האָט זיך ווידער צעוויינט דאָס מיידעלע.

— נאַסטינקע מיט דער מאַמען זײַנען אַוועקגעפֿאָרן, — האָט זיך אָפּגערופֿן די עלטערע, אָנשפּאַרנדיק זיך מיט אַן עלנבויגן אין קישן.

דאָס ייִנגל האָט אָן אַ וואָרט צו זאָגן זיך אויסגעקערעוועט און איז אַרויס פֿון שטוב, דעם קאַראַבין האָט ער דאָס מאָל אַריבערגעוואָרפֿן אויפֿן רעכטן אַקסל.

— איר קאָנט דאָ נאָך קריגן אַ פֿור? — האָט דאַניעל געפֿרעגט בײַ דער פֿרוי.

אַ פֿאַרצווייפֿלטע איז זי געשטאַנען אינמיטן צימער און דורכן אָפּגעטוליעטן פֿענצטער צוגעקוקט, ווי דאָס ייִנגל גייט אַרויס פֿון הויף.

— דעם דריטן אָפּגעלאָזט פֿון שטוב, — האָט זי שטיל געזאָגט, ניט ענטפֿערנדיק דאַניעלן, און טרערן האָבן אַ פֿלייץ געטאָן איבער אירע באַקן, — נאָר וואָס טוט מען? דאָס פֿײַער איז בײַ דער שוועל...

די פֿרוי האָט אין איר צאַר פֿאַרגעסן אָן דאַניעלן. ער האָט זיך געלאָזט צו דער טיר. די אַלטיטשקע האָט שווײַגנדיק אים באַגלייט מיט די אויגן און בלויז צוגעשאָקלט מיטן גרײַזן קאָפּ, ווי זי זאָל צו זיך אַליין אַ טײַנע האָבן: „האַ, דערלעבט?..“

דאַניעל האָט געזאָגט: „ווען מײַן זון וויל גיין פֿאַר אַ פֿרײַוויליקן, וואָלט איך אים אָפּגעלאָזט“. ליאָניע האָט ניט געהערט די דאָזיקע ווערטער, קיין שום ווינט האָט זיי אים ניט געבראַכט צו טראָגן, נאָר ער איז פּונקט אין דעם זעלבן אינדערפֿרי, עפּשער אין אַ האַלבער שאָ שפּעטער, אַוועק זיך פֿאַרשרײַבן אינעם פֿאַרניכטונג־באַטאַליאָן פֿון די אײַזנבאַנער, וואָס מיט זײַנער אַ ראָטע האָט ער נעכטן זיך באַגעגנט אין צוג און איז דאָס ערשטע מאָל געווען אין פֿײַער. אין קעשענע האָט ליאָניע געהאַט דעם בריוו, וואָס דער טאַטע האָט געלאָזט פֿאַר אים, בייס ער איז פֿון קיִעוו אָפּגעפֿאָרן אויפֿן דאָרעם־פֿראָנט, און אויך דאָס ביסל געלט, וואָס איז אויף זײַן, ליאָניעס, כיילעק אויסגעפֿאַלן. דער בריוו און דאָס געלט פֿאַר אַלגען („טיאָטיע אַליע“, ווי ער האָט זי געווינלעך גערופֿן) זײַנען דערווײַל געבליבן אין דער פּאָטשט־אָפּטיילונג. ליאָניע האָט בלויז צוגעגעבן אויך זײַנס אַ קורץ בריוול, אַז אַזוי און אַזוי, ער גייט פֿאַר אַ פֿרײַוויליקן, דעם אַדרעס וועט ער אָנווײַזן שפּעטער.

דער אַדרעס איז דערווײַל געווען אַזאַ: די ווײַסע געבײַדע פֿונעם קיִעווער אײַזנבאַן־טעכניקום אינעם ייִשעוו פֿון יענער זײַט וואָקזאַל. אַהין האָט ליאָניע זיך אַוועקגעלאָזט גלײַך פֿון דער פּאָטשט, — ווי פֿריִער, די הענט אין די קעשענעס, די קעפּקע פֿאַרקוועטשט אונטערן אָרעם, — אַוועקגעלאָזט זיך זוכן גאַלאָוואַניאָוון מיט דער ייִנגלש־הייסער האָפֿענונג, אַז מע וועט אים צונעמען, און מיט דעם טרוים — נו, וואָסער ייִנגל טרוימט ניט וועגן דעם? — אַז ער וועט דורכגיין אַלע פֿײַערן, אַז ער וועט אויפֿטאָן זייער אַ סאַך. אַגעוו, האָבן די שלאַכטלײַט נעכטן, ווען מע האָט אָפּגעשלאָגן דעם אָנפֿאַל אויפֿן צוג און בעשאָלעם אומגעקערט זיך קיין קיִעוו, געשמועסט וועגן דעם, אַז די ראָטע וועט די טעג פֿאַרוואַנדלט ווערן אינעם עקיפּאַזש פֿון אַ פּאַנצערצוג, וואָס טאַקע זיי אַליין בויען אים, און דאָס האָט שוין גאָר פֿאַרכאַפּט ליאָניען...

6

דעם גענעראַלס אַדיוטאַנט האָט אָפּגעוואַרט דאַניעלן אויפֿן גאַנעק. כאָטש געווען איז ער אַ מענטש פֿון אַ יאָר דרײַסיק, האָט ער געטראָגן צייכנס פֿון אַ ייִנגערן לייטענאַנט. אויף זײַן פּראָסטלעכן פּאָנעם מיט דער פֿאַרשפּיצטער נאָז האָבן זיך אויסגעטיילט די קאָסאונטערגעשוירענע באַקנבאַרדן. דאָס האָט אים צוגעגעבן אַ מין נאַיִווע וואַזשנעקײַט.

— דאָ זײַנען ציווילע געקומען, — האָט דער אַדיוטאַנט דערציילט, אָפּטרעטנדיק מיט כשיוועס דעם מאַיאָר דעם וועג, — און זיי, — ער האָט דאָס וואָרט אונטערגעשטראָכן, מע האָט זיך געדאַרפֿט אָנשטויסן, אַז דאָס מיינט ער דעם גענעראַל, — זיי זאָגן מיר: „שפּעטער, שפּעטער, גיב אַהער דעם קאָמאַנדיר פֿון פּאָלק... איך זע אָבער, איר זײַט ניטאָ אין הויף, קאָן איך דערווײַל די ציווילע אַרײַנלאָזן אויף אַ מינוטקעלע. נו, אַלץ איז אין אָרדענונג. איינער איז דאָ געבליבן וואַרטן אויף אײַך — דער פּאָרזיצער פֿון היגן קאָלווירט. ער האָט אַ הונדערט פּופֿציק קאַטשקעס און גענדז אויף דער אויפֿפֿעס־פֿערמע, ווײַל ער זיי אָפּגעבן פֿאַר די סאָלדאַטן, נאָר מע זאָל אים לאָזן אַ צעטל. אַ טשודאַק, דערלאַנגט אים אומבאַדינגט דעם גענעראַל!

מע האָט פֿאַרקערעוועט אין קאָרידאָר. דאַניעל האָט באַמערקט אין אַ ווײַטן ווינקל, לעבן פֿענצטער, דעם פֿויער מיטן קאַשטאַנעוון בערדל. יענער האָט געמאַכט אַ פּאָר שפּאַן אַנטקעגן, נאָר דער אַדיוטאַנט האָט מיט אַ צייכן אים אָפּגעשטעלט: „שפּעטער!“

„מיט גענדזנס איז שוין מײַן פּאָלק באַזאָרגט“, — האָט דאַניעל אין זיך אַ שמייכל געטאָן, און דאָך איז די אָנשטרענגונג, וואָס האָט אים דעם גאַנצן אינדערפֿרי געפּײַניקט, ווי קלענער געוואָרן. געקומען איז עס עפּשער אויך פֿון דעם, וואָס ער האָט לויטן אַדיוטאַנט, וועלכער האָט

אים אַלץ מער אָנגעהויבן געפעלן ווערן, געווערטיילט וועגן דעם גענעראַל: „מיסטאַמע א סאָלדאַט“, — האָט ער באַשלאָסן, דערמאָנענדיק זיך דאָס ביסעלע, וואָס ער האָט וועגן יאַסענעוון געהערט. אין דעם דאָזיקן באַגריף האָט ער אַלעמאָל אַרײַנגעלייגט דאָס בעסטע, וואָס ער האָט געזוכט אין א מענטשן פון מיליטערישן פאַך.

דער גענעראַל איז אין א פוסטן קלאַס־צימער געזעסן אפן ראַנד פון אן אײַזערן בעטל, די פיס אין געפרעסטע הויזן מיט לאַמפּאַסן און אין שקאַרפּעטקעס אַראָפּגעלאָזט אפן דיל, ווו ס'איז געווען אויסגעשפּרייט א צײַטונג. דער קיטעל איז בלויז אָנגעוואָרפן געווען אף די אַקסלען. דער בויך און די ברוסט זײַנען געווען פאַרבאַנדאַזשירט און סאַמע באַם האַלדז האָבן פון אונטער דער שטײַף אָנגעצויגענער מאַרליע זיך אַרויסגעזען אפן ראָזן לײַב געלע קוטשעראַווע הערעלעך. געזעסן איז ער אָנגעבויגן פאָרויס. דאָס פּאָנעם מיט דער פליישיקער אָדלער־נאָז און מיט די געדיכטע העלע ברעמען אָנגעלענט אף א געזונטער מוסקולדיקער האַנט, וואָס איז מיטן עלנבויגן געווען אָנגעשפּאַרט אין קני.

— אַנו, אַנו, איז אָט אַוועלכער דו ביסט... מאַיאָר קרעמעז... — ער האָט די דאָזיקע ווערטער אַרויסגעזאָגט מיט אן אויסדרוק פון אומיטלבאַרן נײַגער אפן געזיכט. אויסגעהערט דאַניִעלס ראַפּאָרט, האָט ער נאָך עטלעכע רעגעס אָפּשאַצנדיק געקוקט אף אים מיט די גרויע אויגן.

— קום, קום אַהער, זעץ זיך! — ער האָט מיט א הייב פון די ברעמען אָנגעוויזן אף א פּאַרטע, וואָס איז געשטאַנען לעבן בעטל; די האַנט, וואָס אף איר איז אָנגעשפּאַרט געווען דאָס פּאָנעם, האָט ער ניט צוגענומען. בלויז זיצנדיק זיך א קערעווע געטאָן מיטן גאַנצן קערפּער צו דער פּאַרטע, זעט אויס, אַזוי האָט ער ווײַניקער געפילט דעם ווייטעק. — וויִאַזוי האָסטו זיך דערקליבן אַהער? אף א מאָטאָציקל? גוט, גוט... איז דערצייל, דערצייל, וויִאַזוי האַלטסטו דאָרט מילכאָמע?

— איך קלײַב זיך ערשט מילכאָמע האַלטן, כאַווער גענעראַל־מאַיאָר.

— זעסטו, האַלטן די שווערד אַרויסגעצויגן פון שיידל, דאָס הייסט שוין אויך מילכאָמע האַלטן...

„א רײַטער?“ — האָט דאַניִעל א טראַכט געטאָן, באַקוקנדיק פונדערנאָענט דעם גענעראַל. מע האָט אים געקאָנט געבן א יאָר אכט און פערציק, פופציק. כאָטש ס'האָבן אים אַפילע א ביסל עלטער געמאַכט די עטלעכע פאָדערשטע אַרײַנגעשטעלטע מעטאַלענע ציין. מאַכמעס דעם, וואָס ער איז געזעסן שטאַרק אָנגעבויגן פאָרויס, האָט מען פּינקטלעך ניט געקאָנט זיך פאָרשטעלן, ווי הויך ער איז. נאָר געדאַרפט האָט ער זײַן העכער פון מיטעלן וווּקס, א פעסט געבויטער, ניט קיין פולער, א גוט אויסגעקנאָטענער. אף די הענט זײַנען בא אים יעדע רעגע אופגעלאָפן מוסקולן, איבערגעכאַפּטע מיט אָדערן, די דלאָניעס זײַנען געווען גרויסע. „אַזא קער נאָך איצט קאָנען א פּײַנעם האַק טאָן מיט א שווערד“, — האָט דאַניִעל געטראַכט. נאָר באַלד — קאַלטלעך, מיט פאָרוווּרף: „אָבער דעם קאָמאַנדע־פונקט האָט ער אויסגעקליבן זאָרגלאָז... און עפשער ניט ער? עפּעס איז ער, דוכט זיך, געקומען אף א גרייטן קאָמאַנדע־פונקט נאָך א באַראַטונג אין דער אַרמיי, אַזוי האָט מען דערציילט“.

אײַנקוקנדיק זיך מיט זײַנע גרויע, מעגלעך אויך קורצזיכטיקע, אויגן אין דאַניִעלן, ווי ער זאָל זיך אָנשטויסן, וועגן וואָס יענער טראַכט, האָט דער גענעראַל יאַסענעוו פאָרגעזעצט:

— אַנו, באַווײַז, ווו האָסטו פאַרנומען פּאָזיציעס? די אַרטילעריע פאַנאַנדערגעשטעלט? האָסט א סאַך האַרמאַטן?

— פיר זעקס־און־זיבעציקער, דרײַ פינף־און־פערציקער... צוויי הונדערט־צוויי־און־פופציקער...

— הער, הער, דאָס איז דאָך א קויעך! מיט מיר צוזאַמען איז באַם קאָמאַנדאַרם געווען איינער א קאָמדיוו. האָט זײַן גאַנצע דיוויזיע אַריבערגעפעקלט איבערן דניעסטער ניט מער האַרמאַטן... כאָטש דאָס איז נאָך עפשער ניט דײַן פאַרדינסט? בווזולוק לעבט?

— איך האָב אים נאָרוואָס געמאַכט פאַר א נאַטששטאַב.

— פרי א ביסל פאַר אים צו זײַן א נאַטששטאַב. נאָר וועסט איצט קיין בעסערן ניט געפינען. איך באַשטעטיק. איך באַשטעטיק...

— א קאָמיסאַר וואָלט איך באַדאַרפט האָבן, — האָט דאַניִעל באַמערקט.

— הע, ברודערקע, ווילסט אַלץ מיטאַמאָל? וועסט קריגן, זאָרג ניט... א גוטן קאָמיסאַר דאַרף מען, דאָס פאַרשטיי איך... וויקל פאַנאַנדער די מאַפּע.

דאַניִעל האָט זיך צוגערוקט צום גענעראַלס בעטל. יאַסענעוו האָט זיך אָנגעבויגן, אף וויפל דער ענגער באַנדאַזש האָט דערלויבט, געברומט עפּעס שטיל, אײַנקוקנדיק זיך אין דער שוץ־סיסטעם.

— אזוי, אזוי, — האָט ער פאַרטראַכט אַרויסגערעדט און אופגעהויבן דעם קאָפּ. — דאָס איז פײַן, נאָר שוין געוויס א ביסל פאַרעלטערט... דאָרט באַוועגט זיך דאָך אַלץ. נו, דײַן שוץ איז נאָך ניט געריִרט. אזוי, דוכט זיך... נישקאָשעס... נישקאָשעס... א רעזערוו האָסטו זיך אויך געשאַפן, א צווייטן עשעלאָן... און אַרום און אַרום איז בא דיר, הייסט עס, בא פינף הונדערט אַקטיווע באַגנעטן... דו ביסט אַמאָל געווען א פּעכאָטינעץ?

— א קאָמבאַט אין א פּאַרפּעסטיקטן ראַיאָן.

— אזוי? וועט דיר, הייסט עס, קלעקן אַקשאָנעס. שוץ איז דײַן פאַך. נאָר מע דאַרף אויך קאָנען מאַנעווריִרן, וויסן, ווו אַליין דערלאַנגען א קלאַפּ... בייסן בירגערקריג ביסטו נאָך מיסטאָמע א שנעק געווען?

— איך האָב זיך באַטייליקט אין בירגערקריג.

— א סאָלדאַט?

— א רײַטער. דערנאָך — א קוילנוואַרפער אויף א פּאַנצערצוג.

— האַ... נו, דעמלט איז אַלץ אויסגעקומען צו טאָן. אָט האָב איך, א קאַוואַלעריסט, אײנמאָל אַפילו געמוזט בויען אײַזנבאַן־בריקלעך... יאָ, מאַיאָר, איז צוליב וואָס האָב איך דיך גערופן? איך בין, ווי דו זעסט, א ביסל ניט דערפאָרן צו דיר, און ביכלאַל צום שטאַב. נאָר עס איז פּונקט פאַרקערט, ווי בא מאַגאָמעטן, — ניט איך גיי צום באַרג, נאָר דער באַרג גייט צו מיר. דער שטאַב וועט גיך דאָ זײַן. די לאַגע איז אָבער אַזאַ, אַז מע דאַרף דעם סוינע דערוואַרטן ניט נאָר פון מײַרעוו... ניט נאָר פון מײַרעוו... דאָ איז בא דיר ריכטיק אָנגעוויזן אויף דער מאַפּע, אַז ער איז צאָפן־צו אַרויס צום טײַכל... ניט נאָר אַרויס, נאָך א ביסל העכער האָט ער באַנאַכט פאָרסירט דאָס טײַכל... פאָרסירט... דאָ איז נאָך שטיל, ער גאַנוועט זיך אַהער בא אונדז הינטער דער פּלייצע. איך מיין, אַז מיט דער גאַנצער אַרמאַדע וועט ער ניט אָנוואַלגערן זיך אויף אונדז, נאָר מאָטאָ־ציקליסטן קאָן ער א וואָרף טאָן פון דאָרט, אַווטאָמאַטלער. א האַלבן צענדליק טאַנקען... קיין סאַך האָט ער דאָ ניט... נו?

דאַניִעל האָט זיך פאַרטראַכט. באַקומט זיך, אַז אים מיט די סאָלדאַטן, וואָס פיל פון זיי זײַנען נאָך אַפילו אין שלאַכט ניט געווען, שטייט פאָר גלײַך פון אָנהייב עפּעס גאָר א שווערער ניסאָיען. שוין קאָן אים אויסקומען צו דרויבלען דעם פּאָלק. און די שוץ, וואָס ער האָט פאַר איין טאָג באַוויזן אופשטעלן באַם טײַך, האָט שוין עפּשער אויך קיין ווערט ניט?

דער גענעראַל האָט אַנדערש פאַרשטאַנען די זאָרג, וואָס האָט זיך אָפּגעשפּיגלט אויף דאַ־ניִעלס פּאָנעם.

— האָסט געהערט, וויפל ער האָט זיך געטאָפּטשעט אַרום נאָוואָגראַד־וואָלינסק, דער דײַטש? און איצט טאָפּטשעט ער זיך בא קיִעוו. דאָרט שפּאַרט ער מיט פיל טאַנקען, און אַוויאַציע האָט ער אויך א ביסל מער, ווי דאָ. עס קומט אים אָן טײַער יעדער שטיק ערד אונדזערע. נו, מיר פאַרלירן אויך היפּש. איז האָט איצט אַרויסכאַפּן פון די קלעמען א דיוויזיע, א פּאָלק עפּעס די ווערט. גוט אָנפּאַטשן אים, ווו עס לאָזט זיך, נאָר אַליין אײַנשטיין אויף די פיס. יאָ, איז ווי קלערסטו, מאַיאָר?

דורך די ברייטע צוגעמאַכטע פענצטער האָט מען געזען, אַז אין די לאַנגע שאָטנס, וואָס זײַנען געפאַלן פון די הײַזער און סעדער אַפּן וועג, פון יענער זײַט גרינעם פּלאַץ, האָבן פאַר־שטויבטע מאַשינעס און פורלעך זיך אויסגעצויגן אין ניט קיין גלײַכער קאָלאָנע.

— סאָכאַ! — האָט א רוף געטאָן דער גענעראַל. ס'איז אַרײַן דער אַדיוטאַנט. — טו נאָר א קוק, דאָס זײַנען ניט אונדזערע? אָט איז, דוכט זיך, סאַמע פון פראָנט, קוקאַרין מיט זײַן רעדאַקציע...

סאָכאַ איז אַרויס.

— מײַנע, פאַרשטייט זיך. אָט האָסטו דעם צווייטן עשעלאָן! — דער גענעראַל האָט זיך געוואָלט אופהייבן, קעדיי צוגיין צום פענצטער, נאָר א קרים זיך געטאָן און געבליבן זיצן. — יאָ, איז וואָס טראַכסטו טאָן, מאַיאָר?

דאַניִעל האָט געזען, אַז דער גענעראַל אײַלט זיך שוין פאַרענדיקן דעם שמועס.

— עפּשער וועט דער היגער פאַרניכטונג־אָטריאַד באַלאָקירן דעם וועג צאָפן־צו פון דאָרף? אין די נאָענטע דערפער קערן אויך זײַן אָטריאַדן.

— רעכן, אַז דאָס ווערט שוין געטאָן.

— איז ווי איר וועט באַפוילן, כאַווער גענעראַל. איך קאָן שיקן א ראָטע.

— וויניק. האָסט א גוטן באַטאַליאָן?

— א גוטן? איך האָב זיי נאָך רעכט ניט געזען אין שלאַכט.

— דאַרפסט פילן. דאָרט איז געווען א קאָמבאַט גאַרטשאַקאָוו — ער לעבט? איז אָט — זײַנע מענטשן, זאָלן זיי פאַרנעמען די שוץ אַכט קילאָמעטער צאָפן־מיזרעך־צו פון טשערעפּ־

קאָוואָ, פּאַרפעסטיקן זיך באַ די וועג־קרייצונגען. עס קאָן זיך מאַכן, עס זאָלן אַהין קומען אינגיכן אונדזערע דרײַ טאַנקען. מע האָט מיר צוגעזאָגט אין שטאַב פון דער אַרמיי. וועט ביכלאַל זײַן גרינגער. אַ זעניט־באַטאַריי און אַ קוילנוואַרפער־ראָטע זײַנען שוין לאַנג דאָ בישכיינעס. אָט אָ־דאָ, — ער האָט דערלאַנגט אַ בלײַער פון בוזעם־קעשענע און גענומען צייכענען אויף דאַ־ניִעלס מאַפּע.

אַ דינער זשום האָט מיטאַמאָל גענומען אָנוואַקסן, ווי ער זאָל קומען פון אַ ווינקל קלאַס צי פון קאָרידאָר.

— אָט האָסטו! — האָט יאַסענעוו געזאָגט. — די נאַכט איז מען אָפּגעשטאַנען אין גליניאָנע און איצט זיך אויסגעצויגן אויפן וועג! דער דײַטש פירט דאָך מאַטאָנעס!

דער זשום איז זיך שוין פאַרגאַנגען אין אַ וואָי, ס׳האָט פון דער זײַט זיך דערטראָגן אַן אָפּטע שיסערײַ פון האַרמאַטן און קוילנוואַרפער. אינעם קנאַלן איז אײַנגעשלונגען געוואָרן דער זשום. און פּלוצעם — טראַך, טראַך, טאַראַ־ראַך! די געבײַדע האָט זיך אַ וויג געטאָן, די שויבן אין די הויכע פענצטער האָבן זיך צעשפּאָלטן. דאַניִעל איז געבליבן זיצן אויפן אָרט. דער גענע־ראַל, באַ וועמען דאָס געזיכט איז געוואָרן קרענקלעך־גרוי, האָט אויפגעהויבן די פּיס, קעדיי אַוועק־לייגן זיי אויפן בעטל, נאָר ער האָט איבערגעטראַכט און אַראָפּגעלאָזט זיי צוריק אויף דער אויסגע־שפּרייטער צײַטונג. דאַניִעל האָט דערפילט, אַז די הענט ציטערן באַ אים, און ער האָט זיי פאַר־באַהאַלטן הינטער דער פּלייצע. ער האָט עפּעס געוואָלט זאָגן און ניט געקאָנט, אײַנגעהערט זיך אינעם קלינגעוודיקן זשום, וואָס איז געהאַנגען ערגעץ הויך איבער דער סטעליע, אין הימל, און מיט טיפן פאַרדראָס זיך דערפילט קליין, דערדריקט. דאָס האַרץ האָט הויך און אומרויִק גע־קלאַפּט. און דאָך האָט איבער אַלץ געהערשט אין אים אַ פּאַראַקשנט געפיל, אַפילע אַ גלויבן: אַהער וועט ניט טרעפן. נאָר ווידער אַ פײַף, אַזאַ, וואָס ציט די אָדערן פון קערפּער, אַ פאַר־הילושענדיקער הילך. דאַניִעל האָט נאָך באַוויזן צו דערזען, אַז די פענצטער מיט די ראַמען זײַנען אַרויסגעפלויגן אין דרויסן, די זון האָט זיך ערגעץ אַ קײַקל געטאָן. אין שטויב און אין פלאַם, וואָס האָבן פאַרשטעלט די גאַס, האָט זיך דורכגעטראָגן עפּעס, ווי אַ שטיק בלעכענער דאַך.

דאַניִעל איז געזעסן אויפן דיל, געשפּיגן מיט קאַלך־שטויב. די פּאַרטע איז געווען איבערגע־קערט. דעם גענעראַל האָט עס צוזאַמען מיטן בעטל אָפּגעטראָגן צו דער וואַנט. אויפן אָרט איז געבליבן בלויז די אויסגעשפּרייטע צײַטונג. יאַסענעוו האָט מיט דער האַנט אָפּגעטרייסלט שטיקער קאַלך פון קאָפּ, אויסגעפּלאָנטערט פון די האָר שפּליטערס גלאָז און אָפּגעוואָרפן זיי אין אַ זײַט.

דאַניִעל האָט זיך אויפגעשטעלט, גענומען אויפהייבן די פּאַרטע.

דער גענעראַל האָט געזאָגט מיט אַ קרענקלעכן שמייכל, באַטאַפּנדיק די פאַרבאַנדאַ־זשירטע ברוסט:

— ער האָט מיך ווידער אָפּגעזוכט, נאָר איצט ניט פאַרטשעפּעט... גיי, מאַיאָר, אײַל זיך! אויב דײַן מאָטאָציקל איז צעקלאַפּט, איז טו אַ קוק מיט סאָכאַ אין סאַד, דער שאָפער האָט דאָרט זיך געפּאָרעט באַ מײַן מאַשין, עפשער האָט ער זיך עפּעס דערשלאָגן און זי איז שוין גאַנץ...

7

אויפן גאַנעק איז געשטאַנען דער פויער מיטן קאַשטאַן־בערדל, ער האָט אַ צאָרנ־דיקער, אַ פאַרגליווערטער, געקוקט אויף דער גאַס, אויף יענער זײַט פּלאַץ, ווו ס׳האָבן דורך שטויב און רויך, וואָס זײַנען נאָך רעכט ניט צעזייט געוואָרן, זיך געזען אַ פּאָר צעוואַל־גערטע הײַזער מיט אײַנגעבראָכענע דעכער. אַ מינוט האָט דעם פויערס דערשיטערטקײַט גע־ווירקט אויך אויף דאַניִעלן — ער האָט קיין שפּאַן ניט געקאָנט מאַכן פון די טרעפּלעך. ערגעץ אין דער הייך, אַרום די בערגלעך, האָט נאָך געזשומעט דער עראָפּלאַן און קוילנוואַרפערס האָבן אים באַשאָסן.

מיטאַמאָל האָט דאַניִעל באַ דער וועג־קרייצונג, אַנטקעגן דער שול, דערזען טשאַרנען אין אַ טונקל־רויטן טיכל, מיט אַ קלומעקל אין האַנט. אַ לאַסטמאַשין, צו וועלכער זי האָט אימפּעטיק זיך אַ לאָז געטאָן, האָט זיך ניט אָפּגעשטעלט. אַ מיליטערישער וואָגן, אָן אָנגעלאָדענער מיט קלעצלעך טעלעפאָן־דראָטן, האָט טשאַרנען אויך ניט אַרופגענומען. זי איז ווידער געבליבן שטיין באַ אַ זײַט פון וועג, און די גאַנצע פּאָזע אירע האָט אויסגעדריקט פאַרצווייפלונג.

דאַניִעל האָט זיך אויסגעקערעוועט צום פויער:

— איר וואַרט אויף מיר? איך וועל צו אײַך שיקן מײַן סטאַרשינאַ, מיט וועלכן איר וועט אַלץ דערליידיקן, נאָר אָט וואָס...

— האַ, נו, יאָ, די גענדז, — באַם פויער האָט זיך אַ צוק געטאָן דאָס געזיכט, — ווער טראַכט איצט וועגן דעם... איך האָב געמיינט מיט אײַך וועגן עפּעס אַנדערס ריידן.

— גוט, מירן ריידן. איך וועל אײַך שיקן דעם סטאַרשינאַ... זאָגט נאָר, אין קאָלווירט באַ אײַך וועט זיך ניט אָפּזוכן א פערד־און־וואָגן?
— מע קאָן אָפּזוכן...
— איז אָט וואָס איך וועל אײַך בעטן. איר זעט יענע פרוי, וואָס מיטן רויטן טיכל אַף די אַקסל? שיקט זי אָפּ קיין ניקאָלײַעוו... אָן דאָרטן, אין יענער שטוב, ווו סלופּעס שפּאַרן אונטער דעם פּידאַשעק, וווינט א מישפּאָכע — א סאָלדאַטקע, צוויי מיידעלעך און א באָבע. מע דאַרף זיי אויך אַרופנעמען אַף דער פור, אומבאַדינגט.

— גוט, גוט, איך וועל דאָס באַלד טאָן, כאָטש ער מאַיאָר. איך האָב אַליין אויך א קרום ייִנגל און קלײַב זיך אים מיט מײַן עלטער אַרויספּראָוואַדיען אַף מיזרעך... — דער פויער האָט די פינגער פון זײַן ברייטער האַנט אײַנגעגראָבן אינעם בערדל. — אוי, האָט ער דאָ א צאָרע אָנגעטאָן... א באָמבע איז דאָך אין וויכאָרעווס הויף געפאַלן!..
דאַניִעל האָט ניט געוווּסט, ווער דער וויכאָרעוו איז.
— צײַט איז ווייניק, — האָט ער געזאָגט.
— איך פאַרשטיי. — דער פויער האָט זיך גענומען אַראָפּלאָזן פון די טרעפּלעך.
אין א מינוט אַרום האָט דאַניִעל אים אָנגעיאָגט אַפן מאָטאָציקל באַ א זײַט פון שליאַך. דער פויער האָט זיך צו אים א לאָז געטאָן, און דורכן רויש פון מאָטאָר האָט דאַניִעל דערהערט:
— ווען איך וועל זיך מיט אַלץ אופאָרען, כאָטש ער קאָמאַנדיר, וועל איך קומען צו אײַך. איר שטייט דאָך לעבן דער מיל, האָב איך געהערט זאָגן?
— קומט, קומט! — האָט דאַניִעל געענטפערט, ניט פאַרשטייענדיק רעכט, צוליב וואָס דער פאָרזיצער פון קאָלווירט זאָגט דאָס.
די שלאַכטלײַט פון דעם פאַרניכטונג־אָטריאַד האָבן געהאַוועט אַרום א צעוואַלגערט הויז מיט א צעבראָכענעם פלויט און אַרומגעבראָכענע, פאַרשטויבטע פרוכטביימער. דאַניִעל האָט קוים דערקענט די שיינע שטוב מיטן געפאַרבטן פלויט, פונוואַנען א פרוי האָט געהאַט גערופן דעם קאָמאַנדיר פון אָטריאַד, ווען יענער האָט זיך געלאָזט צום גענעראַל. איז אָט וועמען דער אומגליק האָט געטראָפן!
דאַניִעל האָט א טראַכט געטאָן, אַז דאָס קאָן פאַרהאַלטן דעם אָטריאַד — מע וועט ניט באַווײַזן פאַרנעמען באַצײַטנס די פּאָזיציעס צאָפּן־מיזרעך־צו פון דאָרף. אָפּגעשטעלט דעם מאָטאָציקל באַ א זײַט פון וועג, האָט ער דורכן רוישנדיקן אוילעם, וואָס האָט זיך פאַרזאַמלט באַם פלויט, זיך אַרײַנגעכאַפּט אין הויף, קעדיי אָפּזוכן דעם קאָמאַנדירס געהילף און דערריידן זיך מיט אים.

צוגעשפּאַרט צום שטאַם פון א צעבראָכענעם באַרנבוים, איז אַף דער ערד געזעסן א יונגע פרוי מיט צעפּאַטלטע רוסיאַווע צעפּ און זינלאָז אויסגעגלאָצטע אויגן. ניט קיין פּײַן, ניט קיין שרעק — טיפע דערשיטערונג איז געווען אויסגעגאָסן אַף איר יונגן געזיכט. די הענט, שטאַרק בלאַסע, זײַנען ווי הילצערנע געלעגן אַף די קני. לעבן איר אַף דער ערד איז געווען א קאַליוזשע וואַסער. א ליידיקער עמער האָט זיך געוואַלגערט באַנאַנד — זעט אויס, מע האָט זי ערשט געמינטערט.

פונעם שטיבל איז גאַנץ געבליבן בלויז איין וואַנט. די קראָקוועס זײַנען דאָרט געווען אָנגעשפּאַרט אין א קליידער־שראַנק און אין א ווינקל פון אויוון. פון אונטער אָט דער וואַנט האָבן אַרויסגעפּויזעט צוויי שלאַכטלײַט פון דעם פאַרניכטונג־אָטריאַד מיט פּאַטראָנטאַשן אַף די רימענס. און נאָך זיי — דער קאָמאַנדיר. זײַן בלאַס פּאָנעם איז געווען באַדעקט מיט שוויס און קויט, די אויגן — מוטנע, פאַרלאָרענע. ער האָט געהאַלטן אָן אַרומגעבראָכן ווענטל פון א הילצערנעם קינדער־בעטל — א שטיקל בלוי־געפאַרבטן דיקט, באַדעקט מיט בלוט־שפּריצן.
— אָט... — האָט ער געזאָגט מיט א הייזעריקלעך־אײַנגעבראָכענער שטים צו די שלאַכטלײַט, וואָס האָבן זיך אַרום אים פאַרזאַמלט. — דאָס איז אַלץ, וואָס איז געבליבן פון שוריקן!

III. זאָל דערשפּילן די פלאַסטינקע. די שלאַכט אַרום טשערעפּקאָוואָ

1 אין דעם ענגן בלינדאַזש פון דאַניִעלס קאָמאַנדע־פונקט זײַנען געווען עטלעכע מענטשן. ער איז געקומען פון דער בלענדנדיקער שײַן און ניט גלײַך געקאָנט באַשטימען, ווער עס געפינט זיך דאָ. דאָס קאַנעצל, וואָס האָט טשאַדענדיק געברענט אין א ווינקל, האָט נאָך מער אונטערגעשטראָכן די טונקלקײַט.

— אָט איז דער באַלעבאָס אַליין! — האָט זיך דערהערט א באַסאָווע שטים, לויט וועלכער דאַניִעל האָט דערקענט דעם קאָמיסאַר פון דיוויזיע זאַגאָרויקאָ. באַלד טאַקע האָט ער אים דערזען אויך — א פולן, ניט קיין הויכן, אין א ברייטער גימנאַסטיאָרקע. הינטערן קאָמיסאַר איז געשטאַנען שטשוסעוו, דאָס מונדשטוקל, ווי אַלעמאָל, פאַרפּרעסט צווישן די ציין.

— פּאַמעלעך, באַ דער וואַנט ליגט א פאַרוווּנדעטער, — האָט געוואָרנט זאַגאָרויקאָ, — דעם מאַיאָר שטשוסעווס א באַאָבאַכטער.

דאַניִעל האָט אריבערגעשפּאַנט איבער עמעצנס פיס, דערלאַנגט די האַנט דעם קאָמיסאַר, דערנאָך שטשוסעוון. דער קאָמיסאַר האָט געפרעגט:

— ווי פילט זיך דער גענעראַל־מאַיאָר?

— נישקאָשע. א באָמבע האָט אים נאָרוואָס ווידער שיר ניט פאַרטשעפּעט.

— עס זײַנען פאַראַן געליטענע אין טשערעפּקאָווע?

— פאַראַן.

דאַניִעל האָט געהערט, ווי דער קאָמיסאַר נעמט אָן לופט אין דער כריפּענדיקער ברוסט, נאָר יענער האָט מער גאָרנישט ניט געפרעגט וועגן טשערעפּקאָווע.

— פּאַוועל אַלעקסייעוויטש האָט אײַך, ווי איך פאַרשטיי, געזאָגט וועגן דער אויפגאַבע, וואָס אײַער פּאָלק דאַרף אויספילן, מאַיאָר: האַלטן זיך באַ דער בריק ביז נאַכט.

דאַניִעל האָט נישט געענטפערט ניט יאָ, ניט ניין. אזוי קאָנקרעט איז נאָך פאַר אים די אויפגאַבע ניט געשטעלט געוואָרן. ער האָט בלויז באַמערקט:

— דער גענעראַל יאַסענעוו האָט באַפוילן אריבערוואַרפן גאָרטשאַקאָווס באַטאַליאָן אַף צאָפן־מיזרעך, און איך האָב שוין, פאַרנדיק אהער, אָפּגעגעבן א פאַראָרדענונג וועגן דעם.

— אהא, — זאַגאָרויקאָ האָט זיך פאַרטראַכט, — אויב אזוי, דאַרף מען איין באַטאַליאָן פון לעמעכאָווס פּאָלק אוועקשטעלן אַף גאָרטשאַקאָווס אָרט. מיט צוויי ניט קיין פולע באַטאַליאָנען וועט אײַך דאָ, אין סאַמע פײַער, זײַן שווערלעך. סאָווטשענקאָס פּאָלק איז א ביסל ווײַטער. ער וועט שוין מיסטאָמע ברענגען נאָך זיך דעם דײַטש... יאָ. איר זאָלט וויסן זײַן — שטשוסעוו וועט אײַך אונטערהאַלטן בלויז מיט א טייל האַרמאַטן. צוויי דיוויזיאָנען וואַרפט ער אריבער אַף צאָפן... אָט אזוי, מאַיאָר, — ווידער האָט זיך צעכריפּעט דעם קאָמיסאַרס ברוסט, — איך בין געווען אַף אײַערע פּאָזיציעס, קרעמעז, געשמועסט א ביסל מיט די מענטשן. אין גרונט, זײַנען באַ אײַך, פונדעסטוועגן, באַשאָסענע סאָלדאַטן. דאָס איז גוט. פאַראַן היפּשלעך קאָמוניסטן, קאָמיוגיסטן — מע דאַרף זיי אָרגאַניזירן.

— סאָקאָליעצן האָב איך אָבער געמוזט שטעלן קאָמאַנדווען מיט א באַטאַליאָן. און ער איז איצט ביכלאַל א קנאַפּער ריידער.

— מע האָט מיר צוגעזאָגט א קאָמיסאַר פאַר אײַערטוועגן. נאָר עפּעס קומט ער ניט. איך לאָז דאָ דערווײַל אַן אגיטאַטאָר פון פּאָליטאָפּטייל — דעם פּאָליטרוק קאָלטונאָוו. ער איז שוין אין די ראָטעס.

זאַגאָרויקאָ האָט זיך אָנגעבויגן צום פאַרוווּנדעטן:

— שלאָפסט, סערזשאַנט?

— ניין, כאַווער קאָמיסאַר, — האָט יענער געענטפערט מיט גאָר א שוואַכער שטים.

— ווייסט עפּשער קאָנען צוגיין צו מײַן מאַשין? איך וויל דיך מיטנעמען אין דאָרף אַרײַן.

— איך וועל פּרוּוון, — דער פאַרוווּנדעטער האָט גענומען שאַרן מיט די הענט איבערן דיל, א קרעכץ געטאָן.

— ליג, ליג, — האָט זאַגאָרויקאָ זיך א כאַפּ געטאָן, — העלפט נאָר מיר, שטשוסעוו!

בוזולוק האָט געוואָלט העלפן, נאָר זאַגאָרויקאָ האָט ניט געלאָזט:

— מיט איין האַנט? זאָג א דאַנק, וואָס איך פיר דיך אויך ניט אוועק אין סאַנבאַט!

מיט דאַניִעלן האָט ער זיך אָבער ניט געשפּאַרט.

אין דרויסן האָט אָנשטאָט דאַניִעלן געהאָלפן שטשוסעוון דעם קאָמיסאַרס שאָפער. זאַגאָרויקאָ האָט זיך אָפּגעשטעלט און שטיל געזאָגט:

— די לאַגע איז א שווערע, כאַווער קרעמעז.

ער האָט א מינוט געקוקט אַף די פּאָזיציעס פון פּאָלק, וואָס האָבן זיך פונדאַנען גוט אָנגעזען. עפּעס בענקענדיק־אומרויִקס איז געווען אין זײַן פולבלעכן געזיכט מיט די געלע זעקעלעך אונטער די אויגן. נאָר אָט איז עס ווידער געוואָרן רויִק.

— וויפל, צוואַנציק יאָר, דוכט זיך, זײַט איר אין דער פּאַרטיי, מאַיאָר? — האָט זאַגאָרויקאָ געפרעגט.

דאַניִעל האָט אים פעסט א קוק געטאָן אין די אויגן:

— צוויי און צוואַנציק, כאַווער קאָמיסאַר, — פונעם נײַנצעטן.

2

דער לייטענאַנט איגאָר ראַזשעפּקין האָט פון באַנאַכטיקן אויסשפּיר זיך אומגעקערט ניט מיט ליידיקן. אַף איוואָלגינס געזונטן פויערישן פערד האָבן געריטן צוויי: דער יעפרייטאָר און א געפאַנגענער רומענישער אָפיצער, וועלכער איז מיט געבונדענע הענט אוועקגעזעצט געוואָרן פון פאָרנט. דאָס פערד האָט קוים אויסגעהאַלטן די צווייענדיקע לאַסט, אומגעדולדיק געטרייסלט מיטן קאָפּ, געשפּריצט מיט געלן שוים דורך דעם פאַרביסענעם ציימל. נאָר קיין ברייערע איז ניט געווען. מע האָט געמוזט גיין, און דעריבער האָט עס פאַרזיכטיק, מיט א ציטער אין די קני געשטעלט די פיס.

דעם געפאַנגענעם האָט מען גענומען גאַנץ לייכט. ראַזשעפּקין האָט דערין קיין שום בעריעשאַפט ניט איינגעזען. מער ווערט האָט בא אים אין די אויגן געהאַט די שריפטלעכע מיטיילונג, וועלכע ער האָט סאָף נאַכט אָפּגעשיקט אין פּאָלק מיט איינעם פון זיינע אויסשפּירער, מיט לעאָניד טשיקאָלדא, — גאַנץ גענויע ידיעות וועגן דעם סוינעס טיילן, וואָס האָבן צאַפּן־צו פאַרסירט דאָס טייכל. יאָ, גענויע און זייער ניט קיין פריילעכע ידיעות... און ווען טשיקאָלדא איז שוין געהאַט אוועקגעריטן, האָט מען גענומען דעם אָפיצער.

א קאָלאָנע רומענער האָט אין גרויען קאַיאָר שלעפעריק און פּאַמעלעך זיך געצויגן איבער א סטעפּישן וועג, צו וועלכן ראַזשעפּקין און זיינע צוויי אויסשפּירער האָבן זיך דערקליבן. איבערגעלאָזט די פערד אין א באַלקע, האָבן די אויסשפּירער זיך באַהאַלטן צווישן די אַקאַציע־ביימלעך, וואָס האָבן בא דער זייט פון וועג געשאַפן א דורכויסיקן פּאַס. מ'האָט ניט נאָר געהערט אויסגעשרייען אַף אַן אומפאַרשטענדלעכער שפּראַך, נאָר מיט די קערפּערס געפילט, ווי עס ציטערט די ערד אונטערן פרעמדן כאַיל. פּעכאָטינצעס, אַבאָז־פורלעך, האַרמאַטן — אַלץ האָט זיך דאָרט אויסגעמישט. עמעצער פון דער קאָלאָנע איז אוועק אין די קוסטעס וועגן אַן איניען, וואָס עס איז אים שווער אָפּצולייגן. איוואָלגין האָט זיך אונטערגעגאַנוועט און פאַרכאַפּט יענעם אין א ביז גאָר אומבאַהאָלפענער פּאָזע — אַזוי האָט זיך אַריינגעפּאַקט דער אָפיצער.

די אינדערפריִעדיקע זון האָט שוין גאַנץ הויך געבליאַסקעט איבער די ווערבעס, וואָס ציִען זיך לענגויס דעם טייכל, ווען די אויסשפּירער האָבן זיך דערקליבן צום רעכטן פלאַנג פון זייער פּאָלק. ראַזשעפּקין איז געפאָרן פאָרויס. ער איז געזעסן אין זאָטל גלייך, קיין קאַפּעלע ניט געבויגן זיך, קימאַט ניט באַוועגט מיטן צוים און בלויז מיט א לייכטן טאָרע פון די אָפּצאַסן געריכטעט זיין שיין גרוי פערד מיט קיילעכדיקע ווייסע פלעקן. נאָך אים איז געפאָרן סערגיי איוואָלגין מיטן געפאַנגענעם, און גאָר פון הינטן — טימאָשע סירגולי, א פעסטער יונג, א טיפּישער קובאַנער, מיט א שפּאַרבער־נאָז און קאַרע, עטוואָס קאָס־פאַרשניטענע אויגן, וואָס האָבן הייס און לעבעדיק געבלישטשעט פון אונטער דער קאַסקע.

די אויסשפּירער זיינען געפאָרן דורך א פלאַך באַלקעלע, וווּ עס זיינען געווען אויסגעגראָבן עטלעכע בלינדאַזשן, איבערגעדעקטע מיט בערווענעס און צוגעשאָטענע פון אויבן מיט ערד. פון דעם שטעגעלע האָט אַף די בלינדאַזשן אָנגעוויזן א דיקטענע פייל, אַף וועלכער ס'איז אָנגעמאָלט געווען א רויטער קרייץ. א מיידל האָט געגעבן א קוק אַרויס פונעם עקסטן בלינדאַזש און באַלד זיך באַוויזן אַפן שטעגעלע — א דאַרינקע, מיט א פאַרברוינט פּאָנעם, מיט בלאָנדע צעפּ — זייער א כיינעוודיקע. איוואָלגין האָט מיט די קני א טאָרע געטאָן דאָס פערד, ס'זאָל שפּאַנען לעבעדיקער, און א געשריי געטאָן צום מיידל:

— ווי געפעלט דיר, שוועסטערקע, אָט דער פויגל? האָסט געזען אַזאַ?

נאָר די מעדשוועסטער האָט זיך אַף אים אַפילו ניט אומגעקוקט. אויפגעהויבן די הענט, האָט זי מיט א לייכטער באַוועגונג פון די פינגער באַגריסט ראַזשעפּקינען, דערביי האָט איר פּאָנעם מיט די מאַמעש קינדעריש־ווייכע, צאַרטע שטריכן אויסגעדריקט פרייד און צעטומלטקייט. ראַזשעפּקין האָט בלויז עטוואָס אויסגעקערעוועט זיך צו איר, א שמייכל געטאָן אַזוי, ווי מע שמייכלט געוויינלעך צו א באַקאַנטן, מיט א נייג פון דעם קאָפּ געענטפערט אַף דער באַגריסונג און א טרייסל געגעבן דאָס ציימל — דאָס פערד האָט אים גרינג אַרויסגעטראָגן אַפן שיפּוי פון דעם באַלקעלע, אין א האָבער־פעלד.

סירגולי האָט צוגעריטן צו איוואָלגינען.

— א ליבע, — האָט ער שטיל געזאָגט און א ווונק געגעבן אַפן לייטענאַנט.

איוואָלגין האָט זיך איינגעקוקט אין סירגולים לענגלעך גזיכט, וואָס איז געווען ווי אונטערגעשטראָכן דורכן רימענדל פון דער קאַסקע, — קיין אויסדרוק פון כויזעק האָט ער אַף דעם ניט באַמערקט. פאַרקערט, אין יענעמס אויגן איז געווען באַדויערונג, מיטלייד, יעדנפאַלס אַזוינס, וואָס האָט ניט געקאָנט שפּייזן איוואָלגינס פריילעכקייט. דאָך האָט דער יעפרייטאָר געפּרוווט א שפּאַס טאָן:

— איז ווער נאָך וועמעס טריט שטאַרבט דאָ? אַוואַדע — זי? מע זעט דאָך — זי גייט אויס נאָך אים...

— ניין, מע קאָן דאָס ניט זאָגן.
— וואָס זשע דען?
— ער איז אַן ערנסטער זייער, אונדזער לייטענאַנט.

נאָך אַט די ווערטער, וואָס זיַינען אַרויסגעבראַכט געוואָרן, ווי מיט פּאַרוואָרף, האָט איוואַלגין גוטע עטלעכע מינוט געשוויגן. ער האָט זיך דערפילט געטראָפן. איַינגעשטימט דערמיט, אַז דער לייטענאַנט איז אַן ערנסטער, האָט ער אָבער מיט ווייטעק אַ טראַכט געטאָן, אַז ער אַליין איז שוין גאָר ניט קיין שטאָלצער. ערנסט און שטאָלץ זיַינען בא אים געווען גאַנץ נאָענטע באַגריפן. צוויי יאָר, זינט סערגיי איוואַלגין דינט אין דער אַרמיי, און אַ ביסעלע אויך פריִער האָט ער גערעכנט, אַז לענע, די קראַנקאַנווועשטשיצע פון גוס־צעך, איז זיַינע אַ קאַלע. און ערשט ניט לאַנג פאַר דעם, ווי ס'האָט זיך אָנגעהויבן די מילכאָמע, האָט ער זיך דערוווּסט, אַז אָט דאָס מיידל מיט די שטרענגע אויגן, וועלכע פלעגט אים, דעם כאַכמאַטש, אַלע מאָל אָפּשטעלן „שפּאַס ניט", האָט אַף זיַין ליבע צו איר אויך געקוקט, ווי אַף אַ שפּאַס, — זי שפּאַצירט מיט אַ צווייטן און וועט, זעט אויס, אינגיכן פאַרשריַיבן זיך מיט אים. איוואַלגין האָט דעמאָלט איר אָנגעשריבן אַ לאַנגן בריוו, געבעטן זי וואַרטן ביז האַרבסט, ביז ער וועט ענדיקן דינען. נאָר עס האָט זיך אָנגעהויבן די מילכאָמע — אַף וואָס איז שוין דאָ צו האָפן? איצט האָט איוואַלגין זיך באַצויגן מיט ביטל ניט נאָר צו דער איי־גענער, נאָר אַפילו צו פרעמדער ליבע און צו אַלע שמועסן, וואָס סאָלדאַטן פירן צווישן זיך אַף דער דאָזיקער טעמע...

דער רומענישער אָפיצער, ווי פאַרצווייפלט ער האָט זיך ניט געקלאַמערט מיט די קני אינעם פערדס לאַפּעטקעס, האָט פּאַרט פאַמעלעכן געגליטשט זיך אין אַ זיַיט, ווייַל איוואַלגין האָט אים אויפגעהערט צוהאַלטן. געכאַפּט זיך, האָט דער אויסשפּירער אַ צי געטאָן דעם אָפיצער פאַר די זילבערנע געשטריַיפטע פּאַגאָנעס, ער זאָל זיצן גליַיך. דער געפאַנגענער האָט אַ ציטער געטאָן. דאָס שעפּטשען זיך פון די צוויי רוסן הינטער זיַינע פּלייצעס האָט אים געשראָקן. היַינט נאָך אַזאַ בייזער שלעפּ! נאָר איוואַלגין האָט אים באַלד מיט אַ לייכטן פּאַטש אין פּלייצע באַרויִקט:

— שאַ, שאַ, מע טוט דאָך דיר גאָרנישט! — און אַ דערפרייטער פון דעם אַליין, וואָס מע האָט פאַר אים מוירע, האָט איוואַלגין געזאָגט צו סירגולין:

— און זי איז אויך אַזאַ, דאָס מיידל?
— אַוועלכע?
— זייער אַן ערנסטע?..
— אַן ערנסט מיידל, — האָט סירגולי וואָגיק געזאָגט.
— נו, גוט. איז ער אַן ערנסטער, און זי איז אַן ערנסטע, אַ „גוט־העלף" און „זיַי־געזונט" און מע איז וויַיטע באַקאַנטע...

— ווי ווער עס פאַרשטייט, — האָט אומצופרידן זיך אָנגערופן סירגולי. ער האָט אָנגעצויגן דאָס ציַימל, קעדיי אָפּשטיין פון איוואַלגינען.

— און ווי רופט מען זי?
— ליובע... ליובע דובאָק.
— דובאָק?[1] — איוואַלגין האָט ווידער אַ שמייכל געטאָן, איצט שוין טאַקע גאָר פריילעך, — איז זי גאָר דאָס דעמבל? און לויט דער ליד נאָך, וואָלט איר פאַסטן זיַין די ביטערע ריאַבינע...

סירגולי איז געווען באַרויגעז. ער האָט אומדערוואַרט אַ שמיץ געטאָן דאָס פערד, איז אַרויס־געפאָרן אַפּן שמאָלן שטעגעלע און האָט איבערגעלאָזט הינטער זיך איוואַלגינס קאַרן.

3

בא דער גרויער שיַין, נאָך פאַר זון־אויפגאַנג, האָט ניקאַליַי זעמליאַניצינס וזוואָד זיך גענומען גאַלן. געווען זיַינען דאָס אַכצן מענטשן — אַלץ, וואָס עס איז געבליבן פון דער צעקלאַפּטער נייַנטער ראָטע. בלויז איינער אַ נייַער — יעווגען נעזשורקאַ, אַ געוועזענער מיליציִאָנער. די אַנדערעביידע וזוואָדן זיַינען באַנייַט געוואָרן פולשטענדיק.

זעמליאַניצין איז געווען צופרידן, וואָס מ'האָט די מענטשן, וועלכע ער האָט געבראַכט פון פראָנט, ניט צעשטופּט איבער פאַרשיידענע וזוואָדן.

צופרידן איז ער געווען אויך מיטן מיליציִאָנער נעזשורקאַ — ס'איז אַ טיכטיקער, אַ פריי־לעכער יונג. דאָס, אַז ער איז צופרידן, האָט זעמליאַניצין איצט פאַרבאָרגן אין זיך, ווייַל דערי־קערשט איז ער געווען אומצופרידן. אומצופרידן מיט אַ סאַך זאַכן, וואָס ער וואָלט זיי אַלע עפּשער ניט געקאָנט אַפילו אויסרעכענען. איינע פון די דאָזיקע זאַכן, האָט זיך אים געדוכט, איז אָט וואָס: דער נייַער קאָמאַנדיר פון דער נייַנטער ראָטע סאַבלין, ניט קיין הויכער, אַ ברייטפּליי־

[1] דובאָק (רוסיש) — אַ דעמבל.

ציקער, מיט א קײַלעכדיקן, געגאָלטן קאָפּ אין שראמען — א קאָטאָוועץ בייסן בירגערקריג און דערנאָך א דירעקטאָר פון א וווּרשט־פאבריק אין א שטאָט באם דניעסטער, ווו ער האָט צונויפּגענומען דעם פארניכטונג־אָטריאַד, דעם איצטיקן צווייטן ווזוואָד, — אָט דער־אָ סאבלין האָט נעכטן, פארשרײַבנדיק אין א בלאָקנאָטל די מענטשן פון זעמליאניצינס ווזוואָד, וואָס זײַנען נאָר וואָס געקומען פון דער פאָדערשטער ליניע, ניט געפונען קיין בעסערס צו זאָגן, ווי אז מע דארף זיך אָפּגאָלן. געזאָגט דאָס ניט אנדערש, ווי קעדיי א פּיק צו טאָן:

— ע־הע, פראָנטאָוויקעס, דער גאנצער צאָרן פון דעם אָקאָפּנעם לעבן איז דאָך אָף אײַך אויסגעגאָסן! איך וועל אײַך באלד שיקן א שטאָטישן פאריקמאכער פון אָטריאַד.

זעמליאניצין האָט אים געענטפערט, אז בא שטאָטישע פאריקמאכערס וועט מען זיך שוין גאָלן נאָך דער מילכאָמע. מע איז דאָ צו אָדעקאָלאָן ניט געווינט. און אויב עמעצער איז געווינט, וועט ער אין אים אויך פארגעסן נאָכן ערשטן שאָס. מע וועט שוין די בערד ווי־ניט־איז אראָפּשאָבן מיט די סאָלדאטסקע גאָלמעסערס. און א גאנצע שלאָפלאָזע נאכט, — מע האָט געגראָבן אָקאָפּעס און טראנשייעס, — א גאנצע נאכט האָט צווישן די פײַנלעכע געדאנקען, אז אָט טרעט ער שוין אָפּ דרײַ הונדערט קילאָמעטער און ס'נעמט גאָר קיין סאָף ניט, אז בריוו פון דער היים טרעפן אים אינערגעץ ניט און דאָס ווײַב האָט אים, צו זײַנע פערציק יאָר, באגליקט מיט א פערט קינד, א זון, וועלכן ער האָט געזען בלויז צוויי טעג און געהייסן אים אָנרופן אזוי, ווי ער אליין הייסט, ניקאָלײַ, — צווישן אָט דעם גאנצן געווירבל פון געדאנקען האָט זיך געדרייט דער געדאנק אויך וועגן סאבלינען. ער האָט געטראכט, אז אויב ריידן אָפּן, האָט יענעמס גאנצע ראשיקע פארגאנגענהײַט פאר אים, פאר זעמליאניצינען, איצט א קנאפּע באדײַטונג. ער אליין איז דען בייסן בירגערקריג קיין טשאפּײַעווער ניט געווען? ארויסשטעלן זיך איצט דערמיט איז ניטאָ וואָס, ווײַל די איצטיקע שלאכטן זײַנען גאָר־גאָר אנדערע. און אָט דער דאָזיקער נײַער קאָמראָטע, סאבלין, האלט, אז גאָלן זיך איז א זאך, פאר וועלכער מע מעג א מענטשן בא דער ערשטער באגעגעניש א פּיק טאָן...

ער האָט געוווּסט, זעמליאניצין, אז די אָנגעדרודלטקײַט זײַנע האָט גאָר א טיפערע סיבע, און ניט איינע, נאָר געהאלטן זיך גראָד בא דער דאָזיקער. און קאיאָר, ווען אלע שוצגראָבנס זײַנען גרייט געווען און די פארבינדונג־גענג ווי־ניט־איז אויך, און כעוורע האָט זיך שוין געקליבן אָפּרוען, כאפּן א דרעמל פאר דער שלאכט, ווײַל עס קנאלט אלץ נעענטער און נעענטער און מע הערט שוין אפילע, ווי קוילנווארפערס ארבעטן, האָט ער דאָך באפוילן — גאָלן זיך!

גאָלן זיך איז גאָלן זיך. בא אים זאָגט מען ניט ניין. איין גאָלמעסער האָט געהאט זעמליאניצין, א צווייטן — נעזשורקאָ. מ'האָט זיך אוועקגעזעצט אָף די ברוסטווערס, אוועקגעשטעלט אנטקעגן זיך גארבן ווייץ, ארײַנגערוקט צווישן שטרוי די שפּיגעלעך — און מע גאָלט זיך. און זעמליאניצין ווייסט, און די מענטשן זײַנע ווייסן דאָס אויך, אז ניט ווײַל סאבלין האָט געהייסן, גאָלט מען זיך. מע וואָלט עס אלציינס געטאָן. אָט האָט ער דאָך קיינעם ניט געהייסן פארלאטען זיך די גימנאסטיאָרקעס, נאָר עטלעכע פאריכטן זיי. אנדערע גייען צום טײַך און טוקן זיך אָפּ אין פרישן וואסער. מע טוט די דאָזיקע זאך פארן אייגענעם קערפּער און פאר דער אייגענער נעשאָמע, קאָלזמאן מע קאָן דאָס נאָך אליין טאָן. און ווען כאוויירים זעען ניט, קוקט מען מיט אומרו אָף מײַרעוו, פונוואנען עס שפּרײַזט די גרויזאמע געפאר: איבער די קעפּ טראָגן זיך שוין שווערע סנאריאדן און פאלן ערגעץ בא טשערעפּקאָווא.

זעמליאניצין האָט פארקלערט געזאָגט צו נעזשורקאָן, וועלכער האָט זיך געגאָלט לעבן אים:

— שטעלסט זיך כאָטש פאָר, מיליציאָנער, וואָס דאָ, כאָטשבי אָף דעם־אָ פעלד, וואָלט געווען אין אזא אינדערפרי, ווי הײַנט, ווען עס זאָל קיין מילכאָמע ניט זײַן?

— פריילעך, ווילסטו זאָגן, קאָמוזוואָד? — האָט נעזשורקאָ א שמייכל געטאָן מיטן אָנגעזייפטן פּאָנעם און פארזשמורעט די בלויע אויגן, ווי א ווונק צו טאָן.

— אָט־אָ, טאקע פריילעך! — זעמליאניצינס גרינלעכע אויגן האָבן אופגעלויכטן מיט דאנקבארקײַט און צערטלעכקײַט, וואָס האָט געוויס קיין שײַכעס ניט געהאט צו נעזשורקאָן. — קאָמבײַנען וואָלטן דאָ געגאנגען, אָט פון יענע בערגלעך פארנומען זיך אין א צווייקילאָמעטערדיקער האָנע, ביזן טײַך, ביז אונדזערע אָקאָפּעס, טראקטאָרס וואָלטן געטאראכקעט, פארשיידענע דיאדקעס אין לײַוונטענע העמד־און־פלודערן, — מע טראָגט דאָ לײַוונט מער ווי בא אונדז, אין סאראטאָווער געגנט, — דיאדקעס וואָלטן דאָ געפאָרן אָף הויכע מאזשאָרעס און געפירט זעק מיט טווועֿ די מיל בא דער בריק וואָלט גאָר אנדערע ווערטער גערעדט. און אומעטום וואָלט געווען פרייד. מענטשן וואָלטן וועגן טויט ניט געטראכט...

— זעסטו, וועגן טויט דארף מען אלציינס ניט טראכטן, — האָט נעזשורקאָ געזאָגט שוין א ביסעלע פארקלערט.

דאניִעל איז פאר דעם, ווי די שלאכט האָט זיך געזאָלט אריבערוואַרפן אויף זײַן באַצירק, אוועק באַקוקן די פאָדערשטע פּאָזיציעס. אין ערשטן ווזוואָד פון דער נײַנטער ראָטע איז ער געקומען פּונקט דעמאָלט, ווען זעמליאַניצין און נעזשורקאָ האָבן, שוין אָפּגעגאָלטע, געוואַשן זיך צווישן די קאָפּיצעס. נעזשורקאָ איז געשטאַנען מיט דער פּלייצע צו דאַניִעלן, די מיליציײַשע גימנאַסטיאָרקע אונטערגעגאַרטלט מיט אַ האַנטעך און פון אַן עמער געגאָסן וואַסער זעמליאַניצינען אויף די אָנגע־שטעלטע דלאָניעס. ביידע האָבן דעם קאָמאַנדיר ניט געזען.

— וואָסי, ווילסט קיין בלאָטע ניט מאַכן, קאָמוווזוואָד? — האָט נעזשורקאָ געפרעגט, — סטאַרעסט זיך...

— מע דאַרף אַ סוסליק דערטרינקען.

דאַניִעל איז געבליבן שטיין.

— זאָל ער שוין לעבן, קאָמוווזוואָד, אַלציינס איז מילכאָמע! — האָט נעזשורקאָ געענטפערט פריילעך.

זעמליאַניצין האָט, ניט אויפהייבנדיק דעם קאָפּ, אַ קוק געטאָן אויף אים פון אונטן אַרויף:

— מיינסט, ער וועט אַלציינס עסן דײַטשיש ברויט?

— טאַקע דאָס אויך.

— ניין, ברודערקע ליבער, ער וועט סײַווי בלײַבן אונדזערער און זיך נאָך צעפּלאָדיען פאַר דער צײַט, וואָס מיר וועלן דאָ ניט זײַן.

— קלערסט, דאָס איז אויף לאַנג? — האָט נעזשורקאָ שוין געפרעגט ערנסט.

— וואָס זשע דען מיינסטו, דאָס אַלץ איז אויף אַ וואָך? — זעמליאַניצין האָט מיט אַזאַ קויעך געריבן די הענט, אַז די פינגער האָבן געטרישטשעט.

— אָבער וועסט דאָך אַלעמען ניט דערטרינקען, — האָט נעזשורקאָ געצויגן ווײַטער דעם פריִערדיקן געשפּרעך.

— דאָס ביסטו גערעכט, נאָר גוט איז אויך איין נאַרע פאַרגיסן.

— ביסט אַ קאַלווירטניק, קאָמוווזוואָד?

— ניין, אַ שלאָסער אין סאַראַטאָווער האַפן. שלאָסערס עסן אויך ברויט... — ניט אויס־גלײַכנדיק זיך, האָט זעמליאַניצין גענומען בײַ נעזשורקאָן דעם עמער און די רעשט וואַסער אויס־געגאָסן אין דער נאָרע. — אָט! — האָט ער צופרידן געזאָגט און אוועקגעשטעלט דעם עמער אויף דער ערד.

אין דער דאָזיקער רעגע האָט נעזשורקאָ דערזען דעם קאָמאַנדיר פון פּאָלק און מיטן נאָסעק פונעם שטיוול אַ טאַרע געטאָן דעם קאָמוווזוואָדס פאַרשפּריצטן שטיוול. זעמליאַניצין האָט זיך געגעבן אַ גלײַך אויס, אַרויסגעשטעלט די ברוסט, די הענט זײַנען צוגעזאָטן געוואָרן צו די זײַטן. נאָר דורך דעם פּלײַס, וואָס דעם עלטערן סערזשאַנטס ברייטלעך פּאָנעם האָט אויסגעדריקט, האָט דאַניִעל אין זײַנע גרינלעכע אויגן באַמערקט יענץ ביטער פײַערל, וואָס איז אים שוין געווען באַקאַנט, דערפאַר האָט ער מיט אַ שמייכל געזאָגט:

— ווישט זיך אַרום, די הויט קאָן צעטראַסקעט ווערן פונעם ווינט.

ביז זעמליאַניצין האָט געאַרבעט מיטן קורצן סאָלדאַטישן האַנטעך, האָט דאַניִעל געלאָזט פּליסן די געדאַנקען, וואָס באַגלייטן הײַנט אַזוי ווי פון דער זײַט אַלץ, וואָס ער טוט און וואָס ער זעט: „אָט אַזוי גרייט מען זיך צו דער שלאַכט... דער מיליציאַנער האָט הײַנט, דוכט זיך, באַשלאָסן פאַרלאָזן זיך וואָנצעס, די אייבערשטע ליפּ ניט געגאָלט — אויף אַזאַ אופן באַצייכנט ער דעם נײַעם עטאַפּ אין זײַן לעבן... ס׳אַ סוואָרע, אַז מע וועט זיך שלאָגן פעסט!“

דאַניִעל האָט באַקוקט די שוצגראָבנס פון זעמליאַניצינס ווזוואָד, געמאַכט אים אויפמערקזאַם דערויף, אַז די דורכגענג זײַנען ניט גענוג טיפע, באַמערקט, אַז יענער האָט קיין וואָרט ניט געענט־פערט, כאָטש אײנעם שווײַגן האָט זיך געפילט, אַז ער האָט געוואָלט עפּעס דערווידערן. „אַ האַרט ניסל“, — האָט דאַניִעל פאַרצייכנט בײַ זיך, נאָר באַלד מיט אַ וואַרעם געפיל: „ווען איך האָב פונדעסטוועגן וואָס מער אַזעלכע“, און קעדיי אַ סאָף מאַכן צו דער אָנגעשטויסנקייט, — ווײַל אַז די באַמערקונג וועט ווירקן, איז קיין צווייפל ניט געווען, — האָט ער, דערזעענדיק לעבן איינעם פון די שוצגראָבנס אַ פּאַטעפאָן, זיך פאַרינטערעסירט:

— וועמעס?

— עס קאָן הייסן אַלעמענס, כאָוער מאַיאָר, — האָט זיך אָנגערופן דער מיליציאַנער, — ביכלאַל איז עס, פאַרשטייט זיך, מײַן אייגנס — נאָך פון די פרידלעכע צײַטן...

— איך וועל ווי־ניט־איז קומען הערן אַ גוטע פּלאַסטינקע.

די פּלאַסטינקע האָט דאַניִעל, ווען ער זאָל ניט געווען ווײַט אוועקגיין, געקאָנט הערן אין אַ האַלבער שאָ אַרום. בײַ אַ צענדליק סאָלדאַטן זײַנען געלעגן אין שאָטן פון אַ קאָפּיצע, און דער

פּאַטעפֿאָן האָט לעבן זיי געשפּילט. מע האָט טאַקע נאָך אַ ביסל טיפֿער געמאַכט די דורכגאַנג צווישן די אָקאָפּעס, דערנאָך האָט מען אָפּגעפּרישטיקט — אויפֿגעגעסן די קאַשע מיט פֿלייש, וואָס קאַראַטײַ האָט געבראַכט אויף זײַן פֿורל, און פּאָרט גענומען זיך די רעכט אָפּרוען: ווער ס׳האָט געפּרוּווט אײַנדרעמלען, ווער ס׳האָט פֿאַרטראַכט געקוקט דורך דער סטערניע אויף דער טרוקענער ערד, אַן איבערגעפֿלאָכטענער מיט דינסטע וואָרצעלעך, און געקאַלופּעט מיט אַ שטרויעלע צווישן די ציין. אַ דינע, געציקלטע שטים איז געגאַנגען ווי פֿון דער ערד, ווי פֿון אַן אַנדער וועלט, ניט פֿון פּאַטעפֿאָן. גאָר אַ זיסע שטים איז בײַ יענער פֿרוי געווען. און אָט דערפֿאַר, וואָס מע האָט זיך אַזוי פֿאַרטיפֿט, האָט מען ניט גלײַך באַמערקט, אַז אַ מינע איז געפֿאַלן אין אַ שכייניש ווזוואָד. מע האָט נאָר דערזען אַ שוואַרצן רויך און סאָלדאַטן, וואָס לויפֿן זיך פֿאַנאַנדער, צוגעבויגן צו דער ערד.

— אין די שוצגראָבנס! — האָט באַפֿוילן זעמליאַניצין און זיך אַ הייב געטאָן אויף די קני. די רויטאַרמייער האָבן, צובייגנדיק זיך, גענומען לויפֿן יעדערער צו זײַן באַהעלטעניש. אײַן נעזשורקאָ האָט זיך ניט גערירט פֿון אָרט.

— פֿאַרמאַך דײַן שאַרמאַנקע, — האָט זעמליאַניצין אַ געשריי געטאָן צו אים.

— זאָל דערשפּילן די פּלאַסטינקע!

אוועקגעלייגט זיך אויף דער פּלייצע, האָט יעווגען גענומען קוקן אין בלויען הימל, פֿונוואַנען ס׳האָבן געפּלייצט מילדע, וואַרעמע שטראָמען לופֿט. די הענט האָט ער פֿאַנאַנדערגעוואָרפֿן, און דאָס פּאָנעם זײַנס, אַ פֿאַרברענטס, מיט קוים קענטיקע בלאָנדע וואָנצעלעך, איז געווען רויִק, אַפֿילע אַ שמייכעלע האָט זיך אויף דעם צעגאָסן, ווי ער זאָל אַ שטיל באַגײַסטערטער, מיט די ציטערנדיקע נאָזלעכער אײַנזאַפּן אין זיך אויף זייער לאַנג עפּעס גאָר־גאָר אָנגענעמס.

4

ווען דאַניִעל האָט זיך אומגעקערט פֿון דער פֿאָדערשטער ליניע, האָט ער אין בלינדאַזש פֿון קאָמאַנדע־פּונקט געטראָפֿן דעם געפֿאַנגענעם רומעניש אָפֿיצער. בוזולוק האָט געקענט אַ ביסל מאָלדאַוויש און שוין דורכגעפֿירט אַ פּאָרלויפֿיקן פֿאַרהער. קיין באַזונדערע נײַ׳עס האָט דער געפֿאַנגענער ניט דערציילט, כאָטש געענטפֿערט האָט ער אויף אַלע פֿראַגן מיט גרייטקײַט, פֿלײַסנדיק זיך בעפֿיירעש נויסע־כיין זײַן. ער האָט באַשטעטיקט, אַז דײַטשישע מאָטאָציקליסטן האָבן צאָפּן־צו שפּעט אין אָוונט זיך אַריבערגעקליבן איבערן טײַכל. אַ כאַווער זײַנער, אַנגעלעסקו, האָט געשמועסט מיט איינעם אַ מאָטאָציקליסט, — דער דאָזיקער אַנגעלעסקו איז נאָך אַלץ פֿאַרקאָכט אין די היטלעראָווצעס, כאָטש זיי זײַנען כאַזיירים, שפּײַען אויף די רומענער און פֿאַרשטופּן מיט זיי ווו אַ לאָך, אין דעם איז ער, דער אָפֿיצער, זיכער, — איז אָט האָט יענער מאָטאָציקליסט געזאָגט אַנגעלעסקון, אַז זײַן טייל האָט אויך די אויפֿגאַבע איבערשנײַדן די רוסן דעם וועג אויף דאָרעם, נאָר דאָרט פֿאַרהאַלט זיך דאָס פֿאַרסירן דעם טײַך. וועגן די טיילן, וואָס שטייען דאָ דירעקט אַנטקעגן דעם פּאָלק, האָט דער אָפֿיצער געוווּסט, אַז דאָס זײַנען דײַטשן.

דאַניִעל האָט דעם געפֿאַנגענעם אָפּגעשיקט אין שטאַב פֿון דיוויזיע. וויכטיק זײַנען געווען די ידיִעס, וואָס דער לייטענאַנט ראַזשעפּקין האָט זיי אַליין געבראַכט: דער צאָפּנדיקער פֿלאַנג, וועלכער איז באַנאַכט געווען אין פֿיל ערטער אַנטבלויזט, איז איצט באַוואָרנט, — דאָרט שטעלן זיך די פּאָלקן פֿון אַ שכייניש דיוויזיע.

דער וואַכמאַן האָט מיטגעטיילט, אַז דעם מאַיאָר ווילן זען צוויי ציווילע. עס איז אַרײַנגעקומען דער פֿאָרזיצער פֿון טשערעפּקאָווער קאָלווירט — דער פֿויער מיטן קאַשטאַן־בערדל, און הינטער אים — אַ יונג מיט אַ קלומעק, וואָס האָט זיך געהאַלטן אויף בענדלעך, איבערגעצויגענע איבער די אַקסל.

דער קאָלווירט־פֿאָרזיצער האָט אומדערוואַרט זיך באַגריסט אויף אַן עכט מיליטערישן אויפֿן — אַ קלאַפּ געטאָן מיט די אָפּצאַסן פֿון די שטיוול.

— כאַווער קאָמאַנדיר! — האָט ער אַרויסגערעדט הויך און פֿײַערלעך, פּונקט ווי ער זאָל דאַניִעלן זען צום ערשטן מאָל, — נעמט אונטער אײַער קאָמאַנדע אַ געוועזענעם בודיאָנאָוועץ, טימאָפֿיי מיכײַלאָוויטש פּאַטיוטשענקאָ, מיטן זון, דעמיאַן, נײַנצן יאָר אַלט!

דאַניִעל איז אויפֿגעשטאַנען פֿונעם קלעצל, אויף וועלכן ער איז געזעסן, פֿאַריכט די גימנאַסטיאָרקע, דעם רימען.

— פֿאַרוואָס זײַט איר ניט אַוועק מיטן פֿאַרניכטונג־אָטריאַד? — האָט ער געפֿרעגט.

— איך בין אַ קאַוואַלעריסט, כאַווער מאַיאָר, און האָב אַלץ געטראַכט אין דער לעצטער שאָ אַוועקלאָזן זיך מיט דער קאַוואַלעריע. נאָר מע זעט קיין קאַוואַלעריע ניט, און עס שלאָגט, דוכט זיך, די לעצטע שאָ... נו, און אין אָטריאַד זײַנען די מענטשן עפּשער ניט אויף דער גאַנצער צײַט, מע וועט, מעגלעך, בלײַבן פּאַרטיזאַנעווען, צי ווער ווייסט וואָס. דערווײַל זײַנען זיי גאָר

אוועקגעגאַנגען אַף מיזרעך, ערגעץ דאָרט פאַרנעמען פּאָזיציעס. דאָס איז פאַר מיר קיין ארבעט ניט. און בא אײַך, כאַוואַ קאָמאַנדיר, זײַנען קיין סאָלדאַטן אַף פערד אינגאַנצן ניטאָ?

דאַניעל האָט שמייכלענדיק זיך איבערגעקוקט מיט בוזולוקן. יעגער, א שלאַנקער, מיט גע־כאַליעטע וואָנצעס, האָט בעפּירעש געהאַט אַן אויסזען פון א קאַוואַלעריסט.

— אָט דער דאָזיקער קאַפּיטאַן האָט ביז הײַנט קאַיאָר געהאַט צו טאָן מיט פערד... און איצט נאָך אויך טײַלוויַיז.

— אזוי? א רײַטער־עסקאַדראָן?

— ניין, אַן אָבאָז.

— האַ... — פּאַטיוטשענקאָ האָט אַנטוישט א מאַך געטאָן מיט דער האַנט. — דאָס טויג פאַר אונדז ניט.

— איך פאַרשטיי, אז עס טויג ניט, — האָט דאַניעל געשמייכלט. — עס זײַנען בא אונדז פאַראַן אויסשפּירער אַף פערד... לייטענאַנט!

ראַזשטשעפּקין האָט געמאַכט א טראָאַט פאַרויס.

— אָט האָט איר נאָך אַן אויסשפּירער — דעם יונגן פּאַטיוטשענקאָ. דאָס פּאַסט פאַר א זון פון א בודיאָנאָוועץ. און אײַך, טימאָפיי מיכײַלאָוויטש, וועל איך מוזן האַלטן דערוויַיל אין שטאַב. איר וועט זײַן דער פּאָמפּאָכאָז. צײַטווײַליק, ווײַטער וועלן מיר זען. יאָ, שיר ניט פאַרגעסן, און וואָס איז געוואָרן מיט די גענדז?

פּאַטיוטשענקאָ האָט א ביסל זיך פאַרלוירן פון דעם, וואָס מע צעשיידט אים מיטן זון און וואָס ער דאַרף זיך נעמען פאַר א נײַער און אַוודע פאַראַנטוואָרטלעכער ארבעט, דערפאַר האָט ער געענטפערט צעשטרייט:

— די גענדז האָבן מיר באַשטאַט... די ארטילעריסטן האָבן געשיקט נאָך זיי א סטאַרשינאַ.

— הערסט א מײַסע! און דעם אייגענעם פאָלק — גאָרנישט מיט נישט! אײַ, אײַ... — שטי־לער שוין, און אַן א שמייכל, האָט דאַניעל געפרעגט: — און א פור האָט איר אויסגעטיילט פאַר... — אויסגעטיילט. ווי זשע! א מאַזשאַרע! — האָט דער פויער זיך א כאַפּ געטאָן, נאָך מער א פאַרלוירענער צוליב דער מײַסע מיט די גענדז. — דאָס יינגערע יינגל מײַנס, וואַסיע, האָט זיך געזעצט פאַר אַן אָנטרײַבער. איך האָב מײַן אַלטע אָפּגעשיקט. יענע גאַנצע מישפּאָכע — די ברויטמאַנס, און די פרוי, וועלכע איר האָט מיר אָנגעוויזן אַפן וועג, אויך... וויכאַרעווס ווײַב פאַרנומען... ע־הע, זיי האָבן שוין מיסטאַמע געמאַכט א קילאָמעטער צען איבערן ניקאָלאַיעווער טראַקט, ווי זשע דען?

5

דעם סוינעס ארטילעריע האָט העכער א האַלבע שאָ, מיט אַן אַלץ אָנוואַקסנדיקער קראַפט, באַשאָסן דעם מיזרעכדיקן ברעג פון טײַך אזוי, אז די לעצטע עטלעכע מינוט האָט זיך אַהין געטראָגן א דורכויסיקע כוואַליע פײַער.

מיטאַמאָל איז דאָס גאַנצע פײַער געריכטעט געוואָרן אין נאָענטן הינטערלאַנד פון יאַסע־נעווס דיוויזיע, אַף די שיפּוּים פון די טשערעפּקאָווער בערגלעך. און אין שטויב, רויך און פלאַם האָבן פון גאָר נאָענט, אזוי נאָענט, אז ס'האָט אויסגעזען אומגלייבלעך, — פון דער שטייענדיקער טווע באַם סאַמע ברעג, פון הינטער די קאָפּיצעס און קוסטעס, — א לאָז זיך געטאָן צום טײַך דײַטשישע סאָלדאַטן אין מונדירן, צעכראַסטעטע ביז די שפּראַנצקעס פון די רימענס, מיט פאַר־קאַטשעטע ארבל, אין קאַסקעס, מיט אָפענע שרײַענדיקע מײַלער. אין די הענט — אווטאָמאַטן, וואָס האָבן זיך געטרייסלט פון אומופהערלעכן שיסן. און אַף דער הרעבליע, ווו דער רויך איז געווען שיטערער, האָט אין דער זעלבער צײַט זיך באַוויזן א שוואַרצער קנויל, אין וועלכן מע האָט באַלד באַמערקט מאָטאָציקלען און פײַנטלעכע סאָלדאַטן, וואָס זײַנען ווי אַרײַנגעוואַקסן אין זיי. די מאָטאָציקלען האָבן האַסטיק זיך געטראָגן צו דער בריק.

טייל דײַטשן, וואָס זײַנען דערלאָפן צום ברעג, האָבן גענומען אַראָפּציִען פון זיך די שטיוול, אַנדערע האָבן צעהיצטע גלײַך זיך געלאָזט אין וואַסער אַרײַן, האָפנדיק אָנטרעפן אַף א פלאַך אָרט. עס האָבן שוין געשווינדלט דורך די איבערגעפלאָכטענע פּאַרענטשעס פון דער בריק די ערשטע מאָטאָציקליסטן, ווען אַף דער בריק האָט א בליץ געטאָן און א פײַערדיקער ווינט האָט א יאָג געטאָן אַפן ברעג, אַף דער דײַטשישער פּעכאָטע. עס האָט זיך דערהערט א פּײַף, און א דונער איז א פאַל געטאָן אַף דער ערד און אַפן וואַסער, אופגעהויבן שוואַרצע און ווײַסע פאָנטאַנען... לענגויס דעם גאַנצן ברעג, פון ביידע זײַטן הרעבליע, האָבן זיך שוין גענומען קאַר־טשען דײַטשן, פויזען אַף צוריק. פיל זײַנען געלעגן אומבאַוועגלעך, אַנדערע האָט געטראָגן דאָס וואַסער, וואָס האָט געזאָטן פון קוילן און שפּליטערס. פון בריק האָבן זיך געטראָגן עטלעכע מאָטאָ־ציקליסטן, כאָטש זי איז, ווײַזט אויס, גאַנץ געבליבן, די בריק.

אף עטלעכע רעגעס איז די שיסערײַ פון בײדע ברעגן שטילער געוואָרן, און מע האָט דײַטלעך דערהערט, ווי עס שרײַען די דײַטשן, ווי עס קרעכצן און בעטן הילף זייערע פאַרוווּנדעטע. נאָר קיינער פון די, וואָס זײַנען דאָ געווען אין שוץ, האָט ניט דערהערט, אַז עס קנאַלט ווײַט אױף מיזרעך, און ניט געוווּסט, אַז אָנגעהויבן האָט זיך דאָרט די שיסערײַ איינצײַטיק מיט דער דײַטשישער אַטאַקע פון מײַרעוו.

אין האַלב טונקעלן בלינדאַזש פון דאַניעל קרעמעז קאָמאַנדע־פּונקט האָט אינעם טעלעפאָן־טרײַבל זיך דורכגעשלאָגן אַ ווײַטע שטים: „דניעפּער! עס וועט ריידן דער נומער פינף, רוף צו דעם נומער צוועלף!"

דאַניעל האָט צוגעטוליעט צום אויער דאָס צווייטע טרײַבל, וואָס דער טעלעפאָניסט האָט אים געגעבן, און דערהערט יאַסענעווס קאָל:

— קרעמעז? ווי איז בא דיר דאָרטן — שטאַרק הייס? האַלט זיך! מיט די ציין האַלט זיך! דאָ האָבן מיר שוין געסט פון צאָפן!

דאַניעל האָט מיטן טרײַבל אין האַנט זיך עטוואָס א בייג געטאָן אין א זײַט, קעדיי דורכן שטיקל גלאָז, וואָס איז געווען אײַנגעפּאַסט אונטער דער סטעליע פון בלינדאַזש, ווידער דערזען כאָטש אַ טייל פון זײַן שלאַכט־באַצירק, וועלכן ער האָט נאַרוואָס, אַן אַרומגעכאַפּטן מיט פײַער־אויפבליצן, אַ פאַרצויגענעם מיט געלבלעך־ברוינעם רויך, געזען דורך דער סטערעאָטרויב, און, צוגעוואַרט נאָך אַ רעגע, צוימענדיק די אויפרעגונג, געענטפערט:

— די ערשטע אַטאַקע איז אָפּגעשלאָגן. די דײַטשן גראָבן זיך אַרום אַנטקעגן מיר און אַנטקעגן די שכיינים. איין צאָרע — די בריק איז אויפגעריסן ניט אינגאַנצן. מיר קלאָרן אויס, אױף וויפל זי איז צעשעדיקט. איך וועל מיטיילן אין עטלעכע מינוט אַרום.

ניקאָלײַ זעמליאַניצין האָט געפּויזעט איבער דער שמאָלער און ניט טיפער טראַנשיי, וואָס פאַרייניקט די שוצגראָבנס פון זײַן וזוואָד, און בייז געטראַכט: „דו האָסט עס ערלעך פאַרדינט, ניקאָלײַ! ווען דער מאַיאָר האָט אינדערפרי געזאָגט, אַז מע דאַרף גראָבן טיפערע דורכגענג — „גראָבן, גראָבן און גראָבן!" — האָסטו שיר ניט אויסגעזידלט זיך: „פּרוּוו אַליין גראָבן נאָך דעם, ווי מע האָט אַזוי זיך אָנגעמוטשעט און מע שטייט קוים אױף די פיס!" איז אָט קריכסטו איצט, ווי אַ יאַשטשערקע, און שטעקסט אַרויס דעם הינטערכײַלעך. עס קאָן דיר נאָך טרעפן אַהין, וועט זײַן אַ כאַרפּע מענטשן צו באַווײַזן".

אַרײַנגעשפּרונגען אינעם ערשטן אָקאָפּ, האָט זעמליאַניצין געזאָגט צום סאָלדאַט, וואָס איז דאָ געשטאַנען, צו קאַליניטשענקאָ:

— פאַררייכערן האָסטו?

דאָ, אונטערן פאַליענדיקן הימל, ווו עס זעצט זיך גאָר ניט אָפּ דער שטויב און דאָס אַש, ווו עס פײַפט און ניאַווקעט איבערן קאָפּ, האָט ער געוואָלט רייכערן, ווי אַ דאָרשטיקער לעכצט נאָך אַ טרונק. קאַליניטשענקאָ מיט זײַנע פאַרדרייטע וואָנצעס האָט אויסגעזען גאַנץ רויִק — אַ באַלעבאָס בא זיך אין שוצגראָבן. ער האָט מעכאַבעד געווען דעם קאָמוזוואָד פון זײַן אויסגעניטן טאַבעק־בײַטעלע. צורייכערנדיק פּאָנעם צו פּאָנעם, האָט זעמליאַניצין אַרײַנגעקוקט דעם כאָווער אין די אויגן. דערזען זיך אַליין אין יענעמס שוואַרצאַפּלען און אַ לעבעדיק פײַערל, וואָס האָט דאָרט אַ פלאַטער געטאָן. „פאַר אים קאָן מען זײַן רויִק" — האָט דער קאָמוזוואָד באַשלאָסן.

אָבער שוין אין שכיינעסדיקן אָקאָפּ האָט זעמליאַניצין אַליין געגעבן פאַררייכערן באַיאַרינאָוון. ער האָט אים געטראָפן שטיין אױף די קני, ווי יענער וואָלט טפילע געטאָן. די ביקס איז געלעגן אױפן ברוסטווער, צוגעשאָטן מיט הרודקעס ערד. זעמליאַניצין איז ביז דעמלט ניט געווען מיט באַיאַרינאָוון אין שלאַכט — מע האָט געדינט אין פאַרשיידענע וזוואָדן. ערשט איצט האָט ער גאָר אױף אַן אַנדער אויפן דערזען יענעמס צעקנייטשט געזיכט, אױף וועלכן עס וואַקסן קימאַט קיין האָר ניט, די וואַסערדיק־מוטנע אויגן, די פאַרטריקנטע ליפּן, און באַנומען, פאַרוואָס ער האָט אינדערפרי די קאַשע ניט געגעסן. פאַרלאָזנדיק דעם אָקאָפּ, האָט זעמליאַניצין געזאָגט:

— דו קוק ניט, באַיאַרינאָוו, פון דײַן גריבל אין הימל אַרײַן — דער דײַטש איז אָן ווו! דײַן ביקס וועט אים אַליין ניט אָנטאַפּן! און אין הימל קוק ניט, ברודערקע ליבער, פון דאָרט זײַנען אַפילע די פייגעלעך אַנטרונען.

„מע וועט דאַרפן אַריבערשיקן אַהער איגנאַטאָוון", — האָט ער א טראַכט געטאָן, פויזענדיק צום שכיינעסדיקן אָקאָפּ. נאָר איגנאַטאָוון האָט ער געטראָפן שטיין אין ניט קיין נאַטירלעכער פּאָזע: מיט דער פּלייצע איז ער געווען צוגעשפּאַרט אין איין ווענטל פון שמאָלן שוצגראָבן און מיט די קני — אין צווייטן ווענטל. דער סאָלדאַט איז שטייענדיק אויסגעגאַנגען און מיט טויטע גלעזערנע אויגן, האַלטנדיק דעם קאָפּ עטוואָס אָנגעבויגן אין אַ זײַט, געקוקט פון אונטער דער קאַסקע.

זעמליאניצין האָט אָנגערוקט איגנאַטאָוון די קאַסקע אַף די אויגן און דורכן שמאָלן, גע־שלענגלטן דורכגאַנג אַוועקגעפּויזעט צו ביסענביײַעוון — דעם קאַזאַך. ניט ווײַט פון ביסענ־ביײַעווס אָקאָפּ איז דער דורכגאַנג געווען צערויעט פון סנאַריאַדן — די אַשיק־דורכגעבראָכענע ערד האָט זיך נאָך געררייכערט. באַם סאָלדאַט איז פון רעכטן אויער איבער דער באַק, לענגויס דעם רימענדל, וואָס האַלט די קאַסקע, גערונען אַ שנירעלע בלוט.

— ביסט פאַרוווּנדעט! — האָט זעמליאַניצין אים געזאָגט.

ביסענביײַעוו האָט געענטפערט מיט אַ שאָקל פון קאָפּ — ניט צו וויסן, יאָ אָדער ניין. ער האָט ביכלאַל געקענט שוואַך רוסיש, אָבער אַזאַ וואָרט, ווי „פאַרוווּנדעט", האָט אים געדאַרפט זײַן באַקאַנט. „אַהין!" — האָט דער עלטערער סערזשאַנט באַוויזן אַפן דורכגאַנג, וואָס האָט גע־פירט אַף מיזרעך, צום בערגל, ווו ס׳איז געווען דער סאַנפונקט פון באַטאַליאָן. איצט האָט ביסענ־ביײַעוו אַ מאַך געטאָן מיטן קאָפּ אַף „ניין". זעמליאַניצין האָט באַמערקט, אַז ער הערט ניט. זײַנע אויגן קוקן, ווי בײַ אַ טויבן, פרעגעוודיק און אָנגעשטרענגט, און די פאַרשמאַכטע ליפּן קרימען זיך אין שמייכל. דאַן האָט ער ביסענביײַעוון באַוויזן אַפן בלוט, וואָס רינט פון זײַן אויער. דער סאָלדאַט האָט מיטן פינגער אַ וויש געטאָן די באַק, אַ קוק געגעבן אַפן בלוט, וואָס האָט פון אים גענומען אַראָפּקאַפּען, און מיט דער זעלבער האַנט אַ מאַך געטאָן, אַז נישקאָשע. דערנאָך האָט ער די פאַרבלוטיקטע האַנט צונויפגעדריקט אין אַ פויסט און אַ דראָע געטאָן מיט אים אין דער זײַט פון די דײַטשן.

יעווגען נעזשורקאָ האָט זעמליאַניצינען מעכאַבעד געווען מיט אַ פּאַפּיראָס „קאַזבעק", דאָס אָפענע פּודעלע איז בײַ אים געלעגן אין דער נישע, דאָרט, ווו די גראַנאַטעס.

— מע דאַרף האַנאָע האָבן פונעם לעבן! — האָט ער געזאָגט. אין ווינקל פון שוצגראָבן איז געשטאַנען זײַן פּאַטעפאָן, צוגעדעקט מיטן מיליצייִשן שינעל. פון דער באַגעגעניש מיט דעם דאָזיקן יונג איז זעמליאַניצינען וואַרעם געוואָרן אַפן האַרצן. דאָך האָט ער געזאָגט שטרענגלעך:

— נעם נאָר דײַן שאַרמאַנקע און קריך אַריבער צו באַיאַרינאָוון אין אָקאָפּ, עפּעס איז אים דאָרט אומעטיקלעך...

ניט ווײַט פון די קוילנוואַרפער־נעסטן, הינטער נעזשורקאָס אָקאָפּ, האָט זעמליאַניצין זיך געטראָפן מיטן קאָמראָטע סאַבלין. אַ רויטער, אַ פאַרשוויצטער, האָט סאַבלין געפּויזעט אים אַנטקעגן, הינטער אים — אַ פאַרבינדלער. זעמליאַניצין האָט זיך גענומען רוקן אַף צוריק, און ביידע האָבן זיי זיך אַראָפּגעלאָזט אין נעזשורקאָס פּוסט געוואָרענעם אָקאָפּ. שטייענדיק דאָרט און ניט אויסריידנדיק קיין וואָרט, האָט סאַבלין מיט ביסטרע אונטערגעשוואָלענע אויגן באַקוקט דעם קעגנאיבערדיקן ברעג. מיטאַמאָל איז ער צוגעפאַלן צום אַווטאָמאַט און אַ קורצן שטעפּ געטאָן.

— אַ כאָליערע אַף זיי, מע לויפט אַרום, ווי בײַ זיך אַפן טויק! — האָט ער געזאָגט.

זעמליאַניצין האָט אויך אַ קוק געטאָן אַריבער דעם ברוסטווער, ניט דערזען, די דײַטשן זאָלן דאָרט אַרומלויפן, און אַ קלער געטאָן: „אַ בייזער, ער האָט ליב אָרדענונג אַפילע בײַ יענעם". אין דער זעלבער ווײַלע האָט ער באַמערקט, אַז אַ דײַטש קוקט אַרויס פון הינטער אַ קוסט, גרייטנדיק זיך לויפן, די האַנט האַלט ער אַזוי, ווי ער זאָל עפּעס שלעפּן נאָך זיך. עטוואָס אונטער־געהויבן דעם אַווטאָמאַט, האָט זעמליאַניצין אויסגעשאָסן. דער דײַטש איז געפאַלן.

— פרי, — האָט באַמערקט סאַבלין, — מע האָט אים באַדאַרפט לאָזן אַרויסלויפן, הינטן איז אַוואַדע נאָך איינער געווען. דאָס זײַנען קוילנוואַרפלער. אַנו, באָכערקע, — האָט ער זיך געווענדט צום פאַרבינדלער, וואָס האָט זיך אײַנגעגנורעט אין דורכגאַנג, — כאַפּ זיך אַראָפּ צו די מינען־וואַרפלער, זאָלן זיי אַ קלאַפּ טאָן איבער יענע־אָ קוסטעס!

ווען דער פאַרבינדלער האָט אַוועקגעפּויזעט, האָט דער קאָמראָטע זיך שאַרף אויסגעקערע־וועט צו זעמליאַניצינען און, בויערנדיק אים מיט זײַן קאַלטלעכן בליק, געזאָגט:

— איז ווי פּילסטו זיך, קאָמוזוואָד? דו הערסט — עס דונערט, דוכט זיך, פון יענער זײַט בערגלעך... נאָר — שאַ!

דער קאָמיסאַר פון דיוויזיע, זאַגאָרויקאָ, האָט אין דער זעלבער צײַט געפּויזעט דורכן גערדיכטן ווייַץ. ערגעץ דאָ ניט ווײַט האָבן געשאָסן צוויי קוילנוואַרפערס און ביקסן האָבן זיי אונטערגעהאַלטן. דאָס, וואָס דער ווייץ איז געווען אויסגעלייגט, האָט פאַרשווערט דאָס פּויזען. און ביכלאַל האָט דעם קאָמיסאַר געשטערט דאָס, וואָס ער איז אַ ביסל צו דיק. ער האָט זיך גערוקט אַף אַ זײַט, אַף איין עלנבויגן, און מיט דער צווייטער האַנט זיך בלויז אָפּגעשטויסן פון דער ערד. עס האָט אים דערמאָנט אין דעם, ווי ער איז סאַכאַקל מיט אַ כאַדאָשים אָנדערהאַלבן צוריק געשווומען אין יאַם. אויך אַזוי, אַף אַ זײַט. ער האָט דעמלט מיט פאַרגעניגן געפילט, ווי די קאַלטלעכע, געזאַלצענע כוואַליעס טראָגן זיך פאַרבײַ זײַן פּאָנעם, דורך די האַלבע צוגעשלאָסענע ווִיעס געזען זייער זוניקע גרינקײַט... נאָר דאָ איז טרוקענע ערד. אַף איר — איבערגעצײַטיקטער ווייץ, און ניט קיין מעוועס

שרײַען איבערן קאָפּ — מינעס פײַפן און פאַלן מיט א קרעכץ ערגעץ באַם וועג, ווו דער קאָמיסאַר זאַגאַרויקאָ האָט געלאָזט שטיין זײַן מאַשין.

ס'האָט אים באומרויִקט דער רעכטער פלאַנג, ווו באַם שאָסיי איז געשטאַנען דער טשערעפּ־קאָווער פאַרניכטונג־אָטריאַד. נו, גאַרטשאַקאָוו, וועגן דעם ווייסט מען: דער וועט ניט אָפּטרעטן, אפילו ווען די ערד וועט זיך שפּאַלטן בא אים אונטער די פיס. נאָר די ציווילע?.. עמעס, זיי האָבן די ערשטע באַגעגנט די דײַטשישע מאַטאָציקליסטן און אָפּגעטריבן זיי. פאַרנדיק אהער פון דאָרף, האָט זאַגאַרויקאָ אָנגעציילט אפן שליאַך פינף דערהאַרגעטע דײַטשן. די צעקלאַפּטע מאָטאָציקלען האָבן זיך אויך דאָרט געוואַלגערט. אפן וועג האָט ער באַמערקט א מאַזשאַרע: בײַדע פערד — דערהאַרגעט, עטלעכע דערשאָסענע פּרויען זײַנען געלעגן אף דער מאַזשאַרע און לעבן איר. דער פאָטאָגראַף פון דיוויזיע וואָלט עס געדאַרפט פאַרפיקסירן.

א סאָלדאַט האָט געפּויזעט עטלעכע טריט הינטערן קאָמיסאַר. דאָס איז זײַן שאָפער — טאַראַן. דעם שאָפער דאַרף גאָר שווער זײַן: ער שלעפּט נאָך זיך צוויי צונויפגעבונדענע קעסטלעך מיט צינד־פלעשער.

— גיב מיר איין קעסטל, וואָלאָדיע!

— מע דאַרף ניט, קאָמיסאַר! ווען איר דערלויבט מיר נאָר זיי פּראָסט נעמען אף דער פּלייצע און צולויפן...

— נו, נו, דאָס איז א קליינע כאַכמע!

דער קאָמיסאַר האָט צעשאַרט דעם ווייץ פאַר זיך און אָנגעכמורעט די ברעמען: דרײַ טריט פון אים איז געלעגן א דערהאַרגעטער. נאָך גאָר א קינד, א יינגל פון א יאָר זיבעצן. שיך מיט אויסגעטראָטענע פּאָדעשוועס, א טשעפּ אף די גרויע הויזן. „צי דען זײַנען אויך אזעלכע יונגע אוועק אהער?” — האָט זאַגאַרויקאָ א טראַכט געטאָן.

דער ריוו, ווו ס'האָט געהאַלטן שוץ דער פאַרניכטונג־אָטריאַד, איז געווען באוואַקסן מיט גראָז. עטלעכע קעפּ אין ציווילע היטלען אָדער גאָר אָן היטלען, אָנגעשטרענגטע פּלייצעס, פיס אין שיך און אין שטיוול, פאַנאַנדערגעוואָרפענע, ווי בײַסן שיסן. פאַר דעם, ווי ער האָט זיך אראָפּגעגליטשט אין ריוו, האָט דער קאָמיסאַר באַטראַכט דאָס כוטאָרל פון ווײַטנס און די אקאַציע־אַליי באַם פעלד־וועג. פון דאָרטן שיסט דער סוינע.

— ווו איז אײַער קאָמאַנדיר? — האָט זאַגאַרויקע א טאָרע געטאָן אין פּליצע א לײַכט פאַרוווּנדעטן, וועלכער האָט אליין זיך איבערגעבונדן דעם פוס, זיצנדיק אפן דנאָ פונעם ריוו.

— דער קאָמאַנדיר? אָן־אָ גייט ער אהער.

א יונגער בלאָנדער מענטש, שטאַרק א בלאַסער, אין אָן אָסאָאַוויאַכים־קאָסטיום. וויכאָרעוו. זײַן בלייך געזיכט, די גרויע, קאַלטע אויגן דריקן אויס פאַרביטערונג און קאָנצענטרירטקײַט. ניט וואָס דאָס דאָזיקע פּאָנעם זאָל געפעלן זאַגאָרויקאָן, עפּעס רירט ער אים.

— ווי האַלט עס דאָ בא אײַך?

וויכאָרעוו האָט ניט גלײַך געענטפערט. דער סאָלדאַט, וואָס איז געקומען מיטן קאָמיסאַר, האָט זיך צוגעזעצט אף די צוויי פּלאַטשיקע קעסטלעך, וועלכע ער האָט געבראַכט צו שלעפּן, און האָט געווישט מיט דער פּילאָטקע דעם שוויס פון שטערן.

— וואָס איז דאָרט? עפּשער גראַנאַטעס?

— צינד־פלעשער, — האָט זאַגאַרויקאָ געזאָגט.

— עך, כאַווער קאָמיסאַר! — וויכאָרעוו האָט מיט קויעך א רײַב געטאָן די דלאָניעס איינע אין דער צווייטער. — זאָגן אײַך א דאַנק איז וויניק! טאַנקען גייען דאָך אהער...

— מיר וועלן זיי צוזאַמען באַגעגענען, — האָט קימאַט רויִק געזאָגט זאַגאַרויקאָ, — אפילע איבער אונדזערע טויטע קערפּערס טאָרן זיי ניט דורכגיין. איר פאַרשטייט?

6

וויבאַלד אף טימאָפּיי פּאַטיוטשענקאָס — דעם געוועזענעם בודיאָנאָוועצעס פּלייצעס האָט זיך געלייגט אזא לאַסט, ווי די ווירטשאַפט פון פאָלק מיט די שפּײַז־רעזערוון, אמוניציע און טראַנספּאָרט, האָט ער ניט בלויז געהאָרכזאַם זיך אונטערגעוואָרפן זײַן גורל, נאָר אין עטלעכע שאָ אַרום שוין קוים זיך געקאָנט פאַרשטעלן, אז נאָך אינדערפרי איז ער געווען קאַלווירט־פאָרזיצער.

אין די דאָזיקע ערשטע שאָען, וואָס פּאַטיוטשענקאָ איז געווען פּאָמפּאָכאָז, האָט ער באוויזן צו באַפרײַנדן זיך מיטן אָנטרײַבער פון דער נײַנטער ראָטע דעניס קאַראַטײַ. בײַס די שלאַכט איז א ביסל שטילער געוואָרן, איז יענער מיטן פורל געקומען פון זײַן ראָטע נאָך דעם טרוקע־נעם פּאַיאָק פאַר די שלאַכטלײַט. פּאַטיוטשענקאָ האָט נאָך קיין צײַט ניט געפונען זיך איבערצו־

טאָן מיליטעריש. מיטן אָפּשניצל פון א בלײַער, וואָס איז אַף א בײַוועלע געווען צוגעפּעסטיקט צו א קנעפּל פון פּידזשאַק, האָט ער פאַרשריבן אין א בלאָקנאָטל, וואָס ווער עס באַקומט בא אים. אין פּאָלק זײַנען נאָך פיל געווען ציוויל געקליידט — צומייניסטנס שטאָטישע מענטשן. דער איז אָבער, אָן ספק, געווען א פּויער. אין אַזא הילעך איז ער נאָך פאַר קאַראַטײַען קיין נאַטשאַל־סטווע ניט. דער אָנטרײַבער איז גאַנץ פּראָסט צוגעגאַנגען צו פּאַטיוטשענקאָן און געבעטן צוריי־בערן. די עמעסע סיבע דערפון איז געווען, וואָס דער דאָזיקער באַיאַרטער מענטש מיטן פּויערישן קאַשטאַנען־בערדל איז דעם אָנטרײַבער געפעלן געוואָרן: ער אַליין, קאַראַטײַ, איז א פעלד־ציטלער, און געגנומען האָט מען אים אין דער ארמיי אַפן צווייטן טאָג נאָך דעם, ווי די מילכאָמע האָט זיך אָנגעהויבן. א וואָרט פאַר א וואָרט, און מע האָט שוין איינער וועגן דעם צווייטן גע־ווּוסט, ווער מע איז און פונוואַנען מע איז. דערהערט, אַז פּאַטיוטשענקאָ איז א טשערעפּקאָווער, האָט דעניס אים דערציילט, אַז ער איז קאַיאַר געווען אין דעם דאָזיקן דאָרף און ניט פאַרלייקנט אויך, נאָך וואָס ער איז אהין געפאָרן: דער מאַיאַר האָט אים דערלויבט אָפּפירן א בעזשענקע, וועלכע ער האָט נעכטן ארופגענומען אַפן וואָגן.

— אַזוי? — האָט שוין פּאַטיוטשענקאָ, עפּענענדיק א קאַסטן מיט קאָנסערוון, דערציילט דעם אָנטרײַבער, אַז דאָס האָט ער טאַקע אָפּגעשיקט יענע בעזשענקע ווײַטער אַף ניקאָלאַיעוו. זי איז געשטאַנען באַם שיידוועג נאָך דער באָמבאַרדירונג, האָט דער קאָמאַנדיר פון פּאָלק זי דערזען און אים געבעטן איר העלפן ארויסקלײַבן זיך ווײַטער.

— אין א רויטן טיכל עפּשער?

— יאָ, פון ווײַנשל־קאָליר.

באַקענט זיך אַף אַזא אויפן מיט פּאַטיוטשענקאָן, האָט דעניס קאַראַטײַ נאָך דעם, ווי ער האָט אָפּגעפירט דעם פּאַיאַק צום ראָטנע סטאַרשינאַ אין א באַלקעלע, זיך ווידער אומגעקערט און געפאָלגט דעם פּאָמפּאָכאָז א נייטיקע יאַזדע — אוועקגעפאָרן קיין טשערעפּקאָוואָ נאָך ברויט.

קאַראַטײַ האָט זיך אומגעקערט שוין פאַרנאַכטלעך. ער האָט אָפּגעזוכט פּאַטיוטשענקאָן צווישן די קאָפּיצעס געראָשטן, ווו די פּורלעך, געלאָדענע מיט דער ווירטשאַפט פון פּאָלק, זײַנען געווען פאַרמאַסקירט, און אים געזאָגט, אַז דאָס, וואָס יענער האָט געבעטן, האָט ער געבראַכט.

מיטאָמאָל האָט קאַראַטײַ אָנגענומען דעם פּאָמפּאָכאָז פאַר אָן אָרבל, אָפּגעפירט אים אין א זײַט און מיט א געפאַלענער שטים ארויסגערעדט:

— איך ווייס אײַך גאָרניט ווי צו זאָגן דאָס, טימאָפיי מיכײַלאָוויטש... אַן אומגליק... אײַער קלענער ייִנגל האָב איך אַליין ניט באַוויזן צו זען, נאָר מע האָט מיר אין בעקערײַ דערציילט, אַז ער איז געווען צוריק אין דאָרף... ער איז צופוס געקומען — דײַטשישע מאָטאָציקליסטן זײַנען ערגעץ באַפאַלן די מאַזשאַרע...

— וואַ־אָס? נו, און מײַן אַלטע? איר האָט ניט געהערט?

— וועגן דער אַלטער... די אַלטע... זי איז, א סוואַרע, דאָרטן געבליבן. די דאָזיקע בעזשענקע, וועלכער איר האָט געהאָלפן אוועקפאָרן, איז געווען מיטן אים אין דאָרף. זיי האָבן געזאָגט, אַז עס זײַנען פאַראַן דערהאַרגעטע און פאַרוווּנדעטע, געזוכט אַנדערע פערד... נאָר מע ווייסט נאָך ניט, צי מע וועט קאָנען פאָרן ווײַטער, דאָרט איז...

— און וועגן דער מאַמען, צי דען האָט וואַסיע גאָרנישט געזאָגט וועגן דער מאַמען?

— די מאַמע, — האָט קאַראַטײַ שטיל ארויסגעשטאַמלט, — די מאַמע... פאַרוואָס ניט? ער האָט יאָ געזאָגט...

פּאַטיוטשענקאָ האָט אַף אים א קוק געטאָן מיט אויגן פון א שווער פאַרוווּנדעטן און אַלץ פאַרשטאַנען. ער האָט צונויפגעקלאַמערט מיט ביידע הענט דעם קאָפּ, געשטאַנען אַזוי עטלעכע מינוט א פאַרגליווערטער. דערנאָך האָט ער זיך א כאַפּ געטאָן, אוועקגעשפּאַנט צווישן די קאָ־פּיצעס, און ס'האָט זיך דערהערט, ווי ער טרײַבט דאָרט עמעצן אונטער:

— פּאַרענדיק, פּאַרענדיק, איך האָב דאָך דיר געזאָגט — פּאַרענדיק!

קאַראַטײַ איז נאָך געשטאַנען אַזוי מיט דער בײַטש אין האַנט אַוואָדע א מינוט, מיטאָמאָל בייז א שמײַס געגעבן מיט איר איבער דער סטערניע:

— א ניכפּע אַף דעם! — האָט ער מיט פאַרביטערונג ארויסגעשריִען, — א ניכפּע אַף דעם אַלעמען! ווי מענטשן מוטשען זיך דאָס, האַ?

ווען די מאַזשאַרע, וועלכע פּאַטיוטשענקאָ האָט אויסגעטײַלט פאַר די פּליטים, איז אָפּגע־פאָרן א קילאָמעטער זיבן פון טשערעפּקאָוואָ, זײַנען איר אַנטקעגן, פון מיזרעך, איבערן שאָסיי אָנגעפאָרן עטלעכע מאָטאָציקליסטן. די, וואָס זײַנען געזעסן אַף דער מאַזשאַרע, האָבן זיך גלײַך ניט פאַנאַנדערגעקליבן, אַז דאָס זײַנען דײַטשן, מע האָט ביכלאַל ניט באַוויזן גאָרנישט ניט באַ־נעמען. וואַסיע, דער אָנטרײַבער, האָט דערזען, אַז די מאָטאָציקליסטן טראָגן זיך שנעל אינמיטן

וועג, האָט ער גענומען קערעווען די פערד. באַלד האָט א בליץ געטאָן פײַער. די פערד זײַנען געפאַלן. אַף דער מאַזשאַרע האָט זיך אופגעהויבן א גוואַלד.

דאָס ייִנגל האָט זיך געגעבן א קוק אום: די מאַמע זײַנע איז געלעגן אַף די פעקלעך מיט ברייט פאַנאַנדערגעוואָרפענע הענט; די גרײַז־גראָווע זקיינע, וועלכע איז געפאָרן מיט איר טאָכטער, דער סאָלדאַטקע, און מיט צוויי קליינע מיידעלעך, האָט, שטייענדיק אַף די קני, מיט די הענט זיך געהאַלטן פאַר דער ברוסט און עפעס מאָדנע געשלוקערצט, בלוט האָט געזעצט פון איר מויל. מער האָט וואַסיע גאָרנישט ניט באַוויזן צו זען, ער האָט זיך אַראָפגעקײַקלט פון דער מאַזשאַרע גלײַך אין בוריאַן אַרײַן, וואָס איז געוואַקסן אין ריוו לעבן וועג. אַהין איז אַרײַנגעשפרונגען אויך די פרעמדע פרוי אינעם רויטן טיכל. אָבער שוין אין א מינוט אַרום איז זי ווידער צוגעלאָפן צו דער מאַזשאַרע. דאָרט איז, צווישן די פעקלעך, געזעסן וויכאָרעווס ווײַב, מאַריע, צו איר האָט דערשראָקן זיך געטוליעט א מיידעלע, פאַרשטעלט זיך מיט די הענטלעך דאָס פאָנעם און געשריִען: „אײַ, אײַ!" מאַריע האָט זיך גערוקט צו א דורכבראָך אין דער דראַבינע מיט ביידע פיס, נאָר זייער פאַמעלעך, ווי די געפאַר זאָל צו איר ניט דערגיין. די פרעמדע פרוי האָט א כאַפ געטאָן דאָס מיידעלע אַף די הענט, דאַן האָט שוין וויכאָרעווע זיך אַראָפגעגליטשט מיט א געשריי אינעם דורכבראָך, גלײַך אַפן ברוק. וואַסיען האָט אַרויסגעיאָגט פון ריוו דאָס, וואָס ער האָט דערזען, אַז דאָס עלטערע מיידעלע, וואָס האָט אויך דערקליבן זיך צום זעלבן דורכבראָך אין דער דראַבינע, איז אַראָפגעשפרונגען אַף איין פיסל, און פון דעם צווייטן, וואָס זי האָט געהאַלטן אופגעהויבן, האָט געטריפט בלוט. ער האָט באַלד אונטערגעשטעלט אַן אַקסל, זי זאָל זיך אָנשפאַרן.

פון יענער זײַט מאַזשאַרע, אַפן שאָסיי, איז געלעגן די סאָלדאַטקע — זי איז געווען טויט. די מאָטאָציקלען זײַנען ערשט־אָ, אונטערשפרינגענדיק, דורכגעפאָרן איבער איר קערפער. בא די רודערס און אין די צוגעטשעפעטע שיפלעך זײַנען, אָנגעבויגענע פאָרויס, פאַרשטויבטע, געזעסן דײַטשן מיט אָנגעשטעלטן געווער.

אין עטלעכע מינוט אַרום האָבן די מאָטאָציקליסטן זיך דורכגעטראָגן אַף צוריק. עס האָבן זיי געטריבן די שלאַכטלײַט פון וויכאָרעווס אָטריאַד, וועלכן די מאַזשאַרע האָט פריִער א ביסל געהאַט איבערגעיאָגט אַפן שאָסיי.

וויכאָרעוו האָט קיין צײַט ניט געהאַט פאַרהאַלטן זיך בא דער מאַזשאַרע. ער האָט בלויז פאַרהאַוועט א קוק געטאָן אַפן ווײַב, וואָס איז געזעסן צווישן ווילדגראָז אין ריוו. צו וואַסיען און צו דער פרעמדער פרוי, וועלכע האָבן זיך געפאָרעט אַרום די טויטע אַפן וועג, האָט ער א געשריי געטאָן:

— אין דאָרף אַרײַן דערלאַנגט זיך, אין דאָרף אַרײַן!

7

קרעמעזס פאָלק איז פעסט געשטאַנען אונטער דעם סוינעס פײַער. דאָס זעלבע — אַף ביידע פלאַנגען, ווײַטער אין סטעפ — לעמעכאָווס און סאַווטשענקאָס פאָלקן. די דײַטשן האָבן אין מעשך פון טאָג עטלעכע מאָל געפרוווט פאָרסירן דעם טײַך. אָט אין איין אָרט, אָט אין א צווייטן האָבן שטורעם־גרופעס, אונטער א שטאַרקן פאַרצוימונג־פײַער, מיט טומל און געשריי געוואָרפן זיך צום ברעג. מע האָט געשלעפט מיט זיך סלופעס, ניט קיין גרויסע פליטן, אָנגעבלאָזענע אווטאָקאַמערעס, נאָר אַלע אַטאַקעס זײַנען אָפגעשלאָגן געוואָרן.

עס האָט זיך געקאָנט דאַכטן, אַז דער סוינע איז דאָ ביז גאָר אַקטיוו. דאַניִעל האָט אָבער געזען, און ניט נאָר ער — יעדערער, וואָס פאַרשטייט, וואָס דאָס איז אַזוינס א שלאַכט, אַז דער סוינע דעמאָנסטרירט בלויז אַן אָנגריף. פאַר די דײַטשישע סאָלדאַטן, וואָס האָבן זיך געוואָרפן אין אַטאַקע און זײַנען געבליבן ליגן טויטע אין פעלד און אַפן ברעג, איז יעדער אַטאַקע געווען אַן עמעסדיקע, נאָר פאַר די, וואָס האָבן זיי געשיקט אָנגרײַפן, איז עס געווען אַן אָנשטעל. די בריק, אַשטייגער, וואָס איז בא איין זײַט ניט אופגעריסן געוואָרן, האָט דער סוינע אין מעשך פון טאָג מער ניט געפרוווט פאַרכאַפן. האָבן דאַניִעל און שטשוסעוו אויך ניט געאײַלט זיך אויסברענגען עטלעכע צענדליק סנאַריאַדן, מיט וועלכע מע איז ניט שטאַרק רײַך געווען, אַף צו אופרײַסן זי ענדגילטיק.

געווען זײַנען נאָך באַווײַזן, וואָס האָבן אופגעדעקט דעם סוינעס קאַוואָנעס. דער געפאַנגענער רומענישער אָפיצער האָט דערציילט, אַז נעכטן אין אָוונט, ווען ער איז געפאָרן פאַרבײַ דעם טראַקט, וואָס פירט צו דער דאָזיקער בריק, האָט ער געזען, ווי די דײַטשן, וועלכע האָבן מיסטאָמע זיך דאָ געשלאָגן איצט, האָבן בא א סקירדע געקוקט א פילם. האָט מען, הייסט עס, ניט שטאַרק זיך געאײַלט אַהער. און דאָס, וואָס קיין איינער פון די אַעראָפלאַנען, וואָס זײַנען אין מעשך פון טאָג עטלעכע מאָל אַריבערגעפלויגן די פראָנט־ליניע, האָט ניט באָמבירט און ניט באַשאָסן די

פארטיידיקער פון ברעג, נאָר געצויגן זיך אַף צאַפּן און אַף דאָרעם?.. דאָך האָט דאַניִעל אין די אַלע באַווײַזן געזען אויך דאָס בעסערע, אַף וואָס מע האָט איצט געקאָנט אויסרעכענען: דער סוינע האָט אָן סאָפּעק מיט זײַן מאַסירטן פײַער און מיט די אַטאַקעס, באַזונדערס אין די ערשטע שאָען פון דער שלאַכט, געוואָלט צווינגען די טײלן, וואָס זײַנען געשטאַנען פון דער זײַט טײַך, פאַרלאָזן די פּאָזיציעס אינמיטן העלן טאָג. עס האָט אים אָבער ניט שטאַרק געקימערט אויך דאָס, וואָס אים איז עס ניט געלונגען. דאָ איז דער דנאָ פונעם זאַק, פאַרבינדן קלײַבט מען זיך אים ערגעץ מיזרעכדיקער. נאָר פאַר די, וואָס האָבן זיך פאַרטיידיקט באַם טײַך און באַ די בערגלעך, איז וויכטיק געווען דערציִען ביז טונקל — אין הוילן סטעפּ איז די נאַכט געווען דער וואַלד, ווו מע קאָן פאַרשווינדן און לאָזן דעם קעגנער מיט ליידיקן...

אײַנקוקנדיק זיך אין דער מאַפּע, ווו דער ניט ברייטער טײַך האָט זיך געשלענגלט ווי גאָר א דיק, בלוי סטענגעלע דורך גרינע סטעפּישע פלאַכן פאַרבײַ דערפלעך, פאַרבײַ דער ברוינלע־כער מערעזשע פון בערגלעך, האָט דאַניִעל זיך אויסגעמאָלט א ווײַסע כאַטע מיט א סעדל, ווו אַן עלטערער דײַטשישער אָפיצער — דער קאָמאַנדיר פון די דײַטשן, וואָס האָבן זיך געפונען אַפן צווייטן ברעג, — טרינקט אין שאָטן, באַ אַן ארויסגעטראָגענעם טישל, טיי מיט האָניק. ער איז רויִק, אַלץ גייט ווי אמבעסטן. אזוי טראַכט ער, יענער דײַטש, און נאַרט זיך. „נאָר עפּשער איז ער גאָר ניט אזוי רויִק? — איז באַ דאַניִעלן אופגעקומען א געדאַנק. — עפּשער קוקט ער אויך אַף דער מאַפּע, ווי איך, ער מעסט מיט א ווירעלע די שטרעקע אַף מיזרעך, צו א צווייטן טײַך, א דריטן, און זעט, אז ער פאַרשפּעטיקט, און קאָן גאָרנישט ניט טאָן? ער פאַרשפּעטיקט, און ניט נאָר ער איינער, דאָ, באַם סטעפּישן טײַך. גרעסערע פון אים פאַרשפּעטיקן, און די הײַנטיקע שלאַכט פאַרגרעסערט די פאַרשפּעטיקונג...“

וועגן דעם סעדל און דער טיי מיט האָניק האָט דאַניִעל געטראַכט עפּשער בלויז דערפאַר, ווײַל אים אַליין איז דעם גאַנצן טאָג גאָרנישט אין מויל ניט געקראָכן. נאָר ערגעץ אין א ווינ־קעלע מוירעך האָט געשטעקט די געשיכטע, וואָס געהערט האָט ער זי פון איינעם אַן אויסשפּירער ניט דאָ, נאָר הינטער קאַראַסטען. יענער האָט אָנגעטראָפן אַף א דײַטשישן אָפיצער, וועלכער האָט אין א סעדל געטרונקען טיי און געשעפּט מיט א הילצערנעם לעפל האָניק פון א שיסל. וואָס ס'איז ווײַטער געווען, האָט דאַניִעל ניט געדענקט, — מיסטאָמע האָט ער, יענער אויסשפּירער, אים פאַרנומען, דעם דײַטש, ווײַל אויב ניט, איז צוליב וואָס די גאַנצע מײַסע?..

דאַניִעל האָט געפּאָדערט פון די באַטאַלכאָנען, זיי זאָלן בעשום־אופן ניט פאַרלאָזן זייערע פאַסטנס אין דער האַלב־צעוואָלגערטער מיל, וואָס איז אַן אופהער באַשאָסן געוואָרן, און מיטיילן וועגן אַלץ, וואָס זיי באַמערקן אַף יענער זײַט טײַך. ער האָט אומגעיאָגט די פאַרבינדלער, זיי זאָלן ווידער און ווידער צונויפשטוקעווען די איבערגעהאַקטע דראָטן. פון די אַרטילעריסטן האָט ער פאַרלאַנגט, זיי זאָלן אַף קיין איין מינוט ניט פאַרהאַלטן דאָס פײַער, ווי נאָר עס ווערן זיי מיטגעטיילט די קאָאָרדינאַטן פון דעם סוינע. ווו ס'איז עקסטרע נייטיק געווען, האָט ער אונטער־געוואָרפן קלייניקע רעזערוון, וואָס גענומען האָט ער זיי פון לעמעכאָווס באַטאַליאָן. און נאָך און נאָך האָט ער געטאָן, באַפוילן, געפּאָדערט. אזוי איז אריבער דער דאָזיקער טאָג, און די זון האָט א גרויסע, א רויטע פּאַמעלעכן גענומען אראָפּנידערן צום האָריזאָנט.

8

אין דער ניט זיכערער שקיִע־שײַן — די לופט איז פול געווען מיט שטויב און רויך, דערפאַר האָבן די ראַכוועסן ארום טײַך, ווו די שלאַכט איז געגאַנגען, אויסגעזען ווי אײַנגעהילט אין א רויטלעכן נעפל — איז דער גענעראַל יאַסענעוו אַף זײַן לײַכטער מאַשין דערפאָרן ביז צו די קוסטעס, ווו עס האָט זיך געפונען דאַניִעל קרעמעזס קאָמאַנדע־פּונקט. דער קאָמאַנדיר פון פּאָלק איז אָקאָרשט אוועק צו סאָקאָליִעצן אין באַטאַליאָן. האַלטנדיק זיך מיט דער האַנט באַ דער ברוסט, ווו צוויי קנעפּ פונעם קיטעל זײַנען געווען אָפּגעשפּיליעט און ס'האָט זיך ארויסגעזען אַן אָנגעצויגענער באַנדאַזש, שווער צופאַלנדיק אַף דעם לינקן פוס, האָט דער גענעראַל זיך אוועקגעלאָזט צו דער הרעבליע, ווו סאָקאָליִעץ האָט אײַנגעאָרדנט זײַן קאָמאַנדע־פּונקט. דעם אַדיוטאַנט סאָכאַ האָט יאַסענעוו ניט מיטגענומען, געזאָגט א בייזלעך־פאַרדרײַגעטער: „האָסט דאָרט ניט וואָס צו טאָן. איך וועל מיסטאָמע אַליין אויך קוים האָבן ווו צו באַהאַלטן זיך אין סאָקאָליִעצס גריבל!“ דעם פאַרבינדלער, וואָס בוזולוק האָט אים מיטגעגעבן, האָט ער אומ־געקערט פון האַלבן וועג: „גיי, גיי, מאַלאַדיעץ, איך בין ניט קיין בלינדער, מע דאַרף מיך ניט פירן! דאָרטן איז עס? קאָנסט גיין צוריק!“

באַ סאָקאָליִעצן אין בלינדאַזש (ארויסגעוויזן האָט זיך, אז ס'איז גאָר דער קוזאָוו פון אַן אויטאָבוס, וואָס איז, אַן אראָפּגענומענער פון די רעדער, אײַנגעגראָבן געוואָרן באַם ארופאָר אַף דער הרעבליע, און געווען איז דאָרט גאַנץ געערוים) האָט יאַסענעוו, זיצנדיק אַף א דיוואַן מיט

ארויסגעקראַכענע פּרוזשינעס, בא דער זיך וויגנדיקער שײַן פון זײַן צינדמאַשינקע, לאַנג גע־קוקט אַף דער מאַפּע, וואָס דאַניִעל האָט אים דערלאַנגט, געכמורעט דעם הויכן שטערן, אַף וועלכן ס'האָט דורך די קנייטשן זיך דורכגעשלאָגן אַן אָנגעלאָפּענער אָדער. ענדלעך האָט ער פאַרלאָשן די צינדמאַשינקע, אוועקגעלייגט די מאַפּע צו זיך אַף די קני און, פויקנדיק שטיל איבער איר מיט די פינגער, געזאָגט:

— דאָ איז א גוט אָרט צו שיצן זיך. א גוט אָרט, נאָר ניטאָ קיין ברייררע, — אָנגעבראָכן דעם דײַטש די ביינער, דאַרף מען ווײַטער שטעלן פיס. מיר גייען אוועק!

שווער איבערגעכאַפּט דעם אָטעם, האָט דער גענעראַל זיך א קנייטש געטאָן, נאָר געקומען איז עס עפשער ניט נאָר פון דעם ווייטעק אין דער וווּנד, כאָטש ער האָט מיט א באַוועגונג, וועלכע ער האָט אליין ניט באַמערקט, צוגעלייגט אַף עטלעכע רעגעס די האַנט צו יענער זײַט. זײַן פול פּאָנעם איז געבליבן פאַרקנייטשט אויך, ווען ער האָט צוגענומען די האַנט. מיט צוגעזשמורעטע אויגן האָט דער גענעראַל געקוקט אַף דאַניִעלן און סאַקאַליעצן, וועלכע זײַנען געשטאַנען אַנטקעגן אים, נאָר געקוקט אַזוי, פּונקט ער זאָל זען ניט זיי, נאָר די לאַנגע, געשלענגלטע וועגן, איבער וועלכע מע דאַרף אָפּטרעטן.

— מיר גייען אוועק, — האָט ער איבערגעכאַזערט, האַבנדיק אײַנגעשטילט דעם ווייטעק אָדער באַשטימט ניט צוהערן זיך צו אים. דאָס פּאָנעם זײַנס האָט ווידער, ווי געוויינלעך, אויסגע־דריקט אַנטשלאָסנקײַט. — מע דאַרף ארויסטראָגן אַלע פאַרוווּנדעטע, זען, עס זאָל דאָ ניט בלײַבן קיין טעכניק. דער דײַטש דאַרף באַקומען דאָס לעכל פון א בייגל. דאָס לעכל! דאָרעם־מיזרעך־צו פון טשערעפּקאָווע איז נאָך דאָ אַן אָרט, דורך וועלכן מיר וועלן זיך קאָנען דורכשלײַכן. בא דער בריק וועלן בלײַבן מיניאָרן. דאָס מאָל, דאַרף מען האָפן, וועלן זיי שוין אראָפּוואַלגערן זי אַפן דעק. דאָ האָט טאַקע, ווי מע זאָגט, דער אומגליק געהאָלפן. מיט דער בריק האָט אפילו צוגע־שפּילט. באַטאָג האָבן די דײַטשן ניט געײַלט זיך פאַרנעמען זי — הייסע קנישעס פון פײַער זײַנען זיי ניט קיין באַלאָנים צו כאַפּן, און איצט וועלן מיר גראַד האָבן צײַט. אופרײַסן די בריק — הייסט געבן צו וויסן, אַז מיר גייען אוועק. בא דער בריק בלײַבן מיניאָרן. דאָס דאַרפן זײַן זיכערע מענטשן, און עס בלײַבט, לאָמיר זאָגן, א קוילנוואַרפער. עס לייגט זיך אַפן סייכל, אַז שטאַרק וועלן דאָ די פריצן ניט קוועטשן. דעריקער איז, זיי זאָלן פאַר דער צײַט זיך ניט אַרומקוקן, אַז מיר גייען אוועק. לעמעכאָוו לאָזט איבער לעבן די סאַמע פלאַכע ערטער א קליינע גרופּע. דו, קרעמעז, לאָזט א ווזוואָד. ווער איז בא דיר רײַכער מיט סאָלדאַטן? סאַריאַן? נו, זײַנעם א ווזוואָד. א פּאָר מינענוואַרפער לאָז דאָ אויך איבער. און — געננוג, געננוג. האַלטן דאַרף מען זיך צוויי שאָ, אָנגעהויבן פון דער מינוט אָן. בושעווען, שיסן וואָס מער. דאָס דאַרפן זײַן רוכעס. אין צוויי שאָ ארום טוט מען א טאַראַכקע די בריק, און זיי לאָזן זיך אוועק אונדז דעריאָגן.

ווידער געפּויקט עטלעכע רעגעס מיט די פינגער איבער דער מאַפּע, האָט יאַסענעוו זי צונויפגעלייגט און אומגעקערט דאַניִעלן.

— נאָך איין זאַך. דער מאַיאָר שטשוסעוו מיט זײַנע הארמאַטן וועט גיין אינמיטן פון אײַער קאָלאָנע. כאָטש אַף די הענט, נאָר איר זאָלט מיר אַלע זײַנע הארמאַטן ארויסטראָגן!

יאַסענעוו איז נאָך אוועק איבער דער טראַנשײַ, לענגויס דער הרעבליע, קעדיי אַליין זען די מיניאָרן און די קוילנוואַרפלער, וואָס האָבן געדאַרפט בלײַבן בא דער בריק. מיט אים איז גע־גאַנגען דאַניִעל. געפירט האָט זיי סאַקאַליעצס געהילף, א לייטענאַנט.

פון יענער זײַט טײַך, אין דער געדיכטער ברוינקײַט פון די פעלדער און אינעם אַשיק־בלויען הימל, וועלכן ס'האָט אָפּגעטײַלט שוין בלויז א געלבלעך־גרינער שקיִע־פּאַס אַפן האָריזאָנט, האָבן זיך גענומען צינדן ראַקעטעס.

— זעסט, זעסט, ער נערווירט זיך, ער פּרוּווט שוין אויס די ראַקעטניצעס! — האָט יאַסענעוו שטיל זיך אָנגערופן, ניט צו וויסן צו וועמען — צום לייטענאַנט, וועלכער איז געגאַנגען דער ערשטער, צי צו דאַניִעלן, וואָס איז געגאַנגען פון הינטן. — אַף פרעמדער ערד איז אומהיימלעך, אפילו ווען מע גרײַפט אָן!

די טראַנשײַ, וואָס איז מיטאַמאָל געוואָרן גאַנץ פלאַך, — דער באָדן איז דאָ געווען א זומ־פּיקער, אונטער די פיס האָט געכליופּעט וואַסער, — האָט פאַרצוימט א גראָבע צווײַג, וועלכע א סנאַריאַד צי א שפּליטער האָט אראָפּגעהאַקט פון א דערבײַיִקן טאָפּאָל. דאָ האָט דער גענעראַל זיך אָפּגעשטעלט, און דער לייטענאַנט איז אוועק אַפן אָנשיט. אינגיכן האָט ער פון דאָרט זיך אראָפּ־געלאָזט א סאָלדאַט אין א קאַסקע. ער איז ארײַנגעשפּרונגען אין טראַנשײַ, און דאַניִעל האָט דערקענט דעם געשטופּלטן, וועלכן ער האָט נעכטן געזען אַף דער בריק און דערנאָך געהערט זײַן קאָל אין דער פינצטער. יאַסענעוו האָט געפרעגט באַם סאָלדאַט, פונוואַנען ער איז, צי האָט ער קינדער, און יעדער ענטפער איבערגעכאַזערט, ווי קעדיי בעסער אים פאַרגעדענקען.

— אהא, פון סטאַלינגראַד... אהא, צוויי קינדער — א ייִנגל פון פערצן און א מיידעלע פון... אהא, אהא, א מאַליער אַפן טראַקטאָר־זאַוואָד... איז אָט, רוסלאָוו, אַף וואָס מיר לאָזן דיך דאָ...

— עס וועט אויסגעפילט ווערן, כאַווער גענעראַל־מאַיאָר!

— און ווי, רוסלאָוו, רופט מען דײַן צווייטן נומער? אהא, טשופּי... טשופּיטשאָוו. אַן אומ־פּאַרטייִישער.

— רוסלאָוו און טשופּיטשאָוו, — האָט דער גענעראַל ווידער איבערגעכאַזערט, ווען דער קוילנוואַרפער האָט צוריק גענומען אַרופּדראַפּען זיך צווישן בוריאַן אַפן אָנשיט. און צו דאַ־ניִעלן: — הא, אָט זײַנען זיי, די סאָלדאַטן אונדזערע!..

אין טראַנשיי האָט זיך אַראָפּגעלאָזט איינער פון די מיניאָרן — אַן אויסגעצערטער, פון א יאָר דרײַסיק, מיט טיף פאַרגראָבענע אויגן, וואָס האָבן קוים געגלאַנצט אין בײַן־האַשמאַשעס. אויך זײַנע אַלע ענטפערס האָט דער גענעראַל איבערגעכאַזערט, דערנאָך געזאָגט שטרענג:

— איז ווייסטו, הייסט עס, דומקאָ, וואָס דו האָסט דאָ צו טאָן?

— איך ווייס.

— מיר פאַרלאָזן זיך אַף דיר, ווי אַף א פּאַרטייִישן. און דיר צו דער פּאָר, זאָגסטו, ווער בלײַבט?

— ראַכעליס. א קאָמיוגיסט.

— זײַט העלדן!

דאַניִעל האָט געשוויגן. וואָס האָט ער דאָ געקאָנט פרעגן און וואָס — צוגעבן? אַלץ איז געווען פּראָסט און דערהויבן, ווי פּראָסט און דערהויבן ס׳איז די פליכט פון דעם סאָלדאַט.

דעם קאָמבאַט סאַריאַן האָט דער גענעראַל געטראָפן אַפן קאָמאַנדע־פּונקט פונעם פּאָלק, וווּהין יענער איז באַצײַטנס אַרויסגערופן געוואָרן. צוגעוואַרט, ביז דאַניִעל האָט דערקלערט סאַריאַנען די אויפגאַבע, האָט דער קאָמדיוו געפרעגט:

— וועמעס ווזוואָד קלײַבסטו זיך לאָזן באַם ברעג?

סאַריאַן האָט מיד א פינטל געטאָן מיט די לאַנגע וויִעס פון זײַנע פײַכטלעכע גרויסע טונ־קעלע אויגן און געזאָגט:

— דערלויבט מיר דאָס באַשטימען אַפן אָרט, כאַווער גענעראַל־מאַיאָר.

— דאַרפסט שוין וויסן!

— דאָרט איז באַ מיר איינער א זעמליאַניצין פאַראַן...

יאַסענעוו האָט באַמערקט, ווי דאַניִעל האָט צוגעביסן א ברעג ליפּ.

— קענסט אים, מאַיאָר?

— איך קען אים. עס איז דער, וואָס מע דאַרף.

9

די צוויי באַטאַליאָנען פונעם פּאָלק האָט אָוועקגעפירט אַף מיזרעך בוזולוק. אויס־געצויגן זיך אין ניט קיין גלײַכער קאָלאָנע, מיט אָבאָז־פורן, האַרמאַטן און באַזונ־דערע רײַטער אין די אינטערוואַלן צווישן קלענערע און גרעסערע גרופּעס פוסגייער, וואָס האָבן באַצייכנט די ראָטעס, איבערלאָזנדיק הינטער זיך א שטויב, וואָס האָט זיך ניט לאַנג געהאַלטן אין דער לופט, און א געמורמל, א סקריפּ, וואָס האָבן שטילער און שטילער, אָבער נאָך גאַנץ לאַנג זיך געלאָזט הערן, איז דאָס כאַיל פאַרשוווּנדן אין דער נאַכט.

דאַניִעל איז געבליבן אַפן קאָמאַנדע־פּונקט. אַפן מאָטאָציקל איז אים ניט שווער געווען אָנ־יאָגן דעם פּאָלק, האָט ער באַשטימט זיך נאָך א ביסל פאַרהאַלטן דאָ. ס׳איז באַ אים אויסגעקומען, אַז ביז עס פירן צו אים די טעלעפאָן־דראָטן פון ברעג און פון בריק, איז די פאַרצוימונג שטאַר־קער. און, פון דער צווייטער זײַט, שטעלנדיק זיך געדאַנקלעך אַפן אָרט פון די, וואָס זײַנען דאָרט געבליבן, האָט ער פאַרשטאַנען, אַז אויך פאַר זיי קען זײַן א שטיצע דאָס, וואָס דער קאָמאַנדע־פּונקט רופט זיך אָפּ.

די פאָדערשטע ליניע האָט געלעבט ווי געוויינלעך באַנאַכט, אויב קיין אַטאַקע קומט ניט פאָר. טראַסירנדיקע קוילן האָבן זיך געשנירלט אין הימל, ראַקעטעס זײַנען אויפגעפלויגן אָט אַף אונדזער זײַט, אָט באַ די דײַטשן. עס האָבן זיך געריסן אַף דעם סוינעס נאָענטע פּאָזיציעס די מינעס, וואָס אונדזערע צוויי מינענוואַרפער האָבן געשיקט אַלע מאָל פון אַן אַנדער אָרט. די דײַטשן האָבן מעטאָדיש געענטפערט מיט עטלעכע סנאַריאַדן אַף יעדער מינע.

דאַניִעל איז געשטאַנען אין דער טראַנשיי, באַם אַרײַנגאַנג אין קאָמאַנדע־פּונקט, צוגעהערט זיך מיט איין אויער, ווי טיף אין בלינדאַזש רופט דער פאַרבינדלער יעדעס מאָל לויט דער ריי: „סאַן, קאַליטווע, פּרוט — ווי איז באַ אײַך? איך בין דניעפּער!“ א הייזעריק־אָנגעשטרענגטע, האָט די שטים זיך ניט געענדערט, קיין שום נײַע אינטאָנאַציעס האָבן זיך אין איר ניט אַרײַנ־

געפֿלאָכטן, האָט דאַניִעל בלויז פֿיקסירט דאָס בײַ זיך אין מויעך, ניט אָפּווענדנדיק דעם בליק פֿון דער פֿאָדערשטער ליניע, געהערט, וואָס דאָרטן טוט זיך, און געטראַכט.

ער האָט ווידער געזען זיך שטיין אין גרוב פֿאַרן טירל פֿון סאָקאָליעצעס אויטאָבוס, בײַס יאַסענעוו האָט מיטאַמאָל אַ פֿרעג געטאָן דעם לייטענאַנט, צי וועט ער קאָנען שנעל אָפּזוכן די, וואָס בלײַבן בײַ דער בריק; ווידער געגאַנגען איבער דער שמאָלער טראַנשיי הינטערן גענעראַל, צוגעקוקט, ווי יענעם איז שווער צו בייגן זיך, ווי ער קוועטשט צו די פֿאַרווונדעטע זײַט מיט דער האַנט און טרעפֿט אַזוי אָפּט מיטן עלנבויגן אין ווענטל פֿון דער טראַנשיי, אַז אויפֿן אַרבל איז געוויס געבליבן אַ פֿלעקל; ווידער האָט ער געזען רוסלאַווס געשטופּלט פּאָנעם, וואָס האָט, אַן אָנגעשטרענגטס, אַ בלייכס, קוים אַרויסגעלויכטן אין דער טונקלקייט, דאָס פּאָנעם פֿון אַ מענטשן, וועלכער האָט זיך אָפּגעזעגנט מיט אַלץ, טאַקע ווײַל אַלץ, מיט וואָס ער האָט זיך אָפּגעזעגנט, איז אים טײַער, און פּונקט אַזאַ אויסדרוק איז געווען אויפֿן פּאָנעם בײַם מיניאַר דומקאָ; ווידער איז אויפֿגעקומען אין זיקאָרן דאָס ווייניקע, וואָס דער גענעראַל האָט געפֿרעגט, און רוסלאַווס און דומקאָס קאַרגע ענטפֿערס. נאָר איצט האָט דאָס אַלץ באַקומען אַ טיפֿערן באַטײַט, וואָס האָט געהאַט אַ שײַכעס שוין ניט נאָר צו די, וואָס זײַנען געבליבן אויף דער בריק, און ניט נאָר צום גענעראַל, און ניט נאָר צו אים. אַ שטיק אייגענע ערד ווערט ווידער איבערגעלאָזט דעם סוינע, און דאָס פֿאַרגרעסערט דעם אומגליק, וואָס האָט געטראָפֿן דאָס לאַנד און יעדן אויף זײַן אויפֿן.

ערגעץ טיף אין דער נעשאָמע, ווי אַן אַקאָמפּאַנעמענט צו דעם, וואָס דאַניִעל האָט איצט געטראַכט, האָט אויפֿגעטויכט אויף רעגעס צי מינוטן דאָס, וואָס איז געווען אויך זײַן באַשטענדיקע פּײַן און וואָס ער האָט אײַנגעשטילט מיט איין ענטפֿער: אויף דער מילכאָמע דאַרף מען האָבן געדולד. נאָר געווען איז עס אויך דער ענטפֿער אויף דעם, וואָס ער האָט געטראַכט וועגן דער מילכאָמע ביכלאַל, וועגן דעם פּאָלק, וועגן דער הײַנטיקער שלאַכט.

ווייניק צײַט האָט ער געהאַט אויף אויסריכטן דאָ פּאָזיציעס און געמוזט דאָס טאָן ניט נאָר פֿאַר זײַן פּאָלק, נאָר פֿאַר דער גאַנצער דיוויזיע. און ווען ער זאָל געווען אפֿילו שאַפֿן די בעסטע פּאָזיציעס, איז דער אויסגאַנג פֿון דער שלאַכט געווען פֿון פֿאָרויס באַשטימט דורך דער אַלגעמיינער לאַגע אויפֿן דאָרעם־פֿראָנט. כוץ דעם, זײַנען דערלאָזט געוואָרן געניג פֿעלערן אין גאַנג פֿון דער שלאַכט. און דאָך — ער האָט ניט געוווּסט, וויאַזוי דאָס אָפּווענדן, ניט געוווּסט עפּשער געניי, פֿון וואָס די דאָזיקע איבערצײַגונג קומט בײַ אים, — נאָר דאָך איז געטאָן געוואָרן אומגעהייער מער, אַז אָט דאָס דאָזיקע שטיקל ערד זאָל ניט אַריבערגיין צום סוינע, איידער עס איז ניט דערטאָן געוואָרן. דאָס איז דער איקער, און ניט נאָר דאָ...

אויף דער פֿאָדערשטער ליניע איז ווי געוואָרן מער אויפֿגעלעבט. דרײַ ראַקעטעס מיטאַמאָל זײַנען אויף יענער זײַט אַרויפֿגעפֿלויגן אין איין אָרט, און באַלד נאָך דרײַ — אין אַ צווייט אָרט, ווײַטער אַ ביסל. „עפּשער איז דאָס עפּעס אַ סיגנאַל?“ דאַניִעל האָט צוגעוואַרט עטלעכע מינוט. ניין, אַלץ איז געווען, ווי פֿריער, — ווידער סנאַריאַדן, ווידער אַ פֿאַרכלינעט געמורמל פֿון עטלעכע קוילנוואַרפֿערס צי אויטאָמאַטן, ווײַטע אויסגעשרייען, אַ גרילצערײַ, און נאָכאַמאָל ראַקעטעס, איינצלנע — דאָ, דאָרט... דאָס אַלץ האָט איבערגעריסן דאַניִעלס געדאַנקען, נאָר ער האָט שוין ניט באַמיט זיך אָפּזוכן אומבאַדינגט דעם פֿריִערדיקן פֿאָדעם.

פֿאַרן אוועקגיין האָט בוזולוק אים געגעבן אונטערשרײַבן אַ סוואָדקע וועגן די פֿאַרלוסטן אין דער הײַנטיקער שלאַכט, קעדיי שוין אין מאַרש איבערשיקן זי אין שטאַב פֿון דער דיוויזיע. איצט איז ווידער דאַניִעלן פֿאַר די אויגן געשטאַנען יענץ צעווירעט פּאַפּירל, די עטלעכע שורעס און די ציפֿערן, וואָס זײַנען אויפֿגעשריבן געווען אויף דעם מיט אַ שאַרף פֿאַרשניצטן כימישן בלײַער. דערהאַרגעטע — אַ צווייציפֿערדיקע צאָל, ניט קיין גרויסע, פֿאַרווונדעטע — אויך אַ צווייציפֿערדיקע צאָל, אָן ערעך דרײַ מאָל אַ גרעסערע, סאַכאַקל זעקס און זיבעציק. אַזאַ איז דער ביטערער צולאָג צו דער ערד, וואָס מע פֿאַרלאָזט. כוץ דעם, די, וואָס בלײַבן אָן דאָרט, בײַם טײַך, — ווער ווייסט, וואָס עס וועט זײַן מיט זיי?.. „אַ ייִנגל פֿון פֿערצן און אַ מיידעלע פֿון...“ יעדערער אַזוי — אויב ניט קיין קינדער, איז — אַ ווײַב, מיט וועלכן מע האָט נאָך ניט באַוויזן קיין קינדער צו האָבן, עלטערן, שוועסטער, ברידער. פֿיל האָט דאָ שוין געטראָפֿן דער אומגליק, און זיי ווייסן עס נאָך ניט, מע ווייסט איינס — מילכאָמע. אָבער מע ווייסט אויך, מע גלייבט — די פֿאַרלאָזטע ערד וועט ניט בלײַבן בײַם סוינע. אָט דאָס וואָלט מען ניט מויכל געווען — נאַטאַשע וואָלט ניט מויכל געווען, ליאָניע, אָלגע... נו, און די נאָענטע פֿון דעם, וועלכער האָט זיך הײַנט אַליין דורכגעשאָסן די האַנט? זיי אויך ניט. גיכער פֿון אַלץ — ניט. נעכטן איז ער פֿאַרהאַלטן געוואָרן בײַ דער בריק — אַ מיליטערפֿליכטיקער, מע האָט אים פֿאַרשריבן אין פּאָלק,

און הײַנט... װעגן אים איז פֿאַראַן אַ באַזונדערע באַמערקונג אין דער סװאָדקע: „סאַמאָסטרעל“[1]. ער שפּאַנט איצט אױך אַף מיזרעך — אונטער אַ קאָנװאָי. מע װעט אים מישפּעטן און אװאַדע שיסן. אָבער ער איז — אײנער...

װידער האָט עפּעס אָפּגעװענדט דאַניעלן, צי די געדאַנקען זײַנען סטאַם אַ שפּרונג געטאָן. יאָ, דאָס זײַנען פֿאַרלוסטן פֿון אַ פּאָלק, װעלכער איז אײערנעכטן שױן געװען אַ צעקלאַפּטער. און הײַנט האָט ער פֿאַרט, װי אַלפֿי־נעס, זיך אַנטקעגנגעשטעלט דעם סױנע, און ערשט ניט לאַנג אװעקגעצױגן זיך אין דער נאַכט, — אַ היפּשע קאָלאָנע. נאָר עס האָט זיך פֿאָרט געװאָלט דער־טראַכטן דאָס, װאָס איז אַ ביסל פֿריִער אױפֿגעקומען אין מױעך, — װעגן די פֿעלערן... דער צופֿאַל מיטן סטאַרשינאַ, װעלכער האָט נעכטן אָנגעפֿירט מיטן מינירן די בריק, האָט געקימערט. אין דעם דאָזיקן צופֿאַל האָט געשטעקט אַזױנס, װאָס האָט געדאַרפֿט דערטראַכט װערן ביזן סאָף. צװישן די פֿאַרװוּנדעטע איז געװען אױך יענער סטאַרשינאַ. װען דער אופֿרײַס איז ניט אײַנגעגלונגען, האָט דער סטאַרשינאַ זיך פֿאַרענטפֿערט, אַז, װײַזט אױס, אײנע פֿון די דעטאָניר־קאַפּסולן איז אַרױסגעשפּרונגען פֿון איר נעסט אין דער טאָל־שאַשקע. „די דײַטשישע זײַנען געמאַכט אַף שרױפֿן, און אונדזערע זײַנען גלאַטע, מיר פֿאַרפֿעסטיקן זײ אין דער נעסט מיט אַ שפּענדעלע“. מעגלעך, אַז אַזױ איז עס טאַקע געװען. און דאָס האָט שױן אַ שײַכעס צו אַ סאַך אַנדערס, איבער װאָס מע פֿאַרלירט אי מענטשן, אי ערד. נאָר צוריק גערעדט, האָט אױך דאָס שפּענדעלע געקאָנט פֿאַרפֿעסטיקט װערן, װי עס געהער צו זײַן. כױץ דעם איז גאַנץ מעגלעך, אַז די עלעקטראָ־דעטאָנאַטאָרס זײַנען אײַנגעשלאָסן געװאָרן אין דער קײט ניט לױט די קאַליבערס נאָך, צי דער דעטאָניר־שנור איז אונטער דער איזאָליאַציע געװען איבערגעבראָכן און מע האָט דאָס פֿאַרזען. װי עס זאָל ניט זײַן, איז דער סטאַרשינאַ פֿאַרװוּנדעט געװאָרן, בײס ער האָט גע־פּרוּװט אױסקלאָרן, פֿאַרװאָס דער אופֿרײַס איז געװען ניט קײן פֿולער, און די צװײ מיניאָרן, װעלכע מע װאָלט געקאָנט ניט לאָזן בײַ דער בריק, זײַנען איצט דאָרט געבליבן.

אָט אַזױ קײַטלט עס זיך — עמעצנס אַ גרױסער פֿאַרזען, ערגעץ גאָר הױך, עמעצנס פֿאַר־זען דאָ, װו דאָס פֿײַער פֿלאַקערט, אָבער טראָט נאָך טראָט װערט יעדער פֿאַרזען אָנגעטאַפּט, זאָל זײַן מיט אַנטהױלטן, צעבלוטיקטן לײַב. אַף יעדן פֿאַרזען לערנט מען זיך, מע װערט דער־פֿאַרענער, קליגער, פֿאָרזיכטיקער...

איצט האָט דאַניעל אומגעקערט זיך מיטן געדאַנק צום פּאָלק, װאָס האָט זיך געשלענגלט אין דער נאַכט אַפֿן טשערעפּקאָװער װעג. דער פּאָלק האָט געלעבט װי אַ טײל פֿונעם גרױסן כאַיִל, װאָס קאָן ניט אומגעבראַכט װערן. יאָ, אױך אַדאַנק דעם, װאָס ער, דאַניעל, איז געקומען אַף דער פֿאָנצערמאַשין, האָט געלעבט דער פּאָלק. נאָר דער שטאָלץ, װאָס האָט געצװוּנגען פֿלאַ־טערן דאָס האַרץ, האָט געשטאַמט גראָד פֿון עפּעס אַנדערס — פֿון דעם, װאָס ער איז געװען אײנער פֿון אַ סאַך, װאָס האָבן געראַטעװעט דעם פּאָלק. שטשוסעװ, װעלכער האָט אױסגעקערע־װעט די האַרמאַטן קעגן די דײַטשן, װען זײ האָבן שױן קימאַט דעריאָגט בײַ דער באַלקע די אָפּטרעטנדיקע פּעכאָטע, זעמליאַניצין, װעלכער האָט אױסגעשאָסן אין טאַנאַגאָזן און געװאָרפֿן זיך אַנטקעגן די לױפֿנדיקע רױטאַרמײער, דער פּאָנענטרעגער, װעלכער האָט אַף דער שטאַב־פֿור, אַ טױטער, פֿאַרשטעלט מיטן גוף דאָס אײַזערנע קעסטל, װו די פֿאָן פֿון פּאָלק איז געװען באַ־האַלטן, — אַדאַנק די און פֿיל אַנדערע, װעגן װעלכע קײנער װעט זיך עפּשער קײנמאָל ניט דער־װיסן, װאָס זײ האָבן אױפֿגעטאָן, און אַדאַנק געװײנלעכער סאָלדאַטישער שטאַנדהאַפֿטיקײַט, װאָס איז אַרױסגעװיזן געװאָרן סײַ נעכטן, בײס מע איז גרופּקעסװײַז געגאַנגען אַהער פֿון פֿראָנט, סײַ הײַנט, בײס דער שלאַכט, האָט דער פּאָלק געלעבט. סאָף נאַכט צי אינדערפֿרי װעט ער װידער פֿאַרנעמען פּאָזיציעס, פֿאַנאַנדערװיקלען זיך אַף צװײ קילאָמעטער די לענג, און אױך אַף מער, אױב מע װעט דאַרפֿן. מע װעט נאָך ניט אײן מאָל אײַנגראָבן זיך אין דער ערד און דערנאָך פֿאַרלאָזן די אָקאָפּעס. אָבער ערגעץ, זאָל זײַן איבער דרײַ, איבער פֿינף טײַכן פֿונדאַנען, האָט דאַניעל געזען די ליניע שטעכדראָט און די אָקאָפּעס, אין װעלכע דער סױנע װעט זיך אָנשטױסן, װי אין אַ דאַמבע, און אַ פֿלײץ טאָן אַף צוריק.

אַ לאַנגע קױלנװאַרפֿער־רײ האָט זיך דערטראָגן פֿון אַרום בריק. דערנאָך איז געװאָרן אַזױ שטיל, אַז דאַניעל האָט דערהערט, װי דער װידערקאָל קײַקלט זיך איבער די בערגלעך הינטער זײַן פּלײצע און אין סטעפּ. צװײ עלנטע ראַקעטעס האָבן געפֿלאַקערט אין דער הײך, אַ גרינע — באַ די דײַטשן, אַ בלענדיק־װײַסע — באַ אונדז. עס האָבן זיך פֿון זײ געקרישלט פֿונקען. די ראַקעטעס האָבן זיך אױסגעלאָשן קימאַט אײַנצײַטיק, געלאָזט אַפֿן אָװנטיקן הימל בלאַסע קריצן. פּלוצעם האָט אַ װינטל דערטראָגן צו דאַניעלן קלאַנגען פֿון מוזיק. זײ האָבן זיך דערטראָגן פֿון

[1] געשאָסן אַלײן אין זיך.

דער פאָדערשטער ליניע, פון לעבן דער הרעבליע. ער האָט אָנגעשטרענגט דאָס געהער: „באַם דײַטש? ניין, נעענטער — בא אונדז!“

Полюшко-поле, полюшко, широко поле...[1]

דאניִעל האָט ניט פאַנאַנדערגעקליבן די ווערטער — ער האָט זיי פּאַשעט נאָכגעזונגען אין געדאנק לויטן מאָטיוו, וואָס האָט זיך קוים־קוים דערטראָגן צו אים. בא איינעם פון זעמליאַניצינס רויטאַרמייער האָט ער היינט געזען א פּאַטעפאָן, זאָל זײַן, אַז דאָס שפּילט מען דאָרט? צוערשט האָט דאניִעל געוואָלט הייסן דעם טעלעפאָניסט פרעגן, צי שפּילט עס בא זעמליאַניצינען, נאָר ער האָט זיך אָפּגעהאַלטן און געהערט, ביז די ליד האָט זיך געענדיקט. ווידער האָבן געשטעפּט קוילנוואַרפערס. לאַנג, בייז. צוויי מינעס זײַנען אַוועקגעפלויגן צו די דײַטשן, און באַלד האָבן מיט א כליופּענדיקן קנאַל עטלעכע סנאַריאַדן זיך צעריסן אין טאָל פון ביידע זײַטן הרעבליע. נאָר אָט איז שטיל געוואָרן, און אין דער שײַן פון אופליִענדיקע ראַקעטעס זײַנען ווי פון דער ערד אליין נאָכאַמאָל אופגעקומען קלאַנגען פון מוזיק.

דאניִעל איז ארײַן אין בלינדאַזש און געזאָגט צום טעלעפאָניסט:

— שליס אָפּ, מיר פאָרן!

מע האָט שוין געמיטן טשערעפּקאָוואָ און אין פולן טעמפּ געהויבן זיך אַף א באַרג־ארוף פון יענער זײַט דאָרף. דאניִעל — באַם רודער. דער פאַרבינדלער מיטן טעלעפאָן־קעסטל איבערן אַקסל — פון הינטן. דער געשלענגלטער וועג האָט פאַרקערעוועט צום קריאַזש, א פאַרוואַקסענעם מיט קוסטעס. און דאָ האָט פּלוצעם דער הימל אַף מײַרעוו העל אופגעפלאַקערט, די קאָנטורן פון די טשערעפּקאָווער בערגלעך און די שוואַרצע וואָלקנס, וואָס זײַנען געהאַנגען אין דער הייך איבער זיי, האָבן דערמאָנט די ראַנדן פון א ברייט פּײַערדיק מויל, א צעעפנטס אין דער נאַכט.

— פאַרטיק! — האָט אויסגעשריִען דער טעלעפאָניסט, — די בריק איז אופגעריסן!

„דומקאָ, ראָכעליס“, — האָט זיך דורכגעטראָגן בא דאניִעלן אין קאָפּ.

ער האָט מיט איין האַנט געהאַלטן דעם רודער פון דעם יאָגנדיקן מאָטאָציקל און מיט דער צווייטער ארויסגענומען דעם זייגער פון הויזן־קעשענקעלע לעבן רימען. טוענדיק דאָס, האָט ער זיך דערמאָנט אויך אין די צוויי קוילנוואַרפלער, וואָס זײַנען געבליבן אַף דער הרעבליע. „רוסלאָוו און טשופּיטשאָוו... טשופּיטשאָוו — דאָס איז דער באַס, וועלכער האָט געפרעגט, פאַרוואָס מיר גרײַפן ניט אָן. מירן אָנגרײַפן, טשופּיטשאָוו, עפּשער ניט דו, ניט איך, נאָר אָנגרײַפן וועט מען אומבאַדינגט. און דערווײַל לאָז דאָרט ניט דורך די פאַשיסטן, אָט וועלן מיר זען, וויפל דו דאַרפסט זיך נאָך האַלטן...“

די ווײַזערס אַפן לויכטנדיקן ציפערבלאַט האָבן באַוויזן, אַז די בריק איז אופגעריסן געוואָרן דרײַ און צוואַנציק מינוט פאַר דער אָנגעמערקטער צײַט.

דאניִעל האָט זיך אײַנגעקוקט אין דעם וועג, וואָס האָט קוים געגרויט, נאָר פאַר די אויגן איז געשטאַנען און אַלץ מער צעוואַקסן זיך דאָס רייפל פון דעם ציפערבלאַט מיט די לויכטנדיקע גרינע ווײַזערס. ער האָט אויך געזען פאַר זיך סאַריאַנס ענגן קאָמאַנדע־פּונקט, א קוים באַלויכטענעם מיט א קעשענע־לאַמטערנדל, בא וועלכן די באַטאַרייקע האָט זיך געזעצט. ער איז נאָרוואָס געקומען אהין, קעדיי א קוק טאָן, ווי דער באַטאַליאָן ווערט אָפּגעצויגן פון דער פאָדערשטער ליניע. סאַבלין האָט אראָפּגענומען פון דער האַנט דאָס זייגערל און אָפּגעגעבן עס זעמליאַניצינען. לויט זײַן, דאניִעלס, זייגער האָט זעמליאַניצין אָנגעשטעלט די פּינקטלעכע צײַט. איצט איז דעם עלטערן סערזשאַנטס פּאָנעם ארויסגעשווומען פון גרויסן ציפערבלאַט, א שטרענגס, א פּראָסטס, מיט ברייט צעשטעלטע גרינע אויגן, מיט א קורצער נאָז, מיט פעסט צונויפגעדריקטע ליפּן, — א פּאָנעם, וואָס האָט אין זיך עפּעס גראָבלעכס, פאַרביטערטס, נאָר עמעסדיקס און רירנדיקס, אַזוינס, וואָס פאַרגעסט זיך ניט.

[1] די ערשטע שורע פון א פּאָפּולערער ליד: „פעלד, דו מײַן פעלד!..“

(פאָרזעצונג קומט)

איסאַק לעוויטאַן

(פון א פּאָעמע)

סע גלאַנצן לאַקירטע
די ערשטלינגען־בלעטער
אַף דעמבן, וואָס שטייען
ווי אוראַלטע געטער.
פאַרקישעפטע ווערבעס
זיך טוקן אין וואַסער,
סע ציטערן
שמאָלינקע בלעטעלעך נאַסע.
ניט ווײַט צינדן ליכט
די מאַיאָווע קאַשטאַנען.
ס'איז נאָגנדיק שיין,
סע דערמאָנט לעוויטאַנען.

און ניט נאָר די בילדער,
וואָס זעסט אין מוזייען, —
ער גייט דורך דײַן לעבן,
דורך פריידן און ווייען.

...כ'בין ווידער א זעמדעלע,
ס'טראָגן מיך ווינטן.
און אַלץ, וואָס געווען,
איז געבליבן פון הינטן.
נישטאָ איצט בא וועמען
זיך בעטן און פרעגן,
איך האָב זיך דערמאָנט
אין וולאַדימירער וועגן.

...איסאַק האָט שפּאַצירט
אין א לויטערן אָוונט.
די זון האָט געקײַקלט
איר פילקע דאָ נאָענט.
אין לופט האָבן פלײַסיקע בינען
געזשומעט.
און עפּעס באַפאַלט לעוויטאַנען
אַן אומעט.

ער האָט זיך דערמאָנט:
אין זיקאָרן ז'געבליבן.
אַף אזעלכע שליאַכן
מ'האָט קעמפער געטריבן.
די טעמפּע קייסאָרים
פון מאַמע־ראַסייע
האָבן טײַכנווײַז טרערן
אַף פעלדער צעווייעט...
אָט לויפן דערשראָקענע יידן
פון שטעטל.
פּאָגראָמען און כוישעך
אין אָוונטן שפּעט.
ס'איז פוסט אין די גאַסן,
עס ווייט מיט סאַקאָנעס,
און קאַדעש דער ווינט זאָגט
נאָך נײַע קאָרבאָנעס.

און וווּ איז אצינדער
טערעזע, זײַן שוועסטער?
זי איז ווי א פויגל,
וואָס ווייסט פון קיין נעסט ניט!
ער פרעגט און ער ענטפערט,
ער איז אומדערמידלעך.
זײַן האַרץ איז א פידל,
און ער איז דער פידלער.
אזוי ווערט געבוירן פון לויטערקײַט
ריינער
א בילד, ווו עס בלוטיקן
גראָזן און שטיינער.
איר הערט, ווי עס יאָמערן
וועגן סיבירער?
דאָס קלינגען די קייטן
אַף פיס פון מאַרטירער.
. . . .
איך גיי אינעם האַרבסט
איבער ברוין־געלע בלעטער.
א זויבערער הימל,
א גאָלדענער וועטער.
עס ווייט איצט מיט יענעם
איסאַק לעוויטאַנען,
וואָס גאָלדענע האַרבסטן
אונדז שטענדיק דערמאַנען.
עס רוקן זיך אָן, ווי צוויי פליגל,
די ברעמען
אַף יעזוסעס אויגן,
וואָס קוקן פון רעמל —
וואָס האָבן באַגײַסטערט דעם
קינסטלער פּאָלענאָוו.

נאָר איך וואָלט פון אים ניט געמאָלט
קיין „כריסטאָסן" —
איסאַק האָט זײַן בלוט
אָן שום קרייצונג פארגאָסן.
און עפשער דערפאר,
וואָס איך בין ניט פאָלענאָוו?
און עפשער דערפאר,
וואָס די צײַט איז ניט יענע...
מ׳האָט צענדליקער מאָל
אים געקרייצט, כאָטש אָן צלאָמים,
געטרייסלט פון קינדווײַז
פון אים די נעשאָמע.
און ער האָט ביגנייווע
געשלונגען די טרערן,
ס׳זאָל קיינער ניט זען
און ס׳זאָל קיינער ניט הערן.

. . . .

איך פרעג אים:
— ווו האָסטו געזאמלט די קויכעס
אף שאפן די בילדער?
ער ענטפערט מיר:
— קויכעס?
געשמידט זיי פון ליבע.
בא מיר זײַנען פונקען
אין הארצן פארבליבן.
איך האָב זיי צעבלאָזן
וואָס שטארקער, וואָס גרעסער,
געזעטיקט דעם הונגער
אין מי דורך מעסלעסן.
פארשיקט?
און איך אײַל זיך אין ארבעט פארגעסן.
די שיינקײַט, זי שטיקט מיך,
זי כאפט מיך באם גארגל,
איך ווער פון באגײַסטערונג שיר ניט
דערוואָרגן.
פאר הונגער סע מערן זיך פײַערדיק
קרײַזן,
איך שעם אין דער גאס זיך פאר
מענטשן באווײַזן...

מע גייט מיט ראקעטקעס.
מע שפילט אין קראָקעט.
לענגוויס די פלאטפארמעס
פלאנירט מען ביז שפעט.
ס׳איז זומער. ס׳איז פריילעך,
נאָר איך בין פארשיקט.
דעם יידישן מיילעך
זײַן „טאָרבע" דערשטיקט.

דורך אָפענע פענצטער
סע טראָגט זיך בעטהאָווען,
ווי שטערן אין הימל,
אזויפיל מאכשאָוועס.
איך דריק זיי צום הארצן,
איך לעב, ווי אין כאָלעם.
און שפעטער, ווען כ׳שטיי
„איבער אייביקער רו"[1],
כ׳צינד אָן די מאכשאָוועס,
געזאמלטע דאָ.
ארום און ארום
איז פארכוישעכט, פארפינצטערט,
דאָס רויט־געלע פײַערל
ליוכט פונעם פענצטער.
ארום, דוכט זיך, אלץ איז
געפענטעט אין וואָלקנס,
איין ראָזלעכער וואָלקן,
ער וויל זיי ניט פאָלגן.
ארום, דוכט זיך, ווארפט
מיטן ווינט א קאדאָכעס,
איין אינדזעלע גרינט
אָט דער וועלט אפצולאָכעס.

עס טוט זיך די וואסער
אפילע קיין ריר,
נאָר פילסט, ווי דער ווינט
נייגט די ביימער צו איר.
צען הילצערנע צלאָמים
פארלוירן אין וועג,
נאָר וואסער אין הימל,
וואָס האָט ניט קיין ברעג.
דאָס אינדזעלע לעבן
איז אומרויִק־שמאָל,
סע שרײַט, ווי א קינד,
אף א ציטעריק קאָל.
נאָר פילסט, ווי עס הענגט
אין דער לופט א געוויטער.
דו ווארטסט אף א דונער,
דו ווארטסט און דו ציטערסט!

— — — — — — — — — — —

קיין מאמע קלײַבט מען ניט —
א מאמע גיט אונדז לעבן.

ווהין ס׳פארטרײַבט אונדז ניט —
דער מאמעס הארץ איז נעבן.
צי איז דיר אכט יאָר,
צי איז דיר אכציק, —
א מאמע ז׳שטענדיק ליב
און שטענדיק הארציק.

---

[1] א באוווסט בילד פון איסאַק לעוויטאנען.

קיין היימלאַנד קליַיבט מען
ניט —
ס'איז אונדז געגעבן איין
מאָל.
קיין היימלאַנד ליַיט מען
ניט —
ניט איין מאָל און ניט
קיינמאָל.
אויב וואַקסט אין מידבער־
קאַנט —
דערוואַרעמען דיך זאַמדן,
אויב וואַקסט צעווישן
בערג —
באַשיצן פעלדזן־ראַנדן.
די ערד די אייגענע —
זי היט און זי פאַרהיט
דעם ערשטן אויסגעשריי,
דעם רייַ'ך פון ערשטע
טריט.
איז פרעגט איר מיך:
פאַרוואָס אין רוסלאַנד
כ'בין אַזוי פאַרליבט?
אין לאַנד,
וואָס האָט געשטיקט מיך
און געדריקט?
ווײַל כ'האָב געעטעמט מיט
זײַן לופט,
פאַרווונדעט מײַנע פיס
אין היגע שאַרפע שטיינער,
באַהאַלטן דאָ אין דר'ערד
דעם טאַטנס און דער
מאַמעס ביינער.
פאַר וויטעק אײַנגעהריזעט
זיך אין איר
מיט מײַנע פינגער,
ביז לעצטן אָטעם בין איך
איר
אַ זינגער.
איז פרעגט מיך ניט,
ווי ס'פירט זיך צו דעם
שלום,
פאַרוואָס אַ ייִד ז'פאַרליבט
אין רוסלאַנד,
ווי אַ רוס?!

●

נײַע ביכער

לידער־זאַמלונג פון אוורהם גאָנטאַר

אין פאַרלאַג „קינסטלערישע ליטעראַטור" איז נאָרוואָס דערשינען אין אַ רוסישער איבערזעצונג א. גאָנטאַרס אַ נײַע לידער־זאַמלונג „די מאָס פון ליבע" מיט אַן אַרײַנפיר פון לעוו אָזעראָוו. די זאַמלונג איז איליר־סטרירט פונעם קינסטלער געאָרגי פישער. איר טיראַזש — 27 טויזנט עקזעמפּליאַרן.

„עס זײַנען פאַראַן ווערטער"

דער פאַרלאַג „סאָוועטסקי פּיסאַטעל" האָט אין אַ טיראַזש פון 20.000 עקז. אַרויסגעגעבן אין רוסיש אי. באָרוכאָוויטשעס אַ לירישע זאַמלונג אונטערן נאָמען „עס זײַנען פאַראַן ווערטער". דאָס בוך באַשטייט פון דרײַ אָפּטיילן: „ערדיש", „פּאָנעם־על־פּאָנעם מיט דיר" און „דערוואַכונג".

„ביבלישע לעגענדעס"

דער מאָסקווער פאַרלאַג „פּאָליטיזדאַט" האָט אַרויסגעגעבן אין אַ מאַסן־טיראַזש דאָס בוך פונעם פּאָפּולערן פּוילישן שרײַבער זענאָן קאָסידאָווסקי „ביבלישע לעגענדעס". דאָס איז אַ זאַמלונג לעגענדעס פונעם כומעש מיט אינהאַלטסרײַכע קאָמענטאַרן פונעם אַווטאָר.

אַ טייל פון דעם דאָזיקן בוך איז בעשײַטע געווען געדרוקט אין „סאָוועטיש היימלאַנד" אין דער איבערזעצונג פון שירע גאָרשמאַן.

לידער פון הערש דיִאַמאַנט

נאָרוואָס איז דערשינען אין רוסיש אַ בוך לידער פונעם ייִדישן סאָוועטישן דיכטער הערש דיִאַמאַנט, וועלכער איז העלדיש אומגעקומען אין די שלאַכטן פון דער פּאַטערלענדישער מילכאָמע. ביז דער מילכאָמע זײַנען אַרויס אין ייִדיש צוויי לידער־זאַמלונגען פון ה. דיִאַמאַנט: „שוואַרצערד" (1932) און „לידער" (1936).

אין דער זאַמלונג „אַן עמעסע ליד", וואָס איז איצט אַרויס אין „סאָוועטסקי פּיסאַטעל", גייען אַרײַן דעם דיכטערס בעסטע ווערק.

דער איבערזעצער פון די לידער איז ס. סאָרין, קינסטלער — וו. לעווינסאָן.

„שיר־השירים" אין רוסיש

אין פאַרלאַג „נאַוקאַ" („וויסנשאַפט") גרייט זיך צום דרוק די רוסישע איבערזעצונג פון „שיר־השירים". דער איבערזעצער איז דער באַקאַנטער סאָוועטישער סעמיטאָלאָג פּראָפעסאָר איגאָר דיאַקאָוו.

די פּאָעמע ווערט באַגלייט מיט אַ גרעסערן אַרײַנפיר פונעם איבערזעצער.

„אַ בוים איז געקומען"

אונטער אַזאַ נאָמען איז אין פאַרלאַג „קינדער־ליטעראַטור" דערשינען אין אַ מאַסן־טיראַזש אַ בוך לידער פון שיקע דריז אין דער איבערזעצונג פון יונאַ מאָריץ, הענריך סאַפּגיר אאַ. אין דעם זעלבן פאַרלאַג וועט אינגיכן דערשײַנען נאָך אַן איליר־סטרירט ביכל קינדער־לידער פון ש. דריז „איך און מײַן מאַמע".

ווען דאָקומענטן ריידן

דער מעלוכע־פאַרלאַג אין ריגע האָט אַרויסגעלאָזט אַ דרײַבענדיקע זאַמלונג פון דאָקומענטן, וווּ עס ווערט דערציילט וועגן די רעציכעס פון די היטלעריסטן איבער דער באַפעלקערונג פון ליטע, לעטלאַנד און עסטלאַנד.

אַ גרויס אָרט פאַרנעמט אין דער זאַמלונג די באַשרײַבונג וועגן די שוידערלעכע האַריגעס איבער דער ייִדישער באַפעלקערונג.

פון די דאָקומענטן איז צו זען, אַז אין אָט די לענדער האָבן די נאַציסטן אויסגעמאָרדעט, אויסער די אָרטיקע ייִדן, אויך העכער 200 טויזנט ייִדן, וועלכע מע האָט געבראַכט פון אייראָפּע.

אירמע דרוקער

שאָלעם־אַלייכעם אין אָרעס

(פונעם ציקל נאָוועלן וועגן שאָלעם־אַלייכעמען)

שאָלעם־אַלייכעמען האָט דאָס האַרץ ניט פאַרטראָגן צעטיילן דאָס לעבן אף באַזונדערע כאַלאָקים און יעדן כיילעק אוועקגעבן די ליבע, וואָס אים קומט.

שיין איז דער רעגנבויגן מיט אַלע זײַנע פאַרבן, וואָס כאַפּט אַרום דעם הימל ווי א רייף. צעברעכט איר אים, איז אויס רעגנבויגן, ווערן בלײַבן בלויז צעפּיצלטע שטיקלעך, שיראַיִם פון פאַרבן.

און דער זיידע לאָזט אַלץ ניט צורו שאָלעם־אַלייכעמען:

— יעדערער האָט זיך זײַן געזאַנג און זײַן געזאַנג איבער אַלע געזאַנגען. איז וואָס זשע פאַרט האָט איר ליב בעסער פון אַלץ אין דער וועלט?

און שאָלעם־אַלייכעמען איז שווער געווען אף דעם צו ענטפערן, ווי א קינד, ווען מע פרעגט עס, וועמען האָט עס בעסער ליב — דעם טאַטן צי די מאַמען?

אָדעס האָט שאָלעם־אַלייכעמען געגעבן א סאַך שטאָף, אַלע מעגלעכקײַטן, עס זאָלן זיך אַנטפּלעקן אַלע זײַנע ליבעס, וואָס האָבן געוירט אין אים און איבערגעפּולט זײַן האַרץ.

האָט אָדעס א מאָלדאַוואַנקע, איז עס א שמאַלץ־גרוב, שעפּ פולע עמער, פרעגל און קאָך און מאַך די בעסטע געקעכצן מיט די געשמאַקסטע פּאַטראַוועס און עס וועט סטײַען אף נאָך און נאָך, עס וועט סטײַען אף קינדס־קינדער.

— שאָלעם אַלייכעם!

— אַלייכעם שאָלעם!

און וויפל אַלייכעמשאָלעמס, אַזויפיל נײַע גוטעברידער...

און ווי נאָר א ציקאַווער פאַרשוין און ווי נאָר א סייפער, וואָס לאָזט ניט רוען, איז גלײַך צום זיידן.

— איך האָב געפּאַקט אַן אַנטיקל! אַן אַנטיק שעבעאַנטיק! אַזוינס ווי אַזעלכס, א צאַצקע.

די נײַ־פאָרגעשטעלטע פאַרשוינען האָבן בא שאָלעם־אַלייכעמען קיינמאָל ניט אַרויסגע־שטויסן די אַלטע באַקאַנטע. שטענדיק, ווען ער האָט פאָרגעשטעלט, האָט ער אײַנצײַטיק איבער־געגעבן דעם זיידן גרוסן:

— עס לאָזט אײַך גריסן דער אַלטער שוימער מיט דער לאַנגער גרויער באָרד, וואָס איז א שוימער ניט אַזוי צוליב פּאַרנאָסע, ווי צוליב דעם, ער זאָל ניט פאַרשלאָפן די נעכט, ער זאָל אוף זײַן און קאָנען לערנען. דאָס איז דער שוימער, וועגן וועלכן מע דערציילט, אַז איינמאָל, ווען גאַנאָווים זײַנען באַפאַלן די קלייט, וועלכע ער האָט געהיט, האָט ער זיך בא די גאַנאָווים געבעטן ראַכמים, זיי זאָלן אים ניט שטערן און ניט ברענגען צו ביטל־טוירע.

„איר, — האָט ער זיי געזאָגט, — האָט זיך שוין אײַערס דערשלאָגן, און איך וועל אויס־געריסן בא א בלאַט געמאָרע מיט א שטיק ראַשע, וואָס זײַנען פאַרשלאָסן אף זיבן שלעסער, פאַרשלאָסן אַזוי, אַז מיט קיין שום העק און לאָמען וועט איר זיי ניט אופרײַסן“.

— עס לאָזט אײַך גריסן דער כקירעניק, וואָס דערווײַזט, אַז א ווינט נעמט זיך פון דעם, וואָס די ביימער טרייסלען זיך.

— עס לאָזט אײַך גריסן דער ייִד, וואָס זוכט און געפינט קיינמאָל גאָרניט, און דאָך האַלט ער, אַז ווען ער געפינט א מיליאָן און דער מיליאָן וואָלט געווען ראָטשילדס, וואָלט ער אים פאַר קיין שום געלט ניט אָפּגעגעבן, איינמאָל ניין! נאָר ווען דער מיליאָן וואָלט געהערט דעם שאַמעס פונעם מאָלדאַוואַנקער קליינעם בעסמעדרעשל, וואָלט ער זיך ניט פאַרטראַכט און גלײַך אים אומגעקערט. א ראַכמאָנעס, נעבעך א ייִד א קאַפּצן.

אין אָדעס האָט שאָלעם־אַלייכעם געהאַט זײַן שנײַדער, זײַן שוסטער, זײַן זייגערמאַכער, זײַן טרעגער און טאַטשקע־שלעפּער, זײַן בילאָם, וואָס האָט געשאָלטן, זײַן נײַנמאָסריידנדיקן און זײַן

שוויַיגער, זײַן כאַכעם און זײַן נאַר, זײַן צאַדיק און זײַן ראַשע, זײַן וווּרטלזאָגער, זײַן לעץ, זײַן מעשומעד, זײַן מאַמזער, זײַן זינגער און דערציילער, ער האָט אַפילע געהאַט זײַן „גאַלע גאַר־נישט", וועמען ער האָט גערופן „דער קיינער ניט".

און ווי מיט מענטשן, אַזוי איז געווען מיט די ביכער זײַנע. ווער עס זאָל צו אים ניט אַרײַנגיין, האָט שאָלעם־אַלייכעם פריִער פון אַלץ אים אַרײַנגעפירט צו זיך אין ווײַנגאָרטן — אין זײַן ביבליִאָטעק — און זיך געהאַלטן אין איין איבערנעמען און באַרימען זיך מיט זײַנע אַנטיקלעך:

— דעם זיידנס אַ סייפער! אַ שפּאָגל־נײַער סייפער! סאַראַ לאָשן! אַ ייִדיש, וואָס צעגייט זיך אין אַלע איווורים!

— אָט איז סאַמע מיט אַ גאַנג טאָלסטאָי...

— עטוואָס נידעריקער אַ צווייטער גאָען — באַלזאַק...

— און אָט האָט איר אַ גאַנג גאָגאָל...

— און אָט איז דיקענס...

— איר פאַרשטייט, איך טייל ניט פאַנאַנדער קיין שרײַבער באַזונדער לויטן פאָלק און לויט דער שפּראַך. זיי זײַנען בא מיר אַלע פון איין מישפּאָכע, און אַלע צוזאַמען געפינען זיי זיך בא מיר אין איין אָרנקוידעש.

— און אָט איז אַ סייפער פון גאָר אַ יונגן שרײַבער, וואָס זאָגט זייער אַ סאַך צו. ער שפּיגלט אָפּ דאָס טאָגטעגלעכע לעבן און לייגט ניט אָפּ אויף שפּעטער.

— נו, און אויף אַן אַלטן ביסל ווײַן זײַט איר אַ באַלן? אַלטער ווײַן מאַכט יונג!

— אָט האָט איר אַ סייפער, וואָס איז עלטער פון אײַך מיט מיר, מיט אונדזערע טאַטעס און מאַמעס, זיידעס און עלטערזיידעס, באָבעס און עלטערבאָבעס צוזאַמען.

— שרעקט זיך ניט פאַרן וואָרט אַלט. דעריקער איז, וויפל זון, פרישקײַט, יוגנט און קראַפט זײַנען פאַרהיט אין דער אַלטקײַט.

— זײַט אַזוי גוט און זײַט זיך מעכאַבעד פון אָט דעם ווײַן.

ווען שאָלעם־אַלייכעם נעמט אַרויס די שטאָפּערס פון זײַנע פולע פעסער מיט ווײַן, גייט דער קאָפּ כאַדאָראָם און עס גייען ניט אָן קיין שום איניאָנים.

און קומט מען אָן אויסגעניכטערטער אויף מאָרגן וועגן דעם איניען, מיט וועלכן מע איז געווען נעכטן, פאַרשיכּערט שאָלעם־אַלייכעם ווידער מיט די ווײַנען פון די זעלבע פעסער, נאָר זיי האָבן שוין גאָר אַן אַנדער טאַם, אַן אַנדער רייעך, אַן אַנדער זאַפט און אַן אַנדער קראַפט.

אויף דער מאָלדאַוואַנקע איז שאָלעם־אַלייכעם געוואָרן אַן אייגענער מענטש.

די מאָלדאַוואַנקער גאַסן האָבן געהאַט בא שאָלעם־אַלייכעמען טעג — יעדער גאַס האָט ער געשענקט אַ באַזונדער טאָג פון דער וואָך, כוץ שאַבאָסים און יאָמטויוויִם. אין די יאָמטעוו־טעג האָט שאָלעם־אַלייכעם באַזונדערס ליב געהאַט זײַן צוזאַמען מיט די, וועמען עס קומט אָן שווער מאַכן שאַבעס און נאָך שווערער אַרײַנפירן דעם יאָמטעוו צו זיך אין דער וואָכעדיקער שטוב.

שאָלעם־אַלייכעמס פעליעטאָנען און לירישע סקיצן אין דער אָדעסער רוסישער פּרעסע „אָדעסקי ליסטאָק" און „אָדעסקיִע נאָוואָסטי" האָבן געגעבן דאָס פולע רעכט די פּערעסיפּער אײַנוווינער צו טײַנען און דערווײַזן, אַז שאָלעם־אַלייכעם איז ניט נאָר אַ מאָלדאַוואַנקער, נאָר אויך אַ פּערעסיפּער.

— ווי ער נעמט זיך עס אָן אונדזער קריוודע!

— ווי ער נעמט זיך עס אָן פאַרן אָפּגעריסענעם און אָפּגעשליסענעם ייִנגעלע מיטן קלומעק אָנשטאָט אַ רענצל!

...דאָס אָרעמע ייִנגעלע האָט פאַרשפּעטיקט צו די לימודים, דער לערער סטראַשעט, אַז ער וועט אים אויסשליסן פון שול. און דאָס ייִנגעלע פאַרענטפערט זיך:

— ווי נאָר עס נעמט שאַרײַען אויף טאָג, גיי איך צוזאַמען מיט מײַן פאָטער דעם שוואַרצאַר־בעטער צום האַפן.

— וואָס האָט צו טאָן אַ שילער אין האַפן? — האָט דער לערער ניט געקאָנט פאַרשטיין.

— מײַן פאָטער איז אַ טויבשטומער. ניט אַלע פאַרשטייען, וואָס ער רעדט... רייד איך זיך צונויף, און ער אַרבעט.

די פּערעסיפּער האָבן זיך געקילט דאָס האַרץ מיט דעם, וויִאַזוי שאָלעם־אַלייכעם האָט זיך צערעכנט מיט די דעריבאַסאָווסקער ליידיקגייער.

...אויסגעפּוצטע טראָגן זיך גאַדלעסדיק די ליידיקגייער אין יאַם פון קאָלירן און מיינען, אַז די גאַנצע וועלט איז זייערע.

און ווען עס שלאָגט זיך דורך אַ וועג מיט די עלנבויגנס אַן אָרעם געקליידטער יונגער־מאַן, קערט מען אָפּ פון אים ווי פון אַן אָנשטעקנדיקן די קעפּ און מע שרײַט אים נאָך פון אַלע זײַטן:

— נאכאַל!

— נאכאַל!

— אַט א פרעכער יונג!

און קיינעם איז גאַר ניט איינגעפאַלן א קוק טאָן אין דעם ווײַט ניט פרעכן פּאָנעם פון דעם „פרעכן יונג", וואָס איז פול מיט צערודערטקייט און צאַר.

און קיינער האָט ניט א טראַכט געטאָן, אז אָט דער אָרעם געקליידטער האָט אָפּגעהאָרעוועט א גאַנצן טאָג פון באַגינען אָן און אײַלט ברענגען א גראָשן אויף קויפן א שטיקל ברויט פאַר די אָרעמע קינדער, א רעפּוּע פאַר דער קראַנקער פרוי.

דער שטרײַט, וועמען געהערט שלום־עליכעם — די מאָלדאַוואַנקער צי די פּערעסיפּער — איז גיך געלייזט געוואָרן, ער איז אַלעמענס! ער געהערט צו אַלעמען!

ניט איינעם פון די אָדעסער שרײַבער האָט פאַרדראָסן דאָס, וואָס דער זיידע טיילט אויס שלום־עליכעמען צווישן אַלע זײַנע אייניקלעך, ווי יאַנקעוו אָווינו האָט אַמאָל געהאַט אויסגעטיילט יוסעפן צווישן אַלע זײַנע זין.

באַם זיידן איז א רענדל א קאָמפּלימענט. ער האָט פײַנט געהאַט האַקדאָמעס, ער האָט פײַנט געהאַט פאַרשטעלן: וואָס טויג א גרויסע שילד, אז די סכוירע איז קיין סכוירע ניט.

דאָס אַלץ האָט אָבער קיין שײַכעס ניט געהאַט צו זײַן ליבסטן אייניקל — צו שלום־עליכעמען. וועגן אים האָט ער געקאָנט רעדן א גאַנצע נאַכט.

שלום־עליכעמען האָט מענדעלע ליב געהאַט פאַרשטעלן מיט אן ארײַנפיר און אים ארויספירן מיט א שלוסוואָרט.

— ...אַט, דוכט זיך, גאַרניט לאַנג האָב איך אים געמוסערט, ער זאָל זיך ניט האַלטן באַם זיידנס פּאָלע. אַט גאַרניט לאַנג האָב איך אים געלערנט: „אליין, אליין, ייִנגעלע, אליין מיט די אייגענע פיסעלעך האָפּ־האָפּ, מיט די אייגענע פיסעלעך טאָפּ־טאָפּ... א שרײַבער איז ניט קיין איידעם אויף קעסט! א געראָטן אייניקל דאַרף זיך אליין אויסטרעטן א וועג". און קוקט אָן, ווי ער האָט עס, קיין אײַנהאָרע, א שפּאַן געטאָן, ווי ווײַט ער איז אַוועק!

אויף איינעם א ליטעראַרישן אָוונט האָט מען געפּרעגט באַ שלום־עליכעמען, האַלעמײַ ער באַשרײַבט ניט דעם שוואַרצן יאַם. האָט ער אויף דערויף געענטפערט, אז פריִער פון אַלץ איז ער באַרופן צו באַשרײַבן דעם יאַם פון מענטשלעכע צאָרעס — דעם גרעסטן יאַם צווישן אַלע יאַמען... וואָס קאָן ער טאָן, אז אַלע די, וואָס ווערן פאַרשוואַרצט, פאַרשטעלן אים דעם וועג צום שוואַרצן יאַם...

דעם זיידן איז שטאַרק געפעלן געוואָרן דעם אייניקלס ענטפער, און ער האָט גלײַך אויפן אָרט געשאַפן אויף אים א פּיירעש.

יאָ, אַזוי קאָן ענטפערן נאָר אַזאַ, וואָס שרײַבט ניט באַ פאַרמאַכטע פענצטער, באַ פאַרמאַכטע טירן און מיט א פאַרמאַכט האַרץ.

אַזוי קאָן נאָר ענטפערן א שרײַבער, וואָס קומט פון פאָלק און שאַפט פאַרן פאָלק.

וואָס מער דער זיידע האָט געליבט שלום־עליכעמען, אַלץ מער איז ער אָנגעפאַלן אויף די שרײַבער, וואָס פאַרוועגן היסבוידעדעס, אַנטלויפן פון לעבן, פאַרמאַכן די אויגן און ווילן ניט זען דיווירקלעכקײַט.

לעבן בלויז צוליב זיך אליין — הייסט ניט געלעבט! שאַפן בלויז צוליב זיך אליין, שאַפן בלויז צוליב שאַפן — הייסט ניט געשאַפן!

דאָס איז גײַוועו און פּאַכדאָנעס, וואָס קאָנען ברענגען צו דער העכסטער אַכזאָריעס.

מיט טויזנטער יאָר צוריק האָבן עס אונדזערע כאַכאָמים פאַרשטאַנען און האָבן אָנגעזאָגט: ווער עס וויל די עמעסע כאָכמע פון לעבן יאַרשענען, זאָל ער גיין הערן, וואָס עס רעדט דאָס פאָלק.

א ליכט קאָן אָנצינדן הונדערטער טויזנטער ליכט, אז הונדערטער און טויזנטער זאָל ליכטיק זײַן, און א ליכט אליין צאַנקט מיט איר פלעמל אין דער פינצטער, גלײַך ווי גאַרניט געוועזן אויף דער וועלט.

דער זיידע ברענגט איין בײַשפּיל נאָכן צווייטן און דערקלײַבט זיך ביז צום ווילנער גאָען.

אַט איז אין ווילנע א גאָען געווען. נאָר ווער האָט געוואָסן פון זײַן געוינעס? זײַן געוינעס איז דערשטיקט געוואָרן אין דעם ענגן פינצטערן טפיסע־צימערל, פון וועלכן ער האָט בעשום־אויפן ניט געוואָלט ארויס.

מע דערציילט, אז דער דובנער מאַגיד רעב יאַנקעוו קראַנץ, וואָס האָט זיך פאַרהאַלטן מיטן ווילנער גאָען ווי הערשעלע אָסטראָפּאָליער מיטן רעבן רעב באָרעכל, האָט איינמאָל שטאַרק גע־מוסערט דעם ווילנער גאָען:

— וואָס לערנט איר עפּעס טוירע בא פאַרמאַכטע לאָדן?

דער ווילנער גאָון האָט טיף א זיפץ געטאָן און געזאָגט:

— די לאָדן זײַנען טאַקע פאַרמאַכט, אָבער די טוירע איז אָפן.

— ניין, — איז דער דובנער מאַגיד ניט מאַסקים געווען, — ווען די לאָדן זײַנען פאַרמאַכט, איז דאָס האַרץ פאַרמאַכט, און ווען דאָס האַרץ איז פאַרמאַכט, איז די טוירע פאַרמאַכט, און א טוירע, וואָס איז פאַרמאַכט און פאַרשלאָסן, איז א פּאַסלע טוירע, א טוירע, וועלכע קיינער באַדאַרף ניט האָבן. זאָגט מיר, איך בעט אײַך, וואָס פאַר א קונץ איז צו זײַן א גאָון, א צאַדיק, ווען מע איז אָפּגעשיידט פון לעבן, ווען מע איז ווײַט פון דער יאַטקע־גאַס, ווײַט פונעם מאַרק, ווײַט פונעם דאַלעס און פון דער נויט. פּרוווט זיך אַראָפּלאָזן אין עמק הבכאי[1] — אינעם טאָל פון געוויין, אינעם טאָל, ווו מע קריצט מיט די ציין, און אויב איר וועט דאַן בלײַבן א גאָון, און אויב איר וועט דאַן בלײַבן א צאַדיק, וועט איר זײַן דער עמעסער גאָון, דער עמעסער צאַדיק.

— איר הערט, — שמייכלט דער זיידע, — דוכט זיך, א מאַגיד, און ער רעדט ריכטיקער און קליגער פון די געשווירענע מאַיעסטעטישע עסטעטישע קריטיקער.

גאַנץ אָדעס איז געגאַנגען כאָדאָראָם, ווען מ׳האָט זיך דערוווסט וועגן דעם, אַז אָלגע, שאָלעם־אַלייכעמס פרוי, האָט אַראָפּגענומען פון זיך איר צירונג און דאָס פאַרקויפט צוליב דעם, אַז דער מאַן אירער זאָל קאָנען אַרויסגעבן זײַן פאַרטראַכטע זאַמלונג „קאָל מעוואַסער“.

דער זיידע האָט גערעדט וועגן דעם אין דער היים, צווישן שרײַבער, אין עפנטלעכע אַרויס־טרעטונגען. ער האָט גערעדט וועגן דעם מיט אַזאַ באַוווּנדערונג, ווי גלייביקע ריידן וועגן לאַ־מעדוואָוניקעס, וועגן קאַבאַלע־לײַט, וואָס קאָנען אַלץ אין דער וועלט, אַפילע שלאָגן וואַסער פון א שטיין און צאַפּן ווײַן פון דער וואַנט.

— אָט דאָס הייסט געשריבן לישמאַ, — האָט דער זיידע אַלץ ניט געקאָנט קומען צו־זיך, — אָט דאָס הייסט געשריבן פאַר דער ליטעראַטור, פאַרן פאָלק.

ס׳איז א סאַך מער ווי על מנת שלא לקבל פּרס[2] — שרײַבן אומזיסט, ניט באַקומען קיין קאָ־פּעקע באַצאָלט. דאָס הייסט נאָך צוגעצאָלט, און נאָך וויאַזוי צוגעצאָלט! פאַראַן שרײַבער, וואָס זײַנען ווי די האָלצהעקער: אָפּגעהאַקט, אָפּגעגאַנגען מיט שוויס, איז גלײַך אָפּן אָרט געפּאָ־דערט — באַצאָלט.

פאַראַן שרײַבער, וואָס זייער איינציק שטיקל רועך־האַקוידעש איז דער רייעך פונעם האָנאָ־ראַר, זיי שרײַבן אַל קידעש האַקאָפּעקע, און ער, מײַן ליב אייניקל, שרײַבט אַל קידעש האַליטע־ראַטור! דאָס איז א הויכע מאַדרייגע, וואָס ניט יעדער שרײַבער קאָן זוכע זײַן צו דעם.

קאָל מעוואַסער, קאָל מעוואַסער — א קאָל, וואָס זאָגט אָן!..

וואָס זשע זאָגט ער אָן? וואָס וועט ער אָנזאָגן?

און אָט אין איינעם אַן אָפּדערנאַכט איז שאָלעם־אַלייכעם געקומען צום זיידן פאַרלייענען פאַר אים מענאַכעם־מענדלס בריוו פון אָדעס צו זײַן פרוי שיינע־שיינדל אין קאַסרילעווקע, די בריוו, וועלכע ער האָט בעדייע געהאַט צו דרוקן אין זײַן „קאָל מעוואַסער“.

לייענען דעם סאַמע ערשטן, אים, דעם פּוסק אחרון[3] — דעם לעצטן און אַנטשיידנעם פּאָס־קענער, דעם ריכטער פון העכסטן געריכט — איז געווען א גרויסע אײַנשטעלעניש. נאָר פאַר־פאַלן. דער זיידע האָט שוין אָנגעשטעלט זײַנע אויערן...

שאָלעם־אַלייכעם לייענט די ערשטע שורעס וועגן דער גאָלדענער שטאָט אָדעס, וועגן די גאָלדענע מענטשן און גאָלדענע געשעפטן, וואָס מ׳קאָן דאָ מאַכן:

„...שטעל דיר פאָר, איך גיי מיר אַרויס מיטן שטעקל אין גרעצק אַרײַן, אַזוי הייסט דאָ אין אָדעס די גאַס, ווו יידן האַנדלען, האָב איך צוואַנציק טויזנט געשעפטלעך: וויל איך ווייץ — איז ווייץ, קלײַען — איז קלײַען, וואָל — איז וואָל, מעל, זאַלץ, פעדערן, ראָזשינקעס, זעק, הערינג — האַקלאָל, וואָס א מויל קאָן אויסרעדן, געפינסטו דאָ אין דעם אָדעס“.

און מענדעלע, וואָס איז בעטעווע געצוימט און שטאַרק אײַנגעהאַלטן, שרײַט אויס:

— איך זע אים, דעם פאַרשוין, פון די ערשטע שורעס, איך זע אים גלײַך לויטן ערשטן וווּנק. ס׳איז שוין יענער סויכער! פון ווייץ גייט ער גלײַך איבער צו קלײַען, פון וואָל צו זאַלץ... ער וועט שוין מאַכן יענע געשעפטן... לייענט! לייענט ווײַטער!

שאָלעם־אַלייכעמס שטים ווערט זיכערער און זיכערער, און דעם זיידנס הילכיקן געלעכטער ווערט ענג אינעם גרויסן, געראַמען צימער...

---

[1] איימעק האַבאָכאָ.

[2] אַל מענאָס שעלוי לעקאַבייל פּראָס.

[3] פּויסעק אכרוין.

אזוי גוט זיך אָנגעהויבן און אזוי שלעכט זיך געענדיקט. די גאָלדענע אָדעס הייבט שוין אָן אויסזען אין מענאכעם־מענדלס אויגן ווי א סדאָם־שטאָט — דער מענטש האָט דאָ קיין שום ווערט ניט, מע קאָן דאָ שטארבן אינמיטן גאס און קיינער וועט זיך ניט ארומקוקן.

אויס גאָלדענע שטאָט! אויס גאָלדענע מענטשן! אויס גאָלדענע געשעפטן!.. און דער זיידע הערט ניט אוף שרײַען באגײַסטערט:

— גאָלד! גאָלד! א גאָלדן ווערק. אָט איצט איז מיר קלאָר, פארוואָס אײַער זשורנאל וועט הייסן „קאָל מעוואסער“: ס׳איז א פריידיקע בסורע אָנזאָגן דער וועלט, אז עס ווערט געבוירן אזא געשטאלט, ווי מענאכעם־מענדל...

אין עטלעכע טעג ארום האָט דער זיידע אַף אָן אָוונט אָפּגעגעבן די לייענער מאזלטאָוו!

נישקאָשע, די אָדעסער מעגן זיך איבערנעמען, וואָס אין זייער שטאָט האָט שאָלעם־אליכעם פארטראכט און געגומען שאפן זײַן נײַ געשטאלט — מענאכעם־מענדל, וואָס אין זייער שטאָט האָט זײַן געלעכטער זיך אזוי פאנאנדערגעוואקסן.

— אָט הערט, — האָט דער זיידע גענומען ציטירן איין אָרט, א צווייטס, א דריטס, און באם פערטן אָרט האָט זיך דער זיידע צעשמייכלט און געזאָגט: — זײַט וויסן, מײַנע ליבע פרײַנט, אז איך בין א נאשער. פאק איך עפּעס א קעצאפיכיסל, א געשמאקע זאך, קאָן איך זיך ניט אײַנהאלטן און מוז עס גלײַך אײַנשלינגען. איז אָנשטאָט שטיקלעך און ברעקלעך וועל איך אײַך בעסער איבערלייענען פון אָנהייב ביזן סאָף, וועט איר האנאָע האָבן און איך וועל האנאָע האָבן.

די ליטעראַרישע אָוונטן אין אָדעס פלעגן פאָרקומען אלץ אָפטער און וואָס אמאָל, איז דער אוילעם געוואָרן אלץ גרעסער. ניט איין מאָל האָט געטראָפן, אז הונדערטער מענטשן זײַנען געבליבן אין דרויסן און ניט געקאָנט ארײַן אינווייניק.

מענדעלע האָט שטענדיק אָנגעהויבן, און שאָלעם־אליכעם האָט פארענדיקט. דער זיידע האָט גראָד געוואָלט, אז דער צווייטער נאָך אים זאָל ארויסטרעטן זײַן באליבט איינִיקל. האָבן די איבעריקע שרײַבער זיך אָבער קעגנגעשטעלט — איינמאָל ניין! נאָך שאָלעם־אליכעמען איז נאָך אלעמען... מ׳קאָן בלײַבן בא א ליידיקן זאל.

דער לעצטער, ווי דער ערשטער, דער פארענדיקער, ווי דער אָנהייבער, האָט ליב געהאט פארן פאָרלייענען פארפירן מיטן אוילעם א געמיטלעכן שמועס.

שאָלעם־אליכעם דערציילט וועגן די פאסירונגען פון טאָג, וואָס זײַנען זיך פארלאָפן אין אָדעס. ער דערציילט, דוכט זיך, וועגן דעם, וואָס אלע וייסן, און פון זײַן מויל גייט עס ארויס שפּאָגל־נײַ, ווי מע זאָל דאָס הערן צום ערשטן מאָל. די כראָניק — דאָס איז פאר שאָלעם־אלייכעמען די ליידיקע קיילע, וועלכע ער פילט אָן מיט קאָלטווו, מיט די אלע געדאנקען און געפילן, וואָס לאָזן אים ניט צורו.

שאָלעם־אליכעם רעדט אָן מעשאָלים, אָן אלעגאָריעס, ניט פארשטעלט, רופט אָן באם נאָמען יעדן פארשוין, מעג עס זײַן איינער פון די רעדלפירער, מעג ער זײַן נאָענט מיט נאטשאלסטווע, אפילע מיטן גובערנאטאָר אליין.

יאמויד! יאמויד! — ווײַזט זיך דער ערשטער שמייכל אַף שאָלעם־אליכעמס ליפּן, און דער זאל פלאצט פון געלעכטער.

יאמויד דער אָדעסער גוויר מיט דער איידעלער נעשאָמע און וויך הארץ, וועגן וועמעס לײַטישקײַט מע שרײַבט אין די גאזעטן.

...ס׳איז געווען ווינטער. ס׳איז געווען א גרויסער פראָסט, א פראָסט פון יענע פרעסט, וואָס טרעפן אין אָדעס איין מאָל אין צען יאָר. דער יאם האָט געראָישט און געבושעוועט, און דער ווינט האָט צעוואָרפן אין אלע זײַטן צענדליקער טויזנטער אָנגעשארפטע מעסערס, זיי זאָלן שנײַדן ווו א פּאָנעם, ווו אן אייוער.

קלאפט אָן אן אָרעמאן צום גוויר:

— האָט ראכמאָנעס! עפנט! לאָזט מיך ארײַן! איך ווער פארפרוירן, איך קום אום!

שרײַט דער גוויר צו אלע זײַנע שטוביקע און צו אלע זײַנע דינער:

— גאָט באהיט! עפנט ניט! אז איר וועט עפענען און דער אָרעמאן וועט ארײַנגיין און ער וועט זיך דערווארעמען און שטילן זײַן הונגער און דאָרשט, וועל איך דאָך אופהערן ראכמאָנעס האָבן. און וואָס פאר א פּאָנעם וועל איך האָבן אָן ראכמאָנעס?! עפּעס בין איך דאָך א ייִד, און ייִדן זײַנען דאָך ראכמאָנים בניי ראכמאָנים!..

א צווייטער יאמויד. שאָלעם־אליכעם רעדט וועגן די אָרעמע דאמעס — די פּאטראָנעסעס, וועגן די קאָהאָלשע קאָכלעפל און באלעטויוועניצעס, וואָס צעפּויקן איבער גאנץ אָדעס יעדן קילאָ, וואָס דער אָדער יענער יאָסעם האָט אָנגענומען פאר די זומער־כאדאָשים אדאנק זייער מוטער־לעכער זאָרג.

יעדע איינע פון די פּאַטראָנעסעס האַלט זיך פאַר אַ יעפּאַס־טויאַר — און שאָלעם־אַליכעם רופט צוהילף ראַשע, אַז ער, ראַשע, זאָל אים העלפן ריכטיק פּאָרטרעטירן דעם פּיירעש האַמילעס:

— יעפּאַס טויאַר — מאַכט ראַשע: אַ נאָז ווי אַ פּאַס, אַ מויל ווי אַ טויער.

דער זאָל הילכט.

זיך צערעכנט מיט די נעגידים, דערפילט זיך שאָלעם־אַליכעם נאָך היימישער צווישן דעם זיידנס לייט, צווישן די קאָלערליי קאַפּצאָנים, עוווינים, דאַלפּאָנים און גלאַט אָרעמעלייט.

— שלעכט געפּאָרן איז נאָך אַלץ בעסער ווי גוט געגאַנגען, — רעדט שאָלעם־אַליכעם וועגן די אָדעסער קאַפּצאָנים. — וואָס זשע טוט מען אָבער, אַז מע האָט ניט קיין סוס? גייט מען צופוס. מע גייט און מע גייט, מע גייט אַזוי לאַנג, ביז מע פאַלט און מע שטייט ניט אויף. איז דאָך ביטער. אוואַדע ביטער. דעם אָרעמאַן איז נעבעך ביטער פון אַלע זייטן. האָט אים גאָט צוגעשיקט אַ מאַקע, פּעלט אים אַ ציבעלע צו איר צוצולייגן. האָט אים גאָט געהאָלפן, אַז ער האָט שוין אַ ציבעלע, גראָד דעמלט פאַרשווינדט די מאַקע, נישטאָ, ווי אין דער ערד אַריין.

איבערן זאָל טראָגט זיך אַ הילכיקער געלעכטער. עס קייקלען זיך טרערן פון די אויגן, און ס׳איז שווער צו זאָגן, פונוואַנען זיי קומען, די טרערן, פונעם געלעכטער צי פון דער ביטערער ציבעלע, וואָס גאָט האָט צוגעשיקט דעם אָרעמאַן.

שאָלעם־אַליכעם באַרויקט דעם עוילעם און בעט זיך איבעריקס ניט זאָרגן פאַרן אָרעמאַן, וואָס איז געבליבן אָן דער מאַקע.

— וואָס, וואָס, נאָר קיין מאַקעס וועלן מיר ניט זשעדנע זיין, מיר האָבן אַ גרויסן גאָט, און גאָט איז אַ פּאָטער, שיקט ער גיט צו קיין מאַקע, שיקט ער צו אַ בלאָטער.

דער עוילעם זיצט מיט אָפענע מיילער, און שאָלעם־אַליכעם איז זיי מעכאַבעד מיט די ערשטע שמייכלען פון זיינע ערשטע ווערק.

דער אָוונט איז געענדיקט. די מאַלדאַוואַנקער זיינען מעכאַבעד איינער דעם צווייטן מיט די נעמען פון שאָלעם־אַליכעמס העלדן:

— גייען מיר אַהיים, רעב פּייוועלע קנאַק!

— אוואַדע, וואָס קאָן נאָך זיין פאַר אַ גרעסערער קאָוועד און פאַר אַ גרעסער פאַרגעניגן, ווי גיין צוזאַמען מיט רעב יויסעף אינדיק.

— שטילער, שרייט ניט, טומלט ניט אַזוי, רעב פּייטל גלאָק.

— און איר רעדט ניט אַזוי הענדעם־פּענדעם, יאָגט ניט, איילט ניט און כאַפּט ניט אַזוי, רעב וועלוועלע זאַיקע.

אין אָדעס האָט מען שוין געוווסט: איילט שאָלעם־אַליכעם, איילט ער עס צום זיידן, און גייט ער פאַמעלעך, טראָט באַ טראָט, איז אַ סימען, אַז ער גייט שוין פונעם זיידן. וועגן שאָלעם־אַליכעמס גיין פון דעם זיידן, וועגן זיינע פאַמעלעכע טריט זיינען אין אָדעס געשאַפן געוואָרן פאַרשיידענע פּשאָטים און פּשעטלעך.

אייניקע האָבן געהאַלטן, אַז שאָלעם־אַליכעם איז דאַן געגליכן צו אַ געליבטן, וואָס האָט זיך אָקאָרשט צעשיידט מיט זיין געליבטער און ער שטעלט זיך גאָר ניט פאָר, ווו וועט ער נעמען קויכעס און ווו וועט אים סטייען גוורע אַזוי לאַנג וואַרטן, דערציִען ביז צו יענער שאָ, ווען ער וועט זיך ווידער קאָנען באַגעגענען מיט איר, מיט זיין געליבטער.

און אַנדערע האָבן געדרונגען, אַז אַליין, אָן דעם זיידן, בלייבט שאָלעם־אַליכעם קיינמאָל ניט, אַפילע אַף קיין איין רעגע ניט. ווען ער גייט אַזוי פאַמעלעך, כאַזערט ער איבער דעם זיידנס געדאַנקען, טייטשט אויס יעדעס וואָרט, יעדן קנייטש, יעדן ווונק, יעדן ביס און יעדן שמייכל זיינעם.

— אָדעס איז אַ נעס, — פלעגט זאָגן שאָלעם־אַליכעם, — אַ נעס מיט ניסים! מיט קיין טייכל באַנוגנט זיך עס ניט, אַ טייך איז אויך ווייניק פאַר דעם, און עס פאַרגינט זיך צו האָבן אַ יאַם, דעם שוואַרצן יאַם. עס רעדט זיך אַזוי, ער איז גאָר ניט קיין שוואַרצער, דער יאַם, נאָר אַ שוואַרצ־ביינעוודיקער, ניין, מער ווי אַ שוואַרצביינעוודיקער, אַ יאַם מיט אַלע ביינען... ס׳איז אַ טינטערל, ווי דער זיידע זאָגט, ניט מיטן אויג צו כאַפּן, אַ טינטערל מיט אַלערליי קוילעס, מיט אַלערליי שוויַיגענישן און שטילקייטן, מיט אַלע טינטן, מיט אַלע פאַרבן און קאָלירן.

פאַרטאָג און בייַנהאַשמאָשעס־צייט, ווען די זון טויוולט זיך אין יאַם, טויוולט זי זיך אין דורכויסיקן גינגאָלד, און באַנאַכט, ווען די לעוואָנע העפט אירע זילבערנע שטעגן פאַר די פאַר־ליבטע, איז דער יאַם אַ זילבערנער יאַם...

הייַנט די אָדעסער סטעפּעס! סאַראַ ראַכוועס! דאָס איז דאָך אַ יאַם פון יאַבאָשע! הייַנט האָט אָדעס אַ זיידן, איז עס אַ ריז! איז עס אַ דריטער יאַם — דער יאַם פון דער ייִדישער ליטעראַטור.

א פרימאָרגן ניט ווי אַלע פרימאָרגנס

קליין און גרויס האָבן דערוואַרט פון שאָלעם־אַלייכעמען, ער זאָל דערציילן וועגן זיך, וועגן זײַן אייגענעם לעבן.

— אַף יענעם באַשרײַבן זײַט איר אַ בעריע איינער אין דער וועלט, — זײַנען צו שאָלעם־אַלייכעמען געגאַנגען בריוו פון אַלע זײַטן, — איז אַדעראַבע, לאָמיר זען, ווי וועט איר זיך אַליין באַשרײַבן.

מענדעלע מויכער־ספאָרים איז געווען איינער פון די ערשטע, וואָס האָבן אונטערגעהאַלטן דעם לייענער.

— יאָ, איר זײַט גערעכט, דאָס גערויטענע איינִיקל מײַנס אַלס געשטאַלט קאָן איבערפּיצקען אַ סאַך פון זײַנע באַרימט געוואָרענע געשטאַלטן. דאָס, וואָס ער האָט געזען פאַר אַ טאָג, האָט עס קיין אַנדערער ניט געזען פאַר אַ יאָר. אַוודע, — איז זיכער געווען דער זיידע, — ווען שאָלעם־אַלייכעם וועט דערציילן וועגן זיך, וועט ער איינציַיטיק דערציילן וועגן אַלע שרײַבער, מיט וועמען ער האָט זיך באַגעגנט אַף זײַן לעבנס־וועג, מיט וועמען ער איז געווען נאָענט און פון וועמען ער איז געלאָפן ווו דער שוואַרצער פעפער וואַקסט, באַ וועמען ער האָט זיך געלערנט, וויאַזוי מע דאַרף יאָ שרײַבן, און באַ וועמען — וויאַזוי מע דאַרף ניט שרײַבן. נישקאָשע, וועגן שרײַבער לאָזט זיך שרײַבן. מע קאָן וועגן יעדן איינעם פון זיי דערציילן און דערציילן. פאַרגעסט ניט, אַז דאָס לעבן פון אַ שרײַבער איז ניט איין לעבן, נאָר אַ לעבן, אויסגעמישט און אויסגע־קנאָטן מיט אַ סאַך אַנדערע לעבנס.

און וויבאַלד דער זיידע האָט זיך געשטעלט אַף זייער צאַד, אַפן צאַד פון די לייענער, האָבן זיי אים צורו ניט געלאָזט, אַז ער זאָל זיך אָנזעצן אַף שאָלעם־אַלייכעמען און גויזער זײַן אַף אים ביגזיירעס זיידע, אַז ער, דער בעריע יענעם צו באַשרײַבן, זאָל זיך אַליין באַשרײַבן פון קאָפּ ביז די פיס, דערציילן זײַן לעבנס־געשיכטע פון וויגעלע ביז צום הײַנטיקן טאָג, אַנטפּלעקן דעם סאָד, ווען און וויאַזוי איז ער אַ שרײַבער געוואָרן, ווען און וויאַזוי איז אַף אים אָנגעפאַלן דאָס געלעכ־טער, וואָס הערט ניט אויף און שטעלט זיך ניט אָפּ.

דער זיידע האָט פאַרנומען דאָס געבעט פון די לייענער און צווישן זײַנע פאַרשיידענע „אָמאַרס" איז צוגעקומען אַ נײַער „אָמאַר מענדעלע" מיט אַ „ניט דאָס בין איך אויסן", מיט אַ קניפּ אין בעקל און מיט אַ רוגזע, אַז אַ זיידן באַדאַרף מען פאָלגן, אַז פאַר אַ זיידן באַדאַרף מען דערעכערעץ האָבן!

ער האָט געגעבן אָנצוהערן זײַן פאַרשײַט איינִיקל, אַז אַ שרײַבער, אויסער דעם, וואָס ער איז אַ שרײַבער, איז ער נאָך אַ באַסאַר־וועדאָם, אַ מענטש ווי אַלע מענטשן, און וואָס איז אַ מענטש, הײַנט איז ער דאָ און מאָרגן גיי זוך אים. ע, ווען דער שרײַבער וואָלט געלעבט אַזוי לאַנג, ווי עס לעבט אַ שאַבעסדיקע קאַפּאָטע, וואָלט מען אַוודע זיך ניט באַדאַרפט כאַפּן, נאָר גיי טו, מאַך, אַז אַרבעט איז דאָ אַזויפיל, און דער טאָג איז אַזוי קורץ און מעהיטײַמע טאָר טאַקע דער שרײַבער קיין אויג ניט צומאַכן, אַף קיינעם זיך ניט פאַרלאָזן! אַליין, אַליין דאַרף מען אָפּגיין מיטן זיבעטן שוויס, אַליין אַפילע שרײַבן וועגן זיך אַליין...

עס שטייט טאַקע געשריבן: יהללך זר ולא פיך[1] — זאָל דיך לויבן אַ פרעמדער און ניט דײַן אייגן מויל. נאָר ווען זשע איז דאָס גערעדט געוואָרן? ווען דער פרעמדער איז אַן ערלעכער ביִאָגראַף, אַן ערלעכער קריטיקער און ליטעראַטור־פאָרשער און ניט איינער פון יענע שאַמאָסים און כעוורע־קאַדישע־לײַט, וועמען עס גייט ווייניקער פון אַלץ אָן דער שרײַבער אַזאַ ווי ער איז, אַזאַ ווי ער איז געווען. פאַר זיי איז וויכטיק, ער זאָל זײַן אַזאַ, ווי זיי ווילן, ער זאָל אַנטשפּרעכן זייער שיטע, זייער שולכאָנאָרעכל. עס וועט זיך באַקומען אַ שאָלעם־אַלייכעם אַהער, אַ שאָלעם־אַלייכעם אַהין, אַ שאָלעם־אַלייכעם פון יאַקעקע און אַ שאָלעם־אַלייכעם פון יאַבעבע, איינער ניט ענלעך אַפן צווייטן, ווער ווו וואָס, אויס שאָלעם־אַלייכעם...

דערמאָנט זיך דער זיידע וועגן דעם, ברומען אין אים די געדערים און ער שרײַט מיט אַלע קויכעס:

— פאָלגט דעם זיידן! ווער נאָך קען אײַך אַזוי, ווי איר אַליין קענט זיך. שרײַבט אָן וועגן זיך, וועט עס האָבן אַ פּאָנעם!

---

[1] יעהאַלעלכאַ זאַר וועלוי פיכאַ.

און שאָלעם־אַלייכעם בעט זיך ראַכמים:

— זיידעניו טײַערער! צוליב וואָס אויטאָביאָגראַפיעס, אַז איך בין צעזייט און צעשפּרייט אין אַלע מײַנע ווערק און ווער מעגולגל אין אַלע מײַנע געשטאַלטן פון קליין ביז גרויס.

צוליב וואָס סאַכאַקלען, אַז ס'זײַנען נאָך דאָ אַזױפיל אָנהייבן, אַז עס שרײַבט זיך ליגנדיק און גייענדיק, זיצנדיק און שטייענדיק, אין אַלע צײַטן פון יאָר און אין אַלע שאָען פון טאָג, אַפילע באַנאַכט.

מאַך איך נאָר צו די אויגן, הייבן זיך מיר אָן כאַלעמען כאַלוימעס, אַ כאַלעם נאָך אַ כאַלעם, און יעדער כאַלעם מיט זײַן געשאַנק, אַז איך זאָל אַף דער וואָר, כאַס־וועכאַלילע, אַף קיין רעגע ניט בלײַבן אָן אַ שטאָך אַרבעט.

עס כאַלעמען זיך מיר שפּאָגל־נײַע פּאַרשוינען, שפּאָגל־נײַע טעמעס, אַ פּלאָנטער פון סוזשעטן און סוזשעטלעך, דער קאָפּ גייט אויש כאַדאָראָם און ווערט שיר ניט צעפּלאַצט. מאָנאָלאָגן, דיאַלאָגן, ווערטער און ווערטלעך, אָפּטמאָל אַזעלכע, אַז איך קאָן אין שלאָף זיך ניט אײַנהאַלטן און שיס אַרויס מיט אַ הילכיקן געלעכטער און מײַן אַלגע כאַפּט זיך אוף ניט טויט און ניט לעבעדיק און נעמט מיך וועקן.

זיידעניו, ס'איז נאָך פרי, פאַר אַן אייניקל איז נאָך פרי צו דערציילן, וואָס ס'איז מיט אים געוווען, וואָס ס'האָט מיט אים פּאַסירט.

דער שנעלצוג יאָגט פּאָרויס, פּאָרויס! נײַע צײַטן — נײַע פּאַרשוינען, נײַע באַגעגענישן, נײַע טעמעס, אַ וועלט מיט וועלטעלעך!.. אַרויסשפּרינגען און לױפן צוריק, ווען דער שנעלצוג יאָגט פּאָרויס, איז געפּערלעך! מ'קאָן ברעכן רוק־און־לענד.

אָט אַף דער עלטער איז מאַכטייסע, אַף דער עלטער, אויב כ'וועל נאָר דערלעבן, וועל איך זיך באַגעגענען מיט מײַן קינדהײַט און מיט מײַן יוגנט. אַף דער עלטער וועל איך, דער זיידע, דערציילן וועגן זיך דעם אייניקל, וועגן אַלץ, וואָס ס'איז זיך פאַרלאָפן, און וועגן אַלץ, וואָס ס'האָט פּאַסירט אין מײַן לעבן. און דערווײַל, דערווײַל דאַרף מען אײַלן ווײַטער און ווײַטער און נאָך ווײַטער... גאָרנישט דורכלאָזן, גאָרנישט פאַרבײַגיין, אַלע ערדן אויסטרעטן, אַלע טאַמען פאַרזוכן, אַלע רייכעס אײַנעטעמען אין זיך.

נישטאָ קיין גרעסערער ביזאָיען און קיין גרעסערער צאַר פאַר דער עלטער, ווי ווען ס'איז ניטאָ וואָס צו דערציילן, מיט וואָס צו דערמאָנען דאָס געוועזענע, געזעענע און געשעענע. זי זעט נעבעך דאַן אויס, די עלטער, ווי דער הוילער בוים, וואָס האָט קיינמאָל קיין פרוכטן ניט געבראַכט אַף דער וועלט.

— איר זײַט אוודע גערעכט, מײַן ליב, טײַער אייניקל, — ענטפערט דער זיידע, — נאָר ווען זשע איז דאָס גערעדט געוואָרן, ווען דער מענטש זאָל וויסן, ווען ס'איז פרי און ווען ס'איז שפּעט. ווען דער מענטש וואָלט וויסן, וואָלט ער דאָך קיינמאָל ניט פאַרשפּעטיקט. דאָס לעבן איז ניט קיין לױעך. ניט אומזיסט האָבן געזאָגט אונדזערע כאַכאָמים: אם לא עכשו אימתי[1]? — אויב ניט הײַנט, איז ווען זשע. לױפט זיך געזונטערהייט, און זאָל אײַך אַלץ גיין אַנטקעגן! זאָלן זיך אײַערע פאַרשוינען מערן און מערן, און ס'זאָל זיי קיין בייז אויג ניט שאַטן. נאָר פאָלגט אַמאָל דעם זיידן, רײַסט אָפּ אַ מינוט און גיט אַף זיך אַליין אַ קוק מיט אײַערע אייגענע אויגן. איך קען דאָך אײַך, ווי מײַנע פינף פינגער, און דעריבער בין איך זיכער, אַז פון אײַערע געבענטשטע הענט וואָלט אַרויס אַ פאַרשוין אַ צאַצקע, דער עמעסער שאָלעם־אַלייכעם, וועלכער איז אַלעמען אַזוי אײַנגעבאַקן אין האַרצן. די געשיכטע פון אײַער לעבן איז דאָך די געשיכטע פון דער יידישער ליטעראַטור, די געשיכטע פון דוירעס! איז טוט עס צוליב דער ליטעראַטור, צוליב די דוירעס, וואָס זײַנען אַוועק, און צוליב די דוירעס, וואָס דאַרפן ערשט קומען...

פרי. אין דעם פרימאָרגן, ווי אין אַלע פרימאָרגנס פון אַ גאַנץ יאָר, האָט שאָלעם־אַלייכעם, ווי ער האָט זיך ליב געהאַט אויסדריקן, זיך געפעדערט מיט זײַן פעדער, ווען גאָט אַליין איז נאָך געשלאָפן, און זיך גלײַך געשטעלט צו זײַן הויכן שרײַבטישל, צו דער קאָנטאָרקע.

שאָלעם־אַלייכעמס קאָנטאָרקע איז קיינמאָל ניט געווען קיין באַלעמער אַף זאָגן יענעם מוסער, אַף זיך אַליין אַרויסשטעלן און זיך לאָזן הערן, נאָר אַ זאַמל־פונקט פאַר זײַנע באַליבטע פאַרשוינען, אַז זיי זאָלן ריידן און זיך אויסריידן דאָס האַרץ.

קיין זאַך האָט ניט געטאָרט אָפּטיילן, ניט געטאָרט שאַפן קיין מעכיצע צווישן אים, דעם שרײַבער, און זײַנע העלדן. אין סאַמע קאָדשיי־קאָדשים, באַ דער הייליקסטער אַווידע, איז שאָלעם־אַלייכעם געשטאַנען פּראַסט, היימיש אָנגעטאָן אין זײַן ווייכן כאַלאַט מיט שטעקשיך אַף

[1] אים לוי אכשאָוו איימאָסײַ.

די פיס. עס מאַכט ניט אויס, ער האָט דאָך צו טאָן בלויז מיט היימישע, מיט נאָענטע, איז זאָלן זיי זיך פילן נאָך נעענטער, נאָך היימישער.

אין דעם פרימאָרגן האָט זיך די קאָנטאָרקע ניט געטראָגן פאָרויס, ווי אַלע פרימאָרגן, נאָר האָט געײַלט אָף צוריק איבער אַלע אויסגעפאָרענע און איבער אַלע אויסגעטראָטענע וועגן. זי איַלט, די קאָנטאָרקע, און אנטקעגן קומען אָן לאַנג שוין אָפּגעלעבטע יאָרן, לאַנג פאַרשוווּנדענע כאַדאָשים, טעג, שאָען און מינוטן.

א דאָר נאָך א דאָר שטייט אוף טכיִאַס־האַמייסים. אָט איז דער דאָר פון די זיידעס און באָבעס, און אָט איז דער דאָר פון די טאַטעס און מאַמעס, פעטערס און מומעס. און צווישן זיי, צווישן די אַלע געשטאַלטן, איז שאָלעם־אַלייכעם דער שרײַבער, שאָלעם ראַבינאָוויטש, דער הויפּט־העלד, א צווײַג צווישן די אַלע צווײַגן אָף איין בוים.

אָט איז שוין פערעיאַסלאַוו. אָט דאָ האָט ער, ווי אַלע ערשט געבוירענע, באַגעגנט די וועלט מיט געוויין.

דער זיקאָרן וועקט און וועקט, עגבערט און עגבערט, הייבט אוף פלאַסט נאָך פלאַסט און דערגרונטעוועט זיך צו די טיפן פון דער פאַרגאַנגענהײַט. א פאַרפלייצעניש, א מאַבל! און ס'איז שווער אויסגעפינען יענץ שטיקל יאַבאָשע אָף אויסצושרײַען: אָט איז דער אָנהייב פון אַלע אָנ־הייבן!..

שאָלעם־אַלייכעם בײַסט די נעגל און קאָן ניט צוקוקן דעם צאַר פון דער פען, וואָס ליגט, ווי א פרעמדע, גלײַך ווי זי זאָל קיין שײַכעס ניט האָבן צום שרײַבן.

א פען, וואָס שרײַבט ניט, האָט אין שאָלעם־אַלייכעמס אויגן אויסגעזען ווי א מענטש, וואָס עטעמט ניט, און א ווײַס, ניט פאַרשריבן בלעטל פאַפּיר האָט אין אים געוועקט מיטלײַד צו זיך, ווי צו א פאַרשטויסענעם, ווי צו אַן עלנטן.

אין די שווערע שאָען פון שטיין בא דער קאָנטאָרקע און זיך ניט רירן פון אָרט קומט אוף שאָלעם־אַלייכעמען אָפן זינען דעם זיידנס וואָרעניש, אַז דער וועג אָף צוריק איז אָפט שווערער, ווי דער וועג, וואָס פירט פאָרויס.

דער זיידע האָט ווײַט ניט באַדאַרפט גיין. ער האָט געהאַלטן, אַז דער בײַשפּיל איז ער אַליין מיט זײַן אייניקל שאָלעם־אַלייכעם. אויב גלייבן זיי, די פאַרשיידענע כקירעניקעס, אַז וואָס ווײַ־טער מע גייט אָפּ פון דעם אָדער יענעם שטיק לעבן, אַלץ נעענטער ווערט עס, אַלץ גרינגער איז צו שרײַבן וועגן דעם, וואָלט דער זיידע באַדאַרפט שרײַבן לײַכט, ווי דאָס אייניקל, און דאָס אייניקל שווער, ווי דער זיידע, און באַקומען באַקומט זיך פונקט פאַרקערט: ער, שאָלעם־אַלייכעם, דער פלינקער, דער רץ כצבי[1] — וואָס לויפט, ווי א הירש, ער זאָל כאַס־וועכאָלילע אָף קיין מינוט ניט אָפּשטיין פון לעבן, האָט א גרינג שרײַבן, אָף אַלע שרײַבער געזאָגט געוואָרן, און ער, דער זיידע, וואָס קריכט ניט ארויס מיט זײַן פערד־און־וועגעלע פון די גלופּסקער און קאַפּצאַנסקער בלאָטעס, איז אַן אייביקער קאַטאָרזשניק, אַן אָס, א וואָרט איז בא אים קריִעס־יאַמסוף, א באַרג אופצוהייבן.

— יאָ, — גיט אָפּ שאָלעם־אַלייכעם דעם זיידן דאָס גערעכט, — יאָ, א שווער שטיקל מע־לאָכע דאָס שרײַבן... אָט פרעגט מען מיך אָפט: ווען גייט בא מיר גרינגער דאָס שרײַבן, באַם אָנהייב, אין דער מיט צי באַם סאָף? ענטפער איך דערוף, אַז ס'איז מיר דרײַ מאָל אַלציינס שווער: שווער באַם אָנהייב, שווער אין דער מיט און שווער באַם סאָף.

— איז ווי זשע קומט עס, — וווּנדערט זיך דער לייענער, — וואָס איר האָט אַזויפיל אָנגע־שריבן און שרײַבט אַזויפיל?

— דאָס קומט, — דערקלער איך זיי, — ניט פון גרינג שרײַבן, נאָר פון קיינמאָל ניט אופ־הערן שרײַבן.

א שווערע מעלאָכע דאָס שרײַבן! גלייבט מיר אָפן וואָרט! יעדע מעלאָכע, אַז זי ווערט אײַך נימעס, קאָנט איר זי וואַרפן, קאָנט איר זי פאַרבײַטן אָף א צווייטער. נאָר ווער ס'האָט איינמאָל געזינדיקט מיט דער פען, איינמאָל פאַרזוכט פונעם טינט־טראָפּן, דער איז שוין א פאַרפאַלענער אָף זײַן גאַנץ לעבן, ערגער ווי דער, וואָס האָט פאַרזוכט פונעם ביטערן טראָפּן. ער וועט שוין טינטלען און טינטלען, ביז די פען וועט ארויספאַלן פון זײַנע הענט און דאָס בלוט וועט אופהערן פליסן אין זײַנע אָדערן. אַזאַ שיקרעס און אַזאַ קויעך פאַרמאָגט אין זיך דאָס שרײַבן...

— און די שווערע שאָען פון שטיין בא דער קאָנטאָרקע און זיך ניט רירן פון אָרט?

— עס מאַכט ניט אויס! — דערטראָגט זיך ווידער צו שאָלעם־אַלייכעמס אויערן דעם זיידנס שטים, פול מיט טרייסט. — עס מאַכט ניט אויס! איר, מײַן ליב, טײַער אייניקל, אַז איר לײַדט, לײַדט איר פון אשירעס און ניט, כאַס־וועכאָלילע, פון אָרעמקײַט. נאָר אַז ווייל איז צו דעם

---

[1] ראָץ קאַצוי.

שרײַבער, וואָס איז רײַך, וואָס קאָן אָפּקלײַבן, פֿאַרבײַטן דאָס גוטע אויף נאָך בעסערס און דאָס בעסערס אויף דעם בעסטן פֿונעם בעסטן.

און ווײ און ווינד איז דעם שרײַבער דעם אָרעמאַן, וואָס פֿאַרמאָגט זײַן אײגנס גאָרניט, וואָס דעקט צו זײַן נאַקעט לײַב מיט א פֿרעמדן, אן ארויסגעוואָרפֿענעם בעגעד, וואָס לעבט פֿון בעט־לערײַ און קיצווע, א גראָשן פֿונדאַנען און א גראָשן פֿון דאָרטן, און די קאָפּעקע טראַסקעט אין דער פּושקע — איך קאָן אויך קלינגען, איך קאָן אויך זינגען, איך קאָן אויך לאָזן הערן מײַן קאָל.

— ווער־ווער, נאָר איר, זיידע, האָט אוואַדע ניט וואָס צו זינדיקן, צו אײַך קאָן זיך קײנער ניט גלײַכן; בא אײַך גײט עס שווער, ווײַל איר זײַט דער ערשטער, וואָס האָט באַדאַרפֿט אויס־טריקענען די בלאָטעס, אויסלײגן א וועג פֿאַר, קײן אײַנהאָרע, אזויפֿיל אײניקלעך. בא אײַך גײט עס שווער, ווײַל איר האָט באַדאַרפֿט באַשאַפֿן ניט בלויז די קײלים, נאָר אויך די אינסטרומענטן אויף צו מאַכן די קײלים.

א פּולער צימער מיט זון. די קאָנטאָרקע שטראַלט, ווי צענדליקער ליכט זאָלן זיך אָנצינדן אויף איר. ווײַזט אויס, אז ס׳איז שוין שפּעט, אז די זון איז שוין אויך אין הימל.

שאָלעם־אלײכעם האָט נאָך הײַנט ניט באַוויזן עסן קײן פֿרישטיק, און מ׳רופֿט אים שוין עסן מיטיק. ווי די צײַט לויפֿט! און וואָס מער די צײַט לויפֿט, אלץ מער האָט ער קײן צײַט ניט, און ער בעט, מ׳זאָל אים ניט שטערן, ער קאָן ניט מאַפּסיק זײַן, ער קאָן ניט איבעררײַסן אפֿילע אויף קײן אײן מינוט.

שאָלעם־אלײכעם גלעט זײַנע ווײכע, געקרײַזלטע קאַשטאַן־האָר און איז שטאַרק צופֿרידן, וואָס אין זײ האָט זיך נאָך די עלטער ניט ארײַנגעכאַפּט.

א טאָג לעבן איז דאָך אָפּטמאָל אזויפֿיל, אז מע קאָן עס פֿאַר קײן יאָר ניט אויסדערצײלן.

די קלאָרע בלויע אויגן מיטן קינדערשן פֿײַערל ווערן בלויער און בלויער, קינדערשער און קינדערשער, עס פֿאַרשווינדן די טיפֿע קנײטשן, וואָס האָבן זיך אײַנגעשניטן צווישן די ברעמען אויפֿן ברײטן שטערן. א קלוגער מילדער שמײכל לײגט זיך אויס ארום די מויל־ווינקלען און באַשײַנט דאָס פּאָנעם.

סאַרא אָנגעלײגטע געסט! אי טעוויע, אי מענאַכעם־מענדל, אי מאָטל, אי די קאַסרילעווקער, אי די יעהופּעצער, אי אַקטיאָרן, אי זינגער, אי פֿידלשפּילער — אלע האָבן זײ ארומגערינגלט זײַן קאָנטאָרקע, און אלע אין אײן קאָל:

— פּאַניע שאָלעם־אלײכעם!

— פּאַניע שאָלעם־אלײכעם!

— ווי קומט דאָס גאָר צו אײַך, אז איר זאָלט פֿאַרגעסן אין אונדז און אין זינען האָבן בלויז זיך... איר האָט דאָך ווײַט נאָך ניט געענדיקט מיט אונדז, איז ווי זשע וועט איר קאָנען אָנהײבן מיט זיך? ס׳איז גאָרניט אלפֿי שאָלעם־אלײכעם!..

— גאָט באַהיט! איך בין ניט פֿון יענע שרײַבער, וואָס באַציִען זיך צו זײערע געשטאַלטן ווי צו מאַמזײרים, וועלכע מ׳וואַרפֿט אונטער א פּלויט.

זאָל מיר דאָס לאָשן אָפּנעמען און געלײמט זאָל ווערן מײַן האַנט, אויב כ׳וועל אײַך אויף א מינוט פֿאַרגעסן! ביזן לעצטן אָטעם בין איך אײַערער, בין איך מיט אײַך! דאָס ארײַננעמען זיך אין קאָן הײסט ניט, אז מיט אײַך איז געענדיקט, גאָט באַהיט! די מישפּאָכע וועט טאַקע ווערן גרעסער, אָבער אָרט וועט סטײַען פֿאַר אלעמען! איך וויל האָפֿן, אז אין דער פֿאַרגרעסערטער מישפּאָכע וועט ניט זײַן, ווי עס טרעפֿט אין די מישפּאָכעס, וווּ די שטיפֿמאַמע ברענגט אלס צו־גאָב צום מאַנס יעסוימים אירע אײגענע יעסוימים. יעסוימים אָן א מאַמען און יעסוימים אָן א טאַטן. אונדזער מישפּאָכע וועט זײַן א געטרײַע, אלע פֿון אײן טאַטן און פֿון אײן מאַמען, בלוט פֿון בלוט, בײן פֿון בײן און פֿלײש פֿון פֿלײש. מײַן נעכטן איז אײַער נעכטן, דער נעכטן פֿון אײַער הײַנט! דאָס זײַנען צימערן פֿון אײן גרויסער דירע, צימערן מיט אָפֿענע טירן, מע קומט ארײַן און מע גײט ארויס און מע פֿילט זיך ווי בא זיך אין דער הײם.

א סימכע נאָך א סימכע!.. שוין אזויפֿיל שאָ, אז שאָלעם־אלײכעמס פֿען האָט ניט געשריבן, און אָט צאַפּלט זי בא אים אין האַנט און איז גרײט נעמען אויף זיך דעם שווערסטן אָל פֿון ארויס־ברענגען ווערטער און געדאַנקען.

און דאָס ערשטע וואָרט, וואָס איר, דער פֿען, איז געגעבן געוואָרן, איז אָנזאָגן דעם זיידן די בסורע.

יאָ, זיידע, יעדער וועג, וואָס פֿירט פֿאָרויס, האָט זיך זײַנע וועגן, וואָס האָבן געבראַכט צו אים.

און גוט האָט איר געטאָן, זיידע, וואָס איר האָט מיך ארויפֿגעפֿירט אויפֿן ריכטיקן וועג.

גערעכט! דער זיידע איז גערעכט! דעם זיידן באַדאַרף מען שטענדיק פֿאָלגן!

אײַער אָנצוהערעניש, אַז איך בין ניט פון די גאָר גרויסע גיבורים, אַז איך בין אַ שוואַכע קײלע און מע באַדאַרף דעם ווײַן, וועלכער געפינט זיך אין איר, וואָס גיכער פאַנאַנדערגיסן און פאַנאַנדערטײלן, ווײַל די קײלע קאָן צו יעדער מינוט ווערן אויס קײלע און דער ווײַן קאָן, ראַכמאָנע־ליצלאָן, אויסגערונען ווערן און אוועק לעיִבעד, — איז אַ ריכטיקע אָנצוהערעניש.

נאָר אין כעזשבן האָט איר אַ טאָעס געהאַט, איר האָט אױף זײער אַ סאַך ניט דערכעזשבנט. איר זאָגט: אַ בוך, אַ בוך וועגן מײַן לעבן. און אין צווײ און אין דרײַ וועל איך זיך אַרײַנלײגן?

מענדעלע מויכער־ספאָרים אין לעבן איז אַלײן אַ בוך און נאָך וואָס פאַר אַ בוך! הײַנט ווּ זײַנען די אײניקלעך און די אוריײניקלעך? אַז נאָר וועגן אונדזער אַמכאָ פּען־און־פּאַפּיר קאָן מען דערצײלן און דערצײלן און זיך ניט אָנדערצײלן. און ווּ זײַנען ייִדן פון אַ גאַנץ יאָר? מײַן קינדהײַט און מאָטלס קינדהײַט, טעוויעס צאָרעס און מײַנע צאָרעס, קאָל־ייִסראָעל און רעב־ייִסראָעל?!

און ווּ זײַנען די אומגעריכטע געדאַנקען, בילדער און פאַרשווינען, וואָס קומען אױף באַם שרײַבטיש? זײ זײַנען דאָך אָפּטמאָל מער אָנגעלײגטע געסט, ווי די אַלע, אױף וועלכע מע האָט פריִער אויסגערעכנט, אױף וועלכע מע האָט פון פאָרויס זיך געריכט און אױף וועלכע מע האָט געוואַרט!

פאַראַן שרײַבער, וואָס זײערע קײלים ווערן גיך אויסגעטריקנט און פּלאַצן פון פּוסטקײַט, און איך שטעל זיך גאָר ניט פאָר, ווי קאָן מען עס זײַן אַ שרײַבער און ניט האָבן וועגן וואָס צו שרײַבן!

טויזנט יאָר ווען איך וואָלט געלעבט, וואָלט געסטײַעט און געבליבן נאָך...

יאָ, זײדע, איר זײַט גערעכט! מע דאַרף שרײַבן, מע מוז שרײַבן, כי לכך נוצרת[1] — ווײַל צוליב דעם איז דער שרײַבער אַ שרײַבער, ער זאָל שרײַבן. עלע ניט, דרײ אויס דעם דישל און פאַרקערעווע אױף צוריק, אױף אַן אַנדער וועג.

נאָר ווי מע לײגט דעם קראַנקן, איז אים אַלצײנס ניט גוט. איז מען אַ פּוסטע קײלע, איז ניטאָ וואָס צו מעקאַנע זײַן; איז מען אַ שיוורע קײלע, איז דער ווײטעק נאָך גרעסער.

איז וואָס זשע טוט מען מיט מײַן קײלע? ווּ נעמט מען עפּעס אַ רעכטן באַלמעלאָכע אױף מאַכן דאָס נײטיקע פּאַטשינקעלע, אױף פאַרלאַטען און פאַרקאָנאָפּאַטעווען, אַז קײן טראָפּן זאָל ניט פאַרפאַלן גײן?

איך בין גרײט אוועקגעבן דעם אײבערשטן אַלע אויהעמהאַזע־ און אוילעמהאַבע־פאַרגעניגנס פאַר דעם אײן־און־אײנציקן פאַרגעניגן — שרײַבן. דוכט זיך, שײן פון מײַן זײַט, אָבער גײ רײד מיט אים... מיט אים איז שווער זיך צונויפרעדן... אײַ, זײדע טײַערער, ווי עס ווילט זיך לעבן, ווי עס ווילט זיך שרײַבן, ווי עס ווילט זיך פאָלגן און פאָלגן דעם זײדן...

ווי שטײט דאָרט געשריבן: לא אמות כי אחיה ואספר[2] — איך וויל ניט שטאַרבן, איך וויל לעבן, און אַז איך וועל לעבן, וועל איך דערצײלן, וועל איך מיט מײַן קאָנטאָרקע אויספאָרן ווּ די וועלט האָט אַן עק.

טאַלאַנט אָן געזונט איז אוואַדע בעסער, ווי געזונט אָן טאַלאַנט, נאָר ס׳טויג אויך אין דער ערד...

אײַ, זײדע טײַערער, געזונט! געזונט! ווּ נעמט מען געזונט?

יאָרן! יאָרן! יאָרן ווּ נעמט מען?!

---

[1] קי לעכאַך נויצאַרטאָ.

[2] לוי אָמוס קי עכיע וועאַסאַפּייר.

אף דער ווארעמער ערד

אפן הויכן בארג און אפן ווייכן גראָז,
דאָרט האָב איך מײַן יוגנט מיטן ווינט געלאָזט.
אפן ווייכן גראָז און אפן הויכן בארג
איין מאָל זײַן א יונגער — דאָס איז זייער קארג.

קום איך יעדן זומער מיטן ווינט אין שויס.
ווּ ביסטו, מײַן יוגנט, קום צו מיר ארויס!
שווײַגן רײַפע פעלדער — ניט קיין שאָרד, קיין
ריר.
ביסט שוין יונג געוועזן. וויפל איז דער שיר?..

• • •

און אויב אפילע זײַן כ׳זאָל טויזנט מאָל א
יונגער,
אלציינס, מײַן פרײַנט, ניט קלעקן מיר דאָס
וואָלט,
אזויפיל לידער זײַנען ניט דערזונגען,
אזויפיל בילדער זײַנען ניט דערמאָלט...

איך בין געוווינט שוין צו דעם גרעסטן טרויער,
און קליינע ווייצעטרעט איך, ווי דאָס גראָז.
אזויפיל קלאנגען בעטן זיך באם אויער
און פארבן בא דעם אויג — אונדז ניט פארלאָז...

איך גיי די ערד אדורך מיט הייסן הונגער,
און יעדער טראָפן ליכט מיך גליט און וועקט.
ווען איך זאָל טויזנט מאָל נאָך זײַן א יונגער,
אלציינס, מײַן פרײַנט, וואָלט מיר דאָס ניט
געקלעקט.

• • •

ערשט נאָך נאקעטע געשטאנען,
און שוין ווידער נאקעט.
אף בערעזעס און קאשטאנען
האָט דער זומער אָפגעברענט
און האָט אָפגעפלאקערט...

ערשט האָט נאָך בא ברייטע
שליאכן
שטיל דער וואלד א ליד פארצויגן,
אָמאר מענדל: זאָגט מענאכעם, —
וווּ איז זי? — אדורכגעפלויגן...

ווידער וועט א זומער קומען,
אָנטאָן בוים אין בלעטער, —
פון די וועלדער פון איהומען,
פון די באָרן פון מאָזיר
ביז דער טײַגע וועט ער...

נייַע ווינטן וועלן בלאָזן,
קלינגען וועט א נייַער ניגן,
און די קליאָנען און בערעזעס
וועלן וויגן זיך און וויגן...

• • •

הינטער פעלדער, הינטער באָרן
איז אמאָל א פור געפאָרן.
ווער געפאָרן איז אין פור?
אונדזער פעטער קאלאמבור.

וואָס זשע זאָגט ער, וואָס זשע
רעדט ער,
אונדזער קאלאמבורנער פעטער?

קוקט זיך צו און שטעלט זיך פאָר,
קאלאמבורעוועט און גאָר.

זאָלן פאָרן, זאָגט ער, פורן,
זאָלן וואקסן קאלאמבורן.
זאָלן פרײַנט זיך פרייען פײַן,
אף דער וועלט זאָל פריילעך זײַן.

• • •

א לעוואָניקע נאכט אף דער ווארעמער ערד;
און רעדסטו צום הימל — דער הימל דיך הערט.
דו רעדסט צו דער נאָענט, — עס הערט דיך די ווײַט,
אפילע דײַן שווײַגן דער עכאָ צעשרײַט,
און דורכדרינגלעך רויִק עס איז דער געשריי,
אז ס'דוכט זיך: דער מוילעד צעגייט ווי א שניי...

• • •

מע זאָגט מיר — ניט רוף און ניט
שרײַ,
סײַווי וועט דיך קיינער ניט הערן,
און איך הילך אפסנײַ און אפסנײַ —
קיין זאך וועט מײַן רוף ניט
פארשטערן.

— מיט וואָס איז אזוי דיר ניט גוט? —
מיך פרעגן די פרײַנט מיט
געלעכטער.

— מיר כאלעמט זיך אלץ נאָך דאָס
בלוט
אף הענט פון די מערדער און
שעכטער.

און שווײַגן איך האָב זיך פארוווערט,
און שווײַגן איך האָב זיך פארבאָטן,
איך גיי קעגן פײַנט אף דער ערד,
אזוי ווי די ליכט קעגן שאָטן.

• • •

פרעג אין שלאָף מיך צי אין דרימל:
וואָס כ'באדארף — צי ווייס איך קלאָר.
— יאָ, דאָס טעלערל פון הימל.
נאָר דאָס טעלערל, און גאָר.

פרעג, וואָס טראָג איך אין די
טרוימען,
וואָס פארלאנג איך און באגער.

זאפט פון ערד און פרוכט פון ביימער,
זאפט און פרוכט, און גאָרניט מער.

און וואָס וואָלט איך וועלן געבן
פאר מײַן פאָלק, דאָס ווייסטו אויך?
ליכט און גליק און גאָר דאָס לעבן —
ביז דעם לעצטן אָטעם־הויך.

צו דער פעדער

ביזוואַנען טרײַ דו וועסט מיר דינען,
ניט טרויער קיינמאָל און ניט קלאָג.
זײַ (ווי דער שטראַל פונעם באַגינען,
וואָס ברענגט דעם אָנזאָג אפן טאָג)

א גאָלד׳נע שפּיז, וואָס ברעכט די שויבן,
די שוואַרצע שויבן פון דער נאַכט,
און גלעזוערט אויס דעם הימל אויבן
מיט שויבן ליכט, מיט בלויער פּראַכט.

זײַ ווי א בין, וואָס פליט ביז דעמער,
זי פליט נאָך האָניק צו דער בלום,
ס׳געזאַנג באַם האַרץ קום אָפטער נעמען,
ווײַל טויט בין איך, ווען ס׳האַרץ איז שטום...

טאָפּאָלן, טאָפּאָלן שלאַנקע

טאָפּאָלן, טאָפּאָלן שלאַנקע,
כ׳צי זיך מיט אײַך אין דער הויך.
מיך האָט די ערד ניט פאַראַנקערט,
פליגלען אף פליִען כ׳האָב אויך.

פליגלען, וואָס וואַקסן פון טרוימען,
כ׳האָב זיי פאַרוואַנדלט אין וואָר.
שוועב איך אין קאָסמישע רוימען,
גוט איז מיר דאָרטן ביז גאָר.

קומט מיר דער פרילינג אַנטקעגן,
פליגלען צוויי גרינע צעשפּרייט,
שמעקט ער מיט זון און מיט רעגן
און מיט צעשמאָלצענעם שניי...

טוט ער א בלענד מיט די שטראַלן,
שענקט מיר א קוש און
פאַרשווינדט:
ס׳וואַרט דאָרט די ערד, ווי א
קאַלע,
אף איר באַשערטן אַצינד.

טאָפּאָלן, טאָפּאָלן צאַרטע,
ס׳ציט מיך צו אײַך פון דער הויך.
גלײַך נאָכן פרילינג געגאַרטן
נידערן באַלד וועל איך אויך.

אין ווינטערדיקן סאָד

אַן אויסגעבעטע רו אינמיטן וואָך,
די שטילקײַט גייט דאָ אום צווישן די צווײַגן.
דערהערט נאָר טריט, זיך רײַסן אָפּ פון אָרט
די שפּערעלעך — און הייבן אָן צו שטײַגן.

און כסימעס דינע בלײַבן אפן שניי,
ווי שורעס ניט־דערשריבענע פון סטראָפן.
איך לייען זיי און ציטער איבער זיי, —
ביז ס׳איז א ווינט אהער ניט אָנגעלאָפן.

צעמישט ער אַלע קאָרטן מיטאַמאָל,
און ווו א כסימע — שטעלט א צוקער־היטל,
צי פליט אַליין ניט אום איצט דער עאָל[1],
אָ, אים דערלאַנגען כ׳וועל א מאָנונג־קוויטל:

פאַרוואָס ער לאָזט ניט שטיין דיביימער דאָ
פאַרקלערט
און קריכט אין אַלע צווײַגן־לאַבירינטן,
די טורעמלעך פון שניי באַ זיי צעשטערט,
אָ, אומפאַרשעמטער ווינט פון אַלע ווינטן!

מײַן ערן־וואָרט, איך זאָג עס דיר אָן שפּאַס,
דו מאָסטע אײַן זיך אין א צווײַגן־וויגל
און וואַרף אַראָפּ פון מיר די יאָרן־לאַסט,
אַנטלײַ מיר דײַנע פליגל.

[1] עאָל — דער הערשער פון ווינטן.



מאַזי קאַבריאַנסקי

א פאַרדאָרבענער קערן

1

פון זינט בומע האָט אָנגעהויבן בויען די שטוב, כאַפּט ער זיך אויף יעדן אינדערפרי פון שלאָף, פונקט ווי מע וואָלט אַף אים א כליופּע געטאָן אַן עמער וואַסער.

היַינט האָט עס אים אופגעהויבן פון בעט, ווען עס איז נאָך געווען טונקל אין דרויסן. אָנגעטאַפּט די שוועבעלעך אַפן טיש, איז ער א באַרוועסער אוועקגעגאַנגען א קוק געבן, וויפל איז דער זייגער. ס'האָט א בליץ געטאָן א פיַיערל, א שאָטן פון א האַנט האָט גענומען פויזען אַף דער נידעריקער וואַנט פונעם ציַיטווייַליקן שטיבל, זיך איבערגעבראָכן באַם סופיט, ארופגעקראָכן אַף דער סטעליע און איז באַלד נעלעם געוואָרן.

דער כאָדיק קלאַפּט האַסטיק אין טאַקט מיט בומעס האַרץ. ניין! ער וועט זיך מער ניט אָנידערלייגן. אויב ער וועט נאָכאַמאָל אַנשלאָפן ווערן, וועט מען אים מיט קיין דריקעס ניט קענען אופהייבן פונעם געלעגער.

בומע צעשפּרייט די געזונטע הענט אין די זיַיטן, וויל זיך אויסציִען, ווי גרויס ער איז, נאָר ער טוט עס ניט: א קאַשע אַף א מיַיסע, ער קאָן נאָך מיטן קאָפּ לעכערן די נידעריקע סטעליע. האָט ער בלויז א צוק געטאָן מיט די שטיַיפע אַקסל, א געשמאַקן גענעץ געטאָן און צו זיך אַליין א ברום געטאָן:

— מיט די געדוטן.

דעם באַטיַיט פון די דאָזיקע ווערטער ווייסט בלויז בומע אַליין.

זיי ריַיסן זיך ארויס פון זיַין מויל דעמלט, ווען עס איז אים גוט אַפן האַרצן, אָדער גאָר פאַרקערט, ווען עס צינדט זיך אין אים אָן די רעציכע.

דאָרט אין קיך שלאָפט די מאַמע, כראָפּעט און פיַיפט אונטער. אָבער ווי קומט עס, וואָס ראָכטשע לאָזט זיך ניט הערן? אַלע מאָל, ווען ער טוט זיך נאָר א דריי אַפן געלעגער, ווערט זי באַלד וואַכעדיק, און גראָד איצטער שלאָפט זי, ווי א דערהאַרגעטע. בומע גייט פאָרזיכטיק צוריק צום בעט. די ברעטער סקריפּען אָבער אונטער זיַינע גרויסע פיס, פון די שווערע טריט טרייסלט זיך דאָס ווענטל, וואָס גרייזעט אָפּ די קיך פונעם צימערל. און ניט נאָר דאָס ווענטל ווערט וואַכעדיק, — דער טיש, די בענקלעך רודערן מיט די פיסלעך, פונקט ווי זיי וואָלטן זיך קליַיבן גיין א טענצל.

בומע איז שטיין געבליבן באַ דעם בעט. דאָס איינציקע פענצטערל האָט אָנגעהויבן בלויען, וואָס אַמאָל העלער און העלער געוואָרן און אַזוי ווי אומיסטן באַלויכטן בלויז דאָס יונגע פּאָנעם פון דער שלאָפנדיקער. אירע באַקן זיַינען געווען פאַרפלאַמט, די אויגן־לעפלעך האָבן געגלאַנצט און געווען פאַרזוימט מיט די געדיכטע, לענגלעכע שוואַרצע וויִעס. א ביסל העכער פון דער עט־וואָס אָפענער אייבערשטער פולבלעכער ליפּ האָבן געפינקלט צעזייטע דריבנע טראָפּנדלעך טוי. זי שלאָפט שטיל, ווי א קינד. די קאָלדרע האַלב אופגעדעקט, די הענט צעוואָרפן. אונטער דעם וויַיסן העמד עטעמען צוויי שטיַיפע בערגלעך. פון איר קערפּער האָט אַף אים א וויי געטאָן מיט א געשמאַקן גערוך פון הייסן קאָרנעם ברויט. בומע רוקט אריַין די שווערע האַנט צו זיך אין בוזעם, ריַיבט מיט דער שערשאַווער דלאָניע די געדיכט באַוואַקסענע ברייטע ברוסט. די בלוטן

ווערן ווארעם, זידן מאמעש אין די אָדערן. די הויט אַף זײַן לײַב ציטערט אוף מיט א פּראַסטיקן פיבער. עס גייט אים אויס דאָס כּעס, אַזוי ווילט זיך אים אַרײַנוואָלגערן צוריק אין בעט אַרײַן. נאָך א ביסל פאַרגעסט ער, וואָס עס האָט אים אופגעהויבן פון געלעגער, ער פאַרבײַסט די אונטערשטע ליפּ, פּרעסט צונויף ביידע פויסטן און קוועטשט ארויס מיט קאַס:

— מיט די געדוטן!

געגנוג, וואָס ראָכטשע האָט זיך ניט אופגעכאַפּט באַגלײַך מיט אים, נאַרט זי אים אין בעט אַרײַן. זי ווייסט דען ניט, אַז מע דאַרף הײַנט פאַרענדיקן גראָבן די טראַנשייעס פאַרן פונדאַ־מענט? נעכטן האָט ער גאָרנישט ניט באַוויזן. ביז שפּעט אין דער נאַכט האָט געבוקסעוועט זײַן „מאַז". געקומען איז ער אַהיים א פאַרמאַטערטער, א הונגעריקער. און זי? אפילו זיך ניט דער־וואַרט אַף אים און אַנשלאָפן געוואָרן. און אַף אים ליגט נאָך אַן אַל: איידער ער וועט גיין אַף דער אַרבעט אין אויטאָפּאַרק, באַוויזן אָפּטאָן דאָס, וואָס ער האָט נעכטן ניט באַוויזן. בומע כאַפּט אַראָפּ פון בענקל דעם קאָמבינעזאָן, נעמט אין די הענט די שטיוול און גייט אַרויס אין קיך.

די מאַמע האָט זיך אופגעכאַפּט, אופגעהויבן דעם קאָפּ. איין אויג איז פאַרמאַכט, דאָס צווייטע ברייט צעעפנט, נאָר פאַרגליווערט, ווי בא א געקוילעט קעלבל.

— שלאָף, מאַמע, שלאָף, — האָט בומע שווער געסאָפּעט, אַרופגעצויגן אַף זיך דאָס אָנטאָן און אַרויס פון שטוב.

אין הויף איז שטיל. דער גאַנצער אַרום וואַרט איצט פאַרטײַעט אַפן קומענדיקן טאָג. אין שטעלכל מאַלעגיירעט די קו, דער הונט טרייסלט מיט דער פעל, געגנעצט מיט א הילכיק געוווי, די קייט האָט א קלונג געטאָן. באַלד איז ווידער שטיל געוואָרן. עס שמעקט מיט פרישער מילך, מיט וואַרעמען הוני, נאָר מער פון אַלץ געפּעלט בומען דער רייעך פון די סאָסנאָווע ברעטער — פון דעם געהילץ, וואָס ליגט באַלעבאַטיש צונויפגעלייגט, עס זאָל זיך טריקענען. צוביסלעך שטילט זיך אײַן דער פאַרדראָס, א גוטע האָפענונג כאַפּט זיך אַרײַן אין זײַן האַרץ. פאַרוואָס טאַקע ניט? נאָר א קוק טאָן אַף דעם הויף, וואָס איז אַרומגעריזעט מיט א פעסטן הויכן פּאַרקן, איז א געזונט אין די ביינער. אַפּריִער ווען יענעם אַרויסקריכן די אויגן איידער ער וועט געבן א גוט־אויג די ציגל, דעם זאַמד, דעם קאַלך, וואָס ער האָט פאַרגרייט. עס פעלט אפילו קיין צוואַק ניט. אַלץ איז פאַראַן אַף אָנהייבן און פאַרענדיקן בויען די שטוב.

בומע נעמט דעם זאַסטעפּ און לאָזט זיך גיין. פּלוצעם בלײַבט ער שטיין, ווי אַן אײַנגעגראָ־בענער, גלייבט ניט זײַנע אייגענע אויגן. די טראַנשייען זײַנען פאַרטיק. מע האָט זיי אויסגעגראָבן אָן אים, די הרודעס לייט זײַנען אַקוראַט אויסגעלייגט פון איין זײַט טראַנשיי. די ליים וועט טאַקע צוניץ קומען. ער האָט אָבער געוווסט. דאַרטן ווו עס פעלט דער שאָטן פונעם פּאַרקן, איז די ערד נאָך פאַרפרוירן, מע וועט דאַרפן דויבען מיט א לאָם. האַ? א שטיקל אַרבעט האָט ראָכטשע אָפּגעטאָן, זיך אָנגעהאָרעוועט נעבעך. דערפאַר טאַקע שלאָפט זי ווי א דערהאַרגעטע. אײַ, האָט אים גאָט צוגעשיקט א ווײַבל, א געזונט איר אין די ביינער. לאַנג ניט געטראַכט, שלײַדערט ער אַוועק דעם זאַסטעפּ און גייט אין שטוב אַרײַן.

ניט ווײַט אַפן אָנשיט פון דער אײַזנבאַן לויפט שמײַדיק דורך אַן עלעקטריטשקע. די באַ־לויכטענע פענצטערלעך שוועבן דורך צווישן די ביימער און פאַרשווינדן אין דער טונקלקײַט. די שטאָט דאָרט, אין דער ווײַט, איז נאָך אײַנגעהילט אין א געדיכטן נעפּל. אַפן באַרג פון יענער זײַט אײַזנבאַן־ליניע זעען זיך שוין די הייב־קראַנען. עס דאַכט זיך, אַז זיי זײַנען נאַרוואָס געקו־מען צו שפּאַנען פון ערגעץ. בומע האָט גאָר ביז הײַנט ניט באַמערקט, אַז אַף דעם נײַעם מאַסיוו זײַנען פאַראַן אַזויפיל קראַנען. און אַפּצולאָכעס קוקן אַלע שנאָבלען צו אים אין הויף אַרײַן. נעכפּע! ווו נאָך איז פאַראַן אַזאַ גוט און שיין אָרט? ניט ווײַט איז די עלעקטריטשקע. פאַר צוואַנ־ציק מינוט איז ער אין שטאָט. נו, און דער וואַלד? וואָס איז ווערט אַזאַ נאַענטער, ליבער שאָכן. אָט לאָזט ער זיך שוין הערן — די ביימער הייבן זיך אָן סוידען. באַלד וועלן די פויגלען אופ־הייבן א געפּילדער.

גוטע טרוימען טרײַבן אַוועק די שווערע מאַכשאָוועס: אייסעך־וואָס, די קראַנען האָבן דאָ ניט וואָס צו טאָן — אַפן באַרג וועט זיי סטײַען אַרבעט אַף צענדליקער יאָרן. זײַן הויף וועט נאָך דינען אי אים, אי זײַנע קינדס־קינדער. האַיאָר וועלן שוין די עפּלביימער צוויטען, אַף די צווײַגן קניפּן זיך אָן א שיר קנאָספּן. וואָס וועט ווערט זײַן, אַז עס וועט קומען די צײַט, און ער וועט צוגיין צו א בוים, אים א טרייסל טאָן און עפּל וועלן זיך א שאָט טאָן, ווי פון א זאַק. בא בומען ווערן אײַליק די ציין, ער פילט דעם טאַם פון די פּרוכטן. מיט די דאָזיקע געדאַנקען איז ער צוריק אַרײַן אין שטוב.

דערהערט בומעס שווערע טריט, האָט ראָכטשע זיך אופגעכאַפּט פון שלאָף. אירע הענט האָבן א שאַר געטאָן איבערן געלעגער. ניט געפונען לעבן זיך דעם מאַן, איז זי ווי אַן אָפּגעבריטע אַראָפּ פונעם בעט. דערזען בומען, איז זי שטיין געבליבן א געפּלעפּטע. זי האָט ניט פאַרשטאַנען, צי

האָט ער זיך ערשט אומגעקערט פונעם גאראזש, צי ער האָט שוין באוויזן ארבעטן בא דער שטוב אָן איר. זי האָט איינגעשלונגען דעם גענעץ און א שווערן זיפץ געטאָן. בומע עסט זי מאמעש מיט די אויגן. אף דעם ווייַסן העמד האָבן די צוויי צעפּ אויסגעזען נאָך שווארצער. דער הויכער האלדז אירער האָט שוין ארופגעכאפּט אף זיך די ערשטע זונען־שטראלן און עטוואָס פארברוינט געווען. „איי, בומע, ווייסט גאָר ניט, וואָס פאר א צירונג דו פארמאָגסט", — טראכט ער צו זיך אליין. ראָכטשע באמערקט א פּייַערל אין זייַנע אויגן, פארשעמט זיך, וואָס זי שטייט פארן מאַן אין איין העמד, טוט זי א כאַפּ דאָס קליידל פונעם בענקל און וויל עס ארופציִען אף זיך, נאָר דאָס פאָנעם פארקרימט זיך, זי קאָן ניט רירן מיט קיין אייווער, פונקט ווי מע וואָלט איר אויסגעדרייט די גלידער. ראָכטשע קערעוועט אָפּ דעם קאָפּ אין א זייַט, און דאָס קליידל פאלט בא איר ארויס פון די הענט.

— ס'טוט ווייַ, הא, ראָכטשע? — פרעגט ער.

ער וואָלט עפּשער באדארפט איר זאָגן נאָך א גוט וואָרט, אָדער זי ארייַנעמען אין די הענט אזוי ווי עס גלוסט זיך אים טאקע, נאָר בומע וויל ניט צופיל זי פּעסטען, זשאלעוועט גוטע רייד, ער געדענקט גוט דעם פּעטער זייַוולס ווערטער, און די מאמע האלט אויך פון דעם קלאל: „א הונט און א ווייַב טאָר מען שטארק ניט נאָכגעבן און ניט לאשטשען — א הונט ווערט אָן די בייזקייַט, א ווייַב, פארקערט, זי וועט זיך זעצן אפן קאָפּ און ווערן גיפטיקער פון א שלאנג".

פונדעסטוועגן איז בומע צוגעגאנגען צו ראָכטשען, זי א נעם געטאָן מיטביידע הענט העכער די היפטן, זי איבערגעשטעלט אף אן אנדער אָרט, דערבייַ א צופרידענער געזאָגט:

— מיט די געדוטן, ראָכטשע, פּלאָנטער זיך ניט צווישן די פיס, עפּשער וואָלסטו זיך אָנגעטאָן צי וואָס?

2

דער פעטער זייַוול האָט געהאט אין בומען א גרויסן כיילעק. דער פלעמעניק וועט אים האָבן צו געדענקען ווייַל ער וועט לעבן. פון קליינווייַז אָן, ווען בומע האָט אים, אָלעוו־האשאָלעם, נאָך אין די אויגן ניט געזען, בלויז זיך אָנגעהערט פארשיידענע געשיכטעס וועגן אים, איז דער פעטער געווען פאר אים א מוסטער פון א מענטשן מיט א גוואלדיקן קויעך. א מענטשן, וואָס קאָן גויווער זייַן אלע שוועריקייַטן. ווער נאָך איז געווען אזא אקשן, אזא כוצפּעניק. א קלייניקייַט, ווען זייַוועלע איז נאָך געווען א יִינגל, האָט ער פארלאָזט די היים, אוועקגעלאָזט זיך אין א גרויסער שטאָט, אָנגעקומען אין א רעמעסלענע שול. פארענדיקט דאָס לערנען, האָט ער א צייַט געארבעט בא באלעבאטים, געווען אפילע אן אגענט בא דער זינגער־קאָמפּאניע. ווען זייַוועלע קראָפּ האָט זיך אומגעקערט אין שטעטל, איז ער שוין געווען א מעכאניק, א מומכע, וואָס האָט געוווּסט די סוידעס פון אלערליי מאשינעס. צום אלעמערשטן האָט ער זיך גענומען צו מענדל צאַפּס מיל — ארויסגעוואָרפן די מילשטיינער און פארביטן זיי מיט וואלצן, צעטריבן די בלינדע פערד און געבראכט צו פירן א דאמף־מאשין, וועלכע זעקס פּאָר אָקסן האָבן קוים געבראכט צו שלעפּן פון דער סטאנציע. אדהייַעם געדענקט מען אין שטעטל יענעם טאָג, ווען אף מענדל צאַפּס מיל האָט זיך באוויזן א הויכער אייַזערנער קוימען און דאָס קליינע דאמף־טרייַבל האָט זיך צעגוואלדעוועט מיט אזא געוויין, מיט אזא גרילצערייַ, אז דאָס גאנצע שטעטל האָט זיך געלאָזט לויפן צו דער מיל, ווי אף א סרייפע. א גוטע געשוואָלענע שאָ האָט די מיל געהודעט: דאָס האָט זייַוועלע אומיסטן געוואָלט ווייַזן דער וועלט, וואָס ער קען.

און אין שטעטל איז אוועק א סעדרע מיט פּאראָוויקעס, אוליניצעס, קרופּאָרושקעס און טשוכרייַקעס. זייַוולען האָט מען געריסן אף שטיקלעך. טאָמער איז אפן טויק קאליע געוואָרן א דרעשמאשין, איז מען געקומען צו זייַוועלע קראָפּ ווי צו א באוווּסטן רויפע. איז צעבראָכן געוואָרן א נייַ־מאשין, האָט מען זי געמוזט ברענגען צום מומכע. און אז דער קאסיר אין באנק האָט פארגעסן די שליסלען אין קאסע, האָט נאָר זייַוועלע קראָפּ געקענט אופשליסן די סעקרעטנע שלעסער. באם אייַנקויפן די דאמף־מאשינעס האָט ער, דער איינציקער מיוון, ניט דערלייגט און פאר אייַנשטעלן די מאשינעס געשונדן די הויט. זייַוועלע פלעגט זיך אויספּייַנען פאר דער שוועסטער: „ברייַנדעלע, וואָס טוט מען, איך ווער פארלייַזיקט פון געלט".

אויסגעהערט די אלע מייַסעס, האָט בומע נאָך יִינגלווייַז געקייַט די אונטערשטע ליפּ, געבייַלט די שווערע פויסטן און זיך אליין געשווירן: „איך וועל האָבן דעם פּעטערס גאָלדענע הענט, זייַן מיניסטערשן קאָפּ, איך וועל האָבן". וויפל נעכט איז בומע ניט געשלאָפן, וויפל מאָל האָט ער זייַוועלען געזען אין כאָלעם. און אָט איז געקומען דער טאָג, ווען זייַוועלע האָט זיך ארייַנגעשטעלט צו זיי אין שטוב ארייַן. די מאמע איז געוואָרן צעטראָגן און ניט געוווּסט, וואָס מיט אים צו

טאָן. זי האָט פון אים אַראָפּגעצויגן דעם רעגנמאַנטל, זיך געבעטן בא אים, ער זאָל זאָגן, וואָס אים צוגרייטן עסן, און ער איז געשטאַנען אינמיטן שטוב, באַטראַכט די ווענט, די סטעליע און, ווי צו זיך אַליין, א בורטשע געטאָן:

— ברײַנדל, לאָז מיך צורו.

צוגעשפּאַרט זיך מיט דער פּלייצע צו דער שאַפע איז בומע געשטאַנען און פאַרגאַפּט באַטראַכט דעם גאַסט. דער נײַער טונקל־בלויער פּידזשאַק זײַנער איז געווען צעכראַסטעט. די פּאָלעס צעוואָרפן אין די זײַטן, און די הענט אַרײַנגערוקט טיף אין די הויזן־קעשענעס. דערפאַר איז דער זשילעט געווען פאַרקנעפּלט אף אָן א שיר קליינע קנעפּלעך און שטאַרק אײַנגעצויגן דעם פּעטערס רירעוודיקן קערפּער. די אויסגעפּרעסטע הויזן זײַנען געווען אַרײַנגעלאָזט אין די גלאַנציקע כּאַליעוועס פון נײַינקע כראָמעווע שטיוועלעך, וואָס זײַנען געווען ווי אויסגעגאָסן אף זײַנע לאַנגע קרומלעכע פיס. מע האָט געקאָנט מיינען, אַז דער פּעטער זײַוול איז אַלע זײַנע יאָרן געזעסן רײַטנדיק אף א פעסל. אפן שטאָלצן קאָפּ האָט פאַרשײַט געשטעקט א הויכער קאַרטוז מיט א גלאַנציקן דאַשעק, די סאַמע מיט פונעם דאַשעק איז געווען צוגעבויגן צום האָרביקל פון זײַן אָדלערישער נאָז. לאַנג אף איין אָרט האָט ער ניט געקאָנט אײַנשטיין. ער האָט ניט גערוט. פונקט אזוי ווי דער ציגאַר אין זײַן מויל, וואָס האָט זיך געוואָרפן פון איין ווינקל אינעם צווייטן.

אף בומען האָט ער דעמלט אפילע קיין קוק ניט געגעבן. דער פּעטער איז גלײַך אוועק אין אַלקער און זיך אָנידערגעשטעלט באַם פענצטער. בומע האָט געזען, ווי די מאַמע איז צו אים פאַרזיכטיק צוגעגאַנגען און אים שטיל געפרעגט:

— נו, זיך אָנגעהוליעט, עפּשער וועסטו זיך שוין מיט איר איבערבעטן. ביזוואַנען איז דער שיר אַרומבלאָנקען, ווי א פאַריאָגטער הונט?

דער פּעטער זײַוול האָט אפילע ניט אויסגעקערעוועט דעם קאָפּ צו דער שוועסטער, אונטערגעברומט זײַן באַליבט לידל:

ווּו ביסטו געווען, אַז דאָס געלט איז געווען
און דאָס לעבן איז געווען צוקער־זיס...

אָפּגעווען צוויי טעג, איז ער אָן א זײַ־געזונט נעלעם געוואָרן. אין א צײַט אַרום זיך נאָכאַמאָל באַוויזן, ווידער שאָענווײַז אָפּגעשטאַנען באַם פענצטער, זיך אײַנגעקוקט אין דער שטוב, וואָס איז געשטאַנען אַנטקעגניבער, ביז זײַן ווײַב האָט זיך באַוויזן אפן גאַנעק, זי אָנגעקוקט. מער האָט ער, ווײַזט אויס, ניט באַדאַרפט.

לייקע, אײַזיק דעם בלעכערס טאָכטער, איז שולדיק געווען אין דעם, וואָס דער פּעטער האָט ניט געהאַט קיין מאָקעם־מענוכע. זי האָט נאָר געוואָלט, ער זאָל אַרײַנטרעטן אין אַרטעל, וואָס האָט זיך דעמלט אָרגאַניזירט. און זײַוול האָט זיך ערשט פאַרמאָסטן פאַרברייטערן זײַן געשעפט. ער האָט אײַנגעקויפט אַלטע קעפּלעך פון נײַ־מאַשינעס, זיי אָפּגערעמאָנטירט, איבערגעפאַרבט, אף זיי אויסגעמאָלט זינגערס פירמע און פאַרקנאַקט זיי ווי שפּאָגל־נײַע. לייקען זײַנען די דאָזיקע געשעפטן ניט געפעלן געווען. ביפראַט, אַז זי איז געווען די אָנפירערן פונעם פרויען־אָפּטייל באַם אויספּירקאָם. אף אַלע יאָמטויווים פלעגט זי אַרויסטרעטן מיט רעדעס. זי האָט טאַקע געגרינדעט דעם אַרטעל. דאָס ווײַבל האָט אײַנגעלייגט די וועלט, אַז זײַוועלע זאָל קומען צום סייכל, פאַרשטיין, אַז קיין אַנדער וועג איז ניטאָ און וועט ניט זײַן. נאָר זײַוועלען איז דאָס ניט אָנגעשטאַנען. ער מיט אַמכאָ אף איין ברעט? ער מיט אײַזיק דעם בלעכער, וואָס האָט שטיינער אין די אַרבל, — אין איין אַרטעל? ער מיט די טאַנדעטניקעס, מיט סטאָליערס־קאַליקעס, וואָס קאָנען קוים צונויפקלאַפּן א קעסטל, ער, דער גרויסער מעכאַניקער, זאָל אַרבעטן אף געהאַלט, וואָס מע וועט אויסצאָלן צוויי מאָל א כוידעש? קיינמאָל אין דער וועלט ניט! ער האָט געהאַלטן פונעם קלאָל — אַליין איז די נעשאָמע ריין.

קיינער האָט ניט געוווּסט, וואָס פאַר א געשפּרעך ער האָט געהאַט מיט זײַן פרוי. נאָר אין איינעם א שיינעם טאָג האָט זײַוול איבערגעלאָזט האַק־און־פּאַק און איז אוועקגעפאָרן. בלויז דער נאָמען, דער שעם זײַנער איז פאַרבליבן. אינעם שטעטל האָט מען גערעדט, אַז לייקע וועט קיינמאָל ניט אָנבייגן דעם קאָפּ און זײַוועלע דער אַקשן וועט אוודאי ניט קומען צו איר זיך בוקן.

דער אייגענער טאַטע איז בומען ניט געווען אזוי אײַנגעבאַקן אין האַרצן, ווי דער פּעטער זײַוול. ער געדענקט דעם פּאָטער א סטולעוואַטן, מיט לאַנגע שווערע הענט. דאַכט זיך, נאָך ליגנדיק אין וויגל, האָט בומע געהערט, ווי אין קאַמער הובלעוועט דער הובל. ווען דער טאַטע איז אַרײַנגעטראָטן צו לייקען אין אַרטעל, האָט מען די קאַמער פאַרמאַכט און אין שטוב האָט אופגעהערט שמעקן מיט סקיפּידאַר און מיט סאָסנאָווע סטרוזשקעס. בלויז פון דעם אוווער פון דעם סטאָליאַרסקע קליי האָט מען ניט געקאָנט פּטער ווערן. אין שטוב האָט דער טאַטע קיין דייע

ניט געהאַט, אין שטאָט האָט מען גערעדט: ברײַנדעלע גייט אין די הויזן, אַזאַ טעווע האָבן די קראָפּן, זיי מוזן געוועלטיקן.

אַז די מאַמע האָט געהייסן דעם טאַטן פֿאַרבלײַבן אין שטוב, זיך ניט עוואַקויִרן, האָט ער געפאָלגט. זי האָט זיך פֿאַרענטפֿערט פֿאַר אים: די שטוב טאָר מען ניט איבערלאָזן, ווען ניט די קינדער וואָלט זי אויך ניט געפֿאָרן, איבערהויפּט האָט זי מוירע פֿאַר דער עלטערער טאָכטער — פֿאַניען.

דאָס געזעגענען זיך מיט דעם טאַטן וועט בומע קיינמאָל ניט פֿאַרגעסן. ווען זיי זײַנען שוין געזעסן אויפֿן וואָגן, איז דער טאַטע צוגעגאַנגען צו דער שוועסטער, איר אײַנגעדעקט די פֿיס מיט אַ שאַל און אים, בומען, ווי פֿאַרבײַגייענדיק אַ גלעט געטאָן די האַנט.

— פּאָרט געזונט, — האָט ער געזאָגט און איז געבליבן שטיין, ווי אַ פֿאַרגליווערטער.

בייס זיי זײַנען אַרויפֿגעפֿאָרן אויפֿן שאָסיי און די רעדער האָבן אָנגעהויבן קנאַקן, דער וואָגן שפּרינגען, האָבן די אַראָפּגעלאָזטע אַקסל באַם טאַטן גענומען ציטערן און טרייסלען זיך.

ווען מע האָט זיך אומגעקערט פֿון דער עוואַקואַציע, האָט מען געטראָפֿן אַ כורווע, ניט קיין שטוב, און דער טאַטע איז געלעגן אין גרוב אײנײנעם מיט אַלע איבעריקע ייִדן. פֿאַניע האָט עס, ווײַזט אויס, פֿריִער פֿאַרשטאַנען. עפּשער דערפֿאַר טאַקע האָט זי כאַסענע געהאַט דאָרטן, קעדיי זיך ניט אומקערן אין שטעטל. די מאַמע איז געווען אין אײנע צאָרעס, זי האָט געבראָכן די הענט און עטלעכע מאָל איבערגעכאַזערט:

— ווײַ־ווײַ, ווער האָט דען געוווּסט, אַז עס וועט געשען אַזאַ גרויסער אומגליק.

בומע איז שוין דעמלט געווען אַ באָכער פֿון זיבעצן יאָר. ער איז אָנגעקומען אַרבעטן אין אַן עמטעעס אויף אַן אויטאָמאַשין. אין דער עוואַקואַציע האָט ער געאַרבעט אויף אַ טראַקטאָר און זיך געלערנט אויף שאָפֿער־קורסן. אין אַ יאָר אַרום האָט זיך פּלוצעם באַוויזן דער פֿעטער זײַוול. וואָס ער האָט געטאָן און ווו ער איז איבערגעווען די שווערע צײַט, האָט מען באַ אים זיך ניט געקאָנט דערוויסן.

זײַוועלע קראָפּ מיט זײַן מיניסטערשן קאָפּ האָט אָבער געוווּסט, צו וואָס מע דאַרף זיך נעמען. נאָך אַזאַ מילכאָמע, ווען גאַנצענע דערפֿער זײַנען אַוועק מיטן פֿײַער, האָט ער אײדער עפּעס־וואָס צונויפֿגענומען עטלעכע באַלמעלאָכעס און געוואָרן אַ פּאָדריאַדטשיק אויף אויפֿשטעלן די צעריוּנירטע און בויען נײַע הײַזער. און ווידעראַמאָל איז מען געגאַנגען צו זײַוולען ווי נאָך מאַצע־וואַסער, ס'איז אים ווידער אַוועק מיט דער פֿולער האַנט.

דאָס מאָל האָט דער פֿעטער אַליין פֿאָרגעלייגט דער שוועסטער:

— איך וועל דײַן טאַכשיט נעמען צו זיך. ס'איז דען אַ טאַכלעס, ער זאָל דרייען דעם בייגל?

ערשט דעמלט איז מעקויעם געוואָרן בומעס טרוים.

העכער אַכט יאָר האָט ער אָפּגעאַרבעט מיטן פֿעטער. פֿאַר דער צײַט זיך אויסגעלערנט בויען שטיבער. זײַוול איז געווען מיט אים צופֿרידן. ער האָט געזאָגט:

— הענט האָסטו גאָלדענע, נאָר דער קאָפּ איז באַ דיר אַ ביסל שטומפּיק, נישקאָשע, דערפֿאַר האָט גאָט דיך ניט באַטיילט מיט קיין גוווּרע, געזונט ביסטו, ווי אַן אײַזן, דיר צו לענגערע יאָר דער זיידע ייִדע־מוישע, ווי צוויי טראָפּן וואַסער.

אַ סאַך הײַזער האָט דער פֿעטער זײַוול פֿאַר די יאָרן אויסגעבויט. נאָר ער אַליין האָט קיין אײגענע שטוב ניט געהאַט. אָפּגעטומלט, אָפּגעהאָוועט, און צום סאָף וואָס? ניפֿטער געוואָרן. אַזוי אומקומען קאָן בלויז אַ מענטש, וואָס טוט זיך אַליין אָן אַ מײַסע. עטלעכע טעג פֿאַרן טויט האָט ער געזאָגט:

— אַפֿילע אַ קאַץ אויף די עלטערע יאָרן לעבט אין מוירע, שרעקט זיך פֿאַר דעם אײגענעם שאָטן. ווען זי דערפֿילט אָבער, אַז זי דאַרף אָפּזאָגן די עטלעכע גילדן, גייט זי באַצײַטנס אַוועק פֿייגערן אויפֿן סמעטניק.

בומע קאָן ביז איצט ניט צעקײַען די דאָזיקע ווערטער.

נאָכן פֿעטער זײַוולס טויט איז דער פּאָדריאַד צעפֿאַלן געוואָרן, אומקערן זיך אין עמטעעס האָט דעמלט בומען ניט געלוּינט, און די מאַמע האָט געהאַט געוואָרפֿן אַן אויג אויף אַ ייִשעװ, וואָס געפֿינט זיך נאָענט צו דער גרויסער שטאָט. דאָרטן האָט זי געוואָלט אויסבויען אַ שטוב, פֿאַרפֿירן אַ באַלעבאַטישקײַט, ווי באַ לײַטן.

בומע איז דער ערשטער אַוועקגעפֿאָרן קיין קיִעוו. אָנגעקומען אַרבעטן אין אַן אויטאָפּאַרק. ווען ער האָט באַקומען דאָס שטיקל ערד, האָט ער אַרויסגערופֿן די מוטער צו זיך. שטעלן דעם פּלויט און אויסבויען דאָס צײַטווײַליקע שטיבל איז אים אָנגעקומען מיט גרינגע ווערעם. נאָר דאַנקען גאָט דערפֿאַר. איצט איז ער שוין אויפֿן פֿערד. דינגען באַלמעלאָכעס דאַרף ער ניט. וואָסי, ער איז קראַנק אַליין? יענעם האָט ער קאַרג הײַזער אויסגעבויט? וועט ער זיך אַליין שוין אַוודע אַוועקשטעלן אַ ליאַלקע, אַ פּאַלאַץ, ניט קיין שטוב. ביפֿראַט, אַז ער האָט אין זײַן רעשוס אַזאַ געזונטן „מאַז“, דאַרף צו קיינעם ניט אָנקומען, מע זאָל אים ברענגען צו פֿירן אַ מאַשין זאַמד אָדער קאַלך.

אין אווטאָפּארק האָט בומע זיך באמיט ניט ווארפן זיך אין די אויגן, ניט טומלען מיט פארמעסטונגען, פארפליכטונגען. פאר דעם האָט ער מוירע געהאט, ווי פאר פייַער. האָט זיך אים איינגעגעבן, האָט ער אויסגעפילט דעם פּלאַן; אויב ניט, איז וואָס האָט ער געקאָנט טאָן? לייגן זיך אין דער לענג, אין דער ברייט, ארויסשלאָגן זיך פון די קויכעס — אזאס! קויעך דארף ער האָבן פאר זיך, ביפראט אז דער פעטער זייַוול האָט אים געלערנט: „זאָלסט ניט איינלייגן די וועלט צוליב אוילעמהאבע, סייַווי וועט מען דיך ניט אויסקלייַבן פאר קיין גאבע“.

דעם גרעסטן פארגעניגן האָט בומע געהאט, ווען ער האָט זיך ארייַנגעזעצט אין מאשין, פארהאקט דאָס טירל פון דער קאבינע און ארויסגעפאָרן פונעם אווטאָפּארק. אין וועג איז ער בא זיך קייסער. קיינער שטערט אים ניט צו טרוימען. און וועגן וואָס צו טרוימען האָט ער. צום אלעמערשט וויל ער וואָס גיכער אוועקשטעלן די שטוב, עס זאָל אויסוואקסן א מויערל אף כידושים און ניט נאָר פון דרויסן זאָל עס זייַן אן אנטיק, נאָר אינווייניק אויך. אין יעדן צימער זאָל זייַן אויסגעשטעלט באלעבאטיש מעבל. אף די ווענט זאָלן הענגען טעפּיכער. אין שטוב זאָל זייַן פון קאָלטווו, און דערבייַ טאקע מאכן עטלעכע קערבלעך אויך.

ראָכטשע טויג זיך אויס, זי וועט קענען פירן די באלעבאטישקייַט, און די הויפּט־זאך איז, זי זאָל אים געבוירן א זון און נאָכדעם א טאָכטער.

ס'איז שוין אָבער באלד צוויי יאָר, זינט ער האָט כאסענע געהאט מיט ראָכטשען, און זי גייט נאָך אלץ ארום א ליידיקע. עמעס, פאר דער צייַט האָט זי אים ניט געזאָגט קיין קרום וואָרט, זי איז א שטילע, א האָרעפּאשנע. קיינמאָל קלאָגט זי זיך ניט. נאָר אָפטמאָל קוקט זי אים שווייַגנדיק אין די אויגן. בומע פילט אין דעם דאָזיקן קוק א פארבאָרגענעם מיין, א באהאלטענע פארווונדערונג. ראָכטשע האָט א טעווע א טיפן זיפץ טאָן, אָט דער זיפץ וועקט אים אָפטמאָל פון שלאָף. ניטאָ וואָס צו ריידן, ראָכטשען איז ניט גרינג, כאָטש ווען זי וואָלט זי געזאָגט, אז ס'איז איר שווער, — ניין, זי שווייַגט.

בומען ווייַזט זיך אויס, אז ניט נאָר די האָרעוואניע איז איר דערעסן. זי איז מעקאנע די שכיינים, וואָס בויען זיך אנטקעגנגיבער. ווען זי דערזעט ארויסגיין פון הויף די פארפוצטע שכיינים, קוקט זי זיי לאנג נאָך, און טאָמער איז בומע דאָ לעבן איר, פרעגט זי בלויז:

— וווהין גייען זיי?

די מאמע איז גערעכט, זי זאָגט: ווען ראָכטשע האָט א קינד, וואָלט זי אין זינען ניט געהאט קיין פּוסטע מייַסעס. ניט אומזיסט האָט די מאמע אָנגעהויבן בורטשען, ערשט נעכטן האָט זי געגעבן א שטאָך מיט א פּאָר ווערטער, וואָס זייַנען געווען פול מיט סאם־האמאָוועס. געזאָגט האָט זי דייַקע אין גוטן מוט:

— הערט נאָר, איר, הולטייַעס, ביזוואנען וועל איך ווארטן אף אן אייניק?

אָבער א לעבן וועסטו ניט אָפּקומען מיט קיין וויצן — א לעבן האָט שארפע שפּיצן.

ראָכטשע איז יונג און שלעפּט אזא שווערן וואָגן. פּרווו א טעלעצע אייַנשפּאנען אין אן אקער, וועט זי דען פארגיין אין טראָגן? אף וועמען זשע דען זאָל ער זיך פארלאָזן? אף דער מאמען? קארג האָרעוועט זי אף די עלטערע יאָרן. ווען עס איז נאָך פינצטער אין דרויסן, פּאָרעט זי זיך שוין בא דער בעהיימע, עס ווערט נאָר ליכטיק, שפּאנט זי זיך אייַן, ווי אן אייזל. פון פּאָרנט א קאָשעק מיט קריגלעך סמעטענע, אף די פּלייצעס צוגעבונדן א זאק, אין וועלכן עס איז ארייַנגעשטעלט א בידאָן מילך, און הייַדא אין מארק ארייַן. אזוי טאָג־אייַן, טאָג־אויס.

שווער איז בומען אפן הארצן. די געדאנקען מוטשען אים, און ווי אפּצולאָכעס מישט זיך ארייַן דער פעטער זייַוול. בומע געדענקט זייַנע ווערטער:

„איך קוק אף דיר, בומע, און פיל אין דיר דעם קויעך פון דעם זיידן, מייַן טאטן אָלעווהאשאָלעם. אָבער טאָמער, כאָלילע, וועסטו אָפּפיצקען דייַן לעבן, ווי איך, ניט איבערלאָזן נאָך זיך קיין יוירעש, וועסטו צופּוס קומען אין גענעם. דאָרטן, זאָלסטו וויסן זייַן, איז קיין ווענטיליאציע ניטאָ און קיין פאראָוואָיע באהייצונג אוודע ניט“.

בומע טראכט: א ווייַב האָט ער, א שטוב וועט ער אויסבויען. און קינדער?.. לאנג טראכטן וועגן דעם איז ער ניט אימשטאנד, אניט קאָן מען נאָך אראָפּ פון זינען, ער וועט ארופפאָרן אף א וואנט, ער וועט אראָפּשלייַדערן די מאשין פון א בארג. ער טוט א טרייסל מיטן קאָפּ, עפנט ברייטער די אויגן — אנטקעגן לויפן סלופּעס, ביימער, גאנצע וועלדער און פעלדער. איינגיכן וועט אלץ זיך צעגרינען, עס וועט ווערן ווארעם אין דרויסן. די מאשין טראָגט זיך ווי א ווייכער, און בומע באמיט זיך טראכטן וועגן עפּעס אנדערש. ער פּאָרט ארייַן אין א ייִשעוו. די נייַע קאָטעדזשן לאָזן אים ניט צורו. ער מוז אָפּשטעלן די מאשין. ער האָט באמערקט באם וועג א שטיבל, וואָס איז אים באזונדערס געפעלן. אהאָ, דער אוילעם האָט זיך אויסגעלערנט בויען, מע בויט און מע בויט. און ווען ער פּאָרט אוועק ווייַטער, רעדט ער זיך אליין אייַן: ס'איז ניט מעסוקן, בא אים וועט זייַן א שענערע

שטוב. ערשטנס, וועלן די פֿענצטער זײַן ברייטער און דער דאַך — געדעקט מיט בלעך, ניט מיט קיין טשערעפּיצע. אַ שאָד נאָר, וואָס דער סאָד איז אַ קלענער. אַ פּיצל גאָרטן האָט מען אים אויסגעטיילט. נאָר סײַוויסיי וועט ער פֿון דעם שטיקל ערד אַרויסנעמען די נעשאָמע. די מאַמע ווייסט, וואָס דער מאַרק פֿאָדערט. די ערשטע פּאָמידאָרן און אוגערקעס זײַנען טאָמיד מיט גאָלד גלײַך. די מאַמע האָט אַ כוש צום האַנדל, דער גאַנצער מאַרק איז בײַ איר אין קעשענע. די באָבע ברײַנע רופֿט מען זי דאָרטן. די הענדלערקעס האָבן פֿאַר איר אָפּשײַ און מע טראָגט איר אַנטקעגן דעם גוטמאָרגן. ווײַל אין ברײַנען איז געוועגדט, וואָס פֿאַר אַ פּרײַז עס וועט זײַן דעם טאָג אויף סמעטענע און אויף מילך, אויף אייער און אויף הינער. אַ שמעקער האָט די באָבע אָן אָדלערישן, מיט אַ האָרביקל, פּונקט אַזוי ווי בײַ איר ברודער זײַוול. זי איז אַ וווּקסיקע, אַ רירעוודיקע, אינגאַנצן איבערגעפּלאָכטן מיט אָדערן. זי וועט זיך שוין ניט איבערברעכן. עמעס, דאָס לעצטע יאָר איז די פּלאַטשיקע פּלייצע אירע אַ ביסל אײַנגעבויגן געוואָרן. זומער און ווינטער טראָגט זי אויסגעדאַרטע שטיוול, וועלכע שאַרקען הילכיק איבערן גאַנצן מאַרק. ברײַנדעלעס געגנגעלע דערקענט מען פֿונדערווײַטן.

עס מעג דונערן און בליצן, עס מעג רעגענען און שנייען, וועט ברײַנע אין שטוב ניט אײַנזיצן. אינעם האַנדל פֿילט זי אַ באַזונדערן טאַם. זי קאָן אָן דעם מאַרק ניט לעבן.

ווי נאָר עס לעשן זיך אויס די שטערן אין הימל, דערהערט זיך אין הויף אַ טעמפּ קלאַפּן פֿון אַ קאָוועל־האַמער. דאָס שפּאַלט בומע שטיינער. ער וויל ניט אָבי־ווי אָנוואַלגערן די הרודעס אין טראַנשיי. יעדער שטיין דאַרף זײַן פּלאַטשיק און פֿעסט צושטיין איינער צום אַנדערן.

בומע זשאַלעוועט ניט קיין קויכעס. יעדן אָפּגעשפּאָלטענעם שטיק שטיין האַקט ער אַרום מיט אַ קלײנעם האַמער, טעסעט אָפּ פֿון אים ווי אַ האָרביקל, עס מאַכט ניט אויס, וואָס די פֿונקען שפּריצן אין די אויגן, שפּליטערס זעצן אין פּאָנעם און אין דער צעכראַסטעטער ברוסט. מיט גרויס פֿאַרגעניגן גלעט ער אַרום יעדן אָפּגעטעסעטן שטיין און לייגט אים פּאָרזיכטיק אַנידער אויף דער ערד ווי עפּעס אַ לעבעדיקן נעפֿעש. בומע איז אַזוי פֿאַרטאָן אין דער אַרבעט, אַז ער באַמערקט ניט, ווי ראָכטשע קומט אונטער. אַ שווײַגנדיקע קוקט זי אויף אים מיט אַ ביטערן שמייכל, קוקט אויף דעם צעיושעטן שווייס, וואָס רינט פֿון זײַן פּאָנעם, באַמערקט די פּינטעלעך בלוט, וואָס זײַנען אַרויסגעטראָטן אויף זײַן הויט, פּונקט ווי ער וואָלט עס צעקראַצט פּאָקן אויף די באַקן.

ווי נאָר ער האָט דערזען ראָכטשען, האָט ער מיט דער האַנט אָנגעוויזן אויף אַ גרויסן שטיין.

— אָ, ראָכטשע, באַלד וועלן מיר זיך נעמען צו יענעם גוילעם.

ראָכטשע פֿאַרשטייט, אַז זי דאַרף אָפּוואַרפֿן אין אַ זײַט די קלענערע שטיינער, מיט וועלכע די הליבע איז פֿאַרוואַלגערט. אָפּגערייניקט דעם גוילעם, פּרוּווט זי אים רירן פֿונעם אָרט. ס׳איז אָבער ניט פֿאַר אירע קויכעס. קומט איר בומע צוהילף. ביידע שלעפּן אַרויס אויפֿן בערגל דעם גרויסן האָרבאַטן שטיין מיט די שאַרפֿע שפּיצן. בומע שפּײַט אָן אין די דלאָניעס, נעמט דעם האַמער אין די הענט. אַפּריִער גייט ער אַרום און אַרום דעם שטיין, אויסגעקליבן דאָס נייטיקע אָרט, שטעלט ער זיך אַנידער מיט צעשפּרייטע פֿיס. הייבט אויף דעם האַמער אין דער הייך. מיט יעדן קלאַפּ טוט ער אַ היקע. יעדער מאָל קלאַפּט בומע שטאַרקער און היקעט הילכיקער. ראָכטשען דאַכט זיך, אַז דער האַמער וועט באַלד אַרויסרײַסן די הענט פֿון זײַנע אַקסל. נאָר בומע שטעלט זיך ניט אָפּ. ראָכטשע פֿאַרקרימט זיך.

— ברענט ער אויפֿן פֿײַער!

בומע שטעלט זיך אָפּ, ווישט אָפּ מיטן אַרבל דעם נאַסן שטערן.

— שטיינער ברענען ניט, — זאָגט ער אַ פֿאַרסאָפּעטער. ער כאַפּט אַ בייזן קוק אויף ראָכטשען, פּונקט זי וואָלט זײַן שולדיק, וואָס דער שטיין גיט זיך ניט אונטער. אין אַ ווײַלע אַרום בייגט ער זיך אָן, טוט אַ שאַר מיט דער האַנט איבערן גוילעם, ווי ער וואָלט זיך בעטן בײַ אים, ער זאָל זיך ניט אַקשענען, און קלאַפּט נאָכאַמאָל. ראָכטשע קערעוועט אָפּ דאָס פּאָנעם אין אַ זײַט, זי קאָן ניט קוקן.

ענדלעך איז דער שטיין צעשפּאָלטן אויף צוויי שטיקער. בומעס נאַסע אויגן בלישטשען. אַ זיגעריש שמייכעלע באַווײַזט זיך אויף זײַן פּאָנעם. דעם אָפּגעשפּאָלטענעם שטיק שטיין נעמט ראָכטשע אַרומהאַקן. זי טוט עס פּינקטלעך, ווי בומע. און ער נעמט זיך ווידער צום קאָוועל־האַמער. איצטער קלאַפּן אין הויף צוויי האַמערס. איינער שנעלער, און דער צווייטער אַלץ לאַנגזאַמער און לאַנגזאַמער.

בומע האָט ניט קיין געדולד, ער וויל נאָך הײַנט אויסלייגן די צוגעגרייטע שטיינער, קריכט ער אַרײַן אין טראַנשיי און זאָגט צו ראָכטשען:

— נו, אין אַ גוטער שאָ, דעם ערשטן שטיין וועל איך אַנידערלייגן. אַנו, דערלאַנג מיר יענעם פּיפּערנאָטער.

ראַכטשע דערלאַנגט אים דעם שטיין, און בומע מאַסטעט אים איַין, גליַיכט זיך אויס און וויַיזט מיט דער האַנט:

— איצטער גיב אהער אַט יענעם מאַמזער.

ראַכטשע דערלאַנגט אים דעם „מאַמזער". בומע באַטראַכט אים א וויַילע, גלעט און שפּיגלט זיך איַין אים, לייגט איַין א זיַיט און הייסט:

— אַט יענער גאַזלען וועט זיך בעסער אַנידערלייגן.

בומע איז צופרידן. די שטיינער לייגן זיך אויס אַזוי, ווי ער האָט געוואָלט, יעדער שטיין האָט בא אים אַן אָרט און א צונעמעניש. אויסגעלייגט דעם ערשטן שיכט, ריַיבט בומע די הענט...

— איצטער, — זאָגט ער, — וועלן מיר פאַרשיטן מיט א ביסל ניסלעך.

ראַכטשע כאַפּט צוויי ליידיקע עמער און לויפט אַוועק צו דער קופּע גראַווי. די שטיינדלעך קלאַפּן איַין די עמער, צוערשט קלינגעוודיק, נאָכדעם טעמפּער און טעמפּער. ראַכטשע איַילט זיך. זי ווייסט, אַז בומע וואַרט מיט אומגעדולד. די שווערע עמער בייגן זי צו דער ערד, אַף די הענט און אַפן האַלדז באַוויַיזן זיך אָנגעבלאָזענע אָדערן. זי טראָגט אונטער בומען די עמער מיט גראַווי, און ער שיט זיי אַפּגיך אויס. ווען ער באַמערקט, ווי דאָס קאָפּטל איז אַף איר נאַס געוואָרן, זאָגט ער:

— לאָמיר א ביסל אָפּרוען, — ער מאַסטעט זיך איַין אַפן ראַנד פון דער טראַנשיי, ראַכטשע זעצט זיך אַנידער אַף א שטיין און קוקט מיט ראַכמאָנעס אַף בומען.

— וואָס קוקסטו אַזוי אַף מיר? — פרעגט ער.

— איך ווייס? — טוט זי א צוק מיט די אַקסל. — איך זע, דו ביסט צופרידן, איז מיר אויך גוט.

— גוט... זייער גוט! אויסגעלייגט די שטיינער, איז טאַקע אָפּגעטאָן א שטיק אַרבעט.

— אָפּגעטאָן. אַזוי צוביסלעך וועט די שטוב פאַרטיק ווערן.

— ווי דען, זי וועט ניט פאַרטיק ווערן?

— מינאַסטאַם וועט געדויערן א יאָר צוויי, דריַי, און עפּשער אַלע פיר.

— ווער האָט דיר געזאָגט, — האָט בומע געהעכערט זיַין קאָל.

— וואָס זשע, איך זע ניט, מע קאָן דאָך אַזוי אויסציִען די פּיס ביז עפּעס־וואָס... — ראַכטשע איז שטיל געבליבן, זי האָט באַמערקט די פאַרשמאָלטע אויגן זיַינע, דערזען אין זיי א בייז וואָר־סערל. ער האָט לאַנגזאַם א שאַר געטאָן מיט דער האַנט איבער דעם פאַרוואַקסענעם פּאָנעם:

— וואָס זשע דען האָסטו געוואָלט, מע זאָל דיר אונטערטראָגן א געשיילט אייעלע?

— איך וויל גאָרניט. אויב דיר איז ליב, איז מיר ניכע. — זי האָט זיך אופגעהויבן פון אָרט, גענומען די עמער און ווידער אַוועק נאָך גראַווי. בומע האָט זיך ניט גערירט פון אָרט. ער איז געזעסן, ווי א פאַרגליווערטער, ער האָט זיך אַפילע קיין ריר ניט געטאָן, ווען זי איז פאַר אים געשטאַנען א שוויַיגנדיקע מיט צוויי אָנגעפילטע עמער. ענדלעך האָט ער אופגעהויבן דעם קאָפּ און א קוק געגעבן אַף ראַכטשען. זי האָט אים געפּאַטערט די שטימונג. מיט א שפּיז אים דערלאַנגט אין האַרץ. ראַכטשע טראָגט די שווערע עמער, און ער שיט זיי אויס אין טראַנשיי. ענדלעך זאָגט ער מיט א פאַרטיַיעטן קאָס:

— זאָל זיַין גענוג.

ראַכטשע ווייסט: איצטער דאַרף מען צוגרייטן וואַפּנע. זי ברענגט צו שלעפּן דעם הילצער־נעם פּירעקיקן קאַסטן, נעמט די לאָפּעטע און וואַרפט אָן זאַמד, נאָכדעם כאַפּט זי די ליידיקע עמער און לויפט אַוועק נאָך וואַסער. פאַר דער ציַיט שיט אונטער בומע קאַלך און צעמענט. געבראַכט נאָכאַמאָל וואַסער, נעמט זיך ראַכטשע צו דער לאָפּעטע, זי מישט לאַנג און אַקשאָנעס־דיק, זי טוט אַלץ שוויַיגנדיק און מיט אַקשאָנעס. ווען זי נעמט נאָכאַמאָל אונטערגיסן וואַסער, צעשריַיט זיך אַף איר בומע:

— וואָס טוסטו, ס'איז דיר אַרויס...

— גוואַלדעווע ניט, — זאָגט ראַכטשע שטיל, — איך וועל אונטערשיטן א ביסל זאַמד, וועט זיַין אַקוראַט.

זי איז גערעכט. בומע האָט זיך ניט וואָס צו בייזערן אַף איר, ניט דערפאַר האָט ער אַף איר געשריִען, אין אים ברענט א פיַיער דערפאַר, וואָס זי שוויַיגט.

פאַרן אַוועקגיין אין גאַראַזש זאָגט ער אָן ראַכטשען, זי זאָל פאַרמישן נאָך פינף קאַסטנס און זיי אויסגיסן אין טראַנשיי. ער מעג זיך אַף איר פאַרלאָזן, זי וועט עס אָפּטאָן ווי עס דאַרף צו זיַין. דערפאַר ברעט עס אים דאָך, וואָס טאָן טוט זי, נאָר קיין האַרץ לייגט זי ניט אַריַין אין דער אַרבעט. זי איז ניט פאַרגלייבט אין אים. יאָ אַרבעטן, ניט אַרבעטן איז בא איר אַלציינס. אָפּטמאָל דאַכט זיך אים אויס, אַז פון זינט ער האָט אָנגעהויבן בויען די שטוב, איז זי אים גע־וואָרן א סוינע. באַם טיש פילט ער, אַז זי איז אים איבערגעגעבן מיט ליַיב און לעבן, זי וואָלט

זיך אַליין אַרײַנגעלייגט אין טעלער, אַבי ער זאָל זײַן זאַט, מיט אַ מינע ציכטיקע גוטע אויגן קוקט זי אויף אים, ווען ער האָט האַנאָע פֿונעם עסן. אָבער ווי נאָר זי גייט אַרויס אין הויף, ווערט זי אַן אַנדער מענטש, האַרט און אײַנגעשפּאַרט, ווי דער גוילעם־שטיין, וויל זיך בעשום־אויפֿן ניט אונטערגעבן. ער געדענקט דאָך, ווען ער האָט פֿאַר איר אויסגעמאָלט, וואָס פֿאַר אַ שטוב ער קלײַבט זיך אוועקשטעלן, האָט זי בלויז באַדויערנדיק אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ און דערבײַ נאָך אַ שווערן זיפֿץ געטאָן. ווען ער האָט איר געגעבן צו פֿאַרשטיין, אַז אַ מענטש דאַרף האָבן אַ דאַך איבערן קאָפּ, האָט זי אויפֿגעהויבן די אויגן אויף אים, דערנאָך איבערגעפֿירט דעם בליק צום נײַעם מאַסיוו און מיט אַ מין בענקשאַפֿט געפֿרעגט:

— פֿאַר וועמען זשע בויט מען יענע הײַזער, ניט פֿאַר קיין מענטשן?

גיי דערקלער איר, אַז אַן אייגענע שטוב איז אַ כּיעס אין די ביינער. גיי דערציייל איר, אַז דאָרטן אויפֿן מאַסיוו וועסטו קיין בעהיימע ניט האַלטן און קיין סאָד ניט פֿאַרפֿלאַנצן. גיי דויבע איר אײַן אין קאָפּ, אַז אַליין איז די נעשאָמע ריין.

אַזוי יעדער טאָג, און הײַנט באַזונדערס. נאָך דעם שמועס מיט דעם ווײַב איז בומע אַוועק אין אַוטאָפּאַרק מיט אַ שווער האַרץ.

ווען ראָכטשע איז געבליבן אַליין אין הויף, האָט זי גענומען פֿאַרמישן די מולטערס. זי האָט געאײַלט אָפּטאָן די דאָזיקע אַרבעט, ביז עס וועט זיך אָנהייבן די היץ. זי דאַרף נאָך צושטעלן דעם וואַרמעס, אָנטראָגן דרײַ דייזשקעס וואַסער. דערווײַל מישט זי מיט דער לאָפּעטע די געדיכטע פּליסיקײַט. בומע האָט אָנגעזאָגט, אַז ביז עס וועט ניט ווערן ווי יונגע סמעטענע, זאָל זי ניט פֿאַרגיסן דעם פֿונדאַמענט. איין מולטער אויסגעגאָסן, נעמט זי זיך צו דער צווייטער. אַליין אַרבעט זיך איר עפּעס גרינגער. זי האָט פֿײַנט, אַז מע קוקט איר אין די הענט אַרײַן. פֿאַרענדיקט מיט דער וואַפּנע און אַפּגיך צוגעשטעלט דעם וואַרמעס, האָט זי גענומען אָנטראָגן וואַסער. פֿון דער דאָזיקער אַרבעט ווערט איר וואַסערדיק אין די אויגן. די קאָראָמיסלע ווערט צוגעזאָטן צום אַקסל. זי איז אַזוי פֿאַרטאָן אין דער אַרבעט, אַז זי האָט קיין צײַט ניט פֿאַרנעמען די פּאַסמעס האָר, וואָס האָבן זיך צוגעקלעפּט צום פֿײַכטן שטערן. דאָס געזיכט, די פֿאַרברויִנטע נאַקעטע הענט און דער הויכער האַלדז איז פֿאַרפּאָראָשעט מיט צעמענט־שטויב, דער זאַמד קריצט נאָך אַלץ אונטער די ציין. ראָכטשע איז ווי אַ מאַשין, שפּאַנט אַהין מיט ליידיקע עמער, אַפּצוריק מיט פֿולע. די בריסטן ווערן נאַס, סטאַרטשען אַרויס פֿון אונטער דעם צוגעקלעפּטן העמד, ווי נאַקעטע. ס'איז אַ ביזאָיען אַזוי אַרויסגיין פֿון הויף. דערצו זײַנען די פֿיס און די הענט פֿאַרדוביִעט געוואָרן. זי קאָן שוין ניט רירן מיט קיין איבער. אָן אויסגעמאַטערטע, זעצט זי זיך צו אויף אַ רעגע, נאָכדעם גייט זי פֿאַרקייטלען דאָס טירל באַם טויער, פֿירט אַוועק דעם הונט הינטער דער שטוב און בינדט אים צו צו אַ בוים.

ראָכטשע טוט זיך אויס נאַקעט און קריכט אַרײַן אין דער דייזשקע. פֿון אָנפֿאַנג טוט די קילע וואַסער אַ שאָב ווי מיט מעסערס איבער דעם צעוואַרעמטן לײַב, נאָר גאָר אײַנגיכן ווערט זי צוגעוווינט. זי פּליושקעט זיך אין דער דייזשקע, ווי אַ קליין קינד, עס קערן זיך אום צו איר די קויכעס. ווען זי קריכט אַרויס פֿון דער דייזשקע, וויקלט זי זיך אַרום מיט אַ לײַלעך, זעצט זיך אַוועק אָנטקעגן דער זון. זי פֿאַרהייבט דעם קאָפּ און פֿאַרמאַכט די אויגן. דאָס פּאָנעם איז ריין און לויטער, אויפֿן האַלדז זײַנען פֿאַרגליווערט געוואָרן עטלעכע שעמערירנדיקע טראָפּנס. די זון־שטראַלן וואַרעמען אַזוי, אַז עס גלוסט זיך כאַפּן אַ דרעמל. צי ווײַזט זיך איר אויס, צי פֿלאָנטערט זיך איר טאַקע אַ כאָלעם: זי איז אַ קליינינקע, אַ גרינגע, די מאַמע האָט זי נאָרוואָס אויסגעבאָדן אין אַ וואַרעמער מולטער וואַסער, אײַנגעהילט זי אין אַ לײַלעך און גענומען האַסטיק ווישן דאָס לײַב. אָנגעטאָן אַ ריין העמדל, טראָגט זי די מאַמע אויף די הענט צו דעם בעט. די מאַמע שעפּטשעט עפּעס, נאָר ראָכטשע פֿאַרשטייט גאָרניט. זי ווערט אַנשלאָפֿן... פּלוצלינג טוט זי אַ ציטער. אַ דערשראָקענע קוקט זי זיך אַרום, די מאַמע איז נעלעם געוואָרן. זי וויל זיך דערמאָנען דער מאַמעס פּאָנעם און קאָן ניט. זי געדענקט זי טאַקע ווי אין אַ כאָלעם...

גענוג צו זיצן, זי האָט נאָך אַ סאַך אַרבעט. זי איז שוין ניט מיד. זי קאָן זיך שוין ווידער אײַנשפּאַנען ביז שפּעט אין דער נאַכט.

ווען ברײַנע קומט פֿון מאַרק, איז די שטאַל אויסגערייניקט, די בעהיימע אויסגעמאָלקן, די שטוב איז אויפֿגעראַמט און דער וואַרמעס איז גרייט. אָבער ראָכטשע רוט ניט. איצטער סאַפּעט זי דעם גאָרטן, גראָבט אַרום די ביימער. נאָרוואָס האָט ברײַנע אַראָפּגעוואָרפֿן די קלומקעס פֿון די אַקסל און זיך אַנידערגעזעצט אויף דער באַנק אָפּרוען.

אָפּדערנאַכט, ווען די אַלטע קומט אַהיים, איז איר טאָרבע אַ שווערע און דער בוזעם אַ פֿולער. זי איז צופֿרידן מיטן טאָג, זי האָט האַנאָע. און אַלעמאָל, ווען בומע שלעפּט אַראָפּ פֿון איר די שטיוול, זאָגט זי מיט אַ שמייכל:

— ווען איך האָב אַן אייניק, וואָלט איך אים געבראַכט אַ מאַטאָנע. אַזוי, ווּעמען זאָל איך ברענגען? דעם הונט?

בעסער וואָלט זי אים געגעבן מיט אַ דובינע איבערן קאָפּ. באַ די דאָזיקע ווערטער פאַרקרימט ער זיך און ס'רײַסט זיך אַרויס פון זײַן מויל:

— מיט די געדוטן, אַ נעכפּע אין די ביינער.

4

ברײַנע שפּיגלט זיך מאַמעש אין דער שנור. זי זעט, ווי די אַרבעט ברענט באַ איר אונטער די הענט, ראָכל קאָן צונויפדרייען אַ רועד אינדרײַען. אַ געראָטן ווײַבל אַף כּידושים, דערצו שיין, ווי די וועלט. די אַלטע קוּוּיקט זיך, איר טוט האַנאָע, וואָס די שנור האָט אין זינען איבערוואַשן די קריגלעך, וועלכע זי, ברײַנע, ברענגט פונעם מאַרק. ווען ראָכל האָט אַרויסגעטראָגן אין הויף דאָס לעצטע קריגל, קעדיי עס אַרופזעצן אַפן פּלאָקן, איז ברײַנע איר אָנגעקומען אַנטקעגן. די שוויגער האָט באַדויערנדיק געשאָקלט מיטן קאָפּ און גוטמוטיק געשמייכלט.

— אַלץ איז גוט, — האָט די אַלטע אַ זיפץ געטאָן, — נאָר דו ווייסט דאָך, מײַן פּרײַנט, אַ יאַלעווע טעלעצע טויג נאָר אין יאַטקע אַרײַן.

ראָכל איז דערשטוינט געוואָרן, דאָס קריגל איז אַרויסגעפאַלן פון אירע הענט און זיך צעשאָטן אַף שטיק־שטיקלעך.

— אַ שיינע ריינע קאַפּאָרע. ס'איז צום גליק, — האָט ברײַנע געקרעכצט, — זאָלסט נאָר די שערבלעך ניט אַרויסוואַרפן, — האָט זי געזאָגט און זיך געלאָזט צו דער קו. באַלד האָט זיך דערהערט פון שטאַל איר סקריפּענדיק קאָל:

— האָ, מיניע, האָ, טײַערינקע, האָ, נעכבעניצע.

ווען בומע האָט זיך אומגעקערט פון דער אַרבעט, האָט ברײַנע אים אַפּילע ניט געלאָזט אַרײַנגיין אין צימער. אַ גאַנצן אָפּדערנאַכט זײַנען זיי געזעסן אין קיך און זיך געסוידעט. ראָכל האָט באַוויזן שוין איבערפרעסן דאָס גרעט, איבערציִען דאָס וועש אַפן געלעגער, און זיי האָבן נאָך אַלץ געטײַנעט. ראָכל האָט זיך ניט דערוואַרט אַפן מאַן און ווי אַ סנאָפּ זיך אַ וואַלגער געטאָן אין בעט און איז באַלד אַנשלאָפן געוואָרן. פּלוצעם האָט זי אופגעריסן די אויגן, זי האָט דערהערט בומעס טריט. עפּעס האָבן זיי געהילכט ניט ווי אַלעמאָל. איר האָט זיך געדאַכט, אַז ער וויל דורכברעכן די ברעטער אַף דורך און דורך. אַף דער וואַנט האָט זיך אַנידערגעשטעלט אַ מעשונע־גרויסער שאָטן. בומע האָט געשלעפּט די שטיוול פון די פיס און געסאָפּעט. ראָכל איז געלעגן אַ פאַרטײַעטע. זי האָט פאַרשטאַנען, אַז ער איז אונטערן גלעזל, — די מאַמע האָט אים הײַנט צוליב געטאָן.

בומע איז געשטאַנען איבער דעם געלעגער, ווײַזט אויס, געמיינט, אַז ראָכטשע שלאָפט. ער האָט אַ שלעפּ געטאָן די קישן פון איר צוקאָפּנס און איז אָפּגעטראָטן פון דעם בעט. ראָכל האָט אַפּילע קיין פּיפּס ניט געטאָן. זי האָט זיך אופגעזעצט און מיט אַלע קויכעס צוגעדריקט די פּלייצע צו דער וואַנט.

בומע האָט זיך אויסגעבעט אַפן דיל. אַ צײַט זיך געדרייט פון איין זײַט אַף דער צווייטער, ביז עס איז געוואָרן שטיל. אין דער דאָזיקער שטילקײַט האָט זיך פּלוצעם דערהערט אַ שאַרקען פון באָרוועסע פיס. זיי האָבן זיך אָפּגעשטעלט הינטער דער טיר. אין אַ ווײַלע אַרום האָט די טיר פאַרזיכטיק אַ סקריפּע געטאָן. ראָכלען האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז דאָרטן באַם אַרײַנגאַנג האָבן אין דער פינצטער אַ בלענד געטאָן אַ פּאָר אויגן פון אַ ווילדער קאַץ. ראָכל האָט זיך אופגעכאַפּט אַף די פיס, אַ טרייסל געטאָן מיטן קאָפּ און ניט מיט איר קאָל אויסגעשריִען:

— מאַמע, אוי מאַמע.

— וואָס איז, צעדרייטע? — האָט בומע זיך צעגוואַלדעוועט.

— עמעצער גייט דאָ אַרום. ווער איז דאָ? — האָט ראָכל געציטערט. זי איז אַראָפּ פון בעט און אַרויסגעדרייט דאָס לעמפּל.

— פאַרלעש די שײַן, — האָט בומע אַ דונער געטאָן.

פון קיך האָט זיך דערהערט אַ הילכיקער גענעץ.

— טשעפּע זי ניט, בומע. עפּשער האָט זיך איר געכאַלעמט, אַז זי גייט צו קינד.

ראָכל האָט זיך אָנגעשפּאַרט אין דער שאַפע, נאָר סײַווי האָט זי ניט געקאָנט זיך האַלטן אַף די פיס.

ווען זי איז געקומען צו־זיך, האָט זי דערפילט בומעס הענט, דערקענט זײַן אָטעם, זײַן וואַרעמקײַט. פּלוצעם האָט זי אים אַרומגעכאַפּט אַרום האַלדז, זיך צוגעדריקט צו אים און שטיל, נאָר ביטער זיך צעוויינט.

אין דער זעלבער נאכט האָט בומע עפשער מער ווי אַלעמאָל זיך אויסגעטיַינעט מיט ראָכטשען.

— מירן פּרוּוון, א גאנצן כוידעש ווּעסטו ניט ארבעטן, — האָט ער געזאָגט.

— וויִאזוי זשע ווּעסטו זיך באגיין אָן מיר?

— איך וועל זיך באדרייען, איך וועל אליין, ביִשקאָשע.

ראָכל האָט בלויז א שווערן זיפץ געטאָן און זיך נאָך מער צוגעטוליעט צו אים.

— געדענק זשע, — האָט בומע שטרענג געוואָרנט, — טאָמער וועל איך זען, אז דו ווּעסט איַינטונקען א האנט אין קאלטער וואסער, וועל איך דיר אויסדרייען רוק און לענד.

— איך וועל גאָרנישט טאָן, איך וועל ניִשט...

— טאָמער ווּעסטו, כאָלילע, דאָס מאָל ניִשט אויסהאלטן, דעמלט זאָלסטו צו קיינעם קיין טיַינעס ניט האָבן. ווּעסט פארנעמען דיַינע זאכן און... מיט די געדוטן.

— דיר וועט זיַין שווער אָן מיר, — האָט ראָכל געשעפּטשעט דורך טרערן, — איך ווייס, דו ווּעסט אָן מיר ניט קאָנען לעבן...

— איך וועל קאָנען, איך וועל אלץ קאָנען.

ראָכל האָט דערפילט, ווי זיַין הארץ קלאפּט. איר האָט אזש פארכאפּט דער אָטעם. אָבער בומע שוויַיגט ניט.

— און טאָמער, כאָלילע, ווּעסטו דארפן פארלאָזן די שטוב, זאָלסטו אוועקגיין אזוי, אז מיַינע אויגן זאָלן עס ניט זען. דו הערסט, וואָס איך רעד צו דיר?

— איך הער. וואָס זשע, איך הער ניט?

ער איז געלעגן פארגליווערט, ווי א שטיין, מיטן פּאָנעם צו דער סטעליע. אים האָט ניט געארט, וואָס אירע הענט שארן איבער זיַין האָריקער ברוסט, איבער זיַינע אקסלען, ער האָט ניט געפילט, ווי זי באגיסט אים מיט טרערן. ער האָט בלויז מיט ברייט־צעעפנטע אויגן געקוקט אין דער פינצטערניש. דורך דער אָפענער פאָרטקע האָט זיך געטראָגן א קלאָגעדיקער זשום פון א פליג, וואָס האָט זיך פארפלאָנטערט אין שפּינוועבס אונטערן דאך. געזשומעט, נאָר ווער קאָן איר העלפן. בומע האָט א שווערן זיפץ געטאָן.

— איַי, ראָכטשע, ווען דו זאָלסט מיר ניט זיַין אזוי איינגעבאקן אין הארצן... — מיט איין האנט האָט ער גענומען גלעטן איר דעם קאָפּ, נאָכדעם מיט דער צווייטער גענומען צעפלעכטן די צעפּ, מיט די פינגער האָט ער געקעמט אירע האָר, געקעמט לאנג און צארט.

— גענוג וויינען, ראָכטשע, עס וועט אלץ זיַין גוט. אויב איך האָב קיין מאזל ניט... — ער איז אנשוויגן געוואָרן, זיך אויסגעקערעוועט צו איר, זי ארומגענומען און איר געשעפּטשעט אין אויער אריַין:

— ראָכטשע, אויב איך האָב קיין מאזל ניט, דארף איך קיין יאָרן אויך ניט האָבן.

5

א מאָדנער נעפּעש אָט דער סטעפּאן פּיאָדאָראָוויטש. בומע קאָן אים בעשום־אויפן ניט פאר־שטיין. א מענטש איז דער שעף פון דער בעסטער אווטאָקאָלאָנע אין פארק, באקומט א פּיַינעם געהאלט, דערביַי קיַיקלט זיך יעדער כוידעש אריַין צו אים אין קעשענע א פּויטעקע פּראָגרע־סיווקע און פּרעמיעס, קאָוועד האָט ער אויך פון דער וועלט, נעמט דער גלאָמפּ און גייט איבער צו זיי אין קאָלאָנע, צו די „טשערעפּאכעס“. אז מע האָט אים ניט געהייסן, קיינער האָט פאר אים דאָס היטל ניט אראָפּגענומען, פריַיוויליק זיך ארויסגעשטעלט. וואָס איז אים דאָרטן אָפּגעגאנ־גען, אויגן־ווייטעק? א מענטש איז זיך אליין א סוינע.

זאָגן, אז סטעפּאן פּיאָדאָראָוויטש געהערט צו די יאָלדן מיט די הייסע געדערים? פארקערט, מע זעט, אז ער איז ניִשט קיין פּוסטער באָכער, בומע פילט אין אים א טאַם, בומע איז א מיִוון אף א טשאד. נאָך איידער עפּעס־וואָס, האָט דער נעפּעש א שטיק ציַיט זיך ארומגעדרייט לעבן די „טשערעפּאכעס“. ער פלעגט זיך באוויַיזן אינדערפרי, ווען מע האָט געדארפט ארויספאָרן פונעם הויף, אפּדערנאכט געשטאנען באם טויער, ווען די כעוורע האָבן זיך אומגעקערט. גיי ווייס, וואָס ער האָט געמיינט. איצט פארשטייט שוין בומע: סטעפּאן פּיאָדאָראָוויטש האָט זיך צוגעקוקט, מיט וועמען ער דארף גיין צום טיש. מע קאָן מיינען, אז דער שעף איז א פארשלאָ־פענער, ניט קיין כאפּנדיקער, א מענטש מיט א קאלטער לונג־און־לעבער. אז ער דארף, שפּאנט ער טאקע פּאוואָליע, נאָר אז ער וויל עמעצן אָניאָגן, וועט ער קיינמאָל ניט פארשפּעטיקן. אז ער שטעלט זיך אנידער, שטייט ער הארט אף דער ערד מיט זיַינע צעשפּרייטע געזונטע פיס.

סטעפּאַן פּיאַדאָראָוויטש איז אַ הויכער, אַ דיקלעכער, די געלע לעדערנע קורטקע איז אויף אים אַזוי ווי אויסגעגאָסן. דער האַלדז־און־נאַקן אַ שטאַלענער, ער טראָגט אין דער הייך דעם קאָפּ אויף די שטײַף־פאַרקנאָטענע פּלייצעס, דאָס פּאָנעם פאַרסמאַליעט נאָך פון די ווינטערדיקע ווינטן. די אויגן — דורכגעטריבענע. זיי קאָנען פאַרזידן מיט אַ זודיק וואַסערל און קאָנען זײַן מילד און גוט, ווי בײַ אַ קליין קינד. אָבער טאַמער האָבן זיך זײַנע פײַערדיקע שוואַרצאַפּלען אין עמעצן אָנגעטשעפּעט, וועלן זיי אים שוין נאָכשפּירן פּוסטריט. אָט דאָ ערשט ניט לאַנג האָט בומע זיי דערפילט אויף די אייגענע פּלייצעס. ווי שפּיזלען האָבן זיי אים געשטאָכן, ביז ער איז ניט אַרויס פון יענער זײַט הויף. נאָר אַפּצולאָכעס האָט בומע זיך ניט אומגעקוקט, בומע האָט אים טיף אין דער הינטערשטער קעשענע. אַ טאָג אָפּגעדרייט דעם בייגל — גענוג. די היים איז בילכער.

אָבער באַם נעפּעש ווערט גאָרניט פאַרפאַלן. טאַקע אויפן צווייטן טאָג, ווען דער מעכאַניקער האָט שוין געהאַט אונטערגעשריבן די פּוטיאָווקע און ער, בומע, האָט שוין געדאַרפט אַרויספאָרן פונעם טויער, איז אַזוי ווי פון אונטער דער ערד אויסגעוואַקסן סטעפּאַן פּיאַדאָראָוויטש, אים פאַרשטעלט דעם וועג און מיט דער האַנט געלאָזן אָנגעוויזן: אָט דאָ בלײַבן שטיין. „ער הייבט זיך שוין אָן טשעפּען, ווי אַ נאַסע שמאַטע", — האָט בומע אַ טראַכט געטאָן און געוואָלט שוין אַרויסקריכן פון קאַבינע. נאָר דער שעף איז באַלד אויסגעוואַקסן לעבן טירל.

— נעכטן האָסטו דען ניט געהערט, אַז עס קלינגען ערגעץ בײַ דיר גלעקעלעך? האָסט אַ שלעכטן געהער?

— האַלעמײַ זאָל איך זאָגן, איך פיל אין דעם קיין טאַם ניט.

— איז טאַקע ניט גוט, — האָט אַ ברום געטאָן דער שעף, דערבײַ האַסטיק אויסגעקערע־וועט דעם קאָפּ צום מעכאַניקער, וועלכער איז אונטערגעלאָפן אַ צעטראָגענער.

— און דו? — האָט סטעפּאַן פּיאַדאָראָוויטש אַ קוק געטאָן אויף יענעם. — אַבי מע כאַסמעט אונטער. אַ פּאַטשקע מיט דער גאָלדענער פּען, און זאָל ער פאָרן ברעכן דעם קאָפּ?

— וואָס רעדט איר, סטעפּאַן פּיאַדאָראָוויטש? — האָט געפּרוווט דערווידערן דער מעכאַניקער.

— נאַ יאַמוי![1] — האָט דער שעף באַפוילן.

בומען האָט עס אונטערגעצונדן. ער איז אַרויס פון דער מאַשין און פאַרהאַקט נאָך זיך דאָס טירל. אָפּגעגאַנגען אַ ביסל ווײַטער, באַטראַכט לאַנג די רעדער, אַרומגעקוקט דעם קוזאָוו און געקנייטשט מיט די פּלייצעס.

— איר האָט אַ גראָבן טאָעס, — האָט ער אײַנגעהאַלטן די רעציכע, — די מאַשין איז אין אָרדענונג.

דער שעף האָט פאַרוואָרפן דעם קאָפּ אויף אָרוף, אַ טרייסל געטאָן מיט די אַקסל און זיך געשמאַק צעלאַכט. אַזוי לאַכן האָט געקאָנט נאָר דער דאָזיקער נעפּעש.

— אוי, אַרטיסטן, אוי, לייצים! — האָט ער געקײַכט פאַר געלעכטער.

בומע האָט זיך ניט באַוויזן אַרומקוקן, ווי דער שעף האָט בײַ אים אַרויסגעריסן די שליסע־לעך און אַרײַן אין קאַבינע. די מאַשין האָט אַ רעווע געטאָן און זיך גערירט פון אָרט, אַרויס־געפאָרן פון הויף און זיך באַלד אומגעקערט צוריק. ווען ער האָט זיך דערנעענטערט צום טויער, האָט דער שעף אויסגעשלאָסן דעם מאָטאָר, און עס האָט זיך אונטער די קײַקלענדיקע רעדער דערהערט איין קלונג, אַ צווייטער. בומע האָט אַזש אַ קריץ געטאָן מיט די ציין. „און אויער האָט ער, ס'זאָל אים נאָר פאַרלייגן".

דאָרטן, אויף דער גרוב, האָט בומע געזאָגט צום מעכאַניקער:

— אויב ער וועט זיך צוהערן צו אַזעלכע גלעקלעך, וועט ער אינגיכן אויסשטעלן אַלע מאַשינעס, ווי מאַציייוועס אויפן בעסוילעם.

טיף אין האַרצן האָט בומע אָפּגעגעבן דאָס גערעכטע דעם נעפּעש. נאָר וואָס קומט אַרויס, פאַרצוויאָקעווען זיך דאָ מיטן רעמאָנט, אַז דאָרט אין דער היים האָט ער אַזויפיל אַרבעט. איצ־טער האָט ער אַליין באַדאַרפט קנעטן קניידלעך, טראָגן וואַסער, האַקן שטיינער, אַליין פאַר־מישן וואַפּנע. נאָכדעם מיט דער דובינע טויטשען די באַגאָסענע שטיינער. ווען ער זאָל געוווּן קענען, וואָלט ער זיך אַליין אַרײַנגעקוועטשט אין פונדאַמענט. ווי נאָר ער פלעגט קומען צו לויפן פון דער אַרבעט, האָט ער זיך באַלד אויסגעטאָן ביז האַלב נאַקעט — און ווידער צו דער אַרבעט. ראָכל האָט געזען, ווי די האָריקע ברוסט ווערט בײַ אים באַזעצט מיט טראָפּנדלעך שוויס, די פּלייצעס, דער האַלדז־און־נאַקן — פּיטש־נאַס. בומע האָט זיך אַרויסגעשלאָגן פון די קויכעס, און זי האָט ניט געטאָרט אים העלפן. בלויז ווען עס איז געוואָרן טונקל אין דרויסן, האָט זי געכאַפּט דאָס לײַלעכל און אוועקגעלאָפן אים אַרומווישן דאָס לײַב, זי האָט אים געוואַשן

---

[1] אויף דער גרוב!

מיט לעבלעך וואַסער, ער זאָל זיך ניט צוקילן, און דערנאָך ערשט מיט א ווײַסן האַנטעך געווישט אים דאָס פּאָנעם, די הענט. בומע האָט געקרעכצט פון פאַרגעניגן. ער האָט האַנאַע געהאַט, וואָס ראָכטשע פּאַרעט זיך אַרום אים. אַלץ וואָלט געווען צו דערלײַדן. נאָר דער נעפּעש, האָט ער געוווסט, וועט נעמען די לעבער, יענער, אַז ער זאָגט אַ וואָרט, איז עס געזאָגט. קימאַט יעדער אינדערפרי, בייס די דיספּעטשערס שרײַבן אויס די פּוטיאָווקעס, זאַמלט צונויף סטעפּאַן פּיאַדאַראָוויטש די שאָפערן אַרום זיך און ראַפּטאָם פרעגט ער:

— כעוורע, איר האָט געהערט, וואָס עס טוט זיך אין קובאַ? — ער הייבט אָן שפּריצן מיט ווערטער, אַז מע ווערט פאַרקישעפט. בומען גייט אָן קובאַ אין דער לינקער פּיאַטע. נאָר וויִאַזוי קאָן מען אים ניט אויסהערן, אַז ער טוט אַ מאָל אויס פידעל קאַסטראָן, שטייט ער ווי אַ לעבעדיקער פאַר די אויגן, און אינמיטנדערינען גיט ער גאָר צו וויסן, אַז אין זאַפּאַראָזשיע האָט מען פאַרבלאָזן אַ נײַע דאַמנע. מע פילט, אַז עס טוט אים האַנאַע דערפון, פּונקט ווי די דאַמנע וואָלט געווען זײַנע אייגענע. דער נעפּעש גיט צו פאַרשטיין — דאָס שפּאַנט דער קאָמוניזם. די שאָפערן קוקן אים אין מויל אַרײַן, מיינען, אַז אָט באַלד וועט ער זיי דעם קאָמוניזם אונטערטראָגן אַף אַ טעלערל. זיי זײַנען טאַקע שוין גרייט, ווי זאָגט סטעפּאַן פּיאַדאַראָוויטש, ניט זשאַלעווען קיין קויכעס, אָפּגעבן דער אַרבעט די נעשאָמע.

באַ בומען איז די נעשאָמע אַ באַסיעכידע, ער קאָן זי קיינעם ניט אוועקגעבן. ער דאַרף זי אַליין נייטיק האָבן.

דערציילן דערציילט סטעפּאַן פּיאַדאַראָוויטש טאַקע וועגן וועלט־זאַכן, נאָר פאַרענדיקן פאַרענדיקט ער מיט דעם, וואָס ער דאַרף. ער זאָגט:

— וואָר, אַשטייגער, שטערט אונדז אַרבעטן אַזוי, אַז די צונעמעניש „טשערעפּאַכע" זאָל אויסגעמעקט ווערן. עס דאַרף דאָך זײַן אַ ביזאָיען יעדן איינעם.

און אַז ער דאַרף, שעמט ער זיך ניט, באַגלייט דעם שאָפער קאַנאַרייטשיקן אַהיים, רעדט מיט אים, טאַפּט אין וואָגן, און צום סאָף לאָזט ער אויס:

— איך האָב געהערט זאָגן, אַז דו ביסט געוואָרן אַ כימיקער. פילטערסט דעם בענזין, און עס באַקומט זיך באַ דיר ריינע פּערציק גראַדוסן. איז עס טאַקע אָן עמעס?

יענער האָט געוואָלט אָנהייבן שווערן, אַז ער ווייסט ניט פון וואָס צו זאָגן, נאָר ווען ער האָט זיך באַגעגנט מיט סטעפּאַן פּיאַדאַראָוויטשעס אויגן, איז קאַנאַרייטשיק רויט געוואָרן, פאַרלאָרן דאָס לאָשן און געבליבן שטיין ווי אַ טאַם, ער האָט געמיינט, אַז דער שעף וועט אָנהייבן אים מוסערן, אוועקלייגן אַ לעקציע אַף דער טעמע „טרינקען בראַנפן שאַט צום געזונט". נאָר סטעפּאַן פּיאַדאַראָוויטש האָט אים בלויז מיט די אויגן דורכגענומען אַף דורך און דורך, אויסגעשטרעקט די האַנט און אַרויסגעשטאַמלט:

— געדענק זשע...

זיאַמע ליכאַטש האָט נעכטן, גייענדיק אַהיים, זיך צוגעשאַרט צו בומען און אים אײַנגערוימט אַ סאָד:

— היט זיך, דער פּעטער סטיאָפּע האָט דיך גענומען אַף דער מושקע.

טאַקע אַפן צווייטן טאָג האָט סטעפּאַן פּיאַדאַראָוויטש זיך אַרײַנגעזעצט צו בומען אין קאַבינע. בומע איז אַרויסגעפאָרן פון הויף מיט אַ שווערן געמיט, נאָר ער האָט באַ זיך באַשלאָסן: טאָמער וועט ער זיך אָנהייבן טשעפּען, וועט ער אָפּשטעלן די מאַשין, אים אָפּגעבן די שליסל און האָב דיר אַ גוטן טאָמיד.

ביז מע איז געפאָרן איבער דער שטאָט, האָט סטעפּאַן פּיאַדאַראָוויטש געשוויגן, בלויז אומבאַמערקט געכאַפּט אַ קוק אַף בומעס הענט, אַף זײַן פּאָנעם, און ער, בומע, האָט אומיסטן געוויזן אַ קונץ, וויִאַזוי מע דאַרף זיך אַרויסדרייען פון דער שטאָט, זיך ניט פאַרהאַלטן לאַנג אַף די ראָגן. בומע האָט באַשטימט אים דורכקאַטײַען מיט אַ ווינטל, עפּשער וועט דאָס זײַן דאָס לעצטע מאָל.

סטעפּאַן פּיאַדאַראָוויטש איז טאַקע געווען צופרידן. ער האָט צו זיך אַליין געברומט: „כאָראַשאָ! אָטשען כאָראָשאָ!" אָבער ווי נאָר מע איז אַרויס הינטער דער שטאָט, האָט דער שעף זיך אָנגערופן:

— זאָג מיר נאָר, גוטערברודער, וואָס ביסטו די לעצטע צײַט אַזוי פאַרזאָרגט, דײַנע קינדער האָבן דיך באַזעצט, צי וואָס?

„אַזאַ כיינדעלע! ער הייבט אָן פון פּאָצן־זײַט", — האָט בומע אַ טראַכט געטאָן און געכאַפּט אַ קוק אין שפּיגעלע.

— האָסט ניט וואָס צו קוקן, ביסט גוט אַף צאָרעס.

— דער רועך ווייסט דאָס, ווײַזט אויס, אזא כאַלאָס בא מיר, מע דארף אָנהייבן אײַנעמען ווערעם־קרויט, — בומע האָט א שמייכל געטאָן צו זיך אליין: וואָס, אשטייגער, ארט עס דעם נעפעש, אז ער, בומע, איז אַף צאַרעס. וווהין צילט ער?

— איך רייד ערנסט. דו ביסט שטארק א טעל געוואָרן.

ער זאָגט עס, ווי א טאטע. איז גיי זײַ א כאָכעם און ענטפער אים ניט.

— פאר מיר האָסטו זיך ניט וואָס צו שעמען. לייג ארויס אלץ, וואָס עס איז בא דיר אַף דער נעשאָמע.

— שעמען גאָר! פאראן א קײַלעכדיקע סיבע, סטעפאַן פיאָדאָראָוויטש. א מענטש, וואָס בויט זיך אליין א שטוב, קאָן ארויספאַלן פון דער אייגענער הויט, ווי זאָגט מען: „סוואָיא כאַטא כוזשע קאַטא"[1]. פארגעסט ניט, אז איך דינג קיינעם ניט, אַלץ טו איך אליין מיט די אייגענע הענט. די זון שלאָפט נאָך, ווען איך מעלויִצע שוין. אפדערנאָכט כאַפּ איך אויך ארײַן א פּאָר שאָ. ארבעט האָט ליב די לעבער און געזאַלצענע וואַסער.

— איינער אליין איז טאקע שווער.

— וואָס זשע זאָל מען טאָן? — בומע האָט זיך שוין אופגעהערט היטן. ער האָט דערציילט, אז די מוטער זײַנע איז שוין אן אלטע, נאָר אז זי טאָגט און נעכטיקט אפן מארק, ווײַל דעם האָט ער פארשוויגן. ער האָט זיך אויך ניט אײַנגעשטעלט אים דערציילן, וואָס איז געשען מיט ראָכטשען. ער איז אָפּגעקומען בלויז מיט א וואָרט:

— און דאָס ווײַב מײַנס איז בא מיר עפּעס ניט געזונט.

— ניט געזונט? אָט דאָ, גוטערברודער, קאָן איך דיר מיטפילן. בא מיר איז דאָס ווײַב אויך, אזוי געזאָגט, ניט מיט אלעמען. וואָס קאָן זײַן נאָך ערגער, ווען א פרוי פארלירט ביידע פיס. אײַ, די מילכאָמע...

בומע האָט אזש א ציטער געטאָן, ער האָט דורכן שפּיגעלע געכאַפּט א קוק אפן נעפעש און אפילע ניט געפילט, ווי שטארק ער האָט אײַנגעקלאַמערט דעם בייגל אין די הענט. וואָס קאָן מען שוין דערוואַרטן פון אים, אז ער האַלט זיך מיט א ווײַב, וואָס איז געבליבן אָן ביידע פיס.

— פארשטייסט, — האָט פארגעזעצט סטעפאַן פיאָדאָראָוויטש, — איך האָב געמיינט, אז זי איז אומגעקומען. זי האָט בעשום־אויפן ניט געוואָלט געבן מיר צו וויסן, וואָס מיט איר איז געשען. ווען זי זאָל ניט געוווען זיך נאָכפרעגן נאָך אונדזער טעכטערל, וואָלט איך אפילע ניט געוווּסט, וווהין זי איז אהינגעקומען.

— וואָלט עפּשער געוווען בעסער פאר אײַך ביידן, — האָט בומע אים איבערגעשלאָגן.

סטעפאַן פיאָדאָראָוויטש האָט א ביטערן שמייכל געטאָן.

— נאַר איינער, ווען איך געפין זי ניט, וואָלט זי שוין לאנג אַף דער וועלט ניט געוווען. ווען זי האָט זיך דערוווּסט, אז די פאשיסטן האָבן פארברענט די טאָכטער מיט דער באָבען, האָט זי געוואָלט זיך נעמען דאָס לעבן...

— ווײַזט אויס, זיך ניט געוואָלט מוטשען, און אײַך ניט געוואָלט...

— וואָס מוטשען, ווער מוטשען? עפּשער מיינסטו, איך וואָלט געקאָנט לעבן אָן איר? איך היט זי אָפּ, ווי דאָס אויג אין קאָפּ.

בומע האָט זיך אײַנגעהויקערט. דער מאָטאָר איז פארטויבט געוואָרן, און די מאשין האָט זיך פּאַוואָליע געקײַקלט בא דער זײַט פונעם וועג. סטעפאַן פיאָדאָראָוויטש זיצט א פארטראַכטער, ווי א צוגעשמידעטער צום אָרט. פּלוצעם טוט ער זיך א כאַפּ.

— זע נאָר, אנדריי בראַגע פאָרט שוין צוריק, מאַלאָדיעץ. שטעל אָפּ, איך וועל זיך איבער־זעצן צו אים, — סטעפאַן פיאָדאָראָוויטש איז ארויס פון דער קאַבינע און אוועק באַגעגענען אנד־רייס סאַמאָסוואַל. אַף בומען איז דאָס העמד נאַס געוואָרן. דער פוס האָט בעשום־אויפן ניט גע־קאָנט אָנטרעפן אפן סטאַרטיאָר. ער האָט די מאשין ניט געקאָנט רירן פון אָרט.

6

ענדלעך האָט בומע פארענדיקט דעם פונדאַמענט. ארויסגעפּירט דעם צאָקאָל. יעדער שטיין האָט ער אויסגעקלאַפּט און אויסגעטעסעט, יעדער נאָט קונציק אויסגעפורעמט. איצט דארף דער פונדאַמענט און דער צאָקאָל זיך אויסשטיין א שטיק צײַט, דער צעמענט זאָל זיך גוט פארקרעמ־פּעווען. נאָכדעם וועט ער זיך נעמען אויסלייגן די ווענט. הײַנט איז גאָר ניט געווען אזא דרינגענ־דיקע ארבעט, פונדעסטוועגן איז בומע סײַווי אופגעשטאַנען גאַנצפרי און ארויסגעגאַנגען אין הויף.

[1] די אייגענע כאַטע איז ערגער פון א קאַט (אוקר.).

עס דאכט זיך, די גאנצע וועלט גרינט. איצטער איז די צייַט, ווען יעדער גרעזל איז איבער־געפולט מיט זאפט, יעדער בלעטל איז שטייַף איבערגעפלאָכטן מיט גרינע אָדערן, דער וואלד שטייט א שווערער, א שוויַיגנדיקער, מיט די צעשפרייטע צעוואקסענע צווייַגן. די ווייַטע שטאָט איז, דאכט זיך, גאָר קלענער געוואָרן. די מויערן וואקסן ארויס פון די גרינע געדיכטע קוסטעס, און אייניקע הייַזער זייַנען אזוי ווי אינגאנצן איַינגעטונקען געוואָרן אין דער געדיכטעניש פון גרינס.

בומע שפאנט פון איין בוים צום צווייטן, ער ציילט די ערשטע עפעלעך אף די יונגע צווייַגן. די עפעלעך ווערן וואָס א טאָג גרעסער און גרעסער, בייַטן אף זיך די האָריקע הויט און הייבן אָן גלאנצן מיט א רייצנדיקער שיינקייַט. די קארשן שטעקן שוין ארויס רויטע בעקעלעך. בומע האָט זיך אזוי פארטראכט, אז ער האָט אפילע ניט געהערט, ווי די מאמע און ראָכטשע זייַנען ארויסגעגאנגען אין הויף.

ווען בומע האָט זיך געקליבן גיין אף דער ארבעט, האָט ער באפוילן:

— גרייט צו א גוטן זאקוסאָן, הייַנט וועלן מיר באנעצן דעם פונדאמענט.

אפדערנאכט איז דער טיש געווען געדעקט, אין שטוב יאָמטעוודיק אופגעראמט, פון קיך האָט געשמעקט מיט עסיק־פלייש און געפילטע פיש — דאָס זייַנען בומעס באליבטע מייַכאָלים, און ראָכטשע האָט זיי הייַנט באזונדערס געשמאק צוגעגרייט. אפן טיש איז שוין געשטאנען א פאָלומעסעק כאָלאָדיעץ, א טעלער מיט געהאקטן הערינג, באפוצט מיט גרינע ציבעלעס, איבער דער גאנצער שטוב האָבן געשמעקט די ערשטע צעשניטענע גרינע אוגערקעס. בומע האָט אני־דערגעשטעלט אפן טיש צוויי פלעשער בראנפן, א פלאש ווייַן און מיט האנאָע געקוקט אף די אייגענע אוגערקעס, ציבעלעס און קנאָבל. ניט נאָר דער טיש איז געווען יאָמטעוודיק, בומע אליין איז געווען אויסגעגאָלט און אונטערגעשוירן, אָנגעטאָן אין א ווייַס אויסגעפרעסט העמד, די ארבל פארשארט העכער די עלנבויגנס, די פארברוינטע האָריקע הענט האָבן געגלאנצט מיט א קאָליר פון קופער. אפילע בריַינע איז הייַנט געווען גאָר אן אנדערע. אין דעם טונקל־גרויען קלייד האָט זי אויסגעזען יינגער, דאָס פאָנעם פרישער, די פלייצעס, ווי זיי וואָלטן זיך אויסגעגלייַכט. אירע צוגעזשמורעטע אויגן האָבן צופרידן געקוקט אף דעם פארפוצטן זון, אף דעם זאטן טיש.

ראָכטשע פאָרעט זיך נאָך אין קיך, אָבער גאָר אינגיכן קומט זי אריַין מיט א שיסל זודיק עסיק־פלייש, שטעלט אנידער אפן טיש, בלייַבט שטיין א צעטראָגענע, באטראכט, צי זי האָט גאָרניט פארגעסן. זי איז אָנגעטאָן אין א לייַכט ראָזעווע קלייד, דאָס ווייַסע קעלנערל, דאָס ציכטיק־שעמערירנדיקע פארטעכל פאסט צו איר גאנצן אויסזען, צו די שטייַף־פארפלאָכטענע גראָבע שווארצע צעפּ, וואָס זייַנען קונציק אויסגעלייגט אפן קאָפּ. זי זעט הייַנט אויס פרייליך און גליקלעך, נאָר עפּעס טוט א ציטער די לאנגע ברעם אירע. בומע לאָזט ניט אראָפּ פון איר דעם בליק. אים ווייַזט זיך אויס, אז פאר די אָנדערהאלבן כאדאָשים האָט זי זיך גוט אויסגערוט, פאריכט, עס האָבן זיך ווידער באוויזן די כיין־גריבעלעך אף די פלאמיקע באקן. הייַנט וואָס טוט זיך דאָרט בא איר אונטערן פארטעכל. יאָ, יאָ, זי איז שוין פולבלעכער געוואָרן. דאָס הארץ טוט זיך בא אים א בויטע פון פארגעניגן. ער וועט ניט זשאלעווען קיין קויכעס. פאר די אכט־נייַן כאדאָשים וועט ער אומבאדינגט אויסבויען די שטוב און וועט פראווען צוויי סימכעס מיטאמאָל — א כאנו־קעס־האבאיִס און א בריס.

א שייַנענדיקער האָט ער גענומען א פלאש בראנפן, אָנגעגאָסן דער מאמען א קעלישעקל, זיך אָנגעפילט א גלאָז מיט אן אויג, ראָכטשען האָט ער פאָרזיכטיק אָנגעקאפּעט א גלעזעלע ווייַן. דער־בייַ געכאפּט א קוק אף איר מיט אזעלכע גוטע אויגן. עפּשער טאָר זי טאקע ניט, האָבן זיי גע־פרעגט. ראָכטשע האָט אים געענטפערט מיט א שמייכל, נאָר די אויגן אפגיך אָפּגעפירט אָן א זייַט. ווען בומע האָט גענומען אין דער האנט זייַן גלאָז בראנפן, האָט זי מיט גרויס ליבע און מיט פארטייַעטן טרויער געקוקט אף זייַנע געגרייַזלטע האָר, אף זייַן פארברוינט שיין פאָנעם, אף זייַנע געדיכטע לענגלעכע ברעמען. זי האָט געזען, ווי ער שמייכלט צו דעם גלעזל יאש.

אן אנדערשמאָל וואָלט בומע בעסער אויסגעטרונקען אן עמער בראנפן, איידער האָלטן א רעדע, אָבער הייַנט האָט זיך אים געוואָלט עפּעס זאָגן.

— דער פונדאמענט, — האָט ער אָנגעהויבן, — דער צאָקאָל וועט זייַן א שטארקער און א קרעפּטיקער, ניט נאָר דערפאר, וואָס עס איז געמאכט פון גוטן מאטעריאל, נאָר אויך דערפאר, וואָס איך האָב אים באגאָסן מיט עמער שוויס, איינער אליין אים אָנגעהויבן און אליין פארענדיקט. זאָל זשע דער אייבערשטער העלפן, אז די שטוב, וואָס איך וועל אויסבויען, זאָל אונדזערע בייַנער איבערלעבן, דינען אונדזערע קינדס־קינדער. מאמע, פאר דייַן געזונט; ראָכטשע, גאָט זאָל העלפן, דו זאָלסט בעשאָלעם איבערקומען. לעכאיִם, לעכאיִם, — ער האָט א קלונג געטאָן מיט זייַן גלאָז צו דער מאמעס קעלישעקל, פאָרזיכטיק זיך צוגערירט צו ראָכטשעס גלעזל, נאָכדעם פארוואָרפן דעם קאָפּ און איבערגעקערט אין מויל אריַין די גלאָז בראנפן. בריַינע האָט זיך אזש פארקרימט.

זי האָט אָפּריִער אַ זופּ געטאָן פֿון איר קעלישעקל, נאָכדעם געעפֿנט דאָס מויל, ווי זי וואָלט וועלן אַ געניץ טאָן, און מיט איין שלונג דורכגעלאָזט דאָס קעלישעקל אינווייניק.

ראָכטשע האָט צוגעטראָגן דאָס גלעזל צו די ליפּן. פּלוצעם, ווי עמעצער וואָלט זי אַ שטויס געטאָן אין דער פּלייצע, האָט זי זיך אַ וואַקל געטאָן, דאָס גלעזל איז אַראָפּגעפֿאַלן אַף דער ערד, מיט ביידע הענט האָט זי פֿאַרשטעלט דאָס פּאָנעם און זיך ביטער צעוויינט אַף אַ קול.

— אוי, וויי איז מיר! — האָט בומע אַ דונער געטאָן. ער האָט פֿאַרשטאַנען, ער האָט אַלץ פֿאַרשטאַנען. דער גיבער איז מיטאַמאָל ווי איינגעשרומפּן געוואָרן, ווי אַ שווערע מאַסע וואָלט זיך אָנגעוואַלגערט אַף זיינע פּלייצעס. אָן איינגעהויקערטער איז ער געבליבן זיצן אַפֿן אָרט.

ברײַנע האָט מיטן עק פֿונעם טיכל אָפּגעווישט די ליפּן, אַ שווערן זיפֿץ געטאָן און געוואָלט זיך שוין אופֿהייבן פֿון אָרט.

— זיץ, זיץ, מאַמע! — האָט בומע באַפֿוילן. — דעם פֿונדאַמענט דאַרף מען באַנעצן. דער פֿונדאַמענט איז דאָ ניט שולדיק. — ער האָט פֿאַרקוועטשט די פֿלאַש אין דער האַנט, זי זאָל ניט ציטערן, נאָר סײַ־ווי האָט דאָס העלדזל געקלונגען אין דער גלאָז.

— לאָמיר אויסטרינקען, מאַמע, — יעדעס וואָרט האָט אים פֿאַרשאַפֿט אומגעהײַערן ווייטעק, — זאָרג ניט, מאַמע. דו ווייסט האָבן אייניקלעך, — ער האָט אויסגעטרונקען די גלאָז בראַנפֿן און באַלד זיך אָנגעגאָסן אַ צווייטע. ער האָט זשעדנע געטרונקען — געמיינט לעשן דאָס פֿײַער, וואָס האָט אָנגעהויבן פֿלאַקערן אינווייניק. די אויגן האָבן זיך אַלעמאָל אָנגעצונדן און אויסגעלאָשן. ער האָט געפּרוווט עפּעס נעמען אין מויל אַרײַן, נאָר דער ביסן איז שטיין געבליבן אין האַלדז.

ראָכל האָט מיטן פֿאַרטעך געווישט די אויגן, פֿאַרשטעלט דאָס מויל, זי האָט געוואָלט אײַנהאַלטן דעם ציטער פֿון די ליפּן, זי האָט זיך דערשראָקן פֿאַר זײַנע אויגן. וואָס ער וויל, זאָל ער מיט איר טאָן, אַבי ער זאָל אַף איר אַזוי ניט קוקן. זי איז דאָך ניט שולדיק. ער וועט האָבן אַן אַנדער ווײַב, יענע וועט אים געבוירן קינדער. איר, ראָכטשען, איז ביטער און פֿינצטער, זי איז געשטראָפֿט, זי איז פֿאַרשאָלטן, זי וועט קיינמאָל קיין קינדער ניט האָבן. וועמען זאָל זי עס זאָגן? ס'איז שטיל געוואָרן אין שטיבל. ס'האָט זיך געהערט, ווי ברײַנע סמאָטשקעט אַ ביינדל, זי האָט עס געהריזעט מיט די זײַטיקע ציין, ווי זי וואָלט זיך נויקעם געווען אין דעם. אָפּגעפּאַרטיקט זיך מיטן עסן, האָט די אַלטע זיך אופֿגעהויבן פֿון אָרט און אוועקגעגאַנגען צו זיך אין קיך. זי וויל ניט זײַן קיין איידעס, וויִאַזוי דער זון וועט זיך אָפּרעכענען מיט דער שנור.

בומע האָט אַ וויש געטאָן דאָס מויל מיט דער שערשאַווער דלאָניע, אופֿגעהויבן זיך פֿון אָרט און וואַקלענדיק אוועקגעגאַנגען צו דער שאַפֿע, צעעפֿנט די טירלעך און אַ בליק געטאָן אַף ראָכטשען מיט די אויגן. זי דאַרף אַליין וויסן, וואָס זי קאָן צונעמען פֿונדאַנען. אַף צוריקוועגס האָט ער זיך אָפּגעשטעלט לעבן ראָכטשען און, ניט קוקנדיק אין איר זײַט, אַ שווערן זיפֿץ געטאָן. ער איז געגאַנגען לאַנגזאַם, זיך אָפּגעשטעלט אַ ווײַלע, פּלוצלינג מיט דעם פֿוס אַ נערעק געטאָן אין דער טיר און אַרויס פֿון שטוב.

7

ווען בומע האָט זיך אומגעקערט, האָט ער שוין ראָכטשען אין צימער ניט געטראָפֿן. אַן אײַנגעגעסענע קעלט האָט אים דורכגענומען אַף דורך און דורך. ער איז צוגעגאַנגען צו דער הרובע און זי אַ טאַפּ געטאָן מיט ביידע הענט — קאַלט ווי אײַז. פֿאַרוואָס איז די הרובע ניט אויסגעהייצט? און וואָס עפּעס אינמיטנדערינען הייצן אַ הרובע, אַז אין דרויסן איז זומער? נאָר דאָ אין שטוב איז ווי אין אַ קעלער.

בומע האָט געשפּאַנט איבערן צימער, נאָכדעם זיך אָפּגעשטעלט און זיך אײַנגעהערט אין דער שטילקײַט. אַ טויטע שטוב, אַ טויטע שטילקײַט, נאָר אַן עק זאָל דאָס נעמען. אַבי פּאָטער געוואָרן פֿון איר. וואָס נאָך? — פֿרעגט ער זיך אַליין. ווער האָט אָנגעטאָן דעם אַבאַזשור אַפֿן לעמפּל? ווי קומט אַהער דאָס בלויע צאַצקעלע? אַהאַ, ער דערמאָנט זיך שוין, עפּעס האָט ראָכטשע געדרייט דרעטלעך און געקלעפּט בלוי פּאַפּיר. און דאָס, וואָס איז? — האָט ער אַ קוק געטאָן אַף דער וואַנט. אַן אויסגענייטער יעגער שיסט מיט אַן אויסגענייטער ביקס אין אַן אויסגענייטן פֿויגל. אַ פּאָטיעכע, מע קאָן פּלאַצן פֿאַר געלעכטער. ער האָט געקוקט מיט כידעש אַף דעם בילד, פֿאַרזיכטיק און צאַרט אַ גלעט געטאָן די סאַמעטענע פֿעדעמלעך, דעם יעגער, דעם פֿויגל. „וווהין פֿליט ער עס, אין דר'ערד אַרײַן? און דו, גלאָמפּ איינער, פֿאַרוואָס שיסטו ניט, האַ? אַ ראָכמאָנעס טייטן אַזאַ שיינעם פֿויגל. מעשוגענער קאָפּ, ווילסט ניט שיסן, דאַרף מען ניט. בומע וועט גיין שלאָפֿן". ער האָט מיטן קאָפּ פֿאַרטשעפּעט דעם אַבאַזשור, די ווענט האָבן זיך אַ וואַקל געטאָן און אָנגעהויבן זיך וויגן. בומע האָט צעשפּרייט די הענט און קוים זיך אײַנגעהאַלטן אַף די פֿיס. „אָר־וואַ. שיקער־

לאָט? עס הייבט זיך ניט אָן״. ער פאַרשטייט דאָך מיטן ניכטערן געדאַנק, אַז ראַכטשע איז אַוועק פונדאַנען... כאַפּט עס דער רועך, זאָל זיין אַזוי, אַבי פּאָטער געוואָרן.

ער זעצט זיך אַנידער אויפן בענקל, נעמט אַראָפּשלעפּן די שטיוול. פּלוצעם דערהערט ער, ווי עמעצער פאַרעט זיך פון יענער זייט וואַנט. ער שפּרינגט אויף פון אָרט און לאָזט זיך צום פענצ־טער אין איין שטיוול. אָהאָ, ווי עס בליצט. ער פאַרמאַכט די אויגן, פּונקט ווי ער וואָלט מוירע האָבן פאַרן דונער, וואָס דאַרף באַלד אַ זעץ טאָן. ס׳איז אָבער שטיל. ער טוליעט צו דעם שטערן צו דער קאַלטער שויב, זוכט מיט די אויגן אין דער פינצטערניש. קיינער איז ניטאָ. מע זעט ניט קיין מעשוגענעם הונט. אהא, פאַלקאָן בילט. וואָס וואָיעט ער? וואָס איז אים ביטער? טאָמער וועט ער ניט שטיל ווערן, וועט בומע נעמען צו אים די האַק. אַז דער קאָפּ ווערט שיר ניט צעשפּאָלטן. נייך, מע דאַרף זיך אַנידערלייגן שלאָפן, און פּאָטער אַן אייסעק.

בומע איז געלעגן אויפן געלעגער, די שייַן האָט ער אויסגעלאָשן, אין די פאַרמאַכטע אויגן איז נאָך פינצטערער, ווי אין שטוב. גענוג, גענוג צו טראַכטן. דער פעטער זייַוול וואָלט פּאָשעט געזאָגט: „אָפּגעהאַקט אַ פּאָלע, און פּאָטער אַן אייסעק״.

מאָרגן דאַרף מען אָנהייבן אונטערטראָגן ציגל צום צאָקאָל, צוגרייטן געהילץ אויף שטעלן די רישטעוואַניעס, מע דאַרף אָנפילן די דייזשקעס מיט וואַסער... אינמיטנדערינען קומט אים גאָר אויפן זינען דער „נעפעש״, אַ יאָלד אין פּאָסטעלעס, האַלט זיך מיט אַ קלאָץ. קאַרג מוידן זייַנען פאַראַן אויף דער וועלט, ניט קליין געווען זיך אונטערקלייַבן אַ ווייַבל, זי זאָל זיין צו גאָט און צו לייַט. אַ מעשוגענער, און שוין...

בומען איז שווער אויפן האַרצן... אַ וואָרעם טאָטשעט דעם מויעך, און ער קאָן ניט אַנשלאָפן ווערן. פּלוצעם דערמאָנט ער זיך אין יענעם אָסיען, ווען ער האָט זיך צום ערשטן מאָל באַגעגנט מיט ראַכטשען.

דער הימל איז געווען באַדעקט מיט שווערע וואָלקנס, מיט גאַנצע בערג פאַרוואָלגערט, און ער, בומע, האָט זיך געשלעפּט איבערן וואַלד מיט דער מאַשין. די קלעצער וואַרפן זי, די מאַשין, אין אַלע זייַטן, דער וועג איז צעפּאַטערט, אַן אייַנגעגעסענער רעגן זיפּט און זיפּט, דער ווינט וואָיעט, די הוילע צווייַגן שמייַסן, ווי די בייַטשן, און דער וואַלד קרעכצט. עס פאַלט צו די נאַכט. דער ווינט ווערט שטאַרקער און בייַסיקער. די ביימער ווערן אַזוי ווי אָנגעגלייזט. און אויף די צווייַגן ווערן פאַרקילט די לויפנדיקע טראָפּנס, סילען זיך אָן איינס נאָך איינס, ווי גלעזערנע קאָ־רעלן. דער רעגן האָט אויפגעהערט, עס האָבן זיך באַוויזן ווייַסע פליטערלעך. קוים מיט צאָרעס אַרויסגעשלעפּט זיך אויפן טראַקט. די נאַכט שפּאַרט שוין פון אַלע זייַטן. דער אַספאַלט גלאַנצט, ווי אַ שוואַרצער שפּיגל. די רעדער דרייען זיך. דער מאָטאָר רעוועט אויף צעריסן ווערן, נאָר די מאַשין שטייט אויף איין אָרט. אַ פאַרגלייזטער וועג מיט נאַקעטן אייַז. ס׳איז אוממעגלעך זיך רירן פון אָרט. ער האָט אויסגעשלאָסן דעם מאָטאָר, אַרויס פון דער קאַבינע און געבליבן שטיין אויפן פליגל. וואָס האָט ער געקאָנט טאָן ווייַטער? בלייַבן נעכטיקן אינמיטן וועג? בומע געדענקט: דאָ, ערגעץ נאָענט אויפן באַרג, שטייט דאָס שטיבל פון דעם וואַלד־וועכטער. ער האָט פאַרהאַקט דאָס טירל פון דער מאַשין און געלאָזט זיך גיין. אומגעריכט האָט ער באַמערקט אַ מענטשן. ער האָט פאַרגיכערט דעם טראָט, זיך דערפרייט מיט אַ לעבעדיקן נעפעש. באַם וועג אין דער רעכטער זייַט לעבן ברונעם איז געשטאַנען אַ מיידל, זי האָט געהאַלטן אַ קאָראָמיסלע מיט צוויי עמער וואַ־סער אויף די אַקסל, פאַרזיכטיק געטאַפּט דעם וועג, געהיט זיך ניט אויסצוגליטשן. אין איין אויגנ־בליק איז בומע אויסגעוואַקסן לעבן איר. אויף אים האָבן אַ קוק געגעבן אַ פּאָר דערשראָקענע אויגן און אָפּגענומען באַ אים דאָס לאָשן. ער האָט אַראָפּגענומען די קאָראָמיסלע פון אירע אַקסל און זיך אַראָפּגעלאָזט פונעם בערגל.

אַרויסגעוויזן האָט זיך, אַז דאָס מיידל איז גאָר ניט פון די שרעקעוודיקע. ווי זי האָט זיך עס אָנגעמאָרדעוועט אויף צו העלפן אים דערשלעפּן די מאַשין צום וואַלד־שטיבל! געטראָגן עמער זאַמד און געשאָטן אונטער די רעדער, געשלעפּט צווייַגן פון וואַלד און אויסגעלייגט זיי אויפן טראַקט. אַ צעהיצטע איז זי געגאַנגען פאָרויס, מיטן פּאָנעם צו דער מאַשין, און מיט בייִדע הענט זיך געבעטן ווי באַ אַ קינד מאַכן נאָך אַ שפּאַן, נאָך אַ שפּאַן. און ער האָט אויף איר אַלעמאָל אַ שיק געטאָן די שייַן פון די פאַרעס. געזען, ווי זי איז פאַרפלאַמט, ווי די פאַסמעס האָר זייַנען צוגע־קלעפּט צום שטערן, די שנייעלעך ווערן די רעגע צעגאַנגען אויף איר הייס פּאָנעם.

אין שטוב האָט זי אים געגעבן וואַסער אויף זיך אָרומצוואַשן. ווען זי האָט געגרייט די וועט־שערע, האָט ער פון איר קיין אויג ניט אַראָפּגעלאָזט. ער האָט געזען, ווי די אַרבעט ברענט באַ איר אונטער די הענט, יעדער אייוועור האָט באַ איר געלעבט, זי האָט געשייַנט, געשמייכלט און באַוויזן צוויי שנירעלעך פּערל אין מויל. אָט דאָס איז זי, אַזאַ האָט ער געזוכט און זי געפונען. דאָס איז געווען ראַכטשע.

א האַלב יאָר נאָכאַנאַנד, צי ער האָט געדאַרפט, צי ער האָט ניט באַדאַרפט, פלעגט ער קומען אין וואַלד צום שטיבל.

סאַווקע, דער וואַלד־וועכטער, האָט געהאַט מיט בומען א געהיימען געשפרעך. ער האָט אים דערציילט, אַז ראָכלס פאָטער איז געווען א שנײַדער און סאַווקעס טאָכטער האָט זיך געלערנט בא אים נייען. ווען די מילכאָמע האָט זיך אָנגעהויבן, איז ער געקומען צונעמען זײַן האַלקען. עפּעס איז אים דעמלט אײַנגעפאַלן אין זינען נעמען די קליינע ראָכל מיט זיך. ווײַזט אויס, עס איז איר טאַקע באַשערט געווען בלײַבן לעבן.

— געדענק זשע, — האָט ער אײַנגעטײַנעט מיט בומען, — באַליידיקן אַזאַ מיידל זאָל דיך גאָט אויסהיטן.

בומע האָט אַראָפּגעשלײַדערט פון זיך די קאָלדרע און זיך אויפגעזעצט אויפן געלעגער. „וואָס האָב איך געטאָן?" — האָט ער זיך אַליין געפרעגט. אין שטוב איז שטיל, קיינער קאָן אים ניט ענטפערן. אינמיטנדערינען האָט זיך דערהערט א כראָפּען. די מאַמע פײַפט, בלאָזט שויפער, שלאָפט געשמאַק, און אים עגבערט אין מויען. ער קריצט מיט די ציין. שפרינגט אַראָפּ פון בעט און לאָזט זיך לויפן צו דער טיר. בא דער שוועל בלײַבט ער שטיין, טוט זיך א קלאַפּ מיט ביידע פויסטן אין קאָפּ און שרײַט אויס, ווי א ווילדער:

— כראָפּע ניט, אוי, מאַמע, כראָפּע ניט!

8

אין דער זעלבער צײַט איז ראָכטשע שוין געווען ווײַט פון הויף. זי איז געגאַנגען אַזוי, ווי עס טרעפט אין א שוידערלעכן כאָלעם, גאָרנישט ניט געזען פאַר די אויגן, עס האָט זי באַגלייט דאָס שאַרקען פון די אייגענע שטיוול. די קאָראָמיסלע האָט זיך איר ווייטעקדיק אײַנגעגעסן אין די אַקסל און די עמער וואַסער שלעפּן צו דער ערד, די פיס פּלאָנטערן זיך, ווי בא א שיקערן. אָט־אָט וועט זי אומפאַלן. אַרום און אַרום איז פּוסט, ניטאָ בא וואָס זיך אָנצוהאַלטן. און די הענט זײַנען בא איר פאַרנומען. זי טראָגט דאָך אין זיי דאָס גלעזעלע ווײַן, אָנגעפילט ביז אָן אויג. פּלוצלינג גליטשט זיך אויס דאָס גלעזל פון די הענט, אין די אויערן טוען א טעמפּן קלונג די צעבראָכענע שערבלעך פונעם קריגל. א דערשיטערטע איז ראָכל שטיין געבליבן, גענומען זיך אַרומקוקן. א פינצטערער דרויסן. וווהין אײַלט זי עס אַזוי? וואָס איז מיט איר געשען? וווּ איז אַהינגעקומען די קאָראָמיסלע מיט די עמערס? דאָס גלעזל ווײַן? לעבן די פיס וואַלגערט זיך דאָס טשעמאָדאַנדל, די הענט זײַנען ליידיק, זי קאָן זיי אויפהייבן אין דער הייך, צעשפּרייטן אין די זײַטן, זי קאָן אָטעמען פרײַ, וויפל זי וויל, זי דאַרף בלויז אָפּווישן דאָס פײַכטע פּאָנעם... זי ווישט די באַקן, נאָר די טרערן יאָגן, ווי גרויסע טראָפּנס רעגן אויף די שויבן. וואָס עפּעס אינמיטנדערינען ווייַנען? ניין, זי וויינט ניט. דאָס איז דער קאַלך־שטויב איר פאַרגאַנגען אין די אויגן. א סימען, די שפּיץ פינגער שמאַרצן. די ווונדן אויף דער דלאָניע, וואָס דער קאַלך האָט צעגעסן, קאָנען אַדהײַעם ניט פאַרהיילט ווערן. נישקאָשע, אַלץ וועט דורכגיין. זי דאַרף זיך בלויז אָפּרוען א ביסל, זיך דערשלעפּן צו יענעם בערגל. זי מאַכט עטלעכע שפּאַן, קריכט אַרויף אויפן בערגל און טוט זיך א וואַלגער אויף דער ערד. שוין זשע האָט זי ניט קיין רעכט זיך אָפּרוען א ביסל? זי קאָן איצטער ליגן, וויפל דאָס האַרץ גלוסט. וואָס קאָן זײַן בעסער, ווי אויסגלײַכן די ביינער און קוקן אויפן הימל? א שאָד, וואָס מע זעט ניט קיין איין שטערנדל. צײַטנווײַז באַווײַזט זיך בלויז צווישן די כמאַרעס א ציגײַנעריש מעשן אוירינגל, טוט א בליאַסקע אויף א רעגע און סטײַעט ניט. דער מוילעד שפּילט זיך מיט די וואָלקנס אין באַהעלטערלעך. מיסטאַמע וועט באַלד גיין א רעגן. ווען זי קאָן פאַרוואַנדלט ווערן אין קראָפּעווע, וואָלט זי פאַר קיין רעגן ניט מוירע געהאַט.

און ווידער איז ראָכל אויף די פיס. זי נעמט דעם טשעמאָדאַן און לאָזט זיך גיין ווײַטער. וווהין גיין, ווייסט זי ניט. ווען דער זיידע סאַווקע לעבט, וואָלט זי צוריק אַוועקגעפאָרן אַהיים. איצטער האָט זי קיינעם ניט.

פון הינטן איז איבערגעבליבן דער שלאָפנדיקער יישעוו. יעדעס גרעזל האָט זיך פאַרטײַעט. די טויטע שטילקײַט וואַרט אויף עפּעס. מיטאַמאָל האָט א ציטערנדיקער בליץ א צײַלעם געטאָן דעם עק הימל, אויף א רעגע באַלויכטן די פאַרגליווערטע טויערן פון דער ניט ווײַטער שטאָט. און ס'איז ווידער געוואָרן פינצטער אַרום און אַרום. בלויז פון יענער זײַט אײַזנבאַן, וווּ עס בויט זיך דער מאַסיוו, גליען די וואָלקנס איבער די נײַ־אויפגעבויטע שטאָקן, פון ערגעץ האָט א בלענד געטאָן א שטראַל, ווי עס וואָלט אויפגעגאַנגען די זון, און באַשײַנט די גרויסע פירעקיקע קאַסטנס, וואָס זײַנען אָנגעשטעלט באַם ראַנד באַרג. אויף די דאָזיקע קאַסטנס באַוועגן זיך מענטשן. פונדערווײַטנס זעען זיי אויס ווי ליאַלקעס. ניט איין מאָל, ווען ראָכטשע פלעגט פאָרן אין שטאָט, פלעגט זי זען די דאָזיקע מענטשן דורך דעם פענצטער פון דער עלעקטריטשקע. זי איז מעקאַנע געווען

די מיידלעך, וואָס האָבן דאָרטן געארבעט. איצט איז איר געקומען אפן זינען — זי וועט גיין אהין. אויסמײַדנדיק די סטאנציע, האָט זי זיך אראָפּגעלאָזט אין טאָל און לענגאויס די רעלסן אוועק זוכן דעם וועג, וואָס פירט ארויף־בארג צום מאסיוו.

פונדערווײַטנס האָט א דונער זיך ארויסגעקײַקלט און מיטאמאָל א זעץ געטאָן און אופגעבוי־טעט די לופט. שווערע געציילטע טראָפּנס האָבן גענומען קלאפּן אין די שפּאלעס. א צײַט האָבן זיי געהילכט הינטער אירע פּלייצעס און לאנגזאם אײַנגעשטילט געוואָרן, אוועקגעלאָפן, ווי טריט פון א יאָגנדיקן הונט.

שטענדיק האָט ראָכטשען זיך אויסגעוויזן, אז צום מאסיוו איז ניט ווײַט. לאָזט זיך אויס, אז מע דארף גיין און גיין. אָט האָבן זיך באוויזן די פּראָזשעקטאָרן פון דער בויונג, דאָרט איז אזוי ליכטיק, אז מע קאָן קלײַבן נאָדלען. פון ערגעץ האָט זיך דערהערט א טעמפּער קלונג, און די פּראָזשעקטאָרן האָבן זיך גענומען אויסלעשן. דער וועג האָט ארויסגעפירט ראָכטשען אף א פיר־עקיקן פּלאץ. פון אלע זײַטן שטייען פּרעכטיקע מויערן. אין דער מיט פון איינעם א הויף האָט א נידעריק געפארבטער פּלויט ארומגעגרייזעט א סעדל, צווישן די יונגע קאשטאן־ביימער שטייען הילצערנע פערדלעך, לייטערלעך, הוידעלקעס, בערגלעך זאמד זײַנען אָנגעשאָטן דאָ און דאָרט, ווײַזט אויס, אז דאָס אלץ איז פאר קינדער. ראָכטשע באמערקט גאָר ניט, אז זי גלעט אָן אויס־געמאָלטע גריווע פון א הילצערן פערדל, זי נעמט אָן א זשמעניע זאמד און זיפּט אים דורך די פינגער. דער זאמד איז נאָך לעבלעך. איר ווײַזט זיך אויס, אז דאָס האָט דאָס קליינווארג איבער־געלאָזט זייערווארעמקײַט, קינדערשער אָטעם ווארעמט בעסער פון דער זון.

די שײַן אין פענצטער לעשט זיך אויס, די מויערן ווערן אנשלאָפן, א געהיימע שטילקײַט הערשט ארום און ארום. ראָכל זיצט אף דער באנק, האלט אײַן קוקן אין פענצטער, וואָס לויכט זיך. מיט דעם איינציקן פײַערל איז איר היימלעכער, ניט אזוי עלנט. איר ווילט זיך שלאָפן, נאָר זי האָט מוירע פארמאכן די אויגן. דאָך האָט זי אָנגעהויבן דרעמלען און אין שלאָף דערפילט, אז אין איינציקן פענצטער איז אויך פינצטער געוואָרן. אן אומרויִקע האָט זי זיך אופגעהויבן פון באנק, מיט מוירע זיך גענומען ארומקוקן. דורכויס איז פינצטער, איינצלנע לאמטערנס לויכטן ערגעץ. עס הילכן די טריט פון א פארשפּעטיקטן דורכגייער, און עס ווערט ווידער שטיל. א ווינטל איז געקומען פון ערגעץ, א שויבער געטאָן די פארגליווערטע ביימער. עס ווערט איר קאלט. וויפל קאָן איצטער זײַן דער זייגער? שטענדיק א מידע פונעם טאָג ארבעט, האָט זי, ליגנדיק בא זיך אפן געלעגער, געוואָלט, די נאכט זאָל וואָס לענגער דויערן. אי־צטער קאָן זי זיך ניט דער־ווארטן אפן באגינען. זי האָט זיך ווידער אוועקגעזעצט אף דער באנק, אָנגעשפּארט דעם קאָפּ אין ווענטל און איז באלד אנשלאָפן געוואָרן.

ווען זי האָט זיך אופגעכאפּט, איז די זון שוין געווען העט־ווײַט, מענטשן האָבן זיך באוויזן אף דער גאס. קיינער האָט ניט באמערקט, אז ראָכטשע האָט גענעכטיקט אין סעדל. לאָזט זיך אויס, אז ס'איז ניט מעסוקן, מע שטארבט ניט פון אזעלכע זאכן. אין א צײַט ארום האָט זי שוין געשפּאנט צווישן אן אנצאָליקן האמוין. עמעס, זי האָט ניט געהאט וווהין צו אײַלן. זי האָט זיך אוועקגעשטעלט אין א זײַט, געוואָלט אויסקלײַבן א דורכגייער, צו וועמען זיך ווענדן. אָט גייען דרײַ מיידלעך. די ערשטע צוויי האָבן אפילע קיין קוק ניט געטאָן אין איר זײַט. די דריטע, א נידעריקע, מיט גרויע פלינקע אייגלעך, האָט פונדערווײַטנס באמערקט ראָכטשען, פארשטאנען, ווײַזט אויס, אז זי וויל עפּעס פרעגן.

— זאָגט, איך בעט אײַך, וווהין דארף מען זיך ווענדן וועגן ארבעט אף דער בויונג?

דאָס מיידל האָט זיך אָפּגעשטעלט, א ווײַלע געטראכט, זיך ארומגעקוקט און אָנגעהויבן דער־קלערן, ווײַזנדיק מיט דער האנט. ראָכל האָט אָפּגעדאנקט, און דאָס מיידל האָט זיך געלאָזט אניאָגן אירע כאווערטעס.

ראָכל האָט געפונען די רעכטע ארקע, ארויסגעגאנגען אף דער גאס, גענומען זיך לינקס און גלײַך דערזען דאָס צווייִשטאָקיקע מויערל.

מע באדארף ווארטן ביז נײַן אזייגער. דער, וואָס נעמט צו אף ארבעט, האָט פארשפּעטיקט א ביסל. אָפּשליסנדיק זײַן קאבינעט, האָט ער באטראכט אלע די, וואָס זײַנען געזעסן און געווארט אף אים. ראָכל איז געווען די ערשטע. ווי נאָר זי איז ארײַן אין קאבינעט, האָט דער וווקסיקער מענטש מיטן ליידיקן ארבל געכאפּט א נײַגעריקן קוק אף איר טשעמאָדאנדל און, איידער ער האָט זיך נאָך אנידערגעזעצט צום טיש, זי געפרעגט:

— ווו וווינט איר?

ראָכל האָט א דריי געטאָן מיטן קאָפּ און ניט זיכער אָנגעהויבן:

— איך האָב ניט ווו צו וווינען... איך וויל אָנקומען ארבעטן.

— ארבעט איז פאראן, וויפל איר ווילט. נאָר די צוזאמענוווינונג איז בא אונדז איבערגעפּולט. ווען איר קומט פריִער מיט א פּאָר וואָכן. איצטער, צום באדויערן, מוז איך אײַך אָפּזאָגן.

ראָכל האָט זיך אויסגעקערעוועט צו דער טיר, נאָר מאכן א טראָט האָט זי ניט געקאָנט. ס׳איז איר פלוצעם פינצטער געוואָרן אין די אויגן. ווען זי האָט דערהערט „סלעדוויושטשי“, — האָט זי זיך אזוי ווי אופגעכאפט פון א שלאָף און לאנגזאם געלאָזט זיך ארויסגיין פון קאבינעט.

זי איז געקומען צוריק אפן פלאץ, צום סעדל. קינדער האָבן זיך שוין געשפילט אין זאמד, זיך געהוידעט. זיי האָבן געשטיפט און געלאכט, און ראָכל איז א צײַט געשטאנען פונדערווײַטנס, געקוקט מיט פארגעניגן אפן קליינווארג. בלויז אף א קורצער צײַט איז דער שטיין איר אראָפ פונעם הארצן. גאָר אומגעריכט האָבן זיך אירע אויגן אָנגעפילט מיט טרערן. זי האָט זיך אפגיך אויסגעקערעוועט און ארויס אף דער גאס. א גלײַכגילטיקע האָט זי געשפאנט און געשפאנט. איין און דער זעלבער געדאנק האָט איר געעגבערט אין קאָפ. קומט אויס, אז זי מוז זיך אומקערן צוריק אין יענעם הויף. וואָס וועט זי זאָגן בומען און וואָס וועט ער איר ענטפערן? ניין, בעסער פאלן דאָ אף דער גאס, נאָר אהינצו וועט זי זיך ניט אומקערן. זי איז אוועק צו דער סטאנציע, גענומען א בילעט אף צו פאָרן אין שטאָט ארײַן. עפשער וועט זי דאָרט זיך צו עפעס צושלאָגן. געקומען צו פאָרן, זײַנען אלע פאסאזשירן ארויס פון דער עלעקטריטשקע, און זי איז איינע געבליבן זיצן א פארגליווערטע, זי האָט גאָר ניט געזען, ווי דער וואגאָן איז ווידער פול געוואָרן מיט נײַע מענטשן און זי פאָרט שוין אף צוריק. ווען ראָכל קאָן אזוי פאָרן און פאָרן און קיינמאָל זיך ניט אָפשטעלן, וואָלט געווען זייער גוט. פלוצעם האָט א בליץ געטאָן א געדאנק: וואָס האָט זי געדארפט אים זאָגן, אז זי האָט ניט ווו צו וווינען? מע וואָלט זי צוגענו־מען אף דער ארבעט, און נאָכדעם וואָלט מען שוין געזען. עפשער גאָר געקאָנט דינגען ערגעץ א ווינקל. זי האָט זיך א הייב געטאָן פון אָרט און געלאָזט זיך צום ארויסגאנג. זי וועט גיין זאָגן, אז זי דארף ניט זייער צוזאמענוווינונג. זי וועט זאָגן, אז זי וועט וווינען בא זיך אין דער היים. זי האָט דאָך א היים, זי בויט זיך א שטוב. ארויס פון דער עלעקטריטשקע, האָט זי זיך געלאָזט לויפן צום מאסיוו. זי האָט אפילע קיין טראכט ניט געטאָן, אז עס קאָן שוין זײַן שפעט, אז דער ארבעטס־טאָג האָט זיך שוין געענדיקט. מיילע, האָט זי זיך אליין בארויִקט, זי וועט ווי־ניט־איז איבערזײַן נאָך איין נאכט, און מאָרגן וועט זי קומען און זאָגן, אז זי וויל נאָר ארבעט. איר איז פריילעכער געוואָרן אפן הארצן. זי האָט זיך אפילע דערמאָנט, אז זי איז הונגעריק. ס׳איז ווידער געוואָרן פינצטער. קימאט אלע פענצטער האָבן זיך אָנגעצונדן, אן אוילעם איז ארויס שפאצירן יאָמטעוו־דיק און פריילעך. וואָס פאר א טאָג איז הײַנט? ראָכל האָט זיך דערמאָנט, און ס׳איז איר פארקילט געוואָרן יעדער אייווער. מאָרגן איז דאָך זונטיק. וויי־ווי, וואָס זשע וועט זי טאָן מאָרגן און מאָר־גנדיקע נאכט? זי האָט זיך אופגעהויבן פון אָרט, גענומען אומרויִק שפאנען הין און צוריק, די צײַט זאָל גיכער דורכגיין. ערגעץ האָבן כעוורע געזונגען, געשפילט אף א גיטארע... פלוצעם האָט א דונער אופגעריסן די שטילקײַט. ס׳האָט א גאָס געטאָן א רעגן. ראָכל האָט זיך געלאָזט לויפן אין אן אָפענער טיר. ווי נאָר זי איז אריבער די שוועל, האָט זיך פון דרויסן דערהערט א געלעכטער און א לויפערײַ. ראָכטשע האָט זיך ניט באוויזן באהאלטן אונטער די טרעפ, ווי אין קאָרידאָר זײַנען ארײַן צוויי מיידלעך מיט א פישטשערײַ און אײַלנדיק אוועק אף די טרעפ. אין עטלעכע רעגעס ארום האָט זיך אין פירהויז ארײַנגעריסן א באָכער, שלעפנדיק פאר דער האנט א מיידל. אף אירע אקסלען איז געווען ארופגעוואָרפן דעם באָכערס פידזשאק, וואָס האָט דער־לאנגט ביז אירע פיאטעס.

ערגעץ פון דער הייך האָט זיך דערהערט א קאָל:

— קנאָפקע, זאם זיך ניט, מירן לאָזן אָפן די טיר.

דער באָכער האָט געטרייסלט מיטן קאָפ, געפאָכעט מיט די לאנגע הענט און געטופעט מיט די פיס. דאָס פײַכטע ווײַסע העמדל איז געווען צוגעקלעפט צו די סטארטשענדיקע אקסלען, צו דער ביינערדיקער ברוסט.

ראָכל האָט געמיינט, אז דאָס פאָרל וועט זיך באלד פארנעמען פונדאנען, נאָר ווײַזט אויס, עס האלט ניט דערבײַ. ער — א הויכער, א דארער, די קורצע ארבל מאכן נאָך לענגער זײַנע אָדערדיקע הענט, די הויזן — קינדעריש קורץ, ווײַזט אויס אף זײַן מאָס איז שווער צו געפינען אן אָנצוג. דער באָכער ציטערט און קוקט אפן מיידל. איר איז קאלט, און זי נורעט זיך אין זײַן פיד־זשאק. פלוצעם טוט זי א פליעסקע מיט די הענט:

— ווען האָסטו באוויזן אזוי פארליאפען די הויזן, אוי, וויזעלע מיט די לאנגע לאפאצאָנעס.

דער באָכער שמייכלט, טוט א פאָכע מיט דער מעשונע־גרויסער האנט און שטאמלט ארויס:

— בלאָטע. ס׳איז גאָרניט. — ער האָט ארויסגענומען פון קעשענע א ווײַס טיכעלע און אָנגע־הויבן ווישן דאָס פײַכטע פאָנעם. זי שטייט שטיל און שמייכלט. ווי נאָר ער האָט געוואָלט מיט זײַנע ליפן זיך צורירן צו איר בעקל, אזוי האָט זי א וואָרף געטאָן מיטן קאָפ, א דראָע געטאָן מיט א פויסט און מיט א פארטײַעטער געמאכטער בייזקײַט געוואָרנט:

— נו, נו, אקטיוויזיר זיך ניט. — זי האָט אף אים א בליץ געטאָן מיט אירע שטעכיקע גרויע אייגלעך און מיטן ווונק באפוילן, ער זאָל זיך אָנבייגן. זי האָט ארופגעוואָרפן אף זײַנע אקסל דעם פּידזשאַק. ער האָט זיך צעשמייכלט, און די פולבלעכע ליפּן זײַנע זײַנען נאָך פײַכטער געוואָרן, געגלאַנצט, ווי מע וואָלט זיי אָנגעשמירט מיט א פעטקײַט. ווען ער האָט זיך צוריק אויסגעגלײַכט, האָט מען ערשט באמערקט, ווי ער איז לאַנג און זי איז קורץ.

ער האָט פּאָרזיכטיק אוועקגעלייגט זײַן האנט אף אירע פּלייצעס. אָבער ווי נאָר ער האָט געוואָלט זי צוטוליען צו זיך, האָט זי א קנייטש געטאָן מיט די אקסל און א ביסל אָפּגעטראָטן פון אים. זי האָט רייצנדיק אים ארײַנגעקוקט אין פּאָנעם, און ער האָט אָפּגעקערעוועט דעם קאָפּ אָן א זײַט, ווי ער וואָלט מוירע געהאַט, זי זאָל זיך לאַנג ניט אײַנקוקן אין זײַן איבערגעבראָכענער נאָז, אין דער מעשענער קוטשמע צעשויבערטע האָר.

— וואָס טוט איר דאָ? — האָט קנאָפּקע א פּאַרוווּנדערטע א פרעג געטאָן.

— ווּעמען זוכט איר, וואָס דאַרפט איר?

ראָכל האָט א צוק געטאָן מיט די אקסל און גאָרנישט ניט געענטפערט. זי האָט זיך געלאָזט גיין צו דער טיר.

— וואָס מאכסטו גוואַלדן? — האָט דער לאַנגער באָכער א כאַפּ געטאָן קנאָפּקען בא א האנט. נאָר די קליינע האָט זיך אויסגעריסן און פאַרשטעלט ראָכלען דעם וועג.

— וווּהין?

— ווען איך זאָל וויסן וווּהין? — האָט זיך בא ראָכלען ארויסגעריסן א זיפץ און טרערן האָבן א שפּריץ געטאָן פון אירע אויגן. אין דער צײַט האָט זיך פון אויבן דערהערט א קאָל:

— קנאָפּקע, דו ווּעסט זיך אמאָל צעשיידן מיט דײַן זיבעלע?

— קלאַווע, קלאַווע, קום אהער, נאָר גיכער.

פּאַר איין אויגנבליק איז קלאַווע אראָפּ פון אלע טרעפּ. קנאָפּקע האָט א צעטומלטע אָנגעוויזן אף ראָכלען.

— ווי געפעלט זי דיר? אינדערפרי האָב איך זי געזען ארומבלאָנקען אין הויף, און איצטער איז זי ווידער דאָ.

— און פאַרוואָס וויינט זי? — האָט קלאַווע געפרעגט.

דער באָכער האָט געוואָלט עפּעס זאָגן, נאָר קנאָפּקע האָט א בייזן קוק געטאָן אף אים און מיט קאַס אים געזאָגט א גוטע נאכט.

ראָכל האָט געמוזט זיי אלץ דערציילן. די מיידלעך האָבן זי אויסגעהערט און געקוקט אף איר אי מיט ראכמאָנעס, אי מיט כשאַד.

— דער רעגן וועט אופהערן, וועל איך אוועקגיין פונדאנען, — האָט ראָכל זיך געוואָלט פּאַרענטפערן.

— וואַרט אויס א ווײַלע, — האָט קנאָפּקע זי איבערגעשלאָגן, אָנגענומען קלאַווען פּאַר א האנט און אוועקגעפירט אין א זײַט. זיי האָבן זיך עפּעס געשושקעט, געאַמפּערט, באטראכט ראָכלען פון קאָפּ ביז די פיס. ענדלעך האָבן זיי בא זיך געפּויעלט נעמען זי צו זיך אין צוזאמענוווינונג.

אפן צווייטן שטאָק האָט קלאַווע זיך אָפּגעשטעלט.

— און וואָס וועט זאָגן די „שטיפמאמע"?

א צײַט זײַנען זיי אלע דרײַ געשטאַנען און געשוויגן.

— נישקאָשע, מיר וועלן איר אײַנרעדן. קומט, — האָט קנאָפּקע דרייסט געזאָגט, צוגענומען בא ראָכלען דאָס טשעמאָדאַנדל און די ערשטע געלאָזט זיך אף די טרעפּ.

אף די טרעפּ איז קנאָפּקע געווען א קלוגע, נאָר ארײַנגייען די ערשטע אין צימער האָט זי ניט געוואָגט. זי האָט אומרויִק א דריי געטאָן מיטן קאָפּ, נאָכדעם אנטשיידן צעעפנט די טיר און ארײַנגעשטופּט קלאַווען אין צימער. אין א ווײַלע ארום זײַנען אלע דרײַ שוין געשטאַנען אף דער שוועל און מיט אומגעדולד געוואַרט, די „שטיפמוטער" זאָל זיך אף זיי אומקוקן. נאָר יענע איז געזעסן באם טואַלעט-טישל און געדרייט די ווײַסע לײַנענע האָר אף בלעכענע טרײַבעלעך. ווען די „שטיפמוטער" האָט דערזען אין שפּיגל, ווי אלע דרײַ שטייען בא דער טיר, האָט זי זיך אויסגעקערעוועט און מיט צוגעזשמורעטע אויגן גענומען באטראכטן יעדע איינע באזונדער.

די „שטיפמוטער" איז נאָך גאָר א יונגע, עפּשער מיט א פּאָר יאָר עלטער פון אירע כאַוועריעס. זי איז א דיקלעכע, א וווּקסיקע, א געדיכטע רויטקײַט באדעקט אירע באקן אזש ביז די שלייפן, דאָס מויל איז קליין, ווי בא א קינד, די פרישע זאפטיקע ליפּן זײַנען קאַפּריז צונויפגעשלאָסן, מע קאָן מיינען, אז זי זשאַלעוועט אויסריידן א וואָרט.

— ווער איז זי? — האָט ענדלעך פונעם קינדערשן מײַלכל אַ שאַל געטאָן אַ שטאָל־קלינ־גענדיק קאָל.

קלאַווע מיט קנאַפּקען האָבן זיך איבערגעקוקט.

— מײַנס אַ שוועסטערקינד, — האָט קנאַפּקע געזאָגט.

די „שטיפמוטער" האָט אַ גלאַנץ געטאָן מיט אירע בלויע אויגן אויף קנאַפּקען.

— דײַן אייגן שוועסטערקינד?

— הם... הם...

— וויפל מאָל, — האָט די „שטיפמוטער" געזאָגט און דערבײַ געהאַקט די לופט מיט דער האַנט, — וויפל מאָל האָט דער קאָמענדאַנט געוואָרנט, מע זאָל קיין פרעמדע אין צוזאַמענוווינונג ניט ברענגען.

— סוועטקע, טײַערע, ס'איז דאָך ניט קיין ייִנגל, — האָט קנאַפּקע זיך געבעטן.

— מער פעלט מיר ניט, ייִנגלעך ווילט זיך איר אינמיטן דער נאַכט, — די „שטיפמוטער" האָט געוואָלט זײַן שטרענג, נאָר עס האָט זי אויסגעגעבן דער פאַרטײַעטער שמייכל. מער האָט קנאַפּקע ניט באַדאַרפט, זי איז אויסגעוואַקסן לעבן סוועטען, זי אַרומגענומען אַרום האַלדז און גענומען איר אַרײַנשושקען אין אויער.

— שאַ־שאַ, פּלוידערזעקל, רעד, איך זאָל פאַרשטיין.

ווען קנאַפּקע האָט איר אַלץ אויסדערציילט, האָט סוועטע זיך אויפגעהויבן פון אָרט און זיך געלאָזט צו ראַכלען, וועלכע איז אַלץ געשטאַנען בײַ דער שוועל מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ.

— וואָס האָסטו זיך אַזוי אײַנגעהויקערט? דער רעגן איז דיר אַרײַן אין די אויגן?

— יאָ, — האָט ראַכטשע אַ זיפץ געטאָן.

— איר הערט, מיידלעך? יאָ, זאָגט זי, ער וואָלט געקאָנט בײַ מיר לאַנג דאַרן, איך זאָל איבער אים וויינען. צען מאָל וואָלט ער זיך באַדאַרפט אָפּבריִען זײַן צונג אײדער אַ אָנגעגליטער סקאָוו־רעדע, איך זאָל אַזוי זיפצן, ווי דו, — זי האָט באַדויערנדיק אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ. — אויב דו ביסט געקומען צו אונדז, פאַרווער איך דיר וויינען און קרעכצן. — זי האָט זיך אויסגעקערע־וועט צו קנאַפּקען: — וואָס שטייסטו? באַווײַז איר די וואַנע, זאָל זי זיך אויסבאָדן, און מאַכט שוין אַמאָל נאַכט, היצעלקעס.

— מאָרגן איז דאָך אַן אָפּרו־טאָג, סוועטע.

— און ווער וועט פאָרן מאָרגן אויף דער מאַיאָווקע? איך וועל דען קאָנען אײַך אויפוועקן.

איידער סוועטע האָט פאַרדרייט די שײַן, איז זי צוגעגאַנגען צו ראַכלען, וואָס איז געלעגן אויף קנאַפּקעס געלעגער, און מיט געמאַכטער שטרענגקײַט געזאָגט:

— זאָלסט שוין אַנשלאָפן ווערן, דו הערסט? די מיידלעך האָבן דיר געזאָגט, ווער איך בין? איך בין די „שטיפמאַמע", און איך האָב פײַנט, אַז מע פאָלגט מיך ניט.

ראַכל האָט געפינקלט מיט די אויגן, זיך אויסגעקערט צו דער וואַנט און זיך איבערגעדעקט מיט דער קאָלדרע איבערן קאָפּ.

אין צימער איז געוואָרן פינצטער. אויף קלאַוועס בעט האָבן זיך געשושקעט ביידע כאַווערטעס.

— ס'וועט אַמאָל ווערן שטיל? — האָט די „שטיפמוטער" אַ קלונג געטאָן מיט איר שטאָלע־נעם קאָל.

די מיידלעך זײַנען אַנשוויגן געוואָרן. אין דרויסן האָט אָנגעהויבן גיסן אַ שלאַקסרעגן.

די מיידלעך שלאָפן. בלויז די „שטיפמוטער" קוקט מיט ברייט צעעפנטע אויגן אויף דער סטעליע. זי הערט זיך אײַן, ווי ס'רוישט אין דרויסן, ווי דער רעגן קלאַפּט אין די שויבן.

פאַרזיכטיק הייבט זי זיך אויף פון בעט, שטייט אַ ווײַלע אויפן אויסגעשפּרייטן טעפּיכל, טוט אַ שאַר מיט ביידע הענט איבערן צעוואָרעמטן גוף, דערפילט אַ לײַכטן פיבער אויפן לײַב, טוט אַ ציטער, קריכט אַרײַן מיט ביידע פיס אין די שטעקשיך און לאָזט זיך גיין איבערן צימער.

באַם פענצטער בלײַבט זי שטיין. די פרעמדע, דער רעגנדיקער דרויסן האָבן איר דערמאָנט:

דעמלט האָט אויך געגאָסן אַ שלאַקסרעגן. אַזוי ווי איצט איז זי געשטאַנען באַם פענצטער און געוואַרט אויף אים. די קאַליוזשעס האָבן אויף אַ ווײַלע זי פאַרווײַלט, געקוקט אויף זיי פאַרוווּנ־דערט, פונקט ווי זי וואָלט דאָס ערשטע מאָל געזען די יאָגנדיקע ריטשקעס, וואָס האָבן זיך גע־שלענגלט, געזוכט וועגן, אויסמײַדנדיק אַלע שטערונגען. בלויז אין איין קאַליוזשע איז די וואַסער געשטאַנען, אַ שפּענדל האָט זיך געדרייט, זיך אונטערגעטוקט און ווידער אַרויסגעשווומען. איר האָט זיך אויסגעוויזן, אַז דאָס שפּענדל רייצט זיך מיט איר, מאַכט פון איר כויזעק: „אַהאַ, איך וויס, ווו דײַן מאַן געפינט זיך". פּלוצעם האָט די וואַסער פון דער קאַליוזשע זיך דורכגעריסן, און דאָס שפּענדל איז אַוועקגעשווומען.

אַ צעטראָגענע איז זי אַרויס אין דרויסן...

געלאָזט זיך גיין. צוערשט גענומען רעכטס, נאָכדעם לינקס. אף דער גאס האָט מען ניט געזען קיין מעשוגענעם הונט. ניטאָ וועמען צו פרעגן. עפשער ליגט ער ערגעץ א שיקערער אין א קאליוזשע? עפשער האָט זיך עפעס געטראָפן מיט אים?

זי פילט ניט, ווי דאָס נאַסע קליידל קלעפּט זיך צו די קני, פון די האָר רינען אראָפּ אונטערן קאָפּטל גאַנצע פּאַטיאָקעס, שטעכיקע טראָפּנס שמייַסן אין פּאָנעם.

יענע נאַכט איז ער אהיים ניט געקומען.

א סאך כאַטאָים איז זי אים מויכל געווען: אפילע ווען ער איז איינמאָל געקומען שיקער־לאָט און זיך צוגעטשעפּעט צו איר, האלעמייַ זי קוקט אף אים אזוי שלעכט, און איר אראָפּגעלאָזט צוויי פּעטש אין פּאָנעם.

זי האָט דעמלט בלויז א שווערן זיפץ געטאָן און געבליבן שטיין אפן אָרט ווי א פארגליווערטע. ער האָט זיך דערשראָקן פאר איר שווייַגן. מוירע געהאט צו איר זיך דערנעענטערן. ער איז ארומגעגאנגען עטלעכע מאָל ארום איר, געוואָלט, זי זאָל אף אים כאָטש אופהייבן די אויגן. איז זי געשטאַנען ווי אן אויסגעהאַקטע פון א שטיין.

אין יענער רעגע איז ער אזוי ווי ניכטער געוואָרן. פּלוצעם צוגעלאָפן צו איר, זי א כאַפּ געטאָן אף די הענט און ניט מיט זייַן קאָל אויסגעשריִען:

— זאָג מיר עפעס... זאָג!..

זי האָט געשוויגן.

ווי א קליין קינד האָט ער זי אנידערגעלייגט אפן בעט, זי איינגעדעקט. ווייַזט אויס, איז האָט זיך אויסגעוויזן, אז זי איז אינדערעמעסן פארגליווערט געוואָרן.

ער איז צוגעפאלן צו איר און זיך ביטער צעוויינט.

די פּעטש איז זי אים מויכל געווען, אָבער פון דעמלט אָן האָט זי אָנגעהויבן מוטשען דער געדאַנק: אוועקגיין פון אים. וווהין? אהיים צו די עלטערן? בעשום־אויפן ניט. מע האָט דאָך זי געוואָרנט, זי זאָל פאר אים ניט כאַסענע האָבן. און זי האָט קיינעם ניט געפאָלגט. נאָך דעם האָט זי זיך גענומען אליין איינריידן. סאָפּקאָלסאָף וועט זי אים אָפּגעווינען פון טרינקען. ס׳וועט אלץ זייַן גוט.

און אָט איז ער ניט געקומען נעכטיקן. אינדערפרי איז ער צוגעפאָרן אף א מאשין און א צע־היצטער אריין אין שטוב.

ער איז געבליבן שטיין אף דער שוועל און מיט היספּייַלעס געזאָגט:

— סוועטקע, בייזער זיך ניט... מייַן כאליאסטרע האָט באשטימט יעדער כוידעש נעמען בא די ווייַבער אן ארויסגאַנג־טאָג מיט אן ארויסגאַנג־נאַכט. אין דעם דאָזיקן מעסלעס דערלויבט זיך אונדז טאָן אלץ, וואָס מיר ווילן און וואָס מיר דאַרפן...

דער אויסגעשריי איז דערשטיקט געוואָרן בא איר אין האלדז. בלויז א ווייטעקדיקער זיפץ האָט זיך ארויסגעריסן פון איר מויל. זי האָט א שמייכל געטאָן און גלייַכגילטיק א צוק געטאָן מיט די פּלייצעס.

— ביסט מיד פון דער נאַכט... לייג זיך שלאָפן... — האָט זי געזאָגט.

— איך בין דאָך ניט שיקער... שלאָפן וויל איך ניט...

— ווי דו פארשטייסט...

— נארעלע, איך בין געקומען דיר זאָגן. איך גיי אוועק אף א גאַנצן טאָג.

— אויב דו דאַרפסט, גיי, — זי האָט פארביסן די אונטערשטע ליפּ. נאָכדעם הייזעריק געשעפּטשעט מיט צאָרן:

— אוי, גיי שוין... גיי!

אינעם זעלבן טאָג האָט זי צונויפגענומען אייניקע זאכן אירע און פארלאָזט די שטוב. די ערשטע עטלעכע טעג האָט זי געוווינט בא א כאַווערטע, נאָכדעם אוועק אף דער בויונג פונעם נייעם מאַסיוו. זיך איינגעאָרדנט אין צוזאמענוווינונג פון יאשעס בריגאדע. דער בריגאדיר האָט זי אנידערגעשטעלט לעם זיך, זי זאָל אים דערלאַנגען ציגל. מע האָט דעמלט געלייגט די ווענט אפן דריטן שטאָק.

אין דער הייך איז געווען אומעגלעך צו ארבעטן. דער הארבסטיקער ווינט האָט אומבעראַכ־מאָנעסדיק געשמיסן, געריסן שטיקער. איר האָט זיך אויסגעוויזן, אז אזא ווינט קאָן א מענטשן אראָפּשלייַדערן פון דער הייך און אָפּווישן דאָס אָרט, ווו ער איז געשטאַנען. און זי איז געווען אָנגעטאָן בלויז אין א לייַכט רעקל.

— וועסט זיך באלד אָנווארעמען, — האָט דער בריגאדיר איר געזאָגט און געהייסן אים אונטערטראָגן ציגל.

אָפּגעארבעט א האלבע שאָ אונטער זייַן האַנט, איז זי טאַקע געוואָרן פּיטש־נאַס. וואָס ווייַטער, זייַנען די ציגל געוואָרן שווערער און שווערער. זי האָט געבעטן גאָט, דער לאַנגער באָכער זאָל

כאַטש אַף א מינוט זיך אָפּשטעלן, וואָלט ער כאָטש פאַרייכערן, אַזוי ווי אַנדערע מוליערס, נאָר אפּצולאָכעס רייכערט ער ניט. ער לייגט די ציגל און קלאַפּט אונטער מיט דער קעלניע. בא אים איז דאָס געווען ווי א שפּילכל, און זי האָט געיאָגט פון זיך די נעשאָמע.

ווען ער האָט דערזען, אַז עס זעצט פון איר די פּאַרע, האָט ער א פינטל געטאָן מיט זײַנע קינדערשע אויגן און א שמאָרע געטאָן מיט דער איבערגעבראָכענער נאָז. אַפריִער האָט ער א וויש געטאָן זײַנע יאַדאַיִם אינעם פאַרטעך, נאָכדעם אַרויסגענומען פון קעשענע א ווײַס גרויס טיכעלע, אַליין צוגעטוליעט עס צו איר פּאָנעם, נאָכדעם איר עס געגעבן אין די הענט, זי זאָל אַליין גוט זיך אַרומווישן.

זי האָט גאָר ניט באַמערקט, ווען ער האָט פון זיך אויסגעטאָן די פופײַקע און אָנגעטאָן זי אַף אירע פּלייצעס. זי האָט דעמלט געמיינט, אַז דער באָכער מיט דער איבערגעבראָכענער נאָז כאַנפעט זיך צו איר. ער האָט אָבער ניט געלאָזט זי לאַנג אָפּרוען. אין א פופצן מינוט אַרום האָט זי דערהערט זײַן קאָל:

— אַלטיטשקע, צו דער אַווידע!

ווען ס'האָט אָנגעהויבן זיפּן א רעגנדל, האָט זי געמיינט, אַז מע וועט אָפּשטעלן די אַרבעט. נאָר ווער־וואָס, פאַרקערט, מע האָט אָנגעהויבן זיך אונטערײַלן. א גליק איז, וואָס דער בריגאַדיר האָט זיך אַליין אָנגעגרייט א היפּש ביסל ציגל, ניט געדאַרפט אַף איר וואַרטן, זי זאָל אים אונטערטראָגן צו די הענט.

דער ערשטער אַרבעטסטאָג איז פאַר איר געווען זייער א שווערער. איר האָבן ווײ געטאָן די הענט, ס'האָט געשטאָכן אין דער ברוסט. די מיידלעך פון דער צוזאַמענוווינונג זײַנען זיך פאַנאַנ־דערגעגאַנגען, און זי האָט זיך געלייגט שלאָפן. זי האָט אַפילע עסן ניט געוואָלט.

איר האָט זיך געכאָלעמט: זי איז אַפן אייבערשטן שטאָק פון א הויכן מויער, איינע אַליין. די מענטשן אַף דער ערד האָבן אויסגעזען ווי ליאַלקעס, די ביימער — נידעריטשקע, א שרעק א קוק צו טאָן אַף אַראָפּ. דער קראַן שיקט שטײַגן מיט ציגל. צוליב וואָס, האָט זי זיך געוווּנדערט, שוין זשע וועט מען לייגן נאָך א שטאָק? פּלוצעם האָט זיך אופגעהויבן א זאַווערוכע, פון הימל האָט א שאָט געטאָן א ווײַסער שניי, די ווײַסע פליטערלעך האָבן גענומען אַרומטאַנצן אַרום איר, נאָכ־דעם האָט זי דערפילט, ווי די שנייעלעך קלאַפּן איר אין קאָפּ, אין דער פּלייצע. אוי, ס'איז גאָר ניט קיין שניי, ס'איז גאָר ציגל! ציגל. זי זוכט דעם בריגאַדיר און קאָן אים ניט געפינען. אַלע זײַנען זיך צעלאָפן. זי איבערגעלאָזט אַליין. און זי ווייסט גאָר ניט, וויִאַזוי זיך אַראָפּלאָזן אין דער נידער. דער ווינט איז שטאַרקער געוואָרן. עס האָט מיט איר אָנגעהויבן וואַרפן אין אַלע זײַטן, זי איז אומגעפאַלן. דער ווינט קײַקלט זי שוין איבער די אויסגעלייגטע פּליטעס, זי וויל מיט די הענט זיך אָנכאַפּן, — ניטאָ אין וואָס, מיט די נעגל דראַפּעט זי די פּליטעס, נאָר דער ווינט איז שטאַרקער פון איר. ער האָט זי א הייב געטאָן און אַראָפּגעשלײַדערט פון דאַך. זי איז געפלויגן און מיט אַלע קויכעס געשריגן. געפילט, אַז אָט באַלד וועט זי צעשאָטן ווערן אַף פּיץ־פּיצלעך. פּלו־צעם האָט עמעצער זי אונטערגעכאַפּט אַף די הענט. ווי א קליין קינד איז זי געלעגן באַם בריגאַדיר אין שויס. ער האָט א פאַרוווּנדערטער געקוקט אַף איר און געשטאַמלט מיט זײַנע פײַכטע פול־בלעכע ליפּן:

— אַלטיטשקע, וואָס שרײַסטו אַזוי, מיר וועלן דיך ניט לאָזן פאַלן...

דער שטיפמוטער איז קאַלט געוואָרן צו שטיין באַם פענצטער, זי האָט זיך אַליין אַרומגענו־מען מיט בײדע הענט און אָוועקגעשפּאַנט צו איר געלעגער. די פרעמדע איז געשלאָפן. עפּשער זעט זי איצטער אויך עפּעס א כאָלעם?

9

ווען די ערשטע זונען־שטראַלן האָבן א ציטער געטאָן אַף דער סטעליע, האָט ראָכל געעפנט די אויגן, א פאַרוווּנדערטע זיך אַרומגעקוקט. פונעם אָפענעם באַלקאָן האָט אַרײַנגעווייעט א פריש ווינטל, געבראַכט צו טראָגן א באַקאַנטן רייעך. דער גערוך פון מיאַטע האָט איר דערמאָנט אין די בלומען, וואָס זי האָט פאַרזעצט דאָרטן סאַמע לעבן דער טיר, און טיף אין דער ברוסט האָט זיך א ריר געטאָן דאָס קנײַלכל אײַז, וואָס וויל בעשום־אויפן ניט צעגיין. זי זעט דורכן פענצטער א בלויען ריינעם הימל, בלויז איבער די ווײַסע טויערן זײַנען צעהאַנגען פאַרגליווערטע וואָלקנס, באַפאַרבטע מיט גינגאָלד, זיי ווערן וואָס אַמאָל בלייכער און רוקן זיך אָפּ ערגעץ צום ראַנד פון דער שטאָט.

די מיידלעך שלאָפן געשמאַק. סוועטע האָט צעוואָרפן די הענט מיט די צונויפגעפּרעסטע פויסטן אין די זײַטן — אַפילע אין שלאָף וויל זי זײַן שטרענג. נאָר דאָס קינדערשע מײַלכל

שמייכלט סיַיווי. די שטיפּמוטער עפנט אַלעמאָל אַן אויג און כאַפּט אַ קוק, וואָס טוט ראָכל. באַ־נאַכט האָט זי געהערט שווערע זיפצן.

די „שטיפמוטער" איז פּראַקטיש אַראָפּ פונעם געלעגער און אַף די שפּיץ פינגער צוגע־גאַנגען צו ראָכלס בעט.

— וואָס שלאָפסטו ניט? וועמען זוכסטו עס מיט די אויגן? — האָט זי געשעפּטשעט. — וואָס איז, דו ווערסט אָן דיַין מאַן זיך ניט קאָנען דורכלעבן? צי עפּשער האָסטו מוירע פאַר ארבעט?

ראָכל האָט אַ ביטערן שמייכל געטאָן.

— איך זאָג דיר ניט צו קיין גילדענע בערג, — האָט סוועטע אָנגעהויבן, — עס וועט דיר זיַין ניט גרינג, פאָלג מיך, איך ווייס, וואָס איך רעד, איך קוק אַף דיר און זע זיך, ווי אין אַ שפּיגל. אָבער צווישן אונדז איז פאַראַן אַ גרויסער אונטערשייד. איך בין אַליין אוועק פון מיַין מאַן, און דיר האָט מען געוויזן די טיר, — סוועטע האָט געזעצן, ווי ראָכלס ליפּן ציטערן. — מע דאַרף זיך האַלטן ווי אַ מענטש, — האָט סוועטע פאַרגעזעצט, — מירן דיך ניט לאָזן פאַלן.

ראָכל האָט זיך אונטערגעהויבן, ניט זיכער אַריַינגעקוקט סוועטען אין די אויגן.

— אוי, ביסטו נאָך נאַריש! — האָט סוועטע געשאָקלט מיטן קאָפּ. — נישקאָשע, היַינט וועסטו זיך אָפּרוען, טאָקע גוט זיך אויסשלאָפן און מאָרגן באַגלייך מיט אונדז זיך שטעלן צו דער צווייטער וואַכטע. מיר וועלן דאָס איַינאָרדענען, פאַר דעם דאַרפסטו זיך ניט זאָרגן. דאָס איבע־ריקע איז געווענדט אין דיר. שלאָף, ס'איז נאָך פרי, — האָט סוועטע געזאָגט און אוועק צו זיך אַפן געלעגער.

אין אַ ציַיט אַרום האָט זיך פון דרויסן דערטראָגן אַ גערויש, אַ טופּעריַי, אַ ריידעריַי, וואָס איז געוואָרן אַלץ שטאַרקער און שטאַרקער. פּלוצעם האָט אָנגעהויבן שפּילן אַ באַיאַן. קנאָפּקע האָט די ערשטע געעפנט די אויגן, געכאַפּט אַ קוק אַפן זייגער, אופגעהויבן דעם קאָפּ פון דער קישן און זיך צעזונגען אַף אַ קאָל:

— נאַ זאַריאַדקו, נאַ זאַריאַדקו סטאַנאָוויס![1]

אַ צעקאַסטע האָט קלאַווע מיט דער קני זי אַרויסגעשטופּט פון בעט, זיך אויסגעקערעוועט צו דער וואַנט און זיך איבערגעדעקט מיט דער קאָלדרע איבערן קאָפּ. קנאָפּקע האָט פאַרקרימט דאָס שיינע פאַרשלאָפענע פּנעמל, מיט אַ פויסטל געוועמען רײַבן אַן אויג און מיט אַ געמאַכטן געוויין זיך צעכליפּעט:

— מאַמע, מאַמע, קלאַווע שלאָגט זיך.

— קנאָפּקע, ווער אנשוויגן, אניט וועל איך אופשטיין צו דיר, — האָט סוועטע שטרענג גע־וואָרנט.

קנאָפּקע האָט איר געוויזן אַ צינגל, צעשפּרייט אירע נאַקעטע הענטלעך און אוועק טאַנצן איבערן צימער אינעם טאַקט פונעם באַיאַן.

שלאָפן האָט שוין קיינער ניט געקאָנט, מע איז אַ ציַיט געלעגן אַף די געלעגערס, נאָכדעם איינציקוויַיז געוועמען אופשטיין.

ראָכל איז שוין פון לאַנג געווען אָנגעטאָן, זי איז געשטאַנען באַ דער אָפענער טיר פון באַל־קאָן און אַרויסגעקוקט אין דרויסן. אַף די גרינע בלעטער פון די ביימער האָבן געבלישטשעט שעמערירנדיקע רעגן־טראָפּנס, די שאָטנס זיַינען וואָס אַמאָל געוואָרן קירצער און קירצער, און די היַיזער האָבן אַ שיַין געטאָן מיט דער ציכטיקיַיט פון די קעראַמישע ווייַסע פּליטעס, די אָפענע פענצטער און באַלקאָנען האָבן געבלישטשעט, עס האָט זיך געדאַכט, אַז די גאַנצע וועלט האָט צעשפּרייט די אָרעמס דעם קומענדיקן שיינעם זונטיקדיקן טאָג.

לעבן קינדערשן סעדל האָבן זיך געזאַמלט מענטשן יאָמטעוודיק אָנגעטאָן, זיי האָבן געמאַכט אַ קריַיז אַרום דעם באַיאַניסט. איינע נאָך דער אַנדערער זיַינען אין הויף אַריַינגעפאָרן לאַסט־מאַשינעס. אין די קוזאָוון זיַינען געווען אויסגעשטעלט בענק, טאַבורעטלעך און בענקלעך. אין איינער אַ מאַשין זיַינען געזעסן עטלעכע יונגע כעוורע מיט מעשענע מוזיקאַלע אינסטרומענטן, וואָס האָבן געבלישטשעט אַנטקעגן דער זון. צווישן אַלע האָט זיך אויסגעטיילט אַ וווקסיקער באָכער, וואָס האָט אַף אַן איבערגעקערטער טאַבורעטקע געהאַלטן אַ גרויסע פּויק. נאָך איידער די מאַשין האָט זיך אָפּגעשטעלט, האָט דער דאָזיקער באָכער אַריבערגעוואָרפן זיַינע לאַנגע פיס, אַראָפּגעשפּרונגען אַף דער ערד און געלאָזט זיך גיין צום באַלקאָן. ראָכל האָט דערקענט דאָס זיבעלע.

אין צימער איז קיינער ניט געווען. די מיידלעך זיַינען אוועק זיך וואַשן. ראָכל האָט אפגיך געוועמען פאַרבעטן די בעטלעך. פון דרויסן האָט זיך דערהערט אַ קאָל.

— קנאָפּקע, קלאַווע, האַלאָ־אָ!

[1] צו גימנאַסטיק, צו גימנאַסטיק גרייט זיך צו!

ראָכל האָט א ציטער געטאָן, אָבער ס'איז ניט איר אייסעק, זי וועט ניט ענטפערן. זי האָט אפגיך געראַמט דאָס צימער. ווען זי האָט זיך אָנגעבויגן פארוקן איר טשעמאָדאַנטשיק אונטערן בעטל, האָט עמעצער א קלאַפּ געטאָן אין טיר. א דערשראָקענע האָט ראָכל ארונטערגערוקט דעם קאָפּ אונטערן בעטל און געבליבן דאָרט ווי א פארגליווערטע. אין א וויַילע ארום האָט זי דער־הערט א קאָל:

— מ־מ־מומע, וו־וואָס טוט איר דאָרטן?

ראָכל האָט זיך אופגעהויבן און אויסגעקערעוועט צו אים דאָס פּאָנעם. דער באָכער האָט א שפּאַן געטאָן צוריק און א שטילן שלוקערץ געטאָן. די לאַנגע מעשענע וויָעס האָבן זיך געגומען פלאָנטערן אף זיַינע אויגן.

— ווו־ווו זיַינען די מיידלעך? — האָט ער א דערשטוינטער געפרעגט און אָנגעשטעלט א פּאָר אויגן אף דער פרעמדער... ער האָט אופגעהויבן דעם קאָפּ צו דער סטעליע און מיט די פינ־גער א גלעט געטאָן זיַין איבערגעבראָכענע נאָז. ניט ווארטנדיק אף קיין ענטפער, האָט ער זיך אויסגעקערעוועט און זיך געלאָזט גיין צו דער טיר. אים אנטקעגן איז אָנגעקומען סוועטע.

— אָ, יאַשע, א גוטמאָרגן, וואָס עפּעס אזוי פרי?

— א־א מאָשל, איר טראַכט פאָרן, צי ניט?

— מיר טראַכטן, מיר פאָרן, מיר פאָרן, — איז קלאַווע אריַינגעלאָפן מיט א טומל און איז גליַיך אוועק צום שפּיגל.

סוועטע האָט זיך אָפּגעשטעלט לעבן ראָכלען.

— מיר זיַינען ניט געוווינט צו קיין דינסטן. יעדער איינער דאַרף פאַר זיך אופראַמען. זאָלסט עס פארגעדענקען.

— איר־ר קאָנט אמאָל מאכן א סאָף? — האָט יאַשע אונטערגעצייַלט.

— קנאַפּקע איז דאָרט דערטרונקען געוואָרן אין דער וואַנט, גיי ראַטעווע זי, — האָט קלאַווע ניט אופגעהערט זיך שפּיגלען.

אין צימער איז אריַין קנאַפּקע. דערזען יאַשען, האָט זי א שליַידער געטאָן דאָס האַנטעכל אפן בעטל און א פליעסקע געטאָן מיט די הענט:

— קוקט אים נאָר אָן, וואָס האָט ער מיט זיך געטאָן?

די מיידלעך האָבן באַטראַכט יאַשען און גאָרנישט ניט פארשטאַנען. ער איז געווען אָנגעטאָן אין א ריין בלוי העמדל, די הויזן אקוראַט אויסגעפּרעסט, טאַקע א ביסל קורצלעך, נאָר דאָס איז דאָך ניט קיין נייַס. קייַנער כוץ קנאַפּקען האָט זיך ניט אָנגעשטויסן א קוק טאָן אף זיַין קאָפּ.

— איר זעט גאָ־אָ־אָרניט? — איז קנאַפּקע געוווען אויסער זיך. זי האָט געכאַפּט א בענקל און אונטערגעטראָגן יאַשען. — אנו, זעץ זיך נאָר אנידער. זאָלן אלע א קוק געבן אף דיַין קופּאָל.

יאַשע האָט געפאָלגט. ער האָט זיך אנידערגעזעצט און מיט ביידע הענט גענומען רייַבן די קני. קנאַפּקע האָט זיך געעקט:

— אוי, ס'איז מיר ניט גוט, ס'איז מיר שלעכט, — זי איז צוגעלאָפן צו יאַשען און מיט א פארטיַיעטער בייזקייַט געטיַינעט צו אים: — ווען, זאָג מיר, ווען האָסטו באַוויזן אָפּשערן דיַינע גאָלדענע האָר?

יאַשע האָט א גלעט געטאָן מיט דער האַנט זיַין אָפּגעגאָלטן קאָפּ און ווי א שולדיק יינגל, וואָס האָט אָנגעטאָן א שאָדן, טרויעריק געשמייכלט.

— זאָג מיר נאָר, ווער האָט דיך געבעטן? ניין, זאָג, דו האָסט מיך געפרעגט?

— נ־נארעלע, ווער וועט איצטער קאָנען זאָגן, אז איך בין א געלער?

— אוי, — האָט קנאַפּקע זיך א פּאַטש געטאָן מיט די הענט אין די לענדן, — וואָס זאָגט איר אף דעם קראַסאַוועץ?

— נ־נארעלע, איך בין דאָך קירצער געוואָרן אף א גאַנצן מעטער.

קנאַפּקע האָט זיך אויסגעגליַיכט, באַדויערנדיק א שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ און א צעקאָסטע אוועק פון אים.

— וואָס האָסטו זיך צוגעטשעפּעט צו אים? — האָט די „שטיפמוטער" שוין ניט געקאָנט אויסהאַלטן.

— דו ווייסט דאָך גאָרניט, — האָט קנאַפּקע זיך געהיצט, — איך האָב אים שוין באַלד איַינגערעדט, אז ער זאָל זיך מאכן א פּערמאַנענט, — זי איז צוגעלאָפן צו יאַשען, מיט ביידע הענט אָנגעהויבן שאַרן איבער זיַין גלאַנציקן געגאָלטן קאָפּ. — און איצטער — א מאַקרעטע, א געגלייזטע מאַקרעטע.

— און מיר געפעלט ער דיַיקע א געגאָלטער, — האָט זיך אריַינגעמישט קלאַווע.

— דיר געפעלט ער? איז נעם און שפּיל זיך מיט אים אין מיילעשקעס, — האָט קנאַפּקע

אויסגעשריגן. זי האָט געוואָלט ארויס פון צימער, נאָר באלד איבערגעטראכט, צוגעלאָפן צום שפּיגל און גענומען האסטיק פארקעמען זיך די האָר.

בלויז ראָכל האָט באמערקט, ווי אַן אָדערל האָט א ציטער געטאָן אף יאשעס שלייפן. זיינע גלאַנציקע קאשטאַן־אויגן האָבן זיך מיטאמאָל פארצויגן מיט א נעפּל. ער האָט אראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ און א פארקלעמטער געשמייכלט צום דיל.

יאשע האָט דערפילט ראָכלס ראכמאָנעסדיקן בליק אף זיך. ער האָט געכאַפּט א קוק אף איר און זיך אופגעהויבן פון בענקל. לעבן דער טיר האָט ער אויסגעקערעוועט דעם קאָפּ, די פויסטן זיינען געווען שטארק צונויפגעפּרעסט, דאָס פּאָנעם בלאסלעך אָנגעשטרענגט. וויפל קויכעס האָט אים געקאָסט, ער זאָל זיך איצטער ניט פארהיקען.

— מ־מיידלעך, — האָט ער געזאָגט, — איילט זיך אונטער, די מאשינעס וועלן ניט ווארטן. — ער האָט צוגעמאכט נאָך זיך די טיר. פון קאָרידאָר האָבן זיך דערטראָגן זיינע האסטיקע טריט. אין צימער איז א צײַט געווען שטיל. אומגעריכט האָט זיך דערהערט סוועטעס קאָל:

— גענוג זיך שמירן די אויגן.

— מיינע אויגן! וואָס איך וויל, וועל איך מיט זיי טאָן, — האָט קנאָפּקע א בורטשע געטאָן.

— און איך וועל ניט דערלויבן, מע זאָל צוליב דיר כויזעק מאכן פון אונדזער בריגאדע.

— כויזעק, כויזעק מאכן, — האָט קנאָפּקע אוועקגעשליידערט דעם בלייער. זי האָט א טרייסל געטאָן מיטן קאָפּ און הילכיק געזאָגט: — איך פּאָר ניט, איך פּאָר ניט, און שוין.

— קנאָפּקע, דו ביסט היינט אופגעשטאַנען אף דער לינקער זײַט, — האָט די „שטיפמוטער" אף איר שטרענג א קוק געגעבן.

— טאָמער, טאָמער טוט מיר ווי דער קאָפּ? צי עס טאָר שוין מיר גאָרניט ווי טאָן? — קנאָפּקע האָט א כליפּע געטאָן און גענומען פון זיך אראָפּשלעפּן דאָס קליידל.

ראָכל האָט זיך פארקליבן אין ווינקל לעבן דער שאפע. זי האָט ניט געוואָלט, מע זאָל זיך אין איר איצטער דערמאָנען. בלויז סוועטע האָט זי באמערקט.

— עפּשער ווילסטו פאָרן מיט אונדז?

— ניין, ניין, איך וועל בעסער בלייבן דאָ.

אין דרויסן האָט א שאָל געטאָן דער אָרקעסטער. קלאַווען האָט עס א הייב געטאָן פון אָרט. זי איז צוגעשפּרונגען צו קנאָפּקען און געוואָלט זי איבערבעטן. נאָר די קליינע האָט שוין אָפּגעדעקט די קאָלדרע און אריין אין בעט.

קלאַווע האָט גענומען סוועטען אונטער דער האנט און מיט איר ארויס פון צימער. אינגיכן זיינען די מאשינעס ארויסגעפאָרן פונעם הויף. בלויז פונדערווייטנס האָט מען געהערט, ווי דער פּויק מאכט „בוך־בוך", „בורטשע־בורטשע".

קנאָפּקע האָט זיך געעקט, געביסן די ליפּן. זי שטעלט זיך פאָר, ווי אף דער מאשין איז פריי־לעך און לוסטיק. יאשע זיצט באַם פּויק און מיינט, אז קיין בעסערער קלעזמער פון אים איז שוין ניטאָ. זיין געגלייזטע מאקרעטע בלישטשעט אנטקעגן דער זון, אים איז איצטער גוט אפן הארצן, און זי...

ראָכל האָט ניט געוואָלט צוגיין צו קנאָפּקען, ביז יענע וועט זיך ניט אויסוויינען. אומגעריכט האָט די קליינע באוויזן א פּאָר פרייליכע אייגלעך, א וווּנק געטאָן צו ראָכלען, זי זאָל צוגיין צו איר. אין עטלעכע רעגעס ארום זיינען זיי שויןביידע געלעגן אין איין בעט און געקוקט איינס אפן צווייטן.

— א מינע שיינע צעפּ, און דו אליין ביסט אויך א שיינע, — האָט קנאָפּקע געזאָגט.

— זאָג מיר, דו האָסט טאקע ליב דעם באָכער?

קנאָפּקע האָט א קנייטש געטאָן מיט די אקסלען.

— איך ווייס אליין ניט. און דו האָסט שטארק ליב דיין מאן?

ראָכל האָט צוגעזשמורעט די אויגן און באדויערנדיק א שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ אף יאָ.

— אנו, דערציייל מיר, וויאַזוי האָט מען עס ליב? וואָס פילט מען דערביי?

ראָכל האָט א גלעט געטאָן קנאָפּקעס אקסל און זי צוגעטוליעט צו זיך.

— דיין מאן איז א שיינער? — האָט די קליינע ניט גערוט.

— א שיינער. דאכט זיך, זייער א שיינער.

— אָט זעסטו, און יאשע? יאשע שטעלט צו א בענקל צום דיוואַן, ער זאָל קענען אויסציִען די לאַנגע לאַפּאַטאָנעס זיינע. דעקט זיך איין מיט צוויי קאָלדרעס, און מיר איז גענוג, זעסט, א האלבע אויך, — קנאָפּקע האָט א זיפץ געטאָן, פארוואָרפן דעם קאָפּ אף דער קישן און טרוימעריש אָנגעהויבן:

— קלאַוועָן האָט אָפּגעגליקט, זי האָט זיך אָפּגעשפּאַרט א לייטענאַנט, א ליאָטשיק. אוי, האָב איך ליב ליאָטשיקעס! ווילסט, וועל איך דיר דערציילן, וויאַזוי מע האָט ליב ליאָטשיקעס. — און

נאָך א קורצן שווייַגן האָט זי א פֿאַרטראַכטע געזאָגט: — מיינסט, אונדזער יאַשע איז א שלעכטער? דו זאָלסט אויספֿאָרן די גאַנצע וועלט, וועסטו אַזאַ גוטן ניט געפֿינען. זאָלסט זען, אַז ער קומט אַרויף אויף דער בויונג, ווערט ער גאָר אַן אַנדער מענטש. דאָרטן איז ער יאַקאָוו דער גרויסער, אונדזער בריגאַדיר, מיר ציטערן אַלע פֿאַר זייַן בליק. ניין, מיר האָבן ניט קיין מוירע פֿאַר אים. מיט אים איז ניט שווער, עס אַרבעט זיך אַזוי גרינג. אַלצדינג ווייסט ער, אַלע אַרבעטן קען ער. דאָרטן איז ער שטאַרקער פֿון אַלעמען. אָבער ווי נאָר ער מאַכט א טראָט אויף דער ערד און ער דערזעט א מיידל, ווערט ער אומבאַהאָלפֿן, פּונקט ווי ער וואָלט דער גאַנצער וועלט שולדיק געווען א כוויוו.

— נו, און דיך האָט ער ליב? — האָט ראָכל געפֿרעגט.

קנאָפּקע האָט ברייט צעעפֿנט די אויגן און פֿאַרכידעשט געקוקט אויף ראָכלען.

— דו ווייסט, איך האָב אים קיינמאָל ניט געפֿרעגט.

ביידע האָבן זיך צעלאַכט.

■

ס'איז דורכגעגאַנגען א כוידעש, זינט בומע האָט ראָכטשען געגעבן דעם וועג. פֿאַר דער צייַט האָט ער שוין אַרויסגעפֿירט די פֿיר ווינקלען אויף א הייך פֿון צוויי מעטער און באַוויזן אויסלייגן די ווענט ביזן שטעלן די פֿענצטער. בלויז די ערשטע טעג פֿלעגט בא אים א נאָג טאָן דאָס האַרץ. און ווען דער הונט פֿלעגט זיך צעבילן אויף א דורכגייער, האָט בומען זיך אויסגעוויזן, אַז עס גייט ראָכטשע. ער האָט אַלץ געמיינט, אַז זי וועט זיך אומקערן.

איצטער האָט ער ניט געהאַט אויף וועמען זיך צו פֿאַרלאָזן. יעדע רעגע איז בא אים געווען אויסגערעכנט. קאַיאָר, פֿאַרן אַוועקגיין אויף דער אַרבעט, האָט ער צוגעפֿירט די טאַטשקע מיט ציגל צו דער בויונג, דערבייַ האָט ער יעדער ציגל פֿאָרזיכטיק אַנידערגעלייגט, ער זאָל זיך ניט קרישען, ניט ברעכן. נאָכדעם האָט ער גענומען טראָגן וואַסער. ווען עס האָט געטראָפֿן, אַז ער האָט די דריטע דייזשקע ניט באַוויזן אָנפֿילן, איז ער אויף זיך אַליין געווען אָנגעדרודלט. ער האָט זיך אַליין געמוסערט: „לייַדאַק, רירעוודיקער א ביסל קאָנסטו ניט?“ געקומען אַהיים פֿונעם גאַראַזש, האָט ער אָפּגעגעסן אויף איין פֿוס און גענומען אַפּגיך פֿאַרמישן וואַפּנע. נאָכדעם האָט ער שוין די קעלניע ניט אַרויסגעלאָזט פֿון די הענט. א באַזונדער פֿאַרגעניגן האָט ער געהאַט, אַז ער האָט א ליאַפּע געטאָן די געדיכטע לעמעשקע, אייַנגעמאָסטעט דעם ציגל אין דער געדיכטעניש און אים צוגעקלאַפּט מיטן הילצערנעם הענטל פֿון דער קעלניע. אייַ, האָט ער ליב געהאַט דעם דאָזיקן קלונג, ער האָט אַפֿילע אַליין צוגעטראַכט א ניגן און אַלעמאָל געזונגען זיך אונטערן נאָז: „מיט די געדוטן, מיט די געדוטן“. א פּוד געזונט פֿלעגט אים צוקומען, אַז ער האָט צוגעגלעט און אויסגעפּראַוועט די נאָט פֿון איין עק ווינקל ביזן צווייטן. נאָכדעם איז ער א ווייַלע געשטאַנען פֿונדערווייַטנס און געקליבן נאַכעס פֿון זייַן אַרבעט.

ברייַנע איז געווען אַפֿן זיבעטן הימל. איצטער האָט זי זיך ניט לאַנג פֿאַרהאַלטן אין מאַרק. ווי נאָר זי האָט אָפּגעלייזט, אַזוי איז זי באַלד געלאָפֿן אַהיים. א קלייניקייַט, די ווענט פֿון דער שטוב האָבן דאָך אָנגעהויבן וואַקסן. איר האָט זיך אַלץ אויסגעוויזן, אַז בומע האָט פֿאַרגרייט ווינציק ציגל. קעדיי ער זאָל זיך ניט אָפּרייַסן פֿון דער אַרבעט, האָט זי צו אַכט שטיק אויסגעלייגט אויף דער האַנט, ווי א בערעמע האָלץ, און געטאַסקעט צום צאָקאָל און דאָרט זיי אויסגעלייגט דעם זון צו דער האַנט. ברייַנע האָט ניט געזשאַלעוועט קיין קויכעס, כאָטש עס האָט איר געהאַקט אין רוקן, די הענט האָבן וויי געטאָן און זי איז געווען באַדעקט מיט שווייס. בומע האָט געקוקט אויף דער מוטער און אַלעמאָל געוואָרנט:

— פּאַוואָליע, מאַמע, ברעך ניט די ציגל.

10

ווי מיד בומע איז ניט געווען, האָט ער זיך ניט געכאַפּט גיין שלאָפֿן.

פֿאָרט ניט געוווינט זיך לייגן אין א ליידיק בעט. ער האָט געבענקט נאָך ראָכלס וואַרעמען אָטעם. ער האָט ליב געהאַט, זי זאָל אים אַרומנעמען אַרום האַלדז און זיך צודריקן צו אים מיטן גאַנצן גוף. בומע האָט פֿאַרקלעמט ביידע פֿויסטן און צו זיך אַליין געזאָגט: „בומע, קויע ניט, קוים האָסטו זי אויסגעשאָטן, איז פֿאָטער אַן אייסעק“. און ער האָט געטריבן פֿון זיך צו אַלדי רוכעס אָט די דאָזיקע געדאַנקען. און טאָמער פֿלעגט זי פֿאָרט ווי א לעבעדיקע זיך אַוועקשטעלן פֿאַר די

אויגן, האָט ער געכאַפּט די עמער און אוועק שלעפּן וואַסער — צוויי עמער אַף דער קאַראָמיסלע, צוויי עמער אין די הענט. הײַנט אינדערפרי, ווען ער האָט אַרײַנגעשטעלט די ראָם פון דער טיר, זי אײַנגעמאָסטעט און צוגעקלאַפּט די שוועל, האָט ער זיך אופגעהויבן פון דער ערד, אָפּגעטראָטן אַ פּאָר שפּאַן און פונדערווײַטנס גענומען זיך אײַנקוקן, צי עס קאָסעט ניט. די ראָם איז געשטאַנען ווי אַ צוגעזאָטענע. בומע האָט אַ צופרידענער אָנגעקוועלט פון זײַן אַרבעט. אַ קליינינקײַט, עס איז אוועקגעשטעלט געוואָרן דער ערשטער הילצערנער אייוועך אין זײַן אייגענער שטוב. אים האָט זיך אויסגעמאָלט, ווי ער וועט אופהענגען די געשניצטע דעמבענע טיר, צודרייען צו איר דאָס ניקלנע הענטל, נאָכדעם — צובויען די וועראַנדע, די אייבערשטע העלפט וועט זײַן דורכויס אַ גלעזערנע. ער זעט מאַמעש פאַר די אויגן די ווײַסע טיולענע פאָרהענגלעך אַף די געפאַרבטע פענצטער. אינמיטנדערינען דאַכט זיך אים גאָר אויס, אַז דורך די דורכזיכטיקע פאָרהענגלעך באַמערקט ער אַ באַקאַנטן שאָטן. אַהאַ, זי וואַרט שוין אַף אים. זי עפנט אים די טיר. אַ לוסטיקע, אַ פרייליכע, שטרעקט זי אויס צו אים די הענט, נעמט אים אַרום און טוליעט זיך צו צו אים, ווי אַ קליין קינד. און ער קלאַמערט זי אײַן אין די אָרעמס, אַז די ביינער אירע כרושטשען. זי טוט אַזש אַ זינגענדיקן קרעכץ.

— וואָס האָסטו דאַרטן זיך אַזוי פאַרכאָלעמט?

דערהערט דער מאַמעס קאָל, האָט בומע אופגעציטערט, אַ שמיר געטאָן מיט דער שערשאַווער דלאָניע איבער די אויגן און דערזען, ווי איבער דער ערד פּויזעט אַ שאָטן, וואָס האָט זיך אָנגעשטויסן אין דער נאָרוואָס צוגעקלאַפּטער שוועל. די מאַמע קלײַבט אויך נאָכעס פון דער הילצערנער ראָם. בומען האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז די מאַמע וויל אַרײַנקריכן אין זײַן נעשאָמע, זיך דערוויסן, וואָס איז ער אַזוי פאַרטראַכט.

— וואָס שטייסטו, ווי אַ גוילעם, גיי שוין עסן.

ער האָט ניט געקאָנט רירן מיט קיין אייוועך.

— וועסט דאָך פאַרשפּעטיקן אַף דער אַרבעט, — האָט זי אים אַ שטורכע געטאָן מיט אַן עלנבויגן.

בומע האָט אַ צוק געטאָן מיט די אַקסל, אויסגעצויגן דעם האַלדז און זיך געלאָזט גיין מיט לאַנגזאַמע טריט, פּונקט ווי ער וואָלט אַף די פּלייצעס געטראָגן אַ שווערע מאַסע.

פאַר דער גאַנצער צײַט האָט ברײַנע קיין איין מאָל ניט דערמאָנט ראָכלס נאָמען. די אַלטע האָט בעפּייִרעש געפילט, אַז די שנור גייט איר אָפּ אַף יעדער שריט און טריט. ווער נאָך וועט איר פאַרלויפן אַזוי אַלע וועגן. איצט דאַרף ברײַנע אַליין אופראַמען אין שטוב, קאָכן וואַרמעס, מעלקן די בעהיימע, דערצו מוז מען נאָך אַמאָל אונטערטראָגן ציגל צו דער בויונג. נאָר וואָס קאָן זי העלפן, קראַצן די פאַרהיילטע וווּנדן? עס קאָן גאָר זײַן, אַז בומע האָט אין ראָכלען אינגאַנצן פאַרגעסן.

אָבער הײַנט פאַרנאַכט האָט ברײַנע זיך איבערצײַגט, אַז דער וואָרצל איז נאָך ניט אַרויסגעריסן. ווען זי האָט געהאַט אויסגעמאָלקן די קו און נאָרוואָס צעגאָסן די מילך אין די קריגלעך, האָט זי דורכן פענצטער פון דער קיך דערזען, ווי בומע באַגיסט די קווייטן, וואָס ראָכטשע האָט פאַרזעצט לעבן דער טיר. ברײַנדל געדענקט גאַנץ גוט, וויאַזוי דער זון האָט מילכאָמע געהאַלטן מיט דער שנור. יענע האָט נאָר געוואָלט פאַרזעצן אירע בלימעלעך אין גאָרטן. נו־נו, האָט ער איר געגעבן בלימעלעך! נאָר זי איז דאָך אויך ניט קיין קליינער אַקשן, האָט זי צעגראָבן אַ שטיקל ערד לעבן דער טיר און פאַרזעצט מיאַטע און מאַטיאָלע. און ער, דער מענוּוול, זיצט איצטער און פאָרעט זיך מיט די געוויקסן, באַגיסט זיי. ברײַנען האָט עס אונטערגעצונדן. זי האָט אוועקגעוואָרפן האַק־און־פּאַק און אַרויס אין הויף. די באַקן אירע האָבן געפּײַערט, די אָדלערשע נאָז איז נאָך מער פאַרשפּיצט געוואָרן. זי האָט זיך צוגעזעצט לעבן זון, אָנגעבויגן דעם קאָפּ צו די קווייטן, געשמעקט און הילכיק זיך געקוויקט:

— אײַ־אײַ, ווי עס שמעקט, ביסט אַ מיוון?

— אַ מעכײַע, אַ פאַרגעניגן, — האָט בומע געשמייכלט.

— אָט אַהער, — האָט ברײַנע אָנגעוויזן, — וואָס גיסטו מיט אַ קווערטעלע, גיי ברענג בעסער צו טראָגן אַ פּאָר עמער, קאַרג שלעפּסטו זיך אָן מיט וואַסער?

בומע האָט זיך אופגעהויבן. ווען ער האָט דערזען דער מאַמעס אָנגעצונדענע אויגן, איז דער עמער שיר ניט אַרויסגעפאַלן פון דער האַנט. ברײַנע האָט בלויז פאַריסן דעם קאָפּ אַף אַרויף און מיט אַ פאַרטײַעטן קאָס געכריפּעט:

— לײמענער גוילעם, האָסט קיין אַנדער אַרבעט ניט? אירע קווייטעלעך האָבן זיך דיר פאַרגלוסט?

— ווער איז דער אירער? זאָג, מאַמע, אַ נאָמען האָט זי, צי זי האָט ניט?

ברײַנע האָט זיך אופגעהויבן און הילכיק א קרעכץ געטאָן. זי האָט אים אָפּגעמאָסטן מיט א בליק פון אויבן ביז אראָפּ און באַדויערנדיק געשאָקלט מיטן קאָפּ.

בומע האָט זיך ארומגעדרייט אין הויף און זיך קיין אָרט ניט געקאָנט געפינען. ער האָט זיך א כאַפּ געטאָן צו די עמער, נאָר זיך דערמאָנט, אז די פעסער זײַנען פולע. לייגן די ווענט איז שוין שפּעטלעך — עס ווערט טונקל אין דרויסן. און זי, ראָכל, גייט אים נאָך פוסטריט. ער וואָלט זיך אליין צעריסן אף שטיקלעך, וואָס ער גיט זיך נאָך די שמאָד. אהא! ער האָט זיך טאַקע דערמאָנט: מע דאַרף דאָך אויסגראָבן גריבער, שוין צײַט שטעלן רישטעוואַניעס.

ער האָט געגראָבן מיט פאַרביטערטקײַט און מיט אקשאָנעס. צוערשט זײַנען די ברעמען פּײַכט געוואָרן, דערנאָך זײַנען די האָר אפן קאָפּ נאַס געוואָרן. ריקעס שוויס זײַנען געראָנען איבערן פּאָנעם, נאָר ער האָט זיך ניט אָפּגעשטעלט. אלע צוויי און דרײַסיק גריבער מוז ער הײַנט אויסגראָבן, ער זאָל קאָנען מאָרגן אינדערפרי ארײַנשטעלן די סלופּעס.

עס האָט אים אָנגעהויבן האַקן אין רוקן, ער האָט געפילט, ווי די קויכעס צאַנקען, אָבער ער האָט זיך אליין געטרייסט — מאָרגן וועט אים זײַן גרינגער, ער וועט ניט דאַרפן אלעמאָל זיך בייגן צו דער ערד צו יעדן ציגל. נאָר פונדעסטוועגן האָט ער די צוויי און דרײַסיק גריבער ניט אויסגעגראָבן. ער האָט א שלײַדער געטאָן די לאָפּעטע און אוועק צו די פעסער. אפּגיך אײַנגעטונקען דעם קאָפּ אין וואַסער, איין מאָל און נאָך א מאָל. ניטאָ ווער עס זאָל אים ארומווישן, ניטאָ ווער עס זאָל אים אָנרײַבן דאָס לײַב.

קוים א לעבעדיקער איז ער ארײַנגעפאַלן אין שטוב ארײַן. ער האָט איצטער געהאַט איין פאַרלאַנג — זיך אנידערלייגן און אנשלאָפן ווערן. קאָן ער אָבער ניט אראָפּשלעפן די שטיוול, די הענט זײַנען בא אים ווי פרעמדע — פאָלגן ניט. ער איז א צײַט געזעסן אין דער פינצטער און געקוקט אפן געלעגער. ער האָט בלויז געזען די ווײַסקײַט פון דער קישן. צוערשט האָט זיך אים אויסגעדאַכט, אז די שוואַרצע צעפּ פויזען ווי שלענג אף די ציכלעך, זי וואַרט, זי וואַרט, ער זאָל זיי צעפלעכטן, זי ווייסט, אז ער האָט ליב קעמען די האָר מיט די פינגער. נאָר די פינגער זײַנען בא אים פאַרהילצערט, ווי צורקעס. און די האָר אירע שמעקן מיט מיאַטע און מיט מאַטיאָלע, זיי שמעקן מיט ראָכטשען. און ווידער ווערט בומע אף זיך אליין אין קאַס, ער שלעפּט אראָפּ די שטיוול, עס שטיקט אים גאָר א געלעכטער. „בומע, ביסט ווערט, מע זאָל פון דיר פלעכטן א קוילעטש, ווערסט א קאָמעדיאַנשטשיק, די מאַמע וועט דיר קויפן א קאַטערינקע, וועסטו גיין איבער די גאַסן, א פּאָטיעכע"... ער האָט זיך ארײַנגעוואָלגערט אין בעט און זיך איבערגעדעקט מיט דער קאָלדרע. עס איז אים געוואָרן שטאַרק קאַלט, געוואָרפן, ווי אין א קאַדאָכעס. אָבער איצט הערט ער אלעמען מיטן בערעק. ער וועט באַלד אנשלאָפן ווערן. ער פאַרמאַכט די אויגן און רעדט זיך אליין אײַן, אז ער שלאָפט. פּלוצלינג טוט זיך א וואָרף דאָס האַרץ, ווי א ניט־דערקוילעטע הון. א דערשראָקענער עפנט ער די אויגן, הייבט אונטער דעם קאָפּ און שפּיצט אָן די אויערן. ניין, איצטער דאַכט זיך אים שוין ניט אויס. ער האָט אליין געהערט, ווי עמעצער האָט א שלעפּ געטאָן די קליאַמקע פון דער פאָרטקע און פאָלקאָן האָט גענומען סקאַווטשען. דער הונט האָט, ווײַזט אויס, זי אויך דערקענט. ווען עס איז א פרעמדער, וואָלט ער געבילט. אהא, זיך באַטראַכט! אָן אנדער ברײַרע האָט זי? וואָס זשע, ער האָט דען פריִער ניט געוווּסט? בומע האָט זיך אליין אײַנגערעדט: „האָסט ניט וואָס ארויסצוגיין צו איר. וואָס קאָן זי דיר זאָגן, וואָס איז דאָ פאַראַן וואָס צו ריידן".

ער האָט ניט קיין כאַראַטע, ער געדענקט דעם פעטערס ווערטער: „כאַראָטע איז ניט מײַסע סוי־כער". אז זײַוול האָט אָפּגעהאַקט די פאָלע מיט זײַן לייקען, איז געוועזן אָפּגעהאַקט אף אייביק. און ער וואָס? מאַכט פוילע שטיק, גייט ארום ווי א הון מיט אַן איי, קרעכצט, ווי א קימפּעטאָרן.

אויס, מער וועט ער ניט טראַכטן. אײַ, זי וואַרט דאָרטן, ער זאָל איר עפענען? נישקאָשע, עס וועט איר נימעס ווערן, איצטער דאַרף ער אנשלאָפן ווערן, און פאָטער אָן אייסעק.

בומע פאַרמאַכט די אויגן, נאָר אנשלאָפן ווערן קאָן ער סײַווי ניט, דרייט זיך פון איין זײַט אף דער צווייטער. אז עס איז אזוי הייס אין שטוב, דושנע, ניטאָ מיט וואָס צו עטעמען. עפּשער וואָלט קעדײַ געוועזן ארויסגיין אין דרויסן זיך אָפּפרישן א ביסל, נאָכדעם וואָלט ער גע־קאָנט אנשלאָפן ווערן. ער האָט פּלוצעם אראָפּגעשלײַדערט די קאָלדרע. באַוויזן נאָר אָנטאָן די הויזן און א באָרוועסער ארויס פון שטוב. די מאַמע האָט גאָרנישט ניט געהערט, שלאָפט ווי א געהאַרגעטע. קאָרג האָרעוועט זי זיך אָן א טאָג?

אין דרויסן איז שטיל. בומע גייט צו פאָרזיכטיק צום טויער, לייגט צו אַן אויער. אים ווײַזט זיך אויס, אז דורך דער שפּאַרונע הערט ער איר אָטעם. אָט א נעכבעניצע, וויל זיך ניט אָנרופן, שפּילט זיך מיט אים אין באַהעלטערלעך. אָט באַלד וועט ער זי פּאַקן. פאָרזיכטיק נעמט ער אראָפּ דאָס קייטל און גיט האַסטיק אָן עפן דאָס טירל.

ניטאָ קיינער. ארום איז שטיל, פונקט ווי די גאַנצע וועלט וואָלט אויסגעשטאָרבן. ער הערט בלויז, ווי דאָס האַרץ זײַנס וואַרפט זיך ווי א העכט אין וואַסער.

„איײַ, בומע, ביסט גוט אין די גאזעטן. ס'איז ניטאָ, ווער סע זאָל פון דיר מאכן א ליײַטיש געלעכטער". ער טוט א שמייכל צו זיך פארביטערט און פארהאקט דאָס טירל. איצט קאָן ער שוין געוויס זיך אָפּרישן. ער שפּאנט לאנגזאם איבערן הויף, ציילט די קלייטעלעך ציגל. ער ווייסט דאָך גאנץ גוט, אז ער פארמאָגט דרײַ פּעסער, פונדעסטוועגן ציילט ער זיי איבער:

— איינס, צוויי, דרײַ.

ס'איז טאקע גוט אין דרויסן. דער הימל איז באשאָטן מיט שטערן, א ציכטיקע קיילעכיקע לעוואָנע גייט אים נאָך פוסטריט, לאָזט ניט אראָפּ קיין אויג פון אים. אין הויף איז ליכטיק, ווי באטאָג, בלויז דאָרט, אין סעדל, איז טונקל: דיביימער זײַנען זיך צעוואקסן. אין דער טונקל־קײַט שעמערירן די ווײַסע שטאמען. דאָס האָט זיי ראָכטשע ארומגעשמירט מיט קאלך, קיין רויפּן זאָלן אף זיי ניט קריכן. מע זעט טאקע ניט קיין איין ווערעמדיק בלעטל. די עפּל ווערן וואָס א טאָג גרעסער און שווערער, בייגן צו דער ערד די יונגע צווײַגן. ער פארמאָגט צוועלף עפּלביימער, בארנביימער — פינף. איינס, צוויי, דרײַ, פיר, פינף.

בומע שטעלט זיך אָפּ לעבן די פּעסער. ער וואָלט וועלן אײַנטונקען נאָכאמאָל דעם קאָפּ. ער ווערט אָבער פּלוצעם פארציטערט. די לעוואָנע קומט ארויס פון דער פּאס, ליגט און שווענקט זיך, ווינקט צו אים. אז די גאנצע וועלט מאכט פון אים כויזעק!.. ער פארקריצט די ציין, נעמט א ציגל פונעם שטאבעל און גיט אים א שלײַדער אין דער לעוואָנע. די וואסער טוט אף אים א כליופּע, ער טוט א ציטער און גייט אוועק פון די פּעסער. ער וויל ארײַנגיין אין שטוב און קאָן ניט, די פיס האקן זיך אים אונטער, ער שפּארט זיך אָן מיטן אקסל אין דער וואנט און ווישט דאָס פּאָנעם. ער ווישט מיטביידע הענט, און דאָס פּאָנעם ווערט ווידעראמאָל נאס.

11

פונעם ערשטן טאָג האָט יאשע אוועקגעשטעלט ראָכלען צו א גרויסן פירעקיקן קאסטן, וואָס איז ביז האלב געווען אײַנגעגראָבן אין דער ערד. צו דעם דאָזיקן קאסטן זײַנען אלעמאָל צוגע־פאָרן אָנגעלאָדענע סאמאָסוואלן און אויסגעשאָטן אהין געדיכטע פײַכטע וואפנע. ראָכל האָט די וואפנע אָנגעוואָרפן אין אײַזערנע מולטערס, און דער הייב־קראן האָט זיי ארופגעשלעפּט אפן דריטן ניט־דערבויטן שטאָק, צו די מוליערס, וואָס לייגן די ווענט.

איניינעם מיט ראָכלען האָט געארבעט א יונג מיידל. זי איז געווען א דיקלעכע, א פּולברוס־טיקע, די נײַע בלאָווע שאראָווארעס אירע זײַנען אין איניקע ערטער געווען ווי אָנגעבלאָזן. עס האָט געדאכט, אז אָט־אָט וועלן פּלאצן אלע נעט און זי וועט ארויספאלן פון די פּלודערן. דאָס מיידל איז געווען ניט קיין כאפּערקע. זי האָט אלע ווײַלע פארריכט די פאטשיילע אפן קאָפּ, וואָס איז געווען אראָפּגערוקט קימאט ביז איבער די אויגן, ווײַזט אויס, מוירע געהאט, די זון זאָל זיך ניט צוכאפּן צו איר ליכטיק פּאָנעם, צו די פּלאמיקע באקן, אָבער איר פּאריסן נעזל איז שוין געווען רויט און געגלאנצט, ווי א צײַטיק פּאָמידאָרל.

דאָס מיידל האָט ניט אופגעהערט זיך קלאָגן: דאָ באם קאסטן איז שטארק שווער צו ארבעטן, עס איז אפילע ניטאָ קיין צײַט זיך אויסגלײַכן. פונדעסטוועגן איז זי מערסטנטייל געשטאנען אָנ־געשפּארט אף דער לאָפּעטע און געטײַנעט:

— מע דארף ניט אײַלן. אָנגעוואָרפן א פּאָר לאָפּעטעס, איז רו זיך אָפּ.

ראָכלען האָט זיך אויסגעוויזן, אז אָנווארפן די וואפנע אין דער מולטער איז ניט אזוי שווער. אבי ניט האָבן צו טאָן מיטן קראן, איז איר גאָרניט שרעקלעך. ווי נאָר ראָכל האָט זיך געלאָזט אײַנרעדן ניט אײַלן, האָט זיך פון אויבן דערהערט א געשריי:

— קאשו, קאשו פּאָדאווײַ![1]

א דערשראָקענע האָט זיך ראָכל געכאפּט פארן זאסטעפּ און האסטיק גענומען ווארפן די וואפנע אין דער מולטער. און דאָס מיידל האָט אפילע קיין פינטל ניט געטאָן מיט קיין אויג. זי האָט קאלטבלוטיק געזאָגט:

— זאָל מען שרײַען, זיי וועלן צוווארטן. — זי האָט אראָפּגעשלעפּט די גרויסע ברעזענ־טענע הענטשקעס און געוויזן אירע הענט. אף די דלאָניעס לעבן די פינגער זײַנען געווען פארזאָטן וואסערדיקע בלאָטערלעך.

— דאָס איז פאר א וואָך ארבעט. וואָס זשע וועט ווײַטער זײַן? — האָט זי געפרעגט.

ראָכל האָט א קנייטש געטאָן מיט די אקסל. ווען זי האָט אָנגעפילט די מולטער, האָט זי גע־כאפּט דעם עמער וואסער, וואָס איז געווען צוגעגרייט, באגאָסן די וואפנע און מיט דער לאָפּעטע גענומען אפגיך זי איבערמישן.

[1] קאשע, קאשע דערלאנג!

דאָס מיידל איז געוואָרן אופגעבראַכט, געוואָלט אויסרייַסן די לאַפּעטע בא ראָכלען.

— ווער בעט דיך? ס׳איז דען אונדזער אַרבעט? די מולערס זייַנען אַליין ניט קראַנק? דו ווייסט, צי מע דאַרף, צי מע דאַרף ניט?

— איך ווייס, — האָט ראָכל געהעכערט דאָס קאָל. — זעסט דען ניט, צו וואָס טויג אַזאַ געדיכטעניש?

דאָס מיידל האָט אַ שלײַדער געטאָן די הענטשקעס אַף דער ערד און אוועק פונעם קאַסטן. אַפּצולאָכעס האָט זי זיך צוגעלייגט אַף אַ פּאַנעל, וואָס איז געלעגן ניט ווײַט, פאַרדעקט מיט דער פאַטשיילע דאָס פּאָנעם, צעשפּרייט די הענט אין די זייַטן און געבליבן ליגן, ווי באַם טאַטן אין ווייַנגאָרטן.

דער קראַנאָווּשטשיק גאָשע זעט פון דער הייך אַלץ, וואָס עס טוט זיך אַף דער ערד. ער האָט אַפּילע געהערט דעם מיידלס דראָשע אויך. גאָשע קאָן ניט לײַדן קיין אוולעס. ער איז צוגעפּאָרן נעענטער מיטן קראַן, צעעפנט דאָס טירל פון זייַן גלעזערנער בודקע און זיך אוועקגעשטעלט אַף דער שוועל. גאָשע איז אַ געזונטער באָכער. עס האָט געדאַכט, אַז די ווייַסע און בלאָווע פּאַסן פון זייַן מאַטראָסישער טעלניאַשקע האָבן ווי אײַזערנע רייפן אײַנגעצויגן זײַן ברייטע ברוסט. זייַן פאַרברוינט פּאָנעם איז געווען טונקעלער פון די העלע ווייצענע געדיכטע ברעמען, פון דעם לײַנענעם טשובטשיק, וואָס האָט אַרויסגעקוקט פונעם שוואַרצן בערעטל. ער האָט צוגעלייגט זייַן ברייטע האַנט צו די ליפּן, הילכיק אַ הוקע געטאָן און נאָכדעם מיט אַ שטרענגער געדיכטער שטים אַראָפּגעשריגן:

— מאַדאָנאַ, איר כאַפּט שוין לופט? אַנו, הייבט נאָר אוף אײַער זאַדני מאָסט!

דאָס מיידל האָט זיך אַפּילע קיין ריר ניט געטאָן. זי האָט בלויז מיט פאַרטײַעטן קאָס אַ בורטשע געטאָן:

— וואָס בילסטו דאָרטן?

גאָשע איז ארײַן צוריק אין בודקע. דער קראַן האָט אָנגעהויבן אומרויִק הודען. אפן דריטן שטאָק פונעם ניט־דערבויטן הויז האָבן זיך באַוויזן די מולערס. דערזען דאָס מיידל ליגן, האָבן זיי אָנגעהויבן שרײַען און פּליעסקען מיט די הענט:

— בראַוואָ! בראַוואָ! ביס!

דאָס מיידל האָט זיך אופגעהויבן, פאַריסן דעם קאָפּ צו די מולערס און געזאָגט:

— איך האָב אײַך טיף אין זינען. איר גייט מיר אָפּ מיט אײַער אַרבעט! — זי האָט אַ פּאָכע געטאָן מיט דער פאַטשיילקע. — און זייַט געזונט...

מער איז דאָס מיידל ניט געקומען צו דער אַרבעט.

די וואָפּנע איז ראָכלען ניט אַזוי דערגאַנגען די יאָר, ווי דער קראַן. איצט האָט זי אַליין געדאַרפט זיך פּאָרען בא די אײַזערנע שווערע האָקן. איר האָט זיך אַלץ אויסגעדאַכט, אַז וועןניט־איז וועלן די טראָסן פּלאַצן און די צוויי מולטערס אײניינעם מיט דער וואָפּנע וועלן זיך אָפּרײַסן און איר פּלעטן דעם קאָפּ. דערצו נאָך האָט גאָשע זיך געוואָלט אַ שפּיל טאָן מיט איר. ווי נאָר זי האָט אַ זאָג געטאָן „ווירא“, אַזוי האָט ער באַלד אַ הייב געטאָן די מולטערס און אַף אַ ווײַלע זיי געלאָזט הענגען אַקוראַט איבער איר קאָפּ. ראָכל האָט ניט געוווּסט, וווּהין זיך אַהינטאָן. זי האָט זיך געבויגן און געדרייט, אָקאָרשט ניט צוגעפאַלן צו דער ערד.

אינגיכן איז ראָכל געווויינט געוואָרן צו גאָשעס כאָכמעלעך. זי האָט אופגעהערט מוירע האָבן פאַרן קראַן, אָבער שיקן נאָך אַ מענטשן צום קאַסטן האָט מען, ווײַזט אויס, פאַרגעסן. און עפּשער איז טאַקע ניט געווען וועמען?

ראָכל איז מאַמעש געקראָכן פון דער הויט. זי האָט ניט געוואָלט הערן דעם געשרײ „קאַשו, קאַשו פּאָדאַוויי“. די עמעסע קאַשע, מע קאָן זיך מיט איר וואַרגן. אַז מע נעמט אָן אַ פולע לאָפּעטע, רופט עס זיך אָפּ אין רוקן, סע טוט אַזאַ קלעם, אַז מע פאַרגעדענקט עס אַף לאַנג. און מע דאַרף נאָך באַווײַזן צונעצן, אַ מיש טאָן אויך — די וואָפּנע זאָל ניט זײַן אַזוי געדיכט. אָפּטמאָל באַווײַזט זיך יאַשע אין דער הייך. ער ווײַזט איר אַ גראָבן פינגער.

— כאַ־כאַראָשאָ! אָ! — זאָגט ער און שמייכלט ברייט מיט זײַנע פולע ליפּן.

אים איז גוט, און אַף איר איז דאָס העמד נאַס. דאָס פּאָנעם באַגאָסן מיט שוויס, די אויגן שמאַרצן פון די געזאַלצענע טראָפּנס, אַז מע קאָן בלינד ווערן. און ווי אַפּצולאָכעס ווערן די שלײַקעלעך צוזויפגעדרייט און שנײַדן זיך אײַן אין די אַקסל, ווי דראָט. זי האָט דאַפקע געפּרווּווט זיך צעשפּיליען, נאָר גאָשע זיצט פון אויבן און זעט אַלץ, וואָס עס טוט זיך פון אונטן, ווערסט גאָרניִשט ניט באַהאַלטן פון זײַנע גרינע שאַרפע אויגן. ער האָט זיך דאַפקע ניט געלאָזט וואַרטן, זיך באַלד באַוויזן אַף זײַן בריקל און אויסגעשריגן:

— שוואַרצינקע, פאַרשפּיליע דעם ליפטשיק, ווערסט נאָך צעשיטן די דיניעס!..

עס מעגן אים ארויס די אויגן. איר הייסט ער זיך פאַרשפּיליען, און אַליין האָט ער אַראָפּגעוואָרפן פון זיך די טעלניאַשקע. זײַנע מעשענע פּלייצעס גלאַנצן אַנטקעגן דער זון, ווי שפּיגלען. שטייט ווי א מאַציוווע, וויל זיך אויספּײַנען מיט דער פּאַנאָראַמע, וואָס איז אָנגעמאָלט אַף זײַן ברוסט.

אַרבעטן ביזן איבערײַס איז נאָך צו דערלײַדן. נאָר אַז מע רוט אָפּ א שאָ און מע עסט זיך אָן, איז שווער דערנאָך זיך רירן פונעם אָרט. דאָ ניט לאַנג האָט ראָכל געהאַט זייער א שווערן טאָג. נאָכן איבערײַס האָט זי געוואָלט אַוועקגיין, קיינער זאָל ניט זען. זי איז געווען זיכער, אַז זי וועט ניט קאָנען אָנעמען קיין איין לאָפּעטע. ווען זי האָט זיך אומגעקערט פון וואַרמעס, האָט זי נאָך פונדערווײַטנס דערזען, אַז אַלע מולטערס זײַנען פול. זי האָט ניט געגלייבט אירע אויגן. ערשט שפּעטער האָט זי זיך אָנגעשטויסן: ס'איז גאָשעס אַרבעט. זי האָט גאָר ניט געוווּסט, וויאַזוי אים אָפּצודאַנקען. א פריילעכע האָט ראָכל געפּאָכעט צו אים מיט דער האַנט, געשמייכלט און מיט א ניגן אים צאַרט געזונגען אַף אַרוף:

— ווירא, גאָשא, ווירא!

גאָשע טוט א הודע, ווי ער וואָלט וועלן זאָגן: ער הערט, ער זעט. עס האָט אָבער לאַנג ניט געדויערט, און דער גוטער גאָשע האָט איר דערלאַנגט צוויי ליידיקע מולטערס און אין א צײַט אַרום נאָך צוויי. מע קאָן גאָר ניט נאָסטאַרטשען קיין קאַשע. ראָכל פאַרשטייט, אַז דאָס האָט יאַשע אָנגעהויבן איבערדעקן די סטעליע מיט די פּליטעס, דאַרף מען מאַטעריאַל אָן אַן איבערײַס. און אָפּצולאָכעס באַקט די זון, עס האַקט אין רוקן, אומעגלעך זיך אויסצוגלײַכן. הײַנט קאָן זי שוין ניט לויפן באַגלײַך מיט אַלע מיידלעך צום דוש זיך אָרומוואַשן און איבערטאָן, זי מוז זיך אָנידערלייגן ערגעץ כאָטש אַף א האַלבער שאָ, אויסציִען די ביינער.

זי פאַרקלײַבט זיך אַפן ערשטן שטאָק. אומעטום סטאַרטשען ציגל פון די ווענט, פענצטער אָן שויבן, דאָ א לאָך פון א טיר, און דאָרטן א לאָך פון א פענצטער. אַף יעדער שריט און טריט וואַלגערן זיך שטיקער ציגל, פאַרדאַרטע הרודעס וואַפּנע. ראָכל האָט זיך צוגעשפּאַרט צו א וואַנט, פאַרוואָרפן דעם קאָפּ אַף אַרוף און אַזוי געשטאַנען מיט פאַרמאַכטע אויגן. א צוגווינטל הוליעט איבער דער בויונג, עס פרישט אָפּ איר געזיכט, פאַרקלײַבט זיך צו איר אָנגעוואַרעמטן פּײַכטן לײַב. בלויז די הענט סאַרפּען. זי האָט דאַפקע ניט קיין בלאָטערס אַף זיי, זי האָט זיי איבערגעלאָזט נאָך אין דער היים. דאָ האָט זי אָנגעמוליעט מאָזאָליעס, וואָס בראָטן, ווי אָנגעגליטע קוילן. זי וואָלט באַדאַרפט אויסווישן די אויגן, קאָן זי ניט רירן מיט קיין האַנט. זי וועט אַזוי שטיין, קיינער וועט זי ניט זען, קיינער וועט ניט הערן, אַז זי וועט קרעכצן, אַז זי וועט שטאַמלען צו זיך איינס און דאָס זעלבע:

— אוי, מאַמע מײַנע טײַערע.

טאָמער וועט זי זיך צוקילן, פאַרשלאָפט ווערן און קיינמאָל ניט אופשטיין, אַרט זי אויך ניט. זאָל בומע זיך קילן דאָס האַרץ, זאָל ער ניט ציטערן, אַז זי וועט קומען מאָנען בא אים א האַלבע שטוב, סײַווי האָט ער זי באַצײַטנס אַרויסגעטריבן, זי זאָל קיין כיילעק ניט האָבן. ראָכל שאַרט מיט די פּיס די שפּיצעכיקע שטיקלעך ציגל, די פאַרדאַרטע הרודעס. אַזוי שטייט זי א ווײַלע, נאָכדעם וואַרפט זי אַראָפּ פון זיך די שאַראָוואַרעס, שפּרייט זיי אויס צוזאַמען מיטן פּידזשאַקל אַפן אָפּגערייניקטן אָרט, לייגט זיך אַנידער און ציט זיך אויס. צוקאָפּנס זײַנען אונטערגעלייגט די צעוויקלטע צעפּ. אַפּריִער הייבט זי אוף איין האַנט, דערנאָך די צווייטע, צעשפּרייט זיי אין די זײַטן, שלינגט אײַן די טרערן, און עס ווערט איר א סאַך גרינגער. אַזוי וועט זי ליגן א ביסל. זי האָט סײַווי ניט וווּהין צו אײַלן. דער קאָמענדאַנט האָט זי אַרויסגעשטעלט פון דער צוזאַמענוווינונג. ניט קיין צוגעשריבענע טאָר מען ניט האַלטן. האָט מען זי דערווײַל אײַנגעאָרדנט באַם פּראָראַב אין קאָנטאָר, וואָס געפינט זיך אין אַן איינציממערדיקער קוואַרטיר פון א ניט־דערבויטן הויז. נאָך דער אַרבעט זאַמלען זיך דאָרטן צונויף די בריגאַדירן. ביז מע וועט זיך פון דאָרטן פאַנאַנדערגיין, וועט זי נאָך באַווײַזן צולויפן צו די מיידלעך אין צוזאַמענוווינונג, דאָרט וועט זי זיך אויסבאָדן און איבערטאָן.

זיך גוט אויסגעוויינט, איז ראָכלען געוואָרן גרינגער אַפן האַרצן. ניין, איר ווילט זיך שוין ניט שטאַרבן, זי וועט נאָך, אָפּצולאָכעס בומען, זיך אויסלערנען זײַן א מוליער. זי איז אַזוי מעקאַנע די מיידלעך! די „שטיפמוטער" פירט אָן מיט א רינג מוליערס פון זיבן מענטשן. זי לייגט ציגל בעסער, ווי א מאַנצבל. די קעלניע איז בא איר אין די הענט, ווי א לעבעדיקע, מאַמעש זי רעדט ווערטער. מע זעט מאַמעש, ווי אונטער אירע הענט וואַקסט די וואַנט. און קנאָפּקע קאָמאַנדעוועט מיט א בריגאַדע שטוקאַטורן. אַזאַ קליין ווײַזעלע — און סע גלעט אויס א סטעליע, אַז עס איז א מעכײַע צו קוקן. בא דער אַרבעט פאַרגעסט זי אין אירע קיינדעלעך, ווײַל ניט לײַדן, אַז עמעצער כאָכמעט זיך. און אַז סע ווערט ענג בא די מוליערס, וואַרפט זי יאַשע איבער אַף אויבן. בא קנאָפּקען ברענט די אַרבעט אין די הענט. און יאַשע אַליין פירט אָן מיט

אלעמען. א האלב־נאקעטער שפאנט ער ארום, דאר, הויט־און־ביין, א פארברוינטער, אפן קאָפּ איז בא אים ארופגעזעצט א יארמעלקע פון פאפיר, דער הויכער האלדז איז איבערגעבונדן מיט א טיכל. אז ער לייגט אויס די פאנעלן, וואָס גאָשע שיקט אים צו מיטן קראַן, צעבינדט ער דאָס טיכעלע און ווישט אויס די נאסע ברוסט, די דארע מוסקולדיקע הענט, וואָס זייַנען איבערגע־פלאָכטן מיט אָנגעבלאָזענע דיקע אָדערן. דערבייַ איז זייַן בליק פול אין יעדער ווינקל. ער טוט א דריי מיטן קאָפּ הין און צוריק און באמערקט גלייַך וואָס און ווען.

— סטאָפּ! — טוט א הילך זייַן קאָל. ער גייט צו און נעמט אליין איינמאָסטען דאָס פענצ־טער, און ווען ער באמערקט, ווי אין דער הייך שוועבט א גרויסע פליטע, לאָזט ער זיך צו איר שפאנען, פאָכנדיק מיט דער לאנגער האנט, און באפוילט גאָשען:

— מייַנאַ! מייַנאַ! — ער כאפט אָן די פליטע, ציט זי צו צו זיך, נאָכדעם קלאמערט ער זיך איין מיט ביידע הענט אין די צוויי טראָסן; אף זייַן לייב און אף די הענט באווייַזן זיך געזונטע געשוואָלענע „עפל", וואָס באוועגן זיך אונטער דער פארברוינטער הויט, ווי לעבעדיקע.

— מייַנאַ! מייַנאַ! — און די פליטע ווערט באלד אוועקגעלייגט אפן אָרט.

ראָכל האָט שוין געהאט געבעטן, מע זאָל זי אויך איבערפירן ארוף, האָט אָבער די פארזאמ־לונג, וואָס איז פאָרגעקומען די טעג, דערוויידערט. גאָשע האָט דער ערשטער אָנגעהויבן:

— זי ארבעט פאר צוויי און ספראוועט זיך. איך דארף זי קיינמאָל ניט אונטערטרייַבן.

— און די קאָשע איז געשמאַק, א מעכייַע צו ארבעטן. זי טויג זיך אויס, — האָט די „שטיפ־מאמע" אונטערגעהאלטן.

דער ביישער לאוויאַן האָט א ווונק געטאָן צו איר מיט די בייַסיקע אייגלעך און מיט זייַן דין קעלכל געזאָגט:

— זי איז א גוטע באלעבאָסטע, ארבעט מיט נעשאָמע, ווייַזט אויס, אז אָפּקאָכן גוטע גע־פילטע פיש קאָן זי אויך.

ווען די פארזאמלונג האָט זיך געענדיקט, איז צו איר צוגעגאנגען יאָשע:

— אהא, מומע, דו האָסט אויסגענומען בא דעם אוילעם. מע האָט דיך ליב. דו מיינסט, אז מע זעט דיך ניט. אהאַ, מע זעט דיך!

אזוי איז מען אָפּגעקומען מיט כאָכמעלעך, און פארטיק. ראָכל פארלירט ניט די האָפנונג, זי וועט זיך פאָרט אריבערקלייַבן אף ארוף. גאָשע זאָגט איר צו, אז ער וועט זי אויסלערנען זייַן א קראַנאָווושטשיצע. אוי, איז דאָס א גאָשע. זי געדענקט גוט, וויאזוי ער איז צום ערשטן מאָל געקומען צוגאסט אהין צום פראַראָב אין קאָנטאָר. זי האָט שוין געהאט זיך אויסגעבעטן, ווען עמע־צער האָט א קלאָפּ געטאָן אין טיר. אינעם טונקעלן קאָרידאָר האָט זיך איר אויסגעוויזן, אז ס'איז בומע. גאָשע איז אזוי ענלעך אף אים מיטן גאנג און מיטן וווקס. ראָכל האָט זיך אזוי דערשראָקן, אז זי איז אוועקגעלאָפן פונעם קאָרידאָר גלייַך אין צימער. ווען גאָשע האָט זיך אריינגעשטעלט, האָט זי זיך צעשמייכלט.

— איך זע, עס ברענט א פייַערל, טראכט איך, לאָמיך ארייַנכאפּן זיך.

גאָשע האָט זיך אנידערגעשטעלט אף דער שוועל, ברייט צעשפרייט די פיס. ער איז געווען פארפוצט אין שווארצע מאטראָסישע הויזן, אין א ווייַס העמד, דער קאָלנער צעשפיליעט, מע זאָל ארויסזען די פאסיקלעך פון דער טעלניאשקע. די אָפּגעבאקטע דיקלעכע נאָז, וואָס האָט שוין אָפּגעשיילט פון זיך די צענטע הויט, איז געווען צוגעפודרעט, זי זאָל אזוי ניט גלאנצן. די ברע־מען אונטערגעגאָלט. עס האָט אף א מייל פון אים געשמעקט מיט אָדעקאָלאָן. ער האָט מיט ביידע הענט א גלעט געטאָן די פייַכטע, ווייַסע קוטשמע און גענומען שטעלן טריט, קאטשענדיק זיך, ווי ער וואָלט געשפאנט אף כוואליעס. דערהערט, ווי עס סקריפּעט אונטער זייַנע פיס דער צעטריקנ־טער פארקעט, האָט ער זיך פארקרימט און פארשטעלט די אויערן.

ראָכל האָט זיך ניט באוויזן ארומקוקן, ווי גאָשע איז אויסגעוואקסן לעבן איר, אנידערגעלייגט די שווערע האנט אף איר אקסל. זי האָט א ציטער געטאָן. פונקט אזוי פלעגט בומע אנידערלייגן זייַן האנט. און ווען גאָשע האָט זי האסטיק ארומגענומען און זי צוגעצויגן צו זיך, האָבן זיך די אויגן בא איר פארמאכט, איר האָט זיך אויסגעדאכט, אז זי איז בא בומען אין די אָרעמס. בלויז ווען זי האָט דערפילט דעם פרעמדן אָטעם, האָט זי זיך א כאַפּ געטאָן, ווי פון א שרעקלעכן כאָלעם, און זיך אויסגעריסן פון זייַנע הענט. גאָשע איז שטיין געבליבן א פארלוירענער. ער האָט געמיינט, זי איז שוין בא אים אין קעשענע, און נא דיר... אף זייַן פּאָנעם האָט זיך באוויזן א גוט שמייכעלע.

— סימפּאטיאגאַ! — האָט ער געזאָגט. — דיר איז דאָך אומעטיק איינע אליין, איך זע אין דיר, דו כאַלעשסט א קוש.

ראָכל האָט אַלץ געמיינט, אז גאָשע כאָכמעט זיך, דערפאר האָט זי אים שטיפעריש א דראָע געטאָן מיט א פינגער. און גאָשע איז געווען זיכער, אז זי וויל זיך מיט אים א שפּיל טאָן. ער האָט געפירט מיט די אויגן איבער דער סטעליע, איבער די ווענט, דערווייַל געכאַפּט א קוק אין

קיך, ווו עס שטייט דאָס אויסגעבעטע געלעגער. א רויִקער איז ער צוגעגאַנגען צום פּראָבאַס טיש, זיך אָנגעהויבן שפּילן מיט די ביינדלעך פון דער רעכן־ברעט און פּאַרצויגן ווי פאַר זיך א לידעלע:

— „קראַסאָטקי, קראַסאָטקי, קראַסאָטקי קאַבאַרע"... — זײַנע אויגן האָבן געזוכט דעם אויסשאַלטער. אים ניט געפונען, האָט ער פאַרשטאַנען, אַז מע דאַרף פּאַשעט אויסדרייען דאָס לעמפּל.

— ווייסטו גאָר וואָס, שוואַרצינקע, לאָמיר מאַכן נאַכט, — ער האָט זיך געלאָזט גיין צום לעמפּל.

— ניטע, מע דאַרף ניט, — האָט ראָכל פּלוצעם אַן אופגערעגטע געזאָגט.

— זע נאָר, דו ווייסט אויך דאָס לידל. אַלע מיידלעך זינגען די זעלבע אַריע „אוי, מע דאַרף ניט, אוי, מע טאָר ניט". שוואַרצינקע, דו ביסט דאָך ניט קיין נעכטיקע.

ווי נאָר ער האָט אויסגעצויגן די הענט צום לעמפּל, האָט ראָכל זיך א לאָז געטאָן צו דער טיר. גאָשע האָט אין איין אויגנבליק איר פאַרשטעלט דעם וועג.

— וואָלנאָ! גאָשע שפּילט א קאַטאָוועס. אַניט זאָל איך צעשאָטן ווערן אָט דאָ אָפן אָרט, — האָט ער גלײַכגילטיק געזאָגט. ניט אויסהאַלטנדיק דעם קוק, מיט וועלכן ראָכל האָט אים אָפּגעמאָסטן, איז ער שטיין געבליבן ווי א באַגראָבענער. זי האָט אים ניט געוואָלט באַליידיקן, האָט זי מיט גוטן געזאָגט:

— ניט שיין אַזוי, אוי, ניט שיין, גאָשע.

— און אָפּנאַרן איז שיין? — איז ער בייז געוואָרן. — ווער האָט דיך געבעטן ווײַזן מיר די כיין־גריבעלעך, מיר זינגען: ווירא, גאָשאַ, ווירא. — ער האָט זיך אויסגעגלײַכט און א קנייטש געטאָן מיט די אַקסל. — איך בין א פּראָסטער מענטש...

— איך וועל מער ניט. איך וועל צו דיר קיינמאָל ניט שמייכלען, איך וועל דיר ניט זינגען.

גאָשע האָט ווייטעקדיק פאַרקרימט דאָס פּאָנעם. ער האָט פּלוצעם פאַרוקט די הענט אין די קעשענעס און מיט א ביטערן שמייכל געזאָגט:

— שוואַרצינקע, דו האָסט מאַזל, דו וואָלסט בא מיר געקלעקט אָף איין מינוט. נאָר אַז דו האָסט געקענט גאָשען נעמען פאַרן צײַמל, ביסטו א מענטש, אַניט זאָל איך צעשאָטן ווערן אָט דאָ אָפן אָרט.

זי האָט אים געזאָגט א גוטע נאַכט, און ער האָט זיך געלאָזט גיין צו דער טיר, נאָכדעם עט־וואָס זיך אויסגעקערעוועט און געענטפערט:

— א גוטע נאַכט.

לאָזט זיך אויס, אַז דעמלט, בעשאַס דעם איבעררײַס, האָט גאָר יאַשע אָנגעפילט די מולטערס, ניט גאָשע, אומזיסט האָט זי טאַקע אים געדאַנקט, אומזיסט האָט זי געשמייכלט צו אים.

אָפן צווייטן טאָג האָט זי שיר איבער יאַשען ניט אָוועקגעוואָרפן די אַרבעט, ער האָט איר גע־וויזן, ווי־אַזוי מע דאַרף נאָך דער וואַכטע אויסשטעלן אַלע מולטערס אין קאַסטן, קעדיי די סאַמאָ־סוואַלן זאָלן אינדערפרי אַליין אָנשיטן אין זיי וואַפּנע, זי זאָל דאַרפן וואָס ווינציקער איבערוואַרפן מיט דער לאָפּעטע. אָפן צווייטן טאָג האָט זי טאַקע אַזוי געוואָלט טאָן. נאָר ווען זי האָט גענומען שלעפּן די מולטערס, האָט איינע פון זיי זיך אויסגעריסן פון די הענט און דערלאַנגט איר אַזא קלאַפּ אין קני, אַז זי איז שיר ניט געפאַלן כאַלאָשעס. זי האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אין קאַסטן, זיך צונויפגעדרייט אינדרײַען, האַלטנדיק זיך בא דעם פוס. יאַשע זאָל געוועזן אָנקומען אַהער, וואָלט ער שוין באַקומען זײַן כיילעק. ווען עס זאָל אים אָנקומען האַלב, וואָס זי האָט אים אָנגעוווּנטשן, וואָלט פון אים קיין שפּור ניט געבליבן. ווו האָט ער זיך גאָר גענומען אָף איר קאָפּ! זי האָט דעמלט באַשטימט, זאָל זי נאָר בלײַבן גאַנץ, וועט זי אַוועק ווו די אויגן וועלן זי טראָגן.

ראָכל האָט זיך קוים דערשלעפּט צום ערשטן שטאַק, זיך אַראָפּגעלאָזט אָף דער ערד, געוואָלט אײַנרײַבן די קני, נאָר עס האָט שטאַרק וויי געטאָן.

אַלעמאָל, ווען עס איז איר שווער אָפן האַרצן, דערמאָנט זי זיך אין בומען. דאַכט זיך, וויפל מאַשינעס ברענגען אַהער בוי־מאַטעריאַל. און בומע, ווי אַפּצולאָכעס, איז קיין איין מאָל דאָ ניט געווען. זי האָט געטרוימט, אַז ער זאָל קומען צו פאָרן, זי אַרײַנזעצן צו זיך אין קאַבינע און זי אוועקפירן אַהיים. נאָר ווער וואָס, ער האָט זי, ווײַזט אויס, אין זינען, ווי דעם פאַראַיאָריקן שניי.

אומגעריכט האָט זי דערהערט עמעצנס טריט. גאָשע זוכט זי געוויס. נאָר אַרײַנגעשטעלט האָט זיך גאָר יאַשע.

— וואָס טוסטו דאָ? — האָט ער א פאַרוווּנדערטער געפרעגט. זי האָט אָף אים א בייזן קוק געגעבן, קוים זיך אײַנגעהאַלטן ניט אָפּשיקן אים אַהין, ווו די גרינע בעזעמלעך וואַקסן. אַז טאָמיד שמייכלט עס, קיינמאָל איז דאָס ניט שולדיק, גוט, כאָטש לייג אים צו צו א מאַקע.

— וואָס ביסטו פאַרוווּנט?

ראָכל האָט אָפּגעקערט דעם קאָפּ, און פּלוצעם האָט פון איר ברוסט זיך ארויסגעריסן א ווייטעקדיק כליפּען.

— וואָס טוט זיך דאָס מיט דיר, וואָס איז געשען?

— מולטערס שטעלן האָט זיך אים פארגלוסט, מולטערס! איבער דיר האָב איך געכאַפּט אזא נערעק אין דער קני, — האָט זי גערעדט צו דער וואנט און אפגיך געווישט די אויגן.

— וואָס זשע שווייַגסטו, נאַרעלע? א פּיצעלע קינד, צי וואָס? — ער האָט זיך צוגעזעצט אף די שפּיץ פינגער און פארשארט איר דאָס קליידל העכער די קני. ראָכל האָט זיך דערשראָקן, גע־וואָלט אים אָפּשטופּן פון זיך, נאָר יאשע האָט שוין באַוויזן א ציטאָן איר פוס. זי האָט א געשריי געטאָן. אָבער יאשע האָט זיך ניט דערשראָקן. ער האָט אפגיך גענומען רייַבן די עטוואָס געשוואָ־לענע קני. בא אים האָט זיך אויך פארקרימט דאָס פּאָנעם, ווי ער וואָלט דערפילט איר ווייטעק. ער האָט זיך אופגעכאַפּט, אוועקגעלאָפן און באלד געקומען מיט אן עמער וואסער. ער האָט אראָפּ־געשלעפּט די פּאטשיילע פון אירע אקסל, זי אָנגענעצט און צוגעלייגט צו דעם פוס.

— באלד וו־וועט דורכגיין. איך זאָג דיר... איך בין אן אלטער דאָקטער, — האָט ער צו איר געוואונקען, ווי צו א קליין קינד, און ניט אופגעהערט צו שמייכלען, — זעסטו מייַן צורע, דעם צעבראָכענעם שמעקער מייַנעם, א דייַטש האָט מיר אָנגעטראָטן אפן פּאָנעם מיט א געקאָוועטן שטיוול. ווען איך טו דעמלט איין פּיפּס, אָהאָ, וואָלט איך שוין פון לאנג אף יענער־וועלט געבאַקן בייגל. — ער האָט ווידעראַמאָל אָנגענעצט דאָס טיכעלע, צוגעלייגט עס צו איר פוס און צארט אים א גלעט געטאָן. יאשע מיינט, אז זי וויינט וועגן דעם, אז ער איז געלעגן אין דער גרוב באַגלייַך מיט אלע יידן פון זייַן שטעטל. די מאמע האָט אים פארשטעלט, די קויל זאָל אין אים ניט טרעפן, די גרוב איז געווען איבערגעפולט, בייס מע האָט זי גענומען פארשיטן, האָט ער באַוויזן ארויס־פויזען און זיך באַהאַלטן אין די קוסטעס.

— אליין זיך אויסגעהיילט. א־א פּיצל געווען, צען יאָר און אליין זיך אויסגעהיילט. נאָר ריידן... פון דעמלט אָן פארהיקע איך זיך. און די האָר שטייען בא מיר דיבאָם, א געלעכטער... פונקט האָט עס הייַנט געדארפט טרעפן. הייַנט איז דאָך א „פּאָלוטשקע“. ווייסט, וויפל דו האָסט פארדינט? נייַן הונדערט קארבוצן, קימאַט אזויפיל, וויפל א מוליער. אָ, ביסט א מענטש! אף מייַן וואָרט, אז דו האָסט געקאָנט אויסהאלטן באם קאסטן איינע אליין, וועסטו בויען גרויסע הייַזער אזש ביזן הימל. דערווייַל פילסטו נאָך ניט קיין טאַם אין דער ארבעט. אז דו וועסט אויסלייגן די ערשטע וואנט, וועסטו דעמלט דערפילן, וואָס הייסט זייַן א בויער.

יאשע האָט זיך אליין געוואונדערט, וואָס ער רעדט אזוי גרינג, פארהיקעט זיך ניט. ראָכל האָט אופגעהערט כליפּען. די אויגן זייַנען בא איר טרוקן געוואָרן. זי האָט שוין ניט געקוקט אף אים אזוי בייז.

— אנו, לאָמיר נאָר פּרוּוון זיך אופהייבן, — האָט יאשע געזאָגט און געהאָלפן איר זיך שטעלן אף די פיס, — אנו, א שפּאַן, נאָך א שפּאַן.

ראָכלען איז טאַקע גרינגער געוואָרן. זי האָט געשפּאַנט פארזיכטיק, האלטנדיק זיך פאר זייַן עלנבויגן.

— נו, ראָכעלע, וויאַזוי?..

— וואָס פאר א ראָכעלע בין איך דיר?

יאשע האָט זיך אויסגעגלייַכט, געוואָלט עפּעס זאָגן און ניט געקאָנט. ער איז א ווייַלע גע־שטאַנען און געקוקט אף ראָכלען. אף זייַן שטערן האָבן זיך באַוויזן קנייטשן, די אויגן האָבן גענו־מען פינטלען, און ער האָט זיך אָנגעהויבן פארהיקן.

— מ־מייַן מאמען האָט מען אויך גערופן ראָכל.

יאשע האָט מוירע געהאַט זיך דערמאָנען אין דער מוטער. אים קומט באלד אפן זינען די גרוב, די דערשאָסענע, און עס ווייַזט זיך אים אויס, ער וועט א פאל טאָן אף דער ערד, אָנהייבן פויזען אף אלע פיר, פונקט ווי ער האָט דעמלט געפויזעט איבערן וואלד, טאָג און נאכט.

ער געדענקט ניט דעם מענטשן, וואָס האָט אים אופגעהויבן פון דער ערד, ווען ער האָט זיך צוגעשארט צום ברעג טייַך. יענער האָט אפילע ניט געלאָזט אים אייַנעצן די ליפּן אין דער וואסער. ער האָט אים געכאַפּט אף די הענט, אנידערגעלייגט אין שיפל און אוועקגעשוווּמען אף יענער זייַט טייַך.

יאשע האָט געפילט, ווי ערגעץ לעם די קני האָבן זיך געוואָרפן לעבעדיקע פיש. ער האָט ניט אויסגעהאלטן, גענומען שארן ארום זיך מיט די הענט, אָנגעטאַפּט א פישל און געוואָלט עס צוטראָגן צום מויל, נאָר דאָס פישל האָט זיך ארויסגעגליטשט פון צווישן זייַנע געשוואָלענע פינגער.

מיין האָט ער גאָרנישט ניט געדענקט.

ווען ער איז געקומען צו־זיך, האָט ער דערזען אַן אַלטיטשקע. דאָס רעכטע אויג אירס איז געווען צוגעזשמורעט, און דאָס לינקע ברייט צעעפנט. זי האָט אופמערקזאַם אים באַטראַכט. פּלוצעם האָט זי אַ דונער געטאָן:

— דו לעבסט?

יאַשע האָט זיך דערשראָקן פאַר דעם קאָל. אַזאַ קליין מענטשל מיט אַזאַ געזונטער געמבע. ער האָט ניט געוווּסט, וואָס איר צו ענטפערן. ווען ער האָט דערזען ליגן אַפן טיש אַ שטיקל ברויט, האָט ער זיך אופגעזעצט, אויסגעשטרעקט ביידע ציטעריקע הענט און קוים אַרויסגעקוועטשט פון זיך.

— ע־ע־ע־סן...

אויסגעכאַפּט דאָס ברויט בא דער אַלטיטשקער, האָט ער געמיינט, ער וועט עס מיט איין מאָל איינשלינגען, נאָר ער האָט דאָס מויל ניט געקאָנט עפענען. די געשוואָלענע ליפּן זיינען געווען צעטרעסקעט, די באַקן אַזוי ווי פאַרשטיינערט. ער האָט מיט צוויי פינגער קאַלופּעט קליינע שטיקלעך, פאַרהויבן דעם קאָפּ און זיי אַריינגעשטופּט אינווייניק, אין עטוואָס אָפענעם מויל. דערביי זיך אַזוי פאַרקרימט, פונקט ווי אַ פראָסט זאָל אים פאַרגיין אין די ציין. די פּלייצעס האָבן זיך געטרייסלט. ער האָט געשטיקט אין זיך דאָס כליפּען, זיך געוואָרגן מיט יעדן ברעקל.

די אַלטע האָט געקוקט אַף אים און מיטן פאַרטעך געווישט די אויגן. כאָטש ס׳איז געווען גרויסער טאָג אין דרויסן, האָט זיך יאַשען אויסגעוויזן — עס פאַלט צו די נאַכט. דאָס לינקע אויג איז געווען אינגאַנצן פאַרלאָפן. מיטן רעכטן האָט ער געקוקט בלויז דורך אַ שמאָל שפּעלטעלע, וואָס איז געווען איבערגעפּלאָכטן מיט די פאַרקיסנעטע וויעס.

— הער אוף כאַלעשן! — האָט די אַלטע אַ פויק געטאָן. — ווערסט זיך נאָך אָנפרעסן... אויב גאָט האָט דיך געראַטעוועט פון דער גרוב, ביסטו אַ הייליקער. דער רועך וועט דיך שוין ניט נעמען, — זי האָט אויסגעריסן פון זיינע הענט דאָס ברויט. — ניטאָ וואָס צו ברעקלען, — האָט זי געגוואַלדעוועט... אַרויסגעשלעפּט פון אויוון אַ קריגל מיט מילך, פאַרפאַרעט דאָס ברויט אין אַ קווערטל, געבלאָזן אַף דעם, געמישט מיט אַ הילצערנער לעפל. דערביי געבורטשעט בייז:

— וואָס האָט ער מיר געבראַכט דעם שלימאַזל! וואָס האָט ער געהאַט צו מיר...

יאַשע האָט צוזויפּגעפרעסט דעם קאָפּ צווישן די עלנבויגנס און זיך געשאָקלט. ווען אים וואָלט געקלעקט קויעך, וואָלט ער אַרויס פון דער שטוב און געלאָזט זיך לויפן, וווּהין די אויגן וואָלטן אים געטראָגן.

אינגיכן האָט די אַלטע זיך אַנידערגעזעצט צו אים.

— ווייז אָהער דיין שיינעם פּיסק! — האָט זי אים אַ שטורכע געטאָן אין אַ זייט און אָנגעהויבן אים האָדעווען ווי אַ קליין קינד...

— ווען איך דערלעב, מע זאָל אַזוי היטלערן האָדעווען, — האָט זי געגראַאַגערט, — ווען ער גייט איבער אַף דיין מאָס. כאַפּ ניט! כאַפּ ניט, היצעלע!

אַפילע ווען יאַשע האָט שוין עטלעכע מאָל איבערגענעכטיקט אונטער אַ דאַך, פלעגט זיך אים דאָך באַנאַכט אויסווייזן, אַז די ביימער רוישן איבער זיין קאָפּ. דער ווינט טרייבט דעם וואַלד. יאַשע שפּאַנט איינגעהויקערט איבער די צעאַקערטע פעלדער, און די פויגלען שרייען, גוואַלדעווען פאַר שרעק.

ווען ער פלעגט אָבער אָנטאַפּן די פּאָלאַטיעס, דערפילן דאָס האַרטע קישעלע אונטערן קאָפּ, פלעגט ער איינשלאָפן מיטן געדאַנק, אַז די אַלטע איז גאָר ניט אַזאַ שלעכטע, זי איז טאַקע אַ בייזע, אַ שרייערן, נאָר די הענט זיינען בא איר וואַרעמע און גוטע. וואָסי, זי שרייט דען נאָר אַף אים? זי גוואַלדעוועט אַף דער גאַנצער וועלט.

דערפאַר, אַז זי פלעגט זיך אַנידערשטעלן לעבן די איקאָנעס, האָבן זיך ברייט צעעפנט אירע אויגן. אין אירע שוואַרצאַפּלען האָט זיך אָפּגעשפּיגלט דאָס פייערל פון דער לאַמפּאַדקע און דאָס צעאַקערטע פּאָנעם אירס האָט אַזוי ווי אַליין אויסגעגלייכט די קנייטשן. ס׳האָט געדאַכט, זי איז געוואָרן העכער און קרעפּטיקער.

מיט גאָט האָט זי זיך אויסגעטייַנעט דאַפּקע שטילערהייט.

יאַשען איז שווער געווען צו ריידן. אַז ער פלעגט דאַרפן עפּעס זאָגן, האָט ער צוזויפּגעפרעסט ביידע פויסטן, געפינטלט מיט די אויגן, רויט געוואָרן און אונטערגעכליפּעט. ער האָט זיך אַזוי פאַרהיקעט, אַז די האָר האָבן ווי מיט נאָדלען געשטאָכן. אַפילע די אַלטע האָט מוירע געהאַט אים קוקן אין פּאָנעם, זי פלעגט זיך אָפּקערעווען פון אים, קלוימערשט אַ קוק געבן אין פענצטער. איינמאָל האָט זי אים געזאָגט:

— דיר איז שווער צו ריידן? ביז ווער פאַרשטומט. זאָל מען טאַקע מיינען, אַז דו ביסט אַ שטומער. שטום זאָלן זיי אַלע ווערן אַף אייביק!

בלויז ווען די אַלטע פּלעגט אַוועקגיין און פון דרויסן פאַרשפּאַרן אים אין שטוב, האָט ער גערעדט מיט זיך אַליין. יענץ וואָרט, וואָס האָט זיך פאַרהאַקט אין מויל, האָט ער איבערגעהיפּט. ער פלעגט אַלע מאָל אָנהייבן מיט דעם:

— מ־מ־מיַין מאַ־אַ־אַ־מען האָאָט מען גע־גע־גע... — איבערגעהיפּערט דאָס וואָרט „געהאַר־געט" און אָנגעהויבן פון אָנהייב. אָבער איין מאָל האָט ער זיך איַינגעאַקשנט, געבּרעקלט דאָס וואָרט אַף שטיקער, ביז ער האָט זיך צעשריִען אַף א קאָל:

— גע־גע־האַ־אַר־געט! גע־גע־האַ־אַ־אַרגעט!

אָסיען־ציַיט איז יאשע געקומען צו־זיך. די אַלטע האָט אים טאַקע געשטעלט אַף די פיס. דאָס געשווילעכץ איז אַראָפּ פונעם פּאָנעם. אָבער זי האָט ניט אופגעהערט לייגן אים פּריפּאַרקעס, וואַשן די אויגן מיט איר נאַסטאָיקע. בלויז די נאָז האָט זי אים ניט געקאָנט אויסגליַיכן.

יאשע האָט שוין געטראָגן וואַסער פון דער קרעניצע, געגראָבן די קאַרטאָפל אַפן גאָרטן, זיי געטריקנט און באַהאַלטן אין א געהיימען קעלער, וויַיט פון יענער זיַיט ריוו. ניט אומזיסט האָט די אַלטע געשריגן אַפן גאַנצן דרויסן:

— דאָס איז א גערעטעניש?.. מע וועט דאָך שטאַרבן פון הונגער! א בראָך, א מאַגייפע! אַף אונדזערע סאָנים...

יאשע האָט פאַרשטאַנען, אַז די אַלטע שריַיט און שילט אומיסטן. שרעקט דעם אוילעם, קיינער זאָל צו איר ניט קומען.

און נאָך אָן אַנדער אומגליק. די אַלטע האָט געהאַט צו אים טיַינעס:

— ווער בעט דיך וואַקסן, ווי קראָפּעווע אַפן גאָרטן? ווער וועט דיר גלייבן, אַז דו ביסט אַלט צען יאָר, מע וועט דיך כאַפּן, וועט מען דיך אוועקשיקן אין דר'ערד אַריַין קיין גערמאַניע.

ווי נאָר די אַלטע פלעגט זיך דערוויסן, אַז עס וועט זיַין אַן אַבלאַווע, פלעגט זי אים באַהאַלטן אין א קעלער.

ווען די סאָוועטישע אַרמיי האָט זיך אָנגעהויבן אומקערן, האָבן די דיַיטשן אַרויסגעטריבן די איַינוווינער פון דאָרף. די אַלטע האָט זיך איַינגעשפּאַרט: זי וועט אין ערגעץ ניט גיין. אָט דעמלט האָט יאשע גענומען אַף איר שריַיען. געפּאַקט אירע כפּייצים און געטראָגן אינעם קעלער.

ווען עס איז אויסגעליידיקט געוואָרן די שטוב, האָט זי ערשט גענומען וויינען און קלאָגן. די פאַשיסטן זאָל אָנקומען א צענטכיילעק פון דעם, וואָס זי האָט זיי אָנגעווינטשעוועט, וואָלט זי ניט געדאַרפט פאַרלאָזן דאָס שטיבל.

אין וועג איז די אַלטע פאַרשלאָפט געוואָרן. געקומען אין איין דאָרף, האָט מען געטריבן אין א צווייטן. ס'איז געווען ווינטער־ציַיט, אָט איז א פראָסט און אָט אַן אָדליגע. דאָס קליינע מענטשעלע, די אַלטיטשקע, האָט אָנגעהויבן צאַנקען. די אָדערן, מיט וועלכע זי איז געווען שטיַיף איבערגעפּלאָכטן, האָבן צעבונדן די קניפּלעך. די געמבע איז הייזעריק געוואָרן, די פּלייצעס איַינגעשרומפּן, און דער קאָפּ, וואָס האָט שטענדיק זיך געדרייט ווי אַף שאַרנירלעך, איז אַזוי ווי צוגעוואַקסן געוואָרן צו די שמאָלע אַקסל. גיין האָט זי מער ניט געקאָנט.

יאשע האָט זי געטראָגן אַף די הענט. עפּשער וואָלט ער קויעך געהאַט מיט איר זיך אַזוי שלעפּן צוביסלעך, איז אָבער דער שניי געווען א טיפער און א נאַסער, די פיס האָבן זיך געגליטשט, און, ווי אַפּצולאָכעס, האָט דער ווינט געשמיסן גליַיך אין פּאָנעם אַריַין. אָבער די אַלטע האָט ער פון די הענט ניט אַרויסגעלאָזט.

ווען זי האָט באַם וועג דערזען א סקירדע שטרוי, האָט זי זיך גענומען בעטן בא אים, ער זאָל זי צוטראָגן אַהין. יאשע האָט זי געפאָלגט. שטייענדיק אַף די קני, האָט זי גענומען מיט די אָדערדיקע הענט רייַסן שטרוי פון דער סקירדע, מאַכן זיך א געלעגער, דערביַי געשטאַמלט:

— אָ־דאָ... וועסטו מיך איַינדעקן... און דו גיי געזונטערהייט... גיי...

— באַ־אַלד פּ־פּלי איך!

— הער, וואָס מע רעדט צו דיר, — האָט זי בייז א כאָרכל געטאָן...

— אי־יך בין ט־ט־טויב! ט־טויב! — האָט ער ווי ניט מיט זיַין קאָל אויסגעשריגן. די אַלטע איז פאַרציטערט געוואָרן.

יאשע האָט זיך בא איר געבעטן: ער וועט זי נעמען אַף די פּלייצעס, ס'איז דאָך ניט וויַיט צום דאָרף, מאַמעש אונטער דער נאָז. מע קאָן דערלאַנגען אַהין מיט דער האַנט.

פּלוצעם האָט ער עפּעס דערזען. ער האָט ניט געגלייבט זיַינע אייגענע אויגן. ניט וויַיט פון דער סקירדע איז געשטאַנען א שליטעלע, פול געפּאַקט מיט שטרוי. ער איז אוועקגעלאָפן אַהין, נאָר באַלד שטיין געבליבן. לעבן שליטעלע איז געלעגן א פרוי, איַינגענורעט אין פאַרפלעקטן שניי, ס'האָט געדאַכט — איר קאָפּ ליגט אַף א רויט קישעלע. א ציַיט איז יאשע געשטאַנען א פאַרטערפּעטער, נאָכדעם איז ער פאַרזיכטיק צוגעגאַנגען, האָסטיק אַראָפּגעוואָרפן די שטרוי פון שליטעלע. ניט געזאָגט דער אַלטער קיין וואָרט, האָט ער זי איַינגעמאָסטעט אַף דעם און גענומען

לויפן, פונקט ווי ער וואָלט מוירע געהאַט, די געשאָסענע זאָל זיך ניט אופכאַפן. די אַלטע האָט עפּעס געבורטשעט, נאָר יאַשע האָט זיך ניט צוגעהערט, זיך ניט אָפּגעשטעלט.

און ס׳איז געקומען דער גרויסער יאָמטעוו. די סאָוועטישע אַרמיי האָט באַפרײַט די אַרומיקע דערפער. מ׳האָט געקאָנט זיך אומקערן אהיים.

אָפּטרעטנדיק, האָבן די פאַשיסטן געצונדן די דערפער. קיין שטיבער האָט מען קימאַט ניט געזען, בלויז די אויוונס מיט די קוימענס האָבן געסטאַרטשעט, ווי פאַרפרוירענע מייסים.

פון דער אַלטיטשקערס שטוב איז קיין זייכער ניט געבליבן, אַף דעם אָרט איז געווען אַ קײַלעכיקע גרוב, אַ פאַרפאַראַשעטע מיט שניי.

דערזען די דאָזיקע גרוב, האָט די אַלטע אַ ציטער געטאָן, מיט די הענט אַ שמיר געטאָן איבערן פּאָנעם, פאַרוקט די ביינערדיקע פינגער הינטערן טיכל און זיך אַ שאָקל געטאָן. יאַשע האָט זי אָנגענומען פאַר די פּלייצעס און זי צוגעדריקט צו זיך.

— אַ דאַנק גאָט, — האָט ער אַרויסגעשטאַמלט.

— וואָס אַ דאַנק, וועמען אַ דאַנק, פאַרוואָס אַ דאַנק? — האָט זי אָנגעהויבן יאָמערן אַף אַ קאָל. — פאַרוואָס קומט עס מיר? איך האָב דען ניט אָפּגעהיט דײַן הייליקן נאָמען?..

— אַ־אָבער ווען איר זאָלט געווען דאָ בלײַבן?..

— בעסער, בעסער וואָלט מיר געווען. ווער דאַרף אַזאַ לעבן? ווו וועל איך מײַן אומגליקלעכן קאָפּ צושפּאַרן? ניטאָ אַפילע ווו צומאַכן אַף אייביק די אויגן...

ער האָט זי געפירט צום קעלער. זי האָט ניט געוואָלט אַהינצו גיין, זי דאַרף גאָרניט. זי וויל גאָרניט. זי האָט זיך מיט גוואַלד אויסגעריסן פון זײַנע הענט און זיך אַ וואַלגער געטאָן אַף דער ערד.

נו, וואָס האָט ער געקאָנט מיט איר טאָן?

אין דרויסן האָט אָנגעהויבן ווייען. ס׳האָט געדאַכט, אַז די גאַנצע וועלט איז צונישט געוואָרן. אין ערגעץ איז קיין שטוב ניטאָ און ס׳איז ניטאָ ווו אָנצוואַרעמען די נעשאָמע. כאָטש נעם גראָב זיך אײַן אין שניי און ווער פאַרקליאַקנעט, פאַרגליווערט, ווי די קוימענס. מע טאָר דאָך ניט לאָזן זי ליגן אַפן שניי. וווהין זשע זאָל ער זיך מיט איר אַהינטאָן? ער האָט שוין כאַראָטע געהאַט, וואָס ער האָט דאָרט איבערגעלאָזט דאָס שליטעלע, ער האָט געמיינט, אַבי די רויטע אַרמיי וועט אַפּן פּורל זיי ברענגען אין דאָרף, וועט ער עס מער ניט דאַרפן.

ווען ער האָט זי ווידער גענומען אַף די הענט, האָט זי אָנגעהויבן יאָמערן און שרײַען:

— לאָז מיך רויק שטאַרבן... טשעפּע זיך אָפּ פון מיר, אומגליק מײַנער...

פון ערגעץ האָט זיך באַוויזן אַ פּרוי, זי האָט די אַלטע צוגענומען פון יאַשעס הענט און זי אוועקגעטראָגן... די פּרוי האָט קיין וואָרט ניט געזאָגט, און די אַלטיטשקע איז אַנשוויגן געוואָרן.

יאַשע איז זיי נאָכגעגאַנגען. מע איז געגאַנגען לאַנג און שווײַגנדיק, געבראַכט זי צו פירן אין אַ בלינדאַזש. דאָ איז געווען וואַרעם. מע האָט געקאָנט אַ טרונק טאָן וואַסער.

יאַשע איז נאָכדעם אַרויסגעגאַנגען אין דרויסן. מע האָט דאָך באַדאַרפט עפּעס קריגן עסן פאַר דער אַלטער.

איבערן טראַקט זײַנען געפאָרן מאַשינעס מיט אַרמייער. די סאָלדאַטן האָבן געפּאַכעט צו יאַשען מיט די הענט. נאָר וואָס קומט אַרויס. ווען מע גיט אים עפּעס עסן... ער זאָל קאָנען אונ־טערהאַלטן די אַלטע.

ער איז געשטאַנען און געשטאַנען, געוואַרט, עפּשער וועט אַ מאַשין זיך אָפּשטעלן. נאָר די מאַשינעס האָבן געײַלט. ער האָט שוין געוואָלט זיך אומקערן מיט גאָרניט. נאָר ער האָט באַמערקט עטלעכע שליטנס מיט אַרמייער. אַ סאָלדאַט איז אַראָפּ פון שליטן און צוגעלאָפן צו אים.

— אַף וועמען וואַרטסטו? — האָט געפרעגט דער סאָלדאַט.

יאַשע האָט צונויפגעפּרעסט צווײ פויסטן און אָנגעהויבן:

— מ־מײַן באַ־אָבע איז שלאַף... ניטאָ... עסן ניטאָ...

— באַלד... באַלד... — דער סאָלדאַט איז אוועק צום שליטן און זיך טייקעף אומגעקערט מיט אַ האַלב ברויט, עטלעכע שטיקער צוקער, מיט אַ גלאַנציקער באַנקע טושאָנקע. — סווינאיא... טושאָנאַטשקאַ... וועסט איר אָנוואַרעמען, דער באָבען דײַנער... וועט זײַן געשמאַק.

יאַשע האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ, אַפילע פאַרגעסן אָפּדאַנקען און אוועק צוריק אין בלינדאַזש. ווען ער איז געקומען צו לויפן אַ צעטראָגענער, געוואָלט דערפרייען די אַלטיטשקע, האָט די פּרוי זיך גאָר צעשריִען אַף אים:

— ווו טראָגט עס דיך אַרום? שלימאַזל... זי האָט דיך אַזוי גערופן...

יאַשע האָט נאָך גאָרנישט ניט פאַרשטאַנען. ער האָט בלויז געזען, ווי די אַלטיטשקע ליגט אַף דער ערד. דאָס שפּענדל, וואָס האָט געברענט אין בלינדאַזש, האָט קוים באַלויכטן איר געזיכט, דאָס פּאָנעם איז נאָך קלענער געוואָרן, און זי אַליין, כאָטש זי איז געווען אויסגעצויגן, האָט אויס־

געזען קליין, ווי א ליאלקע... די צוגעמאכטע אויגן — אזוי טיף איינגעפאלן, אז ס'איז א מוירע געווען צו קוקן.

— נארוואס געשטארבן, — האט די פרוי געזאגט.

פון יאשעס הענט איז ארויסגעפאלן דאס ברויט, די באנקע טושאנקע. ער האט ניט געקאנט פארשטיין, וויאזוי קאן איצטער א מענטש שטארבן, אויב מע שיסט אין אים ניט.

— זי האט מיר טויזנט מאל אנגעזאגט, איך זאל דיך שיקן אין קאלינאוועקער קינדער־היים... — האט געזאגט די פרוי, אופהייבנדיק דאס ברויט פון דער ערד.

פאר געשטארבענע האט יאשע מוירע געהאט, פאר דערהארגעטע — ניט.

ער האט גארנישט ניט געזאגט. אוועק פונעם בלינדאזש און מער קיינמאל זיך ניט אומגע־קערט אהינצו.

ווען ער איז געגאנגען איבער די קארעווע דערפער, האט אפטמאל זיך אים אויסגעדאכט, אז די אלטע דונערט מיט איר געמבע: „היצעל, ווו האסטו זיך גענומען אף מיין קאפ?"

ס'האט אים שטארק געקלעמט באם הארצן.

אין א פאר וואכן ארום איז יאשע געקומען קיין קאלינאוועקע. אין דעם דאזיקן דארף זיינען א סאך הייזער געבליבן גאנץ. די דייטשן האבן ניט באוויזן זיי אונטערצינדן. די רויטע ארמיי האט עס ארומגערינגלט און א סאך פאשיסטן גענומען אין געפאנגענשאפט.

דאס קינדערהיים איז געבליבן גאנץ. בלויז די פענצטער מיט די טירן פון די צוויי איינשטאק־קיקע לאנגע געביידעס זיינען געווען צעבראסטעט. אין אייניקע ערטער זיינען ברעטער פונעם פלויט געווען אפגעריסן. נאר עמעצער פארגרייזעט אים שוין מיט שטעכיקן דראט.

יאשע האט זיך ארומגעדרייט איבערן הויף און ניט געזען קיין לעבעדיקן נפעש. הינטער די צוויי געביידעס איז געשטאנען א שטיבל, ווייטער א ביסל — א שטאל, אין דער רעכטער זייט, צוגעשפארט צום יונגן וועלדל, איז געשטאנען א צווישטאקיקער מויער.

עפשער איז עמעצער דארטן פאראן? ווי נאר ער האט פארקערעוועט מיט דער סטעזשקע הינטערן שטיבל, האט עמעצער אים הינטנארום אנגעכאפט פארן קארק און אנגעהויבן טרייסלען. ער האט זיך געפרוווט אויסרייסן, נאר ווייזט אויס, אז א גיבער האט אים ארייננגענומען אין די הענט.

— א, דו הולטיי, דאס גאנוועסטו בא מיר די ברעטער! — האט יאשע דערהערט א בייז קאל. ווען די הענט האבן אים אפגעלאזט א ביסל, האט ער געקאנט זיך אויסקערעווען און א קוק געבן דעם גיבער אין די אויגן.

יאשע האט זיך פארוואונדערט. לעם אים איז געשטאנען א פארזעעניש. עמעס, ניט קיין שטארק קליינס, נאר אן אויסגעדייוועטס, ווייזט אויס, אז אלע קויכעס זיינען באהאלטן געווען אין זיין געדיכט קיילעכיק בערדל, וואס איז צעקעמט געווען אין די זייטן מיט א שרונט אינ־מיטן. די כוצפע האט געשטעקט אין די פארדרייטע וואנצעלעך. יאשען האט זיך אויסגעוויזן, ווען ער לאזט אים אפ א נערעק, וואלט דער גיבער זיך צעשאטן, ווי די שוועבעלעך פון א קעסטעלע.

— וואס קוקסטו אזוי אף מיר, ניט דערקענט? — האט דאס בערדל זיך א טרייסל געטאן און די וואנצעס האבן אונטערגעטאנצט.

יאשע האט בלויז א פינטל געטאן מיט די אויגן און מיטן ארבל אפגעווישט דאס מויל.

— וואס האסטו דא פארלוירן? וואס ביסטו געקומען אהער? קיין ברעטער ניטא מער — יא?..

— וו־וו־ווער דא־א־ארף איירע ב־ברעטער?

— צוויי יאלדן און דו ביסט דער דריטער, ווער סע דארף? הערט א מייסע, — האט דער מענטש זיך הילכיק צעלאכט, האלטנדיק זיך מיט ביידע הענט באם ברייטן רימען, וואס האט שטייף איינגעצויגן זיין סאלדאטישן בושלאט. פאריכט די אושאנקע אפן שטאלצן קאפ, האט דער מענטש אים א קלאפ געטאן אין פלייצע.

— גווארדיע־ליגנער... איך זע אין דיינע אויגן...

— וואס זעט איר... איך וויל אנקומען אין קינדערהיים...

— אין קינדערהיים? — האט ער צוגעזשמורעט אן אויג און אפגעמאסטן יאשען פון אויבן ביז אראפ. — וויפל זשע איז דאס קינדעלע אלט?

— צוועלף יאר דארף מיר ווערן...

— דארף דיר ערשט ווערן? א מאפעלע נעבעך...

— ווייזט אויס, — האט יאשע באשטעטיקט. ער האט ניט פארשטאנען, וואס א מאפעלע באטייט.

— נאך ניטא קיין קינדערהיים... ניטא!..

— דארף מען ניט... — האט יאשע געוואלט שוין אוועקגיין, אבי זיך אפטשעפען פון דעם פארשוין.

— ווארט אויס א ווײַלע. אָדאָם א מענטש און קאַטשקע רוק זיך, ס'איז גרויס בא זיך, סע לויפט, פונקט ווי סע ווארט אף אים אין דער היים טאַטע־מאַמע.

אין א היפשן צימער פונעם קליינעם שטיבל איז געשטאַנען א סטאָליאַריש ווערקשטעלכל. אין די ווענט — פענצטער, וואָס זײַנען געווען האַלב פאַרגלאָזט און האַלב פאַרקלאַפּט מיט דיקט. אן אײַזערן הרובקעלע איז געווען צוגערוקט צו א גרויסער הרובע. אינעם הרובקעלע האָבן נאָך געטליִעט עטלעכע קוילן, און ס'איז געווען וואַרעם, ווי אין אן אויער.

דער פאַרשוין האָט באַלד געגעבן צו וויסן, אַז ער איז א סטאָליאַר און אַז ער לערנט די מע־לאָכע די כעוורע פון קינדערהיים. ווי נאָר מע האָט באַפרײַט דאָס דאָזיקע אָרט, אַזוי האָט די דירעקטאָרשע פון קינדערהיים אים, געצלען, מיטן זאַווכאָז אַוועקגעשיקט פון עוואַקואַציע אַהער, קעדיי פאַרהיטן די געבײַדעס און צוגרייטן זיי אף אופנעמען די קינדער, וואָס וועלן אינגיכן זיך אומקערן...

געצי האָט זיך געקלאָגט, אַז עס שטייט פאַר גוט צוליגן א האַנט, ווײַל קיין איין גאַנץ פענצ־טער איז ניטאָ. די טירן זײַנען זיך צעלאָפן, שוין אָפּגערעדט פון די ווענט, וואָס קריכן ארויס פון דער אייגענער הויט. א וועלט מיט ארבעט! נאָר פאַר קיין ארבעט טאָר מען זיך ניט שרעקן, ווײַל זי קאָן דיר אַלע ביינער איבערברעכן.

ווען געצי האָט געפרעגט יאַשען, וויאַזוי איז ער לעבן געבליבן, האָט דאָס ייִנגל דערציילט א באַבעמײַסע, אַז א פויערטע האָט אים אויסגעבאַהאַלטן אין א קעלער. זיך אָפּגיך אָפּגעפּאַרטיקט, אבי מע זאָל אָף אים קיין ראַכמאָנעס ניט האָבן.

— איז מאַנעשעך, — האָט געצל גערעדט, — קאָנסט בלײַבן דאָ, וועסט מיר א ביסל העלפן, ביז די קינדער וועלן זיך אומקערן.

געצי איז אין ארמיי קיינמאָל ניט געווען, נאָר סאָלדאַטסקע שטיק האָט ער פאַרמאָגט א וועלט. די קירזעווע שטיוול האָבן געבליאַסקעט, די גאָלדענע קנעפּ אפּן בושלאַט און אָף דער גימנאַסטיאָרקע האָבן נאָר ריידן ניט געקאָנט, געפינקלט, אַז ס'האָט אַזש געשניטן אין די אויגן; דאָס אונטערגעניײַטע ווײַסע קעלנערל האָט מאַמעש געשמעירט; אַנגעהויבן שפּאַנען האָט ער מיט דעם רעכטן פוס, און שטענדיק מיט א קנאַק.

דאָס בערדל איז געווען צעקעמט, די וואָנצעס פאַרדרייט נאַשפּיץ און מאַמזעריש געקוקט אָף דער לאַנגער דינלעכער נאָז, וואָס איז געווען איבערגעפּלאַכטן מיט טונקל־רויטע אָדערלעך, ווײַזט אויס, אַז געצל האָט ליב געהאַט מאַכן א צעגיס.

ווער האָט געקאָנט גלייבן, אַז דער סטאָליאַר האָט שוין אָפּגעמאָסטן בא די זיבעציק קלאַפּ־טער. ווען מע האָט זיך אָפּגעפּאַרטיקט מיטן פרישטיק, האָט געצי פריילעך געזאָגט:

— נו, יאַשע, זאָלסטו וויסן זײַן, סולאָם איז א לייטער, אַז מע שטופּט אים, גייט ער. צום אַלעם ערשטן וועלן מיר זיך ארומגרייזען. דער אוילעם זוכט א פענצטער, א שטיקל טיר מיט ליכט. און קעדיי מע זאָל בא אונדז ניט צעשלעפּן דאָס ביסל גוטס, דאַרף מען זײַן א באַלעבאָס. קיין קלעזמער וועלן ניט שפּילן, און א שער וועלן מיר טאַנצן.

יאַשע האָט זיך געכידעשט, וואָס עס זידט און וואָס קאָכט אַזוי אין דעם דאָזיקן אויסגעדאַרטן פאַרשוין. עמעס, הענט האָט ער פאַרמאָגט געזונטע.ביידע גראָבע פינגער זײַנען אַזוי ווי ארויס־געוואַקסן פון צוויי געשוואָלענע גוליעס.

פונעם ערשטן טאָג אָן איז געצי געווען צופרידן מיט יאַשען. די ערשטע מײַלע איז — וואָס דאָס באָכערל פּלאַפּלט ניט, פאַרשטייט אפּן וווּנק. מע דאַרף אים ניט דויבען אין קאָפּ; א מענטש, אַז ער איז טעמפּ, ווי א סיבירער פּוישט, האָט די ווערט בלויז דעם שאָטן פון א דענעשקע. און יענער מענטש, וואָס האָט שטיינער אין די ארבל, וואָלט באַדאַרפט אָפּזאָגן ווידע, איידער ער איז נאָך געבוירן געוואָרן אָף דער וועלט.

פון דעמלט זײַנען בא יאַשען אַוועקגעלאָפן די טעג, ווי א וואַסער. פון פאַרטאָג אָן איז ער געשטאַנען מיטן זעגל און געזעגן אַלץ, וואָס געצי האָט אָנגעצייכנט מיט זײַן פלאַטשיקן סטאָ־ליאַרסקע בלײַער.

ווען געצי פלעגט דערזען, אַז בא יאַשען איז געוואָרן נאָס דער קופּערנער טשוב, האָט ער א ווונק געטאָן מיט אן אויג און דאָס בערדל איז געוואָרן לעבעדיק.

— פון דיר זעעצט שוין א פּאַרע, ווי פון א זודיקן סאַמאָוואַר. אַז דו האָסט ניט וואָס צו קוועטשן די זעג. זי איז דאָך ניט קיין מויד. — ווען ער פלעגט זיך אַנידערשטעלן לערנען, ווײַזן, האָט ער צו זיך אַליין גערעדט:

— מע דאַרף דאָ ניט האָרעווען...

פאַרשטייט זיך, די זעג האָט געשפּילט בא אים אין די הענט. די ברעט איז אין עטלעכע מינוט געווען אָפּגעשניטן גלײַך, ווי אן אָנגעצויגענע סטרונע. געצל האָט געוווּסט, ווען מע דאַרף לאָזן יאַשען אָפּרוען, נאָר ניט גלאַט אַזוי זיצן מיט צונויפגעלייגטע הענט.

דער סטאָליער האָט טייקעף געפונען פאַר יאשען אַן אַנדער מין אַרבעט, דאָס יינגל זאָל ניט דאַרפן רייסן די הענט אַרויף. זאָלן די יאָדאָים זיך באַוועגן אין אַן אַנדער ריכטונג, הובלעווען אַ ברעט, אַשטייגער, דאָס וועט אַליין אוועקטרייבן די מידקייט און די הענט וועלן אופהערן ווי טאָן. אָבער באַנאַכט האָבן בא יאשען די הענט געהודעט, אים האָט זיך געדאַכט, אַז דאָס פלייש שטייט אָפּ פון די ביינער. אַ גליק, וואָס ער פלעגט שלאָפן ווי אַ דערהאַרגעטער. אַלע מאָל, ווען יאשע פלעגט קאַיאָר זיך אופכאַפּן, איז דער סטאָליער שוין געשטאַנען באַם וואַרקשטעל, געדויבעט מיט דער דאָלאָטע, געבונדן די ראַמען. געצל ווערט גאָר קיינמאָל ניט מיד. ווען מע בינדט צונויף צוויי טעג אינייינעם, וואָלט ער געאַרבעט און געאַרבעט.

געצל האָט זיך ניט געקאָנט דערוואַרטן אָפּן זאַווכאָז, ער פאַרשטייט — דאָרטן, אין ראַיצענטער, איז דאָ אַ סאַך אַרבעט. ס'איז ניט גרינג איצטער צו קריגן ציגל, קאַלך, געהילץ, מע דאַרף בעטגעוואַנט פאַר די קינדער, בעטלעך איז אויך ווינציק געבליבן, ער האָט דאָרטן אַ גאַנץ צעטל, נאָר...

בא געצלען טאָגן די פּראָדוקטן. קיין ברויט איז שוין ניטאָ. מע וועט מוזן זיך באַנוגענען דערווייל מיט סוכערעס. דאָס מאַפּעלע האָט קיין אייגהאָרע אַ גוטן פּאַטשערק, קאָן אופעסן אַן אָקס אינייינעם מיט די הערנער. וואָס זשע, אַז מע אַרבעט, דאַרף מען עסן.

ס'הייסט, מע וואָלט געקאָנט פאַרדינען ניט נאָר אָף דער כאַיונע. מע לאָזט דעם סטאָליער ניט לעבן. ער זאָל מאַכן אַ ראַמע, פאַריכטן אַ טיר, — באַשטעלער פון דער וועלט. ער טרייבט זיי אַלעמען פון הויף. אַ שיינע מייסע, ער וועט אָנשטאָפּן די קישקעס און די קינדער זאָלן וואַרטן. ווייז נאָר אַ וועג, הייב נאָר אָן, וועט מען ברענגען געבראָטנס און געבאַקנס, און אַ פלעשעלע אָף צו פאַרשווענקען...

ניין, מע טאָר ניט נאָכגעבן דער קישקע.

דער זאַווכאָז האָט זיך אומגעקערט מיט אַ נייַס: ס'איז אַ סוואַרע, אַז דאָס קינדערהיים וועט זיך ניט אומקערן. דאָ איז פאַראַן אַ היפּש ביסל היימישע יעסוימים, וואָס מע מוז זיי באַזאָרגן. אינגיכן וועט מען אַהער צושיקן אַ נייעם דירעקטאָר. דערווייל האָט זיך אָנגעצונדן אַ פייער: צוגרייטן דעם צווייטן שטאָק, ווייל מאָרגן־איבערמאָרגן וועט מען אַהער ברענגען קינדער.

אַז מע ברענגט קינדער, דאַרף מען האָבן אַ קיך, אַ באָד. אָפּגעלייגט די אַרבעט אין סטאָליאַרקע, האָט זיך געצל גענומען צו דער קעלניע צורעכט מאַכן די פּליטע. ציגל האָט ער גענומען פון אַ צעוואָלגערטער הרובע. ליים און זאַמד איז ניטאָ. ווער זשע האָט צו זינגען און צו זאָגן? יאשע. גענומען אַ זאַסטעפּ, אַ זאַק און אַוועק אין יאַר אַריין. ליים ווערט אָבער פאַרפרוירן. האָסט עפּעס ליב האַקן מיט אַ לאָפּעטע שטיין און ביין? צו שטיקלעך צעדויבעט און צעדרויבלט זי, האָט ער אָנגעשאָטן אַ קלומעק ליים, די אויגן זיינען אים שיר ניט אַרויס פון קאָפּ. שוויס האָט גערונען פון פּאָנעם, פּונקט ווי ער וואָלט געשטאַנען אָף אַ רעגן.

זיך צוגעזעצט, גענומען דעם קלומעק אָף די פּלייצעס, נאָר זיך אופהייבן האָט ער ניט געקאָנט — כאָטש שרייַ: מאַמע, איך האָב קיין מאַזל ניט. פאַרבייס די אונטערשטע ליפּ, בייס די איבערשטע, עס העלפט ניט. ווען איז יאשע גיוווער אַלע שווועריקייטן? ווען ער ווערט שטאַרק אין כּעס.

און אַז דער קלומעק איז שוין יאָ געווען אָף די פּלייצעס, האָט מען נאָך באַדאַרפט אַרויסקריכן פונעם יאַר. שלעפּ זיך, קריץ מיט די ציין, דער קלומעק האָט קיין מוירע ניט און שלעפּט אָף צוריק און די הרודעס רייבן אין דער נאַסער פּלייצע. עס דערגייט אַזוי צום האַרצן, אַז מע קאָן משוגע ווערן. אָף אַלע פיר איז ער אַרויסגעקראָכן און אַרויסגעשלעפּט דעם קלומעק. זיך ווידער צוגעזעצט, גענומען דעם זאַק אָף די פּלייצעס. איצט האָט מען געקאָנט זיך אָנעמען אין אַ שטאַם פון אַ בוים, זיך אופהייבן פון דער ערד, נאָר מע האָט נאָך באַדאַרפט שטעלן פיס. גיין און גיין. דער קלומעק האָט געשלעפּט אין די זייטן, בא יאשען האָבן געכאַלעשט די פיס, און ער איז פאַרלאָפן, ווי אַ שליטן אָט אין איין זייט, אָט אין אַ צווייטער.

ווען יאשע האָט אַראָפּגעוואָרפן דעם קלומעק פון די פּלייצעס און געצל האָט אַ קוק געגעבן אָף אים, האָט ער זיך דערשראָקן:

— ווער האָט דיך געבעטן אַזויפיל שלעפּן? צוביסלעך דאַרף מען. נאָך צוויי קלומעקלעך, און עס וועט זיין גענוג אָף צורעכט מאַכן די פּליטע.

פון צוויי איז געוואָרן דריי. כאָטש דעם — דריי קלומקעס זאַמד.

אין אָוונט איז די פּליטע געווען שוין פאַרטיק. געצל האָט זי אונטערגעהייצט, און אין קיך האָט אָנגעהויבן לייכטן דאָס פייער. ס'איז געוואָרן וואַרעם, און יאשע איז זיצנדיק אַנשלאָפן געוואָרן. אים האָט זיך אויסגעוויזן, אַז ער הערט געצלס רייד:

— אַט דאָ וועלן זיך פֿרעגלען פֿיש. זראַזעס וועלן זיך קאָכן און הערעטשענע לאַטקעס וועלן זיך באַקן. דערווײַל האָבן זיך די סקעבערעס אויסגעלאָזט. וואָס זשע זאָל מען טאָן? ס'גייט דאָך אַ מלחמה.

12

ראָכל צעעפֿנט דאָס פֿענצטער און קוקט אַרויס אין דרויסן. דער הימל איז אַ ווײַטער, באַשאָטן מיט אָן אַ שיר שטערן. אַ ווינטל שויבערט די יונגע ביימלעך, די גילבלעכע בלעטער פֿאַלן און טראָגן זיך מיט אַ שורשען איבער דער ערד. עס שמעקט שוין מיט אָסיען. דאַכט זיך, ערשט ניט לאַנג איז זי געקומען אַהער. זי האָט גאָר ניט באַמערקט, ווי דער זומער איז דורכגעלאָפֿן. דאָרט, אױפֿן פֿינצטערן פֿעלד, וועט מען אינגיכן אָנהייבן בויען אַ נײַעם מאַסיוו, מע וועט זיך ניט באַווײַזן אַרומקוקן, ווי עס וועלן אויסוואַקסן גאַנצע קוואַרטאַלן. פּונקט אַזעלכע, ווי פֿון יענער זײַט טאָל, וווּ עס ברענען אָן אַ שיר פֿײַערלעך. זיי גיסן זיך צונויף איינעם, און פֿונדאַנען דאַכט זיך, אַז דאָס זײַנען באַלויכטענע טרעפּ, וואָס ציִען זיך אַרויף צום טונקעלן הימל. יאַשע האָט דערציילט, אַז דאָס אַלץ האָט מען אויסגעבויט פֿאַר דרײַ יאָר — אַ גאַנצע שטאָט! די בריגאַדע האָט זיך מיט וואָס איבערצונעמען. אין אַ צײַט אַרום וועט זי אויך קאָנען זאָגן, אַז זי האָט אַ כײַלעק אין די הײַזער, וואָס בויען זיך. עס קאָן געוויס זײַן, אַז אין דער דירע, ווו זי וווינט איצט צײַטווײַליק, וועט זיך אַרײַנקלײַבן אַ יונג פּאָרפֿאָלק. זיי וועלן זײַן גליקלעכער פֿון איר. עס וועט באַ זיי געבוירן ווערן אַ קינד...

אומעטיק איז ראָכלען איינע אַליין. פֿריִער פֿלעגט כאָטש גאָשע אַרײַנקומען. זי האָט זיך שוין געהאַט צוגעוווינט צו זײַן פּלוידערײַ. ער איז פֿאַר דער לעצטער צײַט געוואָרן גאָר אַן אַנדערער. אַלע מאָל פֿלעגט ער איר דערציילן עפּעס אַ נײַס. גאָשע ווייסט פֿון אַלע שווערע הערצער. ער האָט דערציילט, אַז יאַשע וועט אינגיכן באַקומען אַ דירע, נאָר עפּעס גלייבט ער ניט אין זײַן ליבע מיט קנאָפּקען. ער פֿאַרשטייט ניט, פֿאַרוואָס די מיידלעך פֿילן ניט קיין טאַם אין עם זיבעלע. וואָס איז יאַשע שולדיק, אַז גאָט האָט אים געגעבן לאַנגע פֿיס און לאַנגע הענט? דערפֿאַר האָט ער אָבער אַ דימענטן האַרץ. זײַן אַ פֿאַרזעעניש, ווי קנאָפּקע, איז בעסער? עפּעס איז עס ניט קיין פּאָר. דערבײַ האָט גאָשע געקוקט אויף ראָכלען און געשמייכלט, ווי איינער זאָגט: אָט, איך מיט דיר... נאָר ראָכל האָט זיך געמאַכט ניט ווויסנדיק. גאָשע האָט דערבײַ אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ און אָנגעהויבן דערציילן אַן אַנדער מעשׂה. ער קאָן ניט פֿאַרלײַדן, וואָס די „שטיפּמוטער" ציט די קליי פֿון איר מאַן. יענער גייט איר נאָך פּוסטריט, שלאָגט זיך אַלכעט, און זי איז האַרט, ווי אַ שטיין. טאָמיד, ווען דער מאַן אירער קומט צו גיין אין דער צוזאַמענוווינונג, מאַכן די מיידלעך די פֿלייטע, מע לאָזט זיי איבער אינצווייען. נו, איז וואָס? סײַ ווי גייט ער אַוועק אַ טרוקענער. די „שטיפּמוטער" וויל דעם מאַן אירן אַנטווייענען פֿון דעם ביטערן טראָפּן. ביז אויף זײַן מאַשין וועט ניט זײַן אָנגעמאָלט קיין רויט פֿענדעלע, וועט זי זיך צו אים ניט אומקערן. אַ קלוגע די „שטיפּמוטער" און שאָקלט זיך. זי וויל פֿון איר טאַכשיט מאַכן אַ דעסערטנע יונגערמאַנטשיק.

און ווען גאָשע פֿאַרענדיקט אַלע זײַנע מעשׂיות און קלײַבט זיך שוין גיין אַהיים, פֿרעגט ער ראָכלען:

— אָט אַשטייגער, וואָס וואָלט דיך געאַרט, איך זאָל דיך איין מאָל אַ קוש געבן? עס וועט פֿון דיר עפּעס אָפּפֿאַלן?

— ס'וואָלט אָבער מיר גאָרנישט ניט צוגעקומען, — האָט זי אָפּגעענטפֿערט.

— שמירסט מיט ווערטער, ווי מיט בלאָטע, און גאָשע דאַרף אַלץ שווײַגן. דו וואַרטסט, ביז ער וועט ניט צעשאָטן ווערן אָט דאָ אויפֿן אָרט.

און אָט איז שוין עטלעכע טעג, ווי ער קומט ניט. ראָכלען איז אומעטיק איינע אַליין. עפּשער איצטער וואָלט זי ניט דערווידערט, גאָשע זאָל קומען...

13

די לעצטע צײַט האָט זיך ראָכלען אָנגעהויבן דאַכטן, אַז זי הערט בומעס קאָל, ער רעדט צו איר און זי ענטפֿערט אים. זי האָט געמיינט, אַז זי וועט זיך איבערקלײַבן אין אַן אַנדער צימער, וועט זײַן שאָטן איר ניט נאָכגיין. האָט זי אָבער הײַנט, ווי נאָר זי האָט אײַנגעאָרדנט איר געלעגער אין אַ פּוסטער קיך בישכיינעס מיטן פֿראַראַב, ווידעראַמאָל דערהערט בומעס קאָל. „ראָכטשע, — האָט ער געזאָגט, — ראָכטשע, ביזוואַנען וועסטו זיך וואַלגערן? קום אַהיים,

קיינער וועט דיך אַזוי ניט ליב האָבן. איך ווייס, דו בענקסט דאָך אויך, און איך קאָן אָן דיר ניט לעבן. וואָס זשע דאַרפֿן מיר זיך ביידע מוטשען?״.

זי האָט אָנגעהויבן גלייבן, אַז בומע האָט כאַראַטע. וואָס וואָלט געווען, אַשטייגער, זי זאָל צולויפֿן אַ קוק טאָן, וואָס ער מאַכט. וויפֿל דאַרף עס בא איר געדויערן? זי וועט זען, וויאַזוי ער וועט זי באַגעגענען, וועט זי טאַקע וויסן, צי זי דאַרף זיך איבערבעטן, צי געזעגענען זיך אַף שטענדיק.

זי האָט אַליין ניט באַמערקט, ווי זי האָט זיך אָנגעטאָן. אָט וועט זי עפֿענען די טיר און אַרויסגיין.

זי האָט זיך געלאָזט אײַליק שפּאַנען. איר האָט זיך אויסגעוויזן, אַז עמעצער שפּירט איר נאָך, נאָר זי האָט זיך ניט אומגעקוקט. פּלוצעם האָט זי דערהערט אַ באַקאַנט קאָל.

— ווּהין אײַלסטו זיך אַזוי, ראָכעלע?

זי האָט זיך אָפּגעשטעלט, דערזען יאַשען און איז פּאַרציטערט געוואָרן.

— וואָס האָסטו זיך אַזוי דערשראָקן, דערקענסט מיך ניט?

— דיך ניט דערקענען? — צוערשט האָט זי זיך פּאַרלוירן, נאָכדעם אַפּילע אַ שמייכל געטאָן.

— וואָס בלאָנקעסטו אַרום איינער אַליין?

— דאָס גיי איך דאָך פֿון שול.

— אויך מיר אַ לערן־ייִנגל.

— און פֿון צענטן קלאַס, פּאַרגעס ניט.

ראָכל האָט געוווּסט, אַז יאַשע לערנט זיך אין דער אָוונט־שול. זי האָט אָבער איצט ניט געזען דאָס רענצעלע, מיט וועלכן ער האָט שטענדיק געאײַלט אַף די לימודים.

— דיר איז קאַלט? — האָט יאַשע געפֿרעגט.

ראָכל האָט צעשפּיליעט און פּאַרשפּיליעט דעם מאַנטל, זי האָט ניט פּאַרשטאַנען, וואָס עס טוט זיך מיט איר. ניט געוווּסט, וויאַזוי טשעפּעט מען זיך אָפּ פֿון יאַשען. און ער איז געשטאַנען און גערעדט.

— אַ גוטער וועטער, אַז עס גייט קיין רעגן ניט. ווען מע דאַרף אים ניט, זיפּט ער און זיפּט, — ער איז אַ ווײַלע אַנשוויגן געוואָרן, אויפֿגעהויבן דעם קאָפּ צום הימל. — דער זומער גייט אַוועק. הער זיך אײַן, ראָכעלע, דו הערסט, ווילדע גענדז פֿליִען. עס שמעקט מיט אָסיען, און אַף דער נעשאָמע איז אַ ביסל קאַלעמוטנע.

— וואָס גייט דיר אָפּ? — האָט זי מיט פּאַרדראָס אַ קוק געגעבן אַף אים.

— קאַפּוויטעק גייט מיר אָפּ, — האָט ער זיך צעלאַכט. — וואָס דײַגעסטו וועגן מיר? וואָס זשע, האָסט אַף מיר ראַכמאָנעס? וואָס קנאַפּקע האָט מיך ניט ליב?

יאַשע איז אַנשוויגן געוואָרן. אינמיטנדערינען האָט ער אָנגעהויבן אונטערפּײַפֿן. איר האָט זיך אויסגעוויזן, אַז ער האָט זיך דערמאָנט אינעם ניגן, וואָס דער פֿידלער האָט געשפּילט. דעמלט איז קנאַפּקע אַוועק ערגעץ טאַנצן, און ער, יאַשע, האָט זי פּאַרשלעפּט אַפֿן קאָנצערט. זי איז געזעסן באַנאַנד מיט אים. ראָכלען האָט זיך דעמלט געדאַכט, אַז לעבן איר זיצט גאָר אַן אַנדער מענטש. זײַנע אויגן האָבן געשײַנט, ער האָט געאָטעמט שווער, ווי ער וואָלט אײַנגעשלונגען אַלע קלאַנגען פֿון דער מוזיק. איצט איז זײַן געזיכט אויך געווען באַגײַסטערט ווי דעמלט. יאַשע האָט זי פּלוצעם אָנגענומען פּאַר דער האַנט און איר אַרײַנגעקוקט אין פּאָנעם.

— האָסט פּאַרשטאַנען, וואָס דער פֿידל האָט דעמלט דערציילט? — האָט ער געפֿרעגט. — מיר האָט ער אַזוי ווי אַף קאַרטן געוואָרפֿן. געזאָגט דעם גאַנצן עמעס.

ראָכל האָט ניט באַמערקט, ווי זיי זײַנען צוגעגאַנגען צום הויז. אין דער מינוט האָט זי פּאַרגעסן, ווּהין זי האָט געאײַלט... גוט, זייער גוט, וואָס זי האָט זיך אומגעקערט.

פּאַר דער צײַט האָט בומע געהאַט שוין אויסגעלייגט די ווענט. ער האָט געיאָגט פֿון זיך די נעשאָמע. געוואָלט איבערדעקן דעם דאַך, ביז די רעגנס וועלן זיך אָנהייבן. נאָכדעם וואָלט ער שוין געקאָנט מאַכן די סטעליע, אויסשפּרייטן דעם דיל. פֿרילינג, אַז עס וועט נאָר אַ וואַרעם טאָן די זון, אָנהייבן שטוקאַטורען, פּאַרבן און צו פּייסעך מאַכן פּאַרטיק די שטוב. דעמלט וואָלט ער שוין געקאָנט זיך נעמען אָפּזוכן ראַכטשען, זי ברענגען אַהיים, און זאָל די מאַלקע אַרײַנגיין אין דער מעלוכע אַף אַלעם גרייטן, זאָל זי זען, אַף וואָס ער איז פֿייִק.

דער געדאַנק וועגן ראַכטשען גיט אים צו קויכעס, ווילן וואָס גיכער פּאַרענדיקן די שטוב. טאָמער ווערט אים אַמאָל שטאַרק שווער, טאָמער ווערט אים נימעס די גאַנצע אַרבעט און די

האָרעוואניע, שטעלט זיך ראָכטשע אנידער פאר זייַנע אויגן און ער פארגעסט אין דער מידקייַט, ער ווערט צוריק געזונט א מאָוער. און דער נעפעש סטעפאן וואָלט א באלן געוועזן, אז בומע זאָל איצטער איבערלאָזן די ארבעט אין הויף און אוועקפאָרן מיט דער מאשין ערגעץ אין אויסרייַ־סעניש, פירן בורעקעס. עס איז א מייַסע אף א פאָר כאדאָשים. די בורעקעס מעגן דאָרטן פוילן. און סטעפאן וויל אים איינריידן, אז דאָס מעלוכישע פארמעגן איז אויך זייַנס. ער וואָלט א באלן געוועזן, סע זאָל בומען ווי טאָן, וואָס די בורעקעס זייַנען ניט ארויסגעפירט פון פעלד. ער וויל פארזאָרגן די גאנצע וועלט! אָבער בומע האָט זיך אויסגעדרייט, ער האָט געזאָגט, אז ער דארף קריגן געהילף און קאָן ניט אוועקפאָרן פון דער היים. נאָר פון סטעפאן פיאָדאָראָוויטשן טשעפעט מען זיך אזוי גרינג ניט אָפּ. די שטוב קאָן צוּוואַרטן. זי וועט ניט פארפרוירן ווערן, האָט ער געטייַנעט זייַנס, און די בורעקעס טאָרן ניט ליגן, ביז די פרעסט וועלן זיך אָנהייבן.

אז דער נעפעש שפארט זיך אייַן, וועט ער שוין זייַנס אויספירן. אז ער האָט געקאָנט די „מישפּאָכע פון טולקעס" ברענגען צו א טאכלעס, איז ער ווערט אלע געלטן. מע האָט שוין אפילע פארגעסן אין דער צונעמעניש „טשערעפּאכע", אפילע „קאנארייטשיק" איז געוואָרן בא אים אן אָדלער. אז מע האָט באדארפט דרינגענד ארויספירן אן עשעלאָן צעמענט פון דער סטאנציע אף דער בויונג פון קיִעווער העס, האָט ער צונויפגענומען די כעוורע און מיט פּאָשעטע ווערטער געגעבן צו פארשטיין, וואָס פאר א שטיק ארבעט מע דארף אָפּטאָן. ס'איז גאָר קיינמאָל אף דער וועלט ניט געווען, אז שאָפערן זאָלן ווערן טרעגער, נאָר אז דער נעפעש אליין האָט דער ערשטער אונטערגעשטעלט די פלייצע און געהייסן זיך לייגן צוויי זעקלעך צעמענט מי־טאמאָל, ווער זשע האָט געקאָנט שטיין אין א זייַט? מע האָט אפילע קיין צייַט ניט געהאט אויס־רייכערן א ציגאר. בומע האָט דעמלט געפּאטערט דרייַ מעסלעס. נאָכדעם האָט ער צוויי טעג ניט געקאָנט אויסגלייַכן דעם רוקן. מע האָט דאפקע שיין באצאָלט אויך, סטעפאן פיאָדאָראָוויטש האָט אין זינען געהאט, די כעוורע זאָלן זייַן צופרידן, נאָר איין מאָל איז א כאָכמע. פינף טעג האָט בומע נאָך געקאָנט פאטערן, אָבער אף א פּאָר כאדאָשים אוועקפאָרן פון דער היים, ראטעווען די בורעקעס, דאָס ניט.

סטעפאן פיאָדאָראָוויטש איז ניט מאסקים געווען אים איבערלאָזן אין גאראזש. האָט בומע געבראכט א מעלדונג, מע זאָל אים אינגאנצן באפרייַען פון דער ארבעט.

דער נעפעש האָט געקוקט אפן פאפירל און געשמייכלט, אנידערגעלייגט די האנט בומען אפן אקסל און אָפּגעפירט אים אין א זייַט און שוין ערנסט געפרעגט, צי ווייסט ער, בומע, וואָס ער טוט. וואָס זשע, ער ווייסט ניט, עמעצער וועט דען פאר אים זאָרגן, ער זאָל האָבן א דאך איבערן קאָפּ? בא די דאָזיקע ווערטער האָט דער נעפעש באדויערנדיק גענומען שאָקלען מיטן קאָפּ.

— וועמען דערציילסטו מייַסעס? וואָלסט שוין פון לאנג געקאָנט באקומען א דירע, נאָר דו ווילסט נאָר אן אייגן הייפעלע. געזונטערהייט, אָבער מע דארף דאָך האָבן געוויסן...

— געדענק, גוטערברודער, — האָט ער פארענדיקט זייַן דראָשע, — איצט איז ניט די צייַט צו שטיין אין א זייַט, דאָס לעבן וועט דיך סייַווי פארטשעפען.

בומע שפּייַט אף דער וועלט, ער ווייסט זיך זייַנס. ער האָט אנטשיידן געמאָלדן, אז ער פאָרט ניט. דעמלט האָט דער נעפעש ארויסגעכאפּט בא אים די מעלדונג און א דונער געטאָן:

— גיי, מע וועט זיך באגיין אָן דיר, נאָר געדענק, דו זאָלסט קיין כאראָטע ניט האָבן.

איצטער איז בומע גאנצענע טעג אין דער היים. ער ווייסט זיך זייַנס — וואָס גיכער פארענדיקן די שטוב. הייַנט האָט ער באוויזן אָפּטעסען בלויז זעקס קראָקוועס, און דער רעגן הערט גאָר ניט אוף. בומע שטייט אין שטוב באם פענצטער און קוקט ארויס אין דרויסן. דער הימל איז באדעקט מיט שווערע וואָלקנס, א ווינט רייַסט די בלעטער פון די ביימער, אפילע גרינע רייַסט ער אראָפּ. זיי בלישטשען מיט פרישקייַט צווישן די געלע פלעקן, שווערע טראָפּנס פּיקן אין די שויבן, דאָס גלאָז ווערט פארוויינט. ער זאָל קיין כאראָטע ניט האָבן? ס'איז דייַקע א גוט מייַכל איצטער זיך שלעפן מיט דער מאשינע איבער די בלאָטיקע פעלדער. פּאָרסט און פּאָרסט און שטייסט אף איין אָרט. די רעדער בוקסעווען, כאָטש נעם אליין לייג זיך אונטער זיי. אז אין ערגעץ איז ניטאָ קיין ברעטל, קיין צווייַגל אונטערצושפרייטן. בומע שטעלט זיך פאָר, ווי די כעוורע מוטשען זיך דאָרטן.

...זאָל דער רעגן נאָר אופהערן, וועט ער זיך ווידער נעמען צו דער ארבעט. די מאמע וועט קומען פונעם מארק, וועט זי באלד אָנהייבן שנאָרן, קוקן, וואָס האָט ער באוויזן אופטאָן פארן טאָג. די מאמע האָט ניט קיין געדולד, זי אייַלט. זי האָט מוירע, סע זאָל אים ווידער ניט א קלאפּ טאָן דאָס מעשוגאַס אין קאָפּ, אזוי ווי פריִער מיט עטלעכע וואָכן, ווען ער האָט אופגעהערט ארבעטן אין אווטאָקאָלאָנע. ער האָט מאמעש ניט געקאָנט פּלאָנטערן מיט די פיס, די ציגל זייַנען אים נימעס געוואָרן איניינעם מיט דער גאנצער שטוב, אים האָט זיך געוואָלט צע־

וואלגערן אלץ, וואָס ער האָט אויסגעבויט. גאַנצע טעג איז ער געלעגן און געקוקט מיט אָפענע אויגן אַף דער סטעליע. די מאַמע איז אַרומגעגאַנגען שוואַרץ, ווי די ערד. זי האָט געשוויגן, נאָר אין איר שווײַגן איז געווען פאַרבאָרגן אַ בלאָטער, וואָס האָט געוואָלט אָט־אָט פּלאַצן. זי האָט דאַפקע אָנגעהויבן שטילערהייט:

— ביזוואַנען איז דער שיר צו ליגן?

בומע האָט אַזוי ווי אָנגענומען אַ מויל מיט וואַסער.

— עפּשער ביסטו שלאָף? — האָט זי געקרעכצט. — וועל איך אַרויסרופן אַ דאָקטער.

וואָס האָט ער איר געקאָנט זאָגן? אַז דאָס גאַנצע לעבן איז אים נימעס געוואָרן. געגנוג, וואָס ער האָט ראַכטשען פאַרלוירן, האָט ער די מאַשין אויך אָנגעווווירן. ער האָט געבענקט נאָך איר ווי נאָך אַ לעבעדיקער נעשאָמע. נאָר וואָס קאָן די מאַמע פאַרשטיין? האָט ער איר געזאָגט, אַז די הענט טוען אים ווײ, ער איז שטאַרק מיד.

— נעבעך די הענט, די פיס, — האָט זי געשאָקלט מיטן קאָפּ, ווי זי וואָלט געווען אין איינע צאָרעס. נאָר בומע האָט געפילט, מיט וואָס פאַרא אויגן זי האָט געקוקט אַף אים. זיך פאַרקרימט און קרעכצנדיק גערעדט:

— איז עפּשער וואָלט טאַקע געווען אַ פּלאַן פאַרקויפן אַזוי ווי עס שטייט און גייט? וואַסי, איך דאַרף האָבן אַזאַ געזונטע שטוב, זי גייט מיר אָפּ? איך וועל זיך אָן איר באַגיין, עס איז פאַראַן אַ גוטער קוינע.

בעסער וואָלט זי אים געגעבן מיט אַ מעסער אין האַרצן. זי האָט אָבער געוווּסט מיט וואָס אים נעמען. ־דאָס מעשוגאַס איז באַלד דורכגעגאַנגען. ער האָט זיך געמוזט ווידעראַמאָל נעמען צו דער אַרבעט. די מאַמע האָט פאַרשטאַנען: אינעם מעשוגאַס איז שולדיק ראַכטשע. ברײַנע האָט געמיינט, אַז זי וועט אים אונטערלייגן אַ ווײַבל, וועט בומע ווערן גאָר אַן אַנדער מענטש, געוואָלט אים וואָס גיכער כאַסענע מאַכן, און זי האָט אים באַקאַנט מיט קלאַרען, וואָס שטייט אין מאַרק אין אַ קלייט פון ווײַן, בראָנפן און אַלערליי צובײַסעכצן. אַ מויד — בלוט און מילך. די שוואַרצע אויגן ברענען בא איר. דאָס געזיכט איז מאַטעווע־טונקל, מיט הייסע פּולבלעכע באַקן. אַ געפּאַקטע, אַ יאַדערדיקע, מיט דיקלעכע שטײַפע פיס, די הענט — ווײַסע, אַ ביסל אויסגע־ווייקטע פון דער וואַסער, מיט וועלכע זי וואַשט די קופלען פונעם ביר. די קוינים רופן זי „קאַר־מען". ווען די מאַמע האָט אים דאָס ערשטע מאָל ארײַנגעפירט צו איר אין כאַרטשעווניע, האָט זי געזאָגט:

— קלאַרע, איך וויל אַ טרונק.

קלאַרע האָט שמייכלענדיק אַ בליץ געטאָן מיט די אויגן און שטרענג געמאָלדן די קוינים מיט אַ געדיכטן קאָל:

— סעאַנס אַקאָנטשען![1]

אין איין אויגנבליק האָט זי אַלעמען אַרויסגעמעשאַלייעכט און פאַרשפּאַרט די טיר. זי האָט אַראָפּגעשלעפּט פון זיך דעם ווײַסן כאַלאַט, אָפּגעבונדן דאָס טיכל און עטוואָס אַ טרייסל געטאָן מיטן קאָפּ. די שוואַרצע לאָקן זײַנען לעבעדיק געוואָרן. זי האָט געכאַפּט אַ קוק אין שפּיגעלע, וואָס הענגט דאָ אַף דער וואַנט. נאָכדעם לאַנגזאַם מיט ווירדע געלאָזט זיך גיין צום טישל, ווו ברײַנע מיט בומען זײַנען געזעסן.

קלאַרע האָט זיך אַליין באַקאַנט און אַף אַ ווײַלע פאַרהאַלטן בומעס האַנט. אין דער רעגע האָבן זייערע אויגן זיך באַגעגנט. זי איז נישקאָשע, האָט בומע אַ טראַכט געטאָן. און ווען זי האָט גענומען דערלאַנגען צום טיש, האָט זי אַלעמאָל רייצנדיק אַ וויג געטאָן מיט די ברייטע היפטן. זיך אַ בייג געטאָן אין איין זײַט, נאָכדעם אין דער צווייטער. דײַקע אַ פּולבלעכע, נאָר אַ רירעווו־דיקע, זי איז פײַן, עס איז דאָ וואָס אָנצונעמען.

בומע האָט טאַקע געמיינט, אַז ער וועט פּאָטער ווערן פון ראַכטשען. די מאַמע האָט געגעבן אָנצוהערן, אַז קלאַרע האָט שוין געהאַט אַ מאַן, נאָר ער איז איר ניט אונטערגעגאַנגען. אַ באַלע־באַטיש ווײַבל, קאָן מאַכן אַ קאָפּעקע, און קינדער וועט זי פּלאָדיען וויפל מע דאַרף.

קלאַרע האָט אָנגעהויבן ארײַנגיין צו זיי אין שטוב. זי האָט ניט איין מאָל באַטראַכט דאָס באַלעבאַטישקײַט. די שטוב, מיט וועלכער בומע האָט זיך אויסגעפּײַנט, איז איר אָנגעגאַנגען אין דער לינקער פּייע. בומע אַליין איז איר ארײַן מיט ביידע פיס אין האַרצן. ווען זיי האָבן ניט געהאַט פון וואָס צו ריידן, האָט קלאַרע געזונגען מיט אַ געדיכטער מאַנצבלשער שטים.

Я его любила, а он меня нет...[2]

דערבײַ האָבן אירע אויגן געוואָרפן פונקען, און ווען זיי זײַנען געבליבן אינצווייען, איז זי צוגעגאַנגען הינטער בומעס פּלייצע, לאַנג געפירט מיט דער האַנט איבער זײַנע אַקסלען, געגלעט

[1] דער סעאַנס איז געענדיקט.

[2] איך האָב אים ליב געהאַט, און ער מיך ניט.

דעם האַלדז־און־נאַקן, נאָכדעם מיט ביידע הענט אים אַרומגענומען אַרום האַלדז, פֿאַרבויגן דעם קאָפּ און אונטערגעשטעלט די ליפּן, בומע זאָל זיי קושן.

מיט אים האָט מען אַפֿילו ניט גערעדט. מע האָט אויסגעקליבן אַ טאָג אַף מאַכן די סודע. קלאַרע האָט געבראַכט מיט זיך בראַנפֿן, קאָניאַק און שאַמפּאַניער. מע האָט גענומען די עמעסע קויסע. ברײַנע האָט אַפֿילו געכאַפּט אַ טענצל און געזונגען „מעכעטיינעסטע מײַנע, מעכעטײַנעסטע געטרײַע". און ווען זי איז אַוועק שלאָפֿן, האָט זי מיט אַ געלעכטערל געזאָגט:

— קינדערלעך, שפּילט זיך שיין.

קלאַרע האָט אַראָפּגעשלעפּט פֿון בומען דאָס ווײַסע העמד, די מײַקע. אַפֿריִער האָט זי מיט דער האַנט געמאַסטן די ברייטע ברוסט זײַנע, זיך געשפּיגלט אין איר, נאָכדעם די פֿלאַמיקע באַקן געטוליעט צו זײַן פֿאַרוואַקסענער ברוסט. זי האָט געלאַכט מיט אַ געדיכט געלעכטער און גע־זונגען:

Он меня любил, а я его нет...[1]

בומע האָט איר נאָכגעגעבן, זי אַרומגענומען און געקוועטשט צו זיך. זי האָט אָבער ניט געהאַט קיין צײַט, אַליין גענומען אויסבעטן, ניט געשעמט זיך און זיך אויסגעטאָן פֿאַר אים אין די אויגן. אין דער רעגע האָט בומע זיך דערמאָנט: ראָכל האָט דאָך קיינמאָל ניט אַראָפּגעצויגן פֿון זיך דאָס קלייד, ביז זי האָט ניט אויסגעלאָשן די שײַן. זי פֿלעגט זיך אָנטאָן, ווען בומע איז געשלאָפֿן, אָדער ווען ער איז אַרויס פֿון צימער. און זי, קלאַרע, איז שוין געלעגן אין איין העמד, די פֿולע הענט צעשפּרייט אין די זײַטן. פּלוצעם האָט זי זיך דערמאָנט: זי וויל אַ טרונק, זי האָט געהייסן עפֿענען די פֿלאַש שאַמפּאַניער, געבעטן דערלאַנגען אַ גלאָז. בומע האָט געפֿאָלגט.

— אַז איך וועל אויסטרינקען, וועסטו מיר געבן פֿאַרבײַסן אַ פֿײַערדיקן געשמאַקן קוש, — האָט זי מיט אַ ניגנדל געשטאַמלט.

ער האָט גענומען די פֿלאַש, אָפּגעדרייט די דרעטלעך, געפּילט, ווי דער קאָרעק רײַסט זיך פֿון דער האַנט, נאָר ער האָט אים אײַנגעהאַלטן, מיט צוגעזשמורעטע אויגן געקוקט אַף קלאַרען: אָט דאָ איז דאָך ראָכטשע געלעגן, און די דאָזיקע נעקייווע וויל פֿאַרנעמען איר אָרט? ער האָט אַ בויטע געטאָן די פֿלאַש און פּלוצעם אויסגעשאָסן דעם קאָרעק אין קלאַרען. זי האָט אַ קוויטשע געטאָן, אַז די ווענט זײַנען פֿאַרציטערט געוואָרן, אָבער ס'איז שוין געווען שפּעט. זי איז געווען אײַנגאַנצן נאַס: אַף איר לײַב און אַפֿן העמד האָט געזאָטן און געבולקעט דער ווײַן. בומע האָט זיך הילכיק צעלאַכט. די גאַנצע שטוב איז געוואָרן פֿול מיט זײַן געלעכטער.

— אידיאָט! — האָט קלאַרע אויסגעשריגן און אַראָפּ פֿונעם בעט.

בומע האָט ניט אויפֿגעהערט צו לאַכן. ער האָט באַגלייט קלאַרען מיט אַ געלעכטער, ביז זי איז ניט אַרויסגעשפּרונגען פֿון צימער, ווי דער קאָרעק פֿון דער פֿלאַש. ברײַנע איז אַרײַן אין צימער, גענומען ברעכן די פֿינגער און מיט ווילדע אויגן געגעסן דעם זון.

— וואָס קוקסטו אַזוי אַף מיר, מאַמע? — האָט בומע מיט ווייטיק געפֿרעגט. — ווען דו ביסט ניט מײַן מאַמע, וואָלט איך דיך מיט מײַנע אייגענע הענט דערוואָרגן.

15

פֿריִער זײַנען קיין ערטער אין צוזאַמענוווינונג ניט געווען, דערנאָך האָט זיך אַזוי באַקומען, אַז ראָכל איז געבליבן איינע אַליין אין אַ גרויסן צימער. זי האָט זיך אַהין אַרײַנגעקליבן נאָך דעם, ווי קלאַווע האָט כאַסענע געהאַט און איז מיט איר מאַן אַוועקגעפֿאָרן אין אַן אַנדער שטאָט. ווי זאָגט דאָס ווערטל: מעשאַנע מאָקעם, מעשאַנע מאַזל. טאַקע אין אַ פּאָר טעג אַרום האָט מען ראָכלען איבערגעפֿירט אין קנאָפּקעס בריגאַדע. זי האָט זיך געלערנט שפּאַקלעווען, פֿאַרבן פֿענצטער, טירן. בלויז ווען מע האָט באַדאַרפֿט דעם פֿונדאַמענט פֿאַרלייגן פֿון אַ נײַ הויז, האָט יאשע זי אַף אַ פּאָר טעג אַוועקגעשטעלט באַם קאַסטן. ראָכל האָט דערפֿילט, אַז זי איז אַ נייטיקער מענטש אַף דער בויונג. מיט איר קומען איז אויך אין צוזאַמענוווינונג געוואָרן גאָר אַן אַנדער לעבן.

עס האָט זיך אָנגעהויבן פֿון אַ קלייניקייט. לעקאַוועד איר כאַנוקאַס־האַבאָיס האָט ראָכל צוגעגרייט אַ וועטשערע. כוץ קנאָפּקען מיט דער „שטיפּמוטער" האָט זי אײַנגעלאַדן יאשען, גאַ־שען און לאַריאָן דעם בייזן.

כּעוורע האָט געבראַכט ווײַן, און עס האָט זיך באַקומען אַ סודע אַף כּידושים. דער בייזער לאַריאָן האָט געהאַלטן אין איין טײַנען, אַז ער וועט זײַן אַלטיטשקע שיקן צו ראָכלען אַף קורסן

[1] ער האָט מיך ליב געהאַט, און איך אים ניט...

זיך לערנען קולינאַריע. די „שטיפמוטער" האָט אויך געוואָלט באַווײַזן, אַז זי איז אַ בעריע, האָט זי דעם קומענדיקן זונטיק צוגעגרייט אַ וואַרמעס. נו, און קנאַפּקע האָט אויך ניט געוואָלט שוואַרצן זיך דאָס פּנים. טאַקע דעמלט איז מען געקומען צום סייכל: וואָס דאַרף מען אין די ווינטערדיקע טעג זיך שלעפּן אין אויסערײַסעניש אין אַ גאַרקיך, אַז מע קאָן אַליין גרייטן וואַרמעס. לויט דער ריי — אַ טאָג איינע, אַ טאָג אַ צווייטע. און אַז מע קאָכט פֿאַר דרײַ מענטשן, וועט דער פּערטער שוין אויך ניט אָפּעסן דעם קאָפּ. קנאַפּקע האָט אַרײַנגענומען יאַשען אין קאָן. דערוווּסט זיך, אַז יאַשע איז אין קאָמונע מיט די מיידלעך, האָט גאָשע זיך אויך אײַנגעבעטן. ביפּראַט, אַז ער האָט צוגעזאָגט וואַשן דאָס געפֿעס און די קאַסטריולעס. צום טיש פֿלעגט מען זיך קיינמאָל ניט זעצן אָן קיין געסט, יעדן טאָג איז עמעצער געקומען. נאָכן וואַרמעס האָט מען יאַשען מיט גאָשען זייער שיין פֿאַרפּוצט אין פֿאַרטעכלעך און געשיקט וואַשן די טעלער. עס איז געווען פֿון וואָס צו לאַכן, נאָר מע האָט זיך געהאַלטן באַם פּרינציפּ — ווער עס אַרבעט ניט, דער עסט ניט. אין די טעג, ווען יאַשע איז פֿרײַ געווען פֿון די לימודים, האָט ער געבראַכט בילעטן אין קינאָ צי אין טעאַטער.

איינעם אַ טאָג איז יאַשע געקומען מיט גאָר אַ געהויבענער שטימונג. ער האָט פֿײַערלעך געמאָלדן, אַז אַלע גייען אויף וואַן קליבערנס קאָנצערט. קנאַפּקע האָט זיך אָנגעבלאָזן, וואָס הייסט — יאַשע האָט דאָך איר צוגעזאָגט נעמען בילעטן אין אָפּערעטע. ווען יאַשע האָט געגעבן צו פֿאַרשטיין, אַז „סילוואַ" וועט אין ערגעץ ניט אַנטלויפֿן, האָט קנאַפּקע זיך אויף אים צעשריגן, אַז זי דאַרף זײַנע קאָנצערטן, ווי אַ לאָך אין קאָפּ, זי וועט אויפֿן קאָנצערט ניט גיין!

אַ ראַכמאָנעס געווען צו קוקן אויף יאַשען. ער איז געשטאַנען ווי אַן אָפּגעשמיסענער, געפֿינקלט מיט די אויגן און געשמייכלט ווי אַ שולדיק קינד. אים איז דאָך געווען אַזוי שווער צו קריגן די בילעטן. גאָשע האָט זיך אויך צעגוואַלדעוועט אויף קנאַפּקען, זי זאָל ניט פֿאַרשטערן דעם אָוונט. נאָר קוים האָט קנאַפּקע געזאָגט „ניין", וועט שוין גאָרניט העלפֿן.

פֿונעם קאָנצערט איז מען אַרויס שווײַגנדיקע. געשפּאַנט פֿאַרזיכטיק, פּונקט ווי מע וואָלט נאָך אַלץ געהערט די קלאַנגען פֿון דער מוזיק. אַלע האָבן געוואָלט זיך האַלטן נעענטער צו יאַשען. מע האָט געוואַרט, ער זאָל עפּעס זאָגן. ער איז געגאַנגען אַ שטאָלצער, געקוקט פֿאָרויס מיט די צוגעזשמורעטע אויגן און ניט אויסגערעדט קיין איין וואָרט. אומגעריכט האָט די „שטיפמוטער" אַ באַגײַסטערטע אויסגערופֿן:

— איר קאָנט מיר זאָגן, וואָס איר ווילט זיך, נאָר מענטשן דאַרף מען גלייבן, איך וועל מוזן זיך איבערבעטן מיט מײַן וואַניען.

■

די לעצטע צײַט האָט קנאַפּקע זיך שטאַרק געענדערט, געוואָרן כמורנע, אַרומגעגאַנגען פֿאַרטראַכט. קיינער האָט ניט געוווּסט, וואָס איז פֿאָרגעקומען צווישן איר און יאַשען. אומגעריכט האָט קנאַפּקע גענומען אורלויב און איז אַוועקגעפֿאָרן צו די עלטערן. אין דאָרף אַרײַן.

■

אין צוזאַמענוווינונג האָט יאַשע געטראָפֿן נאָר ראָכלען.

— וויפֿל קאָן מען וואַרטן אויף דיר, — האָט זי זיך דערפֿרייט, — נעכטן ביסטו אינגאַנצן ניט געקומען, הײַנט האָב איך שוין עטלעכע מאָל געוואַרעמט דאָס עסן. גיי וואַש די הענט.

דער טיש איז געווען געדעקט. ער האָט דערזען זײַן טעלער מיטן גאָלדענעם רייפֿעלע. אַ צעטומלטער האָט ער געזאָגט:

— איך בין טאַקע שטאַרק הונגעריק.

ער האָט אַ כאַפּ געטאָן דעם האַנטעך און אַוועק אין וואַנע־צימער. ווען ער האָט זיך אומגעקערט, איז דער טעלער שוין געווען אָנגעפֿילט מיט זודיקער יויך. טומלדיק האָט ער געווישט דאָס פּנים, די הענט. אויפֿגעהאַנגען דעם האַנטעך, האָט ער זיך אַוועקגעזעצט צום טיש. אַ פֿײַכטע פּאַסמע האָר האָט זיך צוגעקלעפּט צום שטערן, די לאַנגע עטוואָס פֿאַרבויגענע וויִעס האָבן געגלאַנצט, ווי גאָלדענע, דאָס פֿאַרברוינטע פּנים, אָן אָנגעשמיסנס פֿון דעם פֿרילינגדיקן ווינט, איז געווען עטוואָס רויטלעך. יאַשע האָט געפֿילט, אַז ראָכל לאָזט ניט אַראָפּ די אויגן פֿון אים. ער האָט געוואָלט זײַן ערנסט, נאָר די פֿײַכטע ליפּן זײַנע שמייכלען אָן זײַן וויסן. ער האָט זיך געקוויקט מיטן עסן און געקוקט בלויז אין טעלער אַרײַן.

— פֿון אונדזער שטעטל איז געוואָרן אַ דערפֿל, — האָט ענדלעך ראָכל זיך אָנגערופֿן.

— וואָס זשע דען האָסטו געמיינט?

ער האָט אָפּגערוקט פון זיך דעם ליידיקן טעלער. ראָכל האָט אים גלײַך דערלאַנגט דאָס צווייטע געריכט.

— ווען א מענטש זאָל וויסן, וואָס עס שטייט אים פאָר אין לעבן, וואָלט ער באדארפט אָדער באצײַטנס אָנטאָן א שטריק אפן האלדז, אָדער טאנצן אין די גאסן.

— נו יאָ, ווער האָט זיך געקאָנט ריכטן, אז קנאָפּקע זאָל אזוי...

— וואָס אזוי? — האָט יאשע זי איבערגעשלאָגן. — הער אויף, איך בעט דיך. וואָס באוויינט איר מיך? אף מײַן קאָפּ איז קיין דונער ניט אראָפּגעפאלן. איך האָב אלץ פריִער געוווּסט. פאר דעם, ווי זי איז אוועקגעפאָרן, האָב איך איר אלץ געזאָגט. זאָל זי ניט מיינען, אז איך האָב געלעבט אין טאָעס. איצטער איז איר געוויסן ריין. מיר האָבן זיך געזעגנט, ווי גוטעפרײַנט. — ער האָט אופגעהויבן די אויגן אף ראָכלען: — פארוואָס עסטו ניט?

נאָכן וואַרמעס האָט יאשע זיך אופגעהויבן פון בענקל און זיך ארומגעקוקט.

— ווּ איז ערגעץ מײַן פארטעכל? — האָט ער געפרעגט.

ראָכל האָט געוואָלט זאָגן, אז זי וועט אליין איבערוואשן דאָס געפעס, נאָר באלד איבערגע־טראכט. זאָל עס זיך פירן ווי פריִער, זאָל ער וויסן, אז ער דארף יעדן טאָג קומען. זי האָט פון זיך אראָפּגענומען דעם פארטעך, צוגעגאנגען צו יאשען, אים ארופגעוואָרפן אפן האלדז דאָס סטענגעלע פון פארטעך, דערבײַ האָט זי אים פאריכט דאָס קעלנערל פון דער בלוזקע, פאר־שפיליעט א קנעפל. ער האָט זיך אויסגעקערט צו איר מיט דער פלייצע, זי זאָל אים פארבינדן די בענדלעך.

יאשע האָט צונויפגענומען פונעם טיש די טעלער, די גאָפּל מיט די לעפל און אוועק אין קיך.

ראָכלען האָט זיך געדאכט, אז ער פאָרעט זיך צו לאנג. זי האָט שוין באוויזן פארשפרייטן דעם טיש, צוראמען אין שטוב, כאפּן א קוק אין שפיגל. אָט וועט ער צעוואשן דאָס געפעס, וועלן זיי ביידע זיצן און ריידן. איר וואָלט קיינמאָל ניט נימעס געוואָרן. זי וואָלט אים געהערט און געהערט. אָבער יאשע האָט זיך גאָר גענומען אָנטאָן. זי וויל אזוי ניט, ער זאָל אוועקגיין. נאָך א ביסל וואָלט זי אים געזאָגט, ער זאָל בלײַבן. אָט איז ער שוין בא דער טיר, ער שטייט א ווײַלע און טראכט וועגן עפּעס, נאָכדעם קערעוועט ער זיך אויס און פרעגט ניט זיכער:

— אויב דו ווילסט, וועלן מיר גיין אין קינאָ.

— פארשטייט זיך, איך וויל, — האָט ראָכל זיך דערפרייט, — מיטן גרעסטן פארגעניגן.

שוין עטלעכע טעג, ווי יאשע קומט ניט עסן קיין וואַרמעס. סאָף כוידעש איז ער טאָמיד שטארק פארנומען מיט די פּראָצענטאָווקעס, איצטער האָט מען נאָך באצײַטנס באדארפט פאר־מאכן די נאריאדן, די ארבעטער זאָלן באקומען דאָס געהאלט צום ערשטן מײַ. כוץ דעם, איז ער געווען פארטאָן מיטן באקומען די דירע, מיטן איבערקלײַבן זיך און איבערפירן דאָס גע־קויפטע מעבל.

נעכטן האָט דער רועך זי געטראָגן זיך לייגן פריִער שלאָפן. זי האָט געהערט, ווי עמעצער האָט געשלעפּט די טיר, נאָר זיך ניט אָנגעשטויסן, אז ס'איז יאשע. ווען זי איז אראָפּ פון געלעגער, איז שוין קיינער ניט געווען. זי האָט בלויז דורכן פענצטער געזען אים אוועקגיין.

הײַנט איז ערעוו יאָמטעוו, און ער איז ניטאָ. די מיידלעך פון שכיינעסדיקן צימער האָבן זי מיט גוואלד ארײַנגעשלעפּט צו זיך. זיי האָבן פארפּרי פארכאַפּט דעם יאָמטעוו! זיי האָבן גענומען צו ביסעלעך ווײַן מיט די געסט, וואָס זײַנען צו זיי געקומען, און זיך געקליבן גיין אין שטאָט שפּאצירן. ראָכל האָט מיט פארגעניגן אויסגעטרונקען צוויי גלעזעלעך. אויב יאשע וועט הײַנט ניט קומען, וועט זי אפּגיך אנשלאָפן ווערן, און מאָרגן אינדערפרי וועט זי אים אף געוויס זען אף דער דעמאָנסטראציע. אפדערנאכט וועלן זיי גיין צוזאמען צו דער „שטיפמוטער" צוגאסט. סוועטע איז איצט ווידער גליקלעך — זי האָט זיך איבערגעבעטן מיטן מאן און פראוועט דאָס צווייטע מאָל א כאסענע.

ראָכל האָט ניט געקאָנט אנשלאָפן ווערן. און זײַן איינע אליין אין שטוב האָט זי אויך ניט געקאָנט. וואָס וואָלט, אשטייגער, געווען, זי זאָל צולויפן אפן נײַעם מאסיוו, זי וואָלט נאָר א קוק געגעבן, וויִאזוי יאשע האָט זיך אײַנגעאָרדנט.

זי איז געגאנגען, אײַלנדיק מיטן נײַעם וועג, און ניט געפילט די ערד אונטער די פיס. אין פעלד האָט געווייעט א פרישן ווינטל, עס האָט זיך פארקליבן אונטערן קאָפּטל און געקילט איר לײַב. דעם גאנצן וועג באגלייטן זי בלויז ליפּעס, וואָס האָבן נאָרוואָס אָנגעהויבן גרינען. צווישן די ליפּעס האָבן פארבלאָנדזשעט צוויי ווײַנשלבײמער, באשאָטענע מיט ווײַסן צוויט. אפן צוויט

האָט זיך פאַרקוקט אַ פּאָרטל לעוואָנע, בלישטשען די צווייַגן, ווי באַשאָטענע מיט שניי. פון דער ערד זעצט אַ רייעך ווי פון אופגעגאַנגענעם קאָרן־טייג. עס שמעקט מיט האָניק. דאָרטן אַפן נייַעם מאַסיוו לעבן די ניט־פאַרענדיקטע הייַזער זייַנען די הייב־קראַנען פאַרפוצט מיט רויטע לעמפּעלעך, עס דאַכט זיך, אַז פון הימל הענגען אַראָפּ בייַטשן קאַרעלן. און ווייַטער איז די שטאָט פאַרפלייצט מיט פייַער. טויזנטער קאָלירטע לעמפּעלעך ווינקען, שמייכלען, ווי לעבעדיקע. אַן אַ שיר פייַערדיקע רייפן קייַקלען זיך איבער די דעכער, אייַלן ערגעץ און סטייַען ניט, פּונקט ווי זיי וואָלטן זיך אוועקגעקייַקלט אינעם טונקעלן הימל. פּלוצעם האָט אַ בליץ זיך אָנגעצונדן, אַ ציטער געטאָן און ניט געסטייַעט. דער וואַלד האָט זיך אַזוי ווי דערשראָקן און זיך אופגעכאַפּט פון שלאָף. עס האָט אַ שמעק געטאָן מיט רעגן. ראָכל האָט זיך אומגעקוקט. ניין, זי וועט זיך נישט אומקערן...

זי האָט געוואָלט אָנקלינגען, נאָר די טיר איז גאָר געווען אָפן. אין קאָרידאָר האָט זיך דערהערט אַ גרילצנדיק סקריפּען. זי האָט דערזען יאַשען זיך פּאָרען באַם אופנעמער. אַפן קייַלעכיקן טיש, וואָס איז געשטאַנען אינמיטן צימער, זייַנען געווען אָנגעשטעלט טעלער, פלעשער. דער ראַדיאָ־אַפּאַראַט האָט זיך הילכיק צעשפּילט, יאַשע האָט אים אַ ביסל אייַנגעשטילט און אַ צופרידענער זיך אויסגעגלייַכט, צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ אינעם טאַקט פון דער מוזיק, ווייַזט אויס ער האָט געפּאַקט דאָס, וואָס ער האָט געזוכט. ראָכל האָט אַ קלאַפּ געטאָן אין דער אָפענער טיר פונעם צימער.

יאַשע האָט אַ ציטער געטאָן, מיטאַמאָל זיך אויסגעקערעוועט, דערזען ראָכלען שטיין באַ דער שוועל, האָט ער ברייט צעעפנט די אויגן, זיך אַ פּאַטש געטאָן מיט די הענט אין די זייַטן:

— אוי, ראָכעלע! — ער האָט זיך פאַרכלינעט און שטיל געוואָרן. אַ שטיק צייַט האָבן זייביידע זיך אָנגעקוקט, ענדלעך איז ער געקומען צו־זיך.

— איך האָב אָבער געוווסט, אַז דו וועסט קומען, — ער איז אוועק איר אַנטקעגן, זי גענומען אונטער דער האַנט. — קום אַריין, — האָט ער געזאָגט און אַפּגיך אַראָפּגענומען די קאַפּטע פון איר. אים האָט זיך נאָך ניט געגלייבט, אַז דאָס איז זי אַפּדערעמעסן. ער האָט דערפילט דאָס שמעקן פון פרישן גראָז, פון פרישן רעגן.

— ביסט פאַרנעצט געוואָרן? — האָט ער געפרעגט און פאַרזיכטיק אַ פיר געטאָן מיט דער האַנט איבער אירע אַקסל.

— ניין, דער רעגן האָט אַ קאַפּע געטאָן און אופגעהערט.

זי איז אַ שייַנענדיקע געשטאַנען אין העלן ראָזן קלייד. ווייַסע רייפעלעך זייַנען געווען צעוואָרפן אַף איר ברוסט, אַף די קורצע אַרבעלעך, די רינגעלעך האָבן זיך געקייַקלט אין דער נידער און זיך געבראָכן באַ די לענדן. דאָס קלייד האָט שטאַרק געפּאַסט צו איר טונקעלן, עטוואָס פאַרברוינטן פּאָנעם. יאַשע האָט געקוקט אַף איר און ניט געגלייבט, אַז דאָס איז ראָכעלע, אַז זי איז געקומען צו אים.

— מיידעלע, — האָט ער געשטאַמלט, — וואָס דאַרף איך טאָן? וואָס שטייסטו? לאָמיר זיך זעצן צום טיש.

— וואַרט, וואַרט אַ ווייַלע, איך וויל אַפּריִער אַף דיר אַ קוק געבן.

— וואָס האָסטו ניט געזען? — ער האָט אַליין אַ קוק געגעבן אַף זייַן שוואַרצן קאָסטיום און מיט ציטעריקע פינגער גענומען טאַפּן די קנעפּלעך אַפן העמדל. ער געדענקט, אַז זי האָט ניט ליב קיין צעכראַסטעטן. יאַשע האָט זי צוגעפירט צו איין בענקל, נאָכדעם צום צווייטן — ער האָט גאָר ניט געוווסט, וווּ זי אוועקצוזעצן.

— ביסט שוין גוט שיקער? — האָט זי געפרעגט.

— ווער, איך? אַז איך זאָל ווערן שיקער, דאַרף איך אויסטרינקען אַזויפיל בראַנפן, וויפל אַ לאַשעקל טרינקט אויס וואַסער. פאַרשטייסט, דאָ ניט לאַנג איז גאַשע אוועקגעגאַנגען, פאַר אים איז געווען לאַריאָן, און מיט יעדן מוז מען נעמען צו ביסעלעך. מיט דיר וועלן מיר טרינקען ווייַן, — ער האָט אָנגעגאָסן ביידע קעלישעקלעך פול ווי אַן אויג. נאָר איידער ער האָט גענומען דאָס גלעזעלע, האָט ער מיט דער האַנט אַ רייַב געטאָן דאָס פּאָנעם, נאָכדעם האַסטיק גענומען שויבערן די האָר.

— וואָס טוסטו? — האָט ראָכל זיך צעלאַכט. זי האָט זיך אופגעהויבן און איז צוגעגאַנגען צו אים, אַרויסגענומען דאָס קאַמעלע פון אירע צעפּ און גענומען אים צוקעמען. ער האָט דערפילט איר נאָענטקייַט, אַן אייַנגענעמע וואַרעמקייַט. איר האַרץ האָט געקלאַפּט לעבן זייַן אויער, זי האָט אים געקעמט די האָר, ער האָט פאַרפרעסט ביידע פויסטן און דערפילט, ווי זייַן אייגן האַרץ האָט אָנגעהויבן פּויקן. ווען ראָכל האָט זיך אומגעקערט צוריק אַף איר אָרט, האָט ער געזאָגט:

— אַט אזוי, געדענק איך, פֿלעגט מײַן מאמע... נאָר מײלע... — ער האָט גענומען דאָס גלעזעלע אין דער האַנט, — לאָמיר אויסטרינקען פאר דעם ליבן נאָמען ראָכל, פאר דיר, פאר מײַן מאמעס נאָמען, זאָל דיר זײַן גוט, דו האָסט עס פאַרדינט.

זיי האָבן אויסגעטרונקען, גענומען פאַרבײַסן. ער איז אופגעשטאַנען פון אָרט און אײַנגעשלאָסן די ראַדיאָ. דאָס צימער איז פול געוואָרן מיט קלאַנגען.

— דו געדענקסט, מיר האָבן מיט דיר שוין איין מאָל געהערט די דאָזיקע מוזיק, דאָס שפּילט ריכטער.

ראָכל זעט, ווי זײַן פּאָנעם לײַטערט זיך אויס, די קנייטשן פארשווינדן פון דעם שטערן. אַט אזא שטייט ער איר שטענדיק פאר די אויגן. אַט אזוי גלאַנצן שטענדיק זײַנע קאַשטאַנעווע אויגן, ווען ער איז פארטאָן אין דער ארבעט.

— פארוואָס ביסטו אנשוויגן געוואָרן, יאשע? די מוזיק שפּילט, און דו שווײַגסט.

— איך האָב זיך דערמאָנט, וויאַזוי איך האָב דיך דאָס ערשטע מאָל באַגעגנט אין צוזאַמענווינונג. וואָס האָסטו דעמלט געדאַרפט קריכן אונטערן בעט, ווייס איך אדהײַעם ניט. איך געדענק נאָר, אַז איך האָב געוואָלט דיך ארויסשלעפּן פון דאָרט פאר די פיס.

זיי האָבן זיך ביידע צעלאַכט. מע האָט נאָכאַמאָל אויסגעטרונקען, און יאשע האָט פאַרגעזעצט:

— אוי, האָסטו זיך דערשראָקן, ווען דו האָסט מיך דערזען! און בא מיר האָט זיך דאָס הארץ אָפּגעשטעלט, ווען דײַנע אויגן האָבן א קוק געטאָן אף מיר. פון דעמלט אָן גייסטו מיר נאָך ווי א שאָטן. איך האָב געוווּסט, אז דיר איז געווען שטארק שווער צו ארבעטן, געמיינט, דו ווערסט ניט אויסהאַלטן, ווערסט אוועקגיין, און איך וועל דיך פארגעסן. איך האָב דיר נאָכגעשפּירט פונדערווײַטנס. ווען דו האָסט געכאַפּט א קלאַפּ אין קני, האָב איך עס באַלד דערפילט... איך האָב אַלעמאָל געזען, ווען דו שליסט אויס די שײַן פארן שלאָפן. איך האָב פונדערווײַטנס געקוקט אין שווארצן פענצטער פון דײַן צימער, איך האָב דיך אָפּגעהיט, ווי דאָס אויג אין קאָפּ.

— א מין זיסער ווײַן, — האָט ראָכל זיך אזוי ווי אופגעכאַפּט פון א כאָלעם, — פארוואָס איז מיר אזוי גוט? גיס מיר אָן נאָך א גלעזעלע, איך בעט דיך.

— ע־ע... גענוג פונדײַנטוועגן, ווערסט ווערן שיקער און ווערסט ניט קאָנען גיין אהיים.

— אהיים? — האָט זי א ביטערן שמייכל געטאָן און זיך ארומגעקוקט מיט בלאָנדזשענדיקע אויגן. — ווו איז מײַן היים? מיר איז דאָ גוט, אזוי פריילעך, איך וויל זינגען, טאַנצן. לאָמיר טאַנצן, — זי האָט זיך אופגעהויבן פון אָרט, צעשפּרייט די הענט, פארוואָרפן דעם קאָפּ אין דער הייך. — מיר איז אזוי גוט, מיר איז אזוי גוט, — זי האָט זיך א שאָקל געטאָן און פּלוצעם זיך שטיל צעוויינט.

ווען יאשע איז צוגעלאָפן צו איר, איז זי צוגעפאַלן מיטן קאָפּ צו זײַן ברוסט.

— ע־ע, ביסט טאַקע גוט שיקער. פאראַן שיקורים, וואָס לאַכן, און פאראַן שיקורים, וואָס וויינען.

זי האָט אים ארומגענומען ארום האַלדז און אָנגעהויבן קושן.

— מיידעלע, ווייסט טאַקע ניט, וואָס דו טוסט. פאראַן שיקורים, וואָס שלאָגן זיך, און פאראַן שיקורים, וואָס קושן זיך.

— זאָל זײַן שטיל. איך הער, ווי דײַן הארץ קלאַפּט, קלאַפּט אזוי שטארק. קיינער האָט ניט אזא הארץ, ווי דו, איך האָב גאָר ניט געוווּסט, אז איך האָב דיך אזוי ליב.

— וואָס רעדסטו? ביסט שיקער, ביסט שיקער.

— וואָס בא א ניכטערן אף דער לונג, איז בא א שיקערן אף דער צונג.

זי האָט זיך צוגעטוליעט צו אים מיטן גאַנצן גוף, און ער האָט זי פאַרזיכטיק ארומגענומען, אפּגיך זי אָנגעהויבן קושן, ווי ער וואָלט מוירע געהאַט, זי זאָל ניט איבערטראַכטן, זי זאָל קיין כאַראָטע ניט האָבן. די הענט זײַנען בא ראָכלען אָפּגעשוואַכט געוואָרן, דער קאָפּ האָט זיך געשאָקלט פון איין זײַט אין דער צווייטער, זי האָט זיך ניט געקאָנט האַלטן אף די פיס, זי האָט געשעפּטשעט:

— מיר איז גוט...

א בליץ האָט א צײַלעם געטאָן דאָס פענצטער, און א ווײַטער דונער האָט אָנגעהויבן זיך קײַקלען אַלץ נעענטער און נעענטער. עס האָט געדאַכט, אז אָן א שיר פויקן האָבן אָנגעהויבן הילכן. די ערשטע שווערע טראָפּנס האָבן גענומען טאַנצן אף די שויבן. א רעגן, א פרילינגדיקער שלאַקסרעגן האָט געגאָסן.

ערשט ערעוו שוועס האָט בומע פאַרענדיקט די שטוב. אייגנטלעך איז זי געווען פאַרטיק פריִער מיט צוויי וואָכן, נאָר אים האָט זיך אויסגעוויזן, אַז די פאַרב פון די דילן איז אַ ביסל בלאַסלעך און די טירן שעמערירן ניט מיט יענער ווייַסקייַט, וואָס אים האָט זיך געוואָלט. האָט ער נאָכאַמאָל איבערגעפאַרבט די דילן, די פענצטער און די טירן. איצט איז ער צופרידן, און דער מאַמען געפעלט אויך.

שטייט די שטוב אינמיטן הויף אַ נייַינקע, אַ גרויסע, אַ געראַמע, דער בלעכענער געפאַרבטער דאַך בליאַסקעט מיט דער גרינער פאַרב אַף מייַלן, די גלעזערנע וועראַנדעס שייַנען מאַמעש, ווי לעבעדיקע.

יעדער אינדערפרי באַשפריצט בומע אַרום־און־אַרום די ערד, קיין שטויבעלע זאָל ניט געדאַכט זייַן אין הויף, עס זאָל קיין שפּרענקעלע זיך ניט צוקלעפּן צו די פענצטער און די טירן. אָפט שטייט ער פונדערווייַטנס און שפּילט זיך אין זייַן ליבלינג. ער הערט ניט, ווי די מאַמע גייט צו צו אים, קרעכצט און קוויקט זיך, ס'איז איר אַן אַווירע זיך אַרייַנקלייַבן אין דער נייַער דירע. יעדער מאָל מאַכן זיי אַ קרייַז אַרום דער שטוב, באַטראַכטן די ווינקלען, די קאַרניזן, די רינוועס פון צינקעווע בלעך, די געשניצטע לאָדנס. בומע שפּאַנט לאַנגזאַם, און די מאַמע שאַרקעט מיט די שטיוול. זי ווייסט אָבער ניט, אַז בומע האָט איצטער אין באַגער — געפינען ראַכטשען, זי ברענגען אַהיים, זאָל זי זען, וואָס פאַר אַ פּאַלאַץ ער האָט פאַר איר צוגעגרייט.

אָבער די צייַט שטייט ניט. ברייַנע דאַרף גיין אין מאַרק. זי דערמאָנט נאָכאַמאָל בומען, ער זאָל איר אָנרייַסן אַ פינף צענדליק עפּל. ער גייט אַוועק מיט אַ שווער האַרץ. אַן אַווירע, ס'איז נאָך פרי, די עפּל זייַנען נאָך גרין, נאָר די מאַמע האָט געזאָגט: „בעסער פריִער מיט אַ וואָך, איידער שפּעטער מיט אַ שאָ. מענטשן זייַנען נאַשערס. פאַר דעם ערשטן בעלי נאַליוו וועט מען געבן אַ גוטע פּרייַז".

בומען דאַכט זיך גאָר, אַז די עפּל דרעמלען נאָך צוגעדעקטע מיט די גרינע בלעטלעך. אַף די בעקלעך זייַנען פאַרגליווערט טראָפּנדלעך טוי, וואָס בלישטשען אַנטקעגן דעם אָנגעצונדענעם הימל ווי בריליאַנטן. אַן אַווירע זיי טשעפּען. נאָר אַז די מאַמע הייסט, ווייסט זי, וואָס זי טוט. זי זאָגט, אַז פאַר פינף צענדליק וועט זי אָפּלייזן פינף צוואַנציקער.

ברייַנע האָט פאַרזיכטיק אויסגעלייגט די עפּל אין קויש, צום כעזשבן איז איר אָפּגעגאַנגען נאָך איין עפּל. זי האָט דערזען, ווי בומע האַלט אַן עפּל אין דער האַנט, קוקט אַף אים מיט זשעדנע אויגן, ווייסט ניט, פון אַ וואָסער זייַט אָנבייַסן אים. ברייַנע האָט דעם עפּל צוגענומען און אַרייַנגעלייגט אין קאָשיק.

— האָסט ניט וואָס צו טאָן? — האָט זי אַ קרעכץ געטאָן.

ווען ער זאָל איצט ניט געווען אַ קוק געבן אַף דער מאַמען, וואָלט ער אויך איצט ניט געוווּסט, וויִאַזוי זי האָט זיך געענדערט פאַר דער לעצטער צייַט. ער האָט ביז אַהער גאָר ניט באַמערקט די שאַרפע קנייטשן, וואָס האָבן זיך אייַנגעשניטן אַף איר שטערן און אַף די אייַנגעפאַלענע באַקן. די נאָז איז לענגער און פאַרשפּיצט געוואָרן, קוקט מאַמעש אַרייַן אין פאַרקרימטן מויל. די ביינערדיקע אַקסל דערלאַנגען קימאַט ביז די אויערן. גראָוו און אַלט איז זי געוואָרן. אים האָט אַ קלעם געטאָן דאָס האַרץ.

ברייַנע האָט אַף זיך אָנגעוויטשעוועט צוויי קוישלעך, איינס פון פאָרנט, דאָס אַנדערע אַף די פּלייצעס. דאָס קוישל מיט די עפּל האָט זי גענומען אין דער אָדערדיקער רעכטער האַנט, אַ קוק געגעבן אַף בומען און ווי שטענדיק אים אָנגעזאָגט:

— זאָלסט אויסרייניקן די שטאַל, פאַרגעבן דער בעהיימע עסן, פאַרגעס זי ניט אָנפּויען.

ס'איז געווען אַ וואַרעמער פאַרטאָג. די זון האָט זיך נאָרוואָס אַרויסגערוקט פון הינטערן וואַלד. די פויגלען האָבן זיך אויפגעכאַפּט פון שלאָף מיט אַ געפּילדער. ברייַנען איז אויך גוט אַפן האַרצן. הייַנט האָט זי אַ גוט ביסל סכוירע — קעז און סמעטענע. פאַר דער מילך וועט זי אויך גוט אָפּלייזן. נו, און אַ הונדערטער פאַר די עפּל גייט אויך ניט צופּוס, עס וועט זייַן צושטייַער אַף מעבל. יענץ געלט וועט זי דערווייַל ניט טשעפּען. ס'וועט סטייַען אַף אַ בעט. זי וועט אין איר אַלקער אַוועקשטעלן אַ גוטע שאַפע אויך. אַ נייַע שטוב דאַרף נייַ מעבל. אַ טעלעוויזאָר וועט זי אומבאַדינגט קויפן. זי מעג זיך פאַרגינען אַף די עלטערע יאָרן קוקן טומאַנע קאַרטינעס. יאָ, אַ פּאָר לייַכטער דאַרף מען אין זינען האָבן, יעדן פרייַטיקצונאַכטס וועט זי בענטשן ליכט. ס'איז טאַקע אַן אַוולע, וואָס אַזאַ יִידענע האָט אינגאַנצן פאַרגעסן אין גאָט, פאַרנומען מיט די געשעפטן. זאָל דער אייבערשטער איר מויכל זייַן, זי האָט אין אים ניט פאַרגעסן. מיט זייַן הילף האָט בומע אויסגעבויט די שטוב, און מיט זייַן הילף וועלן זיי אימירצעשעם אַף שוועס זיך איבערקלייַבן אין דער נייַער דירע.

ברײַנע איז געווען אזוי פארטיפט אין אירע מאכשאָוועס, אז זי האָט גאָר ניט געפילט, ווי אין דער לינקער זײַט הייבט אָן עפּעס שטעכן. ווען עס האָט אָבער א שטארקן שטאָך געטאָן, איז זי געבליבן שטיין. עס וועט באלד אָפּגיין, האָט זי זיך געטרייסט. קאיאָר, ווען זי האָט אָנגעבויגן זיך אָנטאָן די שטיוול, האָט איר אויך א שטאָך געטאָן, נאָר עס האָט באלד אָפּגעלאָזט. זי האָט דאָס קוישל מיט עפּל איבערגענומען אין דער לינקער האנט. עפּעס איז עס שטארק שווער געוואָרן, דאָס קוישל. לויט איר כעזשבן דארף זי שוין לאנג זײַן אָפּן גרויסן שליאך, און זי שלעפּט זיך נאָך אַלץ מיט דער סטעזשקע. פּארוואָס האָט זי פּלוצעם באשלאָגן אזא שווייס? נאָר סײַווי דארף מען גיין. דאָס קליידל איז נאס געוואָרן פונעם טויִקן גראָז, עס רײַבט די קאָלעוועס, און די שטיוול שארקען עפּעס צו הילכיק — עס גרילצט אזש אין די אויערן. וואָס זאָל דאָס הייסן, ס'איז דאָך אזא ליבע ווארעמקייט אין דרויסן, און זי קאָן ניט כאפּן דעם אָטעם. די פינגער זײַנען פארטערפּעט געוואָרן, זי פילט ווי דאָס קוישל גליטשט זיך ארויס פון דער האנט, זי הערט, ווי די עפּל פאלן אָף דער ערד, ווי שטיינער.

— א ווייטעק איז מיר! — כריפּעט ברײַנע. זי קוקט זיך ארום. ווו זײַנען די עפּל? דאָס גראָז איז גרין, און די עפּל זײַנען גרין. עס שווינדלט איר אין די אויגן. דער הימל האָט זיך איבערגעקערט, די ערד איז שטיין געבליבן דיבאָם, און זי קאָן זיך ניט האלטן אָף די פיס.

ווען זי האָט געעפנט די אויגן, האָט זי דערזען, אז זי ליגט אין גראָז. סארא פרישע פּאשע! כײַ וואָלט בומע סייכל האָבן ארויספירן אמאָל די קו אהער. די בעהיימע וואָלט זיך מעכײַע געווען. וואָס רעדט זי? וואָס ליגט זי עפּעס אָף דער ערד? זי האָט געפּרווט זיך אונטערהייבן. די קוישלעך ליגן העט ווײַטער, די מילך צעגאָסן, די קריגלעך מיט סמעטענע צעבראָכן. אזא וויסטער כאָלעם! נו יאָ, אז מע שלאָפט די ערשטע נאכט אין א נײַער שטוב, דארף זיך אויסלאָזן צו א וויסטן כאָלעם. זי געדענקט דאָך, ערשט ניט לאנג איז זי ארײַנגעגאנגען אין אלקער, אויסגעבעט דאָס געלעגער, אָנגעצויגן א ווײַסע ציך אָף דער קישן. אין קאָרידאָר האָט זי אויסגעטאָן די שטיוול און א באָרוועסע געגאנגען איבער די געפּארבטע גלאנציקע דילן, עס האָט אזוי געקילט אין די פיס... א מינע ווײַסע ווענט, א מין הויכע סטעליע, און אזא מעכײַעדיק פריש געלעגער. זי האָט זיך אנידערגעלייגט און אויסגעגלײַכט די ביינער, זיך אײַנגעדעקט מיט דער קאָלדרע און אנשלאָפן געוואָרן. דארף זיך איר אין דער ערשטער נאכט כאָלעמען אזא פינצטערער כאָלעם. „אָף מײַנע סאָנימס קעפּ“, — האָט ברײַנע צו זיך געזאָגט און דרײַ מאָל אויסגעשפּיגן. זי דארף נאָר א קוק טאָן אין פענצטער, וועט זײַן א קאַפּאָרע צו אַלע כאָלוימעס. זי זעט אָבער ניט דאָס פענצטער. זי ליגט אין גראָז. עהע, ס'איז ניט קיין כאָלעם, זי איז טאקע אָף אָן עמעס אומגעפאלן, אויסגעגאָסן די מילך און די סמעטענע, ווײַ־ווײַ, אזא שאָדן. עס דערגייט איר צום הארצן אָף צו כאָלעשן, זי וויל עפּעס. נאָר וואָס וויל זי?

— א טרונק! — האָט זי פּלוצעם אויסגעשריגן. — א ביסעלע וואסער! — האָט זי געכאָרכלט. ניטאָ קיין וואסער, זי האָט געשארט מיט די הענט איבערן פײַכטן גראָז, זשעדנע געלעקט די פינגער. מע דארף דאָס פּאָנעם אויך באנעצן, וועט איר ווערן גרינגער. יאָ, עס וועט איר ווערן גרינגער. ברײַנע וויל זיך אופהייבן און קאָן ניט. אָף דער זון האָבן זיך באוויזן שווארצע רייפן. ווען עמעצער קומט אָן... ווו נעמט מען א לעבעדיקן מענטשן? אויסגעשטאָרבן אַלע מענטשן. ווען מע הייבט זי אוף, מע שטעלט זי אוועק אָף די פיס. זי קאָן דאָך אזוי אויסגיין, און בומע וועט אפילע ניט וויסן, ווו זי האָט פארבאהאלטן דאָס געלט. אָף יענער־וועלט נעמט מען גאָרנישט ניט מיט, מע גייט אהין מיט ליידיקע הענט. — א בראָך איז צו מיר, ווינד און ווי איז מיר, — האָט זי גענומען קלאָגן. אָבער ניין, זי שטארבט ניט, ברײַנע וועט אזוי גיך ניט שטארבן, זי דארף זיך נאָר צושארן צו יענעם בוים, וועט זי זיך ווי־ניט־איז אופהייבן. זי האָט זיך אָנגענומען מיט קויעך און זיך אופגעשטעלט. אָט שטייט זי שוין אָף די פיס. זי וועט גיין אהיים.

געמאכט איין שפאן, א צווייטן. מיטאמאָל האָט זי זיך א שאָקל געטאָן. זי האָט זיך אָנגעכאפּט מיט ביידע הענט אין די האָר, ווי זי וואָלט וועלן אין עפּעס זיך אָנהאלטן, און ניט מיט איר קאָל אויסגעשריגן:

— בומע, ווײַ איז מיר, די גרײַצערס!.. — זי האָט זיך געגעבן א וואקל און א פאל געטאָן מיטן פּאָנעם צו דער ערד.

■

די ערשטע טעג נאָך דער מאמעס טויט האָט בומע נאָך געהאט אָן אָל אָפּן קאָפּ — מעלקן די בעהיימע. אָבער גאָר אינגיכן איז די מילך בא דער קו איבערגעברענט געוואָרן. גאנצע טעג און נעכט האָט זי געמוקעט און געמוקעט — מע האָט געקאָנט מעשוגע ווערן. בומע האָט פארקויפט די בעהיימע אײנעם מיט דעם שטריק, זאָל זי גיין אין דר'ערד ארײַן. די שטומע באשע־

פעניש האָט ניט קיין לאָשן — אָבער פאַרשטאַנען האָט זי, אַז די פרעמדע מענטשן זײַנען געקו־
מען נאָך איר, זי פירן צו דער שכיטע. טרערן האָבן זיך געגאָסן פון אירע אויגן, ווי בא אַ קליין
קינד. זי האָט בעשום־אויפן ניט געלאָזט זיך אַרויספירן פון הויף.

פאָטער געוואָרן פון דער קו, איז בומען גרינגער געוואָרן אַף דער נעשאָמע. בלויז צײַטנ־
ווײַז האָט זיך אים אויסגעדאַכט, אַז ער הערט איר הייזעריקן מו־ו־ו. פאַלקאָן איז אויך ניט
געסטײַעט. זיך אָפּגעריסן פון דער קייט און אַנטרונען געוואָרן. אין הויף איז ניט איבערגעבליבן
קיין לעבעדיקער נעפעש. ווען בומעס געדאַנקען זאָלן ניט זײַן פאַרנומען מיט ראָכטשען, וואָלט
ער אַראָפּ פון זינען. שאָענעווײַז זיצט ער אַף דער שוועל פונעם אַלטן שטיבל און טראַכט איינס
און דאָס זעלבע: ווען וואָלט ער, אַשטייגער, געאַרט, די מאַמע זאָל לעבן און ראָכטשע זאָל זײַן
לעבן אים. איצטער וואָלט ער ניט געדאַרפט טראָגן ראָכטשען אין היי אַרײַן. ער וואָלט זיך מיט
איר פאַרמאַכט אין אַלקער, און זיי וואָלטן זיך געטישעט, וויפל דאָס האַרץ גלוסט. די מאַמע וואָלט
סײַוויי ניט געהערט. אָבער ניטאָ ראָכטשע, ניטאָ די מאַמע. די מאַמע דאַרף שוין גאָרניט, אָפּגע־
פײַנעט, אָפּגעהאַוועט אַ לעבן, פרעג ווער, וואָס? זי האָט, דאַכט זיך, ניט געהאַט קיין איין גוטן טאָג.
געמיינט, זי וועט ניט באַווײַזן פאַרהרעבען די וועלט. געמיינט, זי וועט לעבן אייביק. ווײַזט אויס,
מע קאָן טאַקע ניט לעבן נאָר צוליב זיך אַליין. וויִאַזוי זשע דאַרף מען לעבן? וויִאַזוי? אַזוי ווי
סטעפּאַן פּיאַדאַראָוויטש? אַזוי ווי ראָכטשע? פון סאַמע אָנהייב איז איר די שטוב ניט געווען צום
האַרצן. זי האָט זיך געבעטן בא אים, ער זאָל זי לאָזן גיין ערגעץ אַרבעטן, געוואָלט זײַן צווישן
מענטשן. אַ מאָשל... און איצט — ניטאָ מיט וועמען אויסצורײדן אַ וואָרט, זיך האַלטן אָן אייצע.
ניין, בעסער ניט טראַכטן, אַניט וועט ער מעשוגע ווערן. אָט וועט ער בעסער אַ טראַכט טאָן, וואָהין
האָט געקאָנט די מאַמע באַהאַלטן די פּאָר קערבלעך, עס איז דאָך פאַרט געלט, זי האָט אַף זיי
געהאָרעוועט, מע טאָר ניט לאָזן, זיי זאָלן פוילן. בומע האָט שוין געזוכט ווו ערגעץ אַ לאָך און
גאָרנישט ניט געפונען.

מיטאַמאָל האָט אים אַ בליץ געטאָן אַ געדאַנק, עפּשער האָט זי באַהאַלטן דאָס געלט אין דער
נײַער שטוב. אַ קאַשע אַף אַ מײַסע, איידער ער האָט אויסגעליוגט די ברעטער פון דעם דיל, האָט
זי געקאָנט באַהאַלטן דאָס ביסל גוטס ערגעץ אין אַ ווינקל, בא זיך אין אַלקער. ניט לאַנג גע־
טראַכט, האָט בומע גענומען די האַק, דעם לאָם און אַוועק אין דער נײַער שטוב. ער האָט גע־
שפּאַנט איבער די ליידיקע צימערן, און די טריט זײַנע האָבן אָפּגעהילכט אין דער פּאָסטקײַט, ווי
אַף אַ בעסוילעם. ווען ער האָט זיך אָפּגעשטעלט, האָט זיך אים אויסגעוויזן, אַז עמעצער עטעמט
דאָ. אַ גרויל האָט זיך דורכגעגליטשט איבער זײַן לײַב. פאַרקוועטשט אין דער האַנט דעם לאָם
און שוין געוואָלט אַ זעץ טאָן מיט אַלע קויכעס אין דיל, האָט ער דערהערט דער מאַמעס קאָל:
„אוי, ווי איז מיר, ליימענער גוילעם, וואָס טוסטו?" ער איז אַרויס פון שטוב און פאַרהאַקט נאָך
זיך די טיר.

ווען ער האָט ניט די האָפענונג געפינען ראָכטשען, וואָלט ער געמאַכט פון אַלץ טיל־טעל,
ער וואָלט אונטערגעצונדן, עס זאָל ברענען מיט אַ העליש פײַער.

בומע האָט מוירע געהאַט איבערבלײַבן איינער אַליין אין שטוב. ער האָט פאַרמאַכט די טירן
און די פענצטער. די שטוב איז אים געשטאַנען ווי אַ ביין אין גאָרגל.

גאַנצע טעג האָט ער געבלאָנדזשעט איבער דער שטאָט, זיך צוגעקוקט צו די פרויען, וואָס
זײַנען פאַרבײַ אים דורכגעגאַנגען. אַזויפיל מענטשן, מע גייט אָפּ און אויף, מע איז פריילעך. וואָס
גייט זיי אָפּ? ער איז שוין געווען אין ספּראַוואָטשנע, האָט מען אים געענטפערט, אַז ראָכטשע
וווינט אין זײַן שטוב. אַ פּאַטיעכע! ווו זשע האָט זי געקאָנט אהינקומען? ווען ער זאָל האָבן אַ
צוטריט צום נעפעש, וואָלט יענער אים געגעבן אָן אייצע, ער וואָלט געהאָלפן אָפּזוכן ראָכטשען.
ניט באַדאַרפט זיך מיט אים פאַרקריגן.

בומע איז עטלעכע מאָל געווען לעבן אויטאָפּאַרק, געמיינט באַגעגענען סטעפּאַן פּיאַדאַראָ־
וויטשן, זיך איבערבעטן מיט אים, נאָר עפּעס זעט מען אים ניט. באַם וועכטער האָט זיך בומע
דערוווּסט, אַז די קאַלאָנע איז ווידער אוועקגעפאָרן אַף בורעקעס. ניטאָ מיט וועמען אויסריידן
אַ וואָרט. „אַ בוים איז שטאַרק מיט זײַנע וואָרצלען, אַ מענטש — מיט זײַנע גוטעפרײַנט", —
האָט בומע זיך דערמאָנט אין סטעפּאַן פּיאַדאַראָוויטשעס ווערטער. בומע האָט קיינעם ניט, אַלע
טאָג נעמט ער אַ ביסל בראָנפן און טרינקט פאַרן שלאָף, קעדיי קענען אַנשלאָפן ווערן.

די צײַט איז געגאַנגען. עס האָט אָנגעהויבן רעגענען, אַראָפּגעפאַלענע עפּל האָבן געפוילט
אַף דער ערד, אין גאָרטן האָבן זיך געוואַלגערט בײַכיקע געלע אוגערקעס. נאָר וועמען אַרט עס?
ווען די מאַמע שטייט אויף און טוט אַ קוק, וואָס פאַר אַ טאַכלעס עס איז געוואָרן פון איר האָב־
און־גוטס, וואָלט זי נאָכאַמאָל געשטאָרבן. און ער, בומע, זיצט באַם פענצטער. דורך די הוילע
צווײַגן זעט מען דעם נײַעם מאַסיוו. אַ מינע שיינע הײַזער זײַנען אויסגעוואַקסן אָפּן באַרג. יעדער
אָפּדערנאַכט צינדן זיך אָן פײַערלעך אין די פענצטער, פריילעכע פײַערלעך, ראָזעווע און גרינע.

אין צוויי פֿענצטער האָט ער באַמערקט אַ באַקאַנטן קאָליר, אַ בלױלעכן, אַזאַ ווי ראָכטשע האָט ליב.

איינמאָל, פֿאָרנדיק אין דער עלעקטריטשקע, האָט ער זיך דערמאָנט אין יענע בלויע פֿענצטער און באַשטימט אַראָפּגיין אויף דער אײַזנבאַן־פּלאַטפֿאָרמע פֿונעם נײַעם מאַסיוו. ער וועט גיין זוכן יענע פֿענצטער. עס האָט אויפֿגעהערט מאַראָקען, און די ערד איז פֿאַרצויגן געוואָרן מיט אַ דין אײַז־הײַטל. עס נעמט אַ פֿרעסטל. פֿון די וואַגאָנעס זײַנען אַרויס אַ סך מענטשן. ניט געקוקט אויפֿן גליטש, איז מען געשווינד און מיט אַ טומל אַוועק צום נײַעם מאַסיוו. אין איין אויגנבליק איז די פּלאַטפֿאָרמע געוואָרן פּוסט. בלויז איין פֿרוי האָט זיך פֿאַרהאַלטן. זי האָט פּאָרזיכטיק אַראָפּגעלאָזט זיך פֿון די טרעפּ און געבליבן שטיין, ווײַזט אויס, מוירע געהאַט זיך אַראָפּלאָזן פֿונעם גליטשיקן בערגל. זי האָט זיך אַרומגעקוקט, צי קיינער איז ניטאָ, ווער עס זאָל איר העלפֿן. זי האָט אויפֿגעהויבן די אויגן, און בומע האָט זי דערקענט. „ראָכטשע“, — האָט אים אַ דונער געטאָן אין האַרצן. זי האָט זיך פֿאַרלוירן, געוואָרן צעטראָגן און געוואָלט זיך אַראָפּגליטשן פֿון בערגל.

— פּאַוואָליע, וועסט פֿאַלן, — האָט ער אויסגעשריגן. ער איז אַראָפּגעשפּרונגען פֿון די טרעפּ, צוגעלאָפֿן צו איר, זי אַ נעם געטאָן פֿאַר די הענט און פּאָרזיכטיק אַראָפּגעפֿירט פֿון בערגל.

ער האָט געעטעמט שווער און מיטאַמאָל עפּעס באַמערקט און שטיין געבליבן.

— ביסט שוואַנגער? — ער האָט מיט דער האַנט זיך פֿאַרשטעלט דאָס מויל.

ראָכל האָט מיט אַ שמייכל געכאַפּט אַ קוק אויף איר אייגענער פֿיגור און גאָרניט געענטפֿערט.

— דו ווייסט ניט, די מאַמע איז געשטאָרבן. כ׳בעט דיך, האָב אויף מיר ניט קיין פֿאַריבל.

זי איז געשטאַנען לעבן אים נאָך אַ מינוט און דערנאָך שטיל געזאָגט:

— נו, איך וועל שוין גיין.

ער האָט איר ניט געזאָגט, אַז ער האָט זי געזוכט, אַז ער קאָן אָן איר ניט לעבן, אַז די שטוב איז פֿאַרטיק און וואַרט אויף איר. ער האָט פֿאַרשטאַנען, אַז אַלץ איז שוין פֿאַרפֿאַלן.

— נו, איך וועל גיין, — האָט זי איבערגעכאַזערט, — אַ דאַנק דיר. אַ גוטע נאַכט, בומע...

זי איז אַוועקגעגאַנגען, און ער איז געבליבן שטיין אַ פֿאַרגליווערטער, ווי אויסגעהאַקט פֿון שטיין. ווען ער האָט זיך אומגעקוקט, איז זי שוין געווען ווײַט. זי איז געגאַנגען איבערן גליטשיקן וועג, אַהין, צו די נײַע הײַזער. די גאַס־לאַמטערנס האָבן באַלויכטן ראָכטשען. אַ שטאָלצע האָט זי געאײַלט צו זיך אַהיים, פֿאַרקערעוועט אויף רעכטס און ניט געסטײַעט.

— אַ סאָף. די שפּיל האָט זיך געענדיקט, — האָט בומע געזאָגט אויף אַ קול. ראָכטשע איז שוואַנגער. הייסט עס, אַז ער איז עס דער פּוסטער צוויט. הייסט עס, ער איז דער פֿאַרדאָרבענער קערן... בומע האָט זיך אַ שאָקל געטאָן און געלאָזט זיך גיין, זיך אָפּגעשטעלט, פֿאַרקערעוועט אויף רעכטס, נאָכדעם אויף לינקס, זיך געדרייט אַרום זיך אַליין, ווי אַ הונט, וואָס וויל זיך אויסקלײַבן אַן אָרט אויף זיך אַנידערלייגן. וואָס זשע טוט מען איצט? הער נאָר הער, אַזאַ פּאָטיעכע.

פּונקט אַזוי ווי די מאַמע זײַנע, האָט בומע איצט געשאַרקעט מיט די געקאָוועטע שטיוול איבערן הוילן אײַז.

וווּהין האָט עס אים פֿאַרשלעפּט? וואָס דאַרף ער אין אָט דעם וועלדל? ער האָט זיך געלאָזט אויף צוריק. פֿון ערגעץ האָבן זיך דורכגעריסן שטראַלן פֿון אווטאָמאָביל־פֿאַרעס. אָט איז דאָך דער וועג! אָן אַ שיר מאַשינעס פֿאָרן איבערן גליטשיקן אַספֿאַלט. וואָס אײַלן זיי זיך אַזוי? דאָס זײַנען געוויס די כעווריע. עפּשער פֿאָרן זיי פֿון די בורעקעס? אַהאַ, אָט איז ער דאָך, דער טראַקט. אַ פּאָר פֿײַערדיקע שטראַלן האָבן אים אַ בלענד געטאָן אין די אויגן. וואָס זשע איז ער שטיין געבליבן?

— מיט די געדוטן! — האָט בומע פּלוצלינג אויסגעשריגן און זיך אַראָפּגעלאָזט פֿונעם בערגל. צי האָט ער זיך אויסגעגליטשט, צי עפּשער אומיסטן, נאָר ער איז אומגעפֿאַלן פּונקט אינמיטן פֿונעם גליטשיקן אַספֿאַלט.

עפּעס האָט אַ סקריפּע געטאָן אין די אויערן, פּונקט ווי מע וואָלט אַ שקוואָרען אַרויסגעשלעפּט פֿון אַ סטויף, עס האָבן אַ קלונג געטאָן פֿענצטער. ער האָט בוילעט געהערט אַ געשריי, אַ טומל, טירלעך פֿון מאַשינעס האָבן זיך פֿאַרהאַקט, אַ לויפֿערײַ.

— זשיוואָי, זשיוואָי! — האָט מען געשריגן.

געזונטע הענט האָבן אים אונטערגעכאַפּט, אים אַנידערגעשטעלט אויף די פֿיס.

ווען בומע האָט געעפֿנט די אויגן, האָט זיך אים אויסגעוויזן, אַז לעבן אים שטייט דער נעפּעש. מיט ביידע הענט האָט ער זיך פֿאַרשטעלט דאָס פּאָנעם, זיך אײַנגעקאָרטשעט אינדרײַען, די פּלייצעס האָבן זיך אָנגעהויבן טרייסלען. אַ לײַדנשאַפֿטלעכער ווייטעקדיקער קרעכץ האָט זיך אַרויסגעריסן פֿון זײַן ברוסט:

— סטעפּאַן פּיאָדאָראָוויטש, גאָט אַליין האָט אײַך צוגעשיקט!

מאַטל שטורמאַן

לענין

אַט דער נאָמען —
איז דער פײַערדיקער שטורעם,
וואָס די וועלט פון רויב
צעשטויבט,
צעשטערט.
אַט דער נאָמען —
דאָס געזאַנג פון שאָלעם,
וואָס סע זינגען פעלקער
אף דער ערד.

אַט דער נאָמען —
איז אַליין דער עמעס,

ער שטעלט אָפּ
דעם שוואַרצן אַטאָם־טויט.
אַט דער נאָמען —
שענסטע פון פּאָעמעס,
אונדזער האַרץ
מיר האָבן אים פאַרטרויט.

אַט דער נאָמען
איז מיט גאָלד געשליפן
אף די זײַלן זוניקע פון צײַט.
אַט דער נאָמען
שטערנדיקע שיפן
פירט געטרײַ אין קאָסמאָסדיקער ווײַט.

מיר געפעלט

נאָך ביז איצטער,
נאָך ביז הײַנט, —
כ׳מוז זיך מודה זײַן,
מײַן פרײַנט, —

איז מײַן סאַמע
גרעסטע זינד:
איך פאַרליב זיך
ווי אַ קינד.

נאָך אַדהײַעם
אף דער וועלט —
אַלץ, וואָס יונג איז,
מיר געפעלט:

פרויען־שיינקײַט,
הימל־ריינקײַט,
מיידל־לוסטיקײַט,
וואָס קוועלט.

• • •

ביסט ברוין
און איידל־דין
און צאַרט,
נאָר ס׳ברויזט פון דיר
אַזאַ מין קראַפט —
און זי מיר פאַרגעניגן שאַפט.

כ׳געדענק:
כ׳האָב דיך דאָס ערשטע מאָל
באַגעגנט,
ס׳האָט אומרויִק מײַן האַרץ
געקלאַפּט,
דו האָסט אין מיר

אַ שטילע פרייד צערעגנט,
און איצט מיט ליבע
גייט דאָס האַרץ מײַנס איבער...
פאַר מיר דו שײַנסט,
פאַרקישעפסט מיך מיט זונען־ווײַן,
און ס׳שפּילט אין מיר
דער קוואַל פון דיכטונג.

בלאַנקסט אוף פאַר מיר —
אַ בליצנדיקער רעגנבויגן, —
און ס׳ווערט מיר אין די אויגן
און אין האַרצן ליכטיק...

• • •

אין צימער זיצן דאָ מיט דיר
איז ענג מיר, ענג.
נו, גיב די האַנט
די צאַרטע דײַנע, גיב,
און לאָמיר לאָזן זיך
אין פעלדער־לענג,

און לאָמיר לאָזן זיך
אין פעלדער־ברייט —

מײַן לייד,
מײַן פרייד.

עס זײַנען מיר
די פעלדער קאַרג;
עס איז מיר גרינג מיט דיר
אַרומקרײַזן די וועלט;
דאָס זומערדיק געזאַנג,
די יונגקײַט קוועלט!

איוואַן כאַמענקאָ

כאַשעווע כאַווײרים פון זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד“!

איך, איוואַן יעווטיִאַכאָוויטש כאַמענקאָ, מיטגליד פון אוקראַיִנישן שרייַבער־פאַרבאַנד, דער אווטאָר פון צען ביכלעך, שיק אייַך איבער מייַן ליד „די יִדישקע“. געבוירן געוואָרן איז די ליד אָט ווּיאַזוי:

אין 1942 האָבן די פאַשיסטן צעשאָסן אין דניעפּראָפּעטראָווסק די יִדן. יעווּאַ צעבערניצקע, וועלכע ווינט איצט אין דער שטאָט זשיטאָמיר, איז דעמלט געווען אַ זיבעצניאָריק מיידל.

זי איז אַרייַנגעפאַלן אין אַ קאָלאָנע, וואָס די דייַטשן האָבן ארויסגעפירט צו דער „קרוטשע“, ווּ אַלע געטריי־בענע האָט דערוואַרט אומפאַרמייַדלעכער אומקום. ווען די פאַשיסטן האָבן גענומען שיסן, איז יעווּע אַרייַנגעפאַלן אין גרוב ניט קיין דערשאָסענע. זי איז געבליבן ליגן צווישן די מייסים אַ צוגעשאָטענע מיט ערד. באַנאַכט האָט זי זיך ארויסגעקראַבקעט פון דער גרוב און איז אַוועק צו מייַן מאַמען. דאָ האָט זי פאַר זיך געפונען אַ מאָ־קעם־מיקלעט, זי איז אָפּגעזעסן אין אַ קעלער נייַן כאַדאָשים.

ווען ס'איז געקומען די סאָוועטישע אַרמיי, האָט מייַן מאַמע זי ארויסגעפירט פון פייַכטן קעלער, נאָר זי איז בלינד געוואָרן.

מיט דער צייַט האָט די ריִע צו איר זיך אומגעקערט.

טייַערע כאַווײרים! איך וועל אייַך זייַן זייער דאַנקבאַר, אויב איר וועט אָפּדרוקן מייַן ליד וועגן אָט דער געשעעניש אין דער איבערזעצונג אף יִדיש.

די יִדישקע

פון שוואַרצע ברעגן זיך געשלעפּט
באָרוועס, פאַרבלוטיקט, קריִע־בליִע,
דער ווינט צעוויכערט די צעפּ,
די זאַווייע ניט אופגעהערט האָט בריִען.

אין שטעכיקן פעלד, אין טיפן יאַר
דער פראָסט האָט די באָרוועסע פיס געצונדן,
ווּהין גייט זי, ווּהין טראָגט זי איר צאַר?
ווער וועט איבערבינדן איר די ווּנדן?

דורך דער נאַכט, וועלכע דראָט און לויערט דאָ,
קוים דערקראָכן צו אַ שטיבל אַ וויסט.
אַן אַלטע פויערטע עפנט די טיר:
— מענטש, זאָג, ווער דו ביסט!

— כ'האָב געזען דאָס פּאַנעם פון טויט,
מענטשן — קעפּ אף קעפּ — און פאַרפאַלן...
אונטער דעם פייַער פון אווטאָמאַט
בין איך אין גרוב געפאַלן.

און ווען די ערד האָט אַלעמען צוגעדעקט,
די שיסערייַ איז געוואָרן אנשוויגן, —
האָב איך מיט די הענט געגראַבלט די שרעק,
דער ווינט מיך גענומען האָט אף די פליגל... —

זי שווייַגט. קיינעם מער גאָרניט פאַרטרויט.
דאָס שטיבל אין שרעק איז געשלאָפן...

— — — — — — — — — — — — — — —
— — — — — — — — — — — — — — —

דערשראָקן, פאַרכלינעט מיט טויט,
דורך סטעפּ און דורך בערג דער קאַט איז
געלאָפן.

סנאַריאַדן האָבן געביסן די ווייַט,
אף רויטאַרמייִשע שלעמען דער טאָג האָט
געגינט.

ארויסגעפירט האָט זי די פויערטע
פון פייַכטן קעלער אינגאַנצן בלינד.

די אַלטע איז געפאַלן די סאָלדאַטן צו די פיס,
געקושט זייער הייליק געווער.
זיי האָבן געפרעגט:
— איר מאַמע דו ביסט?
— אַ יִדישע מאַמע איז זייַן מיר באַשערט...

יִדיש — מ. גרוביאַן

ארן ראסקין

איזי באריק

1

וועגן דעם אָפּשטאַם פון זײַן דיכטונג האָט איזי כאַריק דערציילט אין א ריי ווערק, באַזונדערס אין דער ליד „מײַן יוגנט“ און אין דער לעצטער פּאָעמע „אף א פרעמדער כאַסענע“.

ווען מע לייענט כאַריקס „מײַן יוגנט“, קומט אוף אין געדאַנק כ.־נ. ביאַליקס באַקאַנטע ליד „שירתי“[ג], האַגאַם ביאַליק און כאַריק זײַנען לויט זייער שאַפונג גאַנץ פאַרשיידענע דיכטער און עס איז שווער צו געפינען א קרוּווּעשאַפט צווישן זיי. צוויי גרויסע דיכטער האָבן אין פאַרשיידענע צײַטן דערציילט וועגן דעם „ייִכעס“ פון זייער דיכטונג. ביידנס לידער זײַנען געבוירן אין די „שטילע געסלעך“, אין דער אַטמאָספער פון נויט און אָרעמקײַט. נאָר איינער האָט זײַן יערושע געצויגן פון דעם טאַטנס טרויעריקע שאַבעס־זמירעס, וועלכע זײַנען געגאַנגען „פון א ליידיקן מאָגן און געלעכערטן האַרצן“, פון דעם וויסטן און אויסזיכטלאָזן גערזאַנג פון דער גריל — דעם „דיכטער פון דאַלעס“; דער צווייטער דיכטער האָט זײַן געזאַנג געשעפּט פון דער „זאַפּטיקער שטים“ פון זײַן טאַטן דעם שוסטער, פון דעם הילכיקן קלאַפּן פון זײַן האַמער, וואָס „פּאַלט און צאַפּלט צווישן די קני“.

ביאַליקס ייִכעס־בריוו איז דער ייִדישער דאַלעס, וואָס ווייסט ניט קיין טקומע, ווערט ניט באַהעלט מיט דער מינדסטער האָפענונג, האָט ניט די קלענסטע אויסזיכטן אף בעסערס... כאַריקס ליד שטאַמט אויך פונעם דאַלעס, נאָר טוט אָקאָרשט א קוק, וויפל האָפענונג און פרייד עס שטראַלט ארויס פון דער ליד „מײַן יוגנט“! אין איר דערציילט וועגן זײַן ייִכעס א דיכטער, וואָס האָט אָנגעהויבן זינגען נאָך די ערשטע שטורעמס פון אָקטיאַבער, — זיי האָבן געבראַכט מיט זיך פריידיקע אויסזיכטן פאַר די „קרעפּטיקע ייִנגלעך פון די ענגע און הילצערנע געסלעך“.

ביאַליק האָט זיך שפּעטער געמוזט מודה זײַן, אז זײַן געוויין איז געגליכן צו דער „קלאָג פון דער סאָווע אין דער וויסטעניש“. כאַריק האָט מיט שטאָלץ געקאָנט זאָגן:

אין הײַנטיקן אופרוף אין העכסטן
כ׳האָב די ליד פון מײַן טאַטן דערקענט!

כאַריק האָט געבראַכט אין דער ליטעראַטור די קרעפּטיקע און זאַפּטיקע ליד פון זײַן טאַטן דעם שוסטער, די גאַליקע איראָניע פון זײַן זיידן דעם באַדכן. פון אים, ווי פון אַנדערע אַזוינע ווי ער, וואָס „זייער מוזע ווייסט ניט קיין אַנדער עקזיסטענץ, ווי אַן אָקטיאַבערשע“ (מ. ליטוואַקאָוו), האָט ווירקלעך א שפּאַר געטאָן מיט „שווערער קראַפט פון הונגעריקע טאַטעס“, און דאָס האָט אין א גרויסער מאָס באַשטימט די אייגנאַרטיקײַט פון זײַן דיכטונג. פון די „הונגעריקע טאַטעס“ קומט די שטאַרקע אָנגעלאָדנקײַט מיט סאָציאַלן ווייטעק און סאָציאַלן האַס. די קאָלאָסאַלע רײַכטימער פון דעמאָקראַטישן פאָלקלאָר זײַנען געוואָרן דער וויכטיקסטער מאָקער, פון וועלכן ס׳האָט געצויגן איר יעניקע כאַריקס דיכטונג. און ניט נאָר א מאָקער. די פאָלקסשאַפונג איז פאַר אים אין א געוויסער מאָס געוואָרן א שול, וואָס האָט אים געהאָלפן אויספילן זײַן פּאָעטישע מיסיע, די מיסיע פון א זינגער פאַרן פאָלק.

כאַריקס לירישער אומרו איז געווען אָנגעלאָדן מיט געזעלשאַפטלעכער לײַדנשאַפט. זײַנע אינטימע טענער זײַנען געווען מײַלנווײַט פון דער טראַדיציאָנעלער אינדיווידואַליסטישער ליריק. „איך האָב זיך נאָך קיינמאָל מיט זיך ניט פאַרשפּאַרט, מיט זיך אויג אף אויג ניט באַגעגנט“, — האָט שפּעטער געשריבן איזי כאַריק. און ווירקלעך, פון סאַמע אָנהייב האָט אים געצויגן „צו גאַס“, „צו מענטשן“, זײַן גרעסטער יאָמטעוו איז געווען:

פײַערלעכע אָוונטן אף ליכטיקע עסטראַדעס,
לייען איך און לייען, ביז איך ווער ניט מיד.
אין גאָר מײַן גאַנצער אופריכטיקײַט בין איך זיך
מיסוואַדע
און זינג ארויס פאַר אַלעמען דעם יאָמטעוו פון
מײַן ליד.

כאַריק דער ליריקער האָט געזען פאַר זיך א ברייטע אַוּדיטאָריע, וועלכע ער האָט גערופן, באַמיט זיך אָנשטעקן זי מיט דעם יאָמטעוו פון זײַן געמיט. פונדאַנען האָט געשטאַמט זײַן נעטיִע צום דינאַמישן סטיל פונעם לעבעדיקן מענטשלעכן געשפּרעך, צום דיִאַלאָג, צו קאָמוניקאַטיווע רייד־פאָרמען, וועלכע זײַנען זייער אָנגענומען אויך אין דער פאָלקסדיכטונג, באַזונדערס אין דער באַלאַדע. אין כאַריקס לידער און פּאָעמעס טרעפן מיר אָפּט, ווי אין דער פאָלקסליד, די רעטאָרישע פראַגע אָדער דעם רעטאָרישן אויסרוף, די ווענדונג, פאַרשיידענע אַנדערע אַקטיווע רייד־פאָרמען, שטייגער־ווערטלעך, אינטעריעקציעס — אַלץ אַזוינע קינסטלערישע מיטלען, וועלכע זײַנען אָריִענטירט אף גרויסער עמאָציאָנעלער אופווירקונג, אף צו אַקטיוויזירן דעם צוהערער, רײַסן אים מיט זיך.

[ג] שיראַסי — מײַן ליד.

מערקווירדיק, וואָס כאריק האָט אין זינען דעריקער דאָס געפיל אָדער דאָס געהער פון זײַנע לייענער (ריכטיקער: צוהערער), פיל ווייניקער — דאָס אויג. ער שטרעבט דערצו, אַז זײַן דיכטערישע איבערלעבונג זאָל ווירקן אָן באַפּוצונגען און אָרנאַמענטן, ער מײַדט אויס ווי ווײַט מעגלעך ברייטע באַשרײַבערישקײַט, פּלאַסטישע געמעלן און סקולפּטורישקײַט — אַלץ, וואָס מאַכט דאָס בילד סטאַטיש. כאריקס סטיכיע איז דינאַמיק פון בילד, פּערז, וואָרט.

נאַטירלעך איז אויך די גוואַלדיקע אויפמערקזאַמקײַט צו דער מוזיקאַלישער זײַט פון דער ליד. דער דראַנג צו מעלאָדישקײַט דרינגט בא כאריקן אָרגאַניש ארויס פון דער שעפערישער אײַנשטעלונג פון א דיכטער, וואָס רעדט מיטן פאָלק, טרעט ארויס פאַר ברייטע מאַסן.

מ. ליטוואַקאָוו האָט מיט רעכט געשריבן וועגן כאריקן: „ער איז אליין אָנגעלאָדן מיט פאָלקלאָר, וועלכן ער האַלט אין איין אויסלאָדן פון זיך און איבערדיכטן און שאַפן ווערק, וואָס ווערן גלײַך ווי פאָלקלאָר, גייען ארײַן אין די גלידער, צעגייען זיך איבער די אייוורים פון אונדזער מאַסן־שאַפונג, — ער איז א פאָלקסזינגער, א זינגער פונעם רעוואָליוציאָנערן סאָוועטישן פאָלק“[1].

2————

כאריקס ערשטע לידער, וואָס האָבן אונטערן פּסעוודאָנים אי. זעמבין זיך געדרוקט אין 1920 אין מאָסקווער זשורנאַל „קאָמוניסטישע וועלט“, זײַנען געשריבן אינעם נוסעך פון דער מאַסעווער ארבעטער־פּאָעזיע אין די ערשטע יאָרן נאָך דער רעוואָליוציע. אין זיי פּרעוואַלירט דער ראָמאַנטיש־היסלײַוועסדיקער טאָן, עס פעלט נאָך אָבער די באַזיניקונג פון די גרויסע געשעענישן.

אין 1922 איז ארויס כאריקס ערשט ביכעלע לידער „ציטער“, אין וועלכן ער האָט זיך מיסוואַדע געווען, אַז זײַנע יונגע „אַקסלען“ זײַנען „גרינג באַלאָדן מיט יערושע“ און אַז „ציטריק“ גייט ער „צום פאַרטאָג“. די בילדער זײַנען דאָ א ביסל פאַרנעפּלט. עס פילט זיך ערטערווײַז די האַשפּאָע פון די אימאַזשיניסטן, דעם דיכטער פאַרפאָלגט דאָס געשפּענסט פונעם „באָרוועס־אומגליקלעכן שטעטעלע“, וואָס פאַלט און קניט „מיט שעפּסן־טײַנע“, וואָס גייט אונטער אין נאַקעטן אַש פון זײַנע שולן, מיט „לעצטן בוימל־טריף“ פון זײַנע קריגעלעך.

מיר שפּירן אָבער, אַז דעם דיכטערס האָרעפּאַשנע נאַטור איז דערווידער דער ביין־האַשמאָשעס מיט די טונקעלע פאַרבן. אין דער שקיִע־אַטמאָספער רײַסט זיך ארײַן די זעונג פון די „ריזן“, וואָס „האָבן שטיל געהויבן קעפּ נאָך בלויער שײַן... און עפּעס שטיל אַף מיר געוויזן“. עס קומט דאָס פאָרגעפיל פון „א געלעכטער, וואָס וועט זיך הײַנט צעוויגן, ווי אַן אומרו אין די הימלען“, פון פריידן, וואָס דאַרפן און מוזן קומען:

ערגעץ וואַכט שוין אַן אַנדער ריגל,
ערגעץ וויגט זיך א נײַ געצעלט...

דער דיכטער רײַסט זיך פון קלעם, שטרעבט אראָפּשלײַדערן פון זיך די שווערע לאַסט, וואָס דריקט אַף זײַנע פליגלען:

איך וויל מער ניט, אַז שווײַגן זאָל א לאַנד!
איך וויל מער ניט, אַז שטומען זאָל א ניגון!
אָ, וואַרף אראָפּ דײַן אויסגעשטראַלטע האַנט
און לעסטער ניט דעם הייב פון מײַנע פליגלען.

כאריק טרעט ארויס קעגן יענע, וואָס „בייגן זיך שטיל אַף קראַנקער קאַטערינקע“ און „טריפן אין טרערן און לעסטערן מיט אויגן־ליכטלעך וועקסענע“. נאָר איצט איז שוין זײַן וועלט־אָנשויונג ניט אויסגעדריקט דעקלאַראַטיוו. א געלײַטערטער גייט דער דיכטער ארויס דער וועלט אַנטקעגן.

אַזוי איז דורכגעטראָטן געוואָרן דער וועג פון „ציטער“ צו דער „ביינערדיקער וואָר“ (1924—1925).

3————

אין „ציטער“ האָט כאריק גערעדט אין זײַן אייגענעם נאָמען, דאָרט האָט פּרעוואַלירט דער „איך“. אין די לידער פון דער „ביינערדיקער וואָר“ איז געקומען דער „מיר“, דער „איך און אַזוינע ווי איך“ (פּעפּער).

די ליריק איז דאָ גאָר פון א נײַעם מין. דער דיכטער רעדט דאָ אין נאָמען פון א גאַנצן דאָר יונגען, וואָס זײַנען „געבענטשט מיט האָריקע אַקסלען“ און „קרעפּטיקע הענט“, יונגען, וואָס זײַנען געקומען פון שטעטלעך און דערפער, פון כורוועס און רויִנען, פול מיט ברען און אימפּעט צו לייגן די ציגל פאַר דעם גראַנדיִעזן בינייען פונעם יונגן סאָוועטישן לאַנד.

דעם נעשאָמע־פיבער פון אָט די יונגע „וואַלדהעקער“, וועלכע ס׳שרעקט ניט דאָס „דעמבענע געשריי“ פון אומגעוואַלגערטע אַלטע וועלטן, וועלכע זײַנען קימאַט אַסקעטיש פאַרליבט אין „האַרבער מי“ און „שוואַרצן ברויט“, וועלכע „טרינקען דאָס לעבן רויערהייט און וואַרטן ניט ביז עס וועט נעמען שטאַרבן“, — האָט מיט גוואַלדיקער אינטימער וואַרעמקײַט איבערגעגעבן כאריק אין זײַנע לידער.

אין שווערע שאָען פון געראַנגל טוט אַמאָל שטאַרק א צי צו פריידן און צו ליבשאַפט, נאָר „רו און ליבשאַפט — דערנאָך!“. דורך אומרו צו רו, דורך סינע צו ליבשאַפט — אַזאַ איז די דיִאַלעקטיק פון דער דינאַמישער צײַט. דער לירישער העלד איז זיכער, אַז „הינטער דעם אומרו פון קעפּ“ פון זײַן דאָר וועט בלײַבן „די שײַן“, און געניסן פון איר וועט דער דאָר, וואָס וועט קומען, ער וועט שוין זען „די בלוטיקע ציגל אין זויבערע ווענט“. די עסטאַפעטע פון די, וואָס זײַנען „געפאַלן געראַכטע אַף די שטיינער און אַפן בלוט פון פער־לאַשעז“, האָבן איבערגענומען די זיגער פון דער גרויסער רוסישער רעוואָליוציע, די העלדן אַף די פראָנטן פון בירגערקריג. זיי טאַקע ווידמעט כאריק זײַן עפּישן ערשטלינג, די באַהויכטע מיט רעוואָליוציאָנערער ראָמאַנטיק פּאָעמע „מינסקער בלאָטעס“.

„מינסק — ווײַסרוסישער פאַרקלערטער טרויער מיט בעטלערישער אויסגעקרימטער האַנט“, מינסקער בלאָטעס, א מענגע פּיניעס, וואָס „שפּילן זיך דאָ הוילינקע אין זאַמד“, — דאָס זײַנען די העלדן פון דער פּאָעמע.

די דאָזיקע ניט געוויינלעכע פאַר דעם הערא‍ָישן עפּאָס סוויווע ווערט געשילדערט מיט וואָרט און בילד, אַף וועלכע ס׳ליגט דער כיין פון דעמאָקראַטישן פאָלקלאָר. פון דער פאָלקס־דיכטונג קומט די לאַקאָנישע, קימאַט אַפאָריסטישע כאַראַקטעריסטיק, די איינפאַכע, נאָר שטאַרק

[1] „סאָוועטיש היימלאַנד“, נומ. 3 פון 1963, ז. 116.

אָנגעלאָדענע מיט אָנשוילעכקייט און עמאָציע מעטאַפֿאָר, דער פּאַראַלעליזם, די פּייזאַזש־באַראַמונג, די איבערכאַזערונג, די מעלאָדישקייט און מוזיקאַלישקייט פֿון דער סטראָפֿע.

באַם בויערן, באַם הובלען, באַ דער
דראַטווע, באַ דער נאָל,
זינגט מען הויך און זינגט מען הייס און
אַלע מיטאַמאָל...

ווי אָרגאַניש עס פֿלעכט זיך אײַן אינעם פֿאָלקסטימלעכן טעקסט די פֿאָלקסליד „אײַ־אײַ־אײַ־אײַ — יאָשקע פֿאָרט אַוועק, לאָמיר זיך געזעגענען — דער פֿאָיעזד גייט אַוועק!..“

כאַריק זעצט פֿאָר די טראַדיציעס ניט נאָר פֿון דער סאָציאַלער פֿאָלקסליד, נאָר אויך פֿון דער דעמאָקראַטישער און רעוואָלוציאָנערער ייִדישער ליטעראַטור ביז אָקטיאַבער. די טעמע פֿון די באָרוועסע און הונגעריקע פּיניעס, באַ וועלכע „אין מויל ווערט הונגעריק און זיס“, ווען זיי פֿאַרקוקן זיך אַף די שויפֿענצטער פֿון די רײַכע קראָמען, איז אַוודאי ניט געווען קיין נײַע. מיר דערמאָנען זיך פּערעצעס „די לעוואָנע פֿאַרציילט“ און אַנדערע נאָוועלן, ווינטשעווסקיס און באָוושאָווערס לידער, א. רייזענס לידער וועגן נויט און אָרעמקייט און פֿיל, פֿיל אַנדערע. די דאָזיקע ווערק, וואָס האָבן אָנשוילעך אויפֿגעדעקט דעם טיפֿן אַנטאַגאָניזם צווישן אָרעם און רײַך, האָבן אין זייער צײַט געהאַט אַ גרויסע רעוואָלוציאָנערע באַדײַטונג. כאַריק איז אַוועק ווײַטער פֿון זײַנע פֿאָרגייער.

דאָ און דאָרט ווערט די שילדערונג באַגלייט מיט בייזע און טראַגיקע פֿראַגן, וואָס קלינגען, ווי קאַמף־אָנזאָגן: „מויער, מויער, דו ביסט שטאַרק, ביז וואַנען וועסטו דויערן?“

די סצענע, ווו ס׳ווערט דערציילט וועגן די צוויי ייִנגלעך, וואָס לאָזן זיך לויפֿן באַנאַכט אין די רײַכע קוואַרטאַלן, פֿאַרענדיקט זיך אַזוי:

און ס׳פֿליט אין שויב אַ שאַרפֿער שטיין...
אַ גרוס אײַך פֿון די בלאָטעס!

אויך דאָס בילד מיט די „באַשפּיגענע שוועסטער“, וואָס דערמאָנט אין די באַוווּסטע ווינטשעווסקיס „דרײַ שוועסטער“, פֿאַרענדיקט זיך באַ כאַריקן מיט אַזעלכע ווערטער:

מיידלעך, מיידלעך, גוטע פּראָסטע שוועסטער
פֿון הײַזלעך נידעריקע, פֿון קעלער און פֿון ראָג, —
נאָט אײַך לײַכטער, נאָט אײַך מעסערס,
הייבט די הענט און שלאָגט.

דער דיכטער באַווײַזט, ווי דער האַס, וואָס האָט זיך יאָרנלאַנג געזאַמלט אין די שטילע געסלעך, ברענגט צו אַן אויפֿרײַס:

שויבן פֿיבערן און קוילעס ברעכן זיך און רײַסן,
און רונד־אַרום ווערט הילכיק און געדיכט.

אינגאַנצן נאָוואַטאָריש איז געווען די רעוואָלוציאָנערע ראָמאַנטיק אינעם צווייטן טייל פֿון דער פּאָעמע. דאָ איז באַוויזן די העראָיִק פֿון אַ גאַנצן לאַנד, וואָס האָט זיך „געשמאַק און הונגעריק צעברענט“, די העראָיִק פֿון מאַסן.

עס ווערט אויפֿגעדעקט דער טיפֿסטער טראַגיזם פֿון די געשעענישן, זייער גאַנצע קאָמפּליצירטקייט:

אַ גאַנצן טאָג האָט זיך אַ לעצטער צוג געראַנגלט
און אָפּגעגאַנגען מיד נאָך אָרשע און סמאָלענסק,
שטיקט זיך איצט די שטאָט מיט אומרויִקע קלאַנגען:
וועמעס איז מען און אין וועמעס הענט?

שטאַרק דראַמאַטיש זײַנען די לעצטע קאַפּיטלען. עס קויפּט אונטער די פֿאָלקסטימלעכע באַלאַדישקייט, מיט וועלכער זיי זײַנען באַהויכט:

ניט קיין העלדן, ניט קיין האַריקע גיבורים
האָבן זיך דאָ ביינערדיק פֿאַרקלערט,
יונגע יונגען מיט יונגע אויגן
וויגן זיך פֿאַרמאַטערט אַף די פֿערד...

דער פֿינאַל — אַן אייגנאַרטיקע ליד, וועלכע צויבערט מיט איר לירישער ווייכקייט און וואַרעמקייט:

שטילער, פֿאַרמאַטערטע, רויִקער, טײַערע,
ווער וועט פֿאַרהיטן די רו?
ס׳וועלן הײַנט ווינטן און רויִקע פֿײַערן
שטיל מיט אײַך ריידן אַף דו...
און ווער עס וועט פֿאַלן — וועט מוזן פֿאַרגעסן
אַ פֿאַרלאָשענעם קאָפּ אַף דער ביקס...
— זאַמדיקע, שטילע, פֿאַרוואָרפֿענע געסלעך,
היים, אונדזער בלוטיקער מינסק.

די דאָזיקע ליד געהערט צו די בעסטע מוסטערן פֿון דער רעוואָלוציאָנער־ראָמאַנטישער ייִדישער דיכטונג.

4

אין אונדזער קריטיק איז געווען אָנגענומען צו שילדערן כאַריקס שעפֿערישן וועג ווי אַ מין דורכויסיקן גראָדליניקן גאַנג. אינדערעמעסן איז עס ניט אַזוי. עס זײַנען באַ אים אויך געווען צײַטן פֿון שטרײַט מיט זיך אַליין, פֿון ספֿייקעס און שטימונגען. אַנדערש האָט עס ניט געקאָנט זײַן באַ אַזאַ פֿילבאַרן, צאַרטן און אויפֿריכטיקן דיכטער, ווי איזי כאַריק, וואָס האָט אַזוי אָרגאַניש אײַנגעזאַפּט אין זיך אַלע פֿריידן און ליידן פֿון זײַן צײַט.

אין כאַריקס טעמפּעראַמענטפֿולן, שטורמישן אומרו האָט זיך געפֿילט דער אומרו פֿון די בעסטע מענטשן פֿון זײַן דאָר. זײַן וואָרענונג איז געווען געזעצמעסיק און באַרעכטיקט:

צו אונדז אין סאָד זאָל קיינער ניט אַרײַנגיין,
ווער עס בענקט נאָך שטילקייט און נאָך רו...

אין לעבן איז געווען נאָך פֿיל בייז, און ס׳איז ניט שטענדיק לײַכט געווען צו פֿאַרהיטן „די זומערדיקע שויבן אין האַרצן“. דער צאַרטער דיכטער האָט דערפֿון שטאַרק געליטן:

איך וויל ניט און איך קאָן ניט, אַז אַ האַרץ
זאָל ציטערן, זאָל בעטן זיך און וויינען, —
שוין בעסער גאָר אַף שטיינער־האַרט
אַזוי אַ בראָך טאָן זיך פֿאַרשטיינערט, —
ניין — איך וויל ניט, ניין — איך וויל ניט,
ניין און ניין!
בעסער נעמט, צעזעצט מיך אָן אַ שטיין,
איידער אויסזעצן די שויבן פֿון מײַן האַרצן...

ווי האַרב און קאָמפּליצירט עס איז געווען דער קאָנפֿליקט מיט זיך אַליין אין אַ צײַט פֿון פֿאַרשאַרפֿטן צוזאַמענשטויס פֿון וועלטן, — ווערט אויסדריקלעך דערציילט אין דער לירישער פּאָעמע „קאַטערינקע“ (1925).

אין פלוג, א געוויינלעכע געשיכטע. דער לירישער העלד, וואָס האָט זיך אָקאָרשט אומגעקערט פון שלאכטפעלד, לעבט איבער א שטארקע אופטרייסלונג — ער איז געצוווּנגען צערייַסן מיט זייַן געליבטער, ווייַל זי געהערט צו א וועלט, וואָס איז אים פרעמד און פייַנטלעך.

דעם דאָזיקן פאקט דערהייבט דער דיכטער צו דער הייך פון א סאָציִאַל־פילאָסאָפישער פאראלגעמיינערונג. אינעם צוזאמענשטויס צווישן דער „קאטערינקע אין אָרעמינקן העמד" און דער „בענקענדער פּאַרטעפּיאַן", וואָס איז איַינגעהילט אין סאמעט און פּליושענע גארדינען, ווערט פארקערפּערט דער דראמאטישער געראנגל צווישן צוויי וועלטן, צווישן דעם, וואָס דארף לעבן, און דעם, וואָס איז פארורטיילט צום אונטערגאנג.

אויך אין דער פּאָעמע ווערט מייַסטערהאפט געשפּילט מיט קאָנטראסטן.

דאָס מיידל, וואָס איז ענלעך אף דער לירישער העלדן פון אכמאטאָוועס לידער פון יענע יאָרן אָדער עפּשער גאָר אף מירעלען פון „נאָך אלעמען", ווערט פונעם דיכטער איַינגעקוטעט אין „רו פון ווענט", אין „שטילקייַט פון דער נאכט". זי ווערט געוויזן אין שטוביקער אריסטאָקראטישער געמיטלעכקייַט, אין שכיינעס מיט דער „בענקענדער פּאָרטעפּיאַן". מיר דערוויסן זיך פון איר ייִכעסדיקן אָפּשטאם. איר פּאָטער — א מין גדאליִע הורוויץ, א גוויר — א יוירעד, א סאמעטענער ייִד, וואָס האָט אליין „מיט פויערים פארווייעטע" אויסגעהאקט דיביימער פון זייַנע „שוויַיגנדיקע וועלדער" און „זייַן יונגע טאָכטער ניט פארהיט פון עלנט, און זייַן יונגע טאָכטער ניט פארהיט פון צאר..."

דער לירישער העלד, פארקערט, איז די פּערזאָניפיצירונג פונעם אומרויִקן דאָר, וואָס „טראָגט זיך איבער שטאָט און יאָגט זיך פון א מויער צו א מויער"; ער איז געקומען צעשטערן די שטילקייַט, פארטרייַבן די פינצטערניש, אָנצינדן ליכט.

דער טראגישער קאָנפליקט, אין וועלכן ס'פּילט זיך פּערזענלעכער ווייטעק און פּיין, ווערט געשילדערט מיט פסיכאָלאָגישער ראפינירטקייט. דעם העלד איז זיך שווער צו באפרייען פון דעם מיידלס רייצנדיקער צארטקייט, שווער צו צוימען דעם „אָנגעגאָסענעם האלדז־און־נאקן"...

נאָר מע דארף, מע מוז „דאָס בלוט צעטרעטן אף די שטיינער", ארויסרייַסן דעם מיטלייַד פון הארצן מיט גוואלד און „פארמאכן די טיר מיט א סינע".

5

ניט ווייניקער דראמאטיש איז געווען כאריקס „ליבעראָמאן" מיטן שטעטל. שוין אין די לידער פון „ציטער" האָט ער באוויינט דאָס אלטע שטעטל, וואָס „ליגט אָן עלנטע אף קני". דאָס דאָזיקע בילד האָט אים ניט אופגעהערט צו פארפאָלגן. אין דעם „העכסטן פון די מויערן" איז צו אים אָפּט דערגאנגען דעם שטעטלס „טרוקענער געוויין". מיט פארבאָרגענעם ווייטעק האָט ער עס געשאָלטן: „שטעטעלע, פארשווינד!" דעם דיכטער האָט זיך דעמלט געדאכט, אז צוזאמען מיט די לעצטע פארמאכטע קראָמען און שטארבנדיקע זיידעס וועט דאָס שטעטל אומפארמייַדלעך אונטערגיין.

דאָס שטעטל איז אָבער ניט אונטערגעגאנגען. עס האָט זיך אויך א צי געטאָן צום נייַעם לעבן. אין כאריקס ציקל לידער פון די יאָרן 1924—1926, וואָס זייַנען געווידמעט דעם שטעטל, האָבן זיך דערהערט נייַע טענער. דעם הארבסטיקן ווינטיקן פּייזאזש האָבן פארביטן נאטורבילדער, וואָס זייַנען געווען באהויכט מיט טוי און מיט באגינען. ניט אלץ איז פארפאלן: „מייַ צעגיסט זיך אף די גאסן", און אויך באם שטעטל „מוז איצטער זייַן מייַ"; „דער אָפּגעהאקטער צווייַג" וויל „ווידער אָנהייבן צו גריינען". דער דיכטער זעט איצט דאָס שטעטל אין א נייַער ליכט, ווי עס וואָלט אפסנייַ געבוירן:

דייַנע הייַזעלעך, ווי אופגעוואכטע שאָף,
עפענען די קייַלעכדיקע אויגן
נאָך א שטילן, זומערדיקן שלאָף...

דאָס שטעטל קאָן מען ראטעווען, מע דארף עס נאָר איַינשליסן אינעם אלגעמיינעם גרויסן איבערגעשטאלטונגפּראָצעס.

די דאָזיקע נייַ־געעפנטע פּערספּעקטיוו ווערט קינסטלעריש רעאליזירט אין די פּאָעמעס „ברויט" און „מיט לייַב־און־לעבן".

דער דיכטער ווייסט איצט קלאָר, וואָס אינעם שטעטל וועט אונטערגיין און וואָס וועט ווייַטער לעבן. אונטערגיין וועט דאָס שטעטל פון די זיידעס, שאָלעם אשס אָדער אָנויכיס שטעטל: „באוואקסן שוין פון לאנג מיט שטילקייַט און מיט מאָך אלע פרומע וועגן פון רעב אבע".

אויך „ברויט" איז א פּאָעמע „אָן א העלד מיט א קרוין אפן קאָפּ" (י. בראָנשטיין), ס'איז ווידער העראָיִק פון מאסן, דאָס מאָל העראָיִק פון רעוואָלוציאָנערער איבערגעשטאלטונג פון גאנצע פלאסטן לעבן, סאָציִאַלע גרופּן און קלאסן. כאריק פאראָדירט דאָ באוווסטזיניק דעם טראַדיציאָנעלן העראָיש־עפּישן טאָן פון די „העלדישע פּאָעמעס", ער מאכט אים היימישער, וואָכעדיקער:

אזוי צי אזוי, נאָר עס שמעקט שוין מיט מארט...

אזוי פּראָסט־שטייגעריש הייבט זיך אָן דאָס געזאנג וועגן ברויט. די געשיכטע וועגן דעם, ווי א גרויע מאסע, וואָס איז געווען „געווינט צו וואָג און צום פונט", איז איבערגעגאנגען צו פּראָדוקטיווער ארבעט אף ערד, ווערט דערציילט אין א טמימעסדיקן פאָלקס־טאָן, באגלייט מיט א ווארעמען שמייכל פון א פאָלקסזינגער. קיין שום פּאָמפּעזקייַט, קיין שום געמאכטע פּאטעטיק. א בילד פון א פארלאָזענעם פּלאץ, ווו ס'הוליעט העפקערדיק דער ווינט... די ערשטע אומהיימלעכע נאכט אפן נאקעטן דיל...

בילדער פון שווערער מי, צו וועלכער מע איז ניט געווינט:

אוי, ווער האָט געזאָגט און ווען,
אז גרינג איז, ערדעלע, דיך קענען...

א שלאקסרעגן אין פעלד. „טאטעס אויסגעווייקטע אין רעגן און אין זאפּט", פרויען, וואָס קוקן שטילערהייט אין שויב, „וואָס וואַרטן פארשלאָפן און פארקלערט: א ראכמאָנעס אף די טאטעס, א ראכמאָנעס אף די פערד".

דער מאמעס וויגליד — אינעם נוסעך פון די וויגלידער, וועלכע עס האָט געשאפן דאָס פאָלק, פון די לידער, אין וועלכע ס'האָט זיך געהערט דער מאמעס זיפץ, איר מוטערלעכע זאָרג פארן מאָרגן פונעם קינד. אין דער נייַער וויגליד איז נאָך דאָ פיל מאמישער טרויער, ווייַל „אין שטוב איז נאָך לער", אָבער „פּעט און זאפּטיק זייַנען פעלדער", דער מאָרגן איז געזיכערט, — קומען ארייַן אין דער וויגליד נייַע, מונטערע טענער, די מוטער ווייסט, אז איר קינד וועט וואקסן „מיטן ווּוקס פון בוים",

און ווען „ס'וועט ווערן גרינג אַף גאָרער ערד“, וועט עס אין פריידן דערמאָנען, אַז „זײַן מאמען איז געוועזן שווער“.

די פרייד ווערט געבוירן אין שווערער מי און לייד, איז זי דעריבער באַזונדערס ליב. מיר שפירן זי אין דעם מײַסטערהאפט געשילדערטן בילד פונעם פרימאָרגעדיקן היי־שניט, ווו יעדעס וואָרט טוקט זיך מאמעש אין זונען־גאָלד, אין טראָפּנס טוי, אין ליכט און אין באַגינען. און ווי ווונדערבאַר ווערט דאָ געשפּילט מיט קלאַנג:

עס קלינגט און בלאַנקט אין ברייטן טאָל,
און קלינג־און־קלאַנג פון שאַרפן שטאָל
פאַרגייט זיך אין די קאָסעס...
טוי און זון, און שטיקער גאָלד
רינט פון היי און פאַלט אין טאָל,
צעמישט זיך מיט די גראָזן... אאוו.

מיר פילן זי, די פרייד, אין דעם האַסטיקן ריטם, מיט וועלכן ס'ווערט געשילדערט די מי פון די ייִשווניקעס.

אין דער פּאָעמע „ברויט“ איז די לייזונג פון דער שטעטל־פּראָבלעם בלויז אָנגעמערקט. אין דער פּאָעמע „מיט לײַב־און־לעבן“ איז די פּערספּעקטיוו אָנגעצייכנט דײַטלעכער.

6

„מיט לײַב־און־לעבן“ איז א פּאָעמע, וואָס פאַרמאָגט א צענטראַל געשטאַלט.

יעדע שורע פון אָט דער ווונדערלעכער שאַפונג כאַריקס איז שוין לאַנג אַרײַן אין די כרעסטאָמאַטיעס. ווי נאָר די פּאָעמע איז דערשינען, איז זי גלײַך געוואָרן אַן אָביעקט פון שטורמישע אָפּהאַנדלונגען און דיסקוסיעס אין די אַרבעטער־קלובן און סטודענטישע אַאודיטאָריעס. ווי די בעסטע מאַטאָנע האָבן זי אויפגענומען די יונגע ייִדישע לערער אין די שטעטלעך און שטעט פון יענער צײַט. און ניט איין יונגע לערערן האָט אין די לאַנגע אָוונטן, ווען זי איז געזעסן אײַנגעבויגן איבער די קינדערשע העפטן, שטיל פאַר זיך געפליסטערט:

שווײַגן מײַנע קינדער
און מיינען, אַז איך וויין. — — —
קינדער, מײַנע קינדער,
איך בין א קינד אַליין...

כאַריק האָט זײַן העלד ניט באַשאָנקען מיט טיטאַנישער גוורע. די יונגע לערערן איז שוואַך אין געזונט, איידל, צאַרט, פילבאַר. דער דיכטער האָט זי אָנגעלאָדן מיט אַלע גײַסטיקע ווייטעקן, מיט וועלכע ער אַליין האָט געווייטעקט.

שוין דער אַרײַנפיר שליסט אונדז אײַן אינעם דראַמאַטיזם פון די געשעענישן. „האַרבסטיקער אומעט“, „זאַמדיקער לאַנגווײַל“, „וויאַרסטן און וויאַרסטן און וויאַרסטן און ווידער“ — אַף דעם פאָן — א יונגע, מונטערע ענטוזיִאַסטן, וואָס פאַרט „אין העק“ „א פּרווו טאָן די קויכעס“, „מיט לײַב און מיט לעבן אַרײַן אין דער אַרבעט“. איר אָנקום ווערט באַגלייט מיט דעם ענערגישן, האָפּערדיקן יוגנט־געזאַנג, אין דער צײַט, ווען דאָס פאַרוואָרפענע שטעטל, וווהין זי איז אָנגעקומען, איז פאַרזונקען אין דער טרויעריקער מוזיק פון דעם זיידנס ניגונים.

אַזוי הייבט זיך אָן צעוויקלען דער הויפּט־קאָנפליקט צווישן «Мы молодая гвардия» און „אַפן פּריפּעטשיק ברענט א פײַערל“... כאַריק האָט געוויזן דאָס שטעטל אַזאַ, ווי עס איז געווען אין אָנהייב פון די צוואַנציקער יאָרן. „אַלץ איז נאָך מיט ווילדפלייש דאָ באַדעקט“.

„ס'איז דאָס שטעטל א שוועל, וואָס פירט נאָר אַוועק צו וואַקזאַלן...“ — אַזאַ איז געווען דער ערשטער אײַנדרוק. און מיר זעען די לערערקע אין איר ערשטער פאַרלעגנהײַט, אין איר ערשטן טיפן טרויער, ווען זי דערפילט זיך הילפלאָז אויג־אַף־אויג מיט צענדליקער געזונטע, קרעפטיקע יונגען, וועלכע גייען אום אָן אַרבעט און וואַרטן אַף איר הילף.

כאַריק האָט אויסגעמיטן פלאַכע אידעאַליזאַציע אין דער שילדערונג פון דער יונגער לערערן. ער האָט זי געוויזן מיט אַלע אירע שוואַכקײַטן און ספייקעס:

וואָס זאָל זי טאָן? ניט זיכער איז איר האַנט,
און זי אַליין מיט וויסן ניט באַלאָדן.

דער דיכטער דערציילט וועגן איר טרויער אין די לאַנגע ווינטער־נעכט, ווען ס'פלעגט זיך איר דאַכטן, אַז זי איז ווי אין א טפיסע און „הינטערן פענצטער שפּאַנט אום א וועכטער, שפּאַנט ער, דער וועכטער, אין ווײַסן געלעכטער, אין ווײַסן געלעכטער פון ווײַסע בוראַנען“.

ערגעץ הילכן דאָך ליכטיקע שטעט,
און יעטווידעס שטיינדעלע שײַנט דאָרט...
צו וועמען איר שטילער געבעט,
איר שטילע באַרויִקטע טײַנע?

ברייט אויסנוצנדיק דעם דיִאַלאָג, פרײַ אָפּערירנדיק מיט פּאַראָדירטער סטיליזאַציע, האָט כאַריק דײַטלעך אָנגעמאָלט די אַטמאָספער פון ווילדער סינע, אין וועלכער דער יונגער לערערן איז אויסגעקומען צו אַרבעטן און קעמפן. מײַסטערהאַפט וואַריִירנדיק דעם מאָטיוו „גייט זי דורך די גאַס“, באַווײַזט דער דיכטער, ווי נאָך יעדן זיג פון דער לערערן איז געוואַקסן דער האַס צו איר מיצאַד די סאָנים. דעמאָלט, ווען זי איז ערשט אָנגעקומען אין שטעטל, האָבן די באַלעבעסלעך געקוקט אַף איר מיט ביטל, אויסגעלאַכט דאָס מיידל מיט „די קורצע האָר און קורצן סייכל“, וואָס קלײַבט זיך דאָ איבערקערן די וועלט. שפּעטער, ווען זיי האָבן אין איר דערפילט א קראַפט, זײַנען זיי געוואָרן גיפטיקער. דער פאָלקסטימלעך־פּאַראָדירטער דיִאַלאָג קלינגט שוין אַכזאָריעסדיק. דער כויזעק ווערט שוין א מיטל פון נעקאָמע, פון מאָראַלישער פאַרניכטונג:

גייט זי דורך די גאַס,
ווײַזט מען מיט די פינגער...
רעב כאַצקעלעס טעכטער
לאַכצידירײַ,
די בײַכלעך ווערן העכער
לאַכצידירײַ... אאוו.

און ניט אויסבאַהאַלטענע פרייד פילט זיך שוין אין די סאַרקאַסטישע רעפּליקעס פון די סאָנים, ווען די לערערן ליגט אַפן טויטן־בעט:

מיט די פיס אין קלויסטער! מיטן קאָפּ אין דר'ערד!
וואָס מיינסטו, אַז מיר זשאַלעווען „זיי“ ערד?
און מע האָט צעלאַכט זיך אין די בערד...

אין אַזעלכע באַדינגונגען איז אויסגעקומען צו לעבן און ווירקן. דער קלענסטער זיג וואַקסט אין אַזעלכע אומשטענדן אויס אין עכטער העראָיִק. עס האַנדלט זיך דאָך

וועגן איבערבויען וועלטן, מענטשן, שטייגער, פסיכאָלאָגיע.

די לערערן איז געווען א קינד פון דער עפאָכע. אף אלע שווערסטע עטאפן פון איר קורץ לעבן איז זי פול מיט אָפטימיזם. זי איז שטענדיק זיכער, אז „מאָרגן וועט זייַן יאָמטעוו!“ וועגן דעם זאָגט איידעס איר בריוו (אגעוו, א גלענצנדיקער מוסטער פון שפראך־סטיליזאציע, מיט וועלכער ס'צייכענען זיך אויס אלע אנדערע בריוו אין דער פאָעמע). זי איז שטאָלץ דערמיט, וואָס איר „פיצל ערד איז אויך אין קאָן פון איצטערדיקע שלאכטן“. קיינע צייַטווייַליקע ספייקעס און אנטוישונגען קאָנען ניט דערשטיקן איר גרויסע פרייד. „און ס'ווערט מיר גרינג. פארשאָטן דאָ אין שניי, וואָלט איך מייַן פרייד דאָ אלעמען פארטרויען“.

דאָס אלץ בילדעט דעם אָפטימיסטישן גרונט־טאָן פון דער פאָעמע און גיט איר צו דעם כאראקטער פון אן אָפטימיסטישער טראגעדיע. ניט אומזיסט איז דער פייזאזש, וואָס איז איינער פון די וויכטיקסטע קאָמפאָנענטן, אזוי רייַך מיט בלוי און ווייַס, מיט ליוטערקייַט און מיט געזאנג. עמעס, ער בייַט זיך, עס טרעפט, אז ס'ווייט פון אים מיט גרויסן אומעט, דאָך פרעוואלירן אין אים העלע, פריידיקע טענער. אָט איז נאָר איין בייַשפיל:

א וועג — אין שניי, אין בלענד, אין בלוי,
און שטיקער זון און שטיקער רעגנבויגן.
עס האָט דער שניי הייַנט אופגעשטראלט אזוי,
פארמאכן זיך פון ווייַסקייַט אירע אויגן...
עס שמעקט דער פראָסט מיט האָניק און מיט ווייַן,
דאָס רויִק פעלד איז אָפגעדעקט און העלט שוין,
„גוטמאָרגן, וועלט, געגריסט זאָלסטו מיר זייַן!“
זי וויקלט זיך נאָך ווארעמער אין פעלץ אייַן...

און אפילע די לעצטע טראגישע קאפיטלען טראָגן אין זיך טיף פארבאָרגן הויכן דראמאטישן אָפטימיזם. זיי דערמאָנען אָן די בעסטע מוסטערן פון דער רעוואָליוציאָנער־ראָמאנטישער סאָוועטישער דיכטונג, צום בייַשפיל מ. סוועטלאָווס „גרענאדע“ אָדער ע. באגריצקיס „דער טויט פון א פיאָנערקע“.

דאָס קאפיטל „מינוטן“ — אן אייגנארטיקע באלאדע. ווי גלענצנד ווערט געשילדערט דער אָנוווּקס פון אומרו און טרויער!

10 אזייגער מיט צוואנציק מינוט...
13 אזייגער מיט צוואנציק מינוט...

גרויזאם קלינגען זיי, די שטרענגע אָנזאָגן פון אומפארמייַדלעכן זיך דערנעענטערן צום טראגישן פינאל... אין זייער מאָנאָטאָנישער ווידערהאָלונג הערט זיך א מין לעווייַעדיקער גלאָקן־געקלאנג... נאָר אין זיי פלעכט זיך רירנד־צארט ארייַן א ווייכער, שוועסטערלעך־מילדער פליסטער, וועלכער באַרויִקט, ווי א זיס־טרייסטנדיקע מוטערלעכע וויגליד:

רו זיך אויס, לערערן, ס'איז דיר ניט גוט...
רו זיך אויס, לערערן, ס'וועט דיר זייַן גוט...

די לערערן איז געשטאָרבן. נאָר איר טויט, ווי איר לעבן, איז געווען ניט אומזיסט. זי האָט דורכגעאקערט דעם רויען באָדן און מיט איר יונגן בלוט אים באפרוכפערט. דאָס שטעטל האָט זיך געענדערט, די מענטשן זייַנען געוואָרן אנדערע. שוין גאָר א נייַער קאבאלאס־פאָנעם דערוואַרט איצט די, וואָס וועלן פאָרזעצן די ארבעט פון דער יונגער לערערן, די, וואָס וועלן פארווירקלעכן די „ליכטיקע לעגענדע“, וועגן וועלכער די לערערן האָט געטרוימט באם לעבן.

כאריק רעאליזירט קינסטלעריש דעם דאָזיקן געדאנק. ער ווענדט דאָ אָן די רינג־קאָמפאָזיציע. די פאָעמע פארענדיקט זיך אזוי, ווי זי האָט זיך אָנגעהויבן. ווידער קומט דער מאָטיוו פון «Молодая гвардия», ווידער די זעלבע „לופטיקע הימלען“, דער זעלבער טראקט. א נייַע לערערן קומט אָן אין שטעטל, נאָר זי איז מונטערער, קרעפטיקער, זיכערער.

קאָן זי ניט ליגן א שטילע און וואַרטן.
— לאָז! — און זי גיט זיך א ריס פון
דעם וואָגן.
„היי, באלעגאָלע! און פרוּוו מיך דעריאָגן!“
און ס'טאנצט שוין די זון אף איר לעדערנעם
גארטל.

און צום דריטן מאָל קומט אין פינאל די פאראָדירטע וואריִאציע פון „גייט זי דורך די גאס“, נאָר איצט קלינגט זי אינגאנצן אנדערש. קיינער לאכט ניט פון דער נייַער לערערן. פארקערט: „מע דערזעט זי און מע פרייט זיך...“

7———

וועגן דעם, ווי דער טרוים פון דער יונגער לערערן וועגן שטעטלעך, וואָס וועלן זיך אָנטאָן אין שטיין און שטאָל, איז מעקוים געוואָרן, דערציילט כאריק אין דער פאָעמע „קייַלעכדיקע וואָכן“ (1930—1931). וועגן דעם ווערט געזאָגט אין א לירישער אָפווייַכונג טאקע גופא אין דער פאָעמע: „זי האָט נאָר אין כאָלעם געזען די טאָרפן, פון יאָמטעוו אזא ניט געוווּסט...“

די דאָזיקע לירישע רעטראָספעקציע האָט א באשטימטן זין. דער דיכטער דערמאָנט זיך אויך אין קינעלע, בא וועלכן זייַן טאטע, דער שוסטער, פלעגט ארבעטן (איבערוף מיט „לידער וועגן לידער“), אויך פיניע דער יונג פון די מינסקער שטילע געסלעך (איבערוף מיט „מינסקער בלאָטעס“) שווימט אוף אין דער פאָעמע. דאָס אלץ מאכט אָנשווילעכער דעם היסטאָרישן מעהאלעך, וועלכן עס האָבן דורכגעמאכט די „שטילע געסלעך“ און די „פארוויינטע אָזערעס“ פונעם אמאָליקן ווייַסרוסלאנד.

אין „קייַלעכדיקע וואָכן“ האָט זיך פרעכטיק צעבליט כאריקס סאטירישער טאלאנט.

סאטיריש־פאָלעמיש איז שוין גופא דער פייזאזש. אין דער שילדערונג פונעם אוראלט, פונעם נאטור־בערייִשיס, מיט וועלכן עס האָבן זיך געקוויקט די נאצדעמישע „סאָמאָביטניקעס“, ווערט דורכן דיכטער באזונדערס באטאָנט דאָס רויבערישע, ברוטאלע, בלוטדורשטיקע: „הערנער־געפלעכט, צעעפנטע ציין, טומפיקע שווערקייַט פון לאַפעס“, „הארטע צעוואקסענע נעגל“, נאָזלעכער, וואָס „שמעקן מיט גלוסטונג“, „הונגער־געוואָי און מעשונע“.

די דאָזיקע מעמשאָלע פון רויב און טיראניע האָט מען יאָרנלאנג ארומגערינגלט מיט אן אָרעאָל פון געטלעכער נעשאָמע־יעסיירעדיקייַט, מיט „זייַדענעם פלאטער פון ווייַסע מאלאָכים“, מיט „גאָלדענעם טריף פון איקאָנעס און ווארעמען ווייַרעך פון פאניקאדילעס“. כאריק רייַסט אראָפ די הייליקע מאסקעס פון דעם גראף און דעם סראָרע, פונעם פלאקסענעם גאלעך און טכוירענעם ראָוו. זייַן כויזעק־געלעכטער טרעפט מיט איין קלאפ ביידע קולטורן: דעם שאבעסדיקן „טשירי־באָם“ און דעם זונטיקדיקן „באָם־באָם“.

אין דער קונסט פון פּאַראָדיע און איראָנישער סטיליזאַציע דערגרייכט כאַריק א היפּשע הייך. די מיטלען, מיט וועלכע דער דיכטער פּאָלעמיזירט דאָ מיט דער ייִדישלעכער ראָמאַנטישער קולטור־טראַדיציע, דערמאָנען דעם אופן, ווי היינע, צום ביישפּיל, האָט פּאָלעמיזירט מיט דער דייטשישער רעאַקציאָנער־ראָמאַנטישער דיכטונג אין זיין באַרימטער פּאָעמע „דייטשלאַנד, א ווינטער־מייסעלע".

דער דיכטער שאַפט א גאַליק־בייסיקן אַנטירעליגיעזן פּאַמפלעט אף דער רעליגיעזער קולטור, אף דעם אַטאַבעכאַרטאָנער־קולט. מיט דער זעלבער קראַפט ווערט געפירט די פּאָלעמיק מיט שאָלעם אַשס שטעטל־אידיליע.

מיט ברייטן עפּישן מעטער, מיט פיין אָפּגעקליבענער ביבלישער לעקסיק שילדערט כאַריק די כסידיש־נעגידישע זאַטע רו פון כעזקל גאַמבינער און זיינע הייליקע מעשאָרסים, מיט וועלכע ער פּראַוועט צוזאַמען מעלאַווע־מאַלקע:

פון מיִריוו געקומען. איצט מאַכט ער
פּאַוואָליע האַוודאָלע.
— ויתן לך מטל השמים ומשמני
הארץ[1] — — —
די שפּיגלערס באַלאָדן מיט פלאַקסן, מיט
ווייצן, מיט קאָרן,
און ס׳כראָמטשען דעם גאָלדענעם האָבער די
פערד אין סטאַדאָלע...

מיט בייסיקער סאַטירע ווערט געשילדערט דער יונגער גראַף, וואָס קומט צו פאָרן „איין כוידעש אין יאָר אף פּאָלוואַניע" און פּראַוועט יאָמטעוו אין זיין מאַיאָנטעק. די סימכע אינעם ליכטיקן שלאָס, ווו עס רוישט פון „קלעזמאָרים און טענץ", ווו מע באָדט זיך אין „געטראַנק און קרעדענץ", ווערט געוויזן אפן פאָן פון די ווייסרוסישע „וויסטע פעלדער" און „טויטע טאָרפן".

דער דיכטער נעמט אריין אין פּייזאַזש הויפנס ווייסרוסישע פאָלקס־לעקסיק („איז אָרעם די כודאָבע און כמאַריק די פּאַגאָדע", „און ווער וועט אונדז דאָ קאַרמענען און ווער וועט אונדז דאָ אָנפּאָיען" אאַוו.) — דאָס בילד פון עלנט און וויסטעניש, פון גרוילִיקער נויט און סאָציאַלער אומגערעכטיקייט באַקומט זיך מאַכמעס דעם אויסערסט איבערצייגנדיק.

מיט פיינער ראָמאַנטישער סטיליזאַציע זיינען באַשריבן דעם גראַפס פּרעכטיקע פּאַלאַצן („אין א מירמלנעם שלאָס א גינגאָלדענער דיל, אף דעם גאָלדענעם דיל קלאָר־קרישטאָלענע בענק" אאַוו.). איראָניש ווערן פּאַראָדירט די ראָמאַנטישע מייסעלעך וועגן „גוטן פירשט אָדער דוקעס".

די סאַטיריש־גראָטעסקישע בילדער פונעם פינצטערן אַמאָל בילדן דעם קאָנטראַסטישן הינטערגרונט פאַר דער גראַנדיעזער בויונגס־פּאַנאָראַמע, וואָס וויקלט זיך פאַנאַנדער אין דער פּאָעמע.

אין דער שילדערונג פון די פּראָדוציר־פּראָצעסן און נייעם לעבנסשטייגער נוצט כאַריק ברייט אויס די דעמאָקראַטישע עלעמענטן פון פאָלקלאָר, וועלכע ווערן פון אים טראַנספּאָרמירט, באַנייט. דער פּייזאַזש קריגט א נייעם לעוווש, אלטע בילדער־אַסאָציאַציעס באַקומען א נייעם אינהאַלט.

אן אלטע פאָלקסליד („דריי און דרייסיק דראַגונער פאָרן אפן פּראַגער בריק" אאַוו.) האָט א ווי געטאָן מיט נייעם לאָשן, מיט פיינער קלאַנגען־שפּיל, — מיר האָבן דיילעך דערהערט דעם הילכיקן רויש פון טראַקטאָרן אף די ברייטע פעלדער:

דריי און דרייסיק טראַקטאָרן ריידן אפן טראַקט,
דריי און דרייסיק טראַקטאָרן רייסן אוף דעם
טראַקט...

אין סטיל און ריטם פון שטורמישע פאָלקס־טענץ און טשאַסטושקעס איז געגעבן דער טאַנץ פון די טאָרפיאַניקעס:

היי, טאַטוליע, היי, מאַמוליע,
ס׳וויל דיין זון א ביסל הוליען...

בונט און פילפאַרביק, ווי א פרייליכער פאָלקס־קאַרנאַוואַל, דערשיינט פאַר אונדז דאָס געוועט פון די בריגאַדעס.

עס הייסט קלאָל ניט, אז די עפּאָפּיי פון דער גרויסער בויונג איז בא כאַריקן געגעבן ווי א דורכויסיקער יאָמטעוו. דער דיכטער באַטאָנט אויסדריקלעך, ווי שווער ס׳איז געווען דער געראַנגל. מיט שטאַרקער קינסטלערישער קראַפט איז אופגעדעקט די כיטרע שפּיל פונעם באַלעגוף; עס פאַרגעדענקט זיך דאָס בילד פון דער טעכנישער קאַטאַסטראָפע. קעדיי די פּאַטעטיק פון געשילדערטן זאָל ניט איבערגיין אין אַבסטראַקטער רעטאָריק, מישט כאַריק אריין אין דעם דערהויבענעם עפּישן סטיל לירישע טענער. דאָס בילד פון דער פייערלעכער עפענונג פון דער עלעקטראָסטאַנציע ווערט איבערגעפלאָכטן מיט צאַרטע דערמאָנונגען פונעם דיכטערס קינדהייט און יוגנט, וועגן די העלדן פון זיינע פריערדיקע ווערק. די לירישע רעטראָספּעקציעס מאַכן די הערויִשע טעמע היימישער, אינטימער.

געוויס איז כאַריקן ניט לייכט געווען קינסטלעריש צו שילדערן די גרויסע סאָציאַליסטישע אינדוסטריע. קנאַפּ איז געווען זיין דערפאַרונג אף דעם געביט, באַזונדערע שטעלן, געווידמעט דער פּראָדוציר־טעמאַטיק, קלינגען א

[1] וועיִטיין לעכאָ מיטאַל האַשאָמאַיִם אומישמאַניי האָאָרעץ — פון דער האַוודאָלע, וועלכע מע זאָגט שאַבייסע־נאַכטס.

ביסל דעקלאַראַטיוו. אײניקע פּאָזיטיווע געשטאַלטן (פּיניע, מיקאָלע, גאַליִעװ) האָבן זיך באַקומען צו בלײך.

ניט געקוקט אויף אײניקע בלויזן, געהערט די פּאָעמע „קײַלעכדיקע װאָכן‟ צו די בעסטע, נאָך װײניקע אין יענער צײַט, ברײטע עפּישע לײַװנטן, אין װעלכע ס׳האָבן זיך אָפּגעשפּיגלט די גרױסע בױונג־פּראָצעסן אין סאָף פֿון די צװאַנציקער יאָרן.

8———

איך קען דיך, װײַסרוסלאַנד, אַזױ װי איך
קען מײַנע אײגענע פֿינגער... —

אַזוי לירישׂ, אינטים הײבט זיך אָן דער עפּאָס װעגן לײזער דעם באַדכן.

אין דער פּאָעמע פּרעװאַלירט דער העקזאַמעטער, װעלכער גיט איר צו אַ מײַסעדיק־עפּישן כאַראַקטער. נאָר דאָ און דאָרט, װי אין אַלע כאַריקס פּאָעמעס, רײַסט זיך דורך אַ מעכטיקער לירישער שטראָם. דאָ איז ער נאָך מער נאַטירלעך: דער דיכטער דערצײלט װעגן זײַן זײדן דעם באַדכן.

אין סאַמע אָנהײב געלינגט כאַריקן מיט דער הילף פֿונעם פֿאַמעלעך־ראַכװעסדיקן מעטער, מײַסטערהאַפֿטער קלאַנגלעכער אינסטרומענטירונג, אינערלעכן גראַם, פֿאָלקסטימלעך־אָנשױלעכער פּלאַסטישקײַט גלענצנד איבערגעבן די שטימונג פֿון עלנט און טרױער, װאָס הערשט אויף די אומענדלעכע „טראַקטן‟, אין די „װעלדער סאָסנאָװע און װעלדער יאַלאָװע‟, אין די דערפֿלעך און „שטעטלעך קרומע און לאָמע‟. די פּרעכטיקע פּײזאַזשן פֿון דער פּאָעמע פֿאַרמאָגן אַ בולעטע סאָציאַלע באַפֿאַרבונג. אויף דער נאַטור ליגט דער שטעמפּל פֿון געזעלשאַפֿטלעכער ניט־אײַנגעאָרדנטקײַט. אינמיטן דעם „גרויסן געזאַנג‟ פֿון די װעלדער „הײבט עמעץ אָן פֿלוצעם צו װײנען‟. װעגן דער רײַכקײַט און שעפֿע פֿון די אַרומיקע פֿעלדער דערצײלן „באַטראַקישע רוקנס, װאָס זײַנען פֿאַרשמיסן אין פּריצישע הױכע סטאָדאָלעס‟. אינעם סומנעם פּײזאַזש מיט די „װינטן, װאָס װערן מעשוגע‟, מיטן „הימל‟, װאָס װערט „באַקלעפּט און באַלאַגערט פֿון צעשראָקענע װײַסע װאָראָנעס‟, מיט די „שטעטלעך‟, װאָס „פֿליִען װי הענער אין סרײפּעס, פֿאַרגײען אין שװאַרצע מאַגײפֿעס‟, װערט מײַסטערהאַפֿט אַרײַנגעפֿלאָכטן דאָס בױטרע־געשטאַלט — דער גרױזאַמער אָנזאָג פֿון טױט און נעקאָמע!

אַזאַ איז דער לאַנדשאַפֿטלעך־סאָציִאַלער הינטערגרונט, אויף װעלכן ס׳קומט אויף דאָס צענטראַלע געשטאַלט פֿון לײזער דעם באַדכן. עס איז אַ פֿײַן אינדיװידואַליזירט געשטאַלט, געװיזן אין דינאַמישער אַנטװיקלונג. צוערשט פּאַסיװע פֿאַרביטערונג, װאָס גײט ביסלעכװײַז איבער אין סאַרקאַסטישן כױזעק, שפּעטער אָפֿענער בונט, װאָס װאַקסט איבער אין קאַמף און װידערשטאַנד, — אַזאַ איז די עװאָליוציע פֿונעם הױפּט־העלד פֿון דער פּאָעמע.

לײזער דער באַדכן קאָן ניט פֿאַרטראָגן די גרױסע אַװלעס, װעלכע עס באַגײען די שטעטלדיקע „פּניי‟ לעגאַבע דעם פּראָסטן אױלעם. ער הײבט אָן בונטעװען. ער זאָגט זיך אָפּ צו פֿײַקלען אויף דער צערעמאָניע פֿון „שפּײַען אין פּאָנעם‟ אַבע דעם קאַצעװ, װעמען דער ראָװ האָט באַשולדיקט אין „שפּײַזן אַ שטעטל מיט טאַרפֿעס‟. די דאָזיקע אומגעלומפּערטע, װילדע עקזעקוציע פֿון דער הײליקער קנופּיע איבער אַן אומשולדיקן מענטשן פֿון פֿאָלק איז פֿון דיכטער געצײכנט אין די בעסטע טראַדיציעס פֿון דער קלאַסישער סאַטירע.

דער „טרײפֿער‟ לײזער איז געצװוּנגען צו פֿאַרלאָזן דאָס שטעטל. נאָר פֿאַרן אַװעקגאַנג איז ער זיך אויף זײַן אײגנאַרטיקן, לעצאָנישן אופֿן נוקם אינעם גאַטספּאָרטיקן ראָװ.

לײזער דער באַדכן װיל מער ניט שפּילן אויף פֿרעמדע כאַסענעס. ער װיל, אַז זײַן צימבל זאָל העלפֿן איבערמאַכן די װעלט, װאָס איז „אומגעלומפּערט געמאַכט‟: „אײנער עסט גריצע, דער צװײטער עסט באָב‟.

ער קומט מיט זײַן ליד צו די שוסטער.

אומפֿאַרגעסלעך איז דער העפֿקערדיקער, אַמכאָדיקער שוסטער־טאַנץ, װאָס װערט געגעבן אין האַסטיקן ריטם — די סאָנים אויף צעפּיקעניש.

פֿון די שוסטער גײט לײזער אַװעק צו די אָרעמפּויערים. זײ גיבן אים צו פֿאַרשטײן, אַז „אָן עמעסער הונט, ער בילט ניט, ער פּרוּװט בעסער בײַסן‟. פֿון די פּויערים איז שוין ניט װײַט צו בויטרען, דעם גוטן גאַזלען, װאָס נעמט זיך אָן פֿאַרן אָרעמאַן. עס װײסט שוין איצט דער באַדכן, אַז „אַ לעבן דאַרף אַנדערש זיך דרײען‟, אַז אויף דער װעלט „זײַנען מענטשן פֿאַראַן, װאָס װילן, אַז װערן זאָל בעסער‟. װעט ער זײ העלפֿן מיט זײַן ליד. זײַן קאַטערינקע האָט איצט װאָס צו דערצײלן:

ס׳נעמען טאַנצן רױטע הענער
אויף די פּריצישע פּאַלאַצן,
גיך צעלױפֿן באַלעבאַטים
פֿון די מילן, פֿון די ברױזן,
און די פּריצים, די מאַגנאַטן
לױפֿן אױך אָן קעפּ און הױזן...

לײזער דער באַדכן האָט ענדלעך דעראָבערט די גרױסע „פֿרײד פֿון אַ זינגער‟, װאָס זינגט פֿאַרן פֿאָלק, װאָס מונטערט אים צום קאַמף פֿאַר אַ בעסער לעבן.

די געשיכטע פֿון לעבן, געראַנגל און טױט פֿון לײזער דעם באַדכן װערט באַם דיכטער דערהױבן צו דער פּראָבלעם װעגן דעם גורל פֿון דער קונסט און דעם קינסטלער אין דער עקספּלואַטאַטאָרישער געזעלשאַפֿט.

לײזערס טראַגיק איז די טראַגיק פֿונעם פֿאָלקסמענטש, װאָס איז געװען „פֿאַרשאָלטן‟ מיט געזאַנג.

און דער זינגער זינגט, מיט גאַל, מיט װײטעק, מיט בלוט — נאָר ער זינגט. זינגט, ביז ער װערט אונטערגעבראָכן. זײַן געזאַנג װערט אַ געװער, אַ מעכטיקער קױעך אין קאַמף פֿאַר אַ בעסערער צײַט, װען:

װילסט לעבן, װילסט זינגען, איז זינג אויף
דער פֿרײַ,
אַזױ װי דער װאַלד און דער פֿױגל...

לײזער דעם באַדכנס ניט־דערזונגענע ליד האָט אױסגעזונגען זײַן אײניקל איזי כאַריק, דער זינגער פֿון סאָציִאַליסטישן לאַנד.

9———

אין דער פּאָעמע „אויף אַ פֿרעמדער כאַסענע‟ איז פֿאַראַן אַ קאַפּיטל, אין װעלכן ס׳װערט געשילדערט דאָס געפֿיל פֿון באַפֿרײַונג, װעלכן עס לעבט איבער דער באַדכן, װען ער גײט אַװעק פֿונעם שטעטל און בלײַבט אױג־אויף־אױג מיטן װאַלד, מיטן בלױען הימל און זוניקן פֿרימאָרגן. ער פֿילט זיך װי ערשט געבױרן און קוקט אויף דער װעלט מיט באַגײַסטערטע אױגן:

ס׳איז לייזערן גוט... ווי דער וואלד איז עס
גרויס!
און דאכט זיך — דאָס רופט זיך אַן כוואָיע,
און דאָס איז א סאָסנע, אָט דאָס איז א יעל,
דאָס הארץ גייט אים אַפּעט פּאוואָליע...

מיט אזא מין פרישקײַט פון געפיל, מיט קימאט קינ־דערשער פארכידעשטקײַט פאר אלץ, וואָס געשעט אינעם ארום, זײַנען אָנגעזאפּט איזי כאריקס לידער אין די לעצטע יאָרן פון זײַן לעבן.

דעם דיכטערס געמיט איז א מין אויסערסט פילבארע מעמבראנע, וואָס לאָזט זיך וויברירן פון אלץ, וואָס קומט פאַר אין ארום. אלע וויכטיקסטע געשעענישן אין לאנד און אין אויסלאנד געפינען אַן אָפּקלאנג אין זײַנע לידער („איך עפן די לופטיקע פליגלען פון בלאט", „ראָט פראָנט", „אלע לאָמפּן אָנגעצונדן", „אזוי ווי עס ציט...", „ס׳איז נאכט", „וואסיליעווע קארינע", „אונדזער מונטער־קײַט", „א נאכט אין בירואָבידזשאן", „העכער פון מארס" אא.).

יעדע געשעעניש ווערט פון דעם דיכטער אופגענומען ווי א פערזענלעכע איבערלעבונג. דערהויבענער פאטעטי־שער מאטעריאל ווערט פארלירישט, נעשאָמעדיק דער־ווארעמט און דעריבער — היימיש, נאָענט פאר יעדן הארץ. עס פילט זיך אין אָט די לידער דעם דיכטערס אומענדלעכע פארליבטקײַט אין לאנד, טיפע פארוואָרצלט־קײַט אין דער אייגענער ערד.

די זוניקע העלקײַט און זויבערע לויטערקײַט פונעם דיכטערס געמיט האָט, לויט אונדזער מיינונג, געפונען דעם בוילעטסטן אויסדרוק אין איינער פון כאריקס שענסטע לירישע מיניאַטורן, אין דער ליד „דער ערדישער פילאָט".

אומיטלבאר און פריש דערגייט צו אונדז דעם דיכטערס פארשיקערט זײַן מיט לופט און הימל, זײַן קימאט קינ־דעריש פארכלינען זיך מיט פרייד און מיט באגײַסטערונג:

לופט. ליכט. פלאטער פון פראָפּעלער.
איך פיל דיך ביזן הויט, אעראָפּלאַן.
די אויגן מײַנע ווערן שטרענגער, שמעלער,
דער האָריזאָנט — א גרויסער גרינגער פלאם.
ער האָט די אויגן מיר מיט לופט פארכלינעט,
ער הוידעט אום די פעלדן פון מײַן הארץ.
עס קאָן מײַן הארץ אראָפּגיין באלד פון זינען,
א סעקונדע, א סעקונדע. ווארט...

און דאָך איז ניטאָ עפּעס בעסערס פון דער ערד, פון דער „העכסטער אויסדערוויילטער ערד", מיט וועלכער דער דיכטער איז פארבונדן מיט טויזנטער הארציקסטע פעדעם:

ערד מײַנע — פון הויכע, הייסע טאטן —
פון מײַן פארבלוטיקטן און שטײַפן טראָט,
דאָס זינגט אצינד דער זונען־אוויִאטאָר,
דער אײַנגעליבטער, ערדישער פילאָט.

זינגענדיקער „זונען־אוויִאטאָר", „אײַנגעליבטער ערדי־שער פילאָט" — סארא טרעפלעכע כאראקטעריסטיק פאר דעם שאפן פון איזי כאריק, דעם גרויסן פאָלקסדיכטער, וועלכער האָט אזוי ערדיש־זאפטיק און מיט אזויפיל עכטן ראָמאנטישן שווונג באזונגען די ליכטיקע סאָוועטישע וואָר און איז מיצאד דעם בעריִא־ווילקיר טראגיש ארויסגעריסן געוואָרן פונעם לעבן אין סאמע בלי פון זײַן גרויסן טאלאנט.

דער ווארשעווער „פאָלקס־שטימע" — צוואנציק יאָר

מיט צוואנציק יאָר צוריק איז אין ווארשע דערשינען דער ערשטער נומער פון דער ייִדישער צײַטונג „פאָלקס־שטימע".

דאָס איז געווען א צײַט, ווען נאָכן זיג איבערן היטלערישן דײַטשלאנד האָבן זיך אומגעקערט אין זייער באפרײַטער היים די שיירים־האפליטע פונעם פוילישן ייִדנטום.

דער גרויסער פארדינסט פון דער „פאָלקס־שטימע" איז באשטאנען דערין, וואָס זי האָט שוין פון די ערשטע טעג פון איר עקזיסטענץ געשטארקט די קויכעס און גע־וועקט די לעבנס־ענערגיע בא די געקומענע, קאָנסאָלידירנדיק זיי ארום די אידייען פון ליבע און איבערגעגעבנקײַט צום פאָלקס־פוילן, טוענדיק אלץ פאר דעם ווידערגעבורט און אופבלי פון דעם ייִדישן ייִשעוו אף דער ווײַסל.

אין מעשעך פון די צוואנציק יאָר פון איר עקזיסטענץ האָט די „פאָלקס־שטימע" פאנאנדערגעוויקלט א ברייטע קולטור־ און אופקלער־ארבעט צווישן אירע לייענער, מאָביליזירנדיק זיי צום קאמף קעגן נעאָפאשיזם, מילכאָמע און רעאקציע, פאר פעל־קער־פרײַנטשאפט, פאר אקטיוון אָנטייל אין דער בויונג פון דער סאָציִאליסטישער געזעלשאפט.

מיר שיקן אונדזערע הארציקסטע גרוסן דעם רומפולן יובילאר.

50-טער יאָרצײַט פון שאָלעם-אַלייכעם

וועגן שאָלעם-אַלייכעמס בריוו צו י. פּינוסן

שאָלעם־אַלייכעם האָט אַמאָל פאַרטראַכט אָנצושרײַבן א טרילאָגיע מיט איין אַלגעמיינעם נאָמען: „מײַסעס אָן א סאָף“. ווי באַוווּסט, האָט ער די דאָזיקע טרילאָגיע ניט פאַרענדיקט. עס זײַנען פאַרבליבן בלויז צוויי מײַסעס — די באַרימטע געשיכטע מיטן „פאַרקישעפטן שנײַדער“, וואָס האָט צוערשט טאַקע געהייסן „א מײַסע אָן אן עק“, און די דערציילונג „אוילעמהאַבע (א מײַסע מיט א מעס)“. פאַר דער דריטער מײַסע האָט שאָלעם־אַלייכעמען, ווײַזט אויס, אויסגעפעלט... „מאַטעריאַל“. איז אָט — דאָס לעבן אַליין, אַזוי צו זאָגן, האָט פאַרשריבן די דריטע מײַסע...

די דריטע מײַסע — דאָס איז די געשיכטע פון שאָלעם־אַלייכעמס בריוו צו זײַן ערשטן רוסישן איבערזעצער, צו פּינוסן.

יולי יאָסיפאָוויטש פּינוס איז ניט געווען, אַף וויפל אונדז איז באַוווּסט, קיין פּראָפעסיאָנעלער איבערזעצער. ער איז געווען א מעדיצין־דאָקטער. ער האָט אָבער ליב געהאַט שאָלעם־אַלייכעמס ווערק און טאַקע דעם אַווטאָר גופא. אַזוי, אַז ווען דער היסטאָריקער מאַרעק האָט אים אויפגעגעבן די אידיי צו איבערזעצן שאָלעם־אַלייכעמס ווערק, האָט ער גערן אײַנגעשטימט. פּינוסעס ליבע צום אַווטאָר האָט דער ערשטער אָפּגעמערקט מ. גאָרקי אין זײַן באַוווּסטן בריוו וועגן דעם ערשטן באַנד פון שאָלעם־אַלייכעמס געזאַמלטע ווערק אין רוסיש.

שוין נאָך דער אָקטיאַבער־רעוואָליוציע, ווען שאָלעם־אַלייכעם האָט שוין ניט געלעבט און פּינוס איז געווען גענוג באַלאָדן מיט אַרבעט לויט זײַן ספּעציאַליטעט, האָט ער געוואָלט ברענגען צו א טאַכלעס שאָלעם־אַלייכעמס בריוו צו אים אין די יאָרן פון זייער צוזאַמענאַרבעט. פאַרשטייט זיך, אַז ניט אַלץ האָט זיך בא פּינוסן אויפגעהיט. אָבער דאָך האָט עס באַטראָפן א גאַנץ היפּשע קאָלעקציע.

יולי יאָסיפאָוויטש איז געפאַלן אַף א גוטן געדאַנק: ער האָט איבערגעגעבן די דאָזיקע ווערטפולע מאַטאָנע אין אַרכיוו פונעם דעמאָלטיקן ייִדסעקטאָר פון דער ווײַסרוסישער וויסנשאַפט־אַקאַדעמיע אין מינסק. און דאָ זײַנען די בריוו און מאַטעריאַלן גלײַך ארײַנגעפאַלן אין די הענט פון א קאָמפּעטענטן מענטשן — דעם באַוווּסטן ליטעראַטור־היסטאָריקער מאַקס עריק. אין עריקס אַרבעט וועגן אָט דעם איניען זײַנען אָנגעגעבן אייניקע ביאָגראַפישע ידיעס וועגן דעם איבערזעצער גופא, וועגן זײַן דעמאָלטיקער טעטיקײַט, וועגן זײַן ווין־אָרט[1].

פּינוסעס קאָלעקציע באַשטייט ניט בלויז פון בריוו. דאָ איז אויך בײַגעלייגט א וואַריאַנט פון א פאָרוואָרט צו דער רוסישער אויסגאַבע פון שאָלעם־אַלייכעמס ווערק. עס געפינען זיך דאָ, כוץ דעם: א קאָפּיע פון גאָרקיס דערמאָנטן בריוו, א קאָפּיע פון א בריוו פון אן איבערזעצער צו שאָלעם־אַלייכעמען און פון שאָלעם־אַלייכעמען (אונטערגעשריבן מ. ראַבינאָוויטש) צו אן איבערזעצערן און אנד.

פון זינט מאַקס עריק האָט באַשריבן און אַנאַליזירט די קאָלעקציע, איז אַדורך א לענגערע צײַט. שוין האַרט ערעוו דער מילכאָמע איז זי דורכן אַווטאָר פון אָט די שורעס קימאַט אינגאַנצן געווען צוגעגרייט צום דרוק. די בריוו זײַנען איבערגעזעצט געוואָרן אין ייִדיש און באַזאָרגט מיטן געהעריקן וויסנשאַפטלעכן אַפּאַראַט. אין אַזא צושטאַנד זײַנען די קאָפּיעס פון די בריוו צוזאַמען מיט די אָריגינאַלן איבערגעגעבן געוואָרן דעם ליטעראַטור־פאָרשער אַרן גורשטיין אַף רעדאַקציע.

אַזויאַרום איז שוין ערעוו דער מילכאָמע די פּינוס־קאָלעקציע געווען אין מאָסקווע אין א זיכער אָרט.

ווען גורשטיין איז צוגעטראָטן צום רעדאַגירן די בריוו, האָט ער זיך פאַרבונדן מיט יולי יאָסיפאָוויטש פּינוסן, וועלכער האָט זיך באַלד אָפּגערופן מיט א קורץ בריוועלע. שוין דאַן האָט אונדז גורשטיין געשריבן, אַז דער נאָמען און פאָטערנאָמען פון פּינוסן אין מ. עריקס אַרבעט איז א ביסל פאַרגרײַזט (דאָרט הייסט ער יודע אָסיפּאָוויטש). אָט דעם בריוו פּינוסעס פון 1937 איז קעדײַ צו פּובליקירן. דאָס איז דאָך דער לעצטער בריוו, וואָס מיר פאַרמאָגן פון שאָלעם־אַלייכעמס רוסישן איבערזעצער, וועלכער האָט אָפּגעשפּילט אַזא וויכטיקע ראָליע אין שאָלעם־אַלייכעמס ערשטן אַרויספאָר פאַרן ברייטן ניט־ייִדישן לייענער, — אין דעם „אָקעאַן פון דער רוסישער ליטעראַטור“.

אָט איז דער בריוו (מיר גיבן אים אין א ייִדישער איבערזעצונג).

---

[1] זע מ. ע ר י ק. שאָלעם־אַלייכעם און זײַן איבערזעצער („צײַטשריפט“ נומ. 5, 1931).

סטאַלינגראַד, 1937, III. 24.

כאַשעווער כאַווער גורשטיין!

מיט צופרידנקײַט וועל איך ענטפערן אף אײַערע פראַגן, ווי ווײַט נאָר כ׳וועל בעקויעך זײַן. זינט יענער צײַט, ווען כ׳האָב געאַרבעט איבער די איבערזעצונגען, איז פאַרלאָפן זייער א סאַך יאָרן. פיל זאַכן זײַנען שוין אָפּגעמעקט פון זיקאָרן, און איך בין ניט אינגאַנצן זיכער, אַז כ׳וועל קאָנען אַלץ צוריק אופשטעלן. דערווײַל קאָן איך בלויז זאָגן, אַז א טייל בריוו האָט, בײַס שאָלעם־אַלייכעם איז געווען קראַנק, געשריבן זײַן טאָכטער, אונטער זײַן דיקטאַנט[1]. עפּשער קאָנט איר זיך פאַרבינדן מיט איר און באַקומען בא איר עפּעס וואָס.

יעדנפאַלס קאָנט איר פולשטענדיק אויסרעכענען אף מיר.

מײַן אַדרעס איז דער פריִערדיקער:

סטאַלינגראַד, וואָלאָדאַרסקי־גאַס, 10. דר. יולי יאָסיפאָוויטש פּינוס. מיט אַכטונג.

(אונטערשריפט) (יו. פּינוס).

מאַקס עריק, וועלכער האָט דער ערשטער געניו באַשריבן די דאָזיקע קאָלעקציע, האָט אָנגעציילט 138 בריוו. בא הײַנטיקן טאָג געפינט זיך אין מאַנוסקריפּטן־אָפּטייל באַם אינסטיטוט פון רוסישער ליטעראַטור (פּושקין־הויז) אין לענינגראַד — 123 בריוו. דאָס דערקלערט זיך דערמיט, וואָס אייניקע בריוו און מאַטעריאַלן זײַנען פאַרייניקט אונטער איין נומער.

אַגעוו, אין אַרכיוו איז ניט אומעטום אופגעהיט דער כראָנאָלאָגישער סיידער פון די בריוו.

אין א בריוו פון 16 (29) נאָיאַבער 1910 צום איבערזעצער רעדט שאָלעם־אַלייכעם וועגן דעם „געשעפטלעכן" כאַראַקטער פון זײַנע בריוו. ריין־געשעפטלעכע בריוו האָבן מיר דערווײַל אינגאַנצן ניט אײַנגעשלאָסן אין אונדזער פּובליקאַציע. די מערהײַט בריוו האָבן אָבער, ניט געקוקט אף זייער „געשעפטלעכן" כאַראַקטער, אויך א באַדײַטנדיקן ליטעראַרישן און פּרינציפּיעלן ווערט. דאָ זײַנען פאַראַן א ריי שאָלעם־אַלייכעמס אייגענע אָפּשאַצונגען פון זײַנע ווערק, פּראָבלעמען פון קינסטלערישע איבערזעצונגען, אַלגעמיין־ליטעראַרישע פראַגן, שטריכן פון ליטעראַרישן שטייגער, עלעמענטן פון סאַטירע און הומאָר אַאוו.

פאַר אונדזער פּובליקאַציע האָבן מיר דערווײַל אָפּגעקליבן בלויז דרײַצן בריוו פון יענע, וועלכע האָבן א גרעסערן ליטעראַטור־היסטאָרישן ווערט.

י ִ ס ר אָ ע ל ס ע ר ע ב ר י אַ נ י

ערשטער בריוו

Scholom-Aleichem
Solomon Rabinowitz
Cas. Post, 66, Nervi (Italia)

[שטעמפּל][2]

910. 3/I, נומ. 2331.

ליבנסווירדיקער פרײַנט פּינוס!

איך בין שטאַרק צופרידן, וואָס מיר זײַנען, סאָפּקאָלסאָף, דורכגעקומען, און איך באַדויער זייער, וואָס מיר האָבן עס פריִער ניט געטאָן. מיר וואָלטן שוין געהאַט א בוך. נאָר בעסער שפּעטער, זאָגט די געמאָרע, איידער קיינמאָל. לאָמיר אַריבערגיין גלײַך צום איניען.

בא מיר איז פאַראַן א פּאָרגעפיל, אַז אין אײַער פּערזאָן האָב איך געפונען דעם עמעסן איבערזעצער, דעריקער, אויב איר וועט ווירקלעך פאָלגן מײַנע אָנווײַזונגען און זיך האַלטן בא מײַנע אינסטרוקציעס. אַלזאָ, אינסטרוקציע נומ. 1. — פאָלגט ניט אונדזערע פאַרלעגער... זיי זײַנען גאָיִם[1]. און דעריבער פאַרשטייען זיי אַפילע ניט זייערע אייגענע אינטערעסן. זעצט איבער און זײַט מעסאַדער דעם מאַטעריאַל אַזוי, ווי איך זאָג אײַך. איך לייג דאָ צו א באַזונדער צעטל פאַר אַלע דרײַ בענדער. דער טיטל, וואָס איר לייגט פאָר, — «Маленькие люди и их понятия» פּאַסט גיכער פאַר א שילערישער אַרבעט אף א טעמע, וואָס איז פאַרגעבן דורכן ליטעראַטור־ און שפּראַך־לערער אין גימנאַזיע. ווי עס ווײַזט אויס, האָט איר עס אַליין פאַרשטאַנען, ווײַל איר האָט זיך באַלד געכאַפּט און צוגעגעבן: „מע קאָן אָן די לעצטע ווערטער". יאָ, ריכטיק. מע קאָן אָן די לעצטע ווערטער. בא מיר וואָלט זיך באַקומען אַזוי: «Маленькие люди с маленькими вожделениями». נאָר דאָס איז אויך איבעריק. ס׳איז גענוג פּאָשעט «Маленькие люди». איצט לאָמיר איבערגיין צו די קינדער־דערציילונגען, ווײַל „די קליינע מענטשעלעך" בלײַבן ניט געריִרט ביזן צווייטן באַנד. עס האַנדלט זיך אין דעם, וואָס איך וויל דעביוטירן פאַרן רוסישן פּובליקום מיט עפּעס אַזוינס, וואָס זאָל זײַן, אויב אַפילע ניט זייער באַדײַטנדיקס, איז, יעדנפאַלס, אָריגינעלס. אײַך איז באַוווסט, אַז דאָס לעבן פון קינדער איז ביכלאַל אינטערעסאַנטער פון יעדן אַנדערן לעבנסשטייגער, און דאָס לעבן פון יִדישע קינדער — אַוואַדע. אײַך איז אויך באַוווסט, אַז קיינער פון מײַנע ברידער־שרײַבער האָט ניט געווידמעט אַזויפיל אופמערקזאַמקײַט דער דאָזיקער וועלט, דער וועלט פון די יִדישע קינדער, וויפל איך. דאָס איז איינס; צווייטנס, דאָס, וואָס איר אַליין ווײַזט אָן, אַז איר האָט שוין איבערגעזעצט ניט ווייניק פון די דאָזיקע דערציילונגען מײַנע. דריטנס, בעטן מיך די פאַרלעגער, איך זאָל צושיקן פאַרן ערשטן באַנד א ביסל א גרעסערע זאַך — א בויגן 8—10. איך האָב בא זיך געפונען אַן איינציקן עקזעמפּליאַר פון א נײַעם באַדײַטנדיקן (לויט מײַן מיינונג) ווערק, וואָס א טייל פון דעם איז ניט לאַנג צוריק אָפּגעדרוקט געוואָרן אין רוסלאַנד, א טייל אין אַמעריקע, א טייל איז אַפילע פאַרבליבן אין מאַנוסקריפּט. עס רופט זיך „די קסאָווים פון א יִינגל". עס באַשטייט פון 20 הומאָריסטישע דערציילונגען־באַשרײַבונגען, מיט וועלכע עס איז ניט מיִעס אַרויסצוטרעטן פאַר אייראָפּע. די „קסאָווים" שיק איך נאָך הײַנט אַרויס רעקאָמענדירט אין „סאָוור. פּראָבלעמי". און איך בעט אײַך היטן זיי, ווי דאָס אויג אין קאָפּ, אַלס אַן איינציקן עקזעמפּליאַר. ווען איר וועט איבערזעצן אַלע 20 דערציילונגען, זײַט זיך מאַטריִעך טייקעף אָפּשיקן דעם אָריגינאַל רעקאָמענדירט צו מײַן יִדישן פאַרלעגער: י. לידסקי[2], נאַלעווקע, 36. וואַרשע.

---

[1] די בריוו פלעגט שרײַבן ניט איין טאָכטער, ווי פּינוס זאָגט, נאָר צ ו ו י י — עמאַ און ליאַלי. פאַראַן אויך א בריוו, געשריבן אונטער שאָלעם־אַלייכעמס דיקטאַנט, פון זײַן זון מישע צו איינער אַן איבערזעצערן.

[2] ענלעכע שטעמפּלען זײַנען פאַראַן אף אַלע בריוו.

[1] די באַלעבאַטים פונעם פאַרלאַג „סאָווערמעניִע פּראָבלעמי", וואָס האָט אַרויסגעגעבן שאָלעם־אַלייכעמס ווערק אין רוסיש, זײַנען געווען צוויי יִדן — די ברידער סטאָליאַר.

[2] ל י ד ס ק י י אַ נ ק ע ו ו (1868—1921).

אָט מיט די דאָזיקע „קסאָווים" וועט איר טאַקע אָנהייבן דעם ערשטן באַנד. נאָך זיי וועלן גיין אַנדערע קינדער־דערציילונגען אין דעם סיידער, וואָס איך האָב אָנגעוויזן. איך האַלט פאַר נייטיק צוגעבן, אַז איך באַשטיי פעסט אָף אָט דעם סיידער. און איך בעט אײַך געבן צו פאַרשטיין די פאַרלעגער, אַז אָט דער געדאַנק איז אין זייערע אייגענע אינטערעסן. דאָס פאָרוואָרט, וואָס איך שרײַב, און די צוגעזאָגטע אויטאָביִאָגראַפיע זײַנען טאַקע פאַרבונדן מיט די דאָזיקע דערציילונגען. ווען איר וועט איבערלייענען „די קסאָווים פון א יִינגל", וועט איר זיך איבערצײַגן, אַז מע דאַרף אָנהייבן גראָד פון זיי.

באַלד נאָך זיי גייען צוויי קאַפּיטלען פון א ראָמאַן מיטן נאָמען „שיר־השירים". דאָס איז אויך פון דער קינדער־וועלט. דערנאָך „דרײַ קעפּלעך" אאַוו.

בלײַבט נאָר צו באַשטימען, וואָס פאַר א נאָמען געבן דעם ערשטן באַנד? באַ מיר איז דאָ אין רעזערוו צוויי נעמען: 1) «Дети черты», 2) «Дети еврейского квартала». עס איז ניט שיין אָנצורופן «Еврейские дети». בעסער וואָלט שוין געווען «Дети забытого народа». נאָר דאָס איז צו נעבעכדיק. ס'וואָלט גוט געווען «Дети гетто». איז שוין מיר אָבער דאָ דעם וועג פאַרלאָפן מײַן ענגלישער קאָלעגע זאַנגוויל[1].

צי דאַרף איך אײַך נאָך וואָרענען און בעטן אָנצוקוועטשן באַזונדער אָפן ערשטן באַנד, ווי אָף אונדזער דעביוט? ווײַזט אומבאַדינגט יעדע איבערזעצונג דעם ה' מאַרעק[2] און בעט אים אין מײַן נאָמען, ער זאָל אַרויסווײַזן וואָס מער אויפמערקזאַמקייט צו מײַן ליבלינג (детище). ענדלעך, אויב איר וועט קאָנען באַווײַזן די קאָרעקטורן אַוועלכן־ניט־איז עמעצן גאַי, וועט איר ראַטעווען סײַ מיך און סײַ זיך פון שפּאָט מיצאַד אייניקע קריסטלעך־יִדישע קריטיקער... מיט איין וואָרט — טרעט אַרויס אין דער פולער באַוואָפענונג. און זאָל אײַך העלפן דער גאָט פון יִיסראָעל. אָמיין.

איך וואַרט אָף אַן ענטפער. אַלדאָס בעסטע.

ש.־אַלייכעם.

צווייטער בריוו

נערווי, 1910. I. 8, נומ. 2332.

א שאָד, פרײַנט פינוס, וואָס איך האָב דאַן ניט געקאָנט ענטפערן אָף אײַער דילעמע, וועלכן פון די דרײַ מעטאָדן אויסצוקלײַבן: פון העברעיִש, פון רוסיש אָדער סלאַוויש, איבער דער פּאָשעטער סיבע, וואָס די צוגעזאָגטע מוסטערן האָט איר אפילע ניט געטראַכט מיר צושיקן. איצט הער איך פון אײַך, אַז איר זאָלט זיך האָבן אָפּגעשטעלט אָפן העברעיִשן. איך האָף, אַז איר מיינט עס אין א שפּאַס. צי דען טראַכט איר ערנסט אונטערטראָגן דעם רוסישן פּובליקום וועלכע־ניט־איז העברעיִשע אויסדרוקן, זאָל זײַן אפילע אין לאַטײַנישן שריפט. ניין, איר וועט עס ניט טאָן, קיין איין העברעיִש וואָרט טאָר ניט זײַן אין דער רוסישער איבערזעצונג. שוין בעסער פּראָסט

אין רוסיש, אויב ניט אין אַלט־רוסיש. נאָר פאַרוואָס האָט איר פאַרבראַקירט «Мне отомщение и аз воздам», «Понеже»..., «Аще»...? ווײַזט אויס, איר האָט שוין פאַרגעסן, וואָס איר האָט מיר געשריבן פאַראַיאָרן? ליבינקער, איך בעט אײַך, שאַנעוועט אײַער מי, וואַרפט אַוועק די מײַנע פּסוקים, דערצו נאָך מיט באַמערקונגען! זאָל אײַך גאָט אויסהיטן פון אַזאַ מין געדאַנק! לאָזט אָפּ. נעמט זיך, ווי נאָר מעגלעך, פאַר סלאַוויש, אָבער ניט גאָר אַלטן, נאָר פּאָשעט, ווי: аще, ежели, понеже. נו, אויב איר אַליין זײַט אין דער דאָזיקער שפּראַך שוואַך (איך, אַשטייגער, בין זייער שוואַך), איז האַלט זיך ווי־ניט־איז אָן אייצע מיט כאַווײרים אָדער באַנוצט זיך פּאָשעט מיט א ביבלישער איבערזעצונג. נאָר מיר האָבן שוין דאָך וועגן דעם אַזויפיל גערעדט! נאָכאַמאָל, „העברעיִש" דאַרף מען ניט, בעשום־אויפן ניט!

אײַער ש.־אַלייכעם.

דער פאַרלעגער שרײַבט, אַז פּערעץ זאָל מעגלעך אַרויסגיין דעם 15 יאַנוואַר. ווען זשע וועט איר באַווײַזן מיט טעוויען? מיר איז עפּעס ניט גאָר פאַרשטענדלעך.

דריטער בריוו

נערווי, 10. (II. 6) I. 24. נומ. 2333.

טײַערער פינוס!

פון דער בײַגעלייגטער קאָפּיע וועט איר אַלץ פאַרשטיין. איך בעט אויך אײַך אומבאַדינגט באַשטיין, מע זאָל אָנעמען מײַן לעצטע רעדאַקציע! דער ראָמאַן „בלאָנדזשנדע שטערן" שרײַבט זיך נאָך. מע קאָן וועגן אים דערווײַל ניט ריידן. איך וועל אײַך אַליין זאָגן ווען. כ'וואָלט אײַך צוגעשיקט דעם ערשטן טייל (ס'איז דאָ דרײַ), נאָר איך וויל אײַך ניט אָפּרײַסן פון אײַער לויפנדיקער אַרבעט. אַלזאָ, איך כאַזער איבער: אין דעם ערשטן באַנד „די קינדער פון טכום" גייען אַרײַן די פון אײַך אָנגעוויזענע זאַכן.

אין דעם צווייטן באַנד „די קינדער פון טכום" וועלן אַרײַנגיין: „שיר־השירים", „דרײַ קעפּלעך" און אַנדערע קינדער־דערציילונגען. אויב עס וועט זיך באַקומען ווייניק, וועל איך צושיקן נאָך[1].

ענטפערן בעט איך שטענדיק אין דעם טאָג, ווען דער בריוו באַקומט זיך, כאָטש מיט א פּאָטשט־קאַרטל.

אײַער ש.־אַלייכעם.

פערטער בריוו

נערווי, 10. (II. 7) I. 26, נומ. 2334.

ליבנסווירדיקער פינוס! נעכטן האָב איך אָפּגעשיקט מיט א רעקאָמענדירטן בריוו דעם פּאָרטרעט און די פאַקסימיליע. הײַנט — דאָס פאָרוואָרט, אויך רעקאָמענדירט: אויך אײַך האָב איך נעכטן געשריבן. זײַט זיך מאַטריעך, קוקט דורך דורך אין פאַרלאַג דאָס פאָרוואָרט. דוכט זיך, ס'האָט זיך באַקומען ניט שלעכט. נאָכאַמאָל דורכגעלייענט אײַער בריוו. גאָט באַהיט, איר זאָלט אָנרופן דעם ערשטן באַנד

---

[1] זאַנגוויל יִיסראָעל (1864—1926) — באַוווּסטער ענגליש־יִידישער שרײַבער, אויטאָר פון א ווערק „די קינדער פון געטאָ" (1904).

[2] מאַרעק פּייסעך (1862—1920) — א יִידישער היסטאָריקער און פאָלקלאָריסט. געשריבן אין רוסיש. צוזאַמען מיט ש. גינזבורגן פאַרעפנטלעכט א זאַמלונג „יִידישע פאָלקסלידער אין רוסלאַנד".

[1] אין דעם אָרט איז געווען נאָך אַן אַבזאַץ, וואָס איז אויסגעמעקט: „איך בעט די איבערזעצונג פון פאָרוואָרט מיר צושיקן דרינגענד אָף קאָרעקטור. אומבאַדינגט. דאָס פאָרוואָרט מוז איך אַליין דורכקאָרעגירן".

„דער יונגער עמיגראַנט". איר וועט מיר גאָר צעפּאַטערן דעם גאַנצן פּלאַן. הייבט אָן, ווי איך האָב אײַך נעכטן געשריבן, רופט אָן אי דעם ערשטן אי דעם צווייטן באַנד מיט איין אַלגעמיינעם נאָמען „ד י ק י נ ד ע ר פ ו ן ט כ ו ם". באַ אײַך וועט זײַן מאַטעריאַל אַף צ וו י י בענדער. אויב ס'וועט ניט קלעקן, וועל איך צושיקן. אויב איר וועט קאָנען, קוועטשט אַרײַן אינעם ערשטן באַנד כאָטש דעם ערשטן טייל פון „שיר־השירים"; מיט דעם וועט זיך ענדיקן דער ערשטער באַנד. איך וועל אײַך זאָגן אָפן: איך האָב מוירע פאַרן ערשטן באַנד! שוין צופיל אײַלט איר זיך, כאָטש ס'איז קענטיק, אַז איר סטאַרעט זיך. היט זיך, דאָס איז אונדזער דעביוט. דערקלערט די פאַרלעגער, אַז פון דעם ערשטן באַנד העגנט אָפּ דער דערפאָלג פון דער גאַנצער אונטערנעמונג, וועלכע קאָן זײַן אַ גראַנדיעזע. ניט פעווראַ:ל, איז מאַרט, וואָס איז דער אומגליק? פון דער דערפאָלגרײַכער אויסגאַבע פון ערשטן באַנד העגנען אָפּ אונדזערע ווײַטערדיקע באַציִונגען מיט זיי. גאָט באַהיט, אויב זיי וועלן מיר אין אײַלעניש קוילען דאָס בוך. איך בין זיי ניט מעקאַנע. איך ראַט אײַך באַ־ווײַזן זיי דעם בריוו. איר שרײַבט מיר גאָרניט, וו ע ר רעדאַגירט אײַערע איבערזעצונגען. אָדער קיינער רעדאַ־גירט ניט? אוי, ס'וועט אײַך ניט געשאַנעוועט ווערן. היט זיך. עס וועט זײַן אַ סקאַנדאַל סײַ פאַר אײַך און סײַ פאַר מיר. „מענאַכעם־מענדלס בריוו" וועל איך אײַך צושיקן דערנאָך. עס האָט זיך באַקומען אַ גאַנץ בוך. איבערזעצן זיי איז נאָך פרי. עס איז פאַראַן מאַטעריאַל פאַר אײַך אַף צוויי יאָר.

אײַער ש.־אַלייכעם

פינפטער בריוו

נערווי, 10. II. 9/22, נומ. 2337.

(אַ פּאָטשט־קאַרטל)

נאָרוואָס האָבן מיר דערציילט מענטשן, וועלכע האָבן געזען «Утро России»[1], אַז דאָרט זאָל זײַן אָפּגע־דרוקט אָן אָנאָנס וועגן דער באַלדיקער דערשײַנונג פונעם בוך „דער יונגער עמיגראַנט", אונטער מײַן נאָמען. שוין זשע זײַנען אַלע מײַנע ווערטער און ביטעס געוועזן אַרויס־געוואָרפן?! עס פאַרשאַפט מיר זייער און זייער פיל אַגמעסנעפעש, איך וויל ניט זען דאָס בוך אונטער דעם דאָזיקן טיטל.

אײַער ש.־אַלייכעם

[1] «Утро России» — אַ מאָסקווער טעגלעכע בורזשואַזע צײַטונג, אָרגאַן פון די אַזויגערופענע „פּראָ־גרעסיסטן". אין איר איז געווען אָפּגעדרוקט אַזאַ אָנאָנס: „שאָלעם־אַלייכעם.

דער ביכער־פאַרלאַג „סאָוורעמעניִע פּראָבלעמי" האָט פאַרגענומען אַן אויסגאַבע פון שאָלעם־אַלייכעמס ווערק, אין אַן אויטאָריזירטער איבערזעצונג פון יִדיש. אין דרײַ בענדער וועלן אַרײַנגײן נאָוועלן; אין די איבעריקע צוויי (בענדער) וועלן אַרײַן די גרעסערע דערציילונגען „דער יונגער עמיגראַנט" און „קליינע מענטשעלעך".

די ערשטע סעריע פון „מאָטל פּייסי דעם כאַזנס", גע־דרוקט אין „פרײַנד" (1907), איז געווען באַטיטלט „עמי־גראַנטן". דעריבער איז גאָר ניט צופעליק, וואָס עס האָט זיך באַוויזן אַזאַ אָנאָנס קעגן דעם ווילן פונעם מעכאַבער, וועלכער לאַכט אויס די „לעכערלעכע שטוסערײַ וועגן שאָלעם־אַלייכעמען".

פ. ס. ספּעציעל געקראָגן «Утро России» פאַרן 5־טן און איבערגעלייענט די זייער לעכערלעכע שטוסערײַ וועגן שאָלעם־אַלייכעמען. אַף פאַרקריפלען די ווירקלעכקײַט זײַנען די צײַטונגען אומעטום גרויסע מײַסטערס.

ש.־אַלייכעם.

זעקסטער בריוו

נערווי, 10. (III. 1) II. 16, נומ. 2339 (זײַטלעך פון אַ בלאָקנאָט).

טײַערער פּינוס!

איך שרײַב אײַך אָפּן ברעג פון מיטללענדישן יאַם, ווו איך אַרבעט ביכלאַל. אהער האָט מען מיר אויך אַריבער־געפירט די פּאָטשט און אײַער בריוו, וואָס האָט מיך זייער דערפרייט. ענדלעך, האָט זיך געפונען אַ מענטש, וועלכער האָט מיך פאַרשטאַנען. שטעלט אײַך פאָר, מיט דער אידיי פון אַלט־סלאַווישע אויסדרוקן טראָג איך זיך שוין אַרום גאָט ווייסט ווי לאַנג. נאָר קיינער פאַרשטייט מיך ניט. ווי גלענצנד עס וועט אַרויסקומען באַ טעוויען: «Как сказано в писании: «аще...» אאוו.

פאַרשטייט זיך, טעוויע דרייט איבער אַף שריט און טריט. אויך באַ אײַך דאַרף ער איבערדרייען. אײַך וועט נאָך אויסקומען זיך באַזאָרגן מיט עטלעכע טעאָלאָגישע ווערק. אין מאָסקווע וועט איר זיי געפינען. אין ערגסטן פאַל, קריגט אַ טילים, אָבער פון אַ קירכלעך־סלאַווישער אויסגאַבע מיט רוסישער שריפט. איר פאַרשטייט? גוט, וואָס איר האָט זיך אָנגעשטויסן אַף דעם דאָזיקן געדאַנק. הערט קיינעם ניט. אידיאָטן זײַנען יענע, וועלכע גיבן מיט לאַטײַנישן שריפט טאַלמודישע אַפאָריזמען. גייט מיט אײַער וועג. גוט וואָלט זײַן, ווען איר זאָלט מיר צושיקן אַ מוסטער פון אײַ ע ר טעוויען.

איצט וועגן דער אויסגאַבע. פאַרוואָס זאָלט איר ניט גיין גלײַך? נאָכן ערשטן דעם צווייטן באַנד?

צו וואָס פריער מיטיקן און נאָכדעם פרישטיקן? וואָס פאַרא טשודאַקעס עס זײַנען אונדזערע פאַרלעגער! דאָס איז איינמאָל אוועק; צווייטנס, דאָס, וואָס צו די „קליינע מענטשעלעך" רעכנט איר צו „מײַן ערשטן ראָמאַן". פאַר־וואָס? דערפאַר, וואָס איר האָט שוין איבערגעזעצט? נאָר דאָס איז דאָך אָן אומזין. עס וועט צוניץ קומען פאַר אַנדערע בענדער. וויבאַלד מיר האָבן באַשלאָסן אַ נאָמען געבן יעדן באַנד, דאַרף מען זיך שוין באַ דעם האַלטן, ניט אַרויסרופן קיין ספּייקעס באַ דעם לייענער.

אָט איז, לויט מײַן מיינונג, דער צעטל פון די „קליינע מענטשעלעך":

1) קליינע מענטשעלעך.
2) מיטן טעאַפּ (פּיליײַכט).
3) ניטאָ קיין נײַעס (Всё благополучно)[1], לידסקיס אויסג.
4) די יאָרשים (Наследники). ב. I, לידסקיס אויסג.
5) 101 (Сто один). ב. I, ליד. אויסג.
6) די ערשטע קאָמונע. ב. I, ליד. אויסג.
7) דער וויגרישני בילעט. ב. II. ליד. אויסג.
8) אַלע פאַר אונדז. ב. II. ליד. אויסג.

---

[1] איינער אַ שוויטע האָט ניט לאַנג צוריק איבערגעזעצט די דאָזיקע זאַך אונטערן נאָמען: «Нет новостей».

9) די גרויסע בעהאָלע פון די קליינע מענטשעלעך, ב. III. ליד. אויסג.

10) פישל דער מעלאַמעד פאָרט אהיים. נומ. 3, פארלאג „ביכער פאר אלע".

11) דער דײַטש. נומ. 8, „ביכער פאר אלע".

12) א גרינגער טאָנעס.

מיט דעם וועט זיך דארפן פארענדיקן דער דריטער באנד אונטערן טיטל „קליינע מענטשעלעך" (און אויב ס׳איז זייער א סאך מאטעריאל, דאן — ב. III און ב. IV).

דערנאָך דארף גיין דער ב. IV און V (און VI) אונטערן טיטל פאָשעטע דערציילונגען און מאָנאָלאָגן[1].

ווי איר זעט, גייט עס בא מיר גרויסארטיק, איינס נאָך דאָס אנדערע. נאטירלעך, עס קאָן גיין צווישן די בענדער עטוואָס זײַטיקס, אשטייגער: דער ראָמאן „בלאָנדזשנדע שטערן", וועלכער וועט פארנעמען א באזונדערן באנד. אינגאנצן וועט זיך אָנקלײַבן ביז 10 בענדער. פארשטייט זיך, אויב דער פארלאג וועט מאסקים זײַן אף אלע מײַנע באדינגונגען און מיר וועלן ביידע זײַן באפרידיקט, דה. סײַ איך, סײַ דער פארלאג. איך בעט אײַך א רעד טאָן מיט זיי וועגן אלץ. זאָלן זיי אף דעם ניט קוקן ווי אף א צופעליק ארויסגעגעבענעם בוך. און דאן וועלן זיי, עפשער, זיך צוהערן צו אונדזערע ווערטער. דאָס קאָן ארויסקומען א גאנץ ערנסטע אונטערנעמונג. עס איז אָפּהענגיק, פארשטייט זיך, פונעם ערשטן בוך, ווי פון דעם עצעם אינהאלט, אזוי אויך פון דער געלונגענער איבערזעצונג. איך גלייב אין אײַערע איבערזעצערישע פייִקײַטן.

איצט שרײַב איך קיין ווארשע צו מײַנע פארלעגער, מע זאָל אײַך דרינגענד ארויסשיקן אלע מײַנע ייִדישע ווערק. באלד טאקע וועט איר זיי באקומען.

איך וואַרט אף אן ענטפער.

אײַער ש.־אליכעם.

זיבעטער בריוו

נערווי, 10. III. 12, נומ. 2347.

טײַערער פרײַנט פּינוס!

6 אז. אינדערפרי. כ׳ליג אין בעט. כ׳לייען א בוך — אײַער איבערזעצונג — און אײַער בריוו פון 21 פעווראל מיט דער פארטיילונג פונעם מאטעריאל פארן צווייטן און דריטן בענדער. וועגן וואָס זאָל איך פריִער שרײַבן? אין בוך זײַנען פאראן אזוינע ערטער, וואָס מע מוז וועגן זיי פריִער ריידן. אָ, ווען איר וואָלט מיר צוגעשיקט די קאָרעקטור! סארא בוך עס וואָלט זיך באקומען! און ווען איך ווייס כאָטש, אז בא דער צווייטער אופלאגע קאָן מען ארײַנטראָגן אויסבעסערונגען? ווען וועט אמאָל נאָך זײַן אײַער ענטפער! אויב זיי דרוקן ניט פון סטערעאָטיפ, קאָן מען, פארשטייט זיך, ארײַנטראָגן אלע אויסבעסערונגען. נאָר אויב פון סטערעאָטיפּ, איז פארפאלן אף אייביק. אָבער מע קאָן דאָך ניט דערלאָזן, אשטייגער, דאָס וואָרט печатка אף דער ז. 72 פון אויבן. סארא קוריאָז! עס האָט זיך באקומען אן אומזין. דער ברודער עליע ברעכט די פינגער באם טינט:

— ס׳זאָל כאָטש זײַן א פעטשאטעק.

— גאָט וועט העלפן וועט זײַן א פעטשאטעק אויך.

עס גייט א רייד וועגן א ПОЧИН — כא־כא־כא! (א פאָטשין — א פעטשאטעק), און בא אײַך קלאָגט ער וועגן א שטעמפעלע, וועגן א ברעלאָק...

ווײַטער: „אפן פידל". דער פאָטער, א דערשלאָגענער, זאָגט בא אײַך צום סאמע סאָף פון דער דערציילונג פונקט ווי א באַרישניע — אן אינסטיטוטקע: Мне стыдно (איך שעם זיך).

אין דער צײַט, וואָס בא מיר שטייט: א ביזאָיען! א ביזאָיען! דאָס הייסט Позор! Позор!

אָבער ניט: «Мне стыдно» (כ׳שעם זיך). כ׳שעם זיך — פאר וואָס? דאָ איז שוין ניט קיין פאָשעטע מיספארשטייעניש: פאָטשין — פעטשאטקע, פעטשאט, ברעלאָק, נאָר אן אומפארגעבלעכע פארמינערונג און אָפּשוואכונג פונעם אײַנדרוק פון דער דערציילונג. דערצו נאָך באם סאמע לעצטן אקאָרד. דאָ האָט איר באדארפט אפילע פון זיך צוגעבן, ווײַל דעם אויסגעשריי: א ביזאָיען! א ביזאָיען! קאָן מען ניט איבערגעבן מיט איין וואָרט Позор! Срам! Позор! מע וואָלט געדארפט זאָגן נאָך שטארקער: Но этот срам! Но этот позор! Не снести мне такого срама!

אָט דאן וואָלט געווען פארשטענדלעך דער מוטערס טרייסט. אָבער אזוי איז עס ווי א באַרישניע וואָלט געזאָגט איך שעם זיך עסן מאָראָזשענע פאר אלעמען אין די אויגן, און זיך פארוויטלט... אזוי? זײַט זיך מוידע, אז דאָ האָט איר פאָשעט זיך פארזינדיקט. דערצו נאָך צום סאמע שלוס פונעם בוך! אײַ־אײַ־אײַ! אף אײַער אָרט וואָלט איך באנאכט זיך אונטערגעגראָבן אונטערן סקלאד פונעם „סאָוור. פראָבלעמי" און מיט א קליין מעסערל אָפגעקראצט אָט דאָס „איך שעם זיך" פון דער באַרישניע אין אלע 10 000 עקז. און ערשט דאן וואָלט איך געקאָנט רויִק אײַנשלאָפן.

ביכלאל גערעדט — אף ווײַטער איז מיטן סאָף פון א דערציילונג, און אין אלגעמיין מיטן לעצטן לויט דער ריי דארף מען זײַן זייער פאָרזיכטיק. דאָרטן אָבער, ווו ס׳איז בא אײַך דאָ א סאָפעק, זיך ווענדן צו מיר. איך בין מער ווי זיכער, אז פון דער פלוצלינג אויסגעוואקסענער „פעטשאטקע" (ברעלאָק) זײַט איר אליין די ערשטע מינוט געווען אין פארלעגנהײַט. דערנאָך האָט איר גענומען און א ליאַפּע געטאָן פעטשאטקע, און עס האָט זיך באקומען א ברעלאָק, איבער וועלכן דער דערוואקסענער עליע ווײנט, און די מוטער באַרויִקט אים: — גאָט וועט געבן, עס וועט זײַן, הייסט עס, א ברעלאָק...

כא־כא־כא — מע קאָן זיך ניט אײַנהאלטן.

ווײַטער, אום גאָטעס ווילן — ניט «папа», ניט «мама», נאָר «отец» און «мать». איך בין אײַך נאָך ווי־ניט־איז מוחל «мама» אין די „קסאָווים פון א ייִנגל", נאָר

---

[1] צוליב מאנגל אין אָרט וועלן מיר דאָ מער ניט געבן די אויסגערעכנטע ווערק, וועלכע שאָלעם־אליכעם שטעלט ארײַן אין פלאן פון דעם אָדער יענעם באנד. די דאָזיקע פלענער און פראָיעקטן האָבן זיך אין פּראָצעס פון דער ארבעט זייער אָפט געביטן. פון 1910 ביז 1913 זײַנען דערשינען 8 בענדער; די ערשטע צוויי אונטערן נאָמען «Дети черты»; דריטער באנד — «Маленькие люди»; פערטער — «Записки коммивояжера»; פינפטער — «Неунывающие люди» („טעוויע דער מילכיקער" און „די פריילעכע קאָמפּאַניע"); זעקסטער — «Похождения неудачника» («Менахем Мендель»); זיבעטער — «В мире звуков» („סטעמפּעניו" און „יאָסעלע סאָלאָוויי") און דער לעצטער, אַכטער באנד — «Летние услады» („מאַריענבאַד").

אויך ניט אומעטום. אָבער אין די איבעריקע דערציי־לונגען — זאָל אײַך גאָט אויסהיטן!

וועגן קלענערע פעלערן אָן אנדערשמאָל, ווען איך וועל באקומען אײַער ענטפער מיקויעך דעם סטערעאָטיפּ, ווײַל וואָס וועט מיר העלפן איצט די קאָרעקטור?

לאָמיר איבערגיין צום בריוו. זאָל אײַך דער אייבער־שטער, דער גאָט פון ייִסראָעל אויסהיטן צו שטעלן די ווערטער: «Рябчик, апофеоз «Черты»». אויב איר ווילט עס אומבאדינגט טאָן, טאָ זאָלט איר פריִער מיר צושיקן סאַם, וועל איך זיך אָפּסאַמען. זייער שיין וועל איך אויסזען, ווען איך וועל עס ארויסגיין פארן געערטן פובליקום און א טײַט טאָן מיטן פינגער: אָט, הייסט עס, לייענט מײַן „ראבטשיק“, ווי דעם אפּאָטעאָז פונעם „טכום“! ניין! ניין, איר הארגעט מיך בעסער פריִער (נאָר באוואָרנט מײַן פאמיליע), און נאָכדעם ערשט... געדענקט, אײַך האָט זיך געוואָלט: «Мал. люди и их понятия», איך וואָלט נאָך פאָרגעלייגט: און זייער «Точка зрения». ניין, פילפלט זיך ניט איבעריק!

די „צוויי טויטע“ דארף מען ניט ארויסוואַרפן. איר זײַט גערעכט. צו די „קליינע מענטשעלעך“ זײַנען זיי צוגע־פאסט. און „ראבטשיקן“ טרײַבט ארויס ביזן פערטן באנד, אַדער אפילע ביזן פינפטן. אָט, זעט איר, „מעסושעלעך“ איז אין „די קינדער פון טכום“ צוגעפּאסט, כאָטש ס׳איז אויך א כײַע, ווײַל דאָרטן שפּילט דאָס קינדווארג די הויפּט־ראָליע. און אָט זײַנען פאראן נאָך צוויי דערציי־לונגען פארן צווייטן באנד. דאָס איז

1) דער ייִנגסטער פון די מעלאָכים, בא אײַך איז עס ערגעץ פאראן. זוכט. און 2) שוין איינמאָל א סוקע!

אָט די דערציילונג אין אָריגינאַל איז בא אײַך ניטאָ. און דערפאר שיק איך אײַך ארויס איר איבערזעצונג אין רוסיש, אָנגערופן: «Ай да кучка».

איך וועל נאָך א זוך טאָן בא זיך, קעדיי דערגאנצן דעם צווייטן באנד. אויסער דעם, האָב איך ערשט איצט פארענדיקט צוויי קינדער־דערציילונגען אף פורים און פייסעך.

קאָפּיעס פון זיי שיק איך אײַך ארויס אין אָריגינאַל. איר וועט זיי אָנרופן אזוי:

1) עסטער.

2) פײַטל און פעדקא.

אין עטלעכע טעג ארום וועט איר דערהאלטן ביידע אָריגינאַלן.

וועגן דריטן באנד בין איך מיט אײַך מאסקים. סאָרטירט אזוי, עס זאָל זײַן א געוויסע גאנצקײַט. און אויב מיר האָבן זיך גענומען יעדן באנד (אָדער צוויי בענדער) געבן א נאָמען, איז וואָס וועלן מיר טאָן מיט יענע דערציי־לונגען, וווּ עס איליוסטרירט זיך די ייִדישע רעכטלאָזי־קײַט? (101, דער וויגרישני בילעט, גימענאזיע, פריזיוו, אלע פאר אונדז. איך וועל נאָך צוגעבן צו דעם נאָך איינִיקע דערציילונגען פון די „אײַזנבאן־געשיכטעס“, וועלכע איך וועל אײַך ארויסשיקן. און דאָס, וואָס עס דרוקט זיך נאָך בא מיר). (איר וועט מיר, ביטע, דער־מאָנען).

אגעוו, צו דעם באנד „קליינע מענטשעלעך“ געהערט די שרעקלעך קאָמישע דערציילונג „דער פארקישעפּטער שנײַדער“.

„דער פארקישעפּטער שנײַדער“ איז נאָך אין מאנו־סקריפּט. ליגט אין ווארשע. איך וועל פאראָרדענען ארויס־שיקן אײַך א קאָפּיע. אלזאָ, ווי וועלן מיר א נאָמען געבן אָט דעם באנד מיט די רעכטלאָזע מענטשן? טראכט צו אין א פרײַער מינוט און שרײַבט מיר אָן. פארשטייט זיך, אָן „אפּאָטעאָזן“ און „שטאנדפּונקטן“, נאָר א ביסל פּי־גורעל. כאָטש אזוי ווי די „קליינע מענטשעלעך“. צי דען זײַנען די ק ל ײ נ ע מענטשעלעך ניט גרעסער פון איי־ניקע ג ר ו י ס ע?

איך האָף, אז איר האָט מיך פארשטאנען. זײַט זיך מעיאשעוו מיטן ה׳ מארעק. די פראגע וועגן דריטן באנד איז, הייסט עס, אויך ניט קלאָר, ווײַל די „קליינע מענט־שעלעך“ וועט זיך בא אונדז אָנקלײַבן אף צוויי בענדער, צי ניט? גיט א סאָרטיר דאָרטן און גיט צו דעם „פאר־קישעפּטן שנײַדער“ (א בויגן 3—4 און עפּשער אויך 5).

NB. צו די „קליינע מענטשעלעך“ געהערט אומבא־דינגט פּעסעלע דעם רעבנס «Дочь моего учителя» — אזוי זאָלט איר עס אָנרופן).

נו, זיך פארמאטערט. צום ווידערזען.

אײַער ש.־אלייכעם.

P.S. אָט, באם סאָף פון די „רעכטלאָזע“ איז גע־ווּנטשן אײַנצואָרדענען „ראבטשיקן“. עפּשער אָנרופן דעם באנד „רעכטלאָזע“? דאָס איז אי ריכטיק, אי פּאָשעט. ניין. מיר וועלן אים אָנרופן בעסער: «Неунывающие» «люди. עס געפעלט אײַך? און עפּשער «Люди» «с правами»? ניין. «Неунывающие» איז בעסער. אזוי:

באנד I. «Дети черты»
ב. II. «Дети черты»
ב. III. «Мал. люди»
ב. IV. «Мал. люди»
ב. V. «Неун. люди»
ב. VI. «Неун. люди»[1]

אכטער בריוו

נערווי, 910. IV. 30.

(א פּאָטשט־קארטל)

פיל געאכטעטער ה׳ פינוס!

גאָרוואָס דערהאלטן דעם צווייטן באנד «Дети черты». דער פּאָטער לייענט אים ליגנדיק. ניט געקוקט אף זײַן קרענק, איז ער אופגעשפרונגען ווי א פארגיפטעטער. וואָס איז געשען? אף דער זײַט 118 האָט ער געפונען אין

---

[1] א טייל פון דעם בריוו איז פובליקירט געוואָרן אין רוסישן אָריגינאַל אין מינסקער זשורנאל „שטערן“, נומ. 5 פון 1936, ז. 64—65. דער זעלבער טייל איז אויך איבערגעדרוקט אין א ייִדישער איבערזעצונג (ניט אָנגע־וויזן, אז דאָס איז אן איבערזעצונג) אין 15־טן באנד פון שאָלעם־אלייכעמס „אויסגעוויילטע ווערק“. מעלוכע־פאר־לאג „דער עמעס“, מ., 1941, ז. 221—223.

אײַער איבערזעצונג עפּעס ענלעכעס צו דעם «Нет пе-
чатки» אין ערשטן באַנד, געמלעך, אין אָריגינאַל שטייט: „טאָג און נאַכט, זומער און ווינטער — און דאָך אייגענע ברידער“. דאָס הייסט — День и ночь, зима и лето — все же родные братья. און גיט אַ קוק, וואָס האָט זיך בא אײַך באַקומען!

«Дни и ночи, зиму и лето, занятия прово-
дит (?) в разговорах». טראַכט זיך אַרײַן און שטעלט זיך אַוועק אַ 2 פאַר דעם אָרט. אַזוי זאָגט דער פאָטער און לייענט ווײַטער.

מיט אַכטונג

עמא ראַבינאָוויטש.

נײַנטער בריוו

באַדענווײַלער, 10. VI. 10. נומ. 2364. (אַ פּאָסטקאַרטל)

טײַערער פּינוס!

אומזיסט האָט איר זיך אַזוי צעבייזערט. איר האָט מיך ניט פאַרשטאַנען. ווען איך וועל אײַך צושיקן מײַן קאָרעקטור, וועט איר פאַרשטיין, פאַרוואָס מע שרײַבט מיר פון אַלע זײַטן וועגן דער נאַכלעסיקײַט פונעם איבערזעצער אין צווייטן באַנד. מיר פּערזענלעך האָבן אָנגעוויזן אַווטאָריטעטן, אַז פון אייניקע ערטער אין באַנד זעט מען, אַז עס איז ניט געווען קיין שום קאָרעקטור. עס קאָן קיין רייד ניט זײַן וועגן וועלכן-ניט-איז אומצוטרוי צו אײַך פון מײַן זײַט. דערווײַל זעט, אַז די „ס. פּראָב.“ זאָל ניט אַרויסלאָזן דעם ערשטן באַנד אין אַ צווייטער אויפלאַגע.

איך וואַרט אויף אײַער ענטפער

אײַער ש.-אַלייכעם

צענטער בריוו

באַדענווײַלער, 10. VI. 15/28. נומ. 2370.

(אַן אילוסטרירט פּאָסטקאַרטל).

הײַנט האָב איך אײַך אַרויסגעשיקט אין אַ פאַרמאַכטן בריוו (ניט רעקאָמענדירטן) די פאָרזעצונג פון די „קסאַווים“. אין צוויי טעג אַרום — דעם סאָף.

דאָ, בא דער זײַט האָט איר אַ מוסטער פון מ. גאָרקיס סטיל („דאָס שטעטל אָקוראָוו“). ערגעץ בא אײַך איז דאָ ק י מ א ט אַזאַ מין אָרט. איר געדענקט ניט?

ניט קיין פּאָשעטן בריוו און ניט קיין רעקאָמענדירטן האָב איך ניט געשיקט דאָ וואָסטרעבאָוואַניאַ. נאָר געוויינלעך. דערוויסט זיך און גיט אָן אַ מער פּינקטלעכן אַדרעס.

אײַער ש.-אַלייכעם.

[בא דער זײַט איז צוגעקלעפּט אַ שטיקל צײַטונג-פּאַפּיר מיט פאָלגנדן פראַגמענט פון גאָרקיס „דאָס שטעטל אָקוראָוו“]

«били детей. Им давали таски, потасовки, трепки, выволочки, подзатыльники, плюхи и шлепки, секли березовыми прутьями, пороли ремнями. Ругань[1].

עלפטער בריוו

לוגאַנאָ, 10. X. 7/20. נומ. 2416.

סאַראַ מאָדנער מענטש איר זײַט, פונדעסטוועגן, טײַערער פּינוס! טויזנט מאָל אַנטשולדיקט איר זיך, ווי פאַר

---

[1] „די קינדער האָט מען געשלאָגן. מע האָט זיי אײַנגעטיילט קלעפּ, סטוסאַקעס, געצופּט, געריסן, דערלאַנגט אין קאַרק, געשענקט פלאַמיקע פּעטש, געשטורכעט, געשמיסן מיט בעריאָזעווע ריטער, מיט רימענס. זידלערײַען...“

איצט געפינט זיך דער דאָזיקער טעקסט אין גאָרקיס ווערק „דאָס לעבן פון מאַטוויי קאָזשעמיאַקין“, וואָס געהערט אויך צום ציקל „אָקוראָווסקינע“ און איז לעכאַטכילע פאַרטראַכט געווען ווי דער צ ו ו ײ ט ע ר טייל פון „דאָס שטעטל אָקוראָוו“. שאָלעם-אַלייכעם האָט עס גענומען פונעם פרישן, ע ר ש ט ן וואַריאַנט, וואָס האָט זיך דאַן געדרוקט אין דער 31-טער „זאַמלונג פון דער געזעלשאַפט „זנאַניע“ און האָט זיך, ווײַזט אויס, אויך געדרוקט אין אַ קיִעווער צײַטונג. דאָס זעט מען פון דעם רעשטל אַנאָנס אויף דער צווייטער זײַט פון דער אַפּליקאַציע, וווּ עס איז אָנגעוויזן אַן אַדרעס פון אַ קיִעווער גאַס (פונדוקלייעווסקאַיאַ).

אריינגיין אָן א פראק אין א קייזערלעכן פּאלאַץ. פאר־ קערט, איך בין אייַך טויזנט מאָל דאנקבאר פאר יעדער קריטיק, פאר יעדער באמערקונג, און וואָלט, פארקערט, געווען אייַער סוינע, אויב, וויסנדיק די שוואכקייַט פון אַזעלכן ניט־איז ווערק, וואָלט איר זי פארבאהאלטן אין זיך. קיינמאָל זאָלט איר מיך ניט שאַנעווען, אויב איר וועט באמערקן עפּעס. איך קאָן אן אנדערשמאָל אריינבראָקן אזא מין נארישקייַט און פּלוידערייַ, אז דער־ נאָך איז מיר אליין א כארפּע. א שוואכע זאך — ארויס־ ווארפן אָן קיינע צערעמאָניעס. אָט, אויך איצט טאקע טטא־ רעט זיך ארויסלאָזן דעם פערטן באנד אָ ן „75000“ און „גימענאזיע“. באזונדערס אָן „75000“. זייַט זיך מעיא־ שעוו. באהאנדלט מיטן פארלעגער. איך האָב אייַך ארויס־ געשיקט א קליינע דערציילונג, „דער צענטער“ רופט זי זיך. וועט ניט געפעלן ווערן, איז אונטערן טיש! דה. ניין, ניט אינגאנצן אונטערן טיש, נאָר צוריק קיין ווארשע לויטן אדרעס פון בערקאָוויטש, דינעזאָן, גאס דעלנאיא, 15. און אומבאדינגט רעקאָמענדירט.

פאר אָנווייַזן די שוואכקייַטן קוש איך אייַך.

ש.־אליכעם

צוועלפטער בריוו

נערווי, 10. XII. 29/12. נומ. 2426. (א פּאָטשט־קארטל)

ליבער פרייַנט פּינוס!

נאָרוואָס דערהאלטן דעם פערטן באנד. באם מיטיק בא־ וויזן דורכצוקוקן נאָר דעם פאָרוואָרט. צום סאָף האָב איך דערזען מייַן פראזע: „איך בין קיין מעכאבער, קיין מע־ לאמעד, קיין באטלען“.

איר האָט איבערגעזעצט:

Я не сочинитель, не учитель (?!), не без- дельник— און כ׳האָב פארלאָרן מייַן אפּעטיט... וויי, פארוואָס האָט איר מיר ניט צוגעשיקט דעם דאָזיקן פאָר־ וואָרט! שטענדיק דארף איך דעם ערשטן קאפּיטל אליין דורכקוקן. איך וואָלט ניט דורכגעלאָזן אזא מין פאר־ דריסלעכן ליאפּסוס: א מעלאמעד — учитель!! וואָס וועט קלערן וועגן אונדז דער רוסישער לייענער? שוין זשע וועט איר מיך פארזיכערן, אז איר האָט קלוימערשט אופגענומען מעלאמעד אין דעם אָרט בוכשטעב־ לעך? אשטייגער, איך האָב אייַך אויסגעזידלט: אייַ, זייַט איר א מעלאמעד! וועט איר איבערזעצן «Эх, Вы учитель»? איך צווייפל. טרויעריק, פרייַנט, כאָטש אויך לעכערלעך. נאָר טאקע דערפאר גראָד איז עס טרויעריק.

אייַער ש.־אליכעם.

דרייַצעטער בריוו

קלארענס, 12. IV. 4/17. נומ. 2448.

מייַן ליבנסווירדיקער פינוס!

נאָרוואָס געענטפערט מיט א טעלעגראמע אף א טעלע־ גראמע פון „סאוור. פּראָבלעמי“, אז דער מאטעריאל איז



ארויסגעשיקט. איך האָב אים מיט א ווערטפולן בריוו אָפּגעשיקט (מיט א בייַגעלייגטער קאָפּיע) אף זייער אדרעס.

איך בעט אייַך, ערשטנס, דורכקוקן „סטעמפּעניו“ נאָכ־ אמאָל אין העסקעם מיט די אויסבעסערונגען וואָס זייַ־ נען דורך מיר אריינגעטראָגן געוואָרן אין ערשטן קאפּיטל. צווייטנס, דעם אָריגינאל פון ראָמאן „יאָסעלע סאָלאָוויי“ אויסבעסערן אין העסקעם מיטן אָריגינאל פון די ערשטע קאפּיטלען, דורך אייַך שוין איבערגעזעצטע. ווען מייַן געזונט וואָלט געווען באפרידיקנדיק און איך וואָלט גע־ ווען פרייַ, וואָלט איך א סאך געענדערט. איצט אָבער פארלאָז איך זיך אף אייַך. אגעוו (און דאָס איז אייַך א מוסטער אף ווייַטער), איבערזעצט איר „ער האָט אָנגע־ האנגען א לונג־און־לעבער“ אאוו. «Он подвесил легкое и печенку». שוין זשע איבערזעצן זיך אידיאָ־ מען? עס באקומט זיך דאָך א שרעקלעכער אבסורד, עס איז דאָך א כארפּע אזוי צו ריידן אין רוסיש פאר רוסי־ שע. זייַט אזוי גוט, גיט עמעצן א רוסישן די פאר־ טיקע איבערזעצונג.

איך דערוואַרט אָן ענטפער

ש.־אליכעם.

שעפערישע שטרײַטן, ליטעראַרישע דעבאַטן און דיסקוסיעס

1. די ראָליע און דאָס אָרט פון דער פּאָעזיע

די אקטועלע פּראָבלעמען פון ליטעראַרישן לעבן, די נײַע דערשײַנונגען, וואָס קומען אוף אין דער פּראָזע, פּאָעזיע, קריטיק, די טעאָרעטישע פּראגן, וואָס אנטשטייען אין דער מאַרקסיסטישער עסטעטיק און ליטעראַטור־קענטעניש, ציִען קעסיידער צו זיך צו די אופמערקזאמקײַט פון דער שרײַבערישער געזעלשאפטלעכקײַט אין סאָוועטנפארבאנד, רופן ארויס פארשיידענע אָפּשאצונגען, שטעלונגען, אָפטמאָל לײַדנשאפטלעכע פּאָלעמיק. אינטערעסאנטע דעבאַטן און דיסקוסיעס וועגן די אופגאבן פון דער סאָוועטישער ליטעראַטור אין צוזאמענהאנג מיט די באַשלוסן פונעם XXIII פּארטיי־צוזאמענפאָר און מיט דעם 50־יאָריקן יובילײ פון אָקטיאבער האָבן זיך לעצטנס פאַנאַנדערגעוויקלט אַף א רײ רעפּובליקאנישע שרײַבער־צוזאמענפאָרן, אַפן פּלענום פון דער פארוואלטונג פונעם רוסלענדישן שרײַבער־פארבאנד, ווי אויך אַף די שפּאַלטן פון דער אַלגעמיינער פּעריאָדישער פּרעסע, פון די ליטעראַרישע צײַטונגען און זשורנאַלן.

א סאך שעפערישע שטרײַטן זײַנען פאָרגעקומען אַפן פּלענום פון דער פארוואלטונג פון דער מאָסקווער שרײַבער־אָרגאַניזאַציע, וועלכער איז געווען געווידמעט די פּראָבלעמען פון דער מאָדערנער פּאָעזיע. קיין גרונט־פאָרטראָג איז ניט געווען, ס'איז פּאָשעט פאָרגעקומען א פרײַער מיינונג־אויסטויש, אין וועלכן ס'האָבן זיך באַטייליקט מער פון דרײַסיק אָראַטאָרס. מעגלעך, דערמיט טאקע איז צו דערקלערן, וואָס די דיסקוסיע איז געווען א הייסע און האָט געטראָגן א גאַנץ שאַרפן כאַראַקטער. אַלע אָבער האָבן אנערקענט פאַר געלונגען די טעמע, וואָס איז אויסגעוויילט געוואָרן צום באהאנדלען, ווײַל די פּאָעזיע, באַנאַנד מיט דער פארצייכענונג, איז אַן אָפּעראַטיווער זשאַנער פון דער קינסטלערישער ליטעראַטור, זי רופט זיך אָפּ פריִער פון אנדערע אַף די פרישצאַפּלדיקע לעבנס־געשעענישן.

ארום וועלכע גרונט־פראַגן זײַנען געגאַנגען די שטרײַטן אַפן פּלענום אין דער הויפּטשטאָט? קודעמקאָל, ארום דער פראַגע וועגן דער ראָליע און וועגן דעם אָרט פון דער מאָדערנער פּאָעזיע אינעם אַלגעמיינעם ליטעראַרישן פּראָצעס. עס האָט זיך גלײַך ארויסגעוויזן, אַז ס'עקזיסטירן צוויי פּאָליאַרע שטאַנדפּונקטן. וו. פּערצאָוו, לעמאָשל, האַלט, אַז „אין אָט דעם האַלבן יאָרהונדערט איז אונדזער פּאָעזיע געגאַנגען פאָרויס בענעגייע דער פּראָזע, וואָס אירע מערקווירדיקע דערגרייכונגען זײַנען אויסער יעדן סאָפעק“. דעם כאָשעווון קריטיקער און ליטעראַטור־פאָרשער האָט אין א געוויסן טייל פון זײַן רעדע געשטיצט דער פּאָעט עד. אַסאַדאָוו: „די פּאָעזיע אונדזערע איז אין די לעצטע יאָרן ארויס, ווי מע זאָגט עס, אַף דער פאָדערשטער ליניע פון דער סאָוועטישער ליטעראַטור“. פּרינציפּיעל אנדערש איז די שטעלונג פון די דיכטער א. פּאַנקראַטאָוו און א. קאָרעניעוו. „עס האָבן זיך באַוויזן גענוג פּאָעטישע ווערק, — פּאָלעמיזירט פּאַנקראַטאָוו, — נאָר ווו זײַנען די ווערק וועגן לעבנס־שווונג פון אונדזער לאַנד, פון אונדזער פאָלק... אויב ניכטער באַטראַכטן די זאַך, — זעצט ער פאָר, — מוזן מיר איצט אנערקענען, אַז ערעוו אונדזער פופציקיאָריקן יובילײ איז ניטאָ בא אונדז קיין גרויס, באַדײַטנדיק ווערק וועגן לענינען, ניטאָ די גרויסע באַזיניקונג פון דער רעוואָלוציע“. ווײַטער האָט ער גערעדט וועגן דעם, אַז די דיכטונג האָט נאָך ניט אופגעהויבן ווי עס דאַרף צו זײַן די מילכאָמע־טעמע, אַזעלכע טעמעס, ווי שאָלעם, קאָסמאָס — „אַלץ, וואָס שטעלט מיט זיך פאָר די צווייטע יוגנט פון אונדזער לאַנד“. ער האָט דערמאָנט דערבײַ, אַז צום 10־טן יאָרטאָג פון דער ראַטנמאַכט איז געשאַפן געוואָרן אַזא אויסשליסלעך ווערק, ווי מאַיאַקאָווסקיס פּאָעמע «Хорошо» („גוט“), אַז אין 1927 האָט פּאַסטערנאַק אָנגעשריבן זײַן גרויסע טאַלאַנטפולע פּאָעמע „לייטענאַנט שמידט“.

אַנטוויקלענדיק דעם זעלבן געדאַנק, האָט א. קאָרעניעוו באַזונדערס באַטאָנט, ווי נייטיק ס'איז צו שאַפן ווערק וועגן וו. אי. לענינען. ער איז ארויסגעטראָטן קעגן די „ווערסיפיקאַטאָרס, וואָס באַשפּילן בלויז די אָדער יענע אידייִיש־פּאַטריאָטישע טעמע“. וועגן אַזעלכע „גראַמענמאַכער“ האָט מיט פארביטערונג גערעדט אויך ס. פאָדעלקאָוו. קאָמענטירנדיק די דאָזיקע פּאָלעמיק, האָט די וואָכנבלאַט „ליטעראַטורנאַיאַ ראָסיִאַ“ („דאָס ליטעראַרישע רוסלאַנד“) מיט רעכט געשריבן, אַז גופע אַזא שטעלונג פון דער פּראָבלעם, ווער געפינט זיך פאָרויס — די פּאָעזיע צי די פּראָזע, איז ניט געזעצמעסיק. ריכטיק האָבן געטאָן יענע אָראַטאָרס, וואָס האָבן, אויסמײַדנדיק עקסטרעמקײַטן אין די אָפּשאצונגען, גערעדט סײַ וועגן די דערפאָלגן, סײַ וועגן די מאַנגלען פון דער פּאָעזיע.

א לעבהאַפטיקער וויכוועך האָט זיך אַפן פּלענום צעפלאַקערט ארום דער פראַגע וועגן דער אינטעלעקטועלקײַט פון דער פּאָעזיע. דער קריטיקער א. מיכײַלאָוו האָט אין זײַן ארויסטרעטונג ארויסגערוקט אַזא טעזיס: „...די אינטעלעקטועלע ריכטונג אין דער מאָדערנער פּאָעזיע איז די סאַמע פּערספּעקטיווּפולע אַף דער נאָענסטער צײַט“, פארשטייענדיק אונטער דעם טערמין „אינטעלעקטועלקײַט“ די פילאָסאָפישקײַט פון דער דיכטונג, די אויסברייטערונג פון די אינטעלעקטועלע האָריזאָנטן. דער פּראָזאַיִקער וו. ראָסליאַקאָוו האַלט, אַז דער דאָזיקער טערמין דריקט אויס „די שטרעבונג צו זען אין אונדזער פּאָעזיע דעם גרויסן געדאַנק, די גרויסע טעמע, דאָס גרויסע געפיל“. אַזוי פארשטייט עס אויך דער קריטיקער וו. אָגניעוו. דער שטרײַט אָבער האָט זיך פאַנאַנדער־

געוויקלט ניט אַזוי אַרום דעם, ווי צו פאַרשטיין דעם טערמין, ווי אַרום דעם, וועמען צו באַצייכענען אַלס דיכטער — דענקער. א. מיכײַלאָוו פאַרעכנט צו דער אינטעלעקטועלער דיכטונג אַן ענגן קרײַז פּאָעטן (קוידעמקאָל, ניקאָלײַ זאַבאָלאָצקי און לעאָניד מאַרטינאָוו, דערנאָך: אַכמאַטאָווא, מאַרשאַק, אַסייעוו, אַנטאָקאָלסקי, לעוו אָזעראָוו, ווינאָקוראָוו, וואַנשענקין, וואָזנעסענסקי און איינִיקע אַנדערע). מיט דערווידערונגען מיכײַלאָוון זײַנען אַרויסגעטראָטן אַ ריי פּאָעטן: פּיאָדאָראָוו, וואַסיליעוו, קאָוואַליאָוו. יעדערער פון זיי האָט ווידער און ווידער אויסגערעכנט נעמען פון דיכטער, וועלכע מיכײַלאָוו האָט ניט אָנגערופן, און געפרעגט: „צי איז זייער דיכטונג ניט אינטעלעקטועל?“ דערבײַ זײַנען דערמאָנט געוואָרן סמעליאַקאָוו, טיכאָנאָוו, לוגאָווסקאָי, נאַראָווטשאַטאָוו, איסאַקאָווסקי, איסײַעוו און אַנדערע. לײדער, האָבן מיכײַלאָווס אָפּאָנענטן ניט קלאָר פאָרמולירט, ווי זיי פאַרשטייען דעם טערמין „אינטעלעקטועלקײַט“. אויך דעם קריטיקערס דעפיניציע איז נאָך ווײַט ניט אויסשעפּנדיק. דערפון שטאַמט די עמאָציאָנעלקײַט פונעם וויקועך, וואָס וועט נאָך געוויס דויערן.

אַן אינטערעסאַנטער שמועס איז געגאַנגען אויפן פּלענום וועגן די מאַנגלען אין דער שאַפונג פון פּען־קאָלעגן. ס. פּאָדעלקאָוו, אַשטייגער, האָט קריטיקירט די פאָרם און דעם אינהאַלט פון אַנדריי וואָזנעסענסקיס ווערק. אים האָט דערווידערט ראָסליאַקאָוו: „אַנדריי וואָזנעסענסקי איז אַ סאַך קאָמפּליצירטער, ווי איך מיט פּאָדעלקאָוון צוזאַמען שטעלן זיך פאָר“.

יא. סמעליאַקאָוו האָט גערעדט וועגן די בלויזן אין וו. סאָסנאָרעס דיכטונג. וועגן די שוואַכקײַטן אין דער שאַפונג פון יא. קאָבזיעוון האָט גערעדט פּאָזדניאַיעוו, פּאָלעמיזירנדיק מיט אַסאַדאָוון, וואָס האָט דעם דאָזיקן פּאָעט פאַרטיידיקט. וו. דעמענטיעוו האָט קריטיקירט סידאָרענקאָס בוך «Свет» („שײַן“) און פּאָזיטיוו זיך אָפּגערופן וועגן די דיכטער, וואָס זוכן אַן ענטפער אויף די הויפּט־פּראָבלעמען פון אונדזער צײַט (פּ. סעמינין, א. מעזשיראָוו, ד. סאַמאָילאָוו, ב. סלוצקי, וואַס. פּיאָדאָראָוו אאַ.).

2. סכעמע און לעבן

פון די פּאָעטישע דיסקוסיעס וועלן מיר איבערגיין צו די שטרײַטן אַרום דער פּראָזע.

אינעם היאָריקן ערשטן נומער פונעם זשורנאַל „יונאָסט“ („יוגנט“) איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן אַ נײַע גרעסערע דערציילונג פונעם באַוווסטן נאָוועליסט סערגיי אַנטאָנאָוו: „דער צעריסענער רובל“. נאָכדעם איז די דאָזיקע דערציילונג דערשינען אין דער „ראָמאַן־צײַטונג“ און אויך ווי אַ באַזונדער בוך אינעם פאַרלאַג „מאָלאָדאַיאַ גוואַרדיִאַ“. אין מײַ האָט „ליטעראַטורנאַיאַ ראָסיִאַ“ (נום. 21) אָפּגעדרוקט צוויי אַרטיקלען וועגן אַנטאָנאָווס דערציילונג, וואָס שוין גופא די נעמען זייערע ווידערשפּרעכן איינער דעם אַנדערן. איין אַרטיקל, געשריבן פונעם קריטיקער מ. שקערין, הייסט „אַ טרויעריקע געשיכטע“, דאָס צווייטע אַרטיקל, פונעם פּראָזאַיִקער ל. ליכאָדייעוו, — „אַן אָפּטימיסטישע געשיכטע“.

כּדי דער לייענער זאָל האָבן אַ פאָרשטעלונג וועגן דאָזיקן שטרײַט, וועלן מיר אײַנקורצן איבערדערציילן דעם סוזשעט פון אַנטאָנאָווס דערציילונג. ווי אַ סאַך פון סערגיי אַנטאָנאָווס פריִערדיקע ווערק, איז אויך די דערציילונג „דער צעריסענער רובל“ געבויט אויפן מאַטעריאַל פון דעם הײַנטצײַטיקן קאָלווירטישן דאָרף. דעריקער אינטערעסירן דאָ דעם אַווטאָר מאָראַלישע פּראָבלעמען, שאַרפע עטישע קאָנפליקטן. אין אַ קאָלווירט, וווּ „די אַנטוויקלונג־טעמפּן שטייען אָפּ פון די געשטעלטע פאָדערונגען“, ווי עס דריקט זיך אויס די אַקטיוויסטקע מאַרוסיאַ (אין איר נאָמען ווערט געפירט די דערציילונג), קומט צו פאָרן אַ גרויסשטאָטישער יאַט, וויטאַלי פּאַסטוכאָוו. ער טרוימט „פאַר איין יאָר“ זיך דערשלאָגן אַן אויפשטײַג פונעם קאָלווירט, אָנווענדנדיק שנעל־מעטאָדן פון טראַקטאָר־אַרבעט. נאָר גאָר אײַנגיכן האָט דער דאָזיקער אויפריכטיקער ענטוזיִאַסט, וואָס האָט פיל מי אָפּגעגעבן אויף עקספּערימענטירן, אײַנפירן נײַסן, אָנגעווירן זײַן ענערגיע, געוואָרן געפאַלן בא זיך, „ווי גלײַך מע זאָל האָבן די לופט אַרויסגעלאָזט פון אים“.

וואָס זשע האָט געצוווּנגען פּאַסטוכאָוון אונטערצוגעבן זיך, אָפּזאָגן זיך פון זײַנע טרוימען און בכלל פון אַקטיווע פּאָזיציעס אין לעבן? דער ענטפער אויף אָט דער פראַגע — דאָס איז טאַקע דער אינהאַלט פון דער דערציילונג „דער צעריסענער רובל“. דעם קריטיקער מ. שקערין אינטערעסירן אָבער ווייניק די עטישע און מאָראַלישע פּראָבלעמען, וואָס ס. אַנטאָנאָוו האָט אויפגעהויבן. אין זײַן אַרטיקל ווערט די דערציילונג אויסגענוצט ווי אַ געלעגנהײַט צו פירן אַ שמועס וועגן די פּראָבלעמען פון דער לאַנדווירטשאַפט, וועגן דער לאַגע און דער ווירדע פונעם קאָלווירטניק. דער קריטיקער וואַרפט פאָר דעם שרײַבער, אַז „ער מאָלט דאָס קאָלווירטישע פויערטום אין 1966, אַזוי ווי דאָס האָבן שוין געשילדערט צענדליקער שרײַבער ביז אים“, אַז ער ווײַזט ניט, פאַרוואָס דער קאָלווירט איז הינטערשטעליק, וואָס שטערט אים. עס באַפרידיקט אויך ניט דעם קריטיקער, וואָס אַ שטאָטישער באָכער, קימאַט אַ ייִנגל, האָט זיך אונטערגענומען אויספאַריכטן די לאַגע אין קאָלווירט. צי קאָן ער דען עפּעס אויסלערנען די געניטע קאָלווירטניקעס? בכלל, האַלט מ. שקערין, איז פּאַסטוכאָווס געשטאַלט געמאָלט ניט פול, ס'איז ניט באַוויזן זײַן דערפאַרונג. אויך זײַן אידיי — פאַרשנעלערן די אַרבעט פון די טראַקטאָרס — איז ניט רעאַל, ווײַל עס איז אומעגלעך ווילקירלעך צו ענדערן דעם רעזשים פון מאַשינעס; זאָל דאָס זײַן אַזוי, וואָלט מען אָן פּאַסטוכאָוון זיך דערטראַכט דערצו, און שוין פון לאַנג.

מ. שקערין האָט אויך אַ טײַנע, אַז פּאַסטוכאָווס כאַראַקטער ווערט „צום סאָף פון דער דערציילונג פאַרקריפּלט“. ווען פּאַסטוכאָוו דערוויסט זיך, אַז די בריוטרעגערן גרוניאַ האָט זיך גענומען דאָס לעבן און ער געפינט דעם מענטשן, וואָס האָט געשטויסן דאָס מיידל באַגיין זעלבסטמאָרד, וואָלט ער באַדאַרפט, ווי דאָס אַנטשפּרעכט זײַן כאַראַקטער, פאַרורטיילן אָט דעם מענטשן, ער אָבער „ווערט פּלוצעם פאַרוועלקט, מאַכט שאָלעם מיט דער נידערטרעכטיקײַט“. דאָס זעלבע קומט מיט אים פאָר, ווען ער האָט דורכפאַלן אויפן פּראָדוציר־געביט. „איך פאַרשטיי ניט די מאָראַל, — שרײַבט מ. שקערין, — דער אַווטאָר האָט געוואָלט זאָגן, אַז די לעבנס־אומשטענדן ברעכן צײַטנווײַז אפילו אַ שטאַרקן כאַראַקטער. עס טרעפט. אָבער אַזעלכע אומשטענדן דאַרף מען שילדערן. סערגיי אַנטאָנאָוון איז דאָס ניט געלונגען“.

לעאָניד ליכאָדייעוו, פאַרקערט, שאַצט הויך אָפּ די דערציילונג, ער קאָנצענטרירט זײַן אויפמערקזאַמקײַט אויף די עטישע פּראָבלעמען, וואָס ווערן אין איר געשטעלט, און

אנאליזירט אירע קינסטלערישע מײַלעס. לעהייפעך שקערינען, האלט ער פאר א געווינס דאָס, וואָס דער אווטאָר האָט באַשאָנקען מארוסיא לעבעדיעווא — די העלדן, וואָס פירט די דערציילונג, — מיט א קאנצעליאריש־ביוראָקראַטישן רייד־סטיל. ליכאָדייעוו שטרײַכט אונטער, אז מאַרוסיעס שפּראַך איז די שפּראַך פון א מענטשן, וואָס איז געווינט סכעמאטיש צו דענקען, „וואָס איז דערצויגן געוואָרן אף סכעמע, אף אָט דעם אויסגעפּרוּווטן סוראָגאַט פון געפילן, קענטענישן און מענטשלעכער זעלבשטענדיקײַט“. מארוסיא לעבעדיעווא „דערציט“ פּאסטוכאָוון. נאָר איר „דערציִונג“ איז קליינלעך, סכעמאטיש. מארוסיא איז אינגאנצן אף דער זײַט פון פאסטוכאָוון, זי טראכט ווי ער און פילט ווי ער, נאָר די סכעמע איז שטארקער פון איר. און דעריבער, ווען דער יונגער יאט וויל זיך אָפּרעכענען מיטן אויסוואורף, וואָס האָט אומגעבראכט גרוניען, האלט זי אים אָפּ דערפון. און דער פאָרזיצער פון דעם קאָלווירט — דאפקע א גוטער מענטש — שטעלט אים אויך אָפּ, ווײַל ער וויל ניט, מע זאָל אויסזאָגן פון כיידער. און פאסטוכאָוו פארבלײַבט איינער אליין. גלײַכגילט און סכעמע דערשטיקן אים. אזא איז ליכאָדייעווס געדאנקענגאנג. עס האנדלט זיך וועגן דעם, האלט ער, וואָס אייגנארטיקע פּערזענלעכקײַטן קומען אום פון לעבנס־באַנאלקײַט, פון סכעמאטישן ארט דענקען. און די דערציילונג „דער צעריסענער רובל“ איז, לויט ליכאָדייעווס מיינונג, אן אָפּטימיסטישע, ווײַל עס איז אין איר באוויזן, וויאַזוי עס ווערט געבוירן א פּערזענלעכקײַט. ליכאָדייעוו גלייבט, אז די העלדן פון דער דערציילונג וועלן זיך באפרײַען פון דער סכעמע און אָנהייבן לעבן מיט א פולבלוטיק לעבן.

א רעצענזיע אף סערגיי אנטאָנאָווס נײַ ווערק האָט אויך אָפּגעדרוקט די „פּראוודא“ (פארן 19 יון). דער רעצענזענט, ס. מארטינאָווא, פּאָלעמיזירט ניט אָפן מיט שקערינען, נאָר דאָס, וואָס זי שרײַבט וועגן דער דערציילונג, פאלט אין גרונט צונויף מיט דער אָפּשאצונג פון לעאָניד ליכאָדייעוון. ס. מארטינאָווא האלט, אז ס'איז א גרויסער דערפאָלג פונעם אווטאָר, וואָס ער האָט געקאָנט באווײַזן, ווי „הינטערן צוזאמענשטויס פון די כאראקטערן פון די העלדן“ ליגט „דער צוזאמענשטויס פון צוויי געזעלשאפטלעכע פּאָזיציעס, פון צוויי פארשיידענע פּאָרשטעלונגען וועגן געזעלשאפטלעכן ווערט פון דער פּערזענלעכקײַט“: אן אקטיווע, אן אומרויִקע, א זוכנדיקע, וואָס וויל ניט שאָלעם מאכן מיטן בייזן און שלעכטן, און א פּאָזיציע פון קאָמפּראָמיסן, פון גלײַכגילט, וואָס וויל אלדאָס לעבעדיקע אײַנמאָסטען אין דער ערשטער באליביקער סכעמע. דער רעצענזענט מערקט אָפּ די קינסטלערישע מײַסטערשאפט פונעם אווטאָר, די פּסיכאָלאָגישע פּינקטלעכקײַט פון די כאראקטערן, וואָס ווערן געשילדערט, דעם שרײַבערס זאפטיק און לאקאָניש לאָשן, זײַן פײַנעם הומאָר און ליריזם. פאר א בלויז פון דער דערציילונג האלט מארטינאָווא דאָס, וואָס דער סאָף איז אין א געוויסער מאָס דעקלאראטיוו, ס'איז ניט גענוג קינסטלעריש איבערצײַגנדיק אנטפּלעקט, ווי בא מארוסיען האָבן זיך געעפנט די אויגן און זי האָט פארשטאנען די פאלשקײַט פון איר באציִונג צו פּאסטוכאָוון און די אוממעגלעכקײַט צו לעבן לויט א סכעמע.

ס'איז געווען נאָך איין אָפּרוף אף אָט דער דערציילונג — פונעם אווטאָר אליין. אין „ליטעראטורנאיא גאזעטא“ (נומ. 23) האָט ס. אנטאָנאָוו פארעפנטלעכט א פּאָלעמישע נאָטיץ „מיקויִעך א רעצענזיע...“, אין וועלכער ער פּאָלעמיזירט מיט שקערינען, ווײַזט אָן אף א ריי פאקטישע ניט־פּינקטלעכקײַטן אין זײַן ארטיקל און ווארפט אָפּ דעם קריטיקערס אויספירן, וואָס זײַנען מיט זיי פארבונדן. אנטאָנאָוו שרײַבט, אז ל. ליכאָדייעוו האָט ריכטיק דערקלערט זײַנע, דעם שרײַבערס, קאוואָנעס.

3. אן אנקעטע וועגן קריטיק. די אכרײַעס פונעם קריטיקער

פראגן פון קריטיק זײַנען אויך ניט פארבליבן אויסער דיסקוסיע.

גרייטנדיק זיך צום פערטן שרײַבער־צוזאמענפאָר, האָט דער זשורנאל „וואָפּראָסי ליטעראטורי“ („פראגן פון ליטעראטור“, 1966, נומ. 5) אָפּגעדרוקט ענטפערס פון א ריי שרײַבער אף אן אנקעטע, געווידמעט ליטעראטור־קריטיק. פאר די שרײַבער זײַנען געשטעלט געוואָרן פיר פראגן: 1. אין וואָס באשטייען די אופגאבן פון דער הײַנטצײַטיקער קריטיק, וואָס קלערן זיי וועגן דער פּראָבלעם „ליטעראטור — קריטיק — לעבן“, וואָס פאר א קריטישער זשאנער (א רעצענזיע, א פּראָבלעם־ארטיקל, א מאָנאָגראפיע) זעט זיי אויס צו זײַן אמערסטן ווירקזאם? 2. ווי שאצן זיי אָפּ דעם צושטאנד אין דער הײַנטיקער קריטיק? וואָס שטערט איר צו אנטוויקלען זיך, וואָס פארא דערפאָלגן און בלויזן האָט זי? 3. וועלכע קריטישע ארויסטרעטונגען פון די לעצטע יאָרן האלטן זיי פאר די סאמע אינטערעסאנטע, צי לייענען זיי ביכער פון קריטיק און וועלכע ביכער האָבן געמאכט דעם שטארקסטן אײַנדרוק? 4. צי העלפט די קריטיק און צי האָט זי א ווירקונג אין זייער שעפערישער ארבעט, צי האָט זי אָפּגעמערקט דאָס, וואָס זיי האָבן אליין אין זייערע ווערק ניט געזען?

אין דער באהאנדלונג פון די דאָזיקע פראגן האָבן זיך אײַנגעשלאָסן נײַנצן פּראָזאיִקער און דיכטער. עס האָבן צוגעשיקט ענטפערס אף דער אנקעטע אײַטמאטאָוו, אקסיאָנאָוו, ווינאָקוראָוו, דרוצע, קאָרזשאווין, טריפאָנאָוו אא.

ווי עס שרײַבט די רעדאקציע פונעם זשורנאל, אונטערציִענדיק דעם סאכאקל פון דער באהאנדלונג, זײַנען די ענטפערס פון די שרײַבער אינטערעסאנט, זיי אנטהאלטן א סאך טרעפלעכע באמערקונגען און צייכענען זיך אויס מיט טיפער זאָרג פאר דער אנטוויקלונג פון דער קריטיק.

„ס'איז בא אונדז אָנגענומען צו זידלען די קריטיקער... איך וואָלט ניט געוואָלט איבערכאזערן דאָס, וואָס איז פיל מאָל געהערט געוואָרן...“ — שרײַבט ס. קרוטילין. „איך האָב קיין כיישעק ניט איבערצוכאזערן... די פארשפרייטע פאָרווורפן: „ניט אָפּגעשפּיגלט, ניט באמערקט אאוו.“, — איז מאסקים מיט אים ל. טאטיאניטשעווא.

דאָס באטײַט קלאָל ניט, אז אלע פּרעטענזיעס צו דער קריטיק זײַנען פארשוווּנדן. אין פיל ארויסטרעטונגען ווערן דער קריטיק געמאכט ערנסטע און באגרינדעטע פאָרווורפן. און אייניקע אָפּשאצונגען (י. דרוצע, וו. ליפּאטאָוו, יו. וואנאג) זײַנען עפּשער אפילע צו הארב און קאטעגאָריש.

די שרײַבער האלטן זיך אייינמוטיק בא דער מיינונג, אז די קריטיק דארף זײַן א קעמפערישע, א פּארטייִשע, אן אָביעקטיווע. זי דארף זיך באפרײַען פון סוביעקטיוויקײַט און גרופּאָווששינע. איבער באזונדערע פראגן ווערן צומאָל ארויסגעזאָגט דיסקוטאבעלע מיינונגען. יו. טריפאָנאָוו, לעמאָשל, האלט, אז די אופגאבע פון דער קריטיק באשטייט קוידעמקאָל דערין, זי זאָל נאָכפאָלגן, ווי ענג די

ליטעראטור איז פארבונדן מיטן לעבן, „געבן אייצעס“. דאָס איז, לויט אונדזער מיינונג, א צו שמאָלער שטאנדפונקט. מיט רעכט האָבן פיל שרײַבער אין זייערע ענטפערס פארשריבן: „דער קריטיקער איז א קינסטלער“ (יע. ווינאָקוראָוו), „דער קריטיקער איז אינטערעסאנט בלויז דעמלט, ווען ער איז בעעמעס טאלענטירט, ווען ער קוקט אפן לעבן און אף דער ליטעראטור מיט די אויגן פון א קינסטלער און א דענקער“ (וו. קאָזשעווניקאָוו). דער זעלבער געדאנק איז אויסגעדריקט אויך אין אן אנדער פאָדערונג, וואָס באגעגנט זיך אָפט אין די ענטפערס פון די שרײַבער אף דער אנקעטע: א קריטישע ארויסטרעטונג דארף שטעלן א פראָבלעם.

אייניקע באהויפטונגען קלינגען גאנץ סוביעקטיוו. באַזונדערס האָט עס א שײַכעס צו די שטעלן, ווו די שרײַבער רופן אָן די נעמען פון קריטיקער, וואָס זײַנען זיי סימפאטיש. כאָטש, צוריק גערעדט, איז דער קרײַז פון סימפאטיעס און אנטיפאטיעס פון די שרײַבער אן און פאר זיך אינטערעסאנט און האָט אויך וואָס צו זאָגן.

די פראָבלעמען פון דער ליטעראטור־קריטיק זײַנען געווען געווידמעט אויך די ארטיקלען אין „ליטעראטורנאיא גאזעטא“ — פון א. באַטשאראָוו (דעם 9 יון), ל. אנינסקי און וו. פאנקאָוו (דעם 16 יון).

די אווטאָרן פון די דאָזיקע ארטיקלען האָבן צווישן אנדערן באַרירט די ביז גאָר וויכטיקע פראגע וועגן דער אכרײַעס, וואָס עס טראָגן דער קריטיקער און דער פרעסע־אָרגאן פאר דעם אָביעקטיוון און פרינציפיעלן אנאליז פון ליטערארישע ווערק. „פארשטייט זיך, — שרײַבט א. באַטשאראָוו, — דער קריטיקער קאָן נישט ניט זײַן סוביעקטיוו. אָן מערקבארע סימאָנים פון דעם, וואָס מיר רופן אָן די פערזענלעכקײַט פונעם קריטיקער, ווערט א רעצענזיע פארוואנדלט אין אן אנאָטאציע. אָבער די דאָזיקע סוביעקטיווקײַט (ניט סוביעקטיוויזם) דארף געריכטעט ווערן אף באגרײַפן דעם רעאלן אידייִש־קינסטלערישן ווערט פונעם ווערק; די קריטיק אינגאנצן גענומען... מוז זײַן אָביעקטיוו“. און דער פרעסע־אָרגאן, וואָס פובליקירט א קריטיש ארטיקל, — זאָגט א. באַטשאראָוו, — דארף מיט זיך ניט פארשטעלן די פערזאָן פונעם קריטיקער און טאָר זיך ניט האלטן בא סימפאטיעס און אנטיפאטיעס פון גרופּעס. ער דארף אויך ניט אום יעדן פרײַז פארטיידיקן די „ערע פונעם מונדיר“. א. באַטשאראָוו טרעט ארויס קעגן דילעטאנטיזם אין דער קריטיק, קעגן רעצענזיעס, וואָס טײַטשן ליטעראטור, נאָר דערקלערן זי ניט.

דעם פאטאָס פון א. באַטשאראָוון שטיצט ל. אנינסקי. „ניט טײַטשן, נאָר דערקלערן ליטעראטור — דאָס איז די זאך פון עכטער קריטיק, — זאָגט ער. — מיט קיין מעכאנישער, גלײַכגילטיקער פען טוט מען דאָס ניט. דאָ פאָדערט זיך א פען א לעבעדיקע — סײַ אין א גרויס ארטיקל, סײַ אין א קליינער רעצענזיע“.

וו. פאנקאָוו דערווידערט א. באַטשאראָוון, וואָס שטעלט אוועק דעם פרעסע־אָרגאן אין דער פאָזיציע פון אן אָפּאָנענט צו דעם קריטיקער. אין זײַן ארטיקל שרײַבט פאנקאָוו: „די רעדאקציע קאָן זיך ניט באזײַטיקן פון אן אייגענער אָפשאצונג פון דעם אָדער יענעם ווערק. עס האנדלט זיך ניט וועגן אָנבינדן אָנשויונגען דעם רעצענזענט, נאָר וועגן א צוזאמען אויסגעארבעטער רײַפער, באגרינדעטער מיינונג“. וו. פאנקאָוו שטיצט אָבער די מיינונג פון א. באַטשאראָוון, ל. אנינסקין אא., אז ס׳איז נייטיק העכערן די פאראנטוואָרטלעכקײַט פון די פרעסע־אָרגאנען פאר די ארטיקלען, וואָס זיי פובליקירן, און אז יעדער קריטיקער דארף זײַן א גײַסטיק רײַכע פערזענלעכקײַט. נאָר דאָ פאָלעמיזירט ער מיט אנינסקין, וואָס מאכט, קלוימערשט, דאָס פערזענלעכע שיר ניט פאר דעם איינציקן קריטערי פון דער קוואליטעט פונעם קריטישן ארטיקל. לויט פאנקאָווס מיינונג, איז דאָס וויכטיקסטע „די פאָזיציע פונעם קריטיקער, די ריכטיקײַט פון דער אָפשאצונג“.

אין איר באמערקונג דערקלערט די רעדאקציע פון דער „ליטעראטורנאיא גאזעטא“, אז זי האלט ניט, דער געשפרעך זאָל זײַן דערמיט אויסגעשעפּט, און אז זי האָט בעדייע זיך נאָך אומקערן צו די דאָזיקע פראָבלעמען.

י. ווײַנבערג

לידער פון פרײַנט

דאָרע טייטלבוים — „אפן וועג צום מענטש"
ווארשע — פאריזש, 1965

וואָס דארף מיט זיך מיטנעמען א מענטש, ווען ער לאָזט זיך אין וועג „צום מענטש"? צארטקייט, ליבע צום לעבן, לײַדנשאפט, געוויסן, אומיטלבארקייט, גלויבן... מאלע־וואָס מע דארף אין וועג...

און דער דיכטערן דאָרע טייטלבוים האָט שוין די נאטור אליין מיטגעגעבן זייער א סאך. דער איקער, טייטלבוים האָט מיטגענומען מיט זיך אין וועג — דעם עמעס.

אזא עמעס מיטגענומען מיט זיך אין וועג „צום מענטש", וואָס בא אלע עמעסע דיכטער געפינט מען אים.

דאָס איז דער עמעס פונעם קאמף קעגן רעכטלאָזיקייט פון די נעגערס אין אמעריקע; פון דעם קאמף קעגן בלוטדורשטיקן פאשיזם, פאר יוישער און פראָגרעס.

דאָרע טייטלבוימס עמעס איז דאָס הײַנטצײַטיקע לעבן, דער קלאסנקאמף אין א מעכטיק קאפיטאליסטיש לאנד, דער ווײ פון מיליאָנען, זייער גארן נאָך א ליכטיקער צוקונפט.

און פון דעם קומט די ליד:

ווען יונגע וואָלקנדלעך, פון וואנדער מיד,
ליגן אף די דעכער פון דער נאכט,
ווען כ'טו פון זיך דעם טאָג ווי א העמד א קויטיקס אויס,
די לאָדן פון הארצן פארמאך
און נעם מײַן שאָטן מײַן שטומען אפן שויס,
קערט מײַן כאָלעם צוריק צו מיר זיך אום.
די ווונדן זײַנע איך פארבינד,
דעם שטויב פון פליגל איך פארוואש
און פארוויג אף די הענט אים, ווי א קינד,
ווײַל פונקט ווי איך, ווי דו,
עס דארף א כאָלעם אויך זײַן רו.

(ז. 13).

און צי האָט דאָרע טייטלבוים רו? אף דעם ענטפערט אונדז דער דיכטערנס זייער טאלאנטפול בוך לידער „דער וועג צום מענטש".

עס טוט איר ווײ, דאָרע טייטלבוים, וואָס אין אמעריקע איז אזא יאקרעס אף מענטשלעכקײַט, וואָס דער וואָלף־קאָלאָס קריכט ווידער ארויס פון זײַן נאָרע. עס טוט ווײ פאר איר „שטילן מאמעס ניגן, וואָס איז אויסגעגאנגען אין די געטאָ־ווענט", און פאר דעם ארבעטנדיקן נעגער־מיידל, וואָס זיצט א יונגע, ווי די זון אונטער א כמארע,

צווישן פיבערדיקע בליקן,
אף די סאמעטענע קווייטן
וואנדערט אום א שטילער ניגן
פון א נעגער־פאָלק אין קייטן.

(ז. 89).

נאָך דאָרע טייטלבוימס בארימטער „באלאדע פון ליטל־ראָק" קומט איר בוך „דער וועג צום מענטש", ווי א נאָך טיפערע באהעפטונג פון דער דיכטערן מיט די פראָבלעמען פון דער צײַט. פאר אונדז, סאָוועטישע לייענער, קלינגט ווי א לייטמאָטיוו פון טייטלבוימס דיכטונג אזא, לעמאָשל, ליד:

אין קראָקאָדילי־רעסטאָראן
איז א נעגער־קינד פאראן
מיט צוויי אויסגעצערטע בעקלעך
און מיט פיסלעך צוויי, ווי שטעקלעך.
דיקי, דיקי, דיקי הייסט ער
און אלץ קאָן ער און אלץ ווייסט ער,
כוץ פארוואָס ער האָט קיין טאטן
און קיין טאָג אין וואָך קיין זאטן,
דיקי, דיקי, דיק!
ווּעמעס אומרו טראָגסטו אין דײַן בליק?
פארוואָס וויינען דײַנע פרילינגן די צוועלף,
ווי הונגעריקע וועלף?

(ז. 87)

מיט זייער א הויכער עמאָציאָנעלער אָנלאָדונג זײַנען אָנגעשריבן די לידער „די לעווײַע", „אין לאנד פון דעמאָן גאָרגאָן", „מיסיסיפי", „פאטריס לומומבא", „האָסט אין הארץ געלאָזט מיר א באציל", „א ווינטער־נאכט אין מאָסקווע", „א רײַזע אין א טופּאָליעוו" און א ריי אנדערע.

אין „וועג צום מענטש" האָט דאָרע טייטלבוים מיטגענומען א הייס הארץ, א זויבערע דיכטערישע נעשאָמע און שטארקע פליגל.

ארן קורץ — „לידער". ניו־יאָרק, 1966

גאָרניט דערפאר, וואָס ארן קורצס בוך לידער אנטהאלט 384 זײַטן און איז זייער געוויסנהאפט און גוט ארויסגעגעבן, מיט א פאָרוואָרט פונעם טאלאנטפולן קריטיקער און עסעיִסט אווראָם ביק, מיט איליוסטראציעס פון מוישע קיש, מאָריס קאָלעם און אייל־בילדער פון וויליאם גראָפּער;

גאָרניט דערפאר, וואָס ארן קורץ איז עטלעכע צענדליק יאָר איינער פון די באליבטע פראָגרעסיווע פאָעטן אין אמעריקע;

גאַרניט דערפאַר ציטערט איצט באַזונדערס דאָס האַרץ באַם האַלטן אין די הענט זײַן װוּנדערלעך בוך לידער.

עס ציטערט דאָס האַרץ פון דעם, װאָס אַרן קורץ איז שוין מער ניטאָ, און װאָס אַט דער זעלטענער באַנד לידער אַף מײַן טיש ברענגט מיר אַזױפיל צאַר און לײד — איבערגעבן זײ אַף אונדזער מענטשלעכער שפּראַך איז שװער.

א לעבן, א גאַנץ לעבן, האָט אײנער פון די באַדײַטנדיקסטע ייִדישע דיכטער אין אַמעריקע געכאַװעט א טרױם װעגן צונױפזאַמלען זײַנע צעזײטע איבער דער װעלט לידער און פּאָעמעס און אַרױסגעבן זײ אין אײן בוך.

דער טרױם האָט אָבער איבערגעלעבט דעם דיכטער. ער איז פאַרװירקלעכט געװאָרן דורך זײַנע פרײַנט, כאַװײרים און מיטקעמפער. ניט קײן העספּעד װילן מיר דאָ אױסקלאָגן. מיר װילן דאָ, פאַרקערט, אַלײן זיך שטאַרקן מיט האַרץ און זיך נאָכאַמאָל זאָגן: נײן! אַרן קורץ איז ניט אַװעק פון זײַן הױכן פּאָסטן אַלס דיכטער — קריגער פאַר מענטשלעכער פרײַהײַט און גערעכטיקײַט.

זײַנע לעבעדיקע און שטענדיק מוטפולע לידער זעצן גוט פאָר זײער אַרבעט. זײ טרעטן אַף קײן שפּאַן ניט אָפּ צוריק פון דעם װעג, אַף װעלכן ס'איז מיט זײ א גאַנץ לעבן, ביזן לעצטן אָטעם, געגאַנגען זײער שעפער.

און דאָס איז בלױז דערפאַר, װײַל אַרן קורצס לידער זײַנען דורכגעװײעקט דורכן אױטאָר פון דעם ערשטן אָס ביזן לעצטן.

װערק, אַף װעלכע דער טױט האָט קײן שליטע ניט, װײַל זײ דריקן אױס די אינטערעסן פון פאָלק, װעקן אונטערדריקטע מענטשן צו קאַמף פאַר א שענער לעבן, — אַזעלכע װערק האָט אונדז איבערגעלאָזט בעיערושע דער גרױסער דיכטער אַרן קורץ.

און קעדײ איבערצײַגן זיך, אַז אַרן קורץ איז בעעמעס א גרױסער דיכטער, איז גענוג א בליק צו טאָן שױן אַפילע אַף זײַנע ערשטע לידער:

דרעמלענדיק האָב איך דערהערט א קאָל: ניו־יאָרק!
האָט מײַן כאַלעם זיך דערשראָקן
און אַנטלאָפן
דורכן רױכיקן טונעל —
זײַנען אַלע זײַנע שיפן
באַלד אַראָפּ צום גרונט,
די מאַסטן אין דער העלפט צעבראָכן
און קײנעם פון די פּאַסאַזשירן
ניט געבראַכט צום ברעג — — —
אין דער געראַמקײַט פון איר װאָקזאַל
האָב איך דערקענט די פרײַהײַט פון א װעלט,
װאָס לעבט אַף יענער זײַט פון אונדזער בליק —
בין איך שױן דאָרט געװען,
נאָך אײדער ס'איז די באַן אַהין געקומען — — —

(פונעם בוך „כאַאָס", 1920)

יאָ. אַרן קורץ איז געװען דער, װאָס איז „געקומען פריִער פאַר דער באַן". ער האָט געדאַרפט זען „די פרײַע װעלט, װאָס לעבט אַף יענער זײַט פון אונדזער בליק". ער, דער דיכטער־בונטאַר, האָט מיט דעם װאָרט „פרײַהײַט" אַף די ליפּן אָנגעהױבן זײַן ליטעראַריש לעבן אין דער „הױ־האַ־אַמעריקע" און מיט דעם װאָרט „פרײַהײַט" איז ער אױסגעגאַנגען.

װוּנדערלעך זײַנען די לידער אין בוך „די לעװאָנע אין מײַן הױזן־קעשענע", „אױטאָמאַט", „טישן", „מײַן װינטער־מאַנטל אָפן שלאַכטפעלד" (פון בוך „נאָ פּאַסאַראַן", 1938); „מאַדריד", „מאַדעסטאַ", „פון קאַלנדרע ביז נאָ פּאַסאַראַן", „פּאָעט פון שוסטער־שטאַם", „געלײמטע גױלעמס", „גוטמאָרגן דיר, װעלט" (געװידמעט דער זיגרײַכער רױטער אַרמײ); „יורי גאַגאַרין" און צענדליקער אַנדערע װיכטיקע און הױכטאַלענטירטע װערק.

אין אַרן קורצס בוך לידער גײען אַרײַן אױך א רײ דיכטערישע איבערזעצונגען פון פּאַבלאָ נערודאַ, נאַזים היקמעט, ניקאָלאַס גװיליען, מײַקל גאָלד און אַנד. דאָס בוך װערט געשלאָסן מיט אײניקע ביאָגראַפישע שטריכן פונעם דיכטער, מיט א קורצן שלוס־װאָרט פון אַלגאַ קאַבראַל־קורץ און מיט א ביבליאָגראַפיע פון יעפים יעשורין.

הערשל סאַפּרין — „אָפן בערדיטשעװער מאַרק". פאַרלאַג „ייִדיש בוך", װאַרשע, 1966

א באַשײדענע מאָטאָנע האָט אונטערגעטראָגן דעם ייִדישן לײענער הערשל סאַפּרין: זײַן לידער־זאַמלונג „אָפן בערדיטשעװער מאַרק" שליסט אײַן א רײ מײַסעלעך און אַנעקדאָטן פון דעם באַרימטן ייִדישן פאָלקס־לעץ הערשל אָסטראָפּאָליער, װעלכע סאַפּרין האָט גלענצנד איבערגעדיכטעט. דער צװײטער אָפּטײל פון דער זאַמלונג איז פאַרגעשטעלט מיט דעם דיכטערס מעשאָלים, עפּיגראַמען, אופּשריפטן אַף מאַציװעס און פאָלקסטימלעכע לידער.

פון דעם קענען איבערדערצײלן הערשל אָסטראָפּאָליערס מײַסעלעך אין שײנע, רײַפע פערזן, פון דעם גוטן אָפּקלײב, װאָס ה. סאַפּרין האָט געמאַכט פאַר זײַן זאַמלונג, איז צו זען, אַז דער אױטאָר איז א מײַסטער פון דער סאַטירישער מיניאַטור, װײסט גוט, װי אַזױ צו דערהײבן א ליד צו עכטער שלײמעס.

טוט א קוק, לעמאָשל, װי מײַסטעריש ס'איז איבערדערצײלט דאָס מײַסעלע „די באַגעגעניש מיטן גראַף", װי לאַקאָניש און גוט עס איז דער פערז:

שפּאַנענדיק אַהײם פון א יאַריד,
האָט הערש באַגעגנט א קאַרעטע.
— העלאָ, ייִד!
פונװאַנעט ביסטו? — פרעגט א פּאַרעץ שטרענג.
— „איך װױן ניט װײַט פון אָסטראָפּאָליער שענק..."
— „א טשאַפּקע?" — װײַזט דער גראַף אַף הערשלס קאָפּ,
װאָס נעמט פאַר אים דאָס היטל ניט אַראָפּ.
— „א טשאַפּקע, — שמײכלט הערשל, װי א נאַר, —
איז אױך פון אָסטראָפּאָליע, גנעדיקער האַר!"

(ז. 19)

אָדער „דער צאַדיק א מאַלעך":

א בײזער צאַדיק האָט אַמאָל, זײַענדיק אין קאַס,
אַרױסגעװאָרפן הערשלען אַף דער גאַס.
דער לעצ איז שטײן געבליבן און געזאָגט דעם
אױלעם: — הערט!
דער רעבע איז א מאַלעך אַף גאָטס ערד...

— לאכסטו!
— כ׳מיין עס אַף דער וואָר —
ער איז קיין מענטש דאָך גאָר!

(ז. 12)

האַראַצי סאַפּרין ווייסט גוט, וואָס ער קלײַבט אויס אַף איבערדיכטן; די אַלע מײַסעלעך פון הערשלען, געבראַכט אין אָט דער קליינינקער לויטן פאָרמאַט זאַמלונג, זײַנען פול מיט פּראָטעסט און פאָלקס־צאָרן קעגן קלער און נאָגיד, קעגן פּאָרעץ און קרעדיטאָר.

זייער פײַן, פּאָעטיש און געשמאַק איז איבערגעדיכטעט דאָס מײַסעלע „די לײַדן פון גווירים“:

האָט הערשל ווידער אין קרעטשמע פארבראַכט,
אַף דער פּאָדלאָגע ליגנדיק א גאַנצע נאַכט.
צומאָרגנס האָט ער געקלאַפּט פאַר קעלט מיט די ציין,
ט׳האָט אים ווי געטאָן דער האַלדז מיטן רוקנביין.
ער קוקט גענויער אָן דעם דיל און זעט:
א גענדזן פעדערל ליגט אַפן ברעט...

דער כויזעקמאַכער לאָזט פאַלן א טרער
און רופט זיך אָן צום שענקער: „הערט, רעב בער,
אויב פון איין פעדער, וואָס גרויס ווי א האָר איז,
האָב איך געהאַט אין שלאָף אַזויפיל צאָרעס,
שטעל איך זיך שוין פאָר הײַנט,
וויפל עס טראָגן איבער לייד און פײַן
די גווירים, נעבעך, וואָס שלאָפן קעסיידער
אַף איבערבעטן פון גענדזענע פעדערן!“

(ז. 25).

האַראַצי סאַפּרינס „מעשאָלים און עפּיגראַמען“ זײַנען אָנגעשריבן אין א גוטער און קלאָרער ייִדישער פאָלקס־שפּראַך.

פּייסעך בינעצקי — „העמשעך“ (לידער)
טעל־אוויוו, 1966

די וווּנד איז נאָך פריש, זי פאַרשטערט די פרייד און די האַנאָע, וואָס מיר וואַלטן געהאַט פון פּייסעך בינעצקיס נײַ־דערשינענעם בוך לידער.

פּייסעך בינעצקי!.. ווער האָט ניט געקענט אָט דעם באַשיידענעם, ענערגישן, טאַלאַנטפולן און פרוכטבאַרן דיכטער?

אַף וועלכע „מעסער־געשלעגן“ איז ער מיט זײַן ליד ניט געגאַנגען פאַרן הויכן עמעס פון די אַרבעטנדיקע אין גאָר דער וועלט!.. פון דער נאַטור א ליריקער מיט א טיפן געזעלשאַפטלעכן כוש, האָט פּייסעך בינעצקי ביזן לעצטן אָטעם ניט אַרויסגעלאָזט פון די הענט זײַן ערלעכע קאַמפס־פעדער. פאַראַן פאָעטן מער „געצאַצקעטע“, וואָס כאַפּן זייער שײַן פון די הימל־שטערן. אָבער וואָס בלײַבט פון זיי, מישטיינסגעזאָגט, כוץ א הײַפעלע באַזילבערטער שטויב? פּייסעך בינעצקיס ליד איז די מוסקולאַטור פון אַן אייביק יונגן, געזונטן מענטשן, וואָס לעבט מיט דערווירקלעכקײַט, זאַפּט אײַן אין זיך דעם רייעך פון אופּשפּראָצנדיקע גראָזן.

אין בינעצקיס ווערק וועט איר ניט געפינען קיין שפּור פון „שיינשרײַבערײַ“, קיין פּוסטע דיכטערישע „מאַניר־אַקראָבאַטיק“.

זײַן ליד איז אויך ניט דער פּרימיטיוו פון וועלן נאָכטאַנצן דער פאָלקסליד מיט סטיליזאַציע, געקינצלטקײַט.

זײַן ליד איז קוידעמקאָל — געווער, און שאַרף געווער.

דער דיכטער רעדט צו אײַך מיט „אָפענע דיבורים“ וועגן אַלץ, וואָס ווייטעקט אים, און וועגן אַלץ, וואָס ער פילט און טראַכט.

„העמשעך“ איז אַפילע ניט קיין צענטכיילעק פון דער ירושע, וואָס דער דיכטער האָט אונדז געלאָזן.

און ריכטיק שרײַבט אין זײַן אַרײַנפיר־וואָרט צום בוך „העמשעך“ דער גרויסער איווריט־דיכטער אַלעקסאַנדער פּען:

„די דאָזיקע לידער — א געטרײַע אָפּשפּיגלונג פון א פילבאַרער און שטורמישער נעשאָמע — זײַנען ניט אויסגעקליבן געוואָרן, ווײַל זיי זײַנען „די בעסטע“, נאָר ווײַל זיי זײַנען לויט זייער אייכעס און לויט זייער מעהוס טיפּישע און גלײַכווערטיקע „פאָרשטייער“ פון אַלע צאָלרײַכע און שיינע לידער, וועלכע וועלן נאָך דערלאַנגט ווערן דעם לייענער אין דער קומענדיקער גרויסער זאַמלונג פון פּראַכטפולער פּאָעטישער שאַפונג, וואָס איז פאַרבליבן פון דעם דיכטערס שריפטשטעלערישער ירושע“.

אָט וויִאַזוי עס האָט וועגן זיך אַליין געטראַכט פּייסעך בינעצקי:

יעדער טאָג, יעדע שאָ, יעדע רעגע —
איך פאַרבלײַב אַלץ אינמיטן געפּעכט
און איך דאַרף גאָרניט, וויל גאָרניט פרעגן,
צי דער קלאַפּ פון מײַן האַרץ איז גערעכט,

צי דאָס קאָכיקע בלוט אין די גלידער
האָט א זין נאָך, ווען ס׳פּראָסטיקט דער קאָפּ,
און דער שטראַליקער טרוים אין די לידער
צי עס קומט פון זײַן ליכטיקײַט אָפּ...

יעדער טאָג, יעדע שאָ, יעדע רעגע —
איך געפין זיך אינמיטן דער טאַט
און איך דאַרף ניט, איך וויל גאָרניט פרעגן,
צי כ׳וועל ווערן פון מי אַמאָל זאַט,

צי מײַן האַרץ וועט א מידס פאַרשטומען —
מײַן געמיט וועט א זאָג טאָן: גענוג;
און כ׳וועל טרינקען דעם נאָגנדן אומער
פון מײַן ליידיק געוואָרענעם קרוג...

יעדער טאָג, יעדע שאָ, יעדע רעגע —
כ׳בין פאַרטאָן נאָך אינמיטן געזאַנג,
און איך דאַרף ניט, איך וויל גאָרניט פרעגן,
צי כ׳וועל זינגען די לידער נאָך לאַנג...

(ז. 98)

עכטע, זויבערע ליריק!

„העמשעך“ איז פאַקטיש דער אָנהייב פון פּייסעך בינעצקיס גרויסער ליטעראַרישער ירושע... — שרײַבט אין איר „וואָרט צום לייענער“ די אַלמאָנע פונעם דיכטער מאַלקע בינעצקי. — עס זײַנען פאַרבליבן א ריי לידער, פּאָעמעס, עסייען, קריטישע אָפּהאַנדלונגען, ייִסראָעלדערציילונגען, ווי אויך א גרויסע צאָל איבערזעצונגען פון אַנדערע שפּראַכן, וועלכע איך האָף אַרויסגעבן אין דער נאָענטסטער צוקונפט“.

מיט גרויס אינטערעס לייענען מיר די ווערק פונעם באַדייטנדיקן, פּראָגרעסיוון יידישן דיכטער — פּייסעך בינעצקי.

מאַרקאָס אַנאַ — „דער פלאַם פון מײַן בלוט". ייִדיש — יאָסל גאָלדבערג. פאַרלאַג „איקוף". בוענאָס־איירעס, 1965

מאַרקאָס אַנאַ איז נאָך ניט אַלט געווען קיין פופצן יאָר, ווען ער איז שוין געווען אַ פרײַווילּיקער קעמפער אַפן פראָנט פון גוואַדאַראַמאַ.

מאַרקאָס אַנאַ איז אַרײַנגעפאַלן אין טפיסע פון דעם פאַשיסטישן פראַנקאָ־רעזשים, ווען ער, דער קומענדיקער דיכטער, איז נאָך געווען אַ קינד.

בלויז דורך אַ נעס איז ער ניצל געוואָרן פון די מערדערישע פראַנקאָ־טפיסעס.

וויפל פּײַן האָט דער דיכטער מאַרקאָס אַנאַ געדאַרפט איבערטראָגן, אָפּזיצנדיק פאַרשפּאַרט דרײַ און צוואַנציק יאָר!

דעם גורל פונעם דיכטער־מאַרטירער האָט אָבער „צוגעשפּילט", און אייניקע זײַנע לידער האָבן דורך פאַרשיידענע אונטערערדישע וועגן זיך אַרויסגעריסן פון דער בורגאָסער טפיסע און געטראָפן צום לייענער.

אַף די באַפרײַטע פון טפיסע לידער איז געלעגן דער כויסעם פון דעם פראַנקיסטישן טעראָר און די בלוט־פלעקן פון טויזנטער דורכן פאַשיזם פאַרפײַניקטע מענטשן.

דער ערשטער דאַנק פאַר פאַרעפנטלעכן די לידער פון מאַרקאָס אַנאַ קומט דער אַרגענטינער וואָכנצײַטונג „פּראָפּאַסיטאָס", וועלכע האָט זיי אָפּגעדרוקט אין סאָף פון די פופציקער יאָרן.

דער צווייטער דאַנק — פון דעם ייִדישן לייענער — קומט דעם איבערזעצער פון די לידער אין ייִדיש, דעם דיכטער יאָסל גאָלדבערג.

אין זײַנעם אַ בריוו צו מאַרקאָס אַנאַ האָט יאָסל גאָלדבערג געשריבן:

„אַף דער שפּראַך, אַף וועלכער איך האָב איבערגעזעצט אײַערע לידער, איז געקומען צום אויסדרוק דורך טויזנטער אַרטיקלען און לידער די עפּאָפּיי פון שפּאַנישן בירגערקריג, און אין כאַלאַל האָבן זיך צונויפגעמישט די לעצטע ווערטער פון די גרויסעדיקע ייִדישע סאָלדאַטן צוזאַמען מיט די לעצטע ווערטער פון די שפּאַנישע, פראַנצויזישע, רוסישע, פּוילישע, דײַטשישע, יוגאָסלאַווישע, בולגאַרישע און אַנדערע. די יונגע מענטשן, וואָס האָבן גערעדט אַף פאַרשיידענע שפּראַכן, זײַנען אַלע געווען זין פון אַנטיפאַשיסטישן אינטערנאַציאָנאַליזם".

מאַרקאָס אַנאַ איז אַ קרעפטיקער און טיף אָריגינעלער דיכטער. די צוויי טויט־אורטײלן איבער אים און דאָס געפינען זיך העכער אַ העלפט פון זײַן לעבן הינטער די גראַטעס פון די פאַשיסטישע טויט־טפיסעס און עקזעקוציע־לאַגערן האָבן אַף קיין האָר ניט אָפּגעטעמפּט זײַן פילבאַרקײַט צו דער נאַטור, צו דער שיינקײַט פון מענטשן.

די ליד פון מאַרקאָס אַנאַ איז בילדעריש און פריש. דאָס וואָרט געטאָקט און לײַדנשאַפטלעך. פון יעדן פערז ווערט דער לייענער אָנגעגליט, ווי אײַזן אין פײַער.

באַנאַכט מאַך איך מאַרקיר־צייכנס. כ'באַוועג
מײַן האַרץ, ווי אַ לאַמטערן פון בלוט.
כ'הער דעם רויטן עכאָ,
די לויטערקײַט פון אַ גרויס האַרץ.
ס'דערגייט צו מיר איר אָפּשײַן.
אין געווימל איז די נאַכט אין די טפיסעס.

עפּעס קרײַזט אין דער וועלט. דאָס איז די טיר
פון דעם מענטש, וואָס עפנט זיך
באַם בליאַסק פון אַ געשריי.
דער מענטש דערשײַנט. ער שפּאַנט.
ער קוקט צו שפּאַניע.
ער קוקט זי אָן ביז בלינד ווערן פון ליבע.

(ז. 33)

אָדער:

ס'איז שרעקלעך מײַן כעט:
אָנהויפּן מיט שטערן כ'האָב געוואָלט
דאָס האַרץ פון מענטש.
דערפאַר דאָ, הינטער גראַטעס,
אין נײַנצן ווינטערס,
מײַנע פרילינגס כ'האָב צעפּאַטערט...
שפּאַניע! — איז דער איינציקער רוף
פון מײַן ווייטעקפולן טרוים.

(ז. 10)

דאָס בוך „דער פלאַם פון מײַן בלוט" איז אַ ווערטפולע מאַטאָנע דעם ייִדישן לייענער.

מאָטל גרוביאַן

אַנשטאָט א שפּאָרונקעלע אין א פרעמדער טיר

אן אַנשוילעכע לעקציע אף דער טעמע, ווי מאַכן געלט פון דער קליינבירגערלעכער פסיכאָלאָגיע, קאָן מען באַקומען, באַזוכנדיק דער מאַדאַם טיוסאָס מוזיי פון וועקסענע פיגורן אין לאָנדאָן. דאָרט, לעבן די וועקסענע פיגורן פון קיניגן, אקטיאָרן און ספּאָרטסמענער, רויִשט א האַמוין נייַגעריקע, וואָס זיי געפעלט מער אָט דער מענטשלעכער צירק, איידער אַן עכטער מוזיי, טעאַטער אָדער קאָנצערט.

אין די קאָלאָסאַלע זאַלן פון דער מאַדאַם טיוסאָס מוזיי שטייען, זיצן אָדער ליגן 500 וועקסענע פיגורן. אַהער קומען טאָגטעגלעך טויזנטער נייַגעריקע און יעדערער צאָלט איין 6 שילינג פאַר באַקוקן דעם „וואונדער". די סטאַטיסטיק באַווייַזט, אז דער מאַדאַם טיוסאָס מוזיי פאַרנעמט דאָס דריטע אָרט צווישן די טוריסטישע כאַריפּעסן פון לאָנדאָן — נאָכן בוקינגהעמער פּאַלאַץ און דעם טאַוער.

א רעקלאַם־בראָשור דערקלערט די סיבע פון דער פּאָפּולערקייַט פונעם מוזיי: „מיר ווייַזן אייַך אייַערע העלדן... איר קאָנט זייַן אין דער קאָמפּאַניע פון גרויסע מענטשן, איר קאָנט וויפל איר ווילט קוקן אף זייערע וועקסענע פיגורן, איר האָט ניט וואָס מוירע צו האָבן, קיינער וועט אייַך ניט אַרויסטרייַבן".

„מיר האַנדלען מיט אילוזיעס, — זאָגט איינער פון די מוזיי־מיטאַרבעטער. — מיר באַפרידיקן אָבער אויך א געוויסן נאָכפרעג. ווען מענטשן קומען צו פאָרן קיין לאָנדאָן, ווילן זיי זען די קיניגן, די אָנפירער פון דער מעלוכע. מיר גיבן זיי אַזאַ מעגלעכקייַט. נאָר דער מאַדאַם טיוסאָס מוזיי איז ניט קיין באַלאַגאַן, דאָס איז א פּול־שטענדיק סאָלידער אַנשטאַלט, וווּ אַלץ זעט אויס אַזוי נאַטירלעך, ווי די ווייַסע פעלדזן פון דוווּר".

אינעם צענטער פונעם גרויסן זאַל שטייט שוין 58 יאָר טשערטשילס פיגור. מע האָט זי שוין איבערגעמאַכט 13 מאָל. אינעם ענדגילטיקן אויסזען איז ער באַוויזן, ווי א קינסטלער מיט אַבסטראַקטע מאָלערייַען.

אָט איז דער אייגנאַרטיקער קענעדי. „און דאָס איז א נייַער", — ווייַזט מען אָן אף דער פיגור פונעם פּרעזידענט דזשאָנסאָן.

איין מאָל אין צוויי וואָכן אף דער „רעדאַקציאָנעלער באַראַטונג" באַשטימט מען, וועמען „אַרייַנפירן" און וועמען „אַרויספירן" פון די זאַלן.

אין מוזיי איז ניט פאַראַן קיין שום גלאָזערנע קאַסטנס, צו אַלע באַרימטע פיגורן קאָן מען זיך קימאַט צורירן.

381 טויזנט אנדערסאָנס

אין שוועדן איז פאראן 381 טויזנט מענטשן מיט דער פאמיליע אנדערסאָן, 365 טויזנט יאָכאנסאָנס און 333 טויזנט קארלסאָנס.

וועמען ס'איז אמאָל אויסגעקומען זוכן א פאמיליע אין א שוועדישן טעלעפאָן־בוך, ווייסט, וויפל צייַט עס קומט אויס אומזיסט צו פאטערן.

די רעגירונג האָט זיך אנטשיידט אף אזא ראדיקאל מיטל, ווי פאָרלייגן אלע שוועדן — „סאָנען" אויסקלייַבן זיך א נייַע פאמיליע. קעדיי פארגיכערן דעם איניען, האָט דער יוסטיץ־מיניסטער פאָרגעלייגט דעם עלעקטראָן־„מויעך" שאפן נייַע פאמיליעס.

אין מעשעך פון אכט שאָ האָט די מאשין געשאפן אזויפיל פאמיליעס, אז זייער צעטל וואָלט פארנומען א בויגן פאפיר פון א קילאָמעטער די לענג. 900 טויזנט נעמען! איצט קלייַבט מען אויס פון זיי די סאמע וווילקלינגעוודיקע.

די קיניגלעכע קאָמיסיע קלייַבט אָפּ 50 טויזנט בעסטע פאמיליעס. א טייל פון זיי ווערט פריוואַדיש פובליקירט אין דער פרעסע. מע האָפט, אז עפּעס־וואָס וועט געפעלן ווערן די נילסאָנס און פעטערסאָנס.

פאַרשיידנס

די אויצרעס פון דער דערטרונקענער שיף

דעם 26 אויגוסט 1725 איז דערטרונקען געוואָרן די פראנצויזישע שיף „לע שאמאָ" בא די ברעגן פון נייַ־שאָטלאנד (קאנאדע). אין אופגעברויזטן אָקעאן זייַנען אומגעקומען 310 פאסאזשירן און די גאנצע קאָמאנדע. די דראמאטישע טראגעדיע וואָלט, ווארשייַנלעך, דאָך פארגעסן געוואָרן, ווען אף דער שיף זאָלן ניט געווען זיך געפינען געקאָוועטע קאסטנס מיט זילבערנע און גאָלדענע מאטבייעס אף א סומע פון 300 טויזנט לויִדאָרס. דאָס איז געווען דאָס יערלעכע געהאלט פון לויִ דעם פופצעטנס קאָלאָניאל מיליטער אין צאָפן־אמעריקע.

און אָט האָבן דרייַ קאנאדער בירגער — סטאָרם, מאקיטשערן און מאקלעאָד — עפנטלעך געמאָלדן, אז לויִ דעם פופצעטנס גאָלד און זילבער איז ארייַנגעטראָגן געוואָרן אינעם לויִסבערגער באנק. פינאנץ־עקספערטן פון ניו־יאָרק, לאָנדאָן און פאריזש האָבן אָפּגעשאצט די ווערט פון די אופגעהויבענע אויצרעס אַן ערעך אין 700 טויזנט דאָלער.

דער איניציאַטאָר פון זוכן דעם אויצער פון דער דערטרונקענער שיף איז דער 28־יאָריקער אלעקס סטאָרם. ער איז געבוירן אין אינדאָנעזיע אין א פאמיליע פון האָלענדישע קאָלאָניסטן. נאָך דער אינדאָנעזישער רעוואָלוציע זייַנען די סטאָרמס געצווונגען געווען זיך אומקערן קיין האָלאנד.

אין 1959 האָט סטאָרם עמיגרירט קיין קאנאדע. איינמאָל האָט ער ניט ווייַט פון די ברעגן פון לויִסבערג אופגעהויבן פונעם יאם־דעק עטלעכע זילבערנע מאטבייעס מיט דער דאטע 1724. עס האָבן אופגעלעבט די קינדערשע טרוימען. סטאָרם איז אָנגעקומען ארבעטן אין דער מעלוכע־אגענץ אף אופשטעלן די אלטע לויִסבערגער פעסטונג. אדאנק דעם איז אים געלונגען צו באקומען פון די פראנצויזישע ארכיוון די סכעמע פונעם וועג פון „לע שאמאָ" קיין לויִסבערג. צום „גרייג" נאָך די אויצרעס האָט ער צוגעצויגן זייַן קאָלעגע דרייוו

מאקיטשערן און נאָך א גוטן־ברו־ דער — כארווי מאקלעאָד.

אין מעשעך פון א יאָר צײַט האָבן זיי בעסאָד געזוכט דאָס אָרט, ווו עס איז דערטרונקען געוואָרן „לע שאמאָ“. און פונקט אזוי געהיים האָבן זיי דערנאָך אופגעהויבן די גאָלדענע און זילבערנע מאטבייעס צו זיך אין מאָטאָר־שיפל. די אויצרעס האָבן זיי ארײַנגעטראָגן אין א היגן פריוואטן באנק. און בלויז דאן האָבן זיי געמאָלדן וועגן זייער געפינס.

די קאנאדער רעגירונג האָט דער־ קלערט, אז די אויצרעס, וואָס זײַנען אופגעהויבן געוואָרן, געהערן איר, ווײַל מע דארף זיי פארעכענען אלס „מילכאָמע־טראָפייען“. דערווײַל איז שווער צו זאָגן, מיט וואָס וועט זיך ענדיקן דער סיכסעך צווישן די יעגער נאָך אויצרעס און דער רעגירונג פון קאנאדע.

קאָנגרעס פון פאקירן אין פאריזש

איבער 250 פאקירן זײַנען זיך צו־ נויפגעפאָרן קיין פאריזש אף אן אינ־ טערנאציאָנאלן קאָנגרעס. אין דער ווירקלעכקײַט איז דער קאָנגרעס גע־ ווען ניט מער ווי א רעפעטיציע פאר די פאקירן.

דער בעסטער טריוק איז אָן שום סאָפעק געווען דער טריוק מיטן גרויסן קעסטל, וואָס האָט אויסגעזען, ווי א וואש־מאשין. דער טריוק פון דעם באגאבטן פאקיר באשטייט אין דעם, וואָס נאָך זײַנע מאניפוליאציעס דארף פארשווינדן דער קאָפּ פון דער פרוי, וועלכע שטעקט אים אהין ארײַן. דער פאקיר לייגט דאן ארײַן זײַנע הענט אין קאסטן און באווײַזט, אז אינווייניק איז „ליידיק“.

ווּהין זשע טאקע איז אהינגעקו־ מען דער קאָפּ? אף דעם האָט דער פאקיר, פארשטייט זיך, קיין ענטפער ניט געוואָלט געבן. דאָס, זאָגט ער, איז זײַן טריוק, זאָלן זיך זײַנע קאָ־ לעגן א ביסל ברעכן דעם קאָפּ.

א זייער גרויסן דערפאָלג האָט אויך געהאט די ענגלישע „מיס“ דזשאָן. די יונגע מאגיקערן, די איינ־ ציקע פרוי אפן קאָנגרעס, האָט בא־ צויבערט אירע פאך־קאָלעגן מיט דער מאשין, אין וועלכער, אויב מע לייגט ניט גוט ארײַן אהין די האנט, קאָן זי אָפּגעהאקט ווערן. זי האָט אָבער יע־ דעס מאָל „געהאט גליק“ און איז געבליבן מיט ביידע הענט.

די שטאָט רוים אנטפלעקט אירע סוידעס

אין צוזאמענהאנג מיט דער פארברייטערונג פון אייניקע גאסן אין רוים דורך גראָבן טונעלן און אייניקע אנדערע ארבעטן גייט ניט דורך קיין וואָך, וואָס זאָל ניט ברענגען קיין נײַס אין דער אזוי אויך רײַכער געשיכטע פון דער אלטער שטאָט. מע געפינט כורוועס פון אנטישע געבײַדעס, שטייגער־כפייצים פון די אוראלטע רוימער, סארקאָפאגן און אורנעס פון אלטע קוואָרים, וואָס זײַנען אָפּגעלעגן אין דער ערד ניט איין טויזנט יאָר.

ס׳איז פעסטגעשטעלט, אז וויניקסטנס אין 650 פונקטן פון רוים און פון די בײַשטעט געפינען זיך כורוועס פון אלטע געבײַען — אָנהייבנדיק פון פראָסטע מיטלאלטערלעכע ווענט ביז א גאנצער שטאָט, וואָס איז אויסגעבויט געוואָרן מיט דרײַ טויזנט יאָר צוריק.

די זוכונגען ווערן, פארשטייט זיך, ניט באגרענעצט בלויז מיט דער הויפטשטאָט. זיי ווערן איצט מער אָדער וויניקער סיסטעמאטיש געפירט אין גאנץ איטאליע. אין אפוליע, אפן דאָרעם פונעם לאנד, איז געפונען געוואָרן די אנטישע שטאָט גערדאָניע. צווישן די זומפּן פון קאָמאקיאָ (אין דער לעפצונג פונעם טײַך פּאָ) איז אנטדעקט גע־ וואָרן א שטאָט ספינע. מיט דער הילף פון עראָפאָטאָ האָט זיך אײַנגעגעבן פעסטשטעלן די פינקטלעכע סטרוקטור פונעם אקראָפּאָל פון דער שטאָט קאן, ווו די סאָלדאטן פונעם קארטאגענער ארמייענפי־ רער האניבאל האָבן צעקלאפּט די רוימישע לעגיאָנען.

דעם גרעסטן אינטערעס רופן ארויס די אויסגראָבונגען פון דער שטאָט עלעא, וואָס איז אויסגעבויט געוואָרן דורך די אוראלטע גריכן דאָרעמדיקער פון נעאפּאָל מיט פיר טויזנט יאָר צוריק. ספּעציאַליסטן באהויפטן, אז די אויסגראָבונגען קאָנען ברענגען אומגעריכטע סור־ פריזן.

א שווערע פּראָבלעם באומרויִקט די געלערנטע פון איטאליע — דאָס מאסעווע צערויבן די ארכעאָלאָגישע אויצרעס, די געהיימע אויס־ גראָבונגען מיט בארבארישע מעטאָדן, וואָס פירן צו דער פארניכטונג פון אומשאצבארע דענקמעלער. „אינגיכן, — האָט געשריבן די צײַ־ טונג „פּאעזע סערא“, — וועלן די אמעריקאנער טוריסטן ניט דארפן קומען אין אונדזער לאנד אף באקאנען זיך מיט דער איטאליענישער געשיכטע און קולטור. ס׳איז גענוג קויפן א בילעט אין ניו־יאָרקער מוזיי...“

א ביכער־אויצער אין אופא

אין איינער פון די עלטסטע גע־ בײַדעס אין דער הויפטשטאָט פון באשקיריע אופא, ווו עס געפינט זיך דער קינסטלערישער מוזיי אף מ. נע־ סטעראָווס נאָמען, האָט מען ניט לאנג צוריק אנטדעקט אן אויצער פון דרײַ טויזנט אוניקאלע בענדער. זיי זײַנען געווען פארמויערט אין די ווענט פון דער געבײַדע.

צווישן די געפונענע אויסגאבעס זײַנען פאראן לאטײַנישע ביכער פון XV—XVII יה., פראנצויזישע ביכער פון XVII און XIX יה., ביכער אף ענגליש, דײַטש, פויליש, איטאליע־ ניש, אונגאריש, העברעיִש און סי־ ריש.

צווישן די געפונענע אויסגאבעס זײַנען פאראן די ווערק פון עראזם ראָטערדאמער, וואָס זײַנען געדרוקט געוואָרן אין דײַטשלאנד אין דרײַ יאָר ארום נאָכן טויט פונעם גרויסן הו־ מאניסט. ס׳האָט זיך פארהיט די אויס־ גאבע פון זשאן זשאק רוסאָס ווערק, וואָס איז דערשינען בא זײַן לעבן. מע האָט אויך געפונען די נאָטיצן פונעם בארימטן רײַזנדער פון מיטל־ אלטער אדאם אָלעארי, וואָס האָט באזוכט מאָסקאָוויע און פערסיע, א סאך אלטערטימלעכע ענציקלאָפּע־ דיעס, ווערטערביכער, מאפּעס אא.

פאַרשיידנס

פּלעטערנדיק זשורנאַלן און צײַטונגען

וועגן איבערזעצן ביאַליקס לידער אַף... העברעיִש

נאָך פון די שול־יאָרן איז געבליבן, אַז כאַיִם־נאַכמען ביאַליק איז דער גרויסער באַנײַער פון דער העברעיִשער שפּראַך, דער גרונטלייגער און דער גרעסטער פאָרשטייער פון דער הײַנטצײַטיקער העברעיִשער ליטעראַטור, באַזונדערס פון איר דיכטונג. דאָס, וואָס יעהודע האַלייווי איז געווען פאַר דער העברעיִשער פּאָעזיע אין מיטלאַלטער, איז כ.־נ. ביאַליק געווען פאַר איר אין דער נײַער און נײַסטער צײַט. אַפילע מיט דעם ווייניקן, וואָס ער האָט געשאַפן אין ייִדיש, האָט ער פאַרנומען און פאַרנעמט אויך הײַנט אַן אָרט אין דער מיזרעך־וואַנט פון דער פּאָעזיע אין אונדזער מאַמעלאָשן. דאָס באַזונדערע אָרט פון ביאַליקן האָבן אַנערקענט נישט בלויז די לייענער, נאָר אויך די דיכטער־מיטצײַטלער, אַזעלכע, ווי טשערניכאָווסקי, שנייער, און ווער נישט?

אַנטקעגן וואָס זאָגן מיר עס? אַנטקעגן דעם, וואָס אין ייִסראָעל איז אויפגעהויבן געוואָרן די פאַרשע ביאַליק, וועגן דער רעוויזיע מיצאַד די פּאָליטישע און קולטור־רעוויזיִאָניסטן וואָס שײַעך דער ראָל און באַדײַט פונעם דיכטער. און נישט נאָר וועגן דעם.

אַ סאַך יאָרן איז אין ייִסראָעל אָנגעגאַנגען אַ קאַמף קעגן ייִדיש. פאַר דער צײַט האָט באַוויזן אויפצוקומען מעדינאַס־ייִסראָעל, איווריט איז געוואָרן אַ מעלוכע־שפּראַך, די ציִעניסטן, וועלכע געפינען זיך בײַ דער מאַכט, האָבן באַשלאָסן, אַז העברעיִש אַלס מעלוכע־שפּראַך איז נאָך ווייניק — נישט יעדער העברעיִש איז קאָשער. זיי ווילן העברעיִש בלויז אין דער האַוואָראַ ספאַרדיט (הברה ספרדית). ערשטנס, קלינגט עס שענער, וועהאַשיינעס, רײַסט עס איבער מיטן גאָלעס. דער אַשקענאַזישער העברעיִש גרילצט זיי אין די אויערן. זיי האָבן דאָך, ווי באַוווּסט, באַשלאָסן איבערצושטרײַכן די צוויי־טויזנטיאָריקע געשיכטע פון ייִדישן פאָלק און צעשפּרייטונג, אָט ווי קיינמאָל נישט געווען! דער איניען איז אַזוי־אַרום נישט קיין פילאָלאָגיש־מוזיקאַלישער („די ספאַרדישע האַוואָראַ קלינגט שענער“), נאָר דעריקער אַ געשיכטלעך־פּאָליטישער מיטן טראָפּ אַפן לעצטן, מיט איין וואָרט — אַן אידעאָלאָגישער: אַרויסטרײַבן די פאַרגאַנגענהײַט פון דער גײַסטיקער יערושע, אויב מע קאָן זיך פון איר ביכלאַל נישט אָפּזאָגן.

האָבן זיך דעריבער די רעוויזיִאָניסטן פאַרמאָסטן אַפן קלאַסיקער פון דער נײַער העברעיִשער פּאָעזיע, אַף ביאַליקן אַליין. רעווידירן דעם גרויסן דיכטער האָט זיך גענומען דער זון פונעם פאַרשטאָרבענעם פירער פון די רעוויזיִאָניסטן זעייוו זשאַבאָטינסקי (וועלכער האָט דאַפקע געהאַלטן פון ביאַליקן און אים איבערגעזעצט אין רוסיש). ערי זשאַבאָטינסקי שטעלט פאָר ביאַליקן בעזע האַלאָשן:

„ער איז אַ מין ציִעניסטישער נודניק, נאָך ערגער פון שאָלעם־אַלייכעמען, וואָס פון זײַנע קאָמישע ייִדישע טיפּן קאָן מען נאָך אַמאָל אַ ביסל לאַכן“.

וואָס אַזוינס איז געשען מיט ביאַליקן, מיט וואָס האָט ער זיך אַזוי פאַרזינדיקט, אַז ערי זשאַבאָטינסקי זאָל זיך אַזוי נעמען צו אים? ווײַזט זיך אַרויס, אַז דאָס אַלץ איז דערפאַר, ווײַל דעם דיכטערס לידער זײַנען געשריבן אינעם אַשקענאַזישן דיִאַלעקט. און דאָס אַנטשפּרעכט נישט די קאַנאָיִם (פאַנאַטיקער) פון איווריט.

ווי נעמט מען עס אָבער און מע שטרײַכט עס אויס ביאַליקן פון דער העברעיִשער ליטעראַטור? ערי זשאַבאָטינסקי האָט אַן אייצע דערוף. ער לייגט פאָר, מע זאָל דעם גרונטלייגער פון דער נײַער העברעיִשער ליטעראַטור איבערזעצן אין... העברעיִש, גענויער: פון אַשקענאַזישן העברעיִש אַף ספאַרדישן העברעיִש...

„אונדזערע קינדער אין די שולן, — שרײַבט ערי זשאַבאָטינסקי, — וועלכע לערנען ביאַליקן אויס צוואַנג, פאַרטראָגן אים נישט. זיי פאַרשטייען נישט, פאַרוואָס ער ווערט באַטראַכט ווי אַ דיכטער. אינטערעסאַנט, אַז די זעלבע קינדער פאַרשטייען מאָדערנע פּאָעזיע, אָן גראַמען, אָבער בײַ ביאַליקן באַקומט זיך, ווי ער וואָלט געפּרוווט גראַמען און פון צײַט צו צײַט קומט בײַ אים עפּעס אַרויס, וואָס איז ענלעך צו אַ גראַם, אָבער אין דער מערהײַט געלינגט עס אים נישט. מאַמעש ווי ער וואָלט געשריבן אין אַן אַנדערן לאָשן“.

איז ער אַוועק, ערי זשאַבאָטינסקי, צו אַ גוטן איבערזעצער און אים פאָרגעלייגט, ער זאָל פּרוּוון ביאַליקן אויסלייזן דורך „איבערזעצן אים פון איווריט אין איווריט“. ווען דער איבערזעצער האָט באַמערקט, אַז עס איז זייער שווער צו איבערזעצן פון איין דיִאַלעקט אַף אַ צווייטן, האָט אים ערי פאָרגעלייגט, ער זאָל נעמען ביאַליקס לידער אין דער רוסישער איבערזעצונג (דה. אין דער איבערזעצונג פון זײַן, עריס, טאַטן) און זיי צוריק איבערזעצן אַף העברעיִש, נישט טראַכטנדיק דערבײַ וועגן אָריגינאַל.

„נישטאָ קיין אַנדער ברייררע, אויב מיר ווילן אויסלייזן די דיכטער פון דער דאָזיקער טקופע (און נישט בלויז ביאַליקן), זאָל זײַן — נישט פאַר אונדזערע זין, וואָס פאַר זיי האָבן מיר שוין פאַרשפּעטיקט די צײַט, נאָר לעכאָלהאַפאָכעס פאַר זייערע זין. נישטאָ קיין אַנדער אויסוועג. מע דאַרף זיי איבערזעצן“.

דעם שעפער פון דער נײַער העברעיִשער פּאָעזיע — איבערזעצן אַף העברעיִש... וואָס פאַר אַן איראָניע פון גוירל!

ג י מ ל

„פאָלקס־שטימע“, 16 אווגוסט 1966

„טעוויע דער מילכיקער" אפן קינאָ־עקראַן

שוין קימאַט דרײַסיק יאָר, ווי דער ספּעקטאַקל „טעוויע דער מילכיקער" גייט ניט אראָפּ פון דער סאָוועטישער טעאַטער־בינע. די ראָל פון טעוויע האָבן געשפּילט אזעלכע גרויסע שוישפּילער, ווי ש. מיכאָעלס — אף דער יידישער בינע, א. קרושעלניצקי — אף דער אוקראַיִנישער. די לעצטע יאָרן איז דער דאָזיקער ספּעקטאַקל באַוויזן געוואָרן אין מאָסקווע, ריגע, מינסק, כאַרקאָוו, דניעפּראָפּעטראָווסק, סימפעראָפּאָל און אין אנדערע שטעט.

די קינאָ־סטודיע „לענפילם" טרעט איצט צו צום עקראַניזירן שאָלעם־אליינכעמס ווערק „טעוויע". דעם סצענאַרי האָט אָנגעשריבן דער באַקאַנטער רעזשיסער און דראַמאַטורג ל. טראַובערג, וואָס איז רעזשיסער פון די פילמען „שינעל", „דער נײַער באָוול", „מאַקסימס יוגנט", „וויבאָרגסקאַיאַ סטאָראָנאַ" (צוזאַמען מיט ג. קאָזינצעוו), „די שוישפּילערן" אאַ. אונדזער מיטאַרבעטער שימען טשערטאָק האָט געבעטן לעאָניד טראַובערגן, ער זאָל ענטפערן אף אייניקע פראַגן.

— וויאַזוי איז געבוירן געוואָרן די אידיי פון שאַפן אַזאַ פילם? פאַרוואָס האַלט איר די טעמע פאַר אַקטועל?

— די אידיי געהערט דעם אָנגעזעענעם רוסישן אַרטיסט י. טאָלובייעוו, וועלכער טרוימט שוין לאַנג צו שפּילן די ראָל פון טעוויע. דער מעלוכע־קאָמיטעט פאַר קינאָ־אָנגעלעגנהײַטן איז אנטקעגנגעקומען זײַן באַקאַשע און האָט מיך באַאופטראָגט אָנצושרײַבן דעם סצענאַרי.

איך בין ניט געווען איבערצײַגט, אַז איך דאַרף זיך נעמען צו אָט דער אַרבעט, נאָר ווען איך האָב איבערגעלייענט דעם ראָמאַן, האָב איך פאַרשטאַנען, אַז איך בין מעכוייעוו צו טאָן דאָס. עס האָבן דאָ, פאַרשטייט זיך, געשפּילט א ראָליע די אייגנשאַפטן פונעם ראָמאַן. נאָר ניט דאָס איז דער איקער: גוטע ראָמאַנען זײַנען פאַראַן א סאַך.

איליאַ אילף און יעווגעני פּעטראָוו האָבן אין זייער ווערק „דער גאָלדענער אייגעל"[1] גלענצנדיק געענטפערט דעם אויסלענדישן קאָרעספּאָנדענט: „יידן אין רוסלאַנד זײַנען פאַראַן, נאָר קיין פראַגע[2] איז ניטאָ". דאָס איז געווען מיט עטלעכע יאָר ביז היטלערס אָנפאַל. פון יענער צײַט אָן איז אַוועק נאָך א דריטל יאָרהונדערט. די לעצטע צײַטונגס־מיטיילונגען וועגן דער פאַרשווערונג פון יידישע קוואָרים אין מײַרעוו־דײַטשלאַנד, וועגן פאַשיסטישע האַקנקרייצן אף די פאַרקנס פון יידישע בעסאַלמענס זאָגן וועגן דעם, אַז עס זײַנען נאָך פאַראַן קרעפטן, וועלכע האָבן פון דער געשיכטע גאָרנישט ניט געלערנט. און מיר איז געקומען אפן געדאַנק, אַז גראָד שאָלעם־אליינכעמס „טעוויע דער מילכיקער" איז א פּאַסיקער קלאַפּ איבער דעם בייז, וואָס אָט די פאַרשאָלטענע פראַגע טראָגט מיט זיך.

שאָלעם־אליינכעמס ווערק „טעוויע" רעדט וועגן דער פרײַנטשאַפט צווישן דרײַ פעלקער — דעם רוסישן, אוקראַיִנישן און יידישן. אינעם טעוויע־געשטאַלט האָט שאָלעם־אליינכעם אַרײַנגעלייגט זײַן ליבשאַפט צו אוקראַיִנע, צו דער באַטקאָוושטשינע[1], וווּ עס האָבן געאַרבעט און זײַנען געשטאָרבן די טאַטעס און זיידעס פון הונדערטער טויזנטער טעוויעס.

אַוודע איז טעוויעס גוירל ענלעך סײַ צום גוירל פונעם פּיללײַדנדיקן איִעוו[2], סײַ צום גוירל פונעם קיניג ליר, נאָר מיט א שאַרפן קער אין דער זײַט פון אָפּטימיזם. די אומגליקן ברעכן ניט טעוויעס אַקשאָנעס, זײַן אײַזנפעסטן גײַסט, זײַן ווילן צו קאַמף. ער, טעוויע, גלייבט אין מענטשן, אין פרײַנטשאַפט, אין דער צוקונפט, — אָט דאָס איז דער איקער, וואָס איך געפין אין אים און צוליב וואָס איך האָב געשריבן דעם סצענאַרי.

— אף וועלכע שוועריקײַטן האָט איר זיך אָנגעשטויסן באַם איבעראַרבעטן דעם ראָמאַן אין א סצענאַרי, צי האָט זיך אײַך אײַנגעגעבן אײַנצושליסן אינעם סצענאַרי אַלע סוזשעט־ליניעס און פּערסאָנאַזשן?

— עקראַניזירן „טעוויע דעם מילכיקן" איז באַזונדערס שווער דערפאַר, וואָס טעוויע איז ביכלאַל ניט קיין ראָמאַן. דאָס איז א בוך פון נײַן נאָוועלן־מאָנאָלאָגן, וועלכע שאָלעם־אליינכעם האָט געשריבן צוואַנציק יאָר צײַט — פון 1894 ביז 1914. אין די דאָזיקע מאָנאָלאָגן דערציילט טעוויע וועגן די ליידן, וועלכע זײַן געזינד איז אויסגעשטאַנען. די האַנדלונג פונעם סצענאַרי האָט געמוזט זײַן א קעסיידערדיקע, אָן איבעררײַס, און שוין דאָס אליין האָט געצוווּנגען צו בויען דאָס ווערק אף אַן אַנדער אויפן. צום אונטערשייד פון י. דאָברושינס און נ. אויסלענדערס אײַנסצענירונג פאַרן טעאַטער, וועט דער פילם דערציילן א געשיכטע ניט וועגן דרײַ, נאָר וועגן אַלע פינף טעכטער טעוויעס. דער שמיד איוואַן פּאָפּערילאָ, וואָס איז אינעם בוך אַן עפּיזאָדישער פּערסאָנאַזש, איז אין סצענאַרי געוואָרן איינער פון די הויפּט־העלדן. זײַן פרײַנטשאַפט מיט טעוויען ווערט אָפּגעגעבן פיל אויפמערקזאַמקײַט. עס זײַנען אָנגעשריבן אייניקע נײַע עפּיזאָדן, וועלכע זײַנען באַ שאָלעם־אליינכעמען ניטאָ, נאָר וועלכע היטן אײַן שאָלעם־אליינכעמס גײַסט. למשל, טעוויעס כאָלעם וועגן זײַן וויזיט צום קייסער. דער כאָלעם באַווײַזט, ווי טעוויע דער מילכיקער שטעלט זיך פאָר א לעבן אין אוישער און קאָוועד: דער קייסער ליגט זיך אף א קושעטקע און עסט וויפל ער וויל הערינג מיט ציבעלע.

פונעם איִעוו־בוך האָב איך זיך באַמיט צו נעמען דאָס, וואָס עס איז זייער וויכטיק פאַרן ראָמאַן, — די „פאַרהעלטענישן" צווישן טעוויען מיט גאָט. די שפּריכווערטער, וועלכע טעוויע שיט, קערן איבער מיטן קאָפּ אראָפּ די

---

[1] פאָטערלאַנד (אוקר.); [2] איִעוו (איוב) — דער נאָמען פון א נאָווי, וועמען גאָט זאָל האָבן געשטראָפט מיט שווערע פיזישע ליידן.

[1] א קעלבל (פון דער ביבלישער לעגענדע וועגן „עגל הזהב" — אייגעל האַזאַהאָוו — דאָס גאָלדענע קעלבל, צו וועלכן די יידן האָבן זיך געבוקט אין דער מידבער);
[2] געמיינט די „יידן־פראַגע".

מאָראַל פון די ביבלישע סענטענצן. אין די שפריכווערטער זײַנען פאַראַן איראָניע און געבעט, האָפענונג און כויזעק, גלויבן און אומגלויבן.

איך בין העכסט צופרידן, וואָס אינעם סצענאַרי איז אַרײַן אַלס צווייטער פולבאַרעכטיקטער העלד שאָלעם־אַליכעמס באַליבטער פערסאָנאַזש מענאַכעם־מענדל — א קליינשטעטלדיקער שלימעזאַלניק, א טרוימער, וואָס יאָגט זיך נאָך אויסגעפאַנטאַזירטן גליק. אָט דער פערסאָנאַזש, וואָס איז אינעם ראָמאַן יאָ פאַראַן, איז אויך ניטאָ אין דער טעאַטראַלער אינסצענירונג. ווי באַוווּסט, האָט די ביידע העלדן געשפילט דער גרויסער שוישפילער שלוימע מיכאָעלס — איינעם אין טעאַטער, דעם צווייטן אין קינאָ. דערמיט גופא האָט ש. מיכאָעלס, בא זײַן גאַנצער קונסט צו אַרויסטרעטן אין פאַרשיידענע געשטאַלטן דערנענטערט צווישן זיך די דאָזיקע צוויי פערסאָנאַזשן. מיר האָט זיך אויסגעוויזן פאַר ריכטיק צו מאַכן צווישן זיי א שאַרפע קעגנשטעלונג. געוויס, מענאַכעם־מענדל איז דאָך א „לופטמענטש“, ער שוועבט אין די הימלען, און טעוויע לעבט אײַנגאַנצן אַף דער־וועלט, ער איז הוילע גאַשמיעס. די פראַקטיק האָט אָבער באַוויזן, אַז גראָד טעוויע איז דער מענטש, וואָס לעבט מיט טרוימען און פאַנטאַזיעס, מענאַכעם־מענדל אָבער איז געהויקערט און דערשלאָגן. און אויב א סצענאַריסט האָט רעכט צו האָפן, טרוים איך, אַז די מענאַכעם־מענדל־ראָל זאָל שפילן ס. יורסקי, און פריי זיך, וואָס די טעוויע־ראָל וועט שפילן יו. טאָלובייעוו.

— צי האָט אײַך געהאָלפן די דערפאַרונג פון אופירן שאָלעם־אַליכעמס ווערק אין טעאַטער און קינאָ?

— איידער איך האָב זיך גענומען שרײַבן דעם סצענאַרי, האָב איך געזען אַלע דרײַ קינאָ־פילמען לויט שאָלעם־אַליכעמס ווערק, וועלכע זײַנען פראָדוצירט געוואָרן אין די סאָוועטישע יאָרן, — „ייִדישע גליקן“, „בלאָנדזשנדע שטערן“ און „מאבל“. פון זיי פאַרדינט אויפמערקזאַמקײַט בלויז דער ערשטער פילם. אַדאַנק דעם אָנטייל פון ש. מיכאָעלס (מענאַכעם־מענדל), דער פרעכטיקער באַאַרבעטונג פון די טיטערס (אויפשריפטן) מיצאַד י. באַבעלן, דער לעבעדיקײַט פונעם טעמפעראַמענט און וואָרהאַפטיקײַט פון דער אַטמאָספער איז דער פילם אינטערעסאַנט ביז איצט. צום באַדויערן, איז דער סצענאַרי פונעם פילם ז. שוואַכער און דער רעזשיסער איז ניט געשטאַנען אַף דער הייך פונעם שוישפילער און פונעם אַווטאָר. פאַרהאַוועט איז געווען ניט בלויז דער העלד, נאָר אַלץ, וואָס קומט פאָר אין פילם, און ס'איז פאַרלוירן געגאַנגען דער איקער — דער וויטעק פאַרן קליינעם מענטשעלע.

איך האָבן געזען א סאַך ספעקטאַקלען פונעם ייִדישן מעלוכע־טעאַטער, נאָר גראָד „טעוויע דער מילכיקער“ האָב איך, ליידער, ניט געזען. לויט דעם אָבער, וואָס כ'האָב געהערט און געלייענט וועגן ספעקטאַקל, האָב איך זיך גאַנץ קלאָר פאָרגעשטעלט זײַן באַדײַטונג. ער איז געווען פול מיט פרעכטיקע אײַנפאַלן, אין פולן זין פון וואָרט טראַגיש. מיר האָט זיך אָבער געוואָלט ניט אַזוי נאָכמאַכן אים, ווי פאָלעמיזירן מיט אים. דער כאַראַקטער פון מיכאָעלסעס טאַלאַנט, האָט זיך געדוכט, פאַלט ניט צונויף מיט דעם אַווטאָרס טראַקטירונג פון טעוויען. בא שאָלעם־אַליכעמען ווערט טעוויע פיל מאָל געגליכן צו א דעמב. ער רופט קיינמאָל ניט אַרויס קיין ראַכמאָנעס־געפיל צו זיך. אין דעם זין איז טעוויע נאָענט צו די גרויסע פערסאָנאַזשן פון דער וועלט־ליטעראַטור — צו פאַלסטאַף, טאַראַס בולבאַ, קאָלאַ בריניאָן.

כוץ דעם האָב איך ניט פאַרגעסן, אַז די זייער אינטערעסאַנטע עפאָכע פונעם סאָוועטישן טעאַטער, מיט וועלכער עס זײַנען געווען פאַרבונדן די שאָלעם־אַליכעם־ספעקטאַקלען, איז גיכער נענטער געווען צו א באַדינגלעכן, צו א דעקאָראַטיוון טעאַטער. מע וועט מוזן אויך אינעם קינאָ־פילם טראַכטן וועגן דער פרעכטיקער מײַסטערשאַפט פון די קינסטלער נ. אַלטמאַן, א. טישלער, י. ראַבינאָוויטש. נאָר דער קינאָ־פילם דאַרף, פאַרשטייט זיך, גיין מיט אַן אַנדערן, מיט אַן אייגענעם וועג.

מיר דוכט, אַז שאָלעם־אַליכעם איז מיט זײַן גאַנצן טאַלאַנט געווענדט צו דער קינאָ־קונסט. א קינסטלער פון הייסע עמאָציעס, איז ער פול מיט באַגײַסטערונג פאַר דעם לעבנס־אַראָמאַט — פאַר אָט די אַלע יאַרידן, טעאַטערלעך, כאַסענעס, קינדער־שפילן... אַפן עקראַן דאַרף דאָס אַלץ אָן שום סאָפעק באַוויזן ווערן, אויב מע זאָל נאָר ניט האַלטן, אַז די איינציקע קונסט, וואָס גיט די מעגלעכקײַט צו פאַרקערפערן אָט דעם לעבנסשטייגער, איז מ. שאַגאַלס מאָלערײַ־קונסט. בא איר גאַנצן גלאַנץ, איז שאַגאַלס קונסט פאָרט ניט קיין אורשפרינגלעכע. שאָלעם־אַליכעם אָבער איז די אומיטלבאַרקײַט אַליין, זײַן שול איז — די שול פון טשעכאָוון און גאָרקין.

— און די לעצטע פראַגע: ווער וועט זײַן רעזשיסער פונעם פילם?

— מיר פאַרשאַפט האַנאָע, וואָס דעם סצענאַרי דאַרף שטעלן יאָסיף כייפיץ, מיט וועמען איך האָב צוזאַמען געאַרבעט אַף דער סטודיע „לענפילם“ נאָך אין די צוואַנציקער און דרײַסיקער יאָרן. מיר דוכט, אַז קיין בעסערע קאַנדידאַטור איז ניט צו געפינען. ניט פאַרגעסנדיק דעם נאַציאָנאַלן כאַראַקטער פונעם ווערק, מוז מען געדענקען, אַז דאָס איז א פילם וועגן דער מענטשהײַט. דעם אַווטאָר פון דעם וווּנדערלעכן פילם „א גרויס געזינד“ איז פיל לײַכטער, איידער וועמען־ניט־איז, צו שטעלן אויך אַזאַ פילם.

דעם אָנדענק פון נאָכעם לויטער

דעם 29 אַווגוסט איז אין עלטער פון 75 יאָר געשטאָרבן איינער פון די עלטסטע רעזשיסערן פונעם סאָוועטישן טעאַטער דער פאַרדינסטפולער קונסט־טוער פון דער ווײַסרוסישער רעפובליק, לאַורעאַט פון דער מעלוכע־פרעמיע נאָכעם לויטער.

א שילער פון קאָנסטאַנטין מאַרדזשאַנאָוו און ווסעוואָלאָד מייערכאָלד, האָט נ. לויטער אין 1925 אָנגעהויבן זײַן זעלבשטענדיקע טעטיקײַט אין מאָסקווער טעאַטער „פראָלעטקולט“. שפעטער האָט ער געאַרבעט אַלס רעזשיסער און קינסטלערישער אָנפירער אין א ריי ייִדישע טעאַטערן פון אוקראַיִנע און ווײַסרוסלאַנד.

כראָניק

אף דער ייִדישער עסטראַדע

„גליקלעכע באגעגענישן"

דער עסטראַדע־אנסאמבל פון סידי טאַל טרעט איצט ארויס מיט א נײַער קאָנצערט־פּראָגראם „גליקלעכע באַגעגנישן" (טעקסט — מאָטל סאַקציִער, מוזיק — לייב זאסלאווסקי). דאָס איז א טעאטראליזירט־מוזיקאלישער קאָנצערט, צונויפגעשטעלט פון סקיצן, מאָנאָלאָגן, נאָוועלן און פעליעטאָנען אף הײַנטצײַטיקע טעמעס.

אפן געזעלשאפטלעכן דורכקוק, וואָס איז פאָרגעקומען אין דער טשערנאָוויצער פילהארמאָניע, זײַנען מיט א הויכער אָפּשאצונג פון דער נײַער קאָנצערט־פּראָגראם ארויסגעטראָטן די שרײַבער מוישע אלטמאן, כאִים מעלאמוד, שמועל גאָרדאָן, יויסעף בורג, מייער כאראץ, אנאטאָלי דאָבריאנסקי אא.

די ארויסטרעטונגען פונעם אנסאמבל מיט דער נײַער פּראָגראם ווערן זייער ווארעם אופגענומען דורך די צושויער.

„קאסרילעווקער גליקן"

אין פארשיידענע שטעט פון לאנד גייט דורך מיט דערפאָלג די נײַע שטעלונג פונעם לענינגראַדער אנסאמבל פון וואָדעוויל און קאָמעדיע „קאסרילעווקער גליקן", אינסצענירט פון פ. אראָנעס לויט די מאָטיוון פון שאָלעם־אליישכעמס ווערק.

„די שפּאניער"

דער ספּעקטאקל „די שפּאניער" פון מ. לערמאָנטאָוו (אין דער איבערזעצונג פון א. קושניראָוו) האָט פארנומען דאָס צענטראלע אָרט אין די האיאָריקע זומער־גאסטראָלן פונעם מאָסקווער ייִדישן טעאטער־אנסאמבל, מיט וועלכן עס פירט אָן דער פארדינסטפולער ארטיסט פון דער רעפובליק ב. שווארצער.

באַגײַסטערטע אָפּרופן וועגן דער שפּיל פון דעם דאָזיקן אנסאמבל זײַנען געדרוקט געווען אין די צײַטונגען „סאָוועטסקאיא קירגיזיִא", „טבילִיסי", „ביראָבידזשאנער שטערן", „לענינסקאיא פראוודא" אא.

דעם הארבסט־סעזאָן האָט דער טעאטער־קאָלעקטיוו אָנגעהויבן אין מאָסקווע, ווו ער האָט אין סענטיאַבער, אין זאל פון „טעאטער פון סאטירע", באווויזן זײַן נײַע שטעלונג „די שפּאניער".

צום 350־טן יאָרצײַט פון מ. סערוואנטעס

לויטן באשלוס פונעם אלוועלטלעכן שאָלעם־ראט ווערט האיאָר אָפּגעמערקט דער 350־טער יאָרצײַט פונעם געניִאלן שפּאנישן שרײַבער מיגעל סערוואנטעס.

אף צו באצייכענען דעם יובילײ האָט דער מיניסטאָרן־ראט פון פססר אויסגעבילדעט אן אלפארבאנדישן קאָמיטעט, אין וועלכן עס גייען ארײַן שרײַבער, קינסטלער און אָנגעזעענע געזעלשאפטלעכע טוער. פאָרזיצער פונעם קאָמיטעט איז באָריס פּאָלעוואָי.

דער יובילײ וועט ברייט אָפּגעמערקט ווערן אין גאנצן לאנד מיט פײַערלעכע אָוונטן און ספּעציעלע סעסיעס פון אנטשפּרעכיקע וויסנשאפטלעכע אינסטיטוציעס.

אין פּרעזידיום פון שרײַבער־פארבאנד פון אוססר

דער פּרעזידיום פון שרײַבער־פארבאנד פון אוקראַיִנע האָט געשאפן א קאָמיסיע אף ארויסצוגעבן אווראָם קאהאנס ליטערארישע ירושע.

אין באשטאנד פון דער קאָמיסיע גייען ארײַן כאִים לויצקער (פאָרזיצער), יעלענע קאהאן, דמיטראָ גרינקאָ, יעכיִעל פאליקמאן, ריווע באליאסנע, אלעקסאנדער אילטשענקאָ, אווראָם קאצנעלסאָן.

דריטער באנד „ביִאָגראפיעס פון סאָוועטישע שרײַבער"

אין מאָסקווער פארלאג „קינסטלערישע ליטעראטור" איז דערשינען דער דריטער באנד „ביִאָגראפיעס פון סאָוועטישע שרײַבער". אינעם נײַעם באנד ווערט, צווישן אנדערע, דערציילט וועגן דעם לעבן און שאפן פונעם דיכטער לייב קוויטקאָ.

אינעם רעדאקציִאָנעלן ארטיקל רעדט זיך וועגן ל. קוויטקאָס ליד „שטארקײַט". די ליד ענדיקט זיך מיט א שורע וועגן דעם, אז שטארקער פונעם מענטשן איז דער טויט, נאָר דער רום איז גויווער דעם טויט.

אינעם ארטיקל ווערט געזאָגט:

„דער, וואָס קאָן פארדינען רום, יענער פארדינט דאָס רעכט צו לעבן אייביק. פאָרזעצנדיק קוויטקאָס געדאנק, וועלן מיר זאָגן וועגן אים אליין: א מענטש פארדינט רום מיט זײַן ארבעט, מיט דעם, וואָס ער לאָזט איבער אף דער וועלט נאָך זיך. דער דיכטער האָט איבערגעלאָזט נאָך זיך דעם אייביק־לעבנדיקן ווונדער — שטענדיק יונגע, פרישע שורעס פון זײַנע לידער..."

די רעדאקציע ברענגט ארויסזאָגונגען פון די אָנגעזעענע סאָוועטישע שרײַבער קאָרניי טשוקאָווסקי און פּאוולאָ טיטשינא וועגן לייב קוויטקאָן. זי פארעפנטלעכט אויך א בריוו פון ל. קוויטקאָ צו מוישע כאשטשעוואצקין, דאטירט דעם 13 פעווראל 1917. אין דעם בריוו רעדט דער דעמלט יונגער לייב קוויטקאָ וועגן דער גרויסער אכרײַעס פון אן עמעסן קינסטלער פאר דער שעפערישער מי. „לידער, וואָס לעבן איין טאָג, באפרידיקן מיך ניט", — שרײַבט ער אינעם בריוו.

א ראָמאן וועגן באבי־יאר

אין זשורנאל „יונאָסט" דרוקט זיך א דאָקומענטאלער ראָמאן פון אנאטאָלי קוזנעצאָוו „באבי־יאר". דער ראָמאן הייבט זיך אָן מיט פאָלגנדיקע ווערטער: „אלץ אין דעם בוך איז עמעס. ווען איך האָב דערציילט פארשיידענע מענטשן עפּיזאָדן פון דער דאָזיקער געשיכטע, האָבן אלע געזאָגט, אז איך מוז אָנשרײַבן וועגן דעם א בוך..."

דער אווטאָר איז געבוירן געוואָרן און אויסגעוואקסן אין קיִעוו, אין דער פאָרשטאָט קורעניאָווקע, ניט ווײַט פון באבי־יאר. ווען דאָ האָט זיך פאנאנדערגעוויקלט די שוידערלעכע טראגעדיע, איז קוזנעצאָוו אלט געווען 11—12 יאָר.

דער ראָמאן איז אָנגעשריבן אפן סמאך פון פאקטן, פון וועלכע דער אווטאָר איז אליין געווען אן איידעס.

נײַעס פון אויסלאַנד

א. גאָלדפאַדענס „צוויי קוני־לעמל“

אין ייִסראָעל ווערט דעמאָנסטרירט א נײַער פילם „צוויי קוני־לעמל“, לויט דער בארימטער קאָמעדיע פון אווראָם גאָלדפאַדען. רעזשיסער פון דעם פילם איז י. בעקער.

ייִדישע פאָלקסלידער

די אמעריקאנער פירמע „קאָלעקטשערס גילד“ האָט ארויסגעלאָזט א נײַעם גראַמאָפאָן־פּלאַט פון ייִדישע פאָלקסלידער אין דער אויספילונג פונעם באַוווּסטן סאָוועטישן זינגער מיכאיִל אלעקסאנדראָוויטש. אפן פּלאַט זײַנען אויך פארשריבן לידער פון מארק ווארשאַווסקי, מאָרדכע געביר־טיג, זישע ווײַנפער אא.

„מײַן לעבן“

אונטער אזא נאָמען איז אין פּראָג געעפנט געוואָרן א גראפישע אויסשטעלונג פונעם אָנגעזעענעם ייִדישן קינסטלער מארק שאגאל. די אויסשטעלונג האָט ארויסגערופן א גרויסן אינטערעס בא די ליבהאָבער פון קונסט.

א סקווער אפן נאָמען פון די קדושים

אין ליוואָרנאָ (איטאליע) איז פאָרגעקומען א פײַערלעכע צערעמאָניע פון אָנרופן א סקווער אפן נאָמען פון די דרײַ טויזנט ייִדן פון ליוואָרנאָ און פון די ארומיקע שטעט, וועלכע זײַנען דעפּאָרטירט געוואָרן אין די היטלעריסטישע טויט־לאגערן. אף דער צערעמאָניע זײַנען בײַגעווען פאָרשטייער פון די ייִדן פון רוים, מילאן, פּאדוא, ווענעציע און אנדערע שטעט.

כורבן־ביבליאָגראפיע

אין ניו־יאָרק איז דערשינען א גרויס בוך פון יויסעף גאר „ביבליאָגראפיע פון ארטיקלען וועגן כורבן און גוורע אין דער ייִדישער פּעריאָדיק“.

א בוך וועגן ווילנער געטאָ

„חורבן ומרד“ („כורבן און אופשטאנד“) — אזוי הייסט דאָס בוך פון כאיִם לאזאר, וואָס איז דערשינען אין ייִסראָעל. דאָס בוך דערציילט וועגן די שוידערן פון די היטלעריסטן אין ווילנער געטאָ און וועגן דער ווידערשטאנד־באַוועגונג אין געטאָ און אין די ליטווישע וועלדער. דאָס ווערק איז געשריבן אין דער פאָרם פון א טאָגבוך.

שאָלעם־אליישעמס „פונעם יאריד“ אין רומעניש

אין בוקארעשט איז דערשינען אין רומעניש שאָלעם־אליישעמס „פונעם יאריד“ (טיראזש 15 טויזנט עקזעמפּליארן) אין דער איבערזעצונג פון אָלגא בראטאש און מייער שטערנבערג.

וויסנשאפטלעכע ארבעט וועגן ייִדיש אין עלזאס

אין באזעל (שווייץ) איז דערשינען אן אינטערעסאנטע וויסנשאפטלעכע ארבעט פון ארטור ציווי וועגן דעם כאראקטעריסטישן דיאַלעקט פון ייִדיש, מיט וועלכן עס האָבן זיך באַנוצט די עלזאסער ייִדן. דער דאָזיקער דיאַלעקט איז ווייניק ענלעך צו דער אויסשפּראך פון די סאָוועטישע און פּוילישע ייִדן. ווי ס׳איז שוין געווען מיטגעטיילט אין נומ. 7 „סאָוועטיש היימלאנד“, רעדט מען נאָך אף דעם דיאַלעקט ביז הײַנט בלויז אין צוויי עלזאסער דערפער — גרונסהיים און גערטסהיים, וועלכע געפינען זיך אן ערעך 100 קילאָמעטער פון שטראסבורג.

פון ארטור ציוויס וויסנשאפטלעכער ארבעט דרינגט ארויס, אז עלזאסער ייִדיש האָט אנטהאלטן א סאך העברעיִשע ווערטער און אויך פיל ווערטער, וואָס זייער אָפּשטאם איז ביז איצט ניט געלונגען פעסטצושטעלן.

אן ארכעאָלאָגישע אנטדעקונג אין דער אומגעגנט פון יערושאָלאיִם

א גרופּע ארכעאָלאָגן פון יערושאָלאיִמער אוניווערסיטעט אונטער דער אָנפירונג פון פּראָפ. אבראהאם האָט אין דער אומגעגנט פון יערושאָלאיִם, אן ערעך 50 קילאָמעטער פונעם יאם־האמעלאך, אנטדעקט אן אוצער פון העכער 10 טויזנט אלטע זילבערנע מאטבייעס. לויט דער מיינונג פון די ארכעאָלאָגן, זײַנען די מאטבייעס אלט בא 1900 יאָר. 8 טויזנט פון זיי זײַנען גריכישע דראכמעס פון די יאָרן 96—212 פון אונדזער צײַט־רעכענונג. פאראן צווישן זיי אויך רוימישע מאטבייעס פון די צײַטן פון קייסער טראַיאן.

טײַערע לייענער!

די אבאָנירונג אף **„סאָוועטיש היימלאנד“** אפן קומענדיקן, 1967 יאָר ווערט אָנגענומען אָן באגרענעצונגען אין אלע פּאָטשט־אָפּטיילונגען און דורך די געזעלשאפטלעכע פּרעסע־פארשפּרייטער ביז דעם 25 **נאָיאבער האיאָר.**

נאָך דעם אָנגעוויזענעם טערמין וועט מען זיך קאָנען אבאָנירן אפן זשורנאל בלויז פון פעווראל און אף די ווײַטערדיקע כאדאָשים פון 1967 יאָר.

פארגעסט ניט באצײַטנס אויסשרײַבן „סאָוועטיש היימלאנד“.

אין אײנצל־פארקויף וועט דער זשורנאל אָנקומען אין א באגרענעצטער צאָל.

א ב אָ נ ע מ ע נ ט־פּ ר ײַ ז:

אף א יאָר — 6 רובל

אף 6 כאדאָשים — 3 רובל

פּרײַז פון איין נומער — 50 קאָפּ.

שרייַבער און ווערק

נאָטיצן אפן קאַלענדאַר

עס איז געוואָרן 70 יאָר, זינט עס איז געבוירן געוואָרן דער היסטאָרי־קער צווי פרידליאַנד.

געבוירן אין מינסק, אין אַן אַר־בעטער־געזינד, ענדיקט פרידליאַנד די מינסקער גימנאַזיע מיט א מעדאַל.

אדאַנק זייַנע גרויסע פייִקייטן ווערט ער אָנגענומען אַלס סטודענט פון פּעטערבורגער פסיכאָנעווראָלאָגישן אינסטיטוט.

ווען עס איז אויסגעבראָכן די אָק־טיאַבער־רעוואָליוציע, איז צווי פריד־ליאַנד אַלט געווען 21 יאָר. ער פאַר־לאָזט דעם אינסטיטוט און גייט אַר־בעטן אין פּעטראָגראַדער סאָוועט. דערנאָך קערט ער זיך אום קיין מינסק, ווו ער ווערט א מיטגליד פון צענטראַלן אויספירקאָם פון דער ליטוויש־ווייַסרוסישער רעפובליק, קעמפט אַף די פראָנטן פון בירגער־קריג. אין 1921 טרעט ער אַריין אין דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי.

נאָכן בירגערקריג איז צווי פריד־ליאַנד א צוהערער פונעם אינסטיטוט פון רויטער פּראָפעסור. לויט דער אָנווייַזונג פון מ. נ. פּאָקראָווסקי גייט ער אַריבער אַף פּעדאַגאָגישער אַרבעט אין דער אַקאַדעמיע פונעם גענעראַל־שטאַב. איניקן ווערט פרידליאַנד איינער פון די אָנגעזעענסטע לעק־טאָרן אינעם אוניווערסיטעט אַף יא. מ. סווערדלאָווס נאָמען („סווערד־לאָווקע") און אינעם אוניווערסיטעט פאַר די מייַרעוו־פעלקער („מייַרעוו־קע", אינעם יידישן אָפּטייל), ווו ער אַרבעט אומדערמידלעך אַף צוגרייטן טוער פאַר דער סאָוועטישער קולטור.

אויסער דער צעצווייַגטער פּעדאַגאָ־גישער טעטיקייט, שענקט צ. פריד־ליאַנד פיל קויכעס און ענערגיע דער וויסנשאַפטלעכער אַרבעט אין געביט פון געשיכטע. ער איז דער אַווטאָר פונעם לערנבוך פאַר הויכשולן „די געשיכטע פון מייַרעוו־אייראָפּע". צו־זאַמען מיטן היסטאָריקער ב. סלוצקי האָט ער אָנגעשריבן א כרעסטאָמאַטיע „די געשיכטע פון דער רעוואָליוציאָ־נערער באַוועגונג אין מייַרעוו־איי־ראָפּע". אים געהערן אויך די היסטאָ־רישע מאָנאָגראַפיעס „דאַנטאָן", „מאַ־ראַט" אאַ.

צ. פרידליאַנד האָט א סאַך אויפגע־טאָן פאַר דער יידישער קולטור און וויסנשאַפט. ער איז אַקטיוו אַרויסגע־טראָטן אין דער יידישער פּרעסע, געווען איינער פון די אָרגאַניזאַטאָרן און אָנטיילנעמער פון די צוויי אַלפאַר־באַנדישע צוזאַמענפאָרן פון יידישער קולטור.

צווי פרידליאַנד איז טראַגיש אומגעקומען אין די יאָרן פונעם יאָכיד־קולט. זייַן נאָמען פון א גרויסן געלערנטן און געזעלשאַפטלעכן טוער איז איצט פולשטענדיק רעאַביליטירט. זייַנע פונדאַמענטאַלע וויסנשאַפטלעכע ווערק דערשייַנען אין נייַע אויפלאַגעס און זייַנען צוטריטלעך פאַר דעם ברייטן לייענער.

מיט 150 יאָר צוריק איז געבוירן געוואָרן דער זשורנאַליסט און געזעל־שאַפטלעכער טוער אַלעקסאַנדער צע־דערבוים.

א. צעדערבוים שטאַמט פונעם פּוי־לישן שטעטל זאַמאָשטש (לובלינער גוב.). זייַן פאָטער איז געווען א היי־סער אָנהענגער פון דער האַסקאָלע, צו די צעדערבוימס אין שטוב פלעגן זיך צונויפקומען די אָנגעזעענסטע מאַסקילים פון יענער צייַט. אין על־

טער פון 24 יאָר האָט אַלעקסאַנדער צעדערבוים זיך באַזעצט אין אָדעס, וואָס איז אין יענע יאָרן געווען דער וויכטיקסטער קולטור־צענטער פון די דאָרעמדיקע יידן. ער איז גלייַך גע־וואָרן איינער פון די אַקטיווסטע טוער פון די האַסקאָלע־אינסטיטוציעס פון דער אָדעסער קעהילע. אין צוואַנציק יאָר אַרום, אין 1860, האָט ער צוזאַ־מען מיט י. גאָלדבוימען געגרינדעט די וואָכנצייַטונג „המליץ" („האַמיי־ליץ"), וואָס איז דערשינען אין העב־רעיִש און דייַטש (אַף דייַטש אויך מיט יידישע אויסיעס). אין 1862 איז דער דייַטשישער טייל פון „האַמיי־ליץ" פאַרביטן געוואָרן מיט א יידי־שער בייַלאַגע „קול מבשר" („קאָל־מעוואַסער"). די דאָזיקע צייַטונג האָט פּאַקטיש געלייגט דעם אָנהייב פון דער יידישער פּעריאָדישער פּרעסע אין רוסלאַנד. דער „קאָל־מעוואַסער" איז געוואָרן (טיילמאָל אַפילע קעגן צעדערבוימס ווילן) א וויכטיקע טריי־בונע פון דער יידישער ליטעראַטור אין די 60־ער יאָרן. אין אים האָבן זיך געדרוקט אַזעלכע ווערק, ווי דער ערשטער וואַריאַנט פון מענדעלעס

„דאָס קליינע מענטשעלע“, לינעצקיס „דאָס פוילישע יינגל“. עס האָבן אין אים מיטגעארבעט די פאָרגעשריטענע יידישע שרייַבער און פובליציסטן פון יענער צייַט (ליפשיץ, גאָטלאָבער, גאָלדפאדען אא.). אין 1871 איז א. צעדערבוים אריבערגעפאָרן קיין פעטערבורג, ווו ס׳האָט זיך אים אין צען יאָר ארום אייַנגעגעבן ארויסצולאָזן נאָך א יידישע צייַטונג — „יודישעס פאָלקסבלאט“.

א. צעדערבוים האָט קיין ערנסטע וועלטלעכע בילדונג ניט געהאט. דאָך האָט ער פארמאָגט א כוש פון אן עכטן פובליציסט, ער פלעגט שטענדיק אין געהעריקן מאָמענט קענען אופהייבן אין דער פרעסע אקטועלע געזעלשאפטלעכע פראגן. ער האָט אין מעשעך פון יאָרצענדליקער געווידמעט זייַן גרויסע ענערגיע און זעלטענע ארבעטספייקייַט דער יידישער זשורנאליסטיק, דערפאר איז ער אריַין אין דער געשיכטע אלס איינער פון די אָרגאניזאטאָרן פון דער יידישער ליטעראטור און פובליציסטיק.

עס איז געוואָרן זיבעציק יאָר, זינט עס איז געבוירן דער יידישער ליטעראַטור־פאָרשער אורי פינקעל.

אורי פינקעל איז אופגעוואקסן אין שטעטל ראקאָוו, מאָלאָדעטשנער געגנט (ווייַסרוסלאנד), אין אן אָרעם געזינד. אין די יאָרן פונעם בירגערקריג איז ער פרייַוויליק אוועק אפן פראָנט. לויטן אופטראָג פון דער פאָליטישער פארוואלטונג פון דער

16־טער ארמיי האָט ער אָרגאניזירט די יידישע אויסגאבע פון די באוווסטע „ראָסטא־פענצטער“.

אין 1918 איז אורי פינקעל ארויסגעטראָטן אין דער יידישער פרעסע מיט א ריי ליטעראריש־קריטישע ארטיקלען. אין 1919 האָט ער צונויפגעשטעלט אן אנטאָלאָגיע פון דער יידישער רעוואָליוציאָנערער דיכטונג „מוט“. אין 1926 איז ארויס פון דרוק די וויסנשאפטלעכע ביאָגראפיע פונעם גרונטלייגער פונעם יידישן טעאטער אין רוסלאנד אווראָם גאָלדפאדען, אָנגעשריבן דורך אורי פינקעל און נאָכעם אויסלענדער. א וויכטיק אָרט אין אונדזער ליטעראטור־פאָרשונג פארנעמען אורי פינקעלס מאָנאָגראפיעס — די קינסטלערישע ביאָגראפיעס פון מענדעלע מויכער־ספאָרים און שאָלעם־אלייכעם, וועלכע האָבן אויסגעהאלטן א ריי אופלאגעס און זייַנען איבערגעזעצט אף ווייַסרוסיש און אויך — אין פראגמענטן — אף רוסיש, ארמעניש און גרוזיניש.

אורי פינקעל איז געווען ברייט פאָפולער אין דער ווייַסרוסישער ליטערארישער סוויווע. דער אָנגעזעענער ווייַסרוסישער שרייַבער קוזמא טשאָרני האָט געשריבן וועגן אים אין זייַן טאָגבוך דעם 21 אווגוסט 1944: „...אורי פינקעל. ער געהערט צו זייַן פאָלק, און צוזאמען מיט אים פארדינט ער גרויס אכטונג. דאָס איז א מענטש פון יידישער קולטור. ער איז א ליטעראט און געלערנטער“.

אורי פינקעל איז געשטאָרבן דעם 5 דעקאבער 1957.

דעם דרייַצעטן אָקטיאבער ווערט 60 יאָר דעם יידישן שרייַבער פון רומעניע י. קאראָ (פסעוודאָנים פון איציק שווארץ).

זייַן ליטערארישע טעטיקייַט האָט קאראָ אָנגעהויבן קאָרעוו מיט פערציק יאָר צוריק. ביז דער צווייטער וועלט־מילכאָמע איז ער געווען א טעטיקער טוער פון דער גרופע „יונג־רומעניע“. אין יענער צייַט האָט ער פארעפנטלעכט רעצענזיעס און ארטיקלען וועגן די נייַסטע דערשייַנונגען אין דער יידישער ליטעראטור. י. קאראָ איז געווען איינער פון די צונויפשטעלער פון דער אנטאָלאָגיע פון דער מאָדערנער יידישער דיכטונג, וואָס איז דערשינען אין טשער־

נאָוויץ (1936). אין דער צייַט פון דער צווייטער וועלט־מילכאָמע האָט זיך י. קאראָ געפונען אין די רייען פון דער סאָוועטישער ארמיי. נאָך דער מילכאָמע האָט זיך י. קאראָ אומגעקערט קיין רומעניע און זיך באזעצט אין דער שטאָט יאס. ער איז א סאך יאָרן געווען דער ליטערארישער אָנפירער פון דעם יידישן מעלוכע־טעאטער. פאר דעם טעאטער האָט ער איבערזעצט עלף פיעסן פון רומעניש, רוסיש און פראנצויזיש, דראמאטיזירט שאָלעם־אלייכעמס „פארקישעפטן שנייַדער“.

י. קאראָ האָט פיל אופגעטאָן אף דעם געביט פון פאָרשן די געשיכטע פון די יידן אין רומעניע — זייַנע פאָרשונג־ארבעטן וועגן „יידישע צעכן אין מאָלדאוויע און וואלאכיי“, „פעאָדאלע אינסטיטוציעס פון דער יידישער באפעלקערונג אין רומעניע“, „דאָס עקאָנאָמישע לעבן פון די רומענישע יידן ביז סאָף 19 יה.“, „גרוסן איבער יאָרהונדערטער“ אא. זייַנען א באדייַטנדיקער צושטייַער אף דעם געביט.

י. קאראָ האָט אויך פיל געשריבן וועגן דער געשיכטע פון דעם יידישן טעאטער און פון דער דראמאטורגיע ביז גאָלדפאדענען. פון א וויכטיקן באַדייַט זייַנען זייַנע אויספאָרשונגען פון דער יידישער פאָלקס־פלאסטיק און פאָלקס־גראפיק אין רומעניע.

די מוטער (טעמפערא), 1927.

די פּאַנשטשינע אין אוקראַיִנע. פרעסקע, 1928.

עסקיז צום בילד „די נאכט פונעם הייליקן בארטאָלאָמיי“, 1940.

עמאנויל שעכטמאַן

ווייניק ווער עס געדענקט איצט דעם טאַלאַנטפולן ייִדישן קינסטלער עמאַנויל שעכטמאַן. לײדער, איז צווישן די בילדער, וועלכע זײַנען נאָך אים פאַרבליבן, ניטאָ קיין אַוטאָפּאָרטרעט, וואָס גיט בעדערעך־קלאָל די בעסטע כאַראַקטעריסטיק פון דער פּערזענלעכקײַט פונעם קינסטלער. ווען אין עמאַנויל שעכטמאַנס בילדער־ירושע וואָלט געווען אַן אַוטאָפּאָרטרעט, וואָלטן מיר געזען פאַר זיך אַ מענטשן מיט אַ דרייסט און מוטיק פּנים, וואָס איז אָבער אויך עטוואָס באַהויכט מיט דראַמאַטישע איבערלעבונגען.

עמאַנויל שעכטמאַנס בעסטע ווערק זײַנען דורכגעזאַפּט מיט טיפן טראַגיזם, נאָר אין דער זעלבער צײַט שפּרודלען זיי מיט אומגעהייערער לעבנסבאַשטעטיקנדיקער קראַפט, מיט האָרעפּאַשנעם אָפּטימיזם. דער גרויסער רוסישער קריטיקער בעלינסקי האָט געשריבן: „ווען אַ דיכטער רעדט וועגן זיך, רעדט ער וועגן דעם אַלגעמיינעם“. די דאָזיקע ווערטער זײַנען אינגאַנצן צוגעפּאַסט אויך צו עם. שעכטמאַנס שאַפונג. זײַנע געשטאַלטן און סוזשעטן זײַנען גענומען דירעקט פונעם לעבנסשטייגער און פון דער געשיכטע פונעם ייִדישן פאָלק, אָבער ער האָט שוין אין סאַמע אָנהייב פון זײַן שעפערישן וועג באַהערשט דעם סאָד פון קינסטלערישער פאַראַלגעמיינערונג, דעם סאָד פון צוגעבן די לעבנס־פאַקטן אַן אַלמענטשלעכע טיפקײַט און אינטערנאַציאָנאַלע אופאַסונג.

אָט איז דער פּאָרטרעט „די מוטער“. אין דער טיפקײַט פונעם רוים, וואָס איז טרוקן און פּוסט, זעען מיר הינטער דער מוטער אַ בוים אָן בלעטער. אויפן בוים — געהאַנגענע מענטשן. דער פּאָרטרעט איז געשריבן וואָר־האַפטיק, ליריש־רירנדיק זײַנען באַוויזן די לײדן פון דער מוטער.

מיט אַלע פאַרבן פונעם רעגנבויגן שײַנט דאָס אָפּטימיסטישע בילד „איבערוואַנדערער“, נאָר עכט אָפּטימיסטיש איז אויך דאָס בילד „די פאַנשטשינע אויף אוקראַיִנע“, כאָטש דער סוזשעט איז גענומען פון די פינצטערע אויס־וועגלאָזע צײַטן פון לײַב־אייגנטום.

עס האָבן זיך פאַרהיט שעכטמאַנס עסקיזן צום ספּעקטאַקל פון מאָסקווער ייִדישן מעלוכע־טעאַטער „הער־שעלע אָסטראָפּאָליער“. זיי זײַנען ביז גאָר טעאַטראַליש און איראָניש־פּאָעטיש.

עמאַנויל שעכטמאַן איז געפאַלן אויפן שלאַכטפעלד, ווי אַ סאָלדאַט. אין 1941 איז ער אַוועק אויפן פראָנט און אומגעקומען שוין אין די ערשטע מילכאָמע־כאָדאָשים. זײַן שעפערישער וועג האָט געדויערט ניט מער ווי צוויי צענדליק יאָר. ער האָט אָבער פאַרזוכט דעם טאַם פון שטורמישן שעפערישן אויפבלי. אונדז פאַרשאַפט פאַרגעניגן, וואָס מיר האָבן הײַנט די מעגלעכקײַט צו באַקאַנען די קונסט־ליבהאָבער מיט עם. שעכטמאַנס אייניקע ווערק.

אירינא אַוואַראַוואַ,
קונסטקענערן.

איבערוואנדערער (טעמ־
פערא), 1929.

СОВЕТИШ ГЕЙМЛАНД (СОВЕТСКАЯ РОДИНА)

Ежемесячный литературно-художественный журнал

Орган Союза писателей СССР

(на еврейском языке)

Год издания шестой

Издательство «Советский писатель»

Главный редактор А. Вергелис.

Редколлегия: И. Борухович, А. Гонтарь, М. Лев (ответственный секретарь), Нотэ Лурье, Б. Миллер, Г. Ошерович, И. Рабин, Р. Рубина, М. Тейф, И. Фаликман, С. Фрай.

Адрес редакции журнала: Москва, Центр, ул. Кирова, 17.

Телефоны: главный редактор — Б 8-27-91; ответственный секретарь — К 4-46-69; отделы прозы и поэзии — Б 8-49-42; отдел критики — Б 3-96-07.

Художеств. и техн. редакция: И. Шустер и А. Токер

Корректоры А. Стрельник и Д. Грозовская

Подписано к печати 18/IX 1966 г. Формат 70×108 1/16. Печ. л. 10(13,70). Бум. л. 5+2 вклейки. Цена 50 коп. Зак. 1798.

Московская типография № 7 Главполиграфпрома
Комитета по печати при Совете Министров СССР
Пер. Аксакова, 13.

Цена 50 коп.

70821

34
2 ЗАЧАТЬЕВСКИЙ ПЕР.
Д.2 КОР.7 КВ.6В
СКЛЯРСКОМУ Д.Ш

СОВЕТИШ ГЕЙМЛАНД

СОВЕТСКАЯ РОДИНА

№ 10

1966

В НОМЕРЕ:

И. Фаликман. Черный ветер. (Роман).
Повесть и рассказы М. Кобрянского и И. Друкера.
Стихи Р. Балясной, М. Лифшица, Ш. Чернявского, М. Штурмана, И. Хоменко.

ЛИТЕРАТУРА И ИСКУССТВО

А. Раскин. Поэт-патриот. (О творчестве Изи Харика).
И. Серебряный. Письма Шолом-Алейхема.
И. Вайнберг. По страницам литературной печати.
М. Грубиан. Книги наших друзей.
Хроника. Заметки на календаре.

This material was made publicly available by the

Heritage Projects Foundation

info@yiddish-culture.com

https://yiddish-culture.com

© The Heritage Projects Foundation